יחזקאל קאָטיק

# מיינע זכרונות

ערשטער טייל

כלל-פאַרלאַג
בערלין

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

DS 135 P63K582 1922 v.1
Kotik, Ezekiel
Mayne zikhroynes

יחזקאל קאָטיק

# מיינע זכרונות

ערשטער טייל

כלל־פֿאַרלאַג
בערלין, 1922־תרפ"ב

K L A L - V E R L A G
BERLIN SW 68 / MARKGRAFEN-STRASSE 73

Copyright by Klal-Verlag, Berlin, 1922.
Gedruckt in der Klal-Druckerei, Berlin.

LIBRARY
JUN 8 1977
UNIVERSITY OF TORONTO

DS
135
P63K582
1922

געווידמעט דעם אָנדיינקען פון מיין ליבער באָבען ביילע־ראָשע — די שטילע און הארציגע ערציהערין פון אונזער גרויסער און רוישנדיגער משפּחה..

# במקום הקדמה

איך דערצייל, וואָס איך האָב געזעהן. איך ווייס אָבער נישט, ווי איך דערצייל. נאָר דאָס אַלטע, זאָגט מען, איז וויכטיג פאַרן נייעם, אַז כּדי צו בויען דאָס נייע, מוז מען וויסן דאָס אַלטע. אויב דאָס איז אַזוי — וועט מיר דער לעזער מוחל זיין דעם „ווי“ צוליב דעם „וואָס“, און איך וועל מיך פילן באַפרידיגט: איך האָב אויפגעדעקט אַ ווינקעלע פון דעם גרויען, ווייטן, נאָר ליבן אַלטן...

מיין יוגנט האָב איך פאַרבראַכט אין אַ קליין כאַראַקטעריסטיש שטעטל, וואו אידן האָבן געלעבט אָרים, אָבער „רוהיג“ און — אויב מען קאָן אַזוי זאָגן — מיט טעם... היינט איז שוין דאָס נישטאָ, און עס איז אויך נישטאָ די פּאָעזיע פון די אַמאָליגע שטעטלאַך. אַמעריקע האָט זיי שיטער געמאַכט, און דאָס שווערע לעבן פאַר אידן אין רוסלאַנד, וואָס איז אָנגעגאָסן מיטן שוואַרצן בליי פון אַנטיסעמיטיזם, האָט זיי אינגאַנצן איינגעבראָכן. זיי, די חנעווורינגע אידישע שטעטלאַך, וואָס זיינען שוואַכער פאַר די אידישע שטעט, זיינען די ערשטע געבליבן טויט...

י. ק.

איך גיעפין ניט פאַר איבעריג צו פאַרעפנטליכן דאָ, אין דעם דאָזיגן טייל פון מיינע „זכרונות", שלום־עליכמס אַ בריף צו מיר, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט נאָך זיין דערהאַלטן מיין ערשטן באַנד „זכרונות".

איך טו עס ניט חלילה, כּדי צו באַווייזן זיך פאַרן לעזער מיט די שבחים, וואָס דער גרויסער שלום־עליכם האָט מיך באַשאָנקען, אַזש ביז אונטערשרייבן זיך מיט התפּעלות: „אייער לעזער, אייער תּלמיד, אייער חבר".

איך ברענג דאָ דעם בריף, נאָר כּדי צו כאַראַקטעריזירן דורך אים טאַקע — אים אַליין, שלום־עליכמען, דעם דאָזיגן האַרציגן אויסלאַכער און אָפּלאַכער פון אַלץ, וואָס האָט אָבער דערביי פאַרמאָגט אַזוי פיל אמתע עניוות. און ווייעגדיג אין דער שווייץ קראַנק און אָפּגעריסן פונם לעבן, אינטערעסירט ער זיך אַזוי וואַרעם מיט יעדן ניי־ערשינענעם אידישן בוך דאָרט אין דערהיים, און אַנטציקט זיך, ווי אַ קינד, מיט יענע בילדער פון אַן אומבאַקאַנטן שרייבער, וואָס לעבן אים צוריק אויף אין זכרון „זיין יוגנט, זיין משפּחה, זיין חדר, זיינע ימים־טובים און זיינע חלומות"...

י. ק.

# שלום-עליכמס בריף צו יחזקאל קאָטיק

לאָזאַנע (שווייץ)
10. 1. 13.

זעהר געעהרטער און ליירער אומבעקאַנטער קאָלעגע יחזקאל קאָטיק!

בעת כ׳האָב געשריבען צו אייך, האָב איך שוין אין איין קלאַפּ געשריבען אויך צו ניגערן, אַז מיר זאָלען זיך אָבבייטען מיט די ביכער, לאָזט זיך אויס, אַז צו ניגערן האָט איהר אַריינגעשיקט דעם עקז., וועלכער איז געווידמעט דעם ריכטער אברהם רייזין — און רייזין איז איצט נישט מעהר און נישט ווי אין ניו־יאָרק, אין אַמעריקא! וואָלט דאָס געווען מיט עטליכע יאָהר פריהער, ווען שלום־עליכם איז נאָך געווען גרינג אויף די פיס, איז עס אַ געלעכטער, הויב איך מיך אויף און פאָהר זיך דורך קיין אַמעריקא, איצט אָבער איז עס אַביסעל שווערליך, וואָס זשע טהוט מען, אַז איך געה אויס לייענען אייערע „זכרונות“? האָב איך אַרויפגעלעגט די גאַנצע עבירה אויף אייך און האָב צעשניטען צעקאַרדאַשעט ניגערס בוך און כ׳האָב קיין חרטה נישט, איך האָב גענומען לייענען אייערע „זכרונות“, און וואָס זאָל איך זאָגען? איך געדענק שוין נישט דאָס יאָהר, וואָס איך זאָל אַזוי פיעל הנאה האָבען, אַזוי פיעל תענוג — אמת׳ער תענוג רוחני! — דאָס איז נישט קיין בוך — דאָס איז אנ׳אוצר, אַ גאָרטען, אַ גן־ערן פול מיט בלומען און מיט פויגעלגעזאַנג. עס האָט מיר דערמאָהנט מיין יוגענד, מיין משפחה, מיין חדר, מיינע ימים־טובים, מיינע חלומות, מיינע טיפּען, ניין! איך מיט מיין בינטעל טיפּען און בילדער, וואָס כ׳האָב אַ סך פון זיי געקענט און אַ סך אויסגעטראַכט, בין איך, זאָג איך אָהן שום חניפה אָדער פאַלשע עניוות — אַקעגען אייך אנ׳אָרים יונגעל, אַ קבצן! מיט אייערע איבערלעבונגען און אייער משפחה וואָלט איך ביז איצט די וועלט פערפלייצט! גוואַלד, וואו זענט איהר געווען ביז אַהער?

אַ מענש פערמאָגט אַזוי פיעל בריליאַנטען, רימענטען און פערעל און גאָרנישט! אַ איר געהט אַרום און „קלייבט רענדלעך" (ווי זאָגען דאָרט אייערע פּרומאַקעס) און זאָל עס אַפילו דערמאָגען עמיצען, אַז געפינט זיך ביי איהם אַזאַ נ'אוצר! איך האָב גענומען לייענען און נישט געקאָנט שוין אָבּרייסען זיך, שיער נישט משוגע געוואָרען! ווער איז דער קאָטיק? איך האָב געהערט פון איינעם, הייסט ער גאָר, ראַכט זיך, אַ. קאָטיק, און איז גאָר אַ יונגערמאַן, און איהר זענט דאָך גאָר אַ איד מיט אַ גרויער באָרד. וואָס מיך האָט פערכשופט אין אייער בוך — איז דער הייליגער פשוט'ער אמת, נישט געקינצעלטע פּראָסטקייט. הייגט די שפּראַך! נײן, איהר זענט נישט נאָר אַ גוטער עהרליכער, געטרייער שומר פון אַ רייכען, אונגעהויער רייכען אוצר — איהר זענט אַ טאַלאַנט פון גאָט געבענשט מיט אַ נשמה פון אַ קינסטלער, וואָס קען זיך נישט, נישט ווינציג אירען זענען געווען אין אייער קאַמעניץ און אין דער זאַסטאַווע, נישט ווינציג קרובים אין אייער רווישענרינגער ווי איהר רופט זי משפחה — פאַרוואָס האָט קיינער פון זיי נישט געזאַמעלט אַזעלכע זכרונות ווי איהר? פאַרוואָס האָט זיך קיינער פון זיי נישט בעוויזען מיט עפּעס אַזאַ מין ווי איהר, וואָס זאָל געבען אַ ברען? עפּעס מאָלט זיך מיר אויס, הערט איהר, אַז אייער משפחה — דאָס איז מיין משפחה (און דאָס פיהלט מסתּמא יערער לעזער). איך קען אייער זיידען אהרן־לייזער, און אייער באָבע ביילע־ראַשע, און אייער טאַטען דעם חסיד משה, און אַלע אייערע פעטערס מיט די מומעס און אַפילו דעם איספּראַווניק מיט'ן אַסעסער מיט אַלע פּריצים, די גוטע און די שלעכטע, און די מלמדים, און די חסידים, און די מתנגדים, און די רופאים, און דעם רב, און יענעם אפיקורס דעם שרייבער פון בריסק, וואָס אַ קערבעל איז אַ ממזר, און ביידע ישראל'ס, און אהרן־לייבעלע, און חאַצקעל, און מאָשקע, און בערעל־בענדעט דעם אופּראַווליאישטשע און אַלע און אַלע! אַלע לעבען זיי, אַלע קען איך, מיט אַלע פרעה איך זיך און מיט אַלע טרויער איך. מע דאַרף דאָך האָבען אַ כח מע זאָל מיך נישט נאָר מאַכען לאַכען (פאַרהאַן ביי אייך ערטער, וואו כ'האָב מיך געהאַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג), נאָר אויך ציהען ביי מיר טרערען, איך שווער אייך בהן שלי, אַז איך האָב געוויינט גלייך מיט אייך אַלע, בעת אייער זיידע האָט אייך אַלעמען געבענשט ערב יום־כפור און בעת אייער באָבע די צריקות איז געלעגען אויף דער ערד, און דער זיידע האָט 100 מאָל געחלשט. זאָלען מיר אַזוי פרעהען זיך אין גיכען אויף ישועה ישראל, ווי איך האָב געגאָסען מיט טרערען, און נישט ווייל אַ מענש איז געשטאָרבען — רבּ"שע! וויפיעל מענשען שטאַרבען בכל יום ובכל עה ובכל שעה! נאָר ווייל אייער באָבע און אייער זיידע — דאָס זענען מיינע,

מיינע, מיינע! און ווייל דאָס זענען לעבעדיגע און טייערע גאָלדענע מענשען, און ווייל איהר האָט זיי אויסגעוואַרעמט אַלע אין אייער נשמה און האָט אַריינגעלעגט אַהין אייער גאַנצען פייעריגען אמת, איך בּין בּאמת גדול'ריג בּיי זיך, וואָס מיר פערמאָגען אַזאַ מענשען, אַזאַ אידען ווי איהר, וואָס אַ דאַנק אייך וועלען נישט פערלאָרען געהן יענע „רענדלעך“, וואָס האָבּען זיך געוואַלגערט (נאָך מיין מיינונג וואַלגערן זיך נאָך איצט) אין אונזער פאָלק. איך בּין בּאמת גרויס בּיי זיך, וואָס אונזער נאָך יונגע אידישע פאָלקס־ליטעראַטור איז בּערייכט געוואָרען מיט אַזאַ בּוך ווי אייערע „זכרונות“, וועט איהר אייערע „זכרונות“ שרייבּען ווייטער? וועלען זיי זיין אויך אַזוי פעט און געראָטען, ווי דאָס ערשטע בּוך? געראָטען — בּין איך זיכער, פעט — ווייס איך נישט, איך האָבּ מורא, אַז דאָס וועט שוין זיין מאָגערער, שיטערער. ניטאָ יענע אידען! דאָס הייסט, דאָ זענען זיי, אָבּער מע זעהט זיי נישט אַזוי בּולט, זיי ווערען בּטל בּששים, ובפרט אין דער גרויסער שטאָדט.

11. 1. 13.

היינט האָבּ איך מיך צופעליג בּעגעגענט מיט איינעם אַ שרייבּער איזבּיצקי (מיכאַלעוויטש) אויף אַ בּאַרג 1500 מעטר הויך אויף לאזאנע (עס הייסט „לעזען“), האָבּ איך איהם דערצעהלט, וואָס פאַר אַ התפעלות עס האָט אַרויסגערופען בּיי מיר עפּעס אַ בּוך פון עפּעס אַ אידען אַ בּעל־הבּית, וואָס הייסט י. קאָטיק, און וואָס ער האָט מיך געבּראַכט דערצו, אַז איך זאָל ווינען מיט טרעהרען — לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז דער איזבּיצקי קען אייך זעהר גוט און אַז איהר זענט דאָס דער פאָטער פון א. קאָטיק, און אַז איהר זענט דער בּעל הקאַוויאַרניע אויף די נאַלעווקעס און אַז אַלע וויסען שוין פון לאַנג, אַז איהר האָט עפּעס „זכרונות“. פרעגט זיך: וואו זענען זיי געווען, די בּהמות? וואָס האָבּען זיי געשוויגען, אַז זיי האָבּען געוואוסט? און וואו בּין איך, בּהמה, געווען? איך בּין דאָך אויך געווען אויף די נאַלעווקעס און דאַכט מיר, מיט ספּעקטאָר'ן געטרונקען קאַווע. פאַרוואָס האָבּ איך נישט געוואוסט, וואו איך בּין געווען און בּיי וועמען איך האָבּ געטרונקען קאַווע? פאַרוואָס ווערט פערפלייצט אונזער בּיכער־מאַרק מיט שמאַטעס שבּשמאַטעס, אין דער צייט, ווען „אוצרות“ אַזעלכע ווי אייערע וואַלגערן זיך ערגיץ אין אַ קאַסטען, אָדער אין אַ שיפלאָד, אָדיער אונטער אַ מאַטראַץ? עס ווירט אין מיר די רציחה אויף אונזערע קריטיקער אין דער מינוט, אַז איך דערמאָהן זיך, ווי זיי הויבּען אויף דרוקעס יערען סמאַרקאַטש, וואָס דראַקעט אָן אַ פאַסקורסטוואָ געלקח'נט בּיי די גוים, וואָס

סע שלאָגט די גאַל, אַז מע לייענט דאָס נעקייטע און אויסגעשפּינענע, אויסגעמייקענטע נבול־פּה פון אַרציבאַשעוו און כּרומה אַזעלכע פּאַסקוד־סטוואָ, וואָס מאַכען דעם גוטען הומאָריסט, ווי זיי רופען מיך, בייז און נעהמען ביי מיר אָפּ דעם אַפּעטיט צום שרייבען, און איך ווער אַ גזלן — מאָלט אייך נישט אויף לאַנג, ווי דער „אידישער גזלן". הכּלל איך האָב מיך פערפלאַפּעלט גאָר פון זיך. ענטפערט מיר, איך בעט אייך, אויב איהר האָט צייט, אויף דעם, וואָס איך פרעג אייך, צי שרייבט איהר נאָך ווייטער אייערע „זכרונות" און וועלכע עפּאָכע, וועלכע קרייזען בעריהרט איהר, און צי עס געהט אַזוי גלאַט, ווי ביז אַהער, און צי בעריהרט איהר אויך די משפּחה? פאַרהאַן דאָרט פאַרשוינען, טיפּען, וואָס איהר מוזט אויך ווייטער וועגען זיי דערצעהלען און דערצעהלען. לעבט, זייט געזונד און מונטער און שרייבט!

אייער דאַנקבאַרער לעזער, חבר און תּלמיד...

שלום עליכם

# קאַפּיטל I

מיין שטעטל. — דער סלופּ. — די אַמאָליגע „סקאַזקע". — וויסאָקע. — אַמאָליגע מסחרים. — אידן און פּריצים. — דער רוסישער און פּוילישער קלויסטער. — דער רוסישער און פּוילישער גלח. — אָסערעווסקי. — אָסערעווסקים יורש. — דער אַסעסער. — אין וואָס פלעגט באַ אידן אוועק דער טאָג. — די קאַרגע גבירים. — די בכבודע פאַמיליעס פון שטעטל. — שעבסל דער קלעזמער. — מרדכי ליב. — ר׳ שמחה לייזער. — שבת אין שטעטל. — שטעטילשע אינטריגאַנטן. — אַמאָליגע מחלוקתן. — איטשע שייטעס דער מסור. — זאַסטאַוויע. — מלמדים. — אַמאָליג לערנען. — די גוים. — דער דאָקטאָר. — רופאים. — די תּלמוד־תּורה. — די באָד. — די מקוה. — דער טייך. — קאַמעניצער שווימער. — דער הקדש. — דער רב. — סנידים. — דער בית־עולם. — חברה קדישא.

קאַמעניץ, דאָס שטעטל, וואו איך בין געבוירן געוואָרן, איז באַוואוסט מיט איר אַלטן היסטאָרישן סלופּ. פון וואַנען האָט ער זיך גענומען, ווייסט מען נישט. אַפּנים, אַז דאָס איז אַ זכר פון אַן אַמאָליגער פעסטונג. דער ראָזינער סלופּ איז אַ געמויערטער, אַ ריקער און אַ הויכער, מיט לעכער אויף צו שיסן פון האַרמאַטן און פון ביקסן. מען האָט נאָך אין מיין ציירנס צייטן געפונען קוילן ווי אַ צען־פונטיגער די גרייס — אַ סימן, אַז דורך די לעכער האָט מען אַמאָל יאָ געשאָסן. די ציגל פון דעם ראָזינגן סלופּ זיינען אַזוי פעסט, אַז עס איז אוממעגליך אָפּצוברעכן אַ שטיקל. אין קאַמעניץ זאָגט מען, אַז מען האָט אים געמויערט מיט „ווייסלען" פון אייער — און דעריבער איז ער אַזוי שטאַרק... ווען דער קייזער אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט צוזאַמען מיט אייראָפּייאישע פּרינצן גע־מאַכט אַ יאַגד אין וואַלד „בעלאָוועזש", זיבן מייל ווייט פון קאַמעניץ, זיינען אַלע מיניסטאָרן און גענעראַלן געקומען אין שטעטל זעהן דעם ראָזינגן היסטאָרישן סלופּ.

איך האָב אומישנע גענומען דעם סלופּ צום ערשטן, וואָרום קוים דערמאָן איך מיר אָן מיין שטעטל, אַזוי שווימט ער מיר אַרויס פון מיין זכרון, ווי עפּעס אַ צייכן, אַ סימבאָל, וואָס האָט עפּעס אַן אומ־

פאַרשטענדליכע באַדייטונג. און איצט קאָן איך אַריבערגיין צו מיין שטעטל גופא. צוריק מיט אַ יאָר זעכציג, די צייט, פון וועלכע איך וועל אָנהייבן מיינע זכרונות, איז קאַמעניץ באַשטאַנען פון אַ צוויי הונדערט פופציג הייזער, אַלטע, שוואַרצע און קליינע, צוגערעקטע מיט שינדל־דעכער, און מענשן, „נפשות", הייסט עס, פאַרשריבענע אין דער „סקאַזקע", דער רייסטער פון דער רעגירונג, זיינען געווען באַ אַ פיר הונדערט פופציג. דאָ קומט אַרויף אַ לאָגישע פראַגע אויפן זינען: צוויי הונדערט מיט פופציג הייזער — און נפשות פיר הונדערט מיט פופציג? ווי שיקט זיך עס? דערויף איז דאָ זעהר אַ פשוטע תשובה. איידער עס איז איינגעפירט געוואָרן דאָס נייע רעקרוטן־סיסטעם, פאַרן 1874־טן יאָר, זיינען אירן כמעט צוויי דריטל נישט געווען צוגעשריבן. די רעגירונג האָט איינגעטליך געוואוסט דערפון און עס אַזוי, ווי שוויינגדיג, דורכגעלאָזט. פאַרשריבן האָבן זיך ערשט אָט די אַלע נעלמים (נישט־פאַרשריבענע) אין 1874־טן יאָר, בעת עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון קייזער אַ מאַניפעסט, אַז די נישט־פאַרשריבענע וועלן קיין שטראָף נישט באַקומען, ווען זיי זאָלן זיך איצט פאַרשרייבן אין „סקאַזקע", און איבער אַלע שטעט און דערפלאַך זיינען אַרומגעפאָרן קאָמיסיעס און פאַרשריבן די נעלמים.

נאָר עס איז זעהר אינטערעסאַנט, ווי אַזוי עס האָבן אַמאָליגע יאָרן געגעבן רעקרוטן פון זיך די פאַרשריבענע פיר־הונדערט־און־פופציג נפשות פון מיין שטעטל.

פיר מייל פין קאַמעניץ איז דאָ אַ שטעטעלע וויסאָקע, האָט זיך איר „סקאַזקע" גערעכנט באַ אַ פינף־הונדערט־און־פופציג נפשות. וויסאָקע און קאַמעניץ האָבן געגעבן רעקרוטן אַלע יאָר צוזאַמען, נאָר אַזוי ווי מען נעמט דאָך סאָלדאַטן לויט אַ געוויסן פּראָצענט, לאָמיר זאָגן, איינעם פון טויזנט, און אַזוי ווי וויסאָקע מיט קאַמעניץ האָבן אויסגעמאַכט צוזאַמען, לאָמיר זאָגן, אַ טויזנט, איז פאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן געגעבן געוואָרן פון ביידע שטעטלאַך טאַקע בלויז איין זעלנער. נאָר אויף קאַמעניץ קומט דאָך אויס קנאַפּער פון אַ האַלבן זעלנער און אויף וויסאָקע עפּעס מער פון אַ האַלבן — וויסאָקע איז דאָך גרעסער — איז פאַר די פּני געווען אַ שטיק אַרבעט, ביז מען פלעגט דורכקומען. און דורכקומען פלעגט מען אַזוי: אַ יאָר האָט געגעבן קאַמעניץ דעם זעלנער, און אַ יאָר וויסאָקע. און איין מאָל אין צען יאָר האָט קאַמעניץ נאָרנישט באַדאַרפט געבן: די רעכענונג איז אַ פשוטע: פופציג מענשן יעדעס יאָר ווייניגער. פאַר צען יאָר קומט אויס — פינף הונדערט מענשן ווייניגער, הייסט עס, דאַרף מען גאָרנישט געבן. אָט אַזוי האָט מען געגעבן רעקרוטן אַמאָליגע יאָרן: מען איז דורכגעקומען צווישן זיך...

ווי די מאָדע איז, זיינען אין מיטן שטאָט געשטאַנען צוויי ציילן קראָמען מיט די פאָדערשטע טירן אינעווייניג. צווישן די ביידע ציילן האָט זיך געצויגן אַ שמאָל געסעלע און דאָרט האָט זיך קוים געקאָנט דורכשפּאַרן אַ פור. אַ דריי, פיר קראָמען האָבן געמסחרט מיט מאַנופאַקטור פון העכערן גראַד: פאַר אידן און פריצים פון אַרום שטאָט; אין אַ דריי, פיר — האָט מען פאַרקויפט פאַרטוכער, טיכער, טיכלאַך און רעסגלייכן. אין די איבעריגע האָט מען געמסחרט מיט צעלניק, מיט סמאָלע און מיט רוזנעכץ א. אַז. וו.

געמסחרט אין די קראָמען האָבן בלויז די פרויען — אַלטע, יונגע, מיידן און מיידעלאַך. און אָט די אַלע ווייבער זיינען געזעסן איינע קעגן די אַנדערע, צעקאָכטע און אויפגערעגטע. דערביי האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געפעלט קיין העלפערקעס — אַ מיידל צי אַ ווייבל, וואָס האָבן געשלעפּט, געצויגן און גערופן צו זיך דעם קונה: אַממערסטן פּויערים און פּויערטעס. אָבער דער העכערער גראַד קונים, די אידן און די פּריצים, האָבן זיך יעדערער געהאַט איין קרעמער און אַזאַ מין קונה האָט שוין קיינער נישט געהאַט די העזה צו שלעפּן, ווי אַ הערינג, צו זיך אין קראָם אַריין. אין דערשטיל האָט מען אים אפשר שטילערהייט באַגלייט מיט אַ קללה צוזאַמען מיט דער קרעמערקע, וואָס לייזט פון אים.

לייזונג אויסער זונטאָג איז אייגנטליך געווען ווייניג. וואָרום אויסער זונטאָג איז דער פּויער כמעט אין שטעטל נישט געקומען. איז מען טאַקע געזעסן פאַר די קראָמען און נישט געהאַט וואָס צו טון. זונטאָג אָבער פלעגן זיך שטעלן גרויסע מערק, עס פלעגן זיך צונויפקומען מאַסן פּויערים און אַרום די טירן פון די קראָמען פלעגט זיין אַזאַ געשטייסעניש און שטופּעניש, פּונקט ווי פלינן אויף אַ פענסטער, וואו עס איז אָנגעשאָטן מעל־צוקער.

צו די גרעסערע געשעפטן אין שטאָט האָבן אויך געהערט די שיינקען. זיי זיינען געווען אין אַ היפּשער צאָל. און פּויערים האָבן דאָרט געפונען צובייסונג אויך: קעז, הערינג, אוגערקעס. נאָר זיסע בראָנפנס האָבן אויך נישט אויסגעפעלט, און דאָס האָט זיך שוין פאַרגינען אַ שליאַכטיטש, צי אַ קליין פּריצל, וואָס האָט צוגעביסן נאָכן שנאַפּס נישט מיט קעז צי מיט הערינג, ווי דער פּויער, נאָר מיט אַ געגנזל אָדער מיט פיש. די ראָזינגע שיינקען זיינען אויך געפירט געוואָרן פון די ווייבער, פּונקט ווי די קראָמען. זונטאָג אָבער, דער טאָג פון גרויסן פּדיון, האָט שוין דער מאַנסביל אויך צוגעהאָלפן.

מיט וואָס־זשע פאָרט האָבן זיך באַשעפטיגט די מאַנען? זיי זיינען אויך נישט געשטאַנען ליידיג. אַרום קאַמעניץ האָט זיך געפונען באַ אַ פּאָר

הונדערט פּריצים, בײַ יעדן פּריץ איז געװען אַ פּאָר הונדערט לײַב־קנעכט (קרעפּאָסטניקעס) צי מער, האָבן די ראָזיגע לײַב־קנעכט געטאָן עבודת פּרך, נישט געהאַט ניט קײן טאָג און ניט קײן נאַכט, און די פּריצים, פֿאַרשטײט זיך, האָבן באַדאַרפֿט לעבן אַ גוטן טאָג — האָט זיך יעדער פּריץ געהאַט אַ אידן אָדער אַ פּאָר אידן אין שטעטל, מיט װעלכע ער האָט זיך געשאַפֿט און װעלכע האָבן דערפֿון מער אָדער װײניגער פֿאַרדינט.

אויב אַרום פּריץ האָבן זיך געדרײט צװײ אידן, האָט אײן איד באַדאַרפֿט זײן אַ שײנער איד און אַ בכּבודער סוחר און דער צװײטער שוין אַ „קלענערער איד", סײ אין שײנקײט און סײ אין סוחרות. בײדע אידן זײנען געװען בײַם פּריץ די גאַנצע כּל ולך׳ס. דער שענערער איד האָט אים געדינט מער צו עצות, דער צװײטער — צו פֿאַרשײדענע אַרבעטן און שפּיצלאַך. נאָר בײדע אידן זײנען געשטאַנען פֿאַר אים אין גרויס אימה, און כאָטש זײ האָבן טײלװײז געלעבט פֿון אים און ער איז בײַ זײ געװען אַ גרויסער „צר" אין ענין נאַטשאַלסטװאָ, פּונדעסטװעגן דאַרף מען צען מאָל אַ טאָג לויבן גאָט, װאָס דער ענין איד־פּריץ איז אַראָפּ פֿון דער סצענע.

האָט זיך דעם פּריץ פֿאַרװאָלט, האָט ער אָפּגעשמיסן זײן אידן און אים דערנאָך געזאָגט:

— װעסטו מאַכן אַ שװײג, בלײַבסטו בײַ מיר װײטער, און אַז ניט, נעם איך אַן אַנדער אידן און דו װעסט מיט מיר סײ־װי גאָרנישט אויספֿירן, װאָרום דער אַסעסער איז מײַנער און דער איספּראַװניק איז מײַנער.

דער איד האָט געשװיגן און פֿאַר זיך געטראַכט: מילא, אָפּגעשמיסן. דערויף איז ער דאָך אַ פּריץ, אָבער דערפֿאַר פֿאַרדין איך דאָך אַ שטיקל ברויט פֿון אים. און װידער, אַז איך װעל צו מאַכן מיט אַן אויג, װעט האָבן מײנס אַ קינד בײַ אים פּרנסה.

און דאָס איז אַפּילו ריכטיג געװען. איז געשטאָרבן בײַם פּריץ דער איד, האָט דער פּריץ אויף זײן אָרט גענומען דעם אידנס אַ זון אָדער אַן אײדעם, װי װער עס איז אים געװען געפֿעלן, װי מען טוט אַ שידוך. און דער איד האָט דערװײל געירשנט דעם פּריץ. דער פּריץ איז געװען אַ מין ירושה.

דאָ איז אפשר אויך כּדאי צו דערמאָנען, אַז דער פּריץ האָט אויך געהאַט זײן בעל־מלאכה אין שטעטל, װאָס נאָר אים האָט ער געגעבן זײן אַרבעט. בעלי־מלאכות אין שטעטל זײנען געװען אַ סך — שוסטער, שנײדער, בלעכער א. אַ. װ. פֿאַרשטײט זיך, אַז װי האָבן זיך מפרנס געװען אַ סך שװערער װי דער קרעמער, און כאָטש דירה־געלט האָט מען געצאָלט זעהר װײניג — אַ װאָסערע צען, צװעלף רובל אַ יאָר פֿאַר אַ װאוינונג, פּונ־דעסטװעגן זײנען זײ נישט בכּוח געװען צו באַהאַלטן אַלײן אַ דירה און אין אײן הײזל האָבן געװאוינט אַ צװײ — דרײַ פֿאַמיליעס.

אין יענע צייטן זיינען געווען דער אַסעסער און דער איספּראַווניק די גאַנצע מושלים. אַז צוויי אידן האָבן זיך צעקריגט אין שטעטל, איז מען באַלד געלאָפן צום אַסעסער מיט די ווייבער און קינדער, מיט די באַהעלפערס און גוטע פריינט און קרובים — און דער אַסעסער האָט געמשפּט גוט פאַר דעם, ווער עס האָט געגעבן אַ גרעסערע מטבע, אָדער ווער עס האָט גלאַט נושא חן געווען בײַ אים. און טאָמער איז איינער געווען אַ תקיף און אַ גרויסער יאַבעדניק, האָט זיך נישט באַנוגנט מיטן אַסעסערס משפּט און איז געלאָפן אין בריסק צום איספּראַווניק מיט אַ זשאַלאָבע אויפן אַסעסער, האָט עס זעלטן געהאָלפן, און אַזאַ כוואַטס'לעבן איז שוין נישט ווערט געווען קיין האַלבן גראָשן, וואָרום דער אַסעסער האָט אים געגראָבן און גערודפט מיט וואָס ער האָט געקאָנט, ביז קלעפּ אַפילו און ביז פאַראַרעסטירן. ווידער האָט דער איספּראַווניק שטענדיג געהאַלטן מיטן אַסעסער.

דער איספּראַווניק איז דעמאָלט געווען די גאַנצע קראַפט אין דער סביבה און פון אַ גובערנאַטאָר האָט מען דעמאָלט געהאַט אַ מאָרנע השגה. אַ גובערנאַטאָר איז אין יענע צייטן פאַררעכנט געווען ווי אַ קייזער און צוגיצן אים צו אידישע ענינים איז גאָר אויפן זינען נישט געקומען.

דער פּריץ האָט געהאַט אַ פאַקטער אַ איד, וואָס האָט געוואוינט בײַ אים אין הויף. ווידער האָט ער געהאַט אַן אַרענדאַר, דאָס רוב אויך אַ איד, און ווען באַם פּריץ זיינען געווען עטליכע הויפן און עטליכע דערפער, זיינען אויך דאָרטן געזעסן אידן — אַ פאַקטער און אַן אַרענדאַר. אַזוינע אידן האָבן, פאַרשטייט זיך, פאַרן פּריץ געציטערט.

דעמאָלט, ווען באַם פּריץ איז געווען אַ קלייניגקייט צו שמייסן פּויערים מיט פּויערטעס, אַלטע און יונגע, טאָ וואָס פאַר אַ ראָליע האָט געשפּילט אַזאַ אידעלע באַם פּריץ? מען קאָן זיך פאָרשטעלן, ווי ווייט דער פאַקטער מיט דעם אַרענדאַר און זייערע קינדער זיינען געווען אין טויט־שרעק פאַר דעם פּריץ. האָט דער פאַקטער און דער אַרענדאַר געהאַט, חלילה, שיינע מיידלאַך, איז דאָס געווען אַ שרעקליכע אָנשיקעניש. מען האָט באַדאַרפט ציטערן, אַז די טעכטער זאָלן נישט געפעלן ווערן דעם פּריץ, וואָס האָט מיט זיין מאַכט געקאָנט אויספירן, וואָס נאָר אים וואָלט זיך פאַרוואָלט.

זיינען די שיינע מיידלאַך בײַ די ישובניקעס געווען שטענדיג פאַרשמוצט, נישט אַרומגעוואַשן, פאַרסמאַליעט, פאַרחושכט, כדי זייער שיינקייט זאָל זיך נישט אַרויסזעהן. נאָר ווען זיי זיינען געפאָרן אין שטאָט און האָבן זיך גוט אַרומגעוואַשן מיט זייף, האָט מען געוואוסט, אַז דעם ישובניקס טאָכטער איז אַ שיין מיידל.

דער פּריץ האָט אַלץ, וואָס ער האָט באַדאַרפט, געשאַפן דאָס רוב דורך זיינע אידן, וואָרום דער פּריץ האָט געהאַלטן, אַז אַ איד איז אַ קלוג באַשעפעניש, ער איז כיטרע און דאָך ערליך (יעדער פּריץ האָט געהאַלטן, אַז נאָר זיינע אידעלאַך זיינען ערליך, אָבער די איבעריגע — שווינדלערס, גנבים).

זיי האָט ער געשיקט אין שליחות צו די אַנדערע פּריצים, זיינע קאָלעגעס. און כאָטש ער האָט געהאַט אַן עקאָנאָם, וועלכער איז געווען דער גאַנצער בעל־הבית אין זיין הויף און דער בעל־הבית איבער די פּויערים, פונדעסטוועגן האָט ער ליבער געהאַט צו שאַפן זיך מיט די אידן. אַ איד קאָן געשיקטער עפּעס אויפטון, האָט ער געהאַלטן, און אָהן „מאָשקען" אָדער „שמוליקן" האָט ער זיך נישט גערירט פון אָרט.

קאַמעניצער פּריצים זיינען געווען דאָס רוב נישט זעהר רייך, די קאַמעניצער ערד איז זאַמדיג און נישט פרוכטבאַר: פון אַ מאָרג ערד שניידט זיך אויס נישט מער, ווי ביז פיר שאָק סנאָפּעס, יעדער שאָק גיט אַרויס פינף־זעקס פּוד קאָרן. ווייץ וואַקסט ווייניג אויף קאַמעניצער ערד. נאָר וואו־ניט־וואו פאַרוואַרפט זיך דאָך אַ שטיקל גוטע ערד אויף אַ שטח פון אַ פּאָר קוואַדראַטנע וויאָרסט און עס קאָן אַרויסגעבן אַ צוועלף־פופצען שאָק פון מאָרג.

הידער האָבן די פּריצים, וואָס זיינען געזעסן איינער נעבן דעם אַנדערן אַ דריי־פיר וויאָרסט ווייט, אָפטער געוויינליך געמאַכט בעלער, אַמאָל דער פּריץ, אַמאָל יענער, און די בעלער זיינען געווען גרויסאַרטיגע, רייכע מיט די בעסטע ווינען. און אָט די בעלער האָבן נישט ווייניג פּריצים אַריינגעבראַכט אין דחקות, און זיי זיינען שטענדיג געווען געאיינגט אין געלט.

תבואות, בראָנפן, וואָל און פי האָבן איינגעקויפט בּאַ זיי די אידן. געצאָלט האָבן די אידן מיט גרויס געלט, פּאָראויס, און אָפטמאָל מער ווי די קניה האָט באַטראָפן.

עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין אויסרינגער, וואָס פלעגן פאַרלויפן צום פּריץ און אויסרינגען פון זיין שטענדיגן סוחר.

דערפאַר אָבער דאָס, וואָס דער פּריץ האָט באַדאַרפט קויפן פאַר זיך, האָט ער שוין געהאַט זיינע „חזקה"־אידלאַך, וועלכע מען האָט נישט געקאָנט אויסקאָנקורירן.

ווי די מאָדע איז, האָבן די פּריצים ליב געהאַט הינט. יעדער פּריץ האָט געהאַט פאַרשיידענע סאָרטן הינט. געווען יאַגר־הינט און הינט אַזעלכע, וואָס פלעגן אָנפאַלן אויף אַ פרעמדן אָהן אַ שום בילן און כמעט אים צערייסן. געווען אַ דריטער סאָרט הינט, וואָס פלעגן נאָר בילן און נישט בייסן, און אויך אַזאַ סאָרט, וואָס האָבן אי געבילן אי געביסן — אַזוינע

הינט־מדרגות האָט יעדער פּריץ געהאַט בײַ זיך אין הויף, און די יסורים, וואָס אידן זײַנען אויסגעשטאַנען פון די ראָזינע הינט, בעת זיי זײַנען נעגאַנגען צום פּריץ, קאָנען אויספילן אַ פײַן בלעטל גלות־געשיכטע.

איז אַ איד געפאָרן צום פּריץ, האָט ער צוערשט אָפּגעשטעלט זײַן פור־פאַרן טויער פון הויף און האָט געוואַרט, טאָמער וועט ער דערזעהן אַ פויער צי אַ פויערטע. דער פויער צי די פויערטע האָבן אים אָפּגעפירט צום פאַקטער ערגעץ אין אַ ווינקל, און ערשט פון דאָרטן האָט שוין עמיצער אים באַגלייט צום פּריץ. צוריק האָט שוין דער פּריץ אָפּגעשיקט מיט אַ מענטשן דעם אידן פון פאַראַד־אַרײַנגאַנג. איז דער איד ווערט געוועזן אַרויסצוגיין דורך דער פאַראַד־טיר, האָט אים דער פּריץ דורכגעלאָזט דורכן הויף מיט אַ דינער, ווען דער איד האָט אָבער די ראָזינע זכיה נישט געהאַט, האָט ער געמוזט אין טויט־שרעק עמיגרירן פון פּאַלאַץ צום פאַקטער, אַז יענער זאָל אים שוין אַרויסבאַגלייטן צום טויער.

אָבער דער איד, ביז ער איז נישט געקומען צום טויער, איז דאָך אַלץ נישט זיכער געווען פון די בייזע הינט. האָט חלילה דער פּריץ אויף אים געהאַט אַ מינדסטן אומחן, איז שוין זײַן לעבן נישט ווערט געווען אַ האַלבן גראָשן. דעמאָלט האָט ער געהייסן גיין דעם אידן צום טויער אָהן אַ באַ־גלייטער. און דאָ איז דורכגעגאַנגען אַ גאַנצע סיסטעם פון חוזק מאַכן און פּייניגן. פון אָנהויב פלעגט דער פּריץ אַרויסשיקן עטליכע הינט, וועלכע בילן נאָר און בייסן נישט. באַלד נאָך זיי — הינט פון אַן אַנדער מדרגה און דערנאָך די אמתע בייסער. איז מען באַפאַלן דעם אידן פון אַלע זײַטן און אים נישט געלאָזן גיין נישט אַהין, נישט צוריק, און אַגב האָט ער שוין געכאַפּט אַ רעכטע פּאָרציע ביסן.

זײַנע געשרייען זײַנען געווען אין הימל אַרײַן, זײַן שרעק איז געווען טויט־שרעק, און דער פּריץ איז זיך געשטאַנען מיט זײַן גאַנצער פאַמיליע אויפן גאַניק און געלאַכט.

אָדער אַמאָל פלעגט דער פּריץ בײַ אַ מינדסטן פאַרדראָס אויף אַ אידן, אַפילו אַ יחסן, שיקן אַ שליח אים אַרויספירן פון טויער און אָנווינקען דעם שליח, אַז ער זאָל דעם אידן לאָזן אין מיטן הויף און נישט דערפירן. דעמאָלט האָט דער איד, דער יחסן, געהאַט די אייגענע התונה, ווי דער געוויינליכער איד (מען קאָן נישט זאָגן אין כלל, אַז אַלע פּריצים האָבן זיך אַזוי שלעכט אויפגעפירט מיט אידן, געווען אויך אַזעלכע פּריצים סאָלידערע, וועלכע האָבן זיך אַנדערש באַצויגן צו אידן).

קומען אַהיים פלעגט מען, פאַרשטייט זיך, נישט טויט, נישט לעבעדיג, און אַ סך פלעגן קראַנק ווערן פון שרעק. דאָס ווייב און, איבערהויפּט, די קינדער, דערזעהענדיג דעם טאַטן, וואָס איז אַזוי צעטרייסלט און בלאַס,

האָבן זיך אַלע צעחײנט און אַ חײלע איז אין שטוב געחען אַ מין יום־כּפּור. נאָר אין עטליכע טעג אַרום, פלעגט טרעפן, האָט שוין דער פּריץ חײטער געשיקט נאָך רעמזועלבן אירן, ער זאָל װאָס גיכער קומען צו אים, װאָרום ער, דער פּריץ, דאַרף אים נויטיג האָבן. און דער איר איז, אַוראַי, חײטער געלאָפן הענרום־פּענרום, װאָרום װאָס טוט נישט אַ איר צוליב פּרנסה.

דער איר פלעגט שטענריג טרייסטן זיין װייב, אַז דער פּריץ איז אין גרונד גאָר נישט קײן שלעכטער און מען קאָן בּאַ אים פּאַרדינען, נאָר אַז עס קומט אים אָן די בּייזע שעה, די קליפּה, רעמאָלט איז שלעכט.

— נאָר מסתּמא איז דאָך אַלץ פון גאָט. קיין זאַך טוט זיך נישט אָהן גאָטס חילן. אַז גאָט האָט געחאָלט מיך שטראָפן, האָט ער אַרייננעשיקט דעם פּריץ אין קאָפּ אַ משוגעת, אַ קאַפּריז, זאָל איך שוין מיט דעם אָפּקומען מײנע צרות, און גאָט זאָל מיך װײטער אָפּהיטן פון די בּייזע הינט.

די פּריצים, װאָס אַרום קאמעניץ, פלעגן קומען צופאָרן אין קלויסטער כמעט אַלע זונטאָג. אין אַ גרויסער חגא פלעגן קומען צופאָרן אַלע פּריצים. יעדערער האָט זיך געסטאַרעט, אַז זיין קאַרעטע מיט די פערד און שפּאַן זאָל איבערשטײגן דעם צװײטנס, און די רײכקײט פון די ראָזינע קאַרעטעס מיט די פערד לאָזט זיך חירקליך נישט בּאַשרײבּן. אָנהויבּן צו פאָרן פלעגט מען פון אַלע זײטן שטאָט, און די קאַרעטעס פלעגן זיין אויסגעשטעלט איבּער דער גאַנצער לײנג פון די גאַסן.

אײנער איז געפאָרן אין אַ טײערער קאַרעטע מיט פיר טײערע פערד אין דער בּרײט, און די פערד מיט דעם גאַנצן שפּאַן זײנען געחען בּאַרעקט מיט זילבּער און גאָלד; דער קוטשער מיט דעם לאָקײ זײנען אויך נעװען בּאַפּוצט מיט גאָלד און זילבּער.

אַ צװײטער פּריץ איז געפאָרן מיט פיר פערד „גאַשפּיץ”, צו צװײ פערד אין דער לײנג, נאָך שענער אויסגעפּוצט, און בּאַ אַ דריטן איז דער שפּאַן בּאַשטאַנען פון זעקס פערד: פיר בּאַ דער קאַרעטע און צװײ פאָראויס.

כּדי די בּאַפּוצונגען זאָלן זיין נאָך גרעסער, האָבן אַנדערע לאָקײען געהאַלטן אַ שײנעם זילבּערנעם טרומײט און בּאַם אַרײנפאָרן אין שטעטל האָט מען געטרומײטערט, און די קוטשערס האָבן געקנאַקט מיט די לאַנגע בּײטשן — דאָס אַלץ האָט אָנגעװאָרפן אַ מורא אויף אַלעמען.

שליאַכטעס, װאָס האָבן פּאַרמאָגט צו מאַיאָנטיקלאַך מיט עטליכע צענדליג לײבּ־פּויערים, פלעגן אויך נישט ושאַלעװען קיין געלט אויף אַ קאַרעטע מיט אַ פּאָר פערד.

אַרויסגעגאַנגען פון קלויסטער, פלעגט מען זיך אָנהויבּן פונאַנדער־צופאָרן. אַנדערע פּריצים זײנען פאַרפאָרן צו חײטשע טרינקאָװסקי, מיט־צונעמען פון דאָרטן די גוטע פלעשער חיין מיט דעם גוטן טײ. נאָך די

קאַרעטעס פלעגן נאָכלויפן די הויכע לאַנגפּיסיגע יאַנר־הינט, אָנגעטאָן אין טייערע זילבערנע האַלזבענדער.

אין קאַמעניץ זיינען געווען צוויי קלויסטערס. איינער אַ פּוילישער קלויסטער פאַר די פּריצים. די קאַטוילישע פּויערים פלעגן גיין אין די ראָרפּישע קלויסטערס, אָבער נישט, חלילה, אין פּריצישן. מען האָט גאָר נישט געטאָרט אָנזעהן אַ פּויער אין דער גאַנצער נאָס פון קלויסטער.

דער פּוילישער גלח מיט זיינע צוויי געהילפן האָבן געוואוינט אין אַ גרויסן הויף נישט ווייט פון קלויסטער. אין הויף איז געווען זעהר אַ שיינער פּרוכט־גאָרטן און אַ בלומען־גאָרטן מיט די שענסטע און שמעקעדיגסטע בלומען. פאַרביינגייענדיג פאַר דעם גלחס הויף, האָט אַזוי פאַרשמעקט, אַז די אידישע נאָז פלעגט עס נישט קאָנען פאַרטראָגן, און עס פלעגט כאַפּן דרייען דער קאָפּ פון די ריחות.

דער גלח האָט געוואוינט פירשטליך מיט זילבערנע און גאָלדענע געשיר — ער האָט ממש געלעבט ווי אַ קייזער.

די גרויסע פּריצים פלעגן אַריינפאָרן זונטאָג פון קלויסטער צום גלח אויף פרישטאָג.

באַ אים זיינען געווען פאַרשיירענע קאַרעטעס — צוגעמאַכטע און אָפענע, טייערע גרויסאַרטיגע פערד צום פאָרן. און פאָרן פלעגט ער „נאַשפּיץ" צו צוויי פערד אין דער לייגג.

געהאַט האָט ער אויך פיל פעלדער און לאָנקעס, און פּויערים, די פּריצישע לייב־קנעכט, פלעגן אים באַאַרבעטן די ערד. פון אַ פּריץ פלעגט ער אָפטער באַקומען אַ מתנה אַ פּאָר פּויערים. די ראָזיגע מתנה איז געווען אויף ווי לאַנג ער וועט לעבן.

ווידער האָט ער געהאַט אַ סך בהמות און פאַרשיירענע עופות, און אין הויף איז באַ אים געווען אַ געקינסטלט טייכל מיט אַ סך פיש. צו דעם אַלעם האָט דער גלח געהאַט שיינע רינסטן, פּויערטעס, געשיינקטע פון די פּריצים, פּאָקאָיאָוועס, אומגעהויער שיינע.

אין מיינע צייטן, ווען איך בין געווען אַ אינגל, האָבן מיר געוואוינט אַנטקעגן דעם גלחס הויף, טאַקע אין זיין קרעטשמע. דאָס איז געווען אַ שיין הויז, וואָס דער גלח האָט אויסגעבויט אויף הכנסה. אַזוי ווי דער גלח איז פריי פון אַלע אָפּצאָלן, וואָס קומען דעם פּריץ פון שטאָט, ווי למשל, פון בראָנפן, ביר, זאַלץ, ליכט, טאַבאַק און נאָך און נאָך, און אַזוי ווי מיר האָבן געהאַלטן די אַרענדע אין שטאָט, האָבן מיר געמוזט אָפּ־דינגען באַם גלח אויך זיין קרעטשמע, וואָרום אַז נישט וועט זיין אַ פרייער קאָנקורענט. פלעגן מיר צאָלן דעם גלח דריי הונדערט רובל אַ יאָר פאַר דער קרעטשמע, וואו מיר האָבן געוואוינט. געדיינק איך, אַז דער גלח האָט

געהאַט פיר שװעסטער הויכע, שלאַנקע, אומגעװײנליך שײנע, און געגאַנגען זײנען זײ רײך געקלײדט און אַזױ געפּוצט און געצאַצקעט, װאָס אַזױ אָנגעטאָן פלעגט נאָר זײן װעהר אַ רײכע גוט־באַזיצערין.

פלעגט בײַם גלח זײן סײ טאָג און סײ נאַכט פול די שטוב מיט געסט, װאָס האָבן אַרומגעטאַנצט אַרום די װאונדער־שײנע שװעסטער. טאָג און נאַכט איז געװען בײַם גלח הילולה וחינגא. און מיט זײער שפּילן אויף פאַרשײדענע מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, און מיט דעם קנאַקן פון די בײטשן פון די קוטשערס, און מיט דעם טרומײטערן פון די טרומײטערס פלעגט מען נישט לאָזן שלאָפן גאַנצע נעכט.

נאָר דער אָרימער רוסישער גלח, װעלכער פלעגט פּלאַצן פאַר קנאה פון דעם רײכן לוקסוס־לעבן פון דעם קאַטױלישן גלח, האָט פאַר זײנע פּױערים, די פּריצישע לײב־קנעכט, און די אידן געשװאוירן, אַז די שײנע פרײלינס זײנען גאָרנישט זײנע שװעסטער, זײ זײנען אים װילד־פרעמדע, „קאָכאַנקעס" זײנען זײ אים, נאָר אַזױ װי אַ קאַטױלישער גלח טאָר דאָך קײן װײב נישט האָבן, האָט ער אַרױסגעלאָזן אַ שם, אַז זײ זײנען זײנע שװעסטער. מען מוז מודה זײן, אַז דער אָרימער פּראַװאָסלאַװנער גלח האָט געהאַט רעכט: זײ זײנען װירקליך געװען „קאָכאַנקעס" און נישט זײנע שװעסטער.

דער צװײטער קלױסטער, אַ רוסישער און אַן אָרימער, איז געשטאַנען אין שטאָט אויף אַ באַרג (אין קאַמעניץ זײנען געװען פיר בערג אין מיטן שטאָט: דער סלופּ־באַרג, דער קלױסטער־באַרג, אַראָלענער־באַרג און דער פּאַלאַץ־באַרג, װאו דער קאָמיסאַר פון פּריץ האָט געװאוינט. די אַלע בערג זײנען געװען הויכע). אין דעם קלױסטער פלעגן קומען ראַװנען די רוסישע פּראַװאָסלאַװנע לײב־קנעכט. עס פאַרשטײט זיך, אַז קײן פּראַװאָסלאַװנע פּריצים אָדער שליאַכטעס זײנען בכלל גאָרנישט געװען, קאָן מען שױן פאַרשטײן, װי רײך האָט געלעבט אָט דער רוסישער גלח מיט װײב און קינדר.

געװאוינט האָט ער אין עפּעס אַן אָרים הײזל און געגאַנגען איז ער שטענדיג צו־פוס. דערצו איז ער געװען אַ גרױסער שלים־מזל: האָט ער עפּעס יאָ אַמאָל געקױפט אַ פערדל מיט אַ ברױטשקע פאַר אַ דרײסיג רובל, איז בײַ אים דאָס פערדל אַװעקגעפּגרט, און ער איז װײטער געגאַנגען צו־פוס, אָנגעטאָן אין אָפּגעבליאַקירטע, אַלטע, פאַרלאַטעטע בגדים, מיט אַ פּראָסטן שטעקן אין האַנט, װאָס אַ פּױער האָט אים געבראַכט אַ מתנה, אױסגעשניטן פון דעם פּריצס װאַלד.

מען זאָגט, אַז דער פּריץ, געװאָר װערנדיג פון דעם געשײנקטן שטעקן, האָט געשיקט דעם אַסעסער צום גלח, אַז יענער זאָל אָפּגעבן דעם שטעקן

און דערבײַ זאָל דער גלח אויסזאָגן, װעלכער פּויער האָט עס אים דעם שטעקן געגעבן. נאָר אַזוי װי דער אַסעסער איז אַ פּראַװאָסלאַװנער, האָט ער, פֿאַרשטייט זיך, די חרפּה דעם גלח נישט געקאָנט טון. דעם שטעקן האָט דער אַסעסער נישט אָפּגענומען, נאָר דעם פּויער האָט דער גלח דאָך געמוזט אַרויסגעבן. און פֿאַר זײַן אומשולדיגע מתּנה האָט ער געקראָגן אַ זעכציג שמיץ פֿון פּריץ. און טאַקע מיט דיזעלבע ריטער פֿון דעם־זעלבן בוים.

דער גלח האָט געהאַט אַ שטיקל פֿעלד, אויף װעלכן ער פֿלעגט זייען תּבֿואה. די תּבֿואה פֿלעגט ער פֿאַרקויפֿן. נאָר ער איז געװען אַזוי אָרים, אַז אירן פֿלעגן אים געבן געלט, נאָך איידער די תּבֿואה פֿלעגט אויסװאַקסן.

קאַמעניץ האָט געהערט צו אַ פּריץ, אָסערעװסקי האָט מען אים גערופֿן. געװען איז ער אַן אַלטער בחור און אַ געװעזענער פּוילישער פּאָלקאָװניק פֿון פֿאַרן ערשטן אויפֿשטאַנד. לייבּ־קנעכט זײַנען בײַ אים געװען ביז פֿינף טויזנט. אַרום קאַמעניץ האָט ער געהאַט זעהר פֿיל גיטער און די שטאָט קאַמעניץ גופֿא. אויך האָט ער געהאַט פֿערצען מיליאָן גילדן אין באַנק.

מען האָט געזאָגט, אַז דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן זײַנס האָט ער אָנגעקליבן פֿון קאָרטן־שפּילן. דאָס האָט געמוזט זײַן אַן אמת, װאָרום ער איז געװען אַ גרויסער קאָרטן־שפּילער און דערבײַ אַ זעלטענער מצליח. שטענדיג פֿלעגט ער זיצן אין װאַרשע און שפּילן מיט די רײַכסטע פּריצים אין קאָרטן. מען האָט אויך געזאָגט, אַז ער איז געװען אַ כּשוף־מאַכער און זײַן געלט האָט ער געװאונען דורך כּשוף.

איין מאָל אין יאָר פֿלעגט ער אַראָפּפֿאָרן אין זײַן שײנעם גוט פּרוסקע, אַכט װיאָרסט פֿון קאַמעניץ.

געװען אַ פּריץ, מאָציעװסקי, דוכט זיך, האָט ער געהייסן, האָט ער זיך איינמאָל אין אַ נאַכט פֿונאַנדערגעשפּילט אין קאָרטן מיט אָסערעװסקין. די שפּיל איז געגאַנגען אויף לעבן און טויט. האָט אָט דער מאָציעװסקי פֿריהער פֿאַרשפּילט דרײַסיג טויזנט רובל מזומנים. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו שטעלן אין קאָן קאַרעטעס מיט פֿערד, דעם גרויסן מאַיאָנטעק מיט זעקס הונדערט לייבּ־קנעכט. ער האָט דאָס אַלץ פֿאַרשפּילט און דערנאָך געחתמעט אויף אַ פּאַפּיר מיט זײַן פֿולן נאָמען און פֿאַמיליע.

פֿונדעסטװעגן האָבן אַזעלכע פּאַפּירן דאָך קיין װערט נישט, מחמת עס האָט געפֿעלט די באַשטעטיגונג פֿון נאָטאַריוס. אָבער אָסערעװסקי, װאָס איז געװען אַ גוטער ברודער מיטן װאַרשעװער נאַמיעסטניק, און דער װילנער גענעראַל־גובערנאַטאָר איז אויך געװען פֿון זײַנע גרויסע פֿרײַנט, איז געװען זיכער מיט די פּאַפּירן. אויף אַזאַ אופֿן זײַנען די אַלע פּאַפּירן, װאָס דער פּריץ האָט אונטערגעשריבן, אײַזן־שטאַרק געװען. דערמיט האָט

עס זיך אָבער נישט געענדיגט. דערנאָך, אַז מאָציעוווסקי האָט פון גרויס היץ אַלץ פאַרשפּילט און מער שוין נישט געהאַט וואָס איינצושטעלן אין קאָן, האָט ער געשטעלט אין קאָן זיין ווייב אויף אַ סומע פון פינף־און־צוואַנציג טויזנט רובל און האָט זי אויך פאַרשפּילט. דעמאָלט האָט ער געזאָגט אָסערעוווסקין:

— אַז איך וועל זיך שיסן, וועסטו גיין צו מיין לויה?

האָט אים אָסערעוווסקי, אַ טיפּישער פּוילישער פּריץ, מיט רחמנות און געוואַלדיגער אַכזריות צוזאַמען געענטפערט:

— איך האָב אויף דיר רחמנות, נאָר מיר קאָנען מאַכן געשעפט, פאַר איין קלייניקייט קער איך דיר צוריק אַלץ. אָט וואָס: זאָלסט מיר געבן אַ קוש אין...

מאָציעוווסקי איז איינגעגאַנגען. נאָר אָסערעוווסקי האָט צוגעגעבן:

— אָבער דו מוזט דאָס טון פאַר אַלע פּריצים אין די אויגן, און אויך פאַר דיין ווייב אין די אויגן. זי מוז זיין דערביי, וואָרום דו האָסט זי פאַרקויפט אָהן איר וויסן.

דאָס האָט שוין מאָציעוווסקין נישט געשמעקט.

— איך וועל זיך בעסער שיסן — האָט ער געזאָגט.

— וועל איך דיך נישט דערלאָזן — האָט אָסערעוווסקי געסטראַשעט און באַלד טאַקע געהייסן, מען זאָל אים אַריינפירן אין אַ באַזונדער צימער און פאַרשליסן. צוויי דינער זאָלן זיין מיט אים און היטן אים.

אויף מאָרגן האָט ער פאַררופן אַלע פּריצים און געמאַכט אַ באַל. אויפן באַל האָט מען אַרויסגעפירט דעם פאַרשפּילטן פּריץ, און דערביי איז געווען זיין פרוי אויך. באַם טיש האָט אָסערעוווסקי דערציילט פון זיין אומגעוויינליכן געווינס און דערביי געזאָגט, אַז ער דאַרף דאָס נישט. ער וויל נאָר, אַז ער זאָל אים אַ קוש טון אין יענעם אָרט, וואָס ס'איז נישט שיין אָנצורופן, און אויב נישט אים, איז אַפילו רעכט אַן אַלטן פּויער.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די צעווילדעוועטע פּריצים איז געפעלן געוואָרן די מעשה. האָט מען אַריינגעבראַכט אַן אַלטן פּויער, און דער פאַרשפּילטער פּריץ האָט געבעך געמוזט קושן דריי מאָל... זיין ווייב האָט מען פונדעסטוועגן בעת מעשה אַרויסגעפירט, זי זאָל נישט זעהן די שרעקליכע סצענע מיטן קושן. נאָך דער עקזעקוציע האָט אים אָסערעוווסקי אומגעקערט צוריק דאָס געלט מיט די אַלע פּאַפּירן.

נאָר אַהיים האָט שוין דאָס ווייב נישט געוואָלט פאָרן צוזאַמען מיטן מאַן, איז ער אַליין אַוועקגעפאָרן און האָט זיך אויף מאָרגן דערשאָסן.

ס'ווייזט אויס, אַז אָסערעוווסקין קושן וואָלט ער שוין באַשטאַנען, אָבער קושן אַ לייב־קנעכט — דאָס האָט ער שוין נישט געקאָנט איבערטראָגן.

אויף דער לויה איז נישט געװען נישט אָסערעװסקי און נישט דעם דערשאָסענעמס װײַב. זײ זײַנען בײדע גיך אַװעקגעפאָרן קײן װאַרשע. פון חרפה איז זי שוין קײנמאָל קײן קאַמעניץ נישט געקומען, כאָטש זי האָט דאָרט געהאַט פאָטער און מוטער, גרױסע פּריצים, און אַ גאַנצע פאַמיליע.

אָסערעװסקי האָט געהאַט אין אַלע זײַנע פאָפּצען גיטער אַרום קאַמעניץ פאָפּצען באַזונדערע קאָמיסאַרן, װאָס זײַנען געװען די גאַנצע פירערס. װירער איז געװען אַן עקאָנאָם און אַ װאָיט. דער װאָיט פלעגט אױספילן די שטראָף, װאָס דער קאָמיסאַר אָדער דער עקאָנאָם האָט אַרױסגעגעבן. די שטראָף איז געװען שמיץ. דער װאָיט האָט מקים־פסק געװען, און קײן חסרון האָט ער נישט געטאָרט מאַכן, דאָס הײסט, חלילה נישט צו מינערן. מער אָבער, אַז ער האָט געגעבן, האָט קײנעם נישט געאַרט. װידער האָט מען נאָרנישט געטאָרט זיך קלאָגן אויף מער. װאָרום פאַר יעדער מינדסטע אָנקלאַגע האָט ער װײטער באַקומען פרישע שמיץ.

דער הױפּט־קאָמיסאַר איבער אַלע מאַיאָנטקעס האָט געװאױנט אין מיטן שטאָט, אויפן באַרג, אין אַ גרױסאַרטיגן פּאַלאַץ.

אין קאַמעניץ האָט יערליך יערערער געצאָלט צינזן דעם פּריץ פאַרן פּלאַץ פון זײַן הױז, אויך האָט קײנער נישט געטאָרט קױפן קײן ביר און בראָנפן, אױסער באַם פּריץ. דערצו זײַנען נאָך געװען פאַרשײדענע אָפּצאָלונגען: אָפּצאָלן פון זאַלץ, פעל — מיט אײן װאָרט, אויף אַלץ, װאָס מען דאַרף האָבן צום מענשנס געברויך, איז געלעגן אַן אָפּצאָל. און דער קלוגער אָסערעװסקי האָט אַ ראַנק זײַן קאָנטראַקט אַזױ פיל געצװיגן פון די אײנװאױנער, אַז אין דעם פּרט איז אפשר קאַמעניץ געװען די אײנציגע שטאָט.

איבעריגנס, האָט ער זיך אָפּטמאָל גאָר פאַרגעסן אָן די אָפּצאָלונגען איבער זײַן מוראדיגער רײַכקײט. נו, װאָס האָט באַ אים געהאַט פאַר אַ באַטרעף דאָס שטעטל־געלט פון די אידלאַך, בעת ער איז געװען פאַרגאָסן מיט גאָלד?

באַ אַלע דרײַ עקן פון שטאָט (אין אײן זײט איז געלעגן דער טײַך) איז געװען אַ „טאַרגאָװע״, װאָס זונטאָג און אויך אין די ירידים־טעג איז געגומען געװאָרן צו פינף קאָפּ. פון דעם אַרײַנגעפאָרענעם פערד. אויך איז געװען צװישן קאַמעניץ און זאַסטאַװיע אַ לאַנגע הרעבליע מיט דרײַ בריקן און דרײַ װאַסער־מילן. דאָס האָט אויך געהערט צום פּריץ, װעלכער האָט דאָס אַלץ פאַררונגען מײַן זײדן, אהרן־לײזער קאָטיק. דאָס האָט געהײסן „די אַרענדע״, און דער זײדע מיטן ברודער און אַלע קינדער האָבן געלעבט דערפון.

אָסערעװסקי האָט אין די עלטערע יאָרן אױפגעהערט קומען קײן קאַמעניץ.

ער האָט נישט געהאַט מיט העמען צו פאַרברייננגען די צייט. פלעגט ער זיצן אין חאַרשע. איין מאָל אין דריי יאָר פלעגט ער ראָך קומען אין שטעטל אויף אַ מאָנאַט צייט. געלעבט האָט ער פינף־און־אַכציג יאָר און איז געווען דאָס גאַנצע לעבן זיינס אַ בחור, און אַז ער פלעגט קומען קיין קאַמעניץ, פלעגט ער מיטפירן מיט זיך אין אַ באַזונדער גרויסער קאַרעטע זיין קיך־געשיר. פיר פערד האָבן קוים געשלעפּט די קיך־קאַרעטע, און אין די גרויסע בלאָטעס האָט מען געמוזט איינשפּאַנען זעקס פערד.

אַז אָסערעווסקי איז געווען קרוב צו אַכציג יאָר, האָט ער אָנגעשריבן אַ צוואה, אין וועלכער עס איז געווען געזאָגט, אַז ער צעטיילט זיין גרויס פאַרמעגן צווישן אַ דרייסיג נפשות פון זיינע באַקאַנטע פריצים. עס פאַרשטייט זיך, אַז צווישן די דאָזיגע נפשות זיינען געווען אַ סך, וואָס האָבן זיך גאָרנישט גענוויטינט אין דער ירושה, נאָר פאַר זיין משפחה האָט ער אַ קאָפּיקע נישט איבערגעלאָזט. אַפילו זיינע לייבליכע שוועסטער, וואָס האָבן זיך אפשר גראָר גענויטיגט אין זיין מאַטעריעלער הילף, האָט ער גאָרנישט איבערגעלאָזט.

דאָס געלט האָט ער אָפּגעשריבן פאַר פאַרשיירענע פריצים, נאָר פאַר זיינע מאַיאָנטקעס, די פינף טויזנט לייבקנעכט מיט דער שטאָט קאַמעניץ, האָט ער אויסגעהיילט אַ יורש פון די יחסנישע געפאַלענע פריצים. דער אויסגעהיילטער יורש איז געווען אַ יתום פון אַ יאָר זיבעצן, און כּדי צו וועהן זיין אויפפירונג, האָט ער אים גענומען אויף אַ פּראָבע. ער האָט אים אַריינגעשיקט אין פּרוסקע מיט אַ בריף צו זיין הויפּט־קאָמיסאַר. אין בריף איז אָנגעזאָגט געהאָרן, אַז ער, דער קאָמיסאַר, זאָל לאָזן דעם יונגען פריץ פירן די מאַיאָנטקעס אונטער זיין השגחה. ווייטער זאָל ער אים לערנען, ווי צו זיין אַ רעכטער בעל־הבית, וואָרום דאָס אינגל איז דער קינפטיגער אייגנטימער פון די דאָזיגע מאַיאָנטקעס א. אַ. וו.

דערביי אָבער באַמערקט אָסערעווסקי דעם קאָמיסאַר, אַז ער זאָל גוט אַכטונג געבן אויף דעם יורשס אויפפירונג און יערן מאָנאַט זאָל ער אים צושיקן אַ ספּעציעלן באַריכט פון זיין כאַראַקטער און אויפפירונג. האַלטן זאָל ער דעם יורש, געוויינטליך, אַזוי ווי דעם פריצס אַן אייגן קינד, און אַזוי ווי מען דאַרף ראָך האָבן באַ זיך עפּעס געלט אין קעשענע, זאָל ער, דער קאָמיסאַר, אַרויסגעבן דעם יורש יערן מאָנאַט צוויי הונדערט רובל, דערביי אָבער זאָל ער זיך גוט צוקוקן אויף וואָס, צום ביישפּיל, וועט ער אויסברייננגען די דאָזיגע סומע.

דער יורש איז געקומען צופאָרן אין פּרוסקע און האָט זיך באַלד געגומען באַקענען מיט די אַרומיגע פריצים, און אין עטליכע מאָנאַטן אַרום איז ער שוין געווען באַקאַנט מיט אַלע יונגע לעב־קינדער און איז

שוין געפאָרן אויף אַלע בעלער פון די אַרומיגע פּריצים. איין חסרון נאָר: צו זיך אויף בעלער האָט ער די פּריצים נישט געקאָנט פּאַרבעטן, ווייל אָסערעווסקי האָט אים אָנגעזאָגט, אַז די געוואַלדיגע ירושה וועט ער באַקומען ערשט דעמאָלט, ווען אָסערעווסקי וועט איינזעהן, אַז ער פירט זיך אויף שטיל, סאָליד און באַשיידן, און, איבערהויפּט, ווען ער וועט זיך איבערגעבן צו דער ווירטשאַפט.

אָבער אַז ער האָט זיך צונויפגעפּאָרט מיט די לעבּ־קינדער, איז אים שוין געווען ווייניג צוויי הונדערט רובל אַ מאָנאַט. אַלץ איינס ווי אַ טראָפּן אין ים. מען דאַרף שפּילן אין קאָרטן, מען דאַרף אויסגעבן געלט אויף נאָך פאַרשיידענע זאַכן, מען דאַרף פונדרעווען, און די חברים זיינע, וואָס האָבן געוואוסט זיין געלט־מאַנגל, האָבן אים געראָטן, ער זאָל אָנהויבן אַריינפאָרן אין קאַמעניץ און זיך באַקענען מיט די אידן, בּאַ וועמען ער וועט זיכער קריגן געלט, וויפיל ער וועט באַדאַרפן.

דער יורש האָט טאַקע אַזוי געטאָן. קיין קאַמעניץ איז ער אַריינגעפאָרן אין אַ טייערער קאַרעטע מיט פיר פערד „נאַשפּיץ״, מיט אַ שיינעם לאָקיי און פאַרפאָרן איז ער צו חייטשע טרינקאָווסקי — אַ קענטיג אָרט אין שטעטל. חייטשע טרינקאָווסקי האָט דער יורש פאַרטרויט, אַז ער וואָלט וועלן מאַכן אַן הלואה אויף געוויסע פּראָצענטן, און אַז זי זאָל אים געבן דעם נויטיגן מענשן דערצו. יענע האָט גלייך געגעבן צו וויסן איינינע קאַמע־ניצער אידן, וואָס האָבן לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך. פאַר די ראָווינע אידן האָט דער יורש געזאָגט, אַז ער איז דער קינפטיגער בעל־הבית איבער אָסערעווסקים מאַיאָנטקעס מיט דער שטאָט, נאָר די ערשטע צייט האָט ער נאָך נישט, פאַרשטייט זיך, די גאַנצע פולמאַכטן, וואָס איז איינגנטליך גאָרנישט, וואָרום אָסערעווסקי איז שוין אַ זקן פון אַכציג יאָר... וויפיל לעבט אַ מענש?... בכן וויל ער, דער יורש, מאַכן אַן הלואה אויף גוטע צינזן, וואָס דאָס איז איינגנטליך נאָר אַ גליק פאַר דעם פאַרלייער.

די אידן, וואָס האָבן גאָרנישט געוואוסט פון דער גאַנצער מעשה, אַז אָסערעווסקי האָט דעם יורש גענומען אויף אַ פּראָבע, האָבן געוויינליך אים געגעבן געלט, וויפיל דאָס צעלאָזענע אינגל האָט געבעטן, און אַז ער האָט אין אַ קורצער צייט דאָס געלט פאַרהוליעט מיט די יונגע פּריצים און פאַנעס און האָט זיך שוין אין קאַמעניץ אַזוי פיל אָנגעבאָרגט, אַז ער האָט מער נישט געקאָנט קריגן, איז ער צוגעטראָטן צו בריסק, וואָס איז אויך, גאָט צו דאַנקען, אַ שטאָט, וואו ער האָט אָנגעכאַפּט ביז פופציג־טויזנט רובל.

פון אָנפאַנג האָט ער זיך געהיט פאַרן קאָמיסאַר. אָבער אין אַ קורצער צייט איז דער קאָמיסאַר געוואָר געוואָרן, אַז דער יורש שאַרלאַטאַנעוועט

נאָר אויפֿן העכסטן אופֿן, אַז ער כאַפּט גרויסע סומעס געלט, וואו ער קאָן, און אַז מיט אים איז פֿול די גאַנצע אומגעגנט.

דעמאָלט האָט דער קאָמיסאַר געשריבן צו אָסערעווסקין וועגן דעם יורש אויפֿפירעכטס. דערויף האָט אים אָסערעווסקי געענטפֿערט, אַז ער זאָל מוריע זיין אַלע קרעדיטאָרן, וואָס האָבן וועקסלען אויפֿן יורש, אַז זיי זייט איינגעצאָלט ווערן, אָבער אַ צווייטן מאָל, אויב זיי וועלן דעם יורש לייען געלט, וועלן זיי נישט קריגן באַצאָלט — אַזוי זאָל זיי דער קאָמיסאַר מעלדן, און אַזוי איז געווען.

דער קאָמיסאַר האָט אָפּגעשיקט דעם רייסטער פֿון אַלע וועקסל־נעמער, און אָסערעווסקי האָט פֿאַראָרדנט דעם קאָמיסאַר אָפּצוצאָלן דאָס געליענע געלט, און דערנאָך איין קליינינקייט: דעם יורש זאָל ער דערפֿאַר געבן פּופּצינ שמיץ. נאָך די שמיץ זאָל ער תיכּף ומיד אָפּגעשיקט ווערן אַהיים, אין קאַלישער גובערניע.

אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט אָסערעווסקי אַריינגעשיקט אַן אַנדערן יורש, שוין אַ יונגערמאַן פֿון אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציג. צוזאַמען מיטן יורש האָט דער קאָמיסאַר באַקומען אַ בריוו, אין וועלכן עס איז געווען געזאָגט דאָסזעלבע, וואָס אינם ערשטן בריוו באַ דעם ערשטן יורש.

דער צווייטער יורש איז אָבער געווען נאָך אַ גרעסערער שאַרלאַטאַן, ווי דער ערשטער, און אויך אַ סך אַ קלינערער פֿאַר יענעם. דער האָט איינגעזעהן, אַז אָהן דעם קאָמיסאַר קאָן מען גאָרנישט אויפֿטון, אַז מען קאָן האָבן אַזאַ היסטן סוף, ווי דער ערשטער, און ער האָט באַשלאָסן צו צוציהען דעם קאָמיסאַר צו זיינע צוועקן און אַזוי אַרום וועט ער קאָנען טון, וואָס ער וועט וועלן.

ער האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען צום קאָמיסאַר אין הויז, האָט זיך כּלומרשט געהאַלטן מעשה עניו און פֿלעגט אַ סך צייט אָפּזיצן צוזאַמען מיט דעם קאָמיסאַרס פֿאַמיליע. מיט דעם קאָמיסאַרס ווייב, שוין אַן עלטערע, נאָר אַ קלוגע פֿרוי, פֿלעגט ער אומישנע וואָס מער פֿאַרברייננגען און זיך געסטאַרעט דערווייזן איר, אַז איר מאַן איז באַגאַנגען אַן עולה קעגן דעם ערשטן יורש. אַזוינע זאַכן טאָר מען נישט. איר מאַן האָט יענעם יורש, אַ קינד פֿון אַזוינע יחסנישע עלטערן, אומגליקלעך געמאַכט; ווייזנדיג אָבערעווסקין זיין געטריישאַפֿט, האָט ער, דער קאָמיסאַר, גאָרנישט געזעהן, וואָס ער טוט.

— איך האָב טאַקע געזאָגט מיין מאַן, — האָט זי צוגעשטימט, — אַז ער זאָל זיך מאַכן נישט וויסנדיג דערפֿון. וואָרום ער דאַרף דען פֿאַרזאָרגן דעם אַלטן בחור, וואָס פֿאַרמאָגט אַזוי פֿיל מיליאָנען? און מיין מאַן האָט

מיר טאַקע מורה געווען, אַז נאָכן שמייסן דעם יורש, האָט ער עפּעס חרטה געקראָגן אויף דעם גאַנצן עסק.

און פון אַזוינע שמועסן האָט ער דעם קאָמיסאַרס ווײַב איבערגעצויגן אויף זײַן צד. זי האָט פאַרשטאַנען זײַנע כּוונות און האָט צוגעגרייט דעם מאַן. ער האָט איר געוויזן אַ פּשוטן חשבון. ער, דער יורש, מיט איר מאַן וועלן קאָנען קריגן הונדערטער טויזנטער רובל געלט צו לייען, יערערער וועם לייען, און מען וועט ווי ס'ניט איז איבערקומען, ביז דער אַלטער וועט צומאַכן די אויגן. עס פאַרשטייט זיך, אַז פון אַ גרויסער סומע געליענעם געלט וועט איר מאַן קאָנען נעמען פאַר זיך אַ היפּשע סומע און נאָך אָסערעוועסקים טויט וועט איר מאַן זײַן גאָר גליקליך. ער, דער יורש, וועט אים אָפּשרייבן און שיינקען און געבן און טיילן. מיט איין וואָרט, דאָס איז אַ גליק פאַר אים.

מען האָט געשלאָסן „בלאַט" און צוזאַמענגעשטעלט אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו באַקומען געלט.

עס איז געבליבן בײַ זיי, אַז דער יורש זאָל אָנהויבן אָפּטערער פאָרן קיין קאַמעניץ און באַקענען זיך דאָרט מיט איינעם משהלע ק., אַ איד אַ פאַררינער, אַ געראָטענער און אַ געשיקטער, וואָס קאָן דעם יורש אין אַ סך פּרטים מיטהעלפן, באַזונדערס אין געלט לייען.

דער יורש האָט זיך באַקאַנט מיט משהלען און האָט אים געבראַכט צו זיך קיין פּרוסקע. אויפן וועג האָט ער אים מסתּמא איבערגעגעבן, אויף וואָס ער דאַרף אים, און אין פּרוסקע האָט ער גלייך פאַררופן צו זיך דעם קאָמיסאַר, אום צו באַראָטן זיך זאַלבעדריט, אויף וואָס פאַר אַן אופן מען קאָן איצט קריגן געלט.

משהלע האָט אויפגעגעבן, אַז מען זאָל לייען געלט און בפירוש זאָגן, אַז דאָס געלט וועט ערשט אָפּגעצאָלט ווערן, ווען אָסערעוועסקי וועט שטאַרבן. לאַנג וועט סיי־ווי־סיי נישט אויסקומען צו וואַרטן; ער איז שוין איבער אַכציג יאָר, איז קראַנק און שוואַך, מען קאָן זיך ריכטן יערן טאָג אויף זײַן טויט, לכן וועט ער, דער יורש, צאָלן צינזן יערעס יאָר, פאַרשטייט זיך, נישט קיין קליינע, וואָס בײַ אים דאַרף קיין ראָליע נישט שפּילן. דערצו האָט נאָך אַ גרויסע באַדײַטונג דאָס, וואָס דער קאָמיסאַר איז אויף זײַן זײַט. מען קאָן קריגן געלט און זיך דורכדרייען ביז זײַן טויט: מען קאָן אָפּגעבן און ווייטער נעמען, אָפּגעבן און ווייטער נעמען. אַזוי אָהן אַ סוף. דער פּלאַן איז געפעלן געוואָרן, און משה האָט געגעבן אַן עצה, אַז דער קאָמיסאַר זאָל אויסקלויבן פאַרן יורש דורכגעטריבענע לאָקייען, מיט וועמען מען זאָל זיך קאָנען שאַפן, וואָס זאָלן קאָנען אויספירן גוט אַ שליחות, איבערהויפּט, בײַ געלט לייען, און דער יורש זאָל קאָנען זײַן רוהיג.

און מען האָט אָנגעהייבן צו אַרבעטן אויף אַלע כלים. משהלע אַליין האָט אויפגעוועקט אַזעלכע אירן, וואָס האָבן נעלט און וואָס ווייסן נישט, וואָס צו טון מיטן נעלט. די ראָזינע אירן האָבן איינגעשטימט און פאַרן יונגען פּריץ האָט זיך אויפגעעפנט אַ נייע וועלט.

איינמאָל איז אָסערעווסקין איינגעפאַלן קומען פּלוצלינג, אומגעריכט קיין פּרוסקע. אַזוי איז געווען איינגעפירט, אַז מיט דריי חדשים פריהער האָט מען אין פּרוסקע שוין געוואוסט פון זיין קומען, מען האָט זיך געגרייט דערצו, און אָסערעווסקי פלעגט אַלץ געפינען אין דער בעסטער אָרדענונג.

נאָר איצט האָט אָסערעווסקי געוואָלט פּלוצלינג קאָנטראָלירן די אויפפירונג פון יורש, פאַר וועמען ער לאָזט איבער אַזאַ געוואַלטיג פאַרמעגן. מיטן ערשטן יורש האָט ער זיך גענאַרט און ער האָט נויטיג באַראַרפט וויסן דעם כאַראַקטער פון דעם נייעם.

אַז אָסערעווסקי איז אַריינגעפאָרן אין הויף, האָט ער געטראָפן אין פּאַלאַץ דעם „פּאַניטש" מיטן קאָמיסאַר, דעם איד משהלע ק. מיט נאָך איינינע אירן און פּריצים. זיין פלעצליכער קומען האָט אַלעמען איבערגעשראָקן. אַ קוק טוענדיג אויף זייערע פּנימער, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז עפּעס נישט גאָר קיין גלאַטע זאַך, און ער האָט גלייך גענומען דעם יונגען „פּאַניטש" אויפן צימבל אין אַ באַזונדער חדר.

— וואָס פאַר אַ געשעפטן האָסטו דאָ מיט די אירן און מיט די איבעריגע, — האָט ער אים שטריינג, ווי זיין שטייגער איז געווען, אַ פרעג געטאָן.

דער יורש האָט זיך פאַרלאָרן און האָט נישט נאָר רייטליך געענטפערט, אַז די אירן האַנדלען מיטן קאָמיסאַר, אַז זיי האָבן מיט אים געשעפט און זיינען זיך איצט צוליב דעם צונויפגעקומען. דעמאָלט האָט אָסערעווסקי אַריינגערופן די לאָקייען איינציגווייז און יעדערן געפרעגט, וואָס ער ווייס פון דעם „פּאַניטשס" אויפפירונג. און דער לאָקיי, וואָס איז שטענדיג אומגעפאָרן מיטן „פּאַניטש" און געוואוסט פון אַלע סורות סכח דעם פאַרליענעם געלט און נאָך זאַכן, האָט אויספירליך פון אַלץ דערציילט אָסערעווסקין.

באַלד נאָכדעם האָט אָסערעווסקי אַריינגערופן צו זיך דעם קאָמיסאַר און האָט אים געזאָגט, אַז ער ווייס פון אַלץ, אַז ער האָט געמאַכט מיטן „פּאַניטש" אַ יר־אחת צו הוליען און צו באַנגבענען אים. נאָר זאָל ער, דער קאָמיסאַר, זיך מורה זיין, וועט ער אים שיינקען דאָס לעבן, אַניט וועט ער אים הייסן פאַרשמייסן אויף טויט.

דער קאָמיסאַר איז געפאַלן צו די פיס און האָט זיך פריהער פונאַנדערגעוויינט און דערנאָך מודה געווען זיך, אַז דאָס אַלץ איז אמת, אַז ער

איז שולריג, איז באַ אים, באַ אָסערעװסקין אין האַנט און בעט איצט רחמים. אָסערעװסקי האָט געשיקט רופן דעם „פּאַניטש“ און אויך דעם לאָקיי סטעפּאַן. דער „פּאַניטש“ האָט געבעטן אויך געמוזט זיך מורה זיין אויף אַלץ, װאָס סטעפּאַן מיטן קאָמיסאַר האָבן דערציילט. דעם קאָמיסאַר האָט אָסערעװסקי מוחל געװען און אַרויסגעשיקט, און דעם „פּאַניטש“ אָבער האָט ער געהייסן געבן אַזוי פיל שמיץ, װיפיל יאָר יענער איז אַלט: צװיי־און־צװאַנציג שמיץ. נאָכדעם האָט נאָך אָסערעװסקי אַלץ געװוכט עפּעס אַ יורש, װאָס זאָל זיך פּאַסן פאַר אַזאַ גרויסע ירושה, װעלכע אָסערעװסקי װעט אים אָפּשרייבן.

צום לעצט האָט ער יאָ עפּעס געקראָגן אַ יורש, אַפילו שוין נישט אַזאַ יונגער. דער איז אַלט געװען אַ יאָר אַכט־און־צװאַנציג. אָסערעװסקי האָט אים אַריינגעשיקט קיין פּרוסקע און אין אַ האַלב יאָר אַרום איז אָסערעװסקי געשטאָרבן.

דער יורש איז געבליבן פּריץ, און די לייב־קנעכט זיינען בטל געװאָרן. רעמאָלט האָט ער פאַרקויפט די מאַיאָנטקעס מיט דער שטאָט קאַמעניץ עפּעס אַ רוס. אָבער דער ראָזיגער רוס איז געװען אַ גרויסער שכור, װאָס איז באַלד אַריינגעקראָכן אין גרויסע חובות און גיך אַװעקגעשטאָרבן. די מאַיאָנטקעס זיינען דערנאָך פאַרקויפט געװאָרן איינציגװייז. אידן האָבן געקויפט אויף קריסטליכע נעמען.

דער אַסעסער האָט פון די אידן געהאַט גאַנץ שיין פּרנסה, אויסער דעם געהאַלט. אַזוי װי עס זיינען געװען מער פון הונדערט קראָמען, און פּאַטענטן אין די קראָמען האָבן אפשר גענומען אַ פיר, פינף קרעמער, האָט דער אַסעסער גענומען דריי רובל אַ יאָר פון יערן קרעמער — און יוצא. און אַזוי איז אויך געװען מיט די שיינקען: מען האָט געצאָלט דעם אַסעסער צען רובל אַ יאָר און פאַרטיג. האָט באַראַרפט קומען דער רעװיזאָר איין מאָל אין יאָר אויף פּאַטענטן, האָט שוין געװאוסט דער אַסעסער מיט אַ פּאָר טעג פריהער. רעמאָלט האָט ער אָנגעזאָגט, אַז מען זאָל אויף דער צייט האַלטן אינגאַנצן צוגעמאַכט די קראָמען. פאַרפאָרן פאַרפאָרט שטענדיג דער רעװיזאָר צום אַסעסער, באַ דער רעװיזיע גייען זיי ביידע צװאַמען מיטן קליוטש־װאָיט און מיט אַכצען ריעסיאַטניקעס, כּרין וכּרת, און אַז מען קומט אַריין אין געסל מיט די צוגעמאַכטע קראָמען, זאָגט דער אַסעסער דעם רעװיזאָר, אַז דאָס זיינען שטעלכלאַך, און זיי שטייען שוין אַזוי אַ צייט מיט יאָרן. דערװייל פאַרפירט ער אים אין די עטליכע קראָמען, װאָס האָבן יאָ פּאַטענטן, און יענער שרייבט שוין אונטער: כּשר! אַגב נעמט דער רעװיזאָר אַ פּופּציגער. דאָס איז שוין אַ טאַקסע מדי שנה בשנה. דער אַסעסער הייסט אויפקלויבן דאָס געלט נאָך איידער דער

רעוויזאָר קומט, און דערנאָך קומט שוין אַ איד און זאָגט, אַז ער איז אַ פאַרשטייער פון שטאָט, און רוקט אים אין יד אַריין דאָס געלט.

אויך האָט דער אַסעסער געהאַט הכנסה פון דעם, וואָס ער איז געווען שטענדיג דער בעל־פשרן צווישן צוויי אידן, ווען זיי זיינען געווען אין קריג. פשרה־געלט האָט ער גענומען לויט דער „דיעלע״. עס פלעגט זיך אָנהויבן פון אַ דרייערל און פלעגט גיין ביז העכער פון צען.

געוואוינט האָט דער אַסעסער, ווי אַ פירשט, אין אַ גרויס הויז מיט אַ גרויסאַרטיגן גאָרטן, מיט אַלע באַקוועמליכקייטן. דערפאַר האָט ער געצאָלט פופציג רובל אַ יאָר עפּעס אַ פּריצטע, וואָס באַ איר אין הויז האָבן געוואוינט אַלע אַסעסערס. האַלט ער אַ פּאָר קי אויף מילך, אַ פּאָר פערד מיט אַ קאָליאַסקע, מיט אַ פורמאַן, וואָס האָט אים אַ גראָשן נישט געקאָסט.

די קאַמעניצער פּריצים פלעגן אַריינשיקן דעם אַסעסער היי אין האָבער און פון אַלעם גוטן, וואָס זיי האָבן געהאַט באַ זיך אין די הויפן. קיין דינער פלעגן אים אויך נישט פעלן. די ריעסיאַטניקעס פלעגן באַדינען.

די פּריצים האָבן אויך געוואוסט, וואָס זיי טוען. וואָרום דער אַסעסער פלעגט זיי פאַר די מתנות פאַרבאָרגן אַלע זייערע פאַרברעכנס, האָבן זיי שוין געמעגט פאַרשמייסן אַ פּויער צי אַ פּויערטע אויף טויט, צעפּראַשקן אַ אידן, וויפיל עס איז אין אים אַריין, קיינער האָט נישט געטאָרט קלאָגן און מאָנען. אַזוי אַרום האָט דער אַסעסער געהאַט פון כל־טוב.

צו די פּריצים פלעגט ער זיך אַלע מאָל פאָרן אין געסט און דאָרט פלעגט ער נאָך פון קאָרטן מאַכן אַ קערבל. וואָרום פאַרשפּילן פלעגט ער קיינמאָל נישט — דער פּריץ פלעגט זיך עקסטרע סטאַרען, אַז דער אַסעסער זאָל אַוועקפאָרן מיט אַ פּאָר רובל אין קעשענע. גלאַט געבן געלט אויף אַזאַ אָפענעם פאַסט דאָך נישט, אָט פלעגט ער כלומרשט פאַרשפּילן באַ אים.

אין מיינע צייטן, געדיינק איך, איז געווען אַן אַסעסער שירינסקי. דאָס איז געווען אַ כיטרער גוי, וואָס האָט געוואוסט ווי צו מאַכן געלט סיי באַ די אידן, סיי באַ די פּריצים. ער האָט געהאַט ממש פעסלאַך, אָנגעשטאָפּטע מיט רענדלאַך. אפשר אַ דרייסיג טויזנט רענדלאַך, האָט מען געזאָגט. ווער עס האָט באַדאַרפט האָבן רענדלאַך, צי אידן, צי פּריצים, פלעגט שוין קריגן באַ שירינסקין, און יענער פלעגט נעמען פאַר אַ רענדל מיט אַ רובל מער.

דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט קאָסטן אַ סך געלט און איז געוואָרן אַ איספּראַווניק אין סאָקאָלקע, גראָדנער גובערניע.

רער טאָג באַ אַ מאַנסבל האָט זיך אָנגעהויבן, פאַרשטייט זיך, מיט ראַװנען. געראַװנט האָט יערערער אין זײַן בית־המדרש. בתּי־מדרשים זײַנען געװען צװײ: אײנער אַ גרױסער, רער אַלטער בית־המדרש האָט מען אים גערופן, און רער נײער בית־המדרש, אַ קלענערער. דערנאָך איז געװען אַ קלײן בית־המדרשל, ר׳ הירשלס האָט מען עס גערופן, און אַ שול און אַ פּאָר שטיבלאַך. זײ אַלע זײַנען געשטאַנען אויף אײן הויף, און פאַרן שול־הויף האָט זיך געצױגן באַם װעג אַ גרױסער גראָבן — אַ טיפער, עטליכע מאַן די טיף. רער ראָזינער גראָבן האָט זיך געצױגן ביזן טײַך. אין גרױסע רעגנס האָט דאָס װאַסער אַראָפּגעשװײנקט די ברעגעס פון גראָבן אַזױ, אַז אין גאַס איז געװען שװער און געפערליך דורכצופאָרן אַ פור. קײן פאַרצױמונג צום גראָבן האָט מען נישט געמאַכט. און נאָך אַ בית־המדרש איז געװען שוין אין אַ װײטערדיגער גאַס, אַראָלינע, װאָס אין אײן זײט גאַס שטײט זעהר אַ הויכער באַרג.

אין רעם ראָזינן בית־המדרש האָט מען שוין געשמועסט פון פּאָליטיק און נאָכן ראַװנען האָבן טײל געלערנט גמרא, טײל האָבן געלערנט משניות. פאַר אַ באַזונדער טיש האָבן אירן צוגעהערט, װי אײנער האָט פאַר זײ געלערנט עין־יעקב. די איבעריגע האָבן גערערט פון שטאָט־זאַכן, פון צדיקים און גאונים. פּאָליטיקער איז געװען נאָר אַ באַזונדער קופּקע אירן, װאָס פלעגן אַלע טאָג, אויבן אָן באַם טיש, פאַרן און נאָכן ראַװנען דערצײלן פון מלחמות, און פון שלומס, און פון װעלט־נײעס, און פון פּאָליטיק. די ראָזינע פּאָליטיקער פלעגן פאָרן צװײ מאָל אין װאָך קײן בריסק געשעפטליך, האָט מען שוין פון דאָרטן געשעפּט נאָר די נײעס.

און אײן טיש איז געװען, װאָס פאַר אים זײַנען געזעסן נאָר אַלטע אירן מיט װײַסע בערר און דערצײלט מעשות פון די פאַרצײַטישע קיסרים און קיסרינעס, פון יעקאַטערינע און פעטער, און פון פּאַװלען, און פון רער מלחמה מיט רוסלאַנר, װאָס נאַפּאָלעאָן האָט געפירט אין צװעלפטן יאָר.

און נאָך אַ טיש איז געװען. דאָ זײַנען געזעסן פרומע אירן און פּרושים, אַזױנע װאָס װאַרפן אַװעק װײַבער מיט קינדער, קומען לערנען אין אַן אַנרער שטאָט, עסן טעג און װערן אויסגעהאַלטן פונרעסטװעגן בכבוד גרול. זײ דערצײלן מעשות פון יענער װעלט, פון גן־עדן מיטן גיהנם, און נאָך אַזעלכע מעשות, שטילע און אומעטיגע.

אַרום די טישן דרײען זיך אַרום יונגע לײַטלאַך, װעלכע עסן קעסט, בעל־הבתּישע זין און אײדעמס, און שמועסן פון די שװערן און שװיגערס און פון גוטע מאכלים, זײ האָבן נישט לאַנג געעפנט גמרות און מכין געװען זיך צו לערנען, נאָר רײדן איז געשמאַקער, לאָזט מען די גמרות אָפן.

אַזיינער צען גייט מען אַהיים עסן. עסט מען אָפּ, און אויב עס איז נישט זונטאָג, האָט מען נישט וואָס צו טון, גייט מען צוריק אין בית־המדרש, זעצט מען זיך ווידער אַרום די טישן, האָט מען כּלומרשט בּרעה צו לערנען, עפּנט מען פונאַנדער די גמרות, נאָר בּיסלעכווייז פאַררערט מען זיך ווידער. און אַז עס נעמען זיך אויס גאָר די רייד, רעדט מען פון חטאים אין שטאָט, פון טרפה־בּיכלאַך, אַפּיקורסות א. אַ. וו.

אין מיינע צייטן זיינען אין קאַמעניץ געווען דריי גבירים, קאַרגע אידן, וואָס האָבן זיך געפּירט ווי קבצנים. איינער מ. ג. האָט פאַרמאָגט אַ הונדערט טויזנט רובּל, האָט ער געוואוינט אין אַ קליין נידעריג הייזל, מיט אַ שטרויענעם דאַך, אָנשטאָט אַ ליכט האָט מען געבּרענט בּאַ אים אייל, און געגעסן האָט מען שוואַרץ בּרויט מיט נישט־געשיילטע קאַרטאָפלעס, און געגאַנגען איז ער אין אַ צעריסענער קאַפּאָטע; און אַז ער האָט בּאַראַרפט צו די פּריצים קויפן סחורה, איז ער געגאַנגען צו־פוס. ער איז געווען דער גרעסטער סוחר פון ווייץ און בּראָנפן.

מען זאָגט, אַז ער איז געוואָרן אַ גביר פון ריסטיטשער פּריץ בּוכעוועצקי, נעבּן קאַמעניץ, פאַר וועמען ער פלעגט אַלץ איינקויפן, און די רעכענונגען פלעגט ער אים מאַכן מיט אַ שטעקעלע אויפן זאַמד. דאָס שטעקעלע איז געווען אויסגעשניטן פונם פּריצ׳ס אַ בּוימל, און מ. האָט אים צוגעשריבּן און געמעקט איבּערן זאַמד. אַזוי אַרום האָט ער אין אַ צייט פון עטליכע יאָר אָנגעקליבּן דעם קאַפּיטאַל.

דער צווייטער קאַרגער גביר ש. ס. איז בּאַוואוסט געוואָרן פאַר אַ גביר פלוצלינג, אויף אַ בּרית בּאַ אַ גוטן פריינט. פריהער איז ער געווען אַ מילנער אין דעם פּריצ׳ס מילן פאַר צען גילדן אַ וואָך, דערנאָך האָט ער געמאַכט אַן אָליווגע צו מאַכן אייל, מיט אַ רעפּטאַק און מיט פערד. נאָר קיינער האָט נישט געוואוסט, פון וואַנען עס האָט זיך צו אים גענומען אַזוי פיל געלט, אפשר פופצען הונדערט רובּל, וואָס די ראָזינע אָליווגע האָט אַן ערך געקאָסט. דערנאָך איז זי אין איין נאַכט אָפּגעבּרענט געוואָרן. האָט ער אָנגעהויבּן פאָרן מיט דעם סוחר א. ט. אין זיין בּריטשקע. ש. ס. פלעגט טרייבּן דאָס פערד, און א. ט., וואָס האָט געהאַט אפשר אַ טויזנט רובּל, איז פלוצלינג געוואָרן אַ גרויסער סוחר פון תּבואה און בּראָנפן. ער איז געזעסן אויבּן אָן אין בּריטשקע, איז אַרומגעפאָרן צו אַלע פּריצים און האָט געמאַכט געשעפטן אויף צענדלינגער טויזנטער רובּל. דאָ האָט אויך קיינער נישט געוואוסט, פון וואַנען האָט זיך גענומען צו א. ט. אַזוי פיל געלט, און אַזוי זיינען אַוועק איניגע יאָר.

איינמאָל איז געווען ש. ס. מיט א. ט. אויף אַ ברית. מען האָט געבראַכט עטליכע פלאַש שטאַרקן ספּירט, געמאַכט אַ פּאָנש, טיי מיט ספּירט, ביז מען האָט זיך גוט אָנגעשכּורט.

האָט מען גענומען טאַנצן אַ רעדל. אַזוי טאַנצנדיג, איז ש. ס. געוואָרן בגלופנדיג, און ער האָט געזאָגט:

— ניט אומזיסט טאַנצט א. ט., וואָרום דאָס, וואָס ער האַנדלט אויף אַזוי פיל צענדליגער טויזנטער רובל, איז פאַר מיין געלט.

איז געוואָרן אַ מהומה, און באַלד אויף מאָרגן איז מען געגאַנגען צו אַ דין־תּורה צעטיילן זיך מיט דעם געלט. עס איז געווען אַ סכסוך אין פינף טויזנט רובל, האָט א. ט. געשוואוירן באַ אַ ספר־תּורה, און ש. ס. איז שוין געבליבן אַליין דער סוחר און דער גביר. און באַ אים האָט מען שוין אָנגעהויבן עסן אַרבעס אָנשטאָט קאַרטאָפלעס מיט שאָלעכץ.

דער דריטער קאַרגער גביר איז געווען ד. ב., אַן אויפגעקומענער גביר, וואָס האָט זיך געמאַכט אַ פאַרמעגן פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס יאַגד.

וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ יאַגד, איז גאָר זיך שווער פאָרצושטעלן. אַזוינס איז נישט געווען זינט די וועלט שטייט. אַ גאַנץ יאָר איז אַהין געפאָרן מיליטער, מען האָט אויסגעמויערט אַ פאַרקאַן אויף אַ קוואַדראַטנעם ווייאָרסט אין אַלע פיר זייטן, און אין מיטן איז געווען אַ טיר־גאָרטן, וואוהין עס זיינען געבראַכט געוואָרן טויזנטער פאַרשיידענע חיות פון דער גאַנצער וועלט, און דער קיסר מיט אַלע אייראָפּייאישע פּרינצן זיינען געשטאַנען אין דער הייך אויפן פאַרקאַן און געשאָסן אין די חיות, וואָס האָבן געהאַט גענוג פּלאַץ צו אַנטלויפן.

האָט ד. ב. געהאַט אַ קרעטשמע נעבן ביעלאָוועזש, אַקוראַט וואו דער גאַנצער אָנגעפּאָרענער עולם האָט זיך געפונען און וואו עס האָט אויך קוואַרטירט דאָס מיליטער.

אין דער צייט פון יאַגד האָט ער געלייזט פאַר אַ גלעזל שנאַפּס דרייסיג קאָפּ. און אַ רובל פאַר אַ בעסערן שנאַפּס. פאַר אַ בולקע האָט ער גענומען דרייסיג קאָפּ., פאַר אַ בויגן פּאַפּיר אויף אַ פּראָשעניע שרייבן צום קיסר — אַ רובל. ער האָט גענומען, וויפיל ער האָט אַליין געוואָלט, און קיינער האָט אים כּמעט נישט געשטערט. און אַזוי האָט ער אָנגעקליבן צוויי־הונדערט־טויזנט רובל, און זיין פרוי, וואָס האָט אויך געמסחרט בעת־מעשה באַזונדער, האָט געמאַכט באַ אַ זעכציג טויזנט זילבערנע רובלס.

האָט שוין ד. ב. געקויפט אַ מאַיאָנטעק באַ אַ טייך, צוויי מייל פון קאַמעניץ, און האָט אויפגעשטעלט אויפן טייך אַ צילינדער־מיל און פאַר־דונגען זיינעם אַ קרוב פאַר זעכצען הונדערט רובל אַ יאָר. גאָר דערזעהענדיג,

אַז דער קרוב האָט פּרנסה, האָט ער די מיל אָפּגענומען, און די זין זיינע האָבן געטראָגן די זעקלאַך אין מיל.

מיט די פיש פון טייך האָט ער אויך געמאַכט אַ תּכלית. ער האָט אָנגערונגען פּויערים אויף צו פאַנגען די פיש. די געפאַנגענע פיש האָט ער געהאַלטן אין טייך אין גרויסע קאַסטנס מיט קליינע לעכלאַך, און יערן ראָנערשטאָג זיינען פון קאַמעניץ געקומען די פיש־סוחרים קויפן בּאַ אים פיש. דער פּרייז איז געווען אַם־העכסטן צוועלף גראָשן אַ פונט.

פאַר פיש האָט ער זיך אָנגעלייזט געננוג, נאָר עסן פיש האָט ער זיך נישט פאַרגינען, אויסער שבת, ווען די בּעל־הבּיתטע פלעגט אויסטיילן צו פיצלאַך פיש.

זיין קאַרגקייט איז שוין אַזוי אין אַלץ געווען. אַפילו די פוטער פון זיינע דרייסיג בּהמות האָט ער זיך אויך נישט פאַרגינען צו פאַרזוכן, נישט נאָר צו עסן.

געווען איז ער אָבער אַ גאַנץ קלוגער איד און אַפילו אַ משכּיל. נאָך רעמאָלט האָט ער שוין געלעזן אַ רוסישע צייטונג. גראָד דאָס האָט ער זיך פאַרגינען צו קויפן און האָט גאָרנישט שלעכט פאַרשטאַנען אַ בּלאַט גמרא.

אַז ער איז געפאָרן קיין וואַרשע קויפן אַ פּאָר שטיינער צום מיל פאַר דריי הונדערט רובּל אין פּראַגע בּאַ סאָרקינען, איז ער איינגעשטאַנען אין אַ גאָרקיך אין פּראַגע, ראָרט געשלאָפן און געגעסן פאַר פופצען קאָפּ. אַ מיטאָג. און קיין וואַרשע האָט ער ניט געוואָלט אַריינפאָרן אָרער גיין צו־פוס: טאָמער וועט זיך פּלוצלינג עפּעס פאַרוועלן קויפן. איז ער אַוועקגעפאָרן פון פּראַגע, און וואַרשע האָט ער נישט געזעהן.

פון די רייכע פאַמיליעס, וואָס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין שטאָט, איז די ערשטע געווען ר׳ יאָניע טרינקאָווסקי. ער האָט געהאַט אַ ווייןְ־שיינק פאַר פּריצים, ראָס הויז איז געווען מעבּלירט אויפן העכסטן אַרט. זיין ווייב, חייטשע, איז געווען די עקרת־הבּית, אַן אשת־חיל, אַ געראָטענע און אַ קלוגע פרוי. רעם ווייןְ־שיינק האָט זי געפירט. בּאַ איר זיינען שטענדיג געווען פּריצים. זיי פלעגן קומען אין די טייערע פערד, מיט די אויסגעפּוצטע קוטשערס, נאַשפּיץ, צו צוויי פּאָר פערד אין דער ליינג, מיט אַ לאָקיי. אַנדערע פלעגן נאָך קומען מיט אַ טרומייט.

בּאַ חייטשען האָט מען געקאָנט קריגן טייערע ווינען, די בּעסטע ציגאַרן און גוטע געריכטן, און פאַרדינט פון די פּריצים האָט זי איבּער געננוג, דערצו נאָך איז איר מאַן ר׳ יאָניע געווען אַ משולח פון בּיאַליסטאָקער פאַבּריקאַנטן. ער פלעגט אויפקויפן וואָל אין רוסלאַנד.

ער פלעגט פאַרדינען באַ אַמאָליגע יאָרן, בעת אַ קאָפּיקע איז געווען ווי איצט אַ רובל — דריי טויזנט רובל אַ יאָר. אָבער זיי האָבן געפירט אַן אומגעהויער רייך לעבן און די אַלע געלדער האָט מען פאַרלעבט.

איז יאָניע געקומען פון וועג, האָט ער געשיקט רופן דעם בעדער און אים געגעבן דריי רובל אויף צוויי פורלאַך האָלץ — צו באַהייצן פאַר אים די באָד, און דער בעדער איז געגאַנגען איבער די גאַסן און גערופן אויפן קול אין באָד אַריין; און אַזוי ווי דאָס פלעגט דאָס רוב טרעפן אין מיטן וואָך, האָט שוין דער עולם געוואוסט, אַז ר׳ יאָניע איז געקומען צופאָרן, און כאָטש דער בעדער פלעגט רופן אין באָד אַריין, פונדעסטוועגן פלעגן די בעלי־בתּים קומען בעטן באַ ר׳ יאָניען, ער זאָל זיי ערלויבן גיין אין זיין באָד אַריין. ר׳ יאָניע, וואָס איז בטבע געווען אַ גרויסער בעל־גאוה, האָט דערפון זעהר הנאה געהאַט.

באַ זיך אין שטעטל האָט ער געשפּילט אַ מין ראָטשילד־ראָליע און אַזוי זיינען שוין אויך געווען זיינע זין, טעכטער, איידעמס און שניר. און גאַנץ שיינע נגידישע יונגעלייט האָבן געהאַט אַ זכיה, אַז זיי האָבן געערדט מיט ר׳ יאָניעס קינדער, און ווען ר׳ יאָניע אָדער די קינדער האָבן מיט עמיצן געערדט, האָט עס אויסגעוויזן, ווי ער טוט יענעם אַ טובה, וואָס איז ניט אָפּצושאַצן.

ר׳ יאָניען האָט מען קיינמאָל נישט געזעהן גייענדיג אין גאַס, ער האָט זיך געהאַט זיין בית־המדרש, אויף אַן אויבער־שטיבל באַ זיך אין הויף.

אין שטוב איז געווען זילבערנע טיש־געשיר, לייכטער און שבתניקעס פאַר אַ פּאָר טויזנט רובל, אָבער אַ טויזנט רובל מזומן האָט ער מסתּמא זיכער נישט געהאַט.

אַ צווייטע פאַמיליע פון דעם שניט איז געווען ר׳ יאָניעס איידעם רור־יצחק. ער האָט אויך געהאַט אַ וויין־שיינק, און האָט אויך געשפּילט אַזאַ ראָליע ווי זיין שווער.

באַ אים אין הויז איז נאָך געווען דער „פּרעס" בעסער, ווי באַ חייטשען, דהיינו: מען האָט איגדערוואָכן געגעסן קאָטלעטן, געפּרעגלט אין שמאַלץ, און גענז, און הינער, און ענדיקעס.

רור־יצחק האָט אויך געהאַט אין טיקטין אַ רייכן טאַטן, ר׳ ישעיה־חיים. יענער האָט אויך געהאַט אַ גרויסן וויין־שיינק און אַ זעכציג טויזנט רובל מזומן. אויף אים האָט מען געזאָגט, אַז זילבערנע כּלים אין שטוב האָט ער אפשר ביז צען פור. ער האָט נאָכגעטאָן דעם גרויסן ביאַליסטאָקער גביר ר׳ איצעלע זאַבלוראָווסקי, וואָס האָט געשפּילט באַ אירן אין רוסלאַנד אַ ראָליע פון אַ ראָטשילד.

מיט די גראָדנער גובערנאַטאָרן, וואָס האָבן זיך אין זיין צייט געביטן, האָט ער געלעבט ווי מיט ברידער, און אַז דער ביאַליסטאָקער פּאָליצמייסטער האָט ניט נושא חן געווען בּאַ די אידישע פּני־העיר, איז מען געקומען צו ר׳ איצעלען בעטן אַן אַנדערן פּאָליצמייסטער. האָט ער דערויף געזאָגט:

— איבער אַכטטאָג אין דער צייט וועט איר האָבן אַן אַנדער פּאָליצ־מייסטער, אירעלאַך.

און ער האָט געשיקט אַ בריף צום גראָדנער גובערנאַטאָר, אַז דער פּאָליצמייסטער טויג נישט. דער גובערנאַטאָר האָט בּאַלד משלח געווען דעם פּאָליצמייסטער, אַוועקגעשיקט אים אין אַן אַנדער שטאָט, און ביאַלי־סטאָקער אידן האָבן געקראָגן אַ נייעם פּאָליצמייסטער.

רוד־יצחקס פאָטער, ר׳ ישעיה־חיים, האָט געלעבט מיט ר׳ איצעלען זעהר גוט און נאָכגעטאָן יענעם אין דער פירונג. דעם זון האָט ער פיל געשטיצט.

אַז רוד־יצחק האָט בּאַדאַרפט חתונה מאַכן אַ קינד, איז שוין ניט געווען זיין דאגה. דער פאָטער האָט געגעבן טויזנט רובל נדן. דאָס איז דעמאָלט געווען פון די גרעסטע נדנען, און דערבּיי האָט ער געגעבן אויף די גאַנצע חתונה־הוצאות מיט מלבושים, פיר הגבירים.

אַז רוד־יצחק האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, האָט דער פאָטער אַריינגעשיקט אַ פורגאָן זילבערנע געשיר, לייכטער, שבתניקעס, און אויף דער חתונה זיינען געשטאַנען זילבערנע שבתניקעס אויף דער ערד, וואָס האָבן דערגרייכט ביז איבערן טיש, און אין אַלע פענסטער האָבן געגלאַנצט זילבערנע לייכטער און אַנדערע זילבערנע געשיר.

און אויב אַזאַ חתונה איז אויסגעפאַלן פאַר פּסח, בּעת עס טרעפן גרויסע בלאָטעס, האָט מען אויסגעלעגט אויפן גאַס ברעטער פון רוד־יצחקס הויז ביז דער שול.

און כלי־זמר פלעגן זיך צונויפפאָרן פון די צוויי אויעזדנע שטעט: בריסק און קאָברין. עס האָט געקערט די שטאָט.

דערהויפּט האָבן זיך אין יענע צייטן אויסגעצייכנט די כלי־זמר פון קאָברין מיט ר׳ שעבסלען אין דער שפּיץ, וועלכער האָט נאָר קיין נאָטן ניט געקענט. נאָר ער האָט מיט זיין שפּילן געקאָנט מאַכן, אַז דער גאַנצער עולם זאָל זיך צעוויינען.

די זיסקייט פון זיין שפּילן איז אין לשער.

דער שעבסל איז געוואָרן אַזאַ מפורסם, אַז עס האָט דערגרייכט זיין נאָמען ביז פּאַסקעוויטש, דעם פוילישן נאַמעסטניק. יענער האָט געשיקט נאָך אים, און שעבסל האָט געשפּילט אַליין מיט זיין פידל.

פּאַסקעוויטש איז איבערראַשט געוואָרן און האָט אים פאָרגעלעגט זיך טויפן. און בּאַלד האָט ער אים געפרעגט, צי קאָן ער שפּילן אויף נאָטן. שעבּסל האָט אומשולדיג געענטפערט:

— איך קאָן נישט.

— ניטשעוואָ — האָט אים פּאַסקעוויטש אָנגעפּאַטשט אין פּלייצע, איך וועל דיך אויסלערנען נאָטן, נאָר דו זאָלסט זיך טויפן.

דעמאָלט האָט שוין ר׳ שעבּסלען פאַרדראָסן, און ער האָט געזאָגט, אַז ווען מען זאָל אים מאַכן פאַר אַ פירשט, וואָלט ער עס אויך נישט געוואָלט.

פּאַסקעוויטש האָט אים דאָך אָפּגעהאַלטן בּאַ זיך דריי טעג.

אַלע אָוונט פלעגט ער פאַרבּעטן צו זיך די פאָרנעמסטע געסט, און שעבּסל האָט געשפּילט צום מיטאָג בּאַם טיש אַ צוויי, דריי שעה.

קיין וויין, קיין שנאַפּס האָט שעבּסל נישט געוואָלט בּאַ אים פאַרזוכן, עסן האָט פּאַסקעוויטש געהייסן בּריינגען פאַר אים פון אַ אידישן רעסטאָראַן.

אַז פּאַסקעוויטש האָט דערזעהן, אַז ער קאָן מיט אים גאָרנישט מאַכן, האָט ער אים געגעבּן טויזנט רובּל מיט אַ דיפּלאָם, וואו ער האָט געשריבּן, אַז שעבּסל האָט אַ געטליכן מוזיקאַלישן טאַלענט, נאָר ער איז נישט געלערנט.

בּאַם געזעגענען האָט ער אים געזאָגט, אַז ער וואָלט אים פאָרגעשטעלט דעם קיסר און שעבּסל מיט זיין פאַמיליע וואָלטן געווען גליקליך, און אפשר דאָס גאַנצע פאָלק ישראל. נאָר שעבּסל האָט זיך אַרויסגעמאַכט און איז בּשלום אַוועקגעפאָרן.

פון די טויזנט רובּל האָט שעבּסל געקויפט אַ שטוב און איז ווייטער געפאָרן אויף אַלע גבירישע חתונות אין גאַנץ גראָדנער גובערניע. ס׳איז נישט געווען קיין איין גבירישע חתונה, וואו שעבּסל זאָל נישט שפּילן. ער האָט געהאַט אַ קאַפּעליע בּיז אַכט פערזאָן.

אויך האָט ער געהאַט אַ בּדכן, איינער אַ טודרוס. דאָס איז אויך געווען אַן אויסגעכאַפּטע זאַך, זעהר אַ געראָטענער, און אויף יעדער חתונה פלעגט ער בּאַלד פאַרפאַסן נייע קופּלעטן, וואו עס זיינען געווען אָנגעוויזן די אַלע מחותּנים, מיט זייערע נעמען און פאַמיליעס.

בּאַם בּאַדעקן חתן־כּלה פלעגט ער אַזוי רירנדיג ריידן, וואָס אַז מען וואָלט געווען געקנאָטן פון אייזן, וואָלט מען אויך געמוזט צעגיין פון געוויין, און דערבּיי נאָך שעבּסלס צושפּילן!

בּאַ יעדער גבירישער חתונה פלעגן בּאַם בּאַדעקן חתן־כּלה די געוויינען מיט די יאָמערייען כאַפּן ער לשמים, די ווייבּער פלעגן פראָסט צעגיין פון געוויינען, בּיז מען האָט געבּעטן טודרוסן און ר׳ שעבּסלען, זיי זאָלן מאַכן אַן עק, וואָרום די ווייבּער האָבּן שוין נישט קיין כּח צו וויינען.

אין דער קאַפּעליע האָט אויך נישט אויסגעפעלט קיין װיצלער, ראובעלע, שוין אַן עלטערער איד אַפילו, נאָר בײַ זײַנע װיצן, בײַם טיש, בײַ דער סעודה, פלעגט מען װידער צעניין לאַכנדיג.

די װײַבער פלעגן זיך אַזוי פונאַנדערלאַכן, אַז זיי פלעגן בלײַבן אָהן כּחות. האָט מען װידער געמוזט בעטן, אַז עס זאָל שוין זײַן גענוג, װאָרום די װײַבער האָבן שוין מער קיין כּח נישט צו לאַכן.

איינמאָל, געדיינק איך, אויף אַ חתונה בײַ אונזער פאַמיליע, איך בין נאָך געװען אַ אינגל, האָט ראובעלע געזאָגט פאַרן עולם בײַ דער װעטשערע:

— איך װעל אייך פרעגן אַ רעטעניש, — האָט ער געזאָגט — און װער עס װעט נישט טרעפן די רעטעניש, זאָל געבן צען קאָפּיקעס.

מען האָט געשטעלט אַ טעלער, און ראובן האָט געפרעגט:

— רבותי! װי קאָן דאָס אויסקומען, אַז פיר מענשן זאָלן זיך צעטיילן מיט דריי עפּל, און יעדערער זאָל באַקומען אַ גאַנצן עפּל?

געװיינטליך, האָט קיינער נישט געװאוסט. האָט מען געװאָרפן צען קאָפּ. אין טעלער, און אַז עס האָט זיך צונויפגעקליבן אַכצען קערבלאַך, גייט ראובן און נעמט זיך גאַנץ געלאַסן דעם טעלער מיטן געלט און שיט אַרײַן צו זיך אין קעשענע. דערנאָך שטעלט ער צוריק דעם ליידיגן טעלער אויפן טיש און זאָגט:

— רבותי! איך װייס אויך נישט, נאַט אייך צװאַנציג גראָשן, װי מיר האָבן אָפּגערעדט.

געװיינטליך, איז געװאָרן אַ גרויס געלעכטער און ראובעלע האָט מיט דעם װיץ פאַרדינט אַזוי פיל, װיפיל ער פאַרדינט קוים אויף דריי חתונות.

אַז דוד־יצחקס װײַב, חייטשעס טאָכטער, די גרויסע בריה, איז געשטאָרבן, האָט ער גענומען אַ צװייטע װײַב. אין אַ קורצע צייט — אַ דריטע, און האָט אָנגעהויבן פאַלן אין מעמד און שוין אויפגעהערט שפּילן אַזאַ גרויסע ראָליע.

נאָר ישעיה־חיים האָט געשטיצט זײַן זון און האָט אים אויפגעהאַלטן אויף די פיס. אָבער ער האָט שוין נישט געשפּילט אין שטאָט די פריהערדיגע ראָליע, װי װען זײַן פרוי, ר׳ יאָניעס טאָכטער, האָט געלעבט. זי איז געװען אַ גרויסע בריה אין געשעפט און אַ חכמה; צו איר פלעגן אויך פאַרפאָרן פיל פריצים, אָבער נאָך איר טויט, בעת דוד־יצחק האָט גענומען טוישן די װײַבער, זײַנען כּמעט אַלע פריצים אַװעק צו ר׳ יאָניען, בײַ װעמען עס איז געװען דער ערשטער װיין־שיינק ביזן אויפשטאַנד אין דרייַ־און־זעכציגסטן יאָר.

נאָך זײַן װײַבס טויט האָבן געפירט דאָס געשעפט אַ שנור מיט אַ טאָכטער.

די דריטע פֿאַמיליע איז געווען מײַן זיידע ר׳ אהרן־לייזער און זײַן ברודער מרדכי־ליב קאָטיק. זיי האָבן זיך אויך ברייט געפֿירט, נאָר בײַ זיי אין די גרויסע שטובן זײַנען געווען פּראָסטע, גרויסע טישן און בײַנק, און די גאַנצע הנהגה איז געווען מער אַ פּאָלקסטימליכערע. באַשעפּטיגט האָבן זיי זיך אויך מיט שײַנקען פֿון אַ פּראָסטערן שניט, נאָר געלעבט האָט מען ברייט, רײַך, גרויס, אַז עס מעג זיך אַפֿילו נאָך היינט שעמען אַ װאַרשעװער גביר אַנטקעגן זייער לעבן.

זײַן ברודער מרדכי־ליב קאָטיק איז געװען אַ לערנער, און װי אַ לערנער, האָט ער, פֿאַרשטייט זיך, אין דער יוגנט צום לעבן קנאַפּ װאָס געטויגט. אַז זייער פֿאָטער איז געשטאָרבן, איז געבליבן אַ גרויס הויז אין מיטן מאַרק, מיט אַ שײַנק און דרײַ טויזנט רובל געלט. האָט ער, דער זיידע, דאָס הויז אַװעקגעגעבן דעם ברודער, מרדכי־ליב, און דאָס געלט האָט ער צעטיילט פֿאַר די שװאָגערס, גרויסע לומדים, און פֿאַר דער פֿאַמיליע. ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף קיין געלט נישט, װאָרום ער קאָן פֿאַרדינען צום לעבן און זיי קאָנען נישט.

דער ברודער, מרדכי־ליב, האָט שטענדיג געהאַט פּרנסה בשפע, און אַזוי װי די פּרנסה איז געװען נאָר אין די זונטאָגן און אין די ירידים, האָט ער די גאַנצע װאָך געלעבט זעהר רוהיג. ער האָט געמאַכט בײַ זיך אַ מנין די גאַנצע װאָך און שבת; געדאַװנט האָבן בײַ אים אַמײַנסטן פֿון המון. ער אַליין איז געװען בעל־קריאה און בעל־תּפילה און שופֿר־בלאָזער; שבת האָט ער געלערנט פֿאַרן עולם חומש.

אינדערװאָכן האָט ער אַלע טאָג געלערנט פֿאַר זיך אַ בלאַט גמרא און מדרש. דאָס איז געװען פֿאַרן דאַװנען, גאַנץ פֿריה און באַנאַכט, און דעם גאַנצן טאָג זײַנען בײַ אים געװען שטענדיג פֿולע שטובן מיט מענשן, בעלי־בתּים, און דאָרט פֿלעגט גערעדט װערן פֿון אַלע נײַעס, און פֿון ראָטשילדן, און פֿון װאָס דער קיסר עסט און טרינקט, און דערנאָך פֿלעגט ער, מרדכי־ליב, שפּילן אין „ראַמקעס“ מיט זײַנע בעלי־בתּים.

בײַ דעם גרויסן טיש האָט מען זיך פֿאָרטגעזעצט די מעשות פֿון מלכים און פֿירשטן און מכּח די נסים ונפֿלאות פֿון אונזערע גאונים, און מרדכי־ליב, שפּילנדיג אין „ראַמקעס“, פֿלעגט זיך אַגב צוהערן צו די מעשות.

ער איז געװען זעהר אַן ערליכער און אַ װאָרהאַפֿטיגער, און בעת ער פֿלעגט נײַן אַ גאַנג מיט אַ פּעשקע, פֿלעגט ער אגב אונטערכאַפּן, װי עמיצער זאָלט איבער די מעשה, אָדער דערציילט גוזמאות, און ער פֿלעגט זיך בעטן:

— מען זאָל נישט ריידן קיין שקרים, גוזמאות, מאוס!

געווען איז ער דער ערשטער מוהל אין שטאָט. כמעט אַלע טאָג, פון אַכט אין דערפריה ביז צוועלף אַזייגער מיטאָג־צייט, פלעגט ער זיין אין שטאָט און אַרום אין די דערפער אויף בריתן, און דאָרטן פלעגט ער נישט פאַרזוכן פון געגרייטן טיש, וואָס אַ האָר איז ווערט. טרינקען אוראי נישט. נאָר מיטנעמען מיט זיך אַ שטיקעלע לעקעך — דאָס יאָ. דאָס שטיקעלע לעקעך פלעגט ער ברייננגען אַהיים פאַר דעם ווייב און קינדער. זאָלן זיי עסן כאָטש צו פּיצלאַך לעקעך פון אַ ברית.

— דאָס איז אַ מצוה! — פלעגט ער זאָגן.

אויף די שמחות אין דער אייגענער משפחה איז שוין זיין עובדה געווען סאַרזווערייי. און האָט זיך געמאַכט אַ חתונה צי אַ ברית, פלעגט ער שוין אַרומפליהען אַ פאַרשמייעטער, אַ פאַרשוויצטער, דערלאַנגען צום טיש, אויס־שטעלן די טעלער, און יונגע־לייט, בחורים און מיידלאַך, פלעגן אים באַהילפיג זיין. איז געקומען צום בענטשן, האָט ער ערשט געמאַכט צו אַלעמען לחיים מיט אַ גלעזל זיסן שנאַפּס און פאַרביסן מיט האַרטן קעז, וואָס איז באַ אים שטענדיג געווען גרייט צו אַזאַ פאַל.

באַ אים איז געווען איינגעפירט אַ מין לייי־קאַסע פאַר די מאַרק־קרעמער און פאַרלייען פלעגט ער ביז אַ פינף־און־צוואַנציגער. קיין געלט האָט ער אַליין קיינמאָל נישט געהאַט, ווייל זיין אויסגעגעבענער זון, אַ בן יחיד, האָט זעהר ברייט געלעבט. פלעגט מרדכי־ליב שיקן לייען באַ אַנדערע און פאַרלייען די קרעמער. אָט אַזוי האָט ער זיך געפירט דאָס גאַנצע לעבן זיינס ביז עטליכע און זיבעציג יאָר.

עס איז שווער צו זאָגן, צי האָט מרדכי־ליב פאַר זיין גאַנץ לעבן אויפגעגעסן ווען אַ פרעמדן מיטאָג, אַפילו פאַר געלט אויך נישט.

אַז ער פלעגט דאַרפן פאָרן קיין בריסק, פינף מייל פון קאַמעניץ, פלעגט ער נעמען אַ ביטקע, ד. ה. אַ וועגל אויף צוויי רעדלאַך מיט אַ גוטן פערד און געפאָרן איז ער אַליין. ער האָט ליב געהאַט גיך צו פאָרן, און אין פינף שעה צייט איז ער געקומען קיין בריסק. אין בריסק האָט ער העכסטנס פאַרבראַכט אַ שעה צען.

אין ביטקע האָט ער מיט זיך געהאַט אַ פלעשעלע זיסן בראָנפן מיט מאָגערן קעז, אַ פאָר קיכלאַך — האָט ער אויפן וועג געגעסן. אין בריסק האָט ער שוין נישט באַדאַרפט עסן. און מער קיין נסעות האָט ער נישט געמאַכט, כדי ער זאָל נישט דאַרפן עסן פרעמדס, אַפילו פאַר געלט.

זיין ווייב, חיה־גיטל, איז געווען אַ בריה און אַ גרויסע בעל־צדקה. זי פלעגט געבן גרויסע נדבות און אַ סך, און שטענדיג האָט זי געטראָגן אַ לעדערנע קעשענע, פון וואַנען זי האָט געשעפּט און געטיילט, נישט

נעצײלט, אײנעם — אַ קלענערן הױפֿן געלט, אַ צװײטן — אַ גרעסערן הױפֿן קופּער.

בּאַ איר פֿלעגן עסן אַ זעקס תּלמוד־תּורה־אינגלאַך. אַלע טאָג האָט זי זײ געגעבּן פֿון רעם בּעסטן און זעהר פּרײנטליך; אויך זײנען געװען עלטערע, געמײנע אידן, װאָס פֿלעגן עסן בּאַ איר. װײטער האָבּן נישט אויסגעפֿעלט בּאַם טיש קײן מגידים און דרשנים, און חזנים, און רבּנים, װאָס פֿלעגן אָפּטער קומען צופֿאָרן קײן קאַמעניץ.

און בּאַזונדער האָט שטענריג געגעסן אַ פּרוש, װאָס האָט עטליכע און פֿערציג יאָר געלערנט אין קאַמעניץ אין נײעם בּית־המדרש. דער „פּאַנטשאָשניק“ האָט מען אים גערופֿן. מען האָט אים געהאַלטן פֿאַר אַ מקובל, און אין בּית־המדרש האָט ער געהאַט אַ גרויסן זאַק מיט קבּלה־ספרים און פֿלעגט לערנען אַלע טאָג מיט אַ ניגון.

בּאַ אים איז געװען אַ רײן רין קול, װאָס פֿלעגט אַלעמען צוציהען.

שבּת פֿלעגט ער לערנען בּאַ מרדכי־ליבּן אין שטוב פּרק און מדרש. האָט ער דערצײלט פֿון גן־עדן און דאָס איז געװען עפּעס אַזױנס, װאָס מען געפֿינט עס נישט אין קײן אידישן ספר. פֿון גיהנם האָט ער קײנמאָל נישט דערמאָנט.

אין גן־עדן האָט זיך געפֿונען פֿון אַלע בּעסטע, פֿײנסטע און געשמאַקסטע זאַכן, װאָס אַ מויל קאָן נאָר אַרויסרײדן, און זאָגן פֿלעגט ער פֿאַרן עולם מיט אַזאַ שײנעם ניגון, מיט אַזאַ זיס קול, אַז עס פֿלעגט זיך דוכטן, אַז ער אַלײן איז דערבּײ געװען.

אַז עס איז געקומען אַמאָל דער קעלעמער מגיד אין קאַמעניץ זאָגן מוסר, האָט אים מרדכי־ליבּ אָפּגעהאַלטן אַ חודש צײט בּאַ זיך. מען האָט אים געגעבּן עסן און טרינקען כּיר המלך, און אַז ער איז אַװעקגעפֿאָרן פֿון קאַמעניץ, האָט ער אויסגעזעהן דיק, װי נאָך אַ ראַטשע.

אין מרדכי־ליבּס גליקליך לעבּן איז דאָך געװען אײן פֿעלער: ער האָט נישט גוט געלעבּט מיט זײן װײבּ, חיה־גיטל. שטענריג פֿלעגט ער זײן בּרוגז מיט איר און אָפּטון פֿלעגט ער איר דערמיט, װאָס ער האָט ניט געגעסן.

אײגנטליך האָט ער שוין אַזאַ טבע געהאַט צו פֿירן בּרוגזן. דאָ איז ער געװען בּרוגז מיטן זון און דאָ מיט די אײניקלאַך. דאָס האָט אים אָפּטער געשטערט דאָס לעבּן. אָבּער אויסער אָט די געװײנהײט זײנע איז ער, אפשר, געװען דער גליקליכסטער אין דער װעלט. דערצו איז ער געװען אויסערליך זעהר שײן: אַ בּרײטער, מיט אַ פֿריש פּנים, בּלוט און מילך, מיט אַ גרויסער שװאַרצער בּאָרד — אַ פּאַרשוין!

נאָך אַ פֿינפֿטע פֿאַמיליע איז געװען: חײטשעס אַ שװאָגער, ר׳ שמחה־לײזער. דאָס איז געװען אַ גרויסער למדן, אַ פֿרומער און אַ חכם, אַ

גרויסער בעל־מרה, אַ זועלטענער איר. האָט אים נאָך אָבער געשפּילט דאָס גליק, און איינמאָל האָט ער געוואונען אויף דער זאַקסישער לאָטעריי, מיט אַ יאָר אַכציג צוריק — פינף־און־צוואַנציג־טויזנט רובל ריין געלט. האָט ער באַלד געמאַכט אַ סך הכל מיט דעם געלט אויף אַזאַ אופן: פינף טויזנט רובל האָט ער אַוועקגעגעבן צדקה. לויט דעם דין פון תּלמוד טאָר מען מער ווי אַ פינפטל צדקה נישט געבן. דריי טויזנט רובל האָט ער געגעבן נדן זיין טאָכטער און האָט גענומען אַ גרויסן עלוי פון ביאַליסטאָק. דער איידעם איז אין אַ קורצער צייט אַרום קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. האָט ער אים אָפּגעקאָסט זעקס טויזנט רובל און פאַר דעם רעשט געלט האָט ער אין בריסק געקויפט צוויי קראָמען געמויערטע. פון זיי האָט ער געהאַט הכנסה פינף הונדערט רובל אַ יאָר.

האָט ער נאָך דערצו געקויפט אין קאַמעניץ פעלדער, אַ קליין מאַיאָנטיקל, מיט זעהר פרוכטבאַרער ערד, אַזוי אַז אירן האָבן עס גערופן „עפרות זהב“, גאָלדענע ערד, און האָט שוין געהאַט זיין פרנסה. דאָס ווייב ויינס, לייקע, האָט געפירט דאָס געשעפט פון די פעלדער, און ער איז געזעסן יומם ולילה און געלערנט. איך געדיינק, ווי ער פלעגט זיצן אין אַלטן בית־המדרש גאַנצע נעכט און לערנען ביז עלף אַזייגער. איך האָב אים זעהר ליב געהאַט.

די גרויסע לומדים פלעגן קומען צו אים ריידן פון תּורה, וואָס איז זיי געווען צומאָל האַרב פאַרן מוח. דערנאָך איז ער געגאַנגען אַהיים, זעהר ווייט, אפשר מער ווי אַ וויאָרסט וועג, האָט אָפּגעגעסן פרישטיג און ווייטער געלערנט. ספרים האָט ער געהאַט פאַר אַ פינף טויזנט רובל. פון פריהער האָט ער אויך געהאַט אַ סך ספרים און נאָכן געווינס האָט ער צוגעקויפט. די ספרים זיינען געווען זעהר שיין געבונדן.

געווען איז ער בטבע זעהר אַ גוטער און אַן עניו. צו אַלע מענשן האָט ער זיך באַצויגן גלייך, און קליינע קינדער האָבן אים ליב געהאַט, ווי שמואל הנביא, און טאָמער האָט ער גערעדט, איז עס געווען שטיל, בנחת, און קיין כּעס, חלילה, האָט זיך באַ אים נישט געפונען, אַזוי ווי עס איז נישטאָ אין וואַסער קיין פייער.

אַלע זומער פלעגט ער רופן די לומדים פון שטאָט צו מאַכן שמורה: ווי באַוואוסט, איז דאָס ווייצענע תּבואה, נישט קיין איבערגעוואַקסענע, און דערויף טאָר נישט אַרויפקומען קיין וואַסער. אָבער די ווייץ, געווייינטליך, האָבן גוים געשניטן, גוים געדראָשן און גוים געמאָלן — און דאָס איז שוין אייגנטליך אַ שטיקל פּנימה געווען פאַר אונזער ר׳ שמחה־לייזערן.

האָט ער שוין אַליין איינגעקויפט קליינע, שאַרפע סערפּלאַך אויף שניידן תּבואה, און, פאַררופנדיג אַ פאָר מנינים לומדים, פּרושים, יונגע־לייט,

װעלכע זיצן און לערנען, איז ער מיט זיי געגאַנגען אין פעלד, האָט זיי געלערנט װי צו שניידן און אָפּגעשניטן...

די אָפּגעשניטענע װייץ האָט ער סנאָפּעסװייז אַריינגעלעגט צום טריקענען אין אַ שאָפּע. אַז די װייץ האָט אויסגעטריקנט, האָט ר׳ שמחה־לייזער און די לומדים געדראָשן מיט שטעקנס, װאָס זיינען געמאַכט געװען צום דרעשן, און נאָכן דרעשן האָט ער שוין געהאַט בײַ זיך אין שטוב אַ טיש־מיל, װאָס ער האָט זי אָפּגעקויפט פאַר אַ פּאָר הונדערט רובל, מיט שטיינער, מיט אַ קאָלבע, און די לומדים האָבן געדרייט די קאָלבע און אַ טייל האָט אויפגעקליבן אין שיינע בעקנס די מעל און אַריינגעשאָטן אין די שיפלאָרן פון אַ גרויסער שאַנק מיט לעכעלאַך. די מעל האָט געװאַרט ביז נאָך פורים. דעמאָלט האָט ער פאַררופן ריזעלבע לומדים, און מען האָט געבאַקן די שמורה; דערויף האָט ער געמאַכט גלעזערנע װעלגער־האָלצן, און בײַ די אַלע אַרבעטן האָט מען זיך געפרייט.

איידער מען איז געגאַנגען אַרבעטן, האָט מען געגעסן פיר הגבירים און דערביי געערדט תורה. און נאָך דער אַרבעט האָט מען װייטער געגעסן און געערדט תורה.

װער עס האָט נישט געזעהן זייער שמחה בײַם שניידן, טריקענען און מאָלן די תבואה און דערנאָך דאָס באַקן, יענער האָט נישט געזעהן קיין שמחה אין זיין לעבן.

אַז די שמורה איז שוין אַרויסגעקומען פון אויװן, האָט ער דערפון אויסגעטיילט צװישן די לומדים־אָנטיילנעמער חלקים אויף גאַנץ פסח. און אַזוי װי די חלקים פלעגן זיין נישט גאָר קיין קליינע, פלעגן די לומדים פאַרקויפן שמורה־מצות און לייזן שטענדיג שיינע עטליכע רובל אויף יום־טוב.

אַזוי איז געװען אַלע יאָר. און אַזוי האָט געלעבט אַ שיינער איד אַמאָליגע יאָרן: זיין צדקה איז געװען גרויס, זיינע מצװת זיינען געװען גרויס און זיין שיינקייט איז געװען גרויס.

געשטאָרבן איז ר׳ שמחה־לייזער נישט קיין אַלטער: צו אַ יאָר זעכציג.

אָט די פינף פאַמיליעס זיינען געװען די פערל אין שטאָט. דערצו זיינען זיי נאָך אויך געװען רייך. אָבער דאָס שטעטל גופא איז געװען אָרים, און מען האָט זיך געמאַטערט אויף דעם אָרימען שטיקל ברויט. אַ גאַנצע װאָך האָט קיינער נישט פאַרזוכט קיין פלייש. אפילו זעמל און פריש געבעקס האָט מען נאָר געגעסן אין געציילטע הייזער. אַ גאַנצע װאָך האָט מען געגעסן שװאַרץ ברויט, װאָס יעדערער פלעגט באַקן פאַר זיך איין מאָל אין װאָך, אָדער איין מאָל אין צװיי װאָכן, װייל מען האָט געהאַלטן, אַז װאָס דאָס ברויט איז עלטער, אַלץ װייניגער װעט מען עס עסן. אין דערפריה האָט מען געגעסן קרופּניק, גריץ מיט קאַרטאָפל, אָדער מען האָט אַריינגעטאָן אין אַ גרויסן

טאָפּ קרופּניק פאַר אַ פאַמיליע פון אַ זעקס פּערזאָן אפשר צוויי לויט פּוטער, אָדער אַ האַלבע קוואַרט מילך, אָדער אַמהעכסטן אַ גאַנצע קוואַרט מילך, וואָס האָט געקאָסט אַ קאָפּיקע.

מיטאָג האָט מען געגעסן באָרשט מיט ברויט און פאַרביסן מיט אַ שטיקל הערינג צי אַ שטיקעלע פּוטער. אויף וועטשערע האָט מען געקאָכט פאַרפל צי לאָקשן מיט רערזועלבער פּאָרציע מילך. די געמיינערע האָבן געמאַכט לאָקשן פון קאָרענער מעל.

שבת האָבן אַלע אידן, אַפילו די אָרימסטע, געגעסן פיש, נגידים האָבן געקויפט די גרויסע פיש, און די אָרימע — די קלייניטשקע פישלאַך, וועלכע מען האָט צעהאַקט מיט ציבעלעס און געמאַכט דערפון אַזוינע קוילן. פיש האָט מען געהאַט פון איינענעם טייך. אַ האַלבער גילדן אַ פונט איז שוין געווען טייער, און אַז עס האָט אַמאָל געכאַפּט צוואַנציג גראָשן אַ פונט פיש, איז געוואָרן אין שטאָט אַ מהומה און אַ געפילדער אויף דער גרויסער רציחה, וואָס די פישער קויפן אויס די פיש, פירן אַרויס קיין בריסק און ראַרורך האָט די שטאָט נישט צו עסן שבת קיין פיש; האָט מען געסטראַשעט די פישער מיט קלעפּ און אויך רערמיט, אַז קיינמאָל וועלן זיי נישט אויפגערופן ווערן צו דער תורה, ווען זיי וועלן ווייטער אַרויספירן די פיש פון קאָמעניץ און מאַכן אַ יקרות.

פלייש איז געווען קעלבערנעס, שעפּסנס און רינדערנעס, אָבער מאָגערעס. די קצבים פלעגן אויסקויפן די מאָגערסטע בהמות, וואָס האָבן שוין נישט קיין כח געהאַט צו האַלטן זיך אויף די פיס. אַ בהמה האָט מען געקאָנט קויפן פאַר זעקס אָדער אַכט רובל; צען רובל איז שוין געווען דער העכסטער פּרייז. די נגידים האָבן, פאַרשטייט זיך, געקויפט רינדערן פלייש און די אָרימע קאַלבנס, און די גאַנץ אָרימע ווידער, למשל, מלמדים און בעלי־מלאכות, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פּריצים, האָבן געקויפט שעפּסן־פלייש.

קוגלען זיינען געווען פאַרשיידענע, נאָר פעטע און געשמאַקע, אַפילו באַ אָרימע לייט. שבת האָבן אַלע אידן אָפּגעלעבט. אַנטקעגן רעם, ווי מען האָט געגעסן אינדערוואָכן, איז דער שבתדיגער מאָלצייט געווען אַ פירשטליכער.

אין יעדער שטוב האָט מען געבאַקן חלה און געשטעלט טשאָלנט.

פרייטאָג פאַרנאַכט איז דער שול־רופער געגאַנגען איבער די גאַסן און אויסגערופן:

— בענטשט ליכט!

זיינען אַלע אידן געגאַנגען ראַוונען אין די בתי־מדרשים, איינגעוואַשענע און אויסגעצוואָגענע, און דערנאָך האָט מען געגעסן די גרויסע סעודה.

מען האָט געזונגען זמירות בײַם עסן, חלבנע ליכט האָט בײַ יערערן געבערענט אין שטייענדיגע לייכטער און היינגלייכטער — און מען האָט זיך געפרייט מיטן טייערן און ליבן שבת.

די מרה־שחורה מיט דער נענזיע פון דער גאַנצער וואָך האָט מען אַוועק־געוואָרפן, דעם גאַנצן שבתדיגן טאָג איז מען געווען פרייליך, פון אַלע ווינקעלאַך האָט געווייט מיט שבת, מיט הייליגקייט, פון געשעפט האָט זיך קיינער נישט ערלויבט צו ריידן, דאָס איז פאַררעכנט געווען פאַר אַ גרויסן חטא.

אין דעם טאָג האָט מען בעסער אַ סך געלערנט און אַ סך געשלאָפן. אין די ווינטער־טעג און אין די זומער־טעג האָט מען געלערנט נאָכן שלאָפן און אַלץ קאָמפּאַניעסווייז. בײַ איין טיש האָט מען אין בית־המדרש געלערנט גמרא צוזאַמען מיט אַ רבי, בײַ אַ צווייטן טיש האָט מען געלערנט משניות, בײַ אַ דריטן — מדרש, בײַם פערטן — שולחן ערוך, און אַלץ מיט רביים. אַרום די איבעריגע טישן זיינען געזעסן פּראָסטע אידן פון המון, וואָס האָבן גאָרנישט געקאָנט לערנען. דערפאַר האָבן זיי אָבער געקאָנט זאָגן תהילים מיט אַ שיינעם ניגון, מיט התלהבות, מיט אַ געשמאַק, אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק, כסדר, אַז עס פלעגט רירן בײַם האַרצן. דערנאָך האָט מען געדאַוונט מנחה און נאָכדעם געגאַנגען עסן שלש־סעודות, אַ שטיקעלע פיש פאַרן בעל־הבית, און די איבעריגע האָבן געגעסן הערינג מיט חלה, וואָס איז שוין אויך געווען קאַרג.

דערנאָך איז מען געגאַנגען דאַוונען מעריב, און פאַר מעריב האָט מען געזאָגט דאָס גרויסע קאַפּיטל תהלים „אשרי תמימי דרך“ מיט יענעם טרויעריגן פאַרקימערטן ניגון, וואָס זאָגט אָן, אַז עס גייט שוין די וואָך מיט אירע זאָרגן און צרות: עס הויבט אָן אַרויסצוקריכן די וואָכעדיגע מרה־שחורה.

שבת־צו־נאַכט האָט מען אין די גרעסערע הייזער געטרונקען טיי, אויפ־געקאָכט אין אַ קריגל און צוגעביסן מיט אַ האַרט שטיקל צוקער. מיט איין שטיקל צוקער האָט מען געקאָנט אויסטרינקען אַ צוויי, דריי גלאָז טיי. אויב מען האָט זיך נישט געפוילט, האָט מען נאָך אַמאָל אויפגעקאָכט אַ קרוג וואַסער און ווידער געזופּט.

אָפּגעפּטרט די טיי, האָט מען זיך גענומען צו די וואָכעדיגע חשבונות, די מאַנען די קרעמער האָבן שוין צונויפגעשטעלט מיט די ווייבער אַ צעטל, וואָס פאַר אַ סחורה מען דאַרף ברייגגען אויף אַ גאַנצע וואָך צום לייזן, די שיינקערס — מכח בראָנפן, און די אידן, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט פריצים, האָבן מסדר געווען, וואָס מען האָט צו טון בײַם פריץ, ווי דאַרף מען זיך בײַגיין מיט אים און ווי אַזוי לוינט עס איצט מיט אים

צו רײדן. האָט מען שבת־צו־נאַכט אָפּגערערט מיט די װײַבער און װונטאָג פֿריה האָט זיך שוין אָנגעהויבן די געװײנטליכע װאָכעדיגע אַרבעט.

קאַמעניץ איז געװען מפורסם פֿאַר אַ שטאָט פֿון לומדים, און די רבנים זײַנען געװען שטענדיג פֿון די גדולים מפורסמים, כאָטש זי האָט מער נישט געגעבן קײן שכירות װי דרײַ, פֿיר רובל אַ װאָך.

האָט באַדאַרפֿט קומען אַ רב, האָבן זיך שוין די קאַמעניצער לומדים, עלטערע און יונגערע, צוגעגרייט מיט גרויסע קשיות און שאלות, אויס־צופּרובן דעם רב, און אַז עס האָט געהאַלטן באַם אָנגענומען װערן, איז אים באַט זאָגן די ערשטע דרשה שיער נישט אַרויסגעפֿאַלן דאָס האַרץ פֿאַר פּחד, מחמת די קאַמעניצער לומדים. די ערשטע דרשה איז געװען אַ מין פּראָבע. די ערשטע דרשה האָט באַדאַרפֿט באַשטײן פֿון חריפֿות, פֿון טיפֿע פּשטלאַך, און אַז די לומדים זײַנען געבליבן צופֿרידן מיט איר, האָט ער שוין געװאוסט, אַז ער איז פֿעסט געבליבן רב.

אין יענע צײַטן פֿלעגן יונגעלײט, האָבנדיג װײַבער מיט קינדער, אַװעק־װאַרפֿן זײערע הויז און פֿאָרן לערנען אין אַנדערע שטעט. װײַל אין דערהיים קאָן מען נישט רוהיג לערנען, זײַנען זײ אַװעקגעפֿאָרן אין פֿרעמדע שטעט און געזעסן יומם ולילה און געלערנט. פֿאַרן עסן האָט מען נישט באַדאַרפֿט ראגהן. יעדער פּרוש האָט שוין געקראָגן צו עסן טעג, לויט זײַן קענטעניש אין גמרא. דער בעסערער האָט געקראָגן אין נגידישע הײַזער צו עסן, און דער קלענערער אין אָרימערע הײַזער. און יעדער מינדסטער בעל־הבית האָט געגעבן װײַנינגסטנס אַ טאָג אָדער צװײ אין װאָך צו עסן אַ פּרוש, פּונקט װי דער אָרימסטער בעל־הבית האָט געגעבן אַ תּלמוד־תּורה־אינגל עסן. געװײנטליך, איז אַ פּרוש בעסער אויסגעהאַלטן געװאָרן, אײדער אַ תּלמוד־תּורה־אינגל.

אויסער זײַן לערנען האָט אַ פּרוש געהאַט נאָך אַ רעכענונג. רעמאָלט, װי באַװאוסט, האָבן די פּני־העיר געגעבן רעקרוטן, װעמען זײ האָבן געװאָלט און צו דעם ציל האָבן זײ געהאַט כאַפּערס, מיט װעלכע מען האָט געכאַפּט די יונגעלײט, װאָס די פּני האָבן געװאָלט נעמען. אום צו כאַפּן די ראָזינגע יונגעלײט, האָבן זיך די כאַפּערס נישט באַגנוגנט מיט דער אײגענער שטאָט. מען איז געפֿאָרן זײ זוכן אויך אין אַנדערע שטעט, אויב זײ האָבן זיך באַהאַלטן, און כאָטש אין דער „סקאַזקע“ זײַנען די יונגעלײט נישט געװען אײַנגעשריבן, האָט עס דאָך נישט אויסגעמאַכט; באַם פּרנס חורש זײַנען זײ יאָ געװען פֿאַרשריבן, און אַז מען האָט אָפּגעגעבן אַזאַ נישט־פֿאַרשריבענעם נפֿש, האָט מען שוין אים געגעבן אַ נאָמען פֿון די גרויסע בעלי־בתּישע יונגעלײט, װעלכע זײַנען יאָ געװען אײַנגעשריבן אין דער „סקאַזקע“. דער נפֿש איז

געוואָרן דעם בעל־הבית זון און איז נעבעך אַוועקגעגאַנגען רינען. אַזוי איז דער בעל־הבית פּטור געוואָרן פון צו געבן זעלנער אַפילו, ווען ער האָט געהאַט זעקס זין, נאָר דערפאַר האָט ער געגעבן אויף דער שטאָט געלט — אַ הונדערטער איז געווען גענוג...

אין יענער צייט האָט מען אָפּגעגעבן יונגע־לייט אפילו אין עלטער פון דרייסיג יאָר, וואָס האָבן שוין געהאַט אַ פינף, זעקס קינדערלאַך. אַ דרייסיג־יאָריגן בחור איז בכלל שווער געווען צו קריגן. אַ בחור פון זיבצען יאָר האָט שוין געהייסן אַן אַלטער בחור און דאָס איז שוין געווען אַ גרויסע חרפּה. די אָנגענומענע אין סאָלדאַטן זיינען דעריבער געווען טאַטעס, טיילמאָל פון פיל קינדער.

פאַרשטייט זיך, אַז אַ פּרוש האָט מען דעמאָלט געשאַנעוועט און פאַר קיין זעלנער נישט אָפּגעגעבן. אין זיין איינענער שטאָט האָט ער אָבער דאָך מורא געהאַט צו זיצן. אַ קשיא אויף אַ מעשה, אַמאָל איז איינער פון די פּני־העיר אין כּעס אויף זיין פאָטער אָדער אויף זיין שווער, און יענער קאָן נאָך אים אָפּגעבן פאַר אַ זעלנער. אַזוינס האָט געטראָפן און קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן.

אין קאַמעניץ זיינען געווען פיל פּרושים, וואָס פלעגן זיצן און לערנען. מיינע זיידעס, וועלכע זיינען געווען פריהער פּרנסי־חרשים און דערנאָך איספּראַרשטשיקעס, האָבן קיינמאָל נישט אָפּגעגעבן קיין איין יונגעמאַן, וואָס זאָל אַפילו פיל ווייניג קענען לערנען. קוים איז ער נאָר געזעסן אין בית־המדרש און האָט עטוואָס געקענט לערנען, איז ער שוין געווען זיכער, אַז ער איז פריי פון רינען.

אין קאַמעניץ זיינען געווען די בעסטע פּרושים, די גרעסטע לערנערס. אין גרויסן בית־המדרש זיינען געווען איבער זעכציג ש״ס׳ן, אַפילו אַלטע און ערטערווייז אויסגעריסן. נאָר מען האָט זיך אַן עצה געגעבן. דער, וואָס האָט געהאַלטן בּאַ דעם צעריסענעם אָרט, האָט געליען בּאַ אַ צווייטן אויף אַ ווײַלע די גמרא, און אַזוי האָבן זיי זיך געטוישט. איז טאַקע אין גרויסן בית־המדרש געווען אַ הדרת־הקדש: די גרעסטע לומדים האָבן דאָרט געלערנט, די גרעסטע בעלי־בּתּים האָבן דאָרט געדאַוונט און די עלטסטע לייט זיינען דאָרט געזעסן בּאַם גרויסן טיש נעבן גרויסן אויוון און דערציילט מעשיות.

בכלל איז קאַמעניץ געווען די איידלסטע שטאָט אין גאַנץ גראָדנער גובערניע. דאָרט זיינען געווען חוקרים און פילאָזאָפן, וועלכע האָבן געפירט שטענדיג חקירות אין פילאָזאָפיע און אויך פלעגט מען זיך שטענדיג מפלפל זיין בּאַ דער גמרא און חנרלען זיך אין חריפות. אַז מען איז אַריינגעקומען אין בית־המדרש, האָט מען שטענדיג געטראָפן בּאַ אַלע טישן אירן, וואָס

האָבן זיך מתוכּח געווען אָדער באַ אַ גמרא, אָדער באַ אַ תּוספות, אָדער באַ אַ מהרש"א. עס זיינען געווען באַזונדערס אויסגעצייכנטע יונגעלייט אין מהרש"א, וואָס מען האָט זיי גערופן — מהרש"א־קעפּלאַך. די פלעגן גאַנצע טעג און נעכט זיך קליגן אין די „ודוק"ס און אין די „ויש לישב'ס" פון מהרש"א.

דער נייער בית־המדרש, וואָס האָט זיך מתקנא געווען אין אַלטן, האָט, אַ דאַנק זיין גבאי, זעהר אַן ענערגישער איד, אָפּגעצויגן די פּרושים און די לומדים צו זיך. זיינען שוין דאָרט געווען די פיינערע בעלי־בתּישע יונגעלייט. די עלטערע לומדים אָבער און סתּם אַלטע לייט האָבן דעם אַלטן בית־המדרש נישט אַוועקגעוואָרפן, און אַזוי זיינען געוואָרן צוויי בתּי־מדרשים, וואָס זיינען פול געווען מיט תּורה.

פריהער איז געזאָגט, אַז קאַמעניץ איז געווען די איידלסטע שטאָט אין גראָדנער גובערניע. פונדעסטוועגן האָבן קיין מחלוקתן נישט געפעלט. צוליב אַ שטאָטישער זאַך פלעגט דאָס שטעטל באַלד פונאַנדערפאַלן אויף צוויי לאַגערן, און חול־המועד, בעת קיין גרויסע אַרבעטן טאָר מען נישט טון, פלעגט מען זיך אויפקלייבן אויפן מאַרק־פּלאַץ אין מיטן שטאָט, באַ די קראָמען, גרופּעסווייז, און מען האָט אָנגעהויבן עפּעס אויסצוקלערן ווי אַזוי צו פירן די מחלוקתן. עס זיינען געווען, פאַרשטייט זיך, איינינע אינטריגאַנטן, ד. ה. זיי האָבן געקאָנט געבן מיטן קולאַק אין זייט אַריין, אַזוי אַז יענער זאָל קראַנק ווערן, האָבן געהאַט געשליפענע צינגער, זיינען געווען באַוואוסטע עזות־פּנימער, און אַז עס איז געווען אַן אספה אין שטאָט, וואָס דאָס אָרט אירער איז געווען דער אַלטער בית־המדרש, זיינען זיי אַרויס מיט זייערע קולאַקעס און געשרייען און צעשלאָגן די גאַנצע אספה. געווען איינער אַ מולער, איז ער שטענדיג געווען דער שטאָט־ שייגעץ, און שטענדיג האָט ער זיך אָנגענומען פאַר די אָרימעלייט, וועלכע ער האָט נישט געמיינט. געמיינט האָט ער נאָר צו אינטריגירן; און געוואוסט האָט ער, אַז מיט זיין שרייען וועט ער גאָרנישט פּועלן, נאָר ער דאַרף שרייען, און דער עולם האָט געזאָגט, אַז ער איז גערעכט.

אויך זיינען געווען שטילע אינטריגאַנטן, וואָס האָבן נישט געקאָנט אַ מויל עפענען אויף אַן אספה, נאָר צווישן זיך, אויפן מאַרק האָבן זיי געקערט וועלטן, אויפגעהעצט איינע קעגן די אַנדערע, און עס איז כּמעט נישט אַוועקגעגאַנגען אַ חול־המועד אָהן אַ מחלוקת. מען האָט שוין געפונען, פאַרוואָס זיך צו קריגן.

אין קאַמעניץ זיינען געווען נישט ווייניג בעלי־מלאכות, אָבער זעהר אָרימע. די פּריצים פלעגן דאָס רוב אָפּגעבן צו בעלי־מלאכות אין בריסק.

אַמאָלינגע יאָרן איז גאָרנישט געווען אַ שטעטל אָהן אַ מסור, און קאַמעניץ האָט, פאַרשטייט זיך, אויך געהאַט אַזוינעם, איטשע שייטעס האָט מען אים גע־רופן. ער איז געווען אַ שניידער אַ לאַטוטניק און האָט זיך ווייניג פאַרנומען מיט זיין מלאכה. די רעכטע אַרבעט זיינע איז געווען צו מסרן. אָבער ער האָט זיך נישט באַנוגנט בלויז מיט מסרן איינצעלנע מענשן. ער פלעגט מסרן גאַנצע שטעט. צופוס פלעגט ער גיין קיין גראָדנע און מסרן אַ גאַנצע שטאָט, איבערהויפּט מכּח דער „סקאַזקע". פלעגט שוין קומען פון גובערנאַטאָר אַ רעוויזיאָנע קאָמיסיע אויף דער „סקאַזקע", און די שטאָט פלעגט בּרלות ווערן. די טשינאָווניקעס פון דער קאָמיסיע פלעגן נעמען אין האַנט אַריין, און מען האָט בּאַראַרפט גוט בּאַצאָלן. לסוף האָט מען געמווט זיך אויס־קויפן פון דעם ראָזינגן איטשע שייטעס, און זאָל ער שוין אַמאָל אויפהערן צו מסרן. ער האָט פּראָסט אומגליקליך געמאַכט כּמעט גאַנץ גראָדנער גובערניע. מען האָט פון אים געהאַט יגון ואנחה, נאָר זיין שטאָט קאַמעניץ האָט ער פונדערסטווענגן געשאַנעוועט, און אַלע האָבן דערפאַר געהאַט פאַר אים אָפּשיי. חניפהלאַך האָט מען אים נישט געקאַרגט, און יערערער האָט נעראַנקט גאָט אין האַרצן, וואָס דער מסור לאָזט קאַמעניץ צו־רוה.

ראש־השנה און יום־כּפּור פלעגט ער שטיין בּאַם ראַוונען אין שול אויף דער בּימה און פלעגט וויינען דעם גאַנצן ראַוונען מיט אַזאַ יאָמערדיגן קול, אַזוי הויך און מיט אַזאַ קוויטש, אַז אַפילו יענער, וואָס האָט נישט געקאָנט וויינען אין ראַוונען, פלעגט מוזן וויינען פון איטשע שייטעס געוויינען און יאָמערייען. מיט זיינע געוויינען פלעגט ער מאַכן אויפציטערן אַלע בּיינער פון די ראַוונער. ער האָט געוויינט ווי אַ מענש, וועלכן מען האַלט אין שלאָגן און מען טוט אים אָן גרויסע יסורים. איך געדיינק, אַז איך בּין אַלט געווען אַ יאָר ניין, האָב איך, צוליבּ אָט דעם איטשע שייטעס געוויינען, זיך אַזוי צעגאָסן מיט טרערן ערב יום־כּפּור צו מנחה, אַז איך בּין זיך פאַרגאַנגען, און מען האָט מיך געמווט נעמען אַהיים אין מיטן מנחה. נאָר בּאַלד נאָך יום־כּפּור איז ער אַוועקגעגאַנגען צו־פוס קיין גראָדנע מסרן אַ שטאָט.

קאַמעניץ האָט געהאַט אַ פאָרשטאָט, „זאַסטאַוויע" האָט זי געהייסן, זי האָט זיך אָנגעהויבּן נעבּן טייך, אויף וועלכן עס זיינען געשטאַנען דריי בּריקן און דריי וואַסער־מילן. אויף דעם ראָזינגן טייך האָט מען געפירט די גרויסע קלעצער פון בּיעלאָוועזשער וואַלד. פון דעם ראָזינגן וואַלד זיינען געליפערט געוואָרן פאַר אייראָפּע פאַרשיידענע געהילצן, אַפילו בּיז זעגל־בּוימער צו שיפן. די הויכע בּוימער זיינען אָבער פאַרוועדט געווען צו האַקן, האָבן די סוחרים פון בּיעלאָוועזשער וואַלד, פריהער ר' יצחק זאַבּלוראָווסקי פון בּיאַליסטאָק, וואָס איז געוואָרן אַ מיליאָנער פון דעם וואַלד, געגנבעט

רי הויכע בוימער און געגעבן כאַבאַר די וואַלר־שומרים. זאַבלוראָווסקין האָט מען געמסרט, אַז ער גנבעט זעגל־בוימער, איז געקומען אַ קאָמיסיע פון פעטערבורג און זאַבלוראָווסקי האָט די קאָמיסיע־מיטגלידער אָפּגעקויפט מיט געלט. אַזוי אַרום האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פון פּלאָנטער, וואָס האָט געשמעקט מיט קאַטאָרגע.

נאָך אים האָט אַ דייטש געקויפט וואַלר צו האַקן, זיגמונד האָט ער געהייסן. האָט ער נאָך מער געגנבעט. ער האָט אַזוי ברייט געלעבט, אַז אין שטעטל האָט מען דערציילט, אַז דער פּרייסישער קייזער האָט געלאָזט מאָלן זיין פּאַלאַץ, לויט דעם מוסטער פון זיגמונדס פּאַלאַץ.

ער איז געווען פון די ערשטע לעב־קינדער אין פּרייסן און האָט אַזוי פיל געגנבעט די מאַסטן, אַז ער פלעגט פאַרדינען אַ מיליאָן רובל אַ יאָר, פאַרשטייט זיך, פאַרלעבנדיג זיי דערנאָך. אַז קאַזנאַ האָט אויפגעהערט צו פאַרקויפן וואַלר אין ביעלאָוועזש, האָט זיגמונד געקויפט אַ מאַיאָנטעק אין סעלץ, גראָדנער גובערניע, פאַר אַ האַלבן מיליאָן רובל און האָט זיך איבערגעצויגן פון בערלין. פאַר בערלין איז אים געווען צו ווייניג געלט. איינינגע יאָר האָט ער געוואוינט אין זיין מאַיאָנטעק און דערנאָך, אַ דאַנק זיינע גרויסאַרטיגע בעלער, וואָס ער פלעגט מאַכן, האָט ער דאָס אויך פאַרהוליעט. געשטאָרבן איז ער אַן אָרימאַן.

די אַלע ביעלאָוועזשער קלעצער, וועלכע זיינען געגאַנגען קיין דאַנציג, זיינען רורכגעשוואומען דורך קאַמעניץ. פון זיגמונרן מיט די דייטשן האָט די שטאָט געהאַט פיל פּרנסה. אין דער צייט, וואָס דאָס האָלץ איז געגאַנגען איבער קאַמעניצער וואַסער, איז זיגמונדס סטאַנציע געווען באַ ר׳ דור־יצחקן, וועלכער האָט דעמאָלט נישט ווייניג פאַרדינט.

זאַסטאַוויע איז געאָגראַפיש ווייניג וואָס אָפּגעטיילט געווען פון קאַמעניץ. האָט זי אָבער אַ כאַראַקטער געהאַט כרחוק מזרח למערב. כאָטש זאַסטאַוויע האָט נישט געהאַט קיין באַזונדער רב, און קיין דין, און קיין שוחט און קיין בית־עולם, אַפילו סחורה האָט אויך זאַסטאַוויע געקויפט אין קאַמעניץ, פונדעסטוועגן האָבן די זאַסטאַווייער געהאַט גאָר אַנדערע זיטן. באַ זיי זיינען געווען גערטענער, און אַלע האָבן כמעט געלעבט פון די ראָזיגע גערטענער. די ווייבער מיט די מיידלאַך פלעגן זיצן דעם גאַנצן זומער אין גאָרטן און פּילעווען אים. אין גאָרטן האָט מען מיטגענומען ראָזווע ברויט און געגעסן דאָרט מיט אוגערקעס און מיט רעטעך. אַלע זיינען געווען קאַרגע מענשן און אַלע האָבן געהאַט פּרנסה. נאָר אַ פּאָר פאַמיליעס זיינען דאָרט געווען גרויסע בעלי־בתים, מיוחסים, וואָס פלעגן האָבן אַ דעה אין שטאָט און האָבן געהאַט שיינע קינדער. נאָר זיי האָבן שטענדיג אינטריגירט אין שטאָט און אין אַלע מחלוקתן זיינען זיי געווען די

ערשטע קריגער. אָנהייבנגער האָבן זיי געהאַט מאַסן, און האָבן זיי אָנ־געהויבן צו פירן אַ מחלוקת, האָט דאָס געקאָנט זיך אַוועקציהען פיל יאָרן. נאָר שטענדיג האָבן זיי געפירט מחלוקת מיט מיין זיידן, וואָס איז געשטאַנען אין דער שטאָט־אָנפירונג בראש; נאָר אַזוי ווי פאַר אים האָבן זיי יאָ מורא געהאַט, האָט מען אים געגראָבן פאַרבאָרגן, אַזוי אַז זיי האָט מען קיינמאָל נישט אַרויסגעזעהן.

קינדער־ערציהער זיינען, געוויינטליך, געווען די מלמדים. דער ערשטער פון זיי איז געווען יעקב־בער דער מלמד, וואָס כמעט די גאַנצע שטאָט קינדער האָט זיך צום ערשטן געלערנט באַ אים. אַ קינד פון דריי יאָר אָדער נאָך וויינינגער האָט שוין באַ אים אָנגעהויבן לערנען אלף־בית, געלערנט באַ אים ביז עס האָט שוין גוט און גיך געדאַוונט. דאָס האָט געדויערט אַן ערך פון אַ צוויי יאָר צייט. דערנאָך האָבן די קינדער איבערגענומען די מלמדים פון חומש און אויך אָנפאַנג גמרא: אויסגעקליבענע גרינגע משנות פאַר קינדער, וואָס הייסט לקח־טוב. פון אַזוינע מלמדים איז מען אַריבער־געגאַנגען צו גרעסערע און נאָך גרעסערע, ביז מען איז אָנגעקומען צו די גרויסע לומדים מופלגים, באַ וועלכע עס האָבן געלערנט דערוואַקסענע בחורים און בעלי־ביתלאַך. אָבער די גרויסע מופלגים זיינען געווען גרויסע כעסנים.

פון די גרויסע מלמדים זיינען געווען צוויי אין שטאָט, וואָס פלעגן שלאָגן די קינדער מכות־רצח און שמייסן און שטעלן אין פעקל. דאָס איז געווען די ערגסטע שטראָף. דער מלמד פלעגט דעם אינגל אַראָפּלאָזן די הייזלאַך און פאַרקאַטשן דאָס העמד מיט דעם קאַפּטל אַרויף, מאַכנדיג דערפון אַ פעקל. בעת מעשה האָט דער רבי געהאַלטן אַ גוטע רוט אין האַנט אָדער אַ גוטן קאַנטשיק, און אַזוי האָט דאָס אינגל גענומען לערנען דעם שיעור גמרא, און ווען ער האָט נישט געוואוסט אַ וואָרט, האָט דער רבי געגעבן אַ שמיץ מיט כח, אַזוי אַז דאָס לייב איז באַלד פאַרלאָפן מיט אַ בלויען צייכן. אַזוי האָט ער געלערנט אַ שעה נאָכאַנאַנד. דאָס איז געווען שטענדיג אום דאָנערשטאָג: דעמאָלט האָבן די אינגלאַך געמוזט אַליין זאָגן די גמרא, וואָס דער רבי האָט מיט זיי געלערנט די גאַנצע וואָך, וואָרום שבת פלעגט דער מלמד מוזן קומען מיט יעדן אינגל צו זיין פאָטער פאַרהערן אים די גמרא. דער פאָטער, וואָס האָט נישט געקאָנט לערנען, האָט שוין אָנגעבעטן איינעם אַ למדן, אָדער אַ פרוש, יענער זאָל פאַרהערן, און ווען דאָס אינגל האָט נישט געקענט, האָט דער פאָטער נישט געקוקט און האָט באַשולדיגט דעם מלמד. געוויינטליך האָט דאָס נישט געשמעקט

דעם מלמד, האָט ער אויסגעלאָזן דעם גאַנצן כּעס צו יענעם אָרט באַם אינגל, וואָס ווערט נישט אָנגערופן אין ליטעראַטור.

פון די דערמאָנטע צוויי כּעסנים־לומדים איז געווען רוד מיט די קאָל־טענעס. ער האָט געהאַט אַ פולן קאָפּ מיט קאָלטענעס. אַ כּעסן איז ער געווען אַ מוראדיגער, און די אינגלאַך האָט ער פּראָסט געממיתט. באַ אים איז רעכט געווען אויפהויבן אַ אינגל אין דער הייך און מיט כּעס אַראָפּלאָזן אויף דער ערד, אַזוי אַז יענער זאָל פאַלן טויט; געווען טאַקע אַזאַ פאַל. נאָך דער לויה פון דעם דערהרגעטן אינגל האָט דער פאָטער און מוטער פונם קינד אַפילו נישט געוואַגט צו זאָגן ר׳ רודן, פאַרוואָס האָט ער געהרגעט זייער קינד. אַזוי האָט מסתּמא גאָט געוואָלט, אַז דער רבי האָט אים געהרגעט, אַזוי האָט מסתּמא באַראַרפט זיין, און קיינעם אין שטאָט איז נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז רוד מיט די קאָלטענעס האָט געטאָן אַ רציחה. אַפילו מ. ס. זין, וועלכע האָבן אויסגעזוכט אַלע חטאים אין שטאָט צו מאַכן אינטריגעס און מחלוקת, האָבן דאָ אויך געשוויגן, און ר׳ רוד מיט די קאָלטענעס איז געבליבן דער איינענער מלמד. באַ אים האָבן געלערנט גרויסע בּחורים און בּעלי־בּיתלאַך, און אַלע זיינען אַרויס פון אים קאַליקעס.

דער צווייטער מלמד, אַ גרעסערער למדן פאַר ר׳ רודן, איז געווען רוד דער בּלינדער. אויף איין אויג האָט ער נאָר געזעהן, ער איז געווען אַ גרויסער למדן, און אַ סך קינדער זיינען פון אים אַרויסגעקומען לומדים. אָבער ער איז געווען אַן אומגעהויערער כּעסן און האָט שטענדיג געשלאָגן און געשמיסן דאָס קינד אָהן רחמנות. באַ אָט דעם מלמד האָב איך אויך געלערנט, נאָר וועגן דעם שפּעטער.

ווי געזאָגט, האָט מען חתונה געהאַט זעהר פריה, סיי די אינגלאַך און סיי די מיידלאַך, דהיינו: אין עלטער פון דרייצען ביז זיבעצען יאָר. די אינגלאַך האָבן גענומען נדן נאָך זייער לערנען נאָך, פון צוויי הונדערט ביז טויזנט רובּל, און דער שווער האָט געגעבן קעסט. אין די תּנאים האָט מען געשריבן, אַז דער שווער אָדער דער פאָטער דאַרף האַלטן פאַרן בּעל־הבּיתל אַ מלמד, און אַז דאָס אינגל האָט חתונה געהאַט און געבליבן עסן קעסט באַם פאָטער, האָט ער ווייטער געלערנט באַ דעמזעלבּיגן מלמד, וואו ער האָט געלערנט פאַר דער חתונה, און דער רבי האָט געשמיסן דאָס בּעל־הבּיתל שוין נאָך דער חתונה, ווי פאַר דער חתונה.

אין מיינע צייטן איז שוין אַפילו געווען אַרויס פון דער מאָדע, אַז נאָך דער חתונה זאָל מען גיין לערנען אין חדר, און מיין רבי, ר׳ רוד דער בּלינדער, האָט טאַקע געקלאָגט און געבּיינקט נאָך אַמאָליגע גוטע צייטן, ווען ער פלעגט שמייסן בּעלי־הבּיתלאַך. ער פלעגט דערציילן, באַ וואָסערע

אומשטענדרן ער פלעגט אַמאָל שמייסן אַ בעל־הבית, אַזוי, למשל, פלעגט דעם תּלמידס מוטער קומען אין חדר אַריין אָפּגעבן דעם זון מזל־טוב פון זיין אָקאָרשט געבוירענעם זון, בעת מעשה איז אָבער געווען די טיר פון חדר פאַרשפּאַרט, און בעת — דערציילט דער רבי — זי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער אָנקלאַפּן אין די שויבן און אָפּגעבן מזל־טוב, האָב איך אים מיט די ריטער אָפּגעגעבן מזל־טוב. בײַ יערן שמיץ האָב איך געזאָגט:

— מזל־טוב דיר מיט אַ אינגל! שיינעץ איינער! מזל־טוב דיר מיט אַ אינגעלע!

קיין שרייבער איז אין גאַנץ קאַמעניץ נישט געווען. שרייבן אידיש האָבן געלערנט ריזעלבע מלמדים.

דאָס איינציגע לערנען איז געווען נאָר גמרא מיט די מפרשים. חומש האָט מען געלערנט, אָבער אויך נישט די גאַנצע סדרה, נאָר אַ האַלבע. און עשרים־וארבעה האָט נאָר איין מלמד געלערנט, מאָטקע מלמד. ער האָט געלערנט מיט מיטעלע אינגלאַך, ניין־ און צען־יאָריגע, גמרא מיט אַ שטיקל תּוספות, האָט ער אַ שעה אין טאָג געלערנט עשרים־וארבעה און אַ שעה אין טאָג האָט ער דערציילט נסים ונפלאות פון גאונים און האָט פאָרגעשטעלט, אַזוי ווי לעבעדיג, דעם גיהנם (פון גן־עדן האָט ער אַ קנאַפּע ידיעה געהאַט). ער האָט זאָגאַר אויסגעמאָלט אויף אַ פּאַפּיר די תּמונה פון גיהנם, וויפיל מאָס ער האַלט און אין וועלכער זייט עס געפינט זיך אַפילו די טיר. אָבער די מאָס פון גן־עדן, און אין וועלכער זייט עס געפינט זיך די טיר, האָט ער, נעבעך, נישט געוואוסט. און פון די עשרים־וארבעה האָט ער אויך מער נישט געלערנט ווי נביאים ראשונים: יהושע, שופטים, שמואל א׳ וב׳, מלאכים א׳ וב׳. און מער נישט. אָבער די איבעריגע מלמדים, וועלכע האָבן געלערנט מיט די גרויסע בחורים גמרא מיט תּוספות און כל המפרשים האָבן קיין תּנ״ך מיט זיי גאָרנישט געלערנט. תּנ״ך לערנען איז געווען אַפּיקורסות.

שכר־למוד איז געווען פון זעכציג רובל אַ זמן ביז הונדערט. יענער מלמד, וואָס האָט געהאַט קנאַפּע פיר רובל אַ וואָך, האָט זיך שוין גערעכנט פאַר אַ רייכן מלמד.

די מלמדים, וואָס האָבן אָנגעהויבן לערנען מיט די קינדער אלף־בית, האָבן געהאַט פון זעכציג ביז אַכציג דריי־יאָריגע אינגלאַך פאַר אלף־בית לערנען. פאַר אַזעלכע אינגלאַך האָט מען געצאָלט שכר־למוד אַ רובל אַ זמן. נגידים האָבן געצאָלט צען גילדן אַ זמן. אַז אַ אינגל איז אַלט געווען פינף יאָר, האָט מען אים אָפּגעגעבן צו אַ חומש־מלמד, וועלכער האָט געהאַט פון צוואַנציג ביז דרייסיג אינגלאַך. געצאָלט האָט מען אים אַ דריי רובל פון אַ אינגל.

אַז מען האָט אָנגעהויבן לערנען מיט דעם אינגל חומש, האָבן די טאַטעס געמאַכט אַ סעודה פאַרן מלמד מיט די אַלע אינגלאַך פון חדר און אויך איז געווען די פאַמיליע דערבײַ. יעדער בעל־הבית האָט געמאַכט די חומש־סעודה נאָך זײַן פאַרמעגליכקייט.

מײַן זיידע, אהרן־לייזער, פלעגט צו אַזאַ סעודה פון אַ קינד, אָדער אַן אייניקל, לאָזן קוילען אַ קליין עקסל, און בײַ טרינקאָווסקין זײַנען געווען ווײַנען מיט טײַערע פּאָטראַוועס.

האָבן די אינגלאַך געלערנט אַ יאָר אָדער צוויי חומש, ד. ה. די ערשטע פּרשה אָדער אַמהעכסטן דרײַ פּרשות פון דער סדרה, און דערנאָך האָט מען זיי אַוועקגעגעבן צו די אָנפאַנגער, גמרא־מלמדים, וועלכע האָבן געהאַט פון פופצען ביז צוואַנציג אינגלאַך. געצאָלט האָט מען פאַר אַזאַ אינגל שכר־למוד פיר רובל, די נגידים פינף רובל אַ זמן.

געווען אַזעלכע מלמדים, וואָס האָבן געלערנט אי חומש, אי מיט אָנפאַנגער גמרא. זיי פלעגן שוין אָנהויבן מיט די בעסערע חומש־אינגלאַך צו לערנען לקח־טוב.

האָט דאָס אינגל אָפּגעלערנט אַ צוויי־דרײַ זמנים בײַם אָנפאַנגער גמרא־מלמד, האָט אים דער פאָטער אַוועקגעגעבן צו אַ גרעסערן מלמד, וואָס לערנט שוין מיט די אינגלאַך דעם ערשטן זמן אַן עמוד גמרא און דעם צווייטן זמן אַ בלאַט גמרא. אַזאַ מלמד האָט שוין געהאַט אַ צוועלף אינגלאַך, פאַר יעדעס אינגל שכר־למוד זעקס־זיבן רובל אַ זמן. אָפּלערנענדיג אַ דרײַ זמנים, האָט דער פאָטער אָפּגעגעבן דאָס קינד צו אַ העכערן מלמד, וועלכער לערנט גמרא מיט תוספות. אזא מלמד האָט געהאַט אַ צען אינגלאַך צו אַכט רובל אַ זמן א. אַז. וו. יעדער מלמד האָט געלערנט מיט די אינגלאַך אַן אַנדער מסכתא, נישט פרעגנדיג בײַ די תלמידים, וואָס פאַר אַ מסכתא זיי האָבן פריהער געלערנט בײַ יענעם מלמד. עס פאַרשטייט זיך, אַז דעריבער איז אין לערנען קיין אָרדענונג נישט געווען, און דאָס בייטן די מסכתות בײַ יעדן מלמד אַלע יאָר צי מער, האָט אינגאַנצן צעבראָכן דאָס סיסטעם פון לערנען.

פּראָסטע קעפּ פלעגן בלײַבן זיצן לאַנג אין איין חדר. אָבער פּראָסטע קינדער פון די גרעסערע בעלי־בתּים זײַנען אַריבער צו העכערע מלמדים, גלײַך ווי די גוטע אינגלאַך, און די פאָטערס האָבן געבעטן דעם גרעסערן מלמד, ער זאָל מיט זײַן אינגל לערנען דאָס, וואָס יענער קאָן באַגרײַפן און נישט דאָס, וואָס מען לערנט מיט די בעסערע אינגלאַך. דערפאַר גיט ער אים מיט דרײַ רובל מער אויפן זמן. די בעלי־בתּים האָבן זיך געשעמט, אַז זייער זון, דער גרויסער בחור, זאָל לערנען בײַם קליינעם מלמד. זײַנען געווען אין יעדן חדר אינגלאַך פּראָסטע, גראָבע, וואָס פלעגן לערנען

צוזאַמען מיט די גוטע אינגלאַך. פונדעסטוועגן האָט מען זיי נישט פאַר־שעמט. ווייל דאָס רוב גוטע אינגלאַך זיינען געווען פון די אָרימערע קלאַסן מענשן, האָט זיך דעריבער אויסגעגלייכט בּאַ די אינגלאַך דער יחוס. די גוטע אינגלאַך האָבּן זיך נישט נעגרויסט קעגן יענע מיט זייער לערנען און די מיוחסים האָבּן זיך נישט נעגרויסט מיט זייער יחוס, אָדער פאַרקערט, און עס איז אַלץ געווען גלייך.

געלערנט האָבּן די אינגלאַך פון ניין אַזייגער אין דערפריה בּיז צוויי אַזייגער בּאַטאָג. דעמאָלט איז מען געגאַנגען מיטאָג עסן אויף אַ שעה צייט. פּונקט דריי אַזייגער האָט מען געמוזט קומען ווידער אין חדר, אַניט האָט מען געקראָגן מוראדיגע קלעפּ, פּעטש אָדער גאָר שמיץ.

פון דריי אַזייגער האָט מען געלערנט: זומער בּיז זון־פאַרגיין, ווען די מלמדים האָבּן בּאַדאַרפט גיין מנחה דאַווענען אין בּית־המדרש, ווינטער האָט מען געלערנט מיט די קלענערע אינגלאַך בּיז אַכט אַזייגער און מיט די גרעסערע בּיז ניין. מנחה און מעריב האָט מען שוין ווינטער געדאַוונט אין חדר צוזאַמען מיט די אינגלאַך. אַזוי האָט זיך געפירט די גאַנצע וואָך, אויסער פרייטאָג. פרייטאָג האָבּן די אינגלאַך געלערנט: ווינטער בּיז צוויי אַזייגער, און זומער בּיז דריי־פיר אַזייגער בּאַטאָג. נאָר שבת האָבּן די אינגלאַך אויך נישט געהאַט קיין מנוחה. ערשטנס, איז יעדעס אינגל פאַר־הערט געוואָרן פון מלמד פאַרן פאָטער אין די אויגן אָדער פאַר אַ וויטינג אַ מבין, דערבּיי האָט דאָס אינגל געמוזט איבערזאָגן דאָס, וואָס ער האָט געלערנט אַ גאַנצע וואָך. און דערנאָך האָט ער בּאַדאַרפט גיין אין חדר לערנען מיטן מלמד פּרק אָדער מדרש.

די אינגלאַך האָבּן קיינמאָל נישט געהאַט קיין פרייע צייט, אויסער יום־טוב: פּורים, פּסח, שבועות, ראש־השנה, יום־כּפּור און סוכּות. צוזאַמען, הייסט עס, זעקס־און־צוואַנציג טעג אין יאָר.

די גוים, וואָס האָבּן געוואוינט אין שטאָט צוזאַמען מיט די אידן, זיינען נישט געווען קיין לייבּ־קנעכט. זיי זיינען בּאַשטאַנען אַן ערך אַ פערט־חלק פון די אידישע איינוואוינער. געוואוינט האָבּן זיי אין צוויי זייטן שטאָט, און די דעכער פון זייערע הייזלאַך זיינען געווען בּאַדעקט מיט שטרוי. אַממיינסטן זיינען זיי געווען קאַטויליקן. פּראַוואָסלאַווע איז אפשר געווען אַ פּאָר צענדליג.

יעדער גוי האָט געהאַט אייגענע פעלדער מיט אַ הויז, מיט שייערן און שטאַלן, אָקסן, בּהמות און עופות — און זיי זיינען אַלע געווען נגידים. עס האָט זיי קיין זאַך נישט געפעלט.

צווישן זיי זיינען אַפילו געווען אייניגע גבירים, וואָס האָבּן פאַרמאָגט צו עטליכע טויזנט רובּל און די קינדער האָבּן זיי געשיקט לערנען קיין

בריסק. געװען באַ זײ אײנער אַ יערמאָלאָװיטש, האָט קײנער נישט געװאוסט, װיפיל ער פאַרמאָגט. געזאָגט האָט מען, אַז ער האַנדלט מיט שרים, און זײ, די שרים, ברײנגען אים פיל געלט.

אין יענער צײט, אַז אײנער האָט געהאַט אַ סך געלט און מען האָט נישט געװאוסט, פון װאַנען דאָס געלט האָט זיך צו אים גענומען, האָט מען געזאָגט, אַז ער האַנדלט מיט שרים. האָט מען טאַקע מורא געהאַט אַזאַ אײנעם צו דערדערגענען, טאָמער װעלן זיך אײנשטעלן פאַר אים זײנע שרים.

פאַר יערמאָלאָװיטשן האָבן אַלע מורא געהאַט, און יעדערער האָט אים אָפּגעגעבן כבוד, צוליב זײנע שרים; דאָס איז שױן געװען באַװאוסט אין קאַמעניץ באַ גרױסע און קלײנע, אַז יערמאָלאָװיטש האַנדלט מיט שרים. האָט מען פאַרבײ זײן הױז מורא געהאַט צו גײן, אַזױ װי מען האָט מורא צו גײן אין װאַלד, װאָס איז פול מיט חיות רעות.

ער האָט זיך אָבער געלעבט מיט אַ חשבון. אַ זון האָט ער אַװעקגעשיקט אין װילנע אין אַ גימנאַזיע. דאָס איז געװען יאַש, אַ װילד צעלאָזן אינגל, װאָס אינגלאַך און שקצים האָבן פאַר אים מורא געהאַט. די גימנאַזיע האָט ער געענדיגט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל, און אַ דאַנק זײנע גרױסע פּראָטעקציעס איז ער געװאָרן אַן אַסעסער אין אַ שטעטל, גראָדנער גובערניע.

לױט די דעמאָלדיגע פירונגען, האָט אַן אַסעסער באַדאַרפט האָבן אַכצען ריעסיאַטניקעס מיט אַ קלוטש־װאַיט בראש. די ריעסיאַטניקעס זײנען אַלע געװען פון קאַטױליקן גענומען, װײל אַזױ האָבן געװאָלט די פּריצים, װאָס דער איספּראַװניק האָט, פאַרשטײט זיך, געפאָלגט. דאָס ביסל פּראַװאָסלאַװנע האָט געקוקט דערױף אָהן פּרעטענזיעס, װאָרום זײ האָבן זיך סײ װי געהאַלטן נידעריגער פון די קאַטױליקן און זײנען טאַקע געװען אָרימער אױך.

אַ דאָקטאָר האָט קאַמעניץ געהאַט גראַדע אַ גוטן. געװען איז ער, אײגנטליך, אַ באַרימטער װילנער דאָקטאָר. לאַסאָװסקי האָט ער געהײסן. נאָר באַזעצט האָט ער זיך אין קאַמעניץ צוליב זײן פרױ, װעלכע האָט געהאַט אַ קלײן פאָלװאַרק נעבן דער מעשטשאַנסקער גאַס און האָט פאַרמאָגט אַ דרײסיג־טױזנט רובל געלט. האָט ער געװאױנט אַ לאַנגע צײט אין קאַמעניץ. אַ רעצעפּט האָט מען באַדאַרפט ברײנגען פון בריסק. און אַז דער דאָקטאָר האָט געהײסן באַ אַ קראַנקען, אַז מען זאָל עקסטרע שיקן קײן בריסק נאָכן רעצעפּט, האָט מען עקסטרע געשיקט אַ בעל־עגלה קײן בריסק — פינף מײל. עס האָט געטראָפן פיל מאָל, אַז פירנדיג די רפואה, האָט זיך דאָס פלעשעלע צעבראָכן, איז מען געפאָרן נאָך אַמאָל, און אין דער צײט איז אָדער דער קראַנקער געזונט געװאָרן, אָדער ער איז געשטאָרבן.

דער פּריז פון דעם ראָקטאָרס וויזיט איז געווען פופצען קאָפּיקעס, פלעגט ער קומען צופאָרן אין אַ קאָליאַסקע מיט אַ פּאָר גוטע פערד.

רופאים אין שטאָט זיינען געווען עטליכע. דער בעסטער פון זיי — יאָשקע דער רופא איז געווען אַ מפורסם. ער איז געווען באַם ראָקטאָר לאַסאָווסקי.

אַבינגדור, חצקל און דור, די פּראָסטערע רופאים, פלעגן קומען פרייטאָג אין באָר אַריין און פלעגן שטעלן געהאַקטע באַנקעס, ווער עס האָט באַראַרפט. צענדרלינגער אידן, בעלי־בתים, געזונטע מענשן, פלעגן זיך שטעלן פרייטאָג אין באָר געהאַקטע באַנקעס. צי עס האָט עמיצן וויי געטאָן אַ האַנט, צי אַ פוס, צי דער מאָגן, צי דער קאָפּ, די איינציגע רפואה איז געווען — געהאַקטע באַנקעס, און וואָס מער, און בלוט פלעגט רינען איבער די פּלייצעס, פונקט ווי מען וואָלט געקוילעט אַ מענשן.

אָבער די גרויסע בעלי־בתים, ווי מיין זיידע אָדער יאָניע טרינקאָווסקי, פלעגן שוין רופן דעם רופא צו זיך אַהיים. מיין זיידע האָט זיך עטליכע מאָל אין יאָר געשטעלט געהאַקטע באַנקעס. האָט אים נאָר עפּעס אָנ־געהויבן וויי טון, האָט מען באַלד גערופן דור דעם רופא צו האַקן באַנקעס.

אין זונטאָגן פלעגן די רופאים און אויך די רופאטעס, זייערע ווייבער, שטעלן פּאָקן אָדער לאָזן די אָדערן די פּויערים און פּויערטעס.

דור און אַבינגדור האָבן געוואוינט אין אונזער גאַס, בריסקער גאַס, און דורך איר פלעגן אַממערסטן אָנקומען די פּויערים. געדיינק איך, ווי באַ די רופאים אין די שטובן פלעגט זיין פול געפּאַקט מיט פּויערים און פּויערטעס. זומער, די פענסטער זיינען אָפן, פלעגט מען קאָנען זעהן. אויפן גאַניק זיינען זיי אויך געווען פול געפּאַקט. די רופאים האָבן געהאַלטן גרויסע שיסלען בלוט אונטער די הענט פון די פּויערטעס און פּויערים, וואָס האָבן אַפילו פון געהאַקטע באַנקעס ווייניג געהאַלטן. געהאַקטע באַנקעס, לויט זייער מיינונג, נעמען אַרויס ווייניג בלוט, בעת מען דאַרף מער!.. געהאַלטן האָבן זיי נאָר פון לאָזן דעם אָדער. יעדער פּויער און פּויערטע, האָט זיי נאָר עפּעס וויי געטאָן, פלעגן זיי באַלד לאָזן דעם אָדער, פון וועלכן עס פלעגט אַרויסגיין כמעט אַ האַלבער טאָפּ בלוט.

די רופאטעס האָבן אפשר נישט געקאָנט שטעלן קיין באַנקעס און מאַכן קליסטירן, אָבער אָדערן לאָזן האָבן זיי יאָ געקאָנט, האָבן זיי געהאַקט אויף וואָס די וועלט שטייט.

יאָשקע דער רופא אָבער איז געווען אַ גאַנצער ראָקטאָר. ער האָט שוין אַליין די אָפּעראַציעס נישט געמאַכט. דערויף האָט ער געהאַט אַ

בחור, וואָס האָט זיך געלערנט פאַר אַ רופא, און אָט דער בחור פלעגט שוין האַקן די אָרערן.

אַז דער דאָקטאָר איז געשטאָרבן, איז געוואָרן יאָשקע דער רופא דער גאַנצער דאָקטאָר אין קאַמעניץ. ער האָט שוין געקאָנט מאַכן אַלע מאַסטן, וועלכע ער האָט זיך אויסגעלערנט באַם דאָקטאָר לאַסאָווסקי.

די תלמוד־תורה אונזערע האָט פאַרמאָגט אַ צוואַנציג גמרא־אינגלאַך מיט אַ צוויי מלמדים. די אינגלאַך האָבן געגעסן טעג. אויף דער תלמוד־תורה זיינען געווען באַזונדערע דריי גבאים, וועלכע פלעגן שאַפן געלט. אַמסייסטן פלעגן זיי אויפקלייבן געלט אויף די דערפער, באַ די ישובים. חנוכה־צייט האָבן די דריי גבאים גענומען צו זיך נאָך דריי בעלי־בתים חשובים צו פאָרן אינאײנעם איבער די דערפער קלייבן געלט אויף דער תלמוד־תורה. האָבן זיי נישט אויסגעמירן קיין איין דאָרף אַרום קאַמעניץ און געבעטן געלט. די ישובים האָבן אויסגעהאַלטן די תלמוד־תורה, וואָס איז אייגנטליך געפירט געוואָרן אין אָרדענונג.

די תלמוד־תורה האָט זיך געפונען אין אַ גאַנץ שיין הויז און די אינגלאַך זיינען אויך געגאַנגען גאַנץ אָנגעטאָן, כמעט גלייך מיט די בעל־הביתישע אינגלאַך, און צו עסן האָבן זיי אויך געהאַט.

צוויי גוטע מלמדים האָבן געלערנט מיט די אינגלאַך. איינער, אַ קלענערער, האָט געלערנט מיט אָנפאַנגער גמרא און דער צווייטער, אַ גרעסערער, האָט גוט געלערנט אַ בלאַט גמרא מיט תוספות.

שבת פלעגן שוין די גבאים ברענגען לומדים צו פאַרהערן די אינגלאַך.

אָט די תלמוד־תורה פון פאַר זעכציג־זיבעציג יאָר צוריק מעג זיכער פאַר־שעמען די היינטיגע תלמוד־תורות, אַפילו אין די גרויסע שטעט.

נאָך דער תלמוד־תורה קומט שטענדיג נישט ווילנריג אויפן זינען די באָד. די קאַמעניצער באָד איז געשטאַנען הינטערן שול־הויף, אַראָפּ, נעבן טייך. די שוויץ־באָד איז אַפילו נעווען נישט שלעכט. באַם אַריינגאַנג איז אין איין זייט געלעגן אַ באַרג הייסע שטיינער, וואָס זיינען אונטערגעבערנט געוואָרן פון דעם אויוון, וועלכער איז געווען אונטער די שטיינער. יעדער, ווער עס האָט נאָר געוואָלט, האָט אַ גאָס געגעבן אַ שעפל וואַסער, און אַ צווייטס, און אַ דריטס — איז געוואָרן „פאַרע" זיך אָפּצובראָטן. אין דעם באָד־צימער איז געווען אַ מקוה, אַ קאַלטע. אין פאָדער־צימער איז געווען איינגעמויערט אַן אייזערנער קעסל, וואָס האָט זיך דעם גאַנצן טאָג, פרייטאָג, געקאָכט. דאָרט האָבן אַלע אָנגעשעפּט הייס וואַסער אין די שעפלאַך. דער בעדער האָט אַלע מאָל דערגאָסן מיט אַ קלוטש, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ברונען, אין צווייטן עק פאָדער־הויז.

אין דעם גרויסן פֿאָרער־צימער זיינען אַרום געשטאַנען בריטע בענק. דאָרט האָבן זיך אַלע אויסגעטאָן. די ווענט פֿון דעם פֿאָרער־צימער זיינען געווען אַלטע, מיט גרויסע לעכער און שפּאַרעס, און דער ווינט האָט שטאַרק געבלאָזן פֿון אַלע זייטן. פֿלעגן אַלע ציטערן באַם אָנטון זיך, אַרויס־גייענדיג פֿון דער הייסער באָד. און יערן פֿרייטאָג האָבן זיך פֿיל פֿאַרקילט, און עס איז קיינעם נישט איינגעפֿאַלן צו זאָגן, אַז מען דאַרף די ווענט פֿאַרריכטן, אַז עס זאָל אַזוי נישט בלאָזן.

ווידער זיינען די שטיגלאַך פֿון דעם קאַלטן ברונען, וואָס אין פֿאָרער־צימער, געווען געפֿרוירן, גראָב אייז, איז מען אום ווינטער געגאַנגען מיט נאַקעטע פֿיס אויף די אַכט שטיגלאַך אייז נאָך וואַסער. פֿאַרשטייט זיך, אַז מען פֿלעגט גיין צו עטליכע מאָל און עס איז ממש אַ וואונדער, וואָס מען איז נישט אויסגעשטאָרבן.

דער בעדער האָט געהאַלטן די באָד אין אַרענדע פֿון שטאָט. געצאָלט האָט ער הונדערט רובל אַ יאָר. דאָס איז געווען צושטייער אויפֿן רבס שכירות. באָד־געלט איז געווען אַ פּרייז פֿון אַ דרייער ביז דריי קאָפּיקעס.

דאָס וואַסער פֿון טייך, געבן באָד, איז געווען פֿלאַך און זעהר שמוציג, קויטיג, גרין און פֿאַרשימלט. פֿאַרשטייט זיך, אַז היינטיגע צייטן, בעת די היגיענע איז געוואָרן אַ וויכטיגע לעבנס־פֿראַגע, און יערערער פֿאַרשטייט איר באַדייטונג, וואָלט מען געזאָגט, אַז פֿון דעם שטיק לוושע, וואָס איז דעמאָלט געווען אין קאַמעניץ, קומען אַלע עפּידעמיעס אין שטאָט. עפּידעמיעס אויף קליינע קינדער זיינען טאַקע יעדעס יאָר געווען, און אין קיין שטאָט זיינען נישט געשטאָרבן אַזוי פֿיל קינדער, ווי אין קאַמעניץ. עס זיינען אומגעגאַנגען מאָזלען, פּאָקן, שקאַרלאַטינע, און נאָך פֿאַרשיידענע קינדערשע קראַנקהייטן.

נאָר ווער האָט דאָס אין יענער צייט עפּעס געקלערט וועגן אַזאַ זאַך, וואָס פֿון איר זאָל קאָנען אַרויסקומען אַ קראַנקהייט. אַ קראַנקהייט, האָט מען געוואוסט, קומט פֿון גאָט און די פֿאַרשימלטע לוושע איז געבליבן לוושע.

ווייטער אַביסל פֿון דער לוושע איז שוין געגאַנגען דער טייך, וואָס דורך אים האָט מען איבערגעפֿירט פֿון ביעלאָוועזש קיין ראַנציג די גרעסטע ועגל־בוימער. נישט ווייט פֿון שול־הויף און אַנטקעגן דעם גרויסן בית־המדרש איז געווען אין טייך אַ ריין אָרט מיט אַ זאַמדיגן גרונט. האָבן זיך דאָרט מאַנסבלען געבאָדן. אויסגעטאָן האָט מען זיך אונטערן פֿרייען הימל. די זאַכן האָט מען געלעגט אויף די ברעטער, וואָס די האָלצהענדלער האָבן דאָרט געהאַט, און וועגן גנבענען זאַכן אָדער זייגערלאַך האָט מען גאָר קיין באַגריף נישט געהאַט.

מען האָט זיך אויסגעטאָן, איינגעפּאַקט די זאַכן אין קאַפּאָטע, אָדער גאָרנישט איינגעפּאַקט און אַזוי געבאָרן זיך, שעהן־ווייז. דערנאָך איז זיך יערער געקומען צו זיינע זאַכן.

די ווייבער האָבן זיך געבאָרן ווייט פון די מאַנסבּלען, אָבער דאָרט איז געווען דאָס וואַסער כמעט ווי נעבן באָר: פלאַך, קויטיג און פאַרשימלט. ווייטער, אַרויף־וואַסער, איז געווען ריינער. דאָרט האָט דאָס האָלץ געשוואומען. אָבער אַהין איז געווען ווייט צו גיין און ווידער איז שוין דאָרט געווען ערטערווייז טיף דאָס וואַסער.

אייגנטליך, נאָך מיין איצטיגן שכל, האָבן די מענער זיך באַראַרפט טוישן מיט די ווייבער. די מאַנסבּלען האָבן זיך באַראַרפט באָרן דאָרט, וואו די ווייבער, וואָרום זיי וואָלטן זיך נישט געפוילט און וואָלטן אַוועק צו דעם ריינעם וואַסער, וואָס איז פאַר די ווייבער געווען צו־ווייט און צו־טיף, און די ווייבער וואָלטן זיך נישט באַראַרפט באָרן אין אַזאַ קויט און שרעקליכן שמוץ. דעמאָלט זיינען נאָך אָבער די מאַנסבּלען נישט געווען אַזוי ריטעריש געשטימט, אַז זיי זאָלן גיין פאַרזאָרגן די ווייבער מיט ריין וואַסער צום באָרן זיך.

קאַמעניצער זיינען געווען באַרימטע שווימערס. דער טייך האָט אין איין זייט געהאַט אַ שמאָל, טיף, שטיל וואַסער, וואו די אינגלאַך האָבן זיך געקאָנט שווימען אַ וויאָרסט אָדער צוויי ווייט, און אַז איינער איז מיר געוואָרן שווימענדיג, פלעגט ער זיך גלייך אַראָפּגיין אויף דער לאָנקע, וואָס באַ ביידע זייטן טייך, האָט זיך אָפּגערוהט און ווייטער געשוואומען.

נעבן דער באָר איז געשטאַנען דער הקדש. דאָס איז נישט, חלילה, פאַר קראַנקע, נאָר פאַר די אורחים, פאַר די אָרימע לייט, וואָס פלעגן דורכפאָרן די שטאָט, האָבן זיי זיך דאָרט אויפגעהאַלטן. דאָרט האָבן זיך שטענדיג געפונען אַ דריי־פיר פאַמיליעס אָרימעלייט.

די מראה פון הקדש איז געווען אַן אימהריגע. עפּעס אַן אַלטע חורבה מיט אַ צעבּראָכענעם דאַך, מיט אויסגעבּראָכענע שויבן, פאַרשטאָפּט מיט שוואַרצע שמוציגע שמאַטעס און מיט אַ צעבּראָכענער טיר. דאָרט האָט מען פיל מאָל געוואוינט מיט קליינע עופהלאַך. עס איז אומבאַשרייבליך, און איך קאָן מיך נאָך איצט נישט דערמאָנען אָהן אַ שוידער אָן דער פאַרקומערטקייט, אָן דעם אומעט, אָן דעם שרעקליכן דלות פון די גרויסע נפשות מיט די קליינע נפשותלאַך, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען און קיינער פון די „פּני“ און די בעלי־בּתּים, די גרויסע דעות־זאָגער אין שטאָט, האָבן זיך נישט אומגעקוקט אויף דעם הקדש, פונקט ווי ער וואָלט אַזוי באַראַרפט זיין.

דער רב איז געווען אַ גרויסער בקי אין ש"ס און פּוסקים, אויך אַ גרויסער יחסן — דעם יסוד־שורש־העבודהס אַן איידעם. זיין פאָטער איז געווען ר׳ יחזקאל, דעם ווילנער גאונס אַן איידעם און ר׳ שמואל מינסקער גליל רבס אַ זון. האָט ר׳ יחזקאל מיט זיין ווייב, דעם גאונס טאָכטער, אָפּגעריכט גלות. זיי פלעגן גיין צו־פוס איבער די דערפער, ווינטער אין זומער־קליידער און זומער אין פעלצן, געגעסן ברויט מיט וואַסער און געשלאָפן אויף דער ערד.

איז ר׳ יחזקאלס ווייב פון אַזאַ אָפּקומעניש געשטאָרבן. האָט ר׳ יחזקאל גענומען ר׳ שמחהס, דעם גראָדנער רבס טאָכטער. דער ר׳ שמחה האָט געמאָנט באַם פירשט ראַדזיוויל הונדערט־טויזנט רוקאַטן, וואָס יענער האָט באַ אים געליען. פאַרן מאָנען האָט אים ראַדזיוויל געוואָלט פאַראַרעסטירן. איז ר׳ שמחה אַנטלאָפן און געוואָרן גראָדנער רב. ר׳ יחזקאל האָט געהאַט פיר זין, אַלע זיינען געווען גאונים, רבנים אין אַנדערע שטעט, און איינער פון זיי איז געווען קאַמעניצער רב.

שכירות האָט ער גענומען דריי רובל אַ וואָך און איז געזעסן ימים ולילה און געלערנט. קינדער האָט ער געהאַט פינף זין און איין טאָכטער, וואָס האָבן געלעבט אין גרויס דחקות. די רביצין איז צוגעשטאַנען צום מאַן, אַז ער זאָל בעטן אַ הוספה כאָטש נאָך אַ רובל אַ וואָך, אָבער ער האָט אַלץ נישט געוואָלט בעטן. דערנאָך, אַז זי האָט אים שוין פיל ראָקוטשעט, האָט ער אָנגעהויבן צו ריידן מכח דעם, אַז מען זאָל אים געבן אַ הוספה אַ רובל אַ וואָך.

ער האָט געראַרפט לאַנג ריידן און בעטן. לסוף האָט מען געמאַכט אַן אסיפה גרולה אין אַלטן בית־המדרש. און עס איז געבליבן, אַז יערער בעל־הבית פון די רייכערע זאָל געבן פון ליכט־בענשן אַ קאָפּיקע פאַרן רבס וועגן. פלעגט אַ שמש גיין אַלע פרייטאָג און קלייבן די קאָפּיקעס, פון וועלכע מען האָט מיט צרות צונויפגעשלאָגן דעם רובל, וואָס איז לסוף שוואַכער געוואָרן. אַזוי האָט דער רב געלעבט דאָס גאַנצע לעבן אין דחקות.

אַז ער האָט באַדאַרפט חתונה מאַכן אַ קינד, פלעגט ער פאָרן צו זיין רייכער פאַמיליע. דאָרט האָט מען אים געגעבן אויף חתונה־הוצאות.

קאַמעניץ האָט ליב געהאַט מגידים און חזנים. אַלע מגידים, וואָס פלעגן אַמאָל אַרומפאָרן איבער דער מדינה זאָגן מוסר פאַרן עולם, האָבן קאַמעניץ נישט אויסגעמידן. און אַזוי אויך די חזנים, וואָס פלעגן אַרומפאָרן מיט די משוררים איבער די שטעט און שטעטלאַך פאַרדינען געלט, זיינען געקומען אויך אין קאַמעניץ.

פלעגט קומען אַ מגיד אין שטאָט, האָט ער זיך צום ערשטן געמאָלדן צום רב און אויפגעגעבן, אַז ער וויל, למשל, מאַכן אַ הספד אויף דעם און דעם רב, אָדער צדיק, דריי רבנים, וואָס זיינען, צום ביישפּיל, אין דעם יאָר געשטאָרבן. געוויינטליך, האָט דער רב געוואָלט, מען זאָל מספּיד זיין, און האָט געשיקט צום גבאי פון גרויסן בית־המדרש אָנזאָגן, אַז עס איז דאָ אַ מגיד. דער שמש האָט שוין אויסגערופן אין בית־המדרש, אַז אין דעם טאָג וועט צווישן מנחה און מעריב זאָגן אַ מגיד.

איז שוין דער בית־המדרש געווען געפּאַקט מיט מענשן און אין דער ווייבער־שול איז אויך געווען קאָפּ אויף קאָפּ. דאָס רוב פלעגט אַזאַ מגיד אויפהויבן מיט זיין הספד אַ גרויסע יללה מיט אַ געוויין, און אַליין פלעגט ער זיך ממש צעגיסן: „דער רב איז געשטאָרבן, רבותי, דאָס איז שוין דער לעצטער קרבן. ווער ווייסט שוין איצט אויסקויפן אונזערע גרויסע זינד" (ער האָט זיך פאַרגעסן, אַז עס קאָנען שטאַרבן נאָך צוואַנציג רבנים). האָט דער עולם געטאָן און געוויינט.

און אַז דער מגיד האָט געקאָנט „מאַכן" אַזוי פיל מענשן צו וויינען, איז ער ראָך אַ גוטער מגיד, האָט מען אים געבעטן אויף מאָרגן ווידער. און אַזוי־ערנאָך האָט מען ווידער געוויינט. נאָך יעדן מאָל זאָגן, פלעגט מען אויפזואַמלען געלט פאַרן מגיד, און אַז ער איז אַוועקגעפאָרן, איז אין דריי טעג אַרום געקומען אַ נייער מגיד מיט אַ נייעם הספד. שטעלט זיך אַרויס, אַז דער צווייטער מגיד האָט נאָך אַ בעסערן מענה־לשון, וואָס קאָן מאַכן ווײנענדיגער, לכן האָט די שטאָט דאָס גאַנצע יאָר כסדר געוויינט.

איינמאָל, געדיינק איך, האָט אַ מגיד געמאַכט אַ הספד איבער דריי רבנים מיט אַמאָל. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן כח־הדיבור, מיט עפּעס אַ קוויטשיג קול, און ער האָט געשריען, אַז דער צדיק שטאַרבט נישט פאַר זיינע זינד, נאָר ער גייט אַוועק אַלס קרבן פאַר די זינד פון כלל־ישראל, און אַזוי ווי די דריי גאונים און צדקים זיינען שוין צוגענומען געוואָרן פאַר אונזערע זינד, זיינען שוין ערשט גאָרנישט געבליבן אַזעלכע גרויסע צדיקים, וואָס זאָלן קאָנען גענומען ווערן פאַר אַ קרבן פאַר אונזערע חטאים, וועט שוין ערשט דער רבונו־של־עולם צונעמען די קליינע קינדער־לאַך אויך פון דער מוטערס שויס. דאָס אַלץ האָט ער אויסגעלאָזן מיט אַ שרעקליכן קוויטש. האָבן זיך אַלע צעוויינט אויפן קול. מען וועט שוין צונעמען די קליינע קינדערלאַך אויך!... און די ווייבער האָבן שיער נישט געחלשט, וויינענדיג.

איך האָב אויך געהאַט אַ קליין שוועסטערל, פייגעלע האָט זי געהייסן, אַ קינד פון אַ יאָר, מיט שיינע הערעלאַך. איך האָב זי זעהר האָלט געהאַט. און אַז איך האָב דערהערט, אַז גאָט וועט שוין צונעמען די

קליינטשקע קינדערלאַך, איז דאָך מײַן ליב שוועסטערל אויך... האָב איך זיך אַזוי פונאַנדערגעוויינט, אַז איך בין אַוש געפאַלן אויף דער ערד און געבליבן אָהן כּחות.

דער מגיר איז אַוועקגעפאָרן און גאָט האָט געהאָלפן, עס איז אַוועק אַן עפּידעמיע פון מאָזלען, און אַ סך קליינע קינדער זיינען געשטאָרבן, און טאַקע בתּוכם מײַן שוועסטערל אויך. די שטאָט איז געוואָרן בייז אויף דעם מגיר, מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט זי פאַרשאָלטן. האָט מען אים געוואָלט יאָגן און בריינגען קיין קאַמעניץ זיך אָפּרעכענען מיט אים, נאָר דאָס האָט נישט געלונגען, און אָט אַזוי האָבן, געבעך, אונזערע קאַמעניצער אידן שטענדיג געוויינט.

עטליכע מאָל אין יאָר פלעגט קומען אויף אַ שבת אַ גרויסער חזן מיט משוררים. פון זיי פלעגט שוין זיין פריילעך אין שטעטל. דורכגעפאָרן זיינען אַזוינע חזנים, ווי ר׳ ישראל שקודער, ר׳ ברוך קאַרלינער, יאָשע פּינסקער און נאָך, און נאָך. אַזאַ חזן פלעגט נעמען פינף־און־צוואַנציג רובל פאַר אַ שבת.

דעם חזן פלעגט שוין שטענדיג דער זיידע בעטן צו זיך אויף שבת, און די משוררים האָבן געגעסן בײַ אַנדערע גרויסע בעלי־בתּים. שבת־צו־נאַכט פלעגט שוין דער זיידע מאַכן אַ מין זמירות, פאַררופן די גרעסטע בעלי־בתּים פון שטאָט, מען האָט געטרונקען טיי, געגעסן מלוה־מלכּה, און דער חזן מיט די משוררים האָבן געזונגען ביז אין טאָג אַריין. אויפן צווייטן אָוונט איז דאָס אייגענע געווען בײַ טרינקאָווסקין. אַ דריטן אָוונט בײַ דור־יצחקן א. ז. וו. יעדער בעל־הבית פלעגט דערווייל אַריינרוקן דעם חזן אַ זילבערנע מטבע, און אַזוי פלעגט אַ חזן אַוועקפאָרן פון קאַמעניץ אי זאַט, אי מיט געלט.

געווען אַ מנהג אין שטאָט, אַז דער בחור, וואָס האָט חתונה און פאָרט אַרויס אין אַן אַנדער שטאָט אויף קעסט, באַדאַרף זיך געזעגענען פאַר דער חתונה מיט אַלע חשובע בעלי־בתּים. דער שמש פון גרויסן בית־המדרש פלעגט גיין מיט דעם חתן אין אַלע הייזער זיך געזעגענען.

אַ חופּה פלעגט מען שטעלן נעבן גרויסן בית־המדרש. און דער רב, וואָס האָט געוואוינט דערבײַ, פלעגט קומען מסדר קדושין זיין. יעדער חתן האָט געמוזט זאָגן אַ דרשה בּאַם קבלת־פּנים, בּאַם באַדעקנס. האָבן זיך שוין די חתנים מיט אַ פּאָר חדשים פריהער געלערנט די דרשות. געוויינטליך, האָבן זיך די בעסערע אינגלאַך צוגעגרייט מיט גרויסע דרשות און מיט פּלפּול. אפילו די פּראָסטערע בחורים־חתנים האָט מען אויך אויסגעלערנט עפּעס אַ דרשה צו זאָגן. זאָל זיין אַ קליינע דרשה, אַ גרינגע דרשה, אַבי אַ דרשה.

מען זאָל קיין דרשה־געשאַנק ניט וואַרפן אומזיסט. דאָס איז טאַקע געווען אַן אמתער דרשה־געשאַנק.

דער בית־עולם איז געווען נענוג גרויס, לויט דער „סקאַזקע״. אָבער אַזוי ווי די נישט־איינגעשריבענע אין דער „סקאַזקע״ זיינען אויך געשטאָרבן, האָט מען טאַקע באַדאַרפט אַ גרעסערן בית־עולם.

ער איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַרקאַן, געוויינטליך, אַ הילצערנעם און מצבות זיינען געווען אַלע כמעט פון איין פאָרם: פּראָסטע שטיינער, נישט קיין גרויסע, מיט אַן אויסגעקריצטן טיטול.

פאַר פּסח, אין די גרויסע געוויסערן, האָבן גרויסע וואַסערן דורכגעפלייצט דעם בית־עולם, דורכגעריסן די מצבות און דורכגעשווייקט די קברים, רוקא פון די מיוחסים. ווייטער אַביסל איז געווען דער פּלאַץ העכער, דאָס וואַסער האָט נישט געקאָנט אַהין קומען, האָבן אָבער די קאַמעניצער געהאַלטן דאָס אָרט פאַר פּחיתות הכבוד, און רוקא דאָרט, וואו דאָס וואַסער האָט שטענדיג דורכגעשווייקט, האָט מען מקבר געווען די אַלע יחסנים. דערויף האָט מען עפּעס נישט געקוקט. זיי איז געווען געפעלן באַגראָבן צו ווערן אין דערנידער. פאַרוואָס, ווייס איך עד־היום נישט.

קיין חברות, ווי היינט, זיינען נישט געווען, אויסער איין חברה קדישא. זיי פלעגן נעמען געלט פון די נגידים, און עס האָט זיי נישט געפעלט קיין ברויט מיט באָרשט. דער מקח פאַר נגידים איז געווען פון דריי ביז צען רובל. איך געדיינק, אַז עס איז געשטאָרבן אַ באַוואוסטן קמצנס ווייב, אַזוי אַרום ערב ראש־השנה, האָט די שטאָט געוואָלט באַ אים נעמען פינף הונדערט רובל, אָבער ער האָט געשטעלט אַ פרייז צען. איז דער מת אָפּגעלעגן דריי טעג, און דער קמצן איז געקומען צו מיין זיידן, דעם ראש־הקהל, און געשריען:

— זאַלצט זי איין... איך וועל אייך אַזוי פיל נישט געבן.

נאָר הונדערט און פופציג רובל האָט ער דאָך געגעבן. אַזאַ סומע געלט איז נאָך זינט קאַמעניץ שטייט נישט געווען.

אַלע חול־המועד־פּסח פלעגט די חברה מאַכן אַ פּאָנש. איך געדיינק, מען פלעגט טרינקען הייסן מעד. עס איז געווען נישט שלעכט, און איין מאָל אין דריי יאָר פלעגט מען מאַכן חנוכה־צייט אַ סעודה גדולה. אויף דער ראַזינער סעודה פלעגן זיך צונויפקומען מאַסן מענשן. געגעסן האָט מען גרויסע פּאָרציעס פיש און גענזענס. איינער פון די גבאים פון חברה־קדישא האָט געהאַט אַ גרויסן בויך און איז געווען אַ גרויסער עסער, האָט ער געוואוסט, אַז דאָ איז אַן אָרט, וואָס מען קאָן עסן, וויפיל מען וויל. אָבער וואָס טוט מען, אַז עס גייט נישט מער? איז ער אין מיטן דער סעודה

אַרויס פון שטוב, האָט אַרייננעשטעקט דעם פינגער טיף אין האַלז און גלייך אויסגעבראָכן דאָס געגעסענע. דערנאָך איז ער אַרייננעקומען און גענעסן אויף דאָס ניי נאָך אַ האַלבע גאַנז.

די דאָזיגע סעודה האָט אָפּגעקאָסט אַ שלל מיט געלט.

די אָבערגלויבעריי אין שטאָט איז געווען זעהר גרויס. מען האָט געגלויבט אין שדים, אין טייוולאָנים, אין אַלע רוחות רעות. די מלמדים פלעגן אַרייןקלאַפּן אין די קעפּ פון זייערע תּלמידים פאַרשיידענע מעשׂות פון שדים. און אויך האָבן אַלע געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אויף יענער וועלט מיט דעם מענשן פון דעם טאָג אָן, וואָס ער שטאַרבט, ווי אַזוי עס פירט זיך מיט אים באַלד, ווי ער קומט אויפן הימל, פּונקט ווי יעדערער וואָלט עס אַליין געזעהן מיט די אויגן.

ווען דער מענש שטאַרבט, לייגט מען דאָך אים אויף דער פּאָדלאָגע, נישט אויף דער בלויזער פּאָדלאָגע, נאָר אויף שטרוי. איז יעדער שטרוי שטעכט אים ווי שפּילקעס, און באַלד קומען אַרום אים רוחות רעות און זיי נייען מיט נאָך אים אויף דער לויה, און אַז מען לייגט אים שוין אַריין אין קבר, קומט דער מלאך הרומה און פרעגט אים:

— מה שמך?

פאַרגעסט ער אָבער צום שלים־מזל. צעשפּאַלט אים דער מלאך הרומה דעם בויך און נעמט אַרויס די קישקעלאַך און וואַרפט אים אין פּנים. דערנאָך קערט ער אים איבער און שלאָגט אים מיט אייזערנע און געברענטע שטעקנס, מזיקט, פּייניגט און צערייסט אים אויף פּיק־פּיצלאַך א. אַז. וו. יעדערער איז געווען אין דעם אַלעם זיכער, ווי יעדערער איז, למשל, זיכער אין דעם, אַז ער לעבט אויף דער וועלט.

באַ אונז האָט מען געטראָגן דעם מת ביזן בית־עולם. געוויינטליך, האָט מען זיך געביטן באַם טראָגן און, געוויינטליך, אַזאַ שטאָט, האָבן אַלע באַלד געוואוסט, און אַזוי ווי עס איז אַ מצוה צו באַגלייטן אַ מת, איז די גאַנצע שטאָט נעגאַנגען צו דער לויה. פאָראויס איז נעגאַנגען דער קברות־מאַן מיט דער גרויסער בלעכענער פּושקע און געקלאַפּט מיט די גרויסע ניקאָלאַיעווסקע דרייערס און פּירערס, וואָס דער עולם וואַרפט, און האָט געשריען מיט אַ יאָמערדיג קול:

— צדקה תּציל ממות!

אַ שרעק, געדיינק איך, האָט דורכגענומען די ביינער. יעדערער האָט מורא פאַר די מלאכי־חבלה, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום דעם מת, און יעדערער האָט באַרעכנט די שרעקליכע לאַגע פון דעם געשטאָרבענעם, און דערביי האָט מען זיך דערמאָנט, אַז דער אייגענער סוף וועט אויך אַזוי זיין.

# קאַפּיטל II

—

דער עלטער־ויידע ר' וועלוול. — מיין זיידע אהרן־לייזער. — ר' יודל. — אהרן־לייזערס יוגנט. — די חתונה. — די באָבע ביילע־ראשע. — אהרן־לייזערס פאַר־ענדערונג. — דעם עלטער־זיידנס טויט. — דער איספּראַווניק. — זיינע באַציהונגען צום זיידן. — דער זיידע אלס פרנס־חודש. — דער באָבעס עצות. — דער זיידע אַ איסבאָרשטשיק. — דער שרייבער. — די מחלוקת צוליב דעם שרייבער. — דעם זיידנס השפּעה. — דער זיידע מיט די פּריצים. — דער רעוויזאָר. — אַ נייער איס־באָרשטשיק. — מחלוקת אין שטאָט. — דער נייער איספּראַווניק. — מיין זיידע ווידער איסבאָרשטשיק.

מיין זיידע, ר' אהרן־לייזער, איז געווען אַ קלוגער און אַ גערעכטער איד. ער האָט געהאַט אַן אומגעהויערע גרויסע השפּעה אויפן שטעטל. געבוירן איז ער געוואָרן אין יאָר תּק"ס, 1798־טן יאר. זיין פאָטער, ר' וועלוול־אהרנס, איז געווען פרנס־חודש אין קאַמעניץ. איין מאָל אין דריי יאָר איז אין יענע צייטן בײַ אידן אין יעדער שטאָט געווען אויסגעוויילט אַ פירער, וואָס פלעגט באַשטעטיגט ווערן פריהער דורכן איספּראַווניק, און דערנאָך פון גובערנאַטאָר.

דער פרנס־חודש איז געווען דער גאַנצער בעל־הבית אין שטאָט, הן אין די אידישע אינטערעסן צווישן זיך, הן אין אַלע אינטערעסן, וואָס די שטאָט האָט געהאַט מיט דער נאַטשאַלסטווע.

דער פרנס־חודש האָט באַדאַרפט אויפקלייבן און צושטעלן אַלע שטייערן און אָפּצאָלונגען, וואָס זיינען געלעגן אויף דער קהלה, און בײַ אים האָט דער איספּראַווניק אַלץ אויפגעמאָנט. מען קאָן דעריבער שוין פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ גרויסע ראָליע האָט געשפּילט אַ פרנס־חודש אין שטאָט.

וואָס אָנבאַלאַנגט זיין מאַכט, איז גענוג צו זאָגן, אַז ער האָט געהאַט רעכט ביז דריי טעג אַרעסטירן, און אויף מער אַרעסט האָט ער באַדאַרפט שיקן צום איספּראַווניק קיין בריסק, און דערבײַ שרייבן, אַז דעם מענשן קומט, לויט זיין מיינונג, אַ חודש אַרעסט. האָט דער איספּראַווניק ממלא

געווען דעם פּרנס־חודשס משפּט. דער פּרנס־חודש האָט אַפילו געמעגט שמייסן אויך אַ אידן, פאַרשטייט זיך, כאָטש קיין אָפיציעלע רעכט האָט ער געהאַט נישט געהאַט דערצו, נאָר יעדער איספּראַווניק איז געווען אין יענע צייטן בײַ זיך אין אויעזד גרעסער ווי היינט אַ גובערנאַטאָר, און ער האָט שטענדיג געגעבן דעם פּרנס־חודש אַ גרויסע ממשלה. וואָס דער פּרנס־חודש האָט געטאָן, האָט אַלץ דער איספּראַווניק באַשטעטיגט.

איז געווען אַ געשיכטע אין ווילנער גובערניע, אַז אַ פּרנס־חודש, אַ מתנגד, האָט געשמיסן אַ חסידישן רבי, וועלכער איז געקומען אַהין צו די חסידים, און עס האָט נישט געהאָלפן דאָס חסידישע וויינען און בעטן.

כאָטש דאָס געזעץ האָט געזאָגט, אַז אַ פּרנס־חודש דאַרף אויסגעוויילט ווערן איין מאָל אין דריי יאָר, דאָך האָט דער איספּראַווניק נישט געקוקט דערויף און האָט דאָס ערשטע מאָל געהייסן וויילן דעם, וואָס איז אים געפעלן, און אַזוי איז יענער שוין פאַרבליבן אויף ווייטער, ווי לאַנג ער האָט געהאַט חן בײַם איספּראַווניק.

דער עלטער־זיידע ר׳ וועלוול איז געווען דאָס גאַנצע לעבן פּרנס־חודש אין שטאָט און איז געווען אַ איר אַ נגיד: זיין פאַרמעגן האָט מען געשאַצט אין דריי טויזנט רובל. נאָר געלעבט האָט ער נאָר אויפן ברייטן אופן. ער האָט געהאַט אַן אייגענעם ברייזל צו מאַכן בראָנפן, קיין אַקציז איז נאָך דעמאָלט נישט געווען, פלעגט ער לייזן צוועלף גראָשן אַ טאָפּ בראָנפן. אין די שפּעטערדיגע יאָרן איז געוואָרן ביז אַכצען גראָשן אַ טאָפּ. געוויינטליך, צום ברויז האָט מען באַדאַרפט האָבן בהמות, עס איז דאָך געווען בראַגע פון ברויז. האָט ער געהאַט אַ צען־צוועלף קי, וואָס האָבן געגעסן בראַגע, און יעדע בהמה האָט געגעבן אַ פיר טעפּ מילך אַ טאָג. פון דער מילך און דעם קעז און דער פּוטער האָט מען זיך ממש נישט געהאַט וואו אַהין צוטון, אויך האָט ער געהאַנדלט מיט וואַלד, פלעגן די לעסניטשעס ברייננגען האָניג פון די בינשטאָקן. ער האָט אויך געהאַלטן די קאַראָבקע אין שטאָט, און בײַ אים האָט זיך פּראָסט געגאָסן פון חלב ודבש, און בשר אויך. בײַ אים אין הויז איז געווען אַזאַ „פּ ר ע ס אַ ר נ י ע״, וואָס מען קריגט עס זעלטן.

דער עלטער־זיידע איז אין נאַטור געווען אַ סך אַ ווייכערער, איידער דער זיידע, און צו די אָרימע קלאַסן מענשן, ווי בעלי־מלאכות, מלמדים האָט ער זיך באַצויגן מיט רחמנות. די גאַנצע שטייערן און אַלע אָפּצאָלונגען האָט ער אָנגעוואָרפן אויף די בעלי־בתּים חשובים, און גראַדע נאָר אויף די תּקיפים פון שטאָט האָט ער אָנגעלעגט אַממיינסטן די צאָלונגען.

זיין ממשלה האָט דערגרייכט אומעטום. ווען מען האָט נישט געוואָלט גיין צו אַ דין־תּורה, האָט ער יענעם געשיקט רופן און אָנגעזאָגט דערבײַ:

— איך גיב דיר צייט דריי טעג צו האָבן מיט דיין בעל־דבר אַ דין־תּורה.
און יענער האָט שוין געמוזט גיין.

געווען אַ פֿאַקט מיט איינעם אַ ר. מ., אַ גביר און אויך אַ גרויסער למדן, נאָר זעהר אַ שלעכטער מענש, וואָס האָט זיך נישט נאָר אָרנטליך באַגאַנגען מיט די, וואָס האָבן מיט אים געהאַנדלט. ער האָט מיט קיינעם נישט געוואָלט גיין צום דין־תּורה, האָט מען אים אָפּטער אָנגעקלאָגט פֿאַרן פּרנס־חודש, מיין עלטער־זיידן, האָט ער געשיקט רופֿן די אָנקלאָגערס און זיי געזאָגט:

— איר זאָלט אים אַלע רופֿן צום דין־תּורה, און נישט בלויז פֿאַר דאָס יאָר. די סכסוכים, וואָס איר האָט נאָך אַמאָל געהאַט מיט אים, און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון אַ דין־תּורה, קאָנט איר איצט אויסגלייכן. מיט איין וואָרט, איצט קאָנט איר בײַ אים מאָנען, און ער וועט שוין בײַ מיר גיין צום דין־תּורה.

דער עלטער־זיידע האָט אים בײַ אַלד געשיקט רופֿן, נאָר יענער האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיג. האָט ער געשיקט זיינע רעסיאַטניקעס, דריי אידן, חצקל, מאָשקע און אהרן־ליב, און מען האָט אים געבונדן מיט שטריק די הענט מיט די פֿיס בײַ אים אין שטוב, און קיינער האָט נישט געהאַט קיין העזה צו שטעלן זיך אַקעגן. וואָרום מען האָט געוואוסט, אַז אויב מען וועט זיך ווערן, וועט באַלד זיין גאַנץ פּאָליציי אין שטוב. דעם געבונדענעם ר. מ. האָט דער פּרנס־חודש אָפּגעשיקט צום איספּראַווניק מיט אַ בריף, אַז יענער זאָל אים אַריינזעצן און לאָזן זיצן אַזוי לאַנג, ביז ער וועט זיך ב עט ן אין אַ בריף צום זיידן, אַז מען זאָל אים אַרויסלאָזן.

מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן, אַז אַזאַ שיינעם אידן, אַ גביר און אַ למדן, און אַ יחסן האָט מען געבונדערהייט געפֿירט פֿון זאַסטאַוויע דורכן שטאָט אין דער בריסקער גאַס אַריין. עס איז געוואָרן אַ מהומה, אַ מישמאַש. די גאַנצע פֿאַמיליע זיינע האָט זיך צונויפֿגעזאַמלט, און דער טומל איז געווען גרויס. נאַטירליך, איז דאָס געווען אַ גראָב שטיקל אַרבעט, הגם פֿאַר אַמאָליגע צייטן איז עס געווען כאַראַקטעריסטיש. דער שטאָט האָט, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרדראָסן די מעשה, עס האָט גערוישט און גערעשט, נאָר פֿונדעסטוועגן בּאַפרייען אים מיט געוואַלד האָט קיינער די העזה נישט געהאַט. און מען האָט אים אָפּגעפֿירט קיין בריסק, וואו ער איז פֿעסט אַריינגעזעצט געוואָרן.

האָבן זיך אויפֿגעהויבן גאַנץ זאַסטאַוויער אידן און אָנגעשריבן אַ פּאַפּיר צום איספּראַווניק אויפֿן פּרנס־חודש, אַז ער טוט אין שטאָט, וואָס ער וויל, און מען קאָן פֿון אים נישט לעבן. נאָר מיט אַ פּאַפּיר אַליין האָט מען זיך נישט באַנוגנט. פֿינף פּאַרשוין מיט געשלייפֿענע צינגער זיינען

אַוועקגעפאָרן צום איספּראַווניק. דער איספּראַווניק האָט זיי אויפגענומען קאַלט און געזאָגט:

— עס וועט אייך גאָרנישט העלפן, און אַז איר וועט אפילו אָנגעבן צום גובערנאַטאָר, וועט ער דאָך אויך אָנפרעגן בײַ מיר, וועל איך אים זאָגן, אַז דער פּרנס־חודש איז אַ בראַווער איר. און, זעהט איר, פֿאַר דער העזה, וואָס איר זענט זיך געקומען קלאָגן, וועל איך אייך אָנלערנען, — און האָט פֿאַר זיי אין די אויגן צעריסן דאָס פּאַפּיר.

ר. מ. איז אַזוי אָפּגעזעסן צוויי וואָכן, ביז ער האָט געבעטן דעם איספּראַוו־ניק, ער זאָל אים ערלויבן אָנשרייבן אַ בריף צום פּרנס־חודש און אים איבער־בעטן. האָט ער געשריבן, אַז ער וועט מיט אַלעמען גיין צו דין־תּורה אַפילו פֿאַר די אַמאָליגע סכסוכים. און בכלל וועט ער פֿון היינט אָן מיט אַלעמען גיין צו דין־תּורה. דעמאָלט האָט דער פּרנס־חודש געשיקט אַ בריף צום איספּראַווניק, ער זאָל דעם ר. מ. פֿריי לאָזן. דער באַפרייטער איז געקומען גלייך פֿון בריסק צום זיידן און אים געגעבן אַ תּקיעת־כּף פֿאַר צען מענטשן, אַז ער וועט מקיים זיין, וואָס ער האָט געשריבן אין בריף.

מיט די פינף זאַסטאַוויער עזות־פּנימער האָט ער זיך אויך אָפּגערעכנט. ער האָט געשטעלט יעדערן צו צאָלן פינף־און־זיבעציג רובל פּאָראַטקעס, אָנשטאָט אַ רובל אָדער צוויי. אַזאַ גרויסע סומע געלט אין יענער צייט האָט מען נישט געקאָנט באַלד אַריינטראָגן. אַגב ווילט זיך דאָך אויך נישט.

און אין איין שעה צייט זיינען שוין אַלע בעבעכעס מיט אַלע כּלי־בית געווען אין קהל־שטוב. נאָך פיל געוויינען און בעטן האָבן זיי געגעבן יעדערער צו פינף־און־צוואַנציג רובל, און דאָס געלט האָט ער אַוועקגעגעבן אויף קויפן שס׳ן אין גרויסן בית־המדרש.

אין אַלע סכסוכים צווישן מאַן און ווייב, פֿאָטער מיט קינדער, ברידער מיט שוועסטער, איז מען געקומען צו אים. אין אַזוינע פֿאַלן האָט ער שטענדיג פֿאַררופן קלוגע בעלי־בתּים און מיט זיי זיך מישב געווען. און אַמאָל, ווען עס איז געווען אַ שווערער סכסוך, האָט ער גערופן צו זיך דעם רב. און זיין פּסק איז געווען גלייך ווי פֿון גובערנאַטאָר.

מיט יתומים פֿלעגט ער זיך שטאַרק אינטערעסירן. ער האָט נאָכגעקוקט, אַז זיי זאָלן נישט ווערן באַליידיגט פֿון די שטיף־מוטערס, און האָט ער געפֿונען אַ רשעת פֿון זיי, האָט ער זי אַריינגעזעצט און געהייסן דערנאָך, נאָכן באַפרייען, אַז מען זאָל זי אין בית־המדרש אויך נישט אַריינלאָזן. דאָס האָט גענומען, און זי פֿלעגט קומען מיט געוויינען און ׳צוזאָגן, אַז זי וועט שוין זיין בעסער צו די יתומים, וועלכע זי האָט איבערגעבעטן — און געוואָרן שלום.

ער איז געווען אַ למדן און האָט אַלע טאָג געלערנט אין דערהיים אַ בלאַט גמרא. אין מדרש איז ער געווען קלאָר אויסחייניג, און אַלע ערב ראש־חודש פלעגט ער פאַסטן און אָפּריכטן חצות.

ער האָט אויך אָפּגעהיט אַלע אידן פון די פּריצים, אַז קיינער זאָל נישט באַליידיגט ווערן. ווען אַ איד האָט געהאַט אַן עולה פון ,אַ פּריץ, איז ער געגאַנגען צום פּרנס־חודש, און דער פּרנס־חודש האָט די פּרעטענזיע באַלד איבערגעגעבן צום איספּראַווניק, און מען האָט זיך געסטאַרעט, פיל עס איז אויפצוטון דערין, פאַרשטייט זיך, אויף וויפיל מען קאָן אויפטון באַ אַ פּריץ. צוליב דעם, וואָס דער עלטער־זיידע איז געווען באַליבט באַ „נאַטשאַלסטוואָ", האָט ער געהאַט לפי ערך אַ געוויסע מאַכט באַ די פּריצים.

אַליין האָט ער מיט די פּריצים ווייניג מגע ומשא געהאַט, קיין באַזונדערע געשעפטן מיט זיי האָט ער נישט געפירט, נאָר ווען ער האָט באַראַרפט בעטן פאַר אַ אידן באַם פּריץ, פלעגט ער פאָרן צו אים און ראָס רוב פּועלן.

באַ אים אין שטוב פלעגט רוישן פון מענשן, דאָס זיינען אַלץ געווען אָרימע, אביונים. אַז בראָנפן האָט געקאָסט אַכצען גראָשן אַ טאָפּ, און געבראָטענע קעלבערנע פרייַדיקלאַך פלייש צו פאַרבייסן נאָכן שנאַפּס זיינען געהאַנגען שטענדיג אויפן בוידעם, האָט געלוינט באַ אים צו זיצן, און זיי אַלע זיינען אים טאַקע געווען איבערגעגעבן ביז גאָר.

אָבער די גרעסערע בעלי־בתּים זיינען אים געווען דם־שונאים פאַר זיינע תּקיפות און פאַר זיין רייסן געלט באַ זיי, וויפיל ער האָט געוואָלט.

דער רב פון שטעטל איז געווען אַ איד אַ גאון, און דער עלטער־זיידע האָט אים שוין געגעבן געננוג צום לעבן. עצות פלעגט ער זיך האַלטן נאָר מיטן רב, וועלכער פלעגט שטענדיג קומען צו אים אויף טיי. לפי ערך איז אין זיין צייט געווען אין קאַמעניץ אַן אָרדענונג, און אידן האָבן מער אָדער ווייניגער געלעבט בשלום. אַלס פּרנס־חודש איז אפשר ר׳ וועלוול־אהרנס געווען דער בעסטער און דער אָרנטליכסטער.

קינדער האָט ר׳ וועלוול געהאַט צוויי זין און צוויי טעכטער. דער עלטערער זון, אהרן־לייזער, מיין זיידע, וואָס איז אייגנטליך די צענטראַלע פיגור פון מיינע זכרונות, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ זעהר געראָטן אינגל. לערנען האָט ער אַפילו נישט געוואָלט און האָט געמעגט נישט וועלן, וויל דער פאָטער האָט אים זעהר געפּיעשטשעט און די מלמדים האָבן מורא געהאַט פאַר אים אימת־המלכות, און אַז ער האָט נישט געוואָלט לערנען, איז אויך נישט געווען זייער דאגה.

דערום איז דער זיידע אהרן־לייזער אַרויסגעקומען נישט קיין למדן, כאָטש ער האָט געהאַט דעם טייערן גוטן קאָפּ. ער האָט אַפילו נישט געקענט

קיין גמרא. אַזוי ווייט האָט ער נישט געוואָלט לערנען און אַזוי ווייט האָט מען אים נאָכגעגעבן און צעלאָזן. ער האָט ליב געהאַט צו לערנען עשרים־וארבעה, נישט קוקנדיג אויף דעם, וואָס לערנען תנ״ך איז דעמאָלט געווען אַפּיקורסות. אַמאָל פלעגט ער אַריינקוקן אין אַ פּרק משניות און עין־יעקב.

אַז ער איז אַלט געווען עלף יאָר, האָט ער חתונה געהאַט מיט ר׳ יורלס טאָכטער פון סעמיאַטיטש, גראָדנער גוב.

ר׳ יורל איז געווען אַ גרויסער למדן און האָט קלאָר אויף אויסווייניג געוואוסט אַ פּאָר הונדערט בלאַט גמרא נזיקין, דערצו איז ער אויך געווען אַ חקרן און האָט געלערנט פיל אַסטראָנאָמיע פאַר יענער צייט. לויט זיין פּראָפעסיע איז ער געווען אַ לייפּציגער סוחר און צוויי מאָל אין יאָר פלעגט ער פאָרן קיין לייפּציג אין אַן אייגענער בויד מיט דריי פערד און אַ קוטשער. מיט זיך פלעגט ער פירן אַ גרויסן קאַסטן מיט זילבער־געלט און אַ קליין קעסטל מיט רענדלאַך און דערצו פאַרשיידענע גמרות מיט פאַרשיידענע חקירה־ספרים און אויפן וועג פלעגט ער לערנען. ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו דעם אינסטרומענט, וואָס הייסט קלאַרנעט, אויף וועלכן ער האָט מאָרגנס ליב געהאַט צו שפּילן.

דערנאָך האָט ער אויפגעהערט צו האַנדלען מיט לייפּציג און איז געוואָרן אַ מיליטער־פּאָדריאַטשיק. דעמאָלט פלעגט ער אָפט זיין אין פּעטערבורג, פלעגט ער שטענדיג דערציילן מעשיות פון דאָרטן און פון קיסר מיט זיין פאַמיליע. נאָך זיין טויט בין איך אַלט געווען צוועלף יאָר. געדיינק איך, אַז זוכנדיג באַ אים אין די שופלאָדן, האָבן מיר געפונען בריף פון פּאָדריאַטשיקעס פון גאַנץ ווילנער אָקרוג. אין אַנדערע בריף איז געווען געשריבן, אַז זיי, די פּאָדריאַטשיקעס, געבן אים איבער זייערע פּרעטענזיעס, וואָס זיי מאָנען באַ קאַזנאַ, און ער זאָל פאָרן קיין פּעטערבורג דאָס אויפ־מאָנען. עס זיינען אויך געווען בריף פון פאַרשיידענע שטעט, אין וועלכע ער איז געבעטן געוואָרן אַריבערצופאָרן זיך צו זיי אין די שטעט, וואו זיי וועלן אים אָפּגעבן גרויס כבוד. ער איז שוין דעמאָלט געווען אויף דער עלטער.

דאָס יונגע פּאָר־פאָלק, ר. ה. מיין זיידע מיט דער באָבען, זיינען געווען אין עלטער פון עלף און צוועלף יאָר, און קעסט האָבן זיי געגעסן באַם עלטער־זיידן אין קאַמעניץ.

דער זיידע אהרן־לייזער, זייענדיג אַ גרויסער שטיפער, פלעגט ער זיך הוירען אין די הייזער, וועלכע מען האָט געהאַלטן אין אויפבויען. נאָר די באָבע, וואָס האָט אים געהיט און מורא געהאַט פאַר זיין הוירען זיך, פלעגט אים נישט לאָזן. פלעגט ער זיך באַהאַלטן פון איר און גיין ערגעץ

ווייטער, אַז זי זאָל אים נישט געפינען. איינמאָל, האָט זי דערציילט, האָט זי אים לאַנג געזוכט און קוים מיט צרות ערגעץ געפונען. ער איז דעמאָלט געזעסן אויף אַ הויכער ברעט און געהוידעט זיך, און אַז ער האָט זי דערזעהן, האָט ער זיך דערשראָקן און האָט אַ שפרונג געטאָן. פון דעם שפרונג איז ער געפאַלן און האָט זיך גוט צעשלאָגן. האָט דאָס „ווייב" אָנגעהויבן וויינען, און ער האָט איר דעמאָלט געשוואוירן, אַז ער וועט זיך שוין מער נישט הוידען. צו צוועלף־דרייצען יאָר איז ער געווען זעהר אַ צעלאָזן און ווילד אינגל. די באָבע איז אָבער געווען זעהר אַ קלוגע, נישט נאָך אירע יאָרן נאָך, האָט זי אים פאָרזיכטיג און פאַמעליך אָפּגעוויינט פון אַ סך שטיפערייען און צעלאָזנקייט. אַז זיי זיינען געוואָרן נאָך דער חתונה פאָטער און מוטער, האָט זי אים געזאָגט, אַז איצט דאַרף ער שוין אָנהויבן פירן אַ שטאַט, ווי עס פאַסט פאַר אַ פאָטער פון קינדער, און אַזוי ווי צום טאַטן קומען דאָך אַזוי פיל מענשן, וואָס צווישן זיי געפינען זיך אַנדערע גאָר געהויבענע, און עס ווערט גערעדט אין שטוב פון אַזוי פיל שטאָטישע ענינים, טאָ דאַרף ער זיך אָנהויבן אַריינצומישן אין דעם טאַטנס געשעפטן, מעשה מענש. האָט ער זי געפאָלגט. און איר צו פאַרדאַנקען, איז ער געוואָרן אַ מענש, האָט זיך אָנגעהויבן מישן אין דעם פאָטערס ענינים און אין שטאָטישע ענינים, און האָט לפי ערך נושא־חן געווען באַם עולם.

דער פאָטער ווידער איז געווען זעהר צופרידן, וואָס זיין זון אהרן־לייזער האָט אָנגעהויבן פירן אַ שטאַט, און ער האָט שוין מיט וועמען צו ריידן און אויסצופירן אַמאָל אַ שטאָטישן ענין, וואָס פאַרנעמט דאָס רוב זעהר פיל צייט. ער האָט נאָך געהאַט איינענע געשעפטן אויך. האָט ער אָנגעהויבן ביסלעכווייז איבערצוגעבן דעם זון אַלע שטאָטישע עסקים. ער האָט געזעהן, אַז דער זון ווערט מער לייט און אַז פאַר דעם יונגען בעל־הביתל הויבט מען אָן צו קריגן דרך־ארץ. איינמאָל האָט ער אַפילו פאַר אַ גרויסן עולם זיך אַרויסגעזאָגט:

— איך זעה, אַז איך האָב אויף וועמען איבערצוגעבן די שטאָט (פונקט ווי די שטאָט מיט די מענשן וואָלטן געווען זיין אייגנטום).

אַזוי האָט זיך דער זיידע אהרן־לייזער אָנגעהויבן מישן אין אַלע שטאָט־ענינים, איז געוואָרן אַ שטאָט־מענש, וואָס איז געווען דער פונדאַמענט פון זיין שפּעטערדיגער קאַריערע.

די באָבע ביילע־ראַשע איז געווען, ווי מען האָט אַמאָל געזאָגט — קלוג, גוט און איידל. זי, דאָס יונגע ווייבל, האָט זיך אַלץ צוגעקוקט, ווי איר מאַן פירט זיך, און פאַר מענשן אין די אויגן האָט זי זיך גאָרנישט געמאַכט וויסן, אַז זי פאַרשטייט עפּעס. זי האָט אים נישט אָנגעוויזן, ווען ער האָט

נעהאַלטן באַם טון די גרעסטע נאַרישקייט, ווי אַ אינגל. נאָר באַ זיך אין צימער האָט זי אים אויפגעוויזן אַלע פעלערן, וואָס ער האָט פאַרן טאָג אָפּגעטאָן. נאָר פריהער פאַרן אויפווייזן, האָט זי אים איבערגעבעטן און דערביי צוגעוואָרפן, אַז ער זאָל נישט נעמען פאַר אומגוט, וואָס זי, אַ אידענע, לערנט אים, אַ מאַנסביל, ווי צו טון און ווי צו באַגיין זיך.

— אָבער דו ביסט דאָך נישט מער, ווי אַ מענש, — האָט זי מיט אים שטיל איינגעטענעט, און דערצו נאָך יונג. יעדער מענש קאָן טון אַ נאַרישקייט. לכן איז גוט, אַז איך קוק זיך צו אויף דיין פירונג מיט אויגן פול ליבע און וויל דיר מער נישט אָנווייזן, וואָס דו האָסט געטאָן גוט און וואָס שלעכט.

און אַזוי כסדר, און ווייטער, רוהיג און שטיל האָט זי מיט אים איינגעטענעט.

אירע גוטע קלוגע רייד פלעגן דעם יונגען בעל־הביתל אַזוי צענעמען, אַז ער פלעגט אָפּט מאָל אָנהויבן וויינען. דעמאָלט פלעגט די באָבע זאָגן:

— נו, שאַ, ווייַן נישט, מיין טייערער מאַן, איך האָף, אַז דו וועסט קאָנען טון פיל גוטס. נאָר ריידן ווי אַ גוט, אַ געטריי ווייב דאַרף איך דאָך מיט דיר.

פון דעם אַלעם איז אַרויסגעקומען, אַז דער זיידע פלעגט זיך שוין קיינמאָל צו קיין זאַך נישט נעמען, אַחוץ ער פלעגט זיך פריהער נישט מישב זיין מיטן ווייב.

אַלעמען פלעגט ער מודיע זיין, אַז ער וועט זיך מישב זיין ביז מאָרגן. באַנאַכט פלעגט ער מיט ביילע־ראַשן אַלץ איבערריידן, און ווי עס פלעגט בלייבן באַשלאָסן, אַזוי פלעגט ער טון.

שטאָט האָט שוין אָבער געוואוסט, אַז דאָס פירט ער אַ ישוב־הדעת מיט זיין קלוגער ביילע־ראַשען, און דאָס איז אים פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ מעלה: אַ מאַן דאַרף לעבן אין הסכם מיטן ווייב.

מיט דער צייט, אַז אהרן־לייזער איז געוואָרן עלטער און האָט שוין געהאַט אַ פאָר קינדערלאַך, האָט ער אָנגעהויבן צו קלערן פאַר זיך עפּעס אַ פרנסה. פרנסה פון שטאָט־זאַכן איז איינגנטליך שווער געווען צו ציהען באַ די אַמאָלינע גראָשנריגע בעלי־בתים. אגב, האָט ער די שטאָט־ענינים, וואָס האָבן זיך אים אָנגעהויבן צו צועסן, נישט געוואָלט מאַכן פאַר אַ פרנסה. ווידער דעם פאָטערס געשעפטן מיט וואַלד, וואָס זיינען געווען אין קליינעם מאָסשטאַב, זיינען אים אויך נישט געווען געפעלן און דאָס ברייזל מיט די בהמות האָט ער גאָר פיינט געהאַט.

זועהענדיג דאָס ברייטע פריצישע לעבן, וואָס אַרום שטעטל, האָט ער זיך אַ טראַכט געטאָן, פאַרוואָס זאָל מען מיט אַזוינע לייט נישט מאַכן

קיין געשעפט. די פּריצים קאָנען דאָך דעם פּרנס־חודשס זון, מען קאָן אים אומעטום צונעמען בכּבֿוד, אפשר וועט דערפון עפּעס רעכטס אַרויס־שפּרינגען. זיינען דאָך פאַראַן אַזוי פיל אידן, וואָס לעבן פון פּריצים און זיינען רייך, פאַרוואָס זאָל ער זיין ערגער פון זיי? אין שטאָט האָט מען געזאָגט, אַז דאָס איז אויך זיין ווייבס בייל־ראָשעס קאָפּ.

קורץ, דער יונגערמאַן האָט געבעטן באַם פאָטער אַ דריי הונדערט קערבלאַך און האָט אָנגעהויבן אַרויסצופאָרן צו די פּריצים, געוויינטליך, פריהער צו יענע, וועלכע זיינען געווען מער באַקאַנט און די נעהענטערע פּריצים פון שטאָט. אויפגענומען דעם יונגנמאַן האָבן זיי גאַנץ העפליך, ער האָט אַפילו באַ זיי נושא־חן געווען, און ביסלעכוויז, אין אַ קורצער צייט אַרום, האָט ער אָנגעהויבן מאַכן מיט זיי געשעפטן. נאָר פאַרדינט האָט ער ווייניג — ער איז באַ זיך געווען זעהר גרולריג און האָט נישט געוואָלט, אַז דער פּריץ זאָל, חלילה, זאָגן אויף אים, אַז ער האָט אים אָפּגענאַרט. אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט געגאַנגען אין גאָלד, האָט מען געזאָגט. אַמאָל האָט ער דערויף געענטפערט:

— אַן אַנדערן אויף מיין אָרט וואָלטן די פּריצים אויפן שוועל נישט אַרויפגעלאָזט. נישקשה, איך וועל זיך ביסלעכוויז באַקענען מיט זיי, וועט נאָך זיין געגוג אָרט, וואו צו פאַרדינען געלט. דערווייל דאַרף איך נאָך נישט קיין סך.

אַזוי איז ער זיך ביסלעכוויז געוואָרן פּאָפּולער באַ די פּריצים. ער האָט זיך געהאַלטן מיט זיי טאַקטיש, רוהיג און ערנסט.

דער זיידע, אהרן־לייזער, האָט געהאַט נאָך איין ברודער, יונגער פאַר אים מיט אַ יאָר זעקס. נאָר יענעם האָט מען געהאַלטן פאַר אַ שלימזולניק, אין שטאָטישע ענינים האָט ער זיך בכלל גאָרנישט געמישט, באַם פאָטער איז ער געזעסן און געגעסן קעסט און טיילמאָל צוגעהאָלפן דעם פאָטער. דער עלטער־זיידע האָט אים נישט ליב געהאַט, נאָר איין אהרן־לייזער איז באַ אים געווען דאָס לעבן, ער האָט אויך ליב געהאַט די שנור, אהרן־לייזערס ווייב, און זי שטענדיג גערופן די צדקת.

צוויי טעכטער האָט ער געהאַט, און פאַר זיי האָט ער גענומען מאַנען גרויסע לומדים. די דאָזיגע לומדים האָבן אים אָפּגעקאָסט פיל געלט. נאָך פאַרצייטן האָט ער זיך ערלויבט צו געבן אַ טאָכטער טויזנט רובל נדן און גענומען אײדעמס עלוים, וועלכע ער האָט אויך געגעבן קעסט, און זיי זיינען געזעסן יומם ולילה און געלערנט.

דער זיידע אהרן־לייזער האָט שוין דערנאָך נישט געוואָלט זיין באַם פאָטער און עסן מיט אַלע שוועסטער, איידעמס קעסט. איז ער אַוועק פאַר זיך, איבערגעבנדיג זיך אינגאַנצן צו די געשעפטן מיט די פּריצים.

געװען איז דער זײדע פֿון דער נאַטור זעהר אַ ברײטער מענש, און זײן אײנציגער פֿאַרלאַנג איז געװען, אַז פֿון זײנע קעשענעס זאָל זיך שיטן געלט און אַלע זאָלן קלײבן.

ער האָט שוין געהאַט עטליכע קינדער און אין שטאָט האָט מען געװאָלט, אַז ער זאָל זיך מישן אין די שטאָטישע ענינים; דער זײדע מיט זײן אױסזעהן, מיט זײן ברײטקײט האָט זיך זעהר געפּאַסט פֿאַר אַ שטאָט־מענש.

דער עלטער־זײדע ר׳ װעלװל איז געשטאָרבן צו זעכציג יאָר. אַז ער איז קראַנק געװאָרן, האָט זיך דערװואוסט דער איספּראַװניק און איז שוין נישט אָפּגעפּאָרן פֿון שטאָט. ער האָט זעהר געזשאַלעװעט דעם חולה, װאָס איז געװען געפֿערליך. פֿאַרן טויט האָט ר׳ װעלװל געשיקט רופֿן דעם איספּראַװניק צו זיך און געבעטן, אַז ער זאָל נעמען אַ פּרנס־חודש אויף זײן אָרט אַ קלוגן און אָרנטליכן מענשן, װאָס זאָל קאָנען פֿירן די שטאָט, דערבײ האָט ער אים אָנגעװיזן אויף אַ פּאָר קלוגע בעלי־בתּים. דער איספּראַװניק, װאָס האָט װאַרשײנליך געהאַט אַ קוק אויפֿן זײדן, האָט געזאָגט:

— מיר איז געפֿעלן צו מאַכן דײן זון אהרן־לײזערן פֿאַר אַ פּרנס־חודש, כאָטש ער איז אַפֿילו זעהר יונג. אָבער ער איז מיר געפֿעלן.

ר׳ װעלװל האָט אָנגעהויבן צו װײנען און געזאָגט:

— לאָז צו־רוה מײן ליבן זון. די שטעלע איז אַ שװערע. װי מען זאָל נישט זײן גוט, איז מען אַלץ נישט יוצא. מען איז אַרומגערינגלט דורך פֿון שונאים.

דער איספּראַװניק האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז אַװעקגעפֿאָרן. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער פּרנס־חודש געשטאָרבן. רעמאָלט האָט דער אַסעסער אַװעקגעשיקט אַ שטאַפֿעט צום איספּראַװניק, אַז דער פּרנס־חודש איז געשטאָרבן. איז ער געקומען מיטן סטראַפּטשע און בײדע האָבן אים באַגלײט צוזאַמען מיטן אַסעסער ביזן בית־עולם.

אויף מאָרגן האָט דער איספּראַװניק געשיקט רופֿן דעם זײדן, אהרן־לײזערן, װעלכער איז צו דער צײט אַלט געװען אַ יאָר אַכט־און־צװאַנציג, און האָט אים פֿאָרגעלעגט דעם פֿאָטערס אָרט. דער זײדע האָט זיך אײנגאַנצן אָפּגעזאָגט דערפֿון, ערקלערנדיג דעם איספּראַװניק, אַז ער איז נאָך צו־יונג פֿאַר אַזאַ פֿאַראַנטװאָרטליכע שטעלע.

— איך האָב מיר מײנע געשעפֿטן, — האָט ער גערערט צום איספּראַװניק — איך שלאָף רוהיג, עס רוהיג, און דאָס איז פֿאַר מיר אַ צו גרויסע אַרבעט.

דער איספּראַװניק האָט זיך אָבער געהאַלטן בײַ זײנס.

— הער־זשע, — האָט ער ערקלערט דעם זײדן — איך האָב נישט קײן אַנדערן אויסער מ., װעלכער איז אײך אַ רם־שונא. װעט ער זײן פּרנס־חודש, װעט דײן משפּחה געװיס דערפֿון לײדן. — דער איספּראַװניק האָט

געוואוסט ווי צו ריידן מיט אַ אידן. — און אַזוי ווי איך האָב ליב דיין טאַטן, — האָט ער גערעדט, — און ווייס, אַז דו ביסט אַ בראַווער יונגערמאַן און אַ כוואַט, דאַרפסטו זיך נישט אָפּזאָגן. וועט ווערן מ. פּרנס־חודש, וועסטו זיכער ליידן, — האָט ער חברליך געסטראַשעט.

דאָס האָט דעם זיידן שוין גאָרנישט געשמעקט. מ. איז געווען אַ שרעקליכער שונא דעם עלטער־זיידן און דער גאַנצער משפּחה. דאָס איז געווען דער־זעלבער מ., וועלכן ר' וועלוול האָט אַרעסטירט פאַר נישט וועלן גיין צו אַ דין־תּורה. דעם זיידן האָט עס אינגאַנצן מוטלאָז געמאַכט, און ער האָט צוגעזאָגט דעם איספּראַווניק נאָך היינט צו געבן אַ תּשובה.

ער האָט זיך לאַנג מישב געווען מיט זיין ביילע־ראַשען. עס איז געווען נישט אַהין, נישט אַהער. נעמען די שטעלע איז געווען ביטער, ווי דער טויט, נישט נעמען איז ווייטער שלעכט. טראַכטנדיק און קלערנדיק, רעכענענ־דיק און איבערלייגנדיק, איז דאָך לסוף געבליבן, אַז מען מוז אָננעמען די שטעלע. עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען מ. וואָלט נישט געווען קיין קאַנדידאַט, וואָלט דער זיידע זיכער זיך אָפּגעזאָגט. דערביי איז געבליבן, אַז דער זיידע, אָננעמענדיק די שטעלע, זאָל זיך זעהן האַלטן בנוגע צו דער שטאָט רוהיג, געלאַסן, אָרנטליך און פאָרזיכטיג.

דעמאָלט האָט אהרן־לייזער מודיע געווען דעם איספּראַווניק, אַז ער נעמט אָן די שטעלע. דער איספּראַווניק האָט אים מיט אַמאָליגער אָפּנהערציגקייט אַ קוש געגעבן אין קאָפּ און צוגעזאָגט אַלץ גוטס אויף דער נייער שטעלע. ער האָט באַלד געהייסן מאַכן אַן אספּה אין שטאָט און... אויסוויילן דעם אַלטן פּרנס־חודשס זון, אהרן־לייזערן.

שטאָט האָט אים „אויסגעוויילט", זאָגאַר מיט גרויסער צופרידנקייט. ער איז געווען געפעלן פאַר זיין שכל און געשיקטקייט.

דער איספּראַווניק האָט גענומען אהרן־לייזערן, דעם נייעם פּרנס־חודש, אין זיין קאַרעטע און איז אַוועקגעפאָרן מיט אים קיין בריסק, אָפּגעהאַלטן אים דאָרט באַ זיך עטליכע טעג, איבערגעגעבן אַלע אַרבעט בנוגע צו דער שטאָט. דערביי האָבן אים ממש אַנטציקט די מיינונגען פון דעם יונגנמאַן.

אהרן־לייזער איז געקומען קיין קאַמעניץ און האָט אָנגעהויבן פירן די שטאָט, ווי דער פאָטער. ער איז אָבער געווען קליגער פון פאָטער און ענערגישער, און די פּני־העיר, וואָס פלעגן גאַנצע אָוונטן פּטרן אויף די אספות מכּח קהלשע געשעפטן, האָבן זיך איצט אַליין געפונען פאַר איבעריג. די אַרבעט פון שטאָט האָט אהרן־לייזער אויסגעפילט גרויסאַרטיג. עס איז אַוועק אַזוי גוט, אַז עס איז לחלוטין איבעריג געווען יעדע אספּה, וואָס איז אַזוי נויטיג געווען באַ יעדן פּרנס־חודש.

אָט אַזוי האָט זיך ביסלעכווייז אהרן־לייזער אָפּגעווייַנט פון די פּני־העיר און פלעגט זיי שוין גאָרנישט רופן, אַפילו אויף אַ ישוב־הדעת. סיידן אַז עס פלעגט זיך מאַכן זעהר אַ פאַרפּלאָנטערטער ענין. דעמאָלט פלעגט ער שוין זיין געצוואונגען זיי צו רופן.

— אפשר האָט איר בעסערע עצות? — פלעגט ער זיי פרעגן — מיין עצה איז אַזוי און אַזוי...

אָבער דער גרעסטער בעל־יועץ איז בײַ אים געווען זיין ווייב ביילע־ראַשע. אין די אָװנטן פלעגט ער מיט איר איבערשמועסן אויג אויף אויג, און אַ מאָדנע זאַך — ער איז געווען אַן אַנטשלאָסענער מענש, אַ מעכטיגער און אַ גרויסער דעספּאָט, דאָך האָט ער װאונדערליך געהערט דאָס ווייב, און דאָס גאַנצע לעבן איז בײַ אים געווען הייליג דאָס, וואָס דאָס ווייב האָט געזאָגט אָדער געראָטן. זיין פּרנס־חודשעריי האָט געדויערט צוויי יאָר מיט אַ האַלבס, ביז עס איז בטל געוואָרן אָט די אומבאַגרענצטע ממשלה. דער פּרנס־חודש איז שוין מער נישט געווען די פאַראַנטוואָרטליכע פּערזאָן פאַר דער גאַנצער שטאָט און האָט געקראָגן אַ נייעם נאָמען „איסבאָרשטשיק“, וואָס האָט נאָר באַדאַרפט אויפקלייבן אַלע נאַלאָגן פאַר קאַזנאַ, און דאָס איז ער אויך נישט געווען פאַראַנטוואָרטליך, נאָר די שטאָט.

אהרן־לייזער האָט נישט געוואָלט זיין קיין איסבאָרשטשיק. דער איספּראַווניק האָט אים ווידער שטאַרק געבעטן און אַפילו אים צוגעזאָגט, אַז זיין ממשלה וועט אויף ווייטער בלייבן ריזעלבע ווי פריהער. פאַר דער שטאָט איז אַזאַ שטעלע געווען נאָר אומבאַקאַנט, זי האָט נישט געוואוסט, וואָס מען טוט מיט איר און ווי עס דאַרף זיך איצט, למשל, אַזאַ איסבאָרשטשיק פירן, און די שטאָט־לייט האָבן אים אויסגעוויילט ברצון הטוב.

איז אהרן־לייזער געבליבן איסבאָרשטשיק, אָבער געפירט האָט ער אַלץ, ווי פריהער, אַ האָר נישט ווייניגער, און איך ווייס נישט, צי האָט נאָך אַ איסבאָרשטשיק אין דער ליטע געהאַט אַזאַ מאַכט, ווי ער. אַנדערע בעלי־בתים האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף אים בייז. זיי האָבן געוואוסט, אַז די רעכט, וועלכע אהרן־לייזער נעמט זיך, האָט נאָך קיין איסבאָרשטשיק נישט. דערפון האָט ער אָנגעהויבן צו קריגן שונאים.

אהרן־לייזער האָט זיך דערויף נישט אומגעקוקט. בײַ אים האָבן זיי קיין ראָליע נישט געשפּילט. ער האָט דעם איספּראַווניק — און געגנוג! נאָר פונדעסטוועגן האָט זיך עס אים צוגעגעסן, און עפּעס איינעם, וועמען ער זאָל קאָנען איבערגעבן די שטעלע, האָט ער נישט געפונען. אגב וואָלט פון אַזאַ אַרבעט נישט געווען צופרידן דער איספּראַווניק. דער ראָזינער איספּראַווניק האָט אויך געוואוסט, אַז אהרן־לייזער איז אַ כוואַט אויף

אויפצומאָנען די שטייערן, וואָס אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט עס אפשר נישט געקאָנט, און דאָס איז פאַר אים געווען באַזונדערס וויכטיג.

בײַ אהרן־לייזערן איז פאַרבליבן, ער זאָל נעמען אַן ענערגישן שרייבער, און יענער זאָל פירן די שטאָט־ענינים. דעמאָלט וועט ער אַליין, אהרן־לייזער, זיין אַ פרייער און וועט זיך רוהיג קאָנען פירן זיינע געשעפטן מיט די פּריצים. מען דאַרף דאָך האָבן עפּעס אַ זייטיגע פּרנסה אויך. אַ בעל־הוצאה איז מען אַ גרויסער.

ער איז געפאָרן קיין בריסק צום איספּראַווניק, דערציילט אים פון זיין פּלאַן, אַז ער זוכט אַן ענערגישן, קלוגן מענטשן. אפשר האָט ער עמיצן אין בריסק? דער איספּראַווניק האָט אים געגעבן איינעם אַ יונגעגמאַן: י. ת. פ., וואָס האָט געשריבן פּראָשעניעס און געפירט ידיעלעס, אַ פּריוואַטער אַרוואָקאַט. ער איז געפעלן געוואָרן דעם זיידן און ער האָט אים געבראַכט קיין קאַמעניץ. דעם פריהערדיגן שרייבער, וואָס איז געווען אַ פּשוטער איד און האָט געקאָנט שרייבן רוסיש מיט זיבן גרייזן, האָט ער אָפּגעזאָגט, געקויפט אים אַ הויז פאַר צוויי־הונדערט רובל, געמאַכט אים אַ שיינק און געזאָגט:

— אַ פּאַטענט דאַרפסטו נישט, וועסטו האָבן מער פּרנסה, ווי פריהער.

דער נייער שרייבער איז געקומען קיין קאַמעניץ מעשה־אַריסטאָקראַט: קורץ געקליידט, מיט אַ רינג אויפן פינגער, און אין קהל־שטיבל איז ער געזעסן אָהן אַ היטל. דאָס האָט אויפגעבראַכט די שטאָט. דער כעס, פאַרשטייט זיך, איז געפאַלן אויפן זיידן. דער כעס איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַנדערע האָבן איינגעפונען, אַז מען מעג אהרן־לייזערן הרגענען אין רעכטן יום־כפור. נאָר וואָס טוט מען אָבער מיטן איספּראַווניק?

ווי די מאָדע איז, האָט דער זיידע זיך גאָרנישט וויסנדיג געמאַכט און איבערגעגעבן די קאָמאַנדע דעם ראָזינגן י. ת. פ. דער לעצטער איז געווען אַ קלוגער יונגערמאַן, אַ וואויל־לערנער, האָט רעכט פאַרשטאַנען אַ בלאַט גמרא, נאָר ער האָט זיך גענומען צו קענטעניש, און ווערנדיג „אַן אַרוואָקאַט", איז ער געוואָרן „אַן אַפּיקורס".

דער שרייבער האָט געפירט, און דער זיידע האָט זיך גענומען צוריק האַנדלען מיט די פּריצים. אַ דריי טעג אין וואָך פלעגט ער אַרומפאָרן אַרום די פּריצים, און די איבעריגע צייט האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיטן שרייבער. פאַר די שונאים זיינע האָט ער געהייסן דעם שרייבער שטעלן שטייער צען מאָל אַזוי פיל, וויפיל זיי האָבן בײַ אַהער געצאָלט. דאָס איז געווען אַ מין נקמה, און ערשט דעמאָלט איז געוואָרן די רעכטע מהומה. דאָס פייער פון מחלוקת האָט זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט און געשריען האָט מען גאָר:

— ס׳טייטש, אהרן־לייזער האָט גענומען אַ גוי פאַר אַ שרייבער!
ביילע־ראַשע, רעם זיירנס ווייב, האָט זיך גענומען צום האַרצן. זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט הערן רי ראָזיגע טענות מיט רי געשרייען, מיטן שעלטן, און ווײנענדיג פאַרן זיידן, האָט זי פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון איסבאָרשטשיקערײ.
— רי שטאָט איז נישט ריינע, — האָט זי געוויינט — און רי אידן פון שטאָט זיינען אויך נישט ריינע. רו זײ נישט זייער פאַרזאָרגער און זאָלן זײ זיך אַליין פירן, ווי זײ ווילן. איך קאָן ראָך נישט צוזעהן, ווי רו זעהסט אויס! וואָס איז ראָס פאַר אַן אומגליק!
רעמאָלט איז אהרן־לייזער אַוועקגעפאָרן צום איספּראַווניק און איבער־געגעבן אים, ווי רי זאַך איז. רערביי האָט אים רער זיידע רייטליך אָנ־געזאָגט, אַז ער וויל זיך באַפרייען. שטאָט איז נישט צופרירן, און ראָס ווייב וויינט — ער קאָן מער נישט. זײ קאָנען אים נישט מוחל זיין רעם שרייבער. רער איספּראַווניק האָט מסכּים געווען.
— נאָר, — זאָגט ער, — זעה אָקאָרשט, רו זאָלסט ווירער באַ מיר נישט ווערן קיין איסבאָרשטשיק. נישטאָ, נישטאָ קיין אַנדערער אויף דיין אָרט.
רער איספּראַווניק איז ווירקליך אַראָפּגעקומען קיין קאַמעניץ און געשיקט רופן רי פּני־העיר. רי פּני־העיר האָט ער געהייסן אויף מאָרגן אויסוויילן אַן אַנדערער איסבאָרשטשיק אויף אהרן־לייזערס אָרט. רער שרייבער אָבער זאָל בלייבן רער אייגענער. ראָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ שפּיצל.
— וואָס הייסט? — האָט זיך שטאָט אָנגעצונדן, — אָט רעם שרייבער ווילן מיר נישט! מיר געבן אים צוויי־הונדערט רובל — און זאָל ער גיין!
רער איספּראַווניק האָט געשיקט רופן רעם שרייבער און אים קאַלט־בלוטיג געפרעגט, צי וויל ער בלייבן שרייבער אָרער נעמען רי צוויי־הונדערט רובל און אַוועקגיין. רער שרייבער האָט רערויף געגעבן גאָר אַן אומ־געריכטן ענטפער:
— אַפילו אַז מען זאָל מיר גאָר קיין געלט נישט געבן, וויל איך אויך נישט זיין קיין שרייבער באַ אַזעלכע בהמות!
ער איז געווען אַן אַפּיקורס...
אין שטאָט איז געוואָרן ששון ושמחה: אַן אַנדערער איסבאָרשטשיק, אַן אַנדערער שרייבער, און קאַמעניץ האָט זיך באַרוהיגט.
רער זיידע האָט אָנגעהויבן מער פאָרן צו רי פּריצים, מאַכן מיט זײ געשעפטן און וואָס ווייטער, איז ער אַלץ מער מפורסם געוואָרן באַ זײ אַזוי, אַז טיילמאָל פלעגן זײ אים אַליין צוואַרפן אַ פאַררינסטל און ראָטן איינער רעם צווייטן צו שליסן נאָר מיט אים געשעפט.

מיט דער צייט איז ער בײַ די פּריצים פון דריי אויעזדן געוואָרן דער גאַנצער רבי. ער האָט זיי געגעבן עצות, געהאָלפן דרייען מיטן קאָפּ (פּריצים דרייען אַמאָל אויך מיטן קאָפּ). און עס וועט נישט זיין קיין גוזמא, ווען איך וועל זאָגן, אַז מאַנכע פון זיי, געפּאַלענע, וואָס האָבן זיך מסתּמא אין קאָרטן פאַרשפּילט, האָט ער צוריק אויף די פיס געשטעלט. אָט דאָס, וואָס בײַ זיי אין די הויפן האָבן זיך גענומען בײַווייזן ברייזער פון בראָנפן און פון ביר, און אָליווגעס, און טאַרטאַקן, און וואַסער־מילן מיט צילינדערס — אין דעם אַלעם האָט געווים געשטעקט זיין קאָפּ.

געווען בײַם זיידן אָט דער אומפאַרשטענדליכער פעלער: פאַר זיך האָט ער גאָר־נישט געקוקט, פונקט ווי אים וואָלט נאָר געלעגן אין זינען צו מאַכן פון די פּריצים לייט. מאָטיווירט האָט ער עס אויך ווילד און אומפאַרשטענדליך: באשר די פּריצים וועלן זיין רייך, וועלן די אידן אויך האָבן פּרנסה... וואָרום וואו וועט אַוועקגיין זייער געלט? אַלץ צו אידן! און איצט איז פאַרשטענדליך, אַז ווען צוויי פּריצים האָבן געהאַט אַ מחלוקת, האָבן זיי אויסגעוויילט אהרן־לייזערן פאַר אַ שליש אינם ערנ־געריכט. און אַז אַ פּריץ האָט זיך צעקריגט מיטן ווייב, איז ער, דער זיידע, געווען דער שלום־מאַכער.

איצט האָט ער, אייגנטליך, גאַנץ היפּש פאַרדינט, נאָר פאַרלעבט האָט ער אויך אַ סך, אָבער ער מיט ביילע־ראַשען זיינען געווען זעהר צופרידן, וואָס זיי זיינען פּטור געוואָרן פון די שטאָט־ענינים. אַ סוף! איצט איז שוין נישט זיין דאגה, ווער עס גייט צום דין־תּורה און ווער נישט, און צי די נגידים צאָלן פאָראַטקעס צי נישט. אַזוי איז אַוועק אַ יאָר דריי.

בײַ די פּריצים פלעגט ער זיין אַלע טאָג. קומען צו זיי פלעגט ער אויף אַ בריטשקע מיט אַ פּאָר פערד, מיט אַ איר אַ פורמאַן. דאָס רוב פלעגט ער קומען נעכטינגן אַהיים, פלעגט מען טרינקען טיי און פאַרברייענגען. בײַ אים אין שטוב זיינען נאָך אַלץ געווען אַ סך מענשן, וואָס פלעגן קומען ריידן, פרעגן אַן עצה און כאַפּן עפּעס אין מויל אַריין. און ביסלעכווייז האָט מען זיך ווידער צוגעבונדן צו אים אין שטאָט. האָט אַ איד געהאַט עפּעס אַ קריוודע מיט אַ פּריץ, האָט מען אָהן אהרן־לייזערן נישט געקאָנט אויס־קומען. ווידער איז געווען איין זאַך, וואָס קיינער אין שטאָט, אויסער אים, האָט דאָס נישט געקאָנט אויספירן. דאָס איז געווען דער רעוויזאָר, וואָס פלעגט קומען רעווידירן די „סקאַזקע“, צי קאָמעניץ האָט טאַקע נישט מער ווי פיר־הונדערט־פופציג נפשות איינגעשריבענע אין דער „סקאַזקע“. „ריידן“ מיטן רעוויזאָר איז שוין געווען דער זיידע אַ מייסטער, ווי קיינער נישט. אַזאַ „ריידן“ האָט זיך שטענדיג געענדיגט מיט צוויי־הונדערט רובל, וואָס דער רעוויזאָר פלעגט געשווינד פאַרשלינגען אין קעשענע. אין דעם

רעוויזיע־טאָג פלעגן צוגעמאַכט ווערן פיל הייזער, דער עולם איז זיך אַרויסגעגאַנגען פון שטאָט, יעדערער וואו די אויגן האָבן געטראָגן, און די שטאָט האָט אויסגעזעהן טויט, ווי אויף אַ בית־עולם. מען האָט נישט אָנגעזעהן כמעט קיין לעבעדיגן נפש אין גאַס, דער רעוויזאָר איז געגאַנגען מיט דער גאַנצער שטאָטישער פאָליציי און געציילט די נפשות. געפונען האָט מען שטענדיג אַן ערך פיר־הונדערט. פופציג האָבן געפעלט. און אויף זיי האָט מען געזאָגט, אַז זיי זיינען אַוועקגעפאָרן געשעפטליך. אַזוי פלעגט זיך דער רעוויזאָר אַלע יאָר אַוועקפאָרן, אָנשרייבנדיג אין פראָטאָקאָל, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג.

און אָט דאָס טראַדיציאָנעלע „רייזן" מיטן רעוויזאָר האָט אָנגעהערט, ווי געזאָגט, דעם זיידן, אַפילו בעת עס איז געווען אַן אַנדער איסבאָרשטשיק. געווען אַפילו ציטן, ווען ער פלעגט זיך אָפּזאָגן פון דעם „שטיקל אַרבעט", אויס כעס אויף דער שטאָט, אָבער סוף כל סוף פלעגט ער נאָכגעבן. מען האָט דאָך נישט געקאָנט לאָזן אַ שטאָט אין .מיטן וואַסער.

דער נייער איסבאָרשטשיק מיטן נייעם שרייבער האָבן צוגענומען אַלע ביכער מיט די פאַפירן מיטן זיגל צו זיך און אָנגעהויבן אַרבעטן. דער איסבאָרשטשיק האָט פאַררופן די רעפּוטאַטן, דאָס הייסט, די פני, וועלכע זיינען אויסגעוויילט געוואָרן צו פירן די שטאָטישע ענינים, — און געמאַכט אַן אספה. האָט מען זיך צום ערשטן גענומען איבערקוקן דעם רייסטער פון די שטייערן נאָר פאַר די נגידים. פון דעם המון האָט ער גאָרנישט גענומען. איז פאַרבליבן, אַז מען זאָל אָנהויבן נעמען פון די מיטעלע און אָרימערע קלאַסן, און די בעלי־בתים־חשובים זאָל מען פאַרגרינגערן.

און מען האָט אָנגעהויבן שיקן מאָנען שטייערן פון די אָרימערע, פון בעלי־מלאכות. קיין איין אָרימאַן האָט מען נישט דורכגעלאָזט. איז ווייטער געוואָרן אַ מהומה אין שטאָט. האָט יעדערער גענומען לויפן טאָג־טעגליך אין קהל־שטוב אַריין און געשריען, און געפּילדערט, און ווייבער זיינען געקומען מיט געוויינען און מיט קללות: ס׳טייטש, זיי האָבן קיין ברויט נישט, און ווייניג נגידים זיינען דאָ, וואָס זיי קאָנען צאָלן! עס האָט געקאָכט!

עס האָט אָבער נישט געהאָלפן, פאַרקערט, מען האָט אָנגעהויבן שלעפּן משכנות פון די אָרימע־לייט: פאַנען, לייכטער, געשיר און נאָך אַזעלכע שטוב־זאַכן, און די געשרייען האָבן דערגרייכט ביז אין הימל אַריין. ביז דער אַסעסער האָט געמוזט קומען אין קהל־שטוב און אַרעסטירן די קבצנים (באַם אַסעסער זיינען געווען צוויי שטאַלן, איינער אַ קלענערער פאַר פערד און דער צווייטער איז געווען אַ מין אַרעסט־הויז). דעמאָלט איז געוואָרן רוהיגער. דער אָרימער עולם האָט געקרעכצט, געקריצט מיט די ציין און

געצאָלט. עס פאַרשטייט זיך, אַז די נגידים און די בעלי־בתּים זיינען געווען צופרידן מיטן נייעם איסבאָרשטשיק.

אָבער דאָס גוט־לעבן פון די נגידים מיטן איסבאָרשטשיק האָט לאַנג נישט געדויערט. די פּני־העיר האָבן אינגאַנצן געוואָלט פאַרשטעקן דעם איסבאָרשטשיק. ווי זיינען געווען נגידים און יחסנים, טאָ פאַרוואָס זאָל ער נישט זיין בלויז באַ זיי. אַ געציינג אין די הענט, און זיין רעה, אַלס איסבאָרשטשיק, זאָל אויך געהערן צו זיי? דער איסבאָרשטשיק האָט געוויינטליך נישט געוואָלט אינגאַנצן איינגעשלונגען ווערן, ווי שוואַך ער איז נישט געווען. און עס איז נישט. אַוועקגעגאַנגען קיין איין אספּה, וואָס מען זאָל זיך נישט קריגן. האָט מען זיך שטענדיג אַרום־געקריגט און אַרומגעריסן. און דער אַסעסער, וואָס האָט דאָס אַלץ געוואוסט, האָט געשריבן דעם איספּראַווניק, אַז מען טוט כּסדר און מען קריגט זיך.

דער סוף איז געווען, אַז די פּני האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי לאַגערן: די האָבן געזאָגט, אַז מען טאַרף נישט נעמען באַ די אָרימעלייט, און די האָבן געזאָגט, אַז מען טאַרף יאָ נעמען. יעדערער פון די פּני האָט זיך גענומען צו הילף זיין צד, און דערפון איז אַרויסגעקומען אַ גראַנדיעזע שטאָט־מחלוקת, אַ מין מלחמה.

און די דאָזיגע מחלוקת איז געוואַקסן אַלץ גרעסער און גרעסער, און דעמאָלט ערשט איז געקומען דער איספּראַווניק. האָט מען אַרעס־טירט אַ דריי פון די פּני און אַ פינף פון המון, אַוועקגעשיקט זיי קיין בריסק און דאָרט זיינען זיי אָפּגעזעסן אַ חודש. דעמאָלט איז געוואָרן רוהיגער אין שטאָט, אויב נישט אינערליך, איז לכל הפּחות, אויסערליך.

דער איספּראַוניק האָט זיך געביטן, ער איז אַוועק אין סלאָנימער אויעזד, און יענער איז געקומען קיין בריסק. געוויינטליך, האָט איינער דעם צווייטן איבערגעגעבן דעם כאַראַקטער פון די שטעטישע אידן, ווי אויך פון די פּריצים. דער בריסקער איספּראַווניק האָט זיך, אַפּנים, אָפּ־געגרופן שלעכט וועגן די קאַמעניצער אידן און האָט געמוזט אָנקומען אויף אהרן־לייזערן ווי אויף אַ איד, וואָס פאַרשטייט אַן עסק, וואָרום אַז דער נייער איספּראַווניק איז געקומען צום ערשטן מאָל קיין קאַמעניץ, האָט ער געשיקט רופן פריהער דעם איסבאָרשטשיק מיט די פּני, זיי אויסגעמוסרט און האָט זיי געזאָגט, אַז יענער איספּראַווניק האָט זיך שלעכט אויס־געדריקט וועגן זיי, און דערנאָך האָט ער געשיקט בעטן אהרן־לייזערן, ער זאָל קומען צו אים. דעם ווידן האָט ער פאָרגעלעגט די שטעלע פון איסבאָרשטשיק. דער ווירע האָט זיך פאַרעקשנט אָפּגעזאָגט. דעמאָלט האָט אים דער איספּראַווניק באַמערקט:

— אַז דו װעסט זײַן אין בריסק, זאָלסטו אַרײַנגײן צו מיר.

אין דערזועלבער צײַט האָבן באַראַרפֿט זײַן נײַע װאַלן אויף אַ נײַעם איספּראַװשטשיק מיט דעפּוטאַטן. אויסגעװײלט האָט מען אײנעם אַ ב.

דער נײַער איספּראַװשטשיק, אַ מער ענערגישער מענש, האָט אָנגעהויבן פֿירן מיט די פּני פֿון אָנפֿאַנג בשלום. עס איז אָבער נישט אַװעק אַ האַלב יאָר, װי מען האָט זיך אָנגעהויבן אַרומצורײַסן. װידער ראָסזועלבע לידל. און אַז עס איז געקומען צום נאַבאָר, בעת מען האָט באַראַרפֿט געבן אַ זעלנער, האָט זיך דערפֿון אָנגעהויבן אַ גאַנץ פֿײַער. מען האָט צוגענומען אײנעם אַ שנײַדער, װאָס האָט געהאַט דרײַ קינדערלאַך, און פֿאַרצײַטישער רינסט איז געװען פֿינף־און־צװאַנציג יאָר. פֿאַרשטײט מען, װאָס פֿאַר אַן אומגליק דאָס איז געװען פֿאַר אַ מענשן, װאָס איז געװען אַ פֿאָטער פֿון קינדער. האָט מען געמאַכט גרויסע געװאַלדן, מען האָט אויסגעשלאָגן אַלע שויבן פֿון קהל־שטוב און גענומען פּאַטשן דעם איספּראַװשטשיק מיט די פּני. עס איז אַװעק אַ שרעקליכער געשלעג, דער אַסעסער האָט באַלד אַװעקגעשיקט אַ שטאַפֿעט צום איספּראַװניק, ער זאָל װאָס גיכער קומען. ער איז געקומען און האָט אָנגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל אויף דרײַסיג פּערזאָן, די סאַמע רעכטע פּני פֿון שטאָט, און אַרעסטירט. האָט ער זײ אַלעמען געװואָלט אָפּשיקן קײן בריסק, דערבײַ איז זײ אָנגעזאָגט געװאָרן, אַז אויב זײ װעלן נישט אויפֿנעמען אהרן־לײזערן פֿאַר אַ איספּראַװשטשיק, װעט ער איבערגעבן דעם אַסעסער מיט זײַן געהילף, אַז זײ זאָלן פֿירן די שטאָט.

האָט מען געבעטן דעם איספּראַװניק, ער זאָל װאַרטן אַ טאָג. מען װעט מאַכן אַן אספּה רבה, װעט מען זעהן. נאָך לאַנגע געשרײען האָט מען זיך אויף דער אספּה אַרומגעזעהן, אַז זינט אהרן־לײזער איז אַװעק פֿון דער שטעלע, איז די שטאָט געבליבן, װי אַ שיף אָהן אַ רודער, און אין שטאָט איז קײן ברעקל טאָלק נישטאָ. די בתּי־מדרשים און, להבדיל, די באָר זײַנען אָפּגעלאָזן. מען טוט און מען לעבט אין קריג, אהרן־לײזער איז אָבער אַ גוטער בעל־הבית, פֿאַר אים זײַנען נישטאָ קײן באַזונדערע צדדים, װאָס זאָלן זיך כּסדר אַרומרײַסן, און אַגב איז ער גוט מיטן איספּראַװניק, װאָס איז געװיס װיכטיג.

דער איספּראַװניק האָט געקראָגן אַן ענטפֿער, אַז זײ װילן אהרן־לײזערן.

— טאָ גײט אים בעטן — האָט זײ דער איספּראַװניק געהײסן, — װאָרום ער װיל נישט.

די פּני העיר, די בעלי־בתּים־חשובים מיטן רב בראש זײַנען געקומען בעטן אהרן־לײזערן, אַז ער זאָל נעמען צוריק די לײצעס אין האַנט. אָבער ער האָט נישט געװאָלט. נאָר נאָכדעם, װי דער איספּראַװניק האָט אים

געסטראַשעט, אַז ער װעט איבערגעבן די פירונג צום אַסעסער און װעט צונעמען איינעם פון דעם זיידנס משפּחה פאַר אַ װעלנער, האָט ער זיך װידער געמוזט אונטערגעבן. נאָך די נאַכט האָט ער זיך מישב געװען מיט זיין בײלע־ראַשען, און עס איז בײַ זיי פאַרבליבן, אַז ער מוז אָננעמען צוריק דאָס איסבאָרשטשיקערײַ.

— נאָר איך װעה איין — האָט זי געקלאָגט, — אַז דאָס איז אַן אומגליק פון נאָט.

ער האָט געהייסן װאַרפן נאַלקעס און איז איינשטימיג אויסנעקליבן געװאָרן. אַזוי איז ער צוריק געװאָרן איסבאָרשטשיק.

האָט ער באַלד געשיקט נאָך יענעם שרייבער קיין בריסק, װאָס האָט זיך דאָרט פאַרנומען מיט פּריװאַטער אַדװאָקאַטערײַ. זיין װייב און קינדער האָבן געװאוינט אין קאַמעניץ. דער ;ירע האָט אָנגעהויבן אויף דאָס ניי צו פירן די שטאָט ביז רסה, װי פריהער, און עס איז אַװעק כּשורה. קאַמעניץ האָט אָפּגערוהט.

זײַנענדיג געװײנט צו געװעלטיגן, האָט ער װייטער געפירט װי אַמאָל, װען ער איז נאָך געװען פּרנס־חודש, װאָס די שטאָט האָט עס שוין לאַנג פאַרגעסן. נאָר לפּנים װעגן פלעגט ער אַמאָל איינלאַדן די פּני אויף אַן אספּה. אויף דער אספּה פלעגט מען זיצן און שװײגן, מען האָט מורא געהאַט אַ מויל אויפצועפענען און זאָגן עפּעס ראַגעגן. מען האָט פּשוט מורא געהאַט פאַר זיין שכל, פאַר זיין מאַכט, און דערבײַ האָבן אַלע געװאוסט, אַז ער נעמט פון דער שטאָט קיין געלט נישט, אַז ער פאַרדינט פון זיינע געשעפטן גענוג און אַז בכלל שפּילט בײַ אים געלט קיין ראָליע נישט. און װייטער קאָן מען זיך גלאַט אויף אים פאַרלאָזן. זאָגט ער עפּעס, װעט ער עס געװיס אויספירן.

דער זיידע האָט שוין געהאַט אַזעלכע מענשן, װאָס פלעגן אים קומען דערציילן אַלץ, װאָס מען רעדט אויף אים אין שטאָט, און טאָמער האָט איינער געזאָגט אַ שלעכטע מיינונג אויף אים, האָט מען אים שוין געשטעלט אין אַזאַ מין „שװאַרצן צעטל“. יענער זאָל צאָלן צען מאָל אַזוי פיל, װי ער צאָלט, און די מענשן, װאָס זיינען געװען איבערגעגעבן, דאָס הייסט, זיינע אמתע גוטע פריינט, זיינען כּמעט געװען פריי פון אַלע אָפּ־צאָלונגען אין שטאָט און אויך פריי פון מיליטער־דינסט.

די געשעפטן מיט די פּריצים האָט ער נישט אַװעקגעװאָרפן, און די שטאָט־ענינים האָט געפירט דער שרייבער. דאָסמאָל איז אַװעקגעגאַנגען אַ צאָל יאָרן כּמעט אָהן קריגערײַ.

איך האָב שוין געזאָגט, אַז אהרן־לייזער האָט געפירט אַ ברייט לעבן, ער האָט געהאַט אַ חלק אין דער קאָראָבקע און פלייש האָט אים קיין

נעלט נישט געקאָסט. אַז ער האָט באַראַפּט חתונה מאַכן אַ טאָכטער, האָט ער פאַר דער חתונה געשיקט אין אַלע שטעט אַרום אויסרופן אין די בתּי־מדרשים, אַז אַלע אָרימעלייט זאָלן קומען קיין קאַמעניץ צו אים אויף אַ סעודה, לכּבוד דער טאָכטערס חתונה, און דריי טעג האָט מען געפּראַוועט סעודות. ער האָט געקוילעט אָקסן, און אָרימעלייט האָבן געגעסן פלייש גאַנצע בערג.

אויף צוויי בערג — אויפן סלופּ־באַרג און אויפן אָראָליענער־באַרג — האָט מען געקאָכט קעסלען, ווי פאַר סאָלדאַטן, פאַר די אָרימעלייט, און עס איז געווען געפּאַקט פון זיי. די שטאָט האָט אויסגעזען, ווי אַ לאַגער פון קבצנים.

אויף דער חתונה זיינען געווען קאָברינער כּלי־זמר און צו די מאָלצייטן פון גאַנץ שבעת ימי המשתּה האָט קיין איינער פון די שטאָט־בעלי־בתּים נישט געטאָרט פעלן.

# קאַפּיטל III

**די „בהלה". — אייזיקל דער קצב.**

איין טאָכטער האָט ער חתונה געמאַכט אין דער „בהלה". פּלוצלינג איז אַרויס אַ קלאַנג װעגן אַ נייעם אוקאַז, אַז מיידלאַך און אינגלאַך טאָרן נישט חתונה האָבן פאַר צװאַנציג יאָר. און אָט דער אוקאַז, װאָס איז אַרויס אין יאָר תּקצ״ב, 1842, האָט אַרויסגערופן די באַרימטע בהלה אין גאַנץ ליטע און װאָלין. װער עס האָט געהאַט אַ טאָכטער אָדער אַ זון, בּאַ אַכט יאָר אַלט, האָט חתונה געמאַכט, און כּדי פּאָליציי זאָל זיך נישט דערװיסן, האָט מען די חתונות געמאַכט שטילערהייט, פאַרבאָרגן, אָהן קיינע צערעמאָניעס.

עס זיינען זיך צונויפגעקומען מחותּנים און מען האָט געבראַכט דאָס אינגעלע מיט דעם מיידעלע אין הויז פון איינעם פון די מחותּנים, געשטעלט אַ חופּה אין שטוב מיט אַ מנין אידן און פאַרטרונקען מיט בראָנפן, צוגעביסן מיט אַ שטיקל לעקעך—און געגנוג. נאָכדעם האָט דער פאָטער צוגענומען דאָס אינגל צו זיך, געקויפט אים אַ טלית, און ער האָט שוין אויף מאָרגן געדאַװנט אין אַ טלית אָהן תּפילין. דער פאָטער, װידער, פון דער כּלה האָט צוגענומען צו זיך דאָס „װייבל", אָפּגעגאָלט איר די האָר פון קאָפּ און איר אָנגעטאָן אַ האָרבאַנד מיט אַ טשעפּיקל, און דאָס „װייבל" מיטן „מאַנדל" האָבן נישט געװאוסט, אַז זיי זיינען מאַן און װייב.

די מחותּנים פלעגן אָפּט צוזאַמען ברייננגען די קינדער, ד. ה. דעם „מאַן" מיט דעם „װייב", אַז זיי זאָלן מער באַקאַנט װערן איינע מיט די אַנדערע. דאָס פּאָר־פּאָלק פלעגט צװישן זיך, פאַרשטייט זיך, שפּילן װי קינדער און שטיפן, און יענץ פּאָר־פּאָלק, װאָס איז געװען שכנים פון פריהער, האָבן זיך אַװדאַי װייטער געשפּילט צוזאַמען, װי אַמאָל.

און אָפטמאָל פלעגט אין אַ געשלעג דאָס „מאַנדל" אָפּרייסן דעם טשעפּיק און דעם האָרבאַנד פון דעם „װייבל", און לאַכן פון איר, װאָס

זי גייט מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ, שרייענדיק, אַז זי האָט אַ פּאַרך. זי פּלעגט קומען אַהיים מיט אַ געוויין, און מען פּלעגט איר אָנזאָגן, אַז זי טאָר נישט גיין מיט דעם בלויזן קאָפּ, און צוריק אָנגעטאָן איר דעם האָרבאַנר מיטן טשעפּיק, דערבײַ איז איר אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז אויב זי וועט נאָך אַמאָל קומען מיט אַ בלויזן קאָפּ אַהיים, וועט זי קריגן געשמיסן. אַז דאָס פּאָר־פֿאָלק איז אַלט געוואָרן אַ צוועלף יאָר, האָט מען זיי אויסגעזאָגט, אַז זיי זיינען מאַן און ווײַב, אָנגעזאָגט, אַז עס זאָל פֿון זיי אַרויסקומען אַ גוטער דור. דאָס ווײַבל האָט מען אויסגעלערנט אַלע ווײַבערשע דינים, דערבײַ האָט מען זיי מיחד געווען און אויסגעלערנט דעם יחוד.

אין דעם יאָר פֿון דער בהלה, האָבן אין קאָמעניץ חתונה געהאַט אַלע קליינע קינדער. עס פֿלעגן זיך צונויפֿקומען אַ פּאָר בעלי־בתּים אין אַן אָוונט און אָפּגערעדט צו ווערן מחותּנים נאָך היינטיגע נאַכט. און באַנאַכט, צען אַזייגער, האָט מען שוין אויפֿגעוועקט די יונגע קינדער פֿון שלאָף:

— שטיי אויף און גיי צו דער חופּה, — האָט מען צו די שלאָפֿעריגע קינדער גערעדט.

אייזיק דער קצב האָט דערציילט, — איך געדיינק עס — ווי אַזוי ער האָט חתונה געהאַט:

— איך בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר אַכט און בין געלעגן אויפֿן בעט און געשלאָפֿן אין אָנטון. האָט מיך די מאַמע אויפֿגעוועקט:

— אייזיקל, אייזיקל, שטיי אויף און גיי צו דער חופּה.

ווייס איך נישט, וואָס חופּה, ווען חופּה, און וויל נישט אויפֿשטיין. האָט די מאַמע גערופֿן דעם טאַטן, ער זאָל מיך וועקן. שרייט ער שוין, ווי אַ טאַטע:

— שטיי אויף, אייזיק, וועסטו גיין צו דער חופּה.

זאָג איך:

— איך וויל אין ערגעץ נישט גיין. איך וויל שלאָפֿן.

זאָגט דער טאַטע:

— שטיי אויף, זאָג איך דיר.

זאָג איך:

— איך וויל נישט.

האָט דער טאַטע מיר געגעבן אַ קניפּ מיט כעס און אַ זאָג:

— שטיי אויף!

האָב איך אָנגעהויבן וויינען, נעמט דער טאַטע דעם קאַנטשיק און שמייסט מיך אָפּ. בין איך שוין, פֿאַרשטייט זיך, וואַך און שטיי שוין מיט פֿאַרוויינטע און פֿאַרשלאָפֿענע אויגן. פֿרעג איך:

— וואוהין גיין?

זאָגט דער טאַטע:

— צו דער חופּה.
— וואָו חופּה? — פרעג איך.
זאָגט דער טאַטע:
— מען וועט גיין צום מחותּן, דאָרט וועט זיין חופּה.
פאַרשטיי איך נאָך אַלץ נישט, וואָס דער טאַטע רעדט מיט מיר, „מחותּנים“, „חופּה“, זאָג איך נאָך אַמאָל:
— איך וועל נישט גיין.
האָט אָבער דער טאַטע גענומען נאָך אַמאָל דעם קאַנטשיק אין דער האַנט און איך בין אַנטשוויגן געוואָרן.
די מאַמע האָט מיך איינגעוואַשן, אָנגעטאָן דאָס קאַפּטל, פאַרשפּילעט די הייזלאַך און הייסט מיר אָנטון דאָס היטל. מיין היטל איז נישט געווען, איך האָב עס ערגעץ פאַרלוירן שטיפנדיג, איידער איך בין געגאַנגען שלאָפן. איז אַוועק אַ סדרה מיט דעם היטל, און דער טאַטע זאָגט:
— ווען דו וואָלסט נישט דאַרפן ערשט גיין צו דער חופּה, וואָלט איך דיך פאַרן היטל רעכט אָפּגעשמיסן.
דערווייל זיינען שוין געקומען שליחים פון מחותּן, פאַרוואָס געדרייט דאָס אַזוי לאַנג. האָבן אַלע אָנגעהויבן צו זוכן דאָס היטל און אַלץ נישט געפונען, איז געוואָרן אַ מהומה. וואָס טוט מען? דאָ איז שוין געוואָרן אַרום צוועלף אַזייגער. און דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן שטאַרק מורא, טאָמער וועט דערווייל דער מחותּן חרטה קריגן, איז זיי געוואָרן שלעכט אויפן האַרצן.
הויבט מען אָן צו קלערן: וועמען גייט מען אויפוועקן און באָרגן אַ אינגלס אַ היטל, ביז אין דער פריה. האָט מען געקלערט, געקלערט און נישט געוואוסט צו וועמען. אגב איז געווען שפּעט.
בכן איז שלעכט, נישטאָ קיין היטל. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם ענגמת־נפש. עס העלפט אָבער נישט. אָהן אַ היטל קאָן מען נישט גיין צו דער חופּה. איז דער טאַטע אַוועקגעגאַנגען צום מחותּן און געבעטן אָפּלייגן די חתונה אויף מאָרגן, ווייל זיין ווייב איז נישט געזונט.
דער טאַטע האָט זיך דאָרט פאַרזאַמט, און די מאַמע האָט נישט געקאָנט איינזיצן. גאָט צו דאַנקען, דער טאַטע איז געקומען און געזאָגט, אַז די חופּה וועט זיין מאָרגן צען אַזייגער באַנאַכט.
אויף מאָרגן האָט מען מיר געקויפט אַ היטל. אין דערפריה בין איך געגאַנגען אין חדר אין דעם טאַטנס יאַרמאָלקע און האָב דערציילט די אינגלאַך אין חדר, אַז דער טאַטע האָט מיך געוואָלט נעמען צו דער

חופה, נאָר איך האָב נישט געהאַט קיין היטל, בין איך נישט געגאַנגען. היינט װעט מיר דער טאַטע קויפן אַ היטל, װעל איך היינט גיין צו דער חופּה.

זאָגט בײניש דעם בלעכערס אינגל, אַז ער איז געװען נעכטן באַ דער חופּה. ער איז געשטאַנען אונטער דער חופּה מיט דבורהן, ברוך דעם סטאָלערס מיידעלע. אַרום זיי האָט מען זיך געדרייט און מען האָט עפּעס גזואָגט, און מען האָט געגעבן אַ פינגערל, און ער האָט אָנגעטאָן אויף דבורהס פינגער; און דער טאַטע האָט געמאַכט מיט אים אַ ברכה, און דערנאָך האָט מען געטאַנצט, און מען האָט געגעסן לעקעך און קיכל מיט הערינג, און עס איז געװען זעהר געשמאַק.

אַז איך בין געקומען פון חדר, האָט מיר שוין די מאַמע אָנגעטאָן דאָס נייע היטעלע מיט אַ פרענזועלע.

האָב איך געפרעגט דער מאַמען:

— װען װעל איך שוין גיין צו דער חופּה!

זאָגט די מאַמע:

— זאָלסט נאָר היינט נישט אַזוי איינשלאָפן, װי נעכטן, מען האָט דיך נישט געקאָנט אויפּרייסן.

זאָג איך:

— איך װעל שוין היינט נישט גיין שלאָפן פאַר דער חופּה.

אָבער ניין אַזייגער בין איך װידער איינגעשלאָפן, און מען האָט מיך קוים אויפגעריסן פון שלאָף. בין איך געגאַנגען מיט דעם טאַטן און מאַמען צו דער חופּה. קום איך אַריין, זעה איך זיסלען, אַ מיידעלע, װאָס מיט איר האָב איך זיך פאַראַכטאָגן שבת צעשלאָגן באַ איר פעטער אין שטוב. זי איז אַ שלעכטע, בין איך געװען מיט איר ברוגז.

דערנאָך האָט מען אויפגעשטעלט די חופּה. מען פירט מיך אונטער, און אין אַ װיילע אַרום ברענגט מען זיסלען אונטער דער חופּה און מען שטעלט זי נעבן מיר. לויף איך אַװעק און זאָג:

— איך װיל נישט שטיין מיט זיסלען אונטער דער חופּה, איך בין ברוגז מיט איר.

זאָגט די מאַמע:

— אייזיקל, דאָס איז דאָך דיין כּלה.

זאָג איך:

— איך װיל נישט זיסלען פאַר אַ כּלה, גיב מיר אַן אַנדער כּלה.

און איך האָב נישט געװאָלט שטיין מיט זיסלען אונטער דער חופּה.

האָט שוין דער טאַטע אָנגעהויבן אויף זיין שטייגער צו רייד מיט מיר מיט כּעס, אָבער איך האָב נישט געװאָלט, זאָגט דער טאַטע:

— איך וועל שיקן ברייננען פון דערהיים דעם קאַנטשיק און וועל דיר גוט אַריינלייגן, אויב דו וועסט נישט שטיין אונטער דער חופּה, אָדער גיט מיר אַהער אַ פּאָר ריטער, וועל איך אים באַלד, דעם חתן, מקיים־פּסק זיין.

זאָגט זיסל:

— גוט, גוט, דאָס איז דערפאַר, וואָס ער האָט מיך געריסן שבת פאַר די האָר, און איך וויל מיט אים נישט שטיין אונטער דער חופּה.

איז געווען די אייגענע געשיכטע מיט דער כּלה. פריהער האָט די מאַמע געבעטן, דערנאָך האָט דער טאַטע געסטראַשעט מיטן קאַנטשיק.

קורץ, עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ פּאָר שעה צייט און די „חתן־כּלה" ווילן נישט שטיין אונטער דער חופּה. די געדופענע געסט צום מנין ווילן שוין אַוועקגיין. האָט מען אַריינגענומען אַ בעזים און מען האָט אָנגעהויבן אויסצורייסן ריטער פאַר מיר מיט זיסלען. האָבן מיר זיך פונאַנדערגעוויינט און וויינענדיגע ביידע געשטעלט זיך אונטער דער חופּה.

האָט מען געהייסן נעמען איר פינגער און אָנטון דאָס פינגערל. האָב איך נישט געוואָלט נעמען איר פינגער. האָט מיר דער טאַטע געגעבן אַ פּאַטש און ווייטער געסטראַשעט מיט ריטער, האָב איך שוין גענומען איר פינגער און בין געוואָרן בייז, פאַרוואָס מען נויט מיך אָנצונעמען איר פינגער. האָב איך איר געגעבן אַ קניפּ. האָט זי אָנגעהויבן צו וויינען. האָט זיסלעס טאַטע איר געגעבן צוויי גילדן, און מיין טאַטע האָט מיר געגעבן צוויי גילדן, אַז מען זאָל ווערן שלום. האָב איך שוין גענומען איר פינגער און געמאַכט די ברכה מיטן זיידן, געזאָגט מזל־טוב און אָנגעהויבן טאַנצן. דערנאָך האָט מען מיך געזעצט באַם טיש מיט זיסלען און מען האָט געגעסן לעקעך און אייגנגעמאַכץ. האָט זיסל פּלוצלינג אָנגעהויבן צו וויינען. זאָגט די מוטער:

— וואָס וויינסטו זיסעלע?

זאָגט זי:

— איך וויל פּ...

האָט מען זי אַרויסגעפירט.

זאָג איך:

— איך וויל אויך.

האָט מען מיך אויך אַרויסגעפירט און דערנאָך געזעצט אונז איינעם נעבן דער אַנדערער. דערנאָך זיינען מיר איינגעשלאָפן, האָט מיין שוועסטער חיה מיך אַוועקגעפירט אַהיים און זיסלען האָט מען אויך געלעגט שלאָפן.

אויב איך האָב געהאַט אַ שטיקל שמחה, איז עס געווען דאָס, וואָס איך בין אין דער וואָך נישט געגאַנגען אין חדר פון רינסטאָג ביז זונטאָג.

אויף מאָרגן איז געקומען צו אונז אויף מיטאָג דער מחותּן, די מחותּנתטע און זיסל מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ און מיט אַ טשעפּיקל ביז די אויגן. די מאַמע האָט געקאָכט אַ הון אויף מיטאָג. אַ הון, ווייל אַ גאַנצע וואָך איז קיין פלייש נישטאָ, סיידן, אַז עס מאַכט זיך אַ שׂמחה. ניט דער בעל־שׂמחה דעם קצב געלט אויף אַ קו, אָדער אַ קאַלב און ווערט מיט אים מושווה, ווי טייער ער וועט אים רעכענען אַ פונט פלייש. פאַראַן איין קצב, וואָס קוילעט פאַר דער גאַנצער וואָך איין קיעלע. דאָס איז באַשטעלט פלייש פאַר די פּריצים, ווי דער אַסעסער, דער שרייבער, אַ פּאָר רייכע מעשטשאַנעס. און טאָמער בלייבט אויס פון דעם ראָזיגן באַשטעלטן קיעלע, פאַרקויפט ער דאָס איבערגעבליבענע די עקאָנאָמעס פון די פּריצים.

נאָכן עסן איז איבערגעבליבן זיסעלע באַ אונז. זי איז מיר אָבער מיט איר טשעפּיק נישט געפעלן געוואָרן. אַז מיר האָבן זיך גענומען שפּילן, האָב איך דאָס ערשטע אַראָפּגעריסן באַ איר דאָס טשעפּיקל און איך טו אַ קוק — אַ ווייסער אָפּגעגאָלטער קאָפּ. האָב איך אָנגעהויבן שרייען:

— פּע, אַ פּאַרך, אַ פּאַרך.

האָט זי זיך פאַרשעמט און אָנגעהויבן צו וויינען. איז דער טאַטע געוואָרן בייז אויף מיר און האָט מיך אָפּגעשמיסן פאַר זיסלען אין די אויגן (דער טאַטע פלעגט מיך אָפט שמייסן). בעת שמייסן האָט ער מיר אויסגערעכנט מיינע עבֿרות:

— אַ אינגעלע, אַ אינגעלע וועט ווייטער נישט אָפּרייסן דעם טשעפּיק זיסלען און נישט רופן זי פּאַרך...

שריי איך וויינענדיג אונטער די שמיץ:

— ניין, טאַטעלע, איך וועל שוין ווייטער דאָס נישט טון.

און זיסל האָט פון גרויס געוויין אָנגעהויבן צו לאַכן, בשעת מען האָט מיך געשמיסן. דערנאָך האָט מען זי אַוועקגעפירט אַהיים, און מיר זיינען ווייטער געוואָרן ברוגז: זי פאַר דער חרפּה, וואָס איך האָב איר אָנגעטאָן, און איך פאַר די שמיץ, וואָס איך האָב צוליב איר געקראָגן.

אויף מאָרגן איז דער טאַטע מיט דער מאַמען געגאַנגען צום מחותּן אויף אַ מיטאָג, און איך האָב נישט געוואָלט גיין. האָבן זיך נאָר די מחותּנים אַליין געפרייט, אָבער איך מיט זיסלען זיינען זיך נישט צונויפגעקומען. שבת האָט דער מחותּן געמאַכט באַ זיך אַ מנין און דער טאַטע האָט מיך גענומען צום דאַווענען. מען האָט מיך אויפגערופן ששי, ווי עס קומט אַ חתן נאָך דער חתונה. נעבן טיש, וואו מען לייענט, האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ בענקעלע, און דער טאַטע האָט געמאַכט מיט מיר די ברכה. אַ טליתל פאַר מיר האָט שוין דער טאַטע באַשטעלט דורך דוד

רעם בעל־עגלה, ער זאָל מיר ברײנגען פון בריסק, און נאָכן ראַװנען געגעבן לעקעך און בראָנפן. מען האָט מיך געזעצט באַם טיש, אָבער זיסל האָט נישט געװאָלט זיצן באַם טיש מיט מיר.

אַזױ איז אַװעק אַ פּאָר חדשים, מיר זײַנען געװען ברוגז. עס איז געקומען פּסח, האָט די מאַמע געבעטן זיסלען צו זיך אויף פּסח. מען האָט געװאָלט, אַז מיר זאָלן שױן שלום װערן. די מאַמע האָט אונז געגעבן ניס, און די שװיגער האָט אונז אויך געגעבן ניס צום שפּילן זיך. איך בין געװען אַ בן־יחיד און האָב געפרעגט די פיר קשיות. איז זיסלען, װי ס׳װײַזט אויס, געפעלן געװען מײַנע קשיות פרעגן, און דערנאָך האָבן מיר זיך בײדע געשפּילט אין ניס, בײדע טעג יום־טוב. אויף די אַנדערע טעג פּסח האָט מיך פאַר־בעטן דער שװער. האָט מיך די מאַמע אַװעקגעפירט. דעם גאַנצן טאָג בין איך געװען באַם שװער, געשפּילט מיט זיסלען, און אין אָװנט איז געקומען די מאַמע מיך אָפּפירן אַהײם שלאָפן און אין דערפריה האָט זי מיך װײַטער געבראַכט צום שװער.

דעם לעצטן טאָג פּסח האָב איך פאַרשפּילט די גאַנצע ניס באַ זיסלען. זי איז געװען אַ קלוגע, און האָט כמעט בעסער געשפּילט פאַר מיר, בין איך געװאָרן בײז, און װײַטער איר אַראָפּגעריסן דעם טשעפּיק און נישט װילנדיג אַ געשרײ געגעבן:

— פאַרך!...

דאָ האָב איך זיך געקױפט אַ מפטיר. זיסל איז צוגעלאָפן צו דער מוטער מיט אַ גרױס געװײן. האָט די מוטער מיר געגעבן אַ פּאַטש פון גרױס כעס.

דער פאָטער האָט געזאָגט, אַז ער װעט מיר שױן צושטעלן אַ געשמיסעכטס באַם רבין, בין איך אַנטלאָפן אַהײם, און דער שװער איז באַלד געקומען צום טאַטן מיט אַ „ספּראַװע" אויף מיר:

— ס׳טײַטש, אַזאַ צעלאָזן אינגל, מען מוז אים אײַן מאָל פאַר אַלע מאָל אָנשמײַסן, אַז ער זאָל האָבן צו געדײַנקען.

האָט מען שױן איבערגעגעבן דעם רבין, אַז ער זאָל מיך גוט אָפּשמײַסן פאַר מײַן רײַסן זיסלען דעם טשעפּיק און רופן פאַרך. דער רבי האָט מקיים־פּסק געװען נאָך ביתר־שאת, און פון דעמאָלט אָן האָב איך שױן קײנמאָל איר נישט געריסן דעם טשעפּיק און נישט גערופן זי מיטן מיאוסן נאָמען. און מיר זײַנען געװען ברוגז אַ גאַנץ יאָר ביז איבעראַיאָר פּסח.

האָט די שװיגער װידער געבראַכט זיסלען צו אונז אויף פּסח און בײדע מאַמעס האָבן זיך אַרײַנגעלעגט צו מאַכן צװישן דעם „פּאָר־פאָלק" אַ שלום. מיר זײַנען שלום געװאָרן און האָבן זיך שױן מער נישט געקריגט. די האָר זײַנען באַ איר דערװײַל אונטערגעװאַקסן, האָט זי שױן אַלע מאָל

אויסגעטאָן דעם טשעפּיק, און מיר האָבן אין דעם געשפּילט אין נים. פריהער פלעגן מיר שפּילן אין מיין יאַרמאָלקע.

אַז מיר זיינען אַלט געוואָרן אַ יאָר צוועלף, האָט מיין טאַטע מיר אויס־געזאָגט דעם סוד, אַז מיר זיינען מאַן און ווייב. דאָסזעלבע האָט זיסלען געזאָגט איר מאַמע, און מען האָט אונז צונויפגעבראַכט.

די מאַמע האָט זיסלען אויסגעלערנט, ווי זי דאַרף זיך באַגיין מיטן מאַן, און מיך האָט דער טאַטע אויסגעלערנט, ווי איך זאָל מיך באַגיין. זיינען מיר געבליבן מאַן און ווייב און אַזוי לעבן מיר ביז אויף היינטיגן טאָג, געלויבט דער אויבערשטער. זי גיט מיר אַפילו קללות צייטנווייז, נאָר איך בין שוין צוגעוווינט. איך ענטפער איר נישט, און איצט, געלויבט דער אויבערשטער, מאַכן מיר חתונה אַ טאָכטער, זאָל זיין מיט מזל.

אָט די אמתע מעשה, וואָס איך האָב אומישנע אויספירליך געבראַכט, איז העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער צייט.

אַזוי האָבן זיך אַלע פּאָר־פאָלק געפירט. דאָס אינגעלע האָבן זיינע עלטערן צוגענומען און דאָס מיידעלע — אירע עלטערן. און מען פלעגט זיי שטענדיג צוזאַמענברייגנגען, אַז זיי זאָלן זיך שפּילן, און אַז זיי זיינען געווען שכנים, האָבן זיי זיך ווייטער געשפּילט, ווי פריהער. זיי פלעגן זיך צעשלאָגן פיל מאָל, און ער פלעגט אָפּרייסן דעם טשעפּיק און די טאַטעס פלעגן זיי באַשטראָפן מיט ריטער, ווי פאַרצייטנס.

שמייסן קינדער איז געווען אַ געוויינטליכע זאַך. פאַר אַ מינדסטער קליינינקייט פלעגט מען באַלד שמייסן. מען פלעגט שמייסן אינגלאַך, בעלי־הביתלאַך, הייסט עס, פון פערצען־פופצען יאָר, וואָס האָבן שוין אַליין קינדער, און שמייסן מאַמעס פון קינדער.

מען מוז אָבער אָנערקענען, ווי דאָס איז נישט מאָרנע, אַז דאָס רוב פון די דאָזיגע חתונה־געהאַטע האָט זיך דערנאָך, אויסוואַקסנדיג, גאַנץ גוט איינגעלעבט. מאַן און ווייב האָבן איינע די אַנדערע געשעצט און זיך האָלט געהאַט. נאָר אַ מעוט האָט זיך דערנאָך אַרומגעריסן פאַר די נעוער און האָט זיך געמוזט גטן.

די בהלה האָט, ווי געזאָגט, מער נישט געדויערט, ווי איין יאָר.

אַז דער קלאַנג וועגן אוקאַז איז געקומען אין קאַמעניץ, זיינען שוין די פּני געקומען פרעגן דעם זיידן וועגן דעם. מחמת די זאַך איז געווען זעהר אַ וויכטיגע פאַר יענער צייט, איז אהרן־לייזער געפאָרן קיין בריסק און אָנגעפרעגט דעם איספּראַווניק. דער לעצטער האָט געענטפערט, אַז עפּעס אַזוינס איז יאָ אָנגעקומען פון מיניסטער. למשל, עס איז געקומען פון פּעטערבורג אַ פּאַפּיר צו די גובערנאַטאָרן, אין וועלכן עס ווערט געבעטן מעלדן דער רעגירונג, צו וויפיל יאָר האָט מען באַ אירן חתונה, וויל

מען האָט זיך דערוואוסט, אַז די אידישע זעלנער זיינען כמעט אַמטייסטן פּאַטערס פון עטליכע קינדער, און לויט דעם איספּראַוניקס השערות, וועט דער מיניסטער אַוראַי אַרויסגעבן אַן אוקאַז, אַז פאַר צוואַנציג יאָר זאָלן אינגלאַך נישט חתונה האָבן, און אַזוי אויך, פאַרשטייט זיך, מיידלאַך. און אַז אהרן־לייזער איז געקומען קיין קאַמעניץ, האָט זיך באַלד אָנגעהויבן די בהלה.

אין בריסק האָט זיך די בהלה אָנגעהויבן פריהער, און די קאַמעניצער האָבן גאָרנישט פאָרגענומען. זיי האָבן געקוקט אויף אהרן־לייזערן. ער האָט אָבער נישט געוואָלט אָפּשטיין פון אַלע אירן און האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער צו עלף יאָר.

---

# קאַפּיטל IV

—

מיין פאָטער משה. — זיין נייגונג צו חסידות. — דער שידוך. — ר׳ לייזער דער גראָדנער רב. — מיין מוטער. — מיין פאָטער אלם הייסער חסיד. — זיין אנטלויפן צום רבין. — זיין קאַמף מיטן זיידן. — די אַרענדע. — דער רעוויזאָר. — קאַמעניצער חסידים.

אהרן־לייזער האָט געהאַט אַ זון משה, וואָס איז געווען אַ געראָטן אינגל. צו צוועלף יאָר האָט שוין דער זיידע אָנגעהויבן צו צולאָזן שדכנים, וועמען ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל פאַר זיין זון משהן נעמען אַ רבס אַ טאָכטער, און דווקא אַ גרויסן רבס.

דער שדכן, ר׳ בערל־מיכל, האָט אים מודיע געווען, אַז דער היגער רב האָט אַ ברודער, גראָדנער מורה־הוראה, ר׳ לייזער, וואָס איז ר׳ היללס אַן איידעם. ר׳ הילל אַליין איז ר׳ חיים וואָלאָזשינערס אַן איידעם. אַלזאָ, איז דאָס גאָלע יחוס. דער ראָזינער ר׳ לייזער האָט אַ טאָכטער, אַ מיידל, וואָס שטייט אין שדוכים. ווייס ער אָבער נישט, דער שדכן, צי יענער וועט זיך לאָזן ריידן אַ שידוך מיט אַ איסבאָרשטשיקס אַ זון.

— איר וואָלט דאָס געקאָנט אפשר אויספירן, — האָט דער שדכן געגעבן צו פאַרשטיין, — מיט אונזער רב, אַז ער זאָל וועלן, קאָן אפשר זיין דער שידוך.

אהרן־לייזערן איז דאָס געפעלן געוואָרן, האָט ער געשיקט דעם שדכן צום רב. דער רב האָט דעם שדכן אַרויסגעטריבן.

— אַ העזה אַביסל — האָט דער רב געכעסט, — צו ריידן מיין ברודער, דעם גאון, אַ שידוך מיט אַ קאַמעניצער איסבאָרשטשיק.

אהרן־לייזער האָט קיין סך נישט געקלערט, איז אַליין אַוועק צום רב און האָט אים געזאָגט בזה הלשון:

— איר ווייסט, רבי, אַז איך האָב זעהר אַ גוט אינגל פון צוועלף יאָר... איר האָט אַוראַי פון אים געהערט...

דער רב האָט גוטמוטיג געענטפערט:

— איך האָב געהערט, אַז אייער אינגל האָט אַ גוט קעפּל.

— איך האָב אָבער געהערט, — רעדט ווייטער אהרן־לייזער, — אַז אייער ברודער, ר׳ לייזער, דער גראָדנער רב, האָט אַ מיידל, וואָס שטייט אין שידוכים, וויל איך זיך מיט אים מתחתן זיין. געלט, וויפיל מען וועט מיר הייסן, וועל איך געבן. בעט איך אייך טאַקע, אַז איר זאָלט זיין דער שדכן פון דעם שידוך. וואָרום איך ווייס, אַז ווען איר וועט ראָטן אייער ברודער, וועט ער אייך פאָלגן. דער שדכן בערל־מיכל האָט מיר אַפילו איבערגעגעבן, אַז איר האָט זיך שטאַרק „אָנגעבייזערט" אויף אים, — האָט זיך דער זיידע ווייטער גערעדט, — ווי קומט ער ריידן זיין ברודער דעם גאון מיט אַ איסבאָרשטשיק? זאָג איך אייך אָבער, רבי, קורץ: איך גיב אייך צוויי ברירות, אָדער איר זאָלט זעהן אויספירן דעם שידוך, אָדער איר זאָלט זיך זוכן אַן אַנדער שטאָט. איך גיב אייך צייט ביז איבער שבת. אויב איר וועט מיר אָפּזאָגן דעם שידוך, זאָלט איר גלייך אין דעם־זעלבן טאָג אַרויספאָרן פון קאַמעניץ.

אין דעם פאַל האָט זיך, פאַרשטייט זיך, אַרויסגעוויזן דער זיידע מיט זיין גאַנצן דעספּאָטיזם און ווילדקייט.

דער רב איז געבליבן טויט, ווי די וואַנט. ער האָט געוואוסט, אַז קוים האָט אהרן־לייזער אַרויסגעזאָגט, וועט ער זיך שוין האַלטן אָן דעם, וואָרום בײַ אים איז געזאָגט — געטאָן, און ווער קאָן זיך דאָס קעגן אים שטעלן?

האָט דער רב געבעטן, אַז אהרן־לייזער זאָל אים וואַרטן צוויי וואָכן צייט, וועט ער זאָגן אַ תשובה. דערמיט איז אהרן־לייזער מסכים געוואָרן.

דער רב האָט געשיקט רופן אַ פּאָר בעלי־בתּים חשובים, האָט זיי פאַרטרויט די גאַנצע געשיכטע און האָט זיך מיט זיי געהאַלטן אַן עצה. די בעלי־בתּים האָבן באַוואונדערט דעם זיידנס אַכזריות, אַז עס איז אַ רציחהדיגע זאַך צו נויטן אַזאַ גאון, וואָס איז אויסגעקנאָטן דורך און דורך מיט די גרעסטע גאונים: דער גרויסער גאון ר׳ ליב־איטשע איז דער רביצנס אַ ברודער, ר׳ הילל — אירער אַ פאָטער, ר׳ חיים וואָלאָזשינער — אַ זיידע, ר׳ איצעלע וואָלאָזשינער — אַ פעטער, דער גרויסער גאון ר׳ יחזקאל, וועלכער איז געווען פריהער דעם ווילנער גאונס אַן איידעם, איז ר׳ לייזערס אַ פאָטער, ר׳ שמואל מינסקער גליל־רב איז זיינער אַ זיידע, ר׳ שמחה, גראָדנער געוועזענער רב, אויך אַ זיידע און נאָך אַ דריי בריידער זיינען גאונים און רבנים אין די גרעסטע שטעט — זאָל טון אַ שידוך מיט אַ איסבאָרשטשיק. נאָר פאַרפאַלן. אהרן־לייזער זאָגט, וועט ער אויספירן זיינס, וואָרום וואָס פירט ער רען נישט אויס? און זיי האָבן אים קיין עצה נישט געקאָנט געבן.

דאָך איז געבליבן, אַז ער זאָל שרייבן דעם ברודער, ר׳ לייזערן, קיין גראָדנע מכּה דעם, און ווי יענער וועט זאָגן, אַזוי וועט ער טון. ער האָט געשיקט אַ בריוו און באַקומען גאָר אַן אומגעריכטע תּשובה, אומגעפּער מיט אַזאַ אינהאַלט:

„איך זעה, ברודער, אַז דאָס איז באַשערט פון גאָט. מסתּמא וויל אַזוי גאָט. דאַרפן מיר זיין צופרידן מיט זיין משפּט. איז דער חתן כאָטש אַ גוט אינגל? אויב עס קאָן פון אים אַרויסקומען אַ רעכטער למדן, קאָן מען דעם שידוך טון״.

דער רב האָט אָפּגעטראָגן דעם בריוו צו אהרן־לייזערן און געוויזן אים. אהרן־לייזער איז געווים געוואָרן מלא שמחה.

— איצט, קריגט איר באַ מיר, רבי, נאָך אַ רובל אַ וואָך שכירות — האָט ער געריבן די הענט מיט התפּעלות, — איך וועל פאָרן קיין גראָדנע זעהן דאָס מיידל. טאָמער איז דאָס מיידל, חלילה, אַ קאַליקע אָדער זעהר אַ העסליכע? איך האָב מיין משהן זעהר ליב, וויל איך אים געבן אַ רעכט ווייב, אויסער דעם יחוס.

קיין גראָדנע איז ער געפאָרן צוזאַמען מיטן רב, און דאָס מיידל איז אים געפעלן געוואָרן. מען האָט געשריבן תּנאים און צוגעזאָגט טויזנט רובל נדן. דריי יאָר קעסט דאַרף ער זיי געבן באַ זיך אין קאַמעניץ און האַלטן דעם זון אַ מלמד, און דערנאָך זאָל ער זיי אָפּשיקן קיין גראָדנע, אַז דער איידעם זאָל לערנען באַם שווער, און ער וועט שיקן געלט פאַר די קעסט.

דער חתן משה איז אַלט געווען צו די תּנאים דרייצען יאָר, און די כּלה שרה אַ כ צ ע ן אָדער נ יי נ צ ע ן יאָר. נישט אומזיסט האָט איר פאָטער אַזוי גיך איינגעשטימט.

צו דער חתונה זיינען אַראָפּגעפאָרן רבנים פון דער גאַנצער פאַמיליע, און די חתונה איז געווען אַזוי גרויס, אַז די גאַנצע אַכט טאָג האָט שטאָט געטאָן און געהוליעט. בראָנפן איז געווען גאַנצע פעסער. דער עולם האָט געטרונקען אויף וואָס די וועלט שטייט.

די מחותּנים מיט די רבנים זיינען אַוועקגעפאָרן צופרידן, זיי האָבן נאָך קיינמאָל נישט געזעהן אַזאַ ברייטע חתונה און האָבן נאָך קיינמאָל נישט געזעהן, אַז אַ גאַנצע שטאָט זאָל הוליען אויף אַ שמחה. אָבער זיי האָבן נישט געוואוסט, אַז כּמעט אַלע, וואָס זיינען געקומען צו די מאָלציייטן, האָבן דאָס נאָר געטאָן פון אימה און נישט פון אהבה.

פאַר משהן האָט אהרן־לייזער געזוכט עפּעס אַ גרויסן למדן פאַר אַ מלמד. ער האָט געוואָלט, אַז זיין זון זאָל אויך ווערן אַ רב. עפּעס אַ קליינינקייט, ער פאַלט איצט אַריין צו אַזאַ חברה רבנים און גאונים.

האָט ער אַראָפּגעבראַכט פון בריסק איינעם אַ ר׳ אָרעלע, אַ זעלטענער למדן, האָט צוגעקליבן צום זון נאָך אַ דריי נגידישע און גוטע אינגלאַך, און מען האָט געגעבן ר׳ אָרעלען הונדערט רובל אַ זמן, ער זאָל לערנען מיט די פיר אינגלאַך, וועלכע זיינען שוין געווען חתנים. און אין יענער צייט איז פינף־און־צוואַנציג רובל פאַר אַ זמן געווען אַ שלל מיט געלט.

אָבער אהרן־לייזער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגענאַרט. ער האָט נישט געוואוסט, אַז ר׳ אָרעלע איז אַ גרויסער חסיד, און ער וועט נאָר מאַכן זיינע תּלמידים פאַר חסידים און נישט פאַר רבנים. ר׳ אָרעלע האָט איינגעפלאַנצט אין זיינע תּלמידים חסידות און האָט זיי געמאַכט פאַר הייסע חסידים, און אַז זיי וועלן חתונה האָבן, וועלן זיי נאָר באַלד מאַכן אַ הייראַ צום רבין, ר׳ משהלע קאָברינער, וואָס איז געווען ר׳ אָרעלעס רבי.

אהרן־לייזער איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ גרויסער מתנגד, און דער רב נאָך אַ גרעסערער אַזוי, אַז צו אים איז געקומען אַ אידענע פון זאַסטאַוויע און געקלאָגט זיך פאַר אים, אַז דער זון אירער איז געוואָרן אַ חסיד, האָט דער רב געהייסן דער מוטער רייסן קריעה און זיצן שבעה. און דער ברודער, ר׳ לייזערקע, דער גראָדנער רב, איז אַוראַי געווען אַ פאַרקאָכטער מתנגד, דאָס איז דאָך עפּעס פון ר׳ חיים וואָלאָזשינערס קינדער!

און טאַקע באַלד נאָך דער חתונה, האָט זיך דער זון משה אַרויס־געגנבעט פון דערהיים און אַוועקגעפאָרן קיין קאָברין צום רבין. משה האָט געוואוסט, וואָס פאַר אַ מלחמה ער וועט דאָ האָבן מיט זיין פאָטער, ער האָט אים גוט געקענט.

ער האָט אויך געוואוסט, אַז ער מאַכט אָן אַ חורבן באַם שווערס פאַמיליע, די מתנגדישע גאונים, אַז ער גיט ממש אַ קלאַפּ דערמיט זיין שווער דעם צדיק, וואָס וויל, אַז זיין איידעם זאָל זיין אַ רב, וואָס איז נאָר אוממעגליך פאַר אַ חסיד. פונדעסטוועגן אָבער האָט ער אויף קיין זאַך נישט געקוקט און האָט געטאָן זיינס. ער איז נישט געווען ענליך אין פאָטער. ער איז אפשר געווען דער היפּך, ער איז געווען אַן אידעאַלעס קינד, אַ שטילס און זעהר אַ רעליגיעזעס, און אַז ווען ער וואָלט עמיצן פאַרשאַפט נאָך אַ גרעסערן עגמת־נפש דערמיט, וואָס ער האָט זיך איבערגעגעבן צו חסידות, וואָלט ער אויך דערויף נישט געקוקט. אַזוי האָט אים געטריבן דאָס האַרץ, און ער האָט געמוזט.

עס איז איבעריג צו זאָגן, וואָס פאַר אַ קלאַפּ דאָס איז געווען פאַר אהרן־לייזערן. דער זון האָט אים דאָ איבערגעדרייט אַלע זיינע פּלענער. יענער האָט מיט אַזאַ ענערגיע אויסגעאַרבעט צו האָבן מחותּנים גאונים און אַ זון אַ רב — ראַרף מען רען בעסער? און פּלוצלינג — נאַ דיר!

ער האָט גלאַט קיינמאָל נישט משער געווען, אַז מיט זיין זון זאָל זיך דאָס טרעפן, דאָס איז פאַר אים געווען שרעקליך אומערוואַרטעט. ר׳ אָרעלע, דער רבי, האָט געוואוסט, אַז קוים וועט משהלע אַוועקפאָרן צום רבין, וועט אים אהרן־לייזער א ו י ס ר יי ס ן דערפאַר, און ער האָט טאַקע די רגע געמאַכט פליטה.

פון דער פליטה האָט אהרן־לייזער נישט געוואוסט, האָט ער געשיקט צוויי ריעסיאַטניקעס צו ר׳ אָרעלען בריינגען אים. אָבער אַז מען האָט אים געזאָגט, אַז ר׳ אָרעלע איז אַנטלאָפן, האָט ער באַלד געשיקט צום אַסעסער, ער זאָל אים געבן זעקס ריעסיאַטניקעס און דערביי זאָל ער זיי אָנזאָגן, אַז וואָס אהרן־לייזער וועט זיי הייסן, זאָלן זיי טון. אַזאַ זאַך טאָר דער אַסעסער נישט טון. אָבער געמענדיג אין אַכט, אַז דער ווירע האָט אַזוי גוט געלעבט מיטן איספראַווניק, האָט דער אַסעסער ערפילט די בקשה.

האָט אהרן־לייזער געשיקט די רעסיאַטניקעס אַראָפּנעמען דעם דאַך פון ר׳ אָרעלעס הויז, וואָס ער האָט געקויפט באַלד, ווי ער איז געקומען קיין קאַמעניץ. נאָר אהרן־לייזערס ברודער, מרדכי־ליב, האָט עס נישט דערלאָזט. מען טאָר דאָס נישט טון. עס איז נישט אידישליך. עס פאַר־שטייט זיך, ווען מרדכי־ליב פאַרשפּעטיגט איין שעה צייט, וואָלט שוין אָרעלעס הויז געווען צענומען.

דעמאָלט האָט אהרן־לייזער אַוועקגעשיקט אַ שליח, איינעם אַן אָנגעזעהענעם בעל־הבית קיין קאָברין, אָנזאָגן דעם רבין, אַז אויב ער וויל זיצן אין קאָברין רוהיג און פירן דאָרטן זיינע רביריייען, טאָ זאָל ער אים שוין, די מינוט, אָפּשיקן דעם זון און שווערן אַז ער וועט אים שוין מער קיינמאָל נישט פאַרנאַרן צו זיך.

אָבער דער רבי האָט, נעבעך, דאָ גאָרנישט געקאָנט העלפן. דער יונגער פערצען־יאָריגער משה איז געוואָרן אַ פאַרברענטער חסיד און האָט מיט גרויס מסירת־נפש געזאָגט:

— רבי, נפשי קשורה בנפשך, איך וועל נישט אָפּטרעטן פון אייך, סיידן מיטן טויט.

דער שליח האָט דעמאָלט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי אָנזאָגן משהן אין נאָמען פון פאָטער, אַז אויב ער וועט נישט קומען גלייך אַהיים און וועט נישט שווערן, אַז ער וועט מער קיין חסיד נישט זיין, טאָ זאָל זיין פוס מער נישט איבערטרעטן דעם טאַטנס שוועל.

אָפּגעווען אַ פּאָר וואָכן באַם רבין, איז משה געוואָרן נאָך פאַרברענטער אין חסידות. אַז אַהיים קאָן ער נישט קומען, האָט ער געוואוסט. פלעגט ער שרייבן צום פאָטערס מחותּן ר׳ זעליג אַנדראַרקעס און פרעגן, צי קאָן

ער קומען צו זיי און צי נעמט ער זיך אונטער אָפּצוהיטן אים פון פּאָטערס צאָרן. זעליג האָט געשריבן, אַז ער נעמט אים אויף זיינע פּלייצעס, ער מעג קומען קיין קאַמעניץ און גלייך פּאַרפּאָרן צו אים. אַזוי איז משה אָפּגעגאַנגען עטליכע חדשים בײַ זעליגן און בײַם רבין אין קאָברין.

דער שווער זיינער, ר׳ לייזער דער גראָדנער מורה־הוראה, האָט פון דעם נישט געוואוסט. מען האָט נישט געוואָלט אים מצער זיין.

דערווייל האָט שרה, משהס ווייב, געהאַט אַ אינגל, און מען האָט געגעבן צו וויסן ר׳ לייזערן. איז ער געקומען אויפן ברית קיין קאַמעניץ און פאַרפאָרן צום ברודער, צום רב. דאָ איז ער געוואָר געוואָרן פון דער גאַנצער מעשה און עס האָט אים געקאָסט אַ סך געזונט. מאָרגן איז ער אַריינגעפאַלן מיט דער טאָכטער: אַ מחותּן אַ איסבאָרשטשיק, און אַ חסיד אַן איידעם, וואָס איז ערגער פון אַלץ אין דער וועלט. עס איז דאָך קלאָר, ווי דער טאָג, אַז קוים ווערט איינער אַ חסיד, וועלן דאָך זיינע קינדער, זיינע אייניקלאַך א. אַז. וו. אויך זיין חסידים. און אַזוי וועלן דורות אַוועקגיין מיט חסידים. און בײַ אים איז בײַשלאָסן געוואָרן אָפּגטן די טאָכטער מיטן מאַן, אויב זי וועט וועלן. אַז ער איז געקומען צו אהרן־לייזערן זעהן זיך מיט דער טאָכטער, האָט אים אהרן־לייזער צוגענומען מיט גרויס פּאַראַר, און דער גראָדנער רב האָט געפּרובט אַ רעד טון מיט דער טאָכטער, זעהן וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס וועט מאַכן אויף איר. נאָך אַלע רייד האָט ער אָבער איינגעזעהן, אַז די טאָכטער שרה האָט שרעקליך ליב דעם מאַן, אַז זי קלאָגט נאָר דערויף, וואָס ער וואַלגערט זיך אין דער פרעמד, און דער שווער לאָזט אים אויפן שוועל נישט אַרויף, און איצט, אויפן ברית, וויל אים דער שווער אויך נישט צולאָזן.

דאָ האָט ר׳ לייזער דייטליך געזעהן, אַז דאָס איז פאַרפאַלן, און אָנגענומענדיג זיך דער, אַז דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט, און אַז ווי נאָט טוט, אַזוי דאַרף זיין, האָט ער, דער גרויסער מתנגד, זיך גענומען מאַכן אַ שלום צווישן מחותּן מיט זיין זון. נאָך גרויס מאַטערניש און מיה האָט זיך אים קוים איינגעגעבן מפצה זיין דעם מחותּן, אַז ער זאָל זיך לאָזן איבערבעטן פון זון.

און אַז דער רב מיט ר׳ לייזערן מיט משהן זיינען געקומען צו אהרן־לייזערן, איז משה צוגעפאַלן צום פאָטער מיט אַ געוויין, ווי פאַרצייטן, און געבעטן, ער זאָל אים זיין אַ פאָטער ווי געוועזן. מכּח די חסידות איז שוין פאַרפאַלן, דאָס איז אַזאַ זאַך, וואָס מען קאָן נישט אַרויסרייסן, נישט איבערמאַכן אַפילו מיטן טויט. דעמאָלט האָט דער פאָטער זיך געלאָזט איבערבעטן, און עס איז געוואָרן שלום.

אהרן־לייזער האָט, פאַרשטייט זיך, געמאַכט אַ ברית אַן אויסגעצייכנטן, כּיד־המלך, נאָר אַז עס איז געקומען צו אַ נאָמען געבן דעם אינגעלע, האָט

ר׳ לייזער געוואָלט, מען זאָל עס רופן נאָך זיין פאָטער ר׳ יחזקאל, דעם ווילנער גאונס איידעם, און אהרן־לייזער האָט געוואָלט, אַז מען זאָל אים אַ נאָמען געבן נאָך זיין טאַטן דעם פרנס־חודש, ר׳ וועלוול. איז מען ענדליך דורכגעקומען אויף צוויי נעמען: יחזקאל זאב. דאָס אינגעלע, פאַר וועלכן מען האָט זיך געקריגט, בין איך געווען, און מיין פאָטער איז עלטער געווען פאַר מיר מיט פערצען און אַ האַלב יאָר.

דער זיידע האָט דעם טאַטן צוריק ליב געקריגן, און דער טאַטע האָט שוין פראַנק און פריי געפירט זיין חסידות. ער איז געגאַנגען אַלע טאָג ווינטער־צייט אין דעם קאַלטן ברונעם, וואָס אין באָר, זיך טובלען אויף די אַכט שטינלאַך, וועלכע זיינען געווען נראָב געפרוירן מיט אייז, מיט די שפּאַרעס און גרויסע לעכער אין די ווענט. ער איז אַפילו געפאָרן צום רבין קיין קאָברין בעטן אים, אַז ער זאָל עקסטרע פאָרן צום פאָטער אין קאַמעניץ, אום יענער זאָל ערלויבן ר׳ אָרעלען זיך אומקערן צוריק אין שטאָט אַריין לערנען מיט קינדער.

ר׳ משהלע, דער רבי, האָט אַזוי געטאָן. ער איז אַרויסגעפאָרן קיין קאַמעניץ און פאַרפאָרן גלייך צו אהרן־לייזערן צוזאַמען מיטן זון. דעם רבין האָט מען פיין אויפגענומען און אַפילו אָנגענומען זיין בקשה. דער קאָברינער רבי, ר׳ משהלע, האָט געשפּילט זעהר אַ גרויסע ראָליע צווישן די רביים. מען האָט געשריבן ר׳ אָרעלען, אַז ער מעג קומען, און יענער האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן. ער איז געקומען און פון דאָס ניי אָנגעהויבן לערנען מיט בעלי־הביתלאַך, פון וועמען ער האָט זיך אַזוי פאַמעליך און פאָרזיכטיג „געמאַכט“ אַ צוועלף חסידים, צווישן זיי אויך דעם קאַמע־ניצער רבס זון, יחזקאל, וואָס איז געווען אַן עילוי, זעהר אַ געראָטענער, ממש אַ גאונישער קאָפּ.

רעמאָלט האָבן זיך די פריש־אויסגעבאַקענע יונגעלייט־חסידים גע־רונגען אַ באַזונדער שטיבל צום דאַווגען. דער טאַטע האָט געפּועלט באַם פאָטער, אַז ער זאָל ערלויבן די חסידים דאַווגען אין אַ באַזונדער שטיבל. דער טאַטע האָט שוין אַוועקגעוואָרפן לערנען גמרא. ער האָט זיך בעסער געגומען צום זוהר און דעם מדרש און געפּראַוועט חסידות מיט מקואות און מיט זינגערייי. אָט אַזוי האָט ער שוין פאַרבראַכט די ,גאַנצע טעג און נעכט — און פון אַ רב ווערן האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין.

דער זיידע האָט אים געוואָלט אָנהויבן פירן מיט זיך צו די פריצים. דער זון האָט אָבער נישט געוואָלט רייַדן מיט די פריצים — און מיט די פריצטעס אַוראַי און אַוראַי נישט. פאַר איין ברירה האָט שוין דער זיידע אָנגעהויבן קלערן פאַר משהס ווענן עפּעס אַ געשעפטל.

דערווייל האָט דער זיידע חתונה געמאַכט אַ צווייטן זון יאָסל. דאָ האָט ער זיך שוין אויסגעקליבן אַ מחותן אַן אַריסטאָקראַט פון ביאַלי־סטאָק. גערופן האָט מען אים ר׳ שמעון „דייטש“, ווייל ער האָט שוין רעמאָלט געפירט אַן אַריסטאָקראַטיש לעבן. ער האָט געהאַט שיינע טעכטער. זיין עלטסטע טאָכטער יוכבד איז געווען אַ באַרימטע שיינהייט, און ווייל מיין זיידנס ערשטע שנור, די בת הרב, ׳איז נישט געווען קיין שיינע, וועלכע ער האָט נישט ליב געהאַט, האָט אים שוין געצווינגן צו טון אַ שידוך נאָר מיט אַן אַנדער אַרט משפּחה, וואו מען האָט געטראָגן בריליאַנטן אויף די הענט און אַ גוטן שנור פּערל אויפן האַלז.

יאָסל איז אויך געווען אַ חסיד, האָט מען פאַר ביידע באַראַפּט עפּעס אָנזעהן אַ געשעפט. רעמאָלט איז דעם זיידן אַרויפגעקומען אויפן זינען אַ גאַנצער פּלאַן.

קיינער האָט אין קאַמעניץ ערגעץ נישט געטאָרט קויפן קיין בראָנפן, ביר, אויסער בײַ אָסערעווסקין, דעם פּריץ פון שטאָט. אויך איז ·אים געקומען, ווי עס איז פריהער געשריבן, דער אָפּצאָל פון זאַלץ, פון טאַבאַק, פון ליכט א. ד. גל. און אַזוי אויך די פינף קאָפּיקעס פון פערד, וואָס זיינען אַריינגעפאָרן אין שטאָט זונטאָג יריד־צייט, און אויך די דריי וואַסער־מילן. דאָס אַלץ האָט געהערט צו אָסערעווסקין, און איבער דעם אַלעם איז געווען געשטעלט אַ פאַרוואַלטער. אָבער דער פאַרוואַלטער האָט מיט דעם אַלעם אַזוי פאַרוואַלטעט, אַז דעם פּריץ איז כמעט גאָרנישט אַריינ־געקומען. דער פאַרוואַלטער האָט עס בעסער צו זיך אין קעשענע אַראָפּ־געלאָזט, און אָסערעווסקין האָט ער, ווי די מאָדע איז, אויסגענאַרט.

איינמאָל, בעת אָסערעווסקי איז געקומען אין זיין גוט „פּרוסקע“, איז דער זיידע אַוועק צו אים און פאָרגעלעגט, ער זאָל אים איבערגעבן די אַרענדע אויף אָט די אַלע זאַכן. פאַר דער אַרענדע גיט ער אים צוועלף הונדערט רובל אַ יאָר, בעת איצט האָט ער פון איר אַ קרחת. אָסערעוו־סקין איז עס געפעלן געוואָרן, און מען האָט געמאַכט אַ קאָנטראַקט אויף דריי יאָר.

דער זיידע האָט איבערגענומען די אַרענדע, וואָס איז פאַר דעם שטעטל געווען איינגאַנצן אַ נייעס. דערביי האָבן אַלע באַוואונדערט זיין מוט. וואָרום ווער קאָן זיך דאָס איינרייסן מיט אַ גאַנצער שטאָט? און ווי איז, אַז מען וועט י אָ גנבענען בראָנפן און אַז מען וועט נ י ש ט וועלן צאָלן? ווער האָט דאָס כח צו אַזאַ שווערע אונטערנעמונג — איינהיטן אַ גאַנצע שטאָט, אַז מען זאָל צאָלן פּינקטליך און אַז מען זאָל נישט גנבענען, ווי מען האָט שטענדיק געגנבעט.

באַקומען דעם קאָנטראַקט, האָט דער זיירע נעהייסן אויסרופן דעם שמש אין אַלטן בית־המדרש, אַז דינסטאָג אָוונט זאָלן אַלע קומען אויף אַן אספה. געוויינטליך, איז געקומען די גאַנצע שטאָט. אַז אהרן־לייזער מאַכט אַן אספה, מוז מען קומען, אַנישט וועט מען צאָלן מער שטייערן.

האָט ער געשיקט דעם שרייבער י. ח. אויסרופן אויף דער בימה, אַז פון היינט אָן טאָר קיינער אין ערגעץ אַנדערש נישט קויפן קיין בראָנפן, אויסער באַ ר׳ אהרן־לייזערן, און עס קאָסט אָפּצאָל־געלט פון יעדן טאָפּ: זיבן־און־צוואַנציג גראָשן פאַר די שיינקערס און אַכצען גראָשן פאַר אַזוי מענטשן. אַזוי אויך פון ביר און פון אַלץ, ווי עס איז געצאָלט געוואָרן ביז אַהער דעם פריץ׳ס פאַרוואַלטער. איצט גייט איבער די אַרענדע צו אים. און דערבײַ גיט ער אויף צדקה פאַר דער שטאָט דריי הונדערט רובל, אַ סומע, וואָס ער איז גרייט צו געבן אַלע יאָר.

עס איז געוואָרן אַ מהומה. נאָר שטאַרק שפּרינגען אין ׳די אויגן האָט מען מורא געהאַט. איז מען זיך ביסלעכווייז צעגאַנגען.

דערנאָך האָט ער געשיקט רופן צו זיך אַלע שיינקערס און אָנגעזאָגט זיי, אַז דעם האַנדל מיט בראָנפן דאַרף מען אַנדערש אַוועקשטעלן, וואָרום ביז איצט האָבן אַלע, ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ הויז, געהאַלטן בראָנפן צו פאַרקויפן פאַר די פּויערים. דערפון איז געפאַלן דאָס געשעפט, פאַר אַ גלעזל האָט מען גענומען אַ וואָסערע פיר גראָשן. איצט אָבער, אַז ער נעמט איבער די אַרענדע, וועט מען בראָנפן נעמען באַ אים, און ער וועט צורעכענען אַ וואָסערע זיבן־און־צוואַנציג גראָשן אויפן טאָפּ. זיי זאָלן אָבער היטן, אַז מען זאָל נישט אַרײַנפירן קיין געגנבעטן בראָנפן, וועלן זיך די דאָזיגע זיבן־און־צוואַנציג גראָשן זעהר לייכט זיי אומקערן.

און דערנאָך האָט ער זיי שוין מתרה געווען:

— פריהער, אַז דער רוזאָנצע פּאָטשאָשע האָט אייך געכאַפּט, האָט איר געקריגן געשלאָגן. איך וועל אייך, חלילה, נישט הייסן שלאָגן, נאָר דער וועט זיין אויס שיינקער, וואָס וועט אַרײַנגנבענען בראָנפן. און לײַזן זאָלט איר צו דריי קאָפּיקעס אַ גלעזל. איך האָב געבראַכט פאַר אייך גלעזעלאַך פון בריסק, וואָס זעהען אויס גרויסע. אָבער אין אַ גלעזל גייט אַריין גאַנץ ווייניג. איר זאָלט האַלטן אַלע האַלטן נאָר די גלעזולאַך און נישט קיין אַנדערע. אַלע גלייכע גלעזולאַך, וועט איר האָבן פּרנסה. איבערהויפּט דאַרף מען וואָס ווייניגער קאָנקורירן איינע מיט די אַנדערע, וועט זיין פּרנסה.

די שיינקערס האָבן זיך באַם זיידן אויפגעקליבן און באַשטימט זייער צאָל אויף גאַנצע דריי יאָר צייט, מער טאָרן נישט זיין. יעדער שיינקער דאַרף נעמען אַ פּאַטענט, כּדי מען זאָל קאָנען פאַרקויפן פראַנק און פריי. דערבײַ

האָט זיך דער ויירע מתחיב געווען אויסלייען געלט יענע שיינקערס, וואָס װעלן נישט האָבן קיין געלט אויף אַ פּאַטענט. דער ויירע האָט געוואוסט װי אַװעקצושטעלן אַן עסק.

אַז אַלץ איז איינגעאָרדענט געוואָרן, האָט דער ויירע איבערגעגעבן דעם טאַטן, ער זאָל פירן די אַרענדע, און צוגענומען אין שותפות דעם ברודער, מרדכי־ליב. עס איז אָפּגעמאַכט געוואָרן מיטן פּריץ, אַז יענער דאַרף אים צושטעלן בראָנפן, װיפיל ער װעט פאָדערן.

מיטן אַקציז פון בראָנפן איז דעמאָלט געווען איינגעפירט אַזוי: באַם איינגנטימער פון ברויז איז געזעסן אַן אויפזעהער פון אַקציז (סמאָטריטעל), װאָס האָט באַראַפט אויפקוקן, װיפיל בראָנפן עס װערט פאַרקויפט. אַז מען איז געקומען קויפן בראָנפן מיט אַ פעסל, האָט דער אויפזעהער אויס־געמאָסטן דאָס פעסל, װיפיל עמער עס האַלט און האָט פאַרזיגלט מיטן אַקציז־זיגל און אַרויסגעגעבן אַ מין שיין דעם איינגנטימער, אַז זיין פעסל האַלט אַזוי פיל און אַזוי פיל עמער. דערנאָך האָט ער פאַרצייכנט, אַז עס איז פאַרקויפט געוואָרן אַזוי פיל עמער. דעם אַקציז־אָפּצאָל פלעגט דער ברויז־איינגנטימער אַריינטראָגן אַלע חודש אין בריסק אין אַקציזנע פאַלאַטע.

אין שטאָט װידער איז אויך געווען אַזאַ אויפזעהער, װאָס האָט באַראַפט אויפקוקן, צי די שיינקערס פאַרקויפן ריכטיג דעם בראָנפן פון דעם פאַר־זיגלטן פעסל. און אַז ער האָט געטראָפן אַ פעסל משקה אָהן דעם אַקציזנעם זיגל, האָט דאָס געהייסן געגנבעטער בראָנפן.

דער ויירע האָט געעפנט אַ שיינק אין קאַמעניץ, און מען פלעגט ברייגגען גרויסע קויפן בראָנפן — צו פופציג עמער אַ קויף, ד. ה. צווי הונדערט טעפּ. נאָר אַזוי װי ער איז געווען אַ גרויסער אָפּנעמער, האָט דער פּריץ נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די אַקציז־רעכענונג, האָט עס דער ויירע גענומען אויף זיך. פלעגט ער אַריינשיקן קיין בריסק יעדן חודש דאָס אַקציז־געלט און אין שפּייכלער פלעגן שטיין גרויסע זעק מיט קופּער־און זילבער־געלט צום אָפּפירן מיט אַ פּאָר פערד.

פרייטאָג פלעגט קומען די גאַנצע שטאָט קויפן בראָנפן אויף שבת. דעם טאָג האָט געהאָלפן לייזן די גאַנצע פאַמיליע. גאַנצע באַליעס מיט בראָנפן פלעגן שטיין, און פון דאָרטן פלעגט מען שעפּן צום מעסטן אין די פלעשער אַריין.

איצט, אַז דער ויירע האָט זיך איבערגענומען צו פירן די אַקציז־רעכענונג, איז שוין דער אויפזעהער באַ אונז געזעסן און האָט פאַרזיגלט די קויפן מיט די קראַנען מיטן אַקציז־זיגל. און אַז די שיינקערס פלעגן קומען,

יערערער מיט זיין פעסל, האָט דער סמאָטריטעל פאַרזיגלט די פעסער און אַכטונג געגעבן, אַז די שיינקערס זאָלן נישט גנבענען קיין אַקציז. און דער טאַטע ווירער האָט פאַרזיגלט די פעסער מיט זיין ווינל, אַז דער שיינקער זאָל נישט גנבענען ערגעץ אַנדערש בראָנפן אָהן אַרענדע; און אַזוי האָט יערעס פעסל געהאַט צוויי זיגלען מיט אַ לאַנג שטעקל, וואָס מיט דעם האָט מען אויסגעמאָסטן, וויפיל עמער דאָס פעסל האַלט.

און דער טאַטע מיטן אויפזעהער פלעגן איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין וואָך, ווי עס האָט זיך פאַרגלוסט, מאַכן אַ רעוויזיע איבערן שטאָט. פלעגט מען באַ די שיינקערס אויפרייסן די זיגלען פון שטאָפּעק און אָפּמעסטן מיט די שטעקלאַך צו זעהן, וויפיל בראָנפן איז נאָך געבליבן אין פעסל.

אַזוי האָט זיך שטענדיג געפירט. אַמאָל פלעגט זיך פאַרוועלן מאַכן אַ פּלוצ־לינגנע רעוויזיע, פלעגט גיין דער „מענש“ חצקל מיט אַ פּאָר גוים, וואָס דער רואָנצע האָט געגעבן, פיל מען האָט באַראַרפט. אין ריעסיאַטניקעס האָט מען זיך קיינמאָל נישט גענויטיגט. דורכן איספּראַווניק האָט דער זיידע געגומען באַם אַסעסער, וויפיל ריעסיאַטניקעס ער האָט געוואָלט, מען האָט אים קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט. אָבער די שיינקערס האָבן זיך גוט געהיט, דאָס איז איינס. צווייטנס, פלעגן זיי שטענדיג זיצן באַ אונז אין קאָנטאָר און האָבן זיך געסטאַרעט אויסצוגעבן זיך פאַר אייגענע מענשן, גוטע פריינט, וואָס דאָס איז געווים געווען אַ מניעה צו רעוויזיעס.

אַז די שיינקערס זיצן באַ אונז אין קאָנטאָר און בראָנפן איז פאַראַן — האָט מען געשיקט נאָך געבראָטענע גענזלאַך, און ס'איז שטענדיג געווען ליהודים. מען מוז דערבײַ באַמערקן, אַז די אַלע שיינקערס איז פאַרן זיידן ווירקליך אַוועק זעהר גוט, און אַנדערע שיינקערס זיינען געוואָרן נגידים.

אויף די איבעריגע אָפּצאָלונגען, ווי למשל, זאַלץ, ליכט, טאַבאַק און אַנדערע זאַכן — דאָס איז אים ווייניג אָנגעגאַנגען. אַזוי איז זיך אָבער אַלץ געגאַנגען אין אָרדענונג.

איינמאָל איז דער זיידע געווען אין בריסק באַם איספּראַווניק. האָט אים דער איספּראַווניק דערציילט, אַז עס ווערט אַראָפּגעשיקט פון גובערנאַטאָר אַ באַזונדער רעוויזאָר מיט באַזונדערע גרויסע פולמאַכטן צו קאָנטראָלירן די סקאַזקע פון דער גאַנצער גובערניע. וואָרום עס זיינען דערהאַלטן געוואָרן אַ סך מסירות, אַז מער ווי צוויי דריטל מענשן זיינען אומישנע נישט צוגעשריבן. לכן, האָט ער, דער איספּראַווניק, מורא, אַז באַ אים אין אויעזד וועט דער רעוויזאָר געפינען גרויסע גנבות אין דעם פּרט, און ער קאָן נאָך אַמאָל צוליב אַזאַ מעשה פאַרלירן די שטעלע.

פרענט אים דער זיידע, צי קען ער דעם רעװיזאָר, און װאָס פֿאַר אַ מענטש איז ער. דער איספּראַװניק האָט געענטפֿערט, אַז ער קען אים גוט. דאָס איז אַ גרויסער בעל־גאוה, נישט קיין קלוגער, באַליידיגט זיך באַלד פֿאַר יעדע האָר, נאָר אַן אָרנטליכער און אַן אָנשטענדיגער.

— נו, אויב אַזוי — האָט דער זיידע געזאָגט, — דאַרפֿסטו זעהן, אַז די ערשטע רעװיזיע אין בריסקער אויעזד זאָל ער מאַכן אין קאַמעניץ. עס װעט זיין גוט.

ויהי היום, און דער רעװיזאָר האָט אָנגעהויבן פֿאָרן איבער דער גובער־ניע, און מען האָט שוין געהערט, אַז ער האָט אין פֿיל שטעט געפּאַקט פֿאַלשע „סקאַזקעס" און עס שטייט פֿאָר, אַז די פּני פֿון די שטעט זאָלן אַװעק־געשיקט װערן קיין סיביר... עס פֿאַרשטייט זיך, אַז עס איז געפֿאַלן אַן אימה מיט אַ פּחד אויף דער גאַנצער גובערניע. מען האָט גערעדט, אַז דער רעװיזאָר האָט פּראָסט אָנגעמאַכט אַ חורבן.

דער איספּראַװניק, װאָס האָט אַפֿילו געלעגט האָפֿענונגען אויפֿן זיידן, האָט זיך דאָך שטאַרק דערשראָקן פֿאַר דעם רעװיזאָר. אַ קליינינקייט, ער קאָן אים מאַכן פֿאַר אויס איספּראַװניק, װען די סקאַזקע װעט זיך אַרויסשטעלן פֿאַר פֿאַלש. האָט ער אַריינגעשריבן צום קאַמעניצער אַסע־סער, אַז װען דער רעװיזאָר װעט קומען קיין קאַמעניץ, זאָל ער, דער אַסעסער, אים צוגרייטן אַ װאױנונג בײַ יאָנע טרינקאָװסקין און נישט בײַ זיך, װי עס פֿירט זיך אַלע מאָל. דער אַסעסער זאָל אויך זיך האַלטן נאָר אין דער זייט פֿון אים, און ריעסיאַטניקעס, װאָס זאָלן שטיין בײַ זיין טיר, זאָל ער אים אויך נישט געבן. מיט איין װאָרט, ער זאָל זיך מאַכן גאָרנישט װיסנדיג, דאָס אַלץ איז געװען לויט דעם זיידנס עצה.

ענדליך איז דער רעװיזאָר טאַקע געקומען. דער אַסעסער איז אים באַלד אַנטקעגן געפֿאָרן און האָט אים געבראַכט צו טרינקאָװסקין אויף סטאַנציע. דאָרט זיינען געװען פֿיינע מעבלירטע צימערן מיט זילבערנע געשיר פֿאַר פּריצים.

פֿון זיין קומען האָט דער זיידע שוין געװאוסט נאָך מיט צװיי טעג פֿריהער. דעמאָלט האָט ער פֿאַררופֿן די פּני העיר, װעמען ער האָט פֿאָר־געלעגט זיין עצה, אַז אַלע נישט קיין צוגעשריבענע זאָלן שוין טאַקע מיט אַ טאָג פֿריהער פֿאַרלאָזן די שטאָט, אַפֿילו מאַמעס מיט קליינע קינדער. ער טאָר נישט געפֿינען קיין איין מענטשן נישט קיין צוגעשריבענעם, און אַזוי װי מען גיט שטענדיג אַ רעװיזאָר צװיי הונדערט רובל, װעט ער, דער זיידע, אים דאָס מאָל געבן דריי הונדערט רובל און ער פֿאַרהאָפֿט, אַז עס װעט זיך ענדיגן גוט.

די עצה איז אָנגענומען געװאָרן, און די פּני זײַנען אַװעק אַרױסשיקן פון שטאָט די אַלע נעלמים. געקומען איז דער רעװיזאָר אין אַן אײַנגענער קאַרעטע מיט דרײַ פערד אַזײַנער צען אין דערפריה. אַזײַנער צװעלף האָט שױן דער זײדע אַרײַנגעשיקט דעם לאָקײַ, אַ איר, צום רעװיזאָר אין צימער אַרײַן מעלדן, אַז דער איספּראַװשטשיק איז געקומען און װיל מיט אים עפּעס רײדן. דער רעװיזאָר האָט געהײסן אַרײַנגײן.

דער זײדע, װאָס האָט נאָך פריהער אָנגעזאָגט טרינקאָװסקין, דעם בעל־הבית פון גאַסט־הױז, אַז יענער זאָל אַכטונג געבן, אַז קײנער זאָל זיך נישט געפינען אין די אַרומיגע צימערן, בעת ער װעט רײדן מיטן רעװיזאָר, איז ער אַרײַנגעגאַנגען און האָט צוגעמאַכט די טיר הינטער זיך.

אָנגעהױבן האָט דער זײדע זעהר דרײסט און זעהר אָריגינעל, װי זײַן שטײגער איז:

— פריצל, די סקאַזקע איז טאַקע בּאַ אירן אַ פאַלשע און עס װײס אַפילו דער קיסר אױך פון דעם, װאָס דאָס איז די בּעסטע ראיה, אַז מען קאָן דערצו נישט העלפן. אַזױ פירט זיך עס שױן פון שטענדיג אָן. נאָר די אַלע רעװיזאָרן, װאָס קומען קאָנטראָלירן אַלע יאָר די סקאַזקע, נעמען צװײ הונדערט רובּל און חתמענען זיך אונטער, אַז זײ האָבּן געפונען אַלץ אין אָרדענונג און פאָרן בּשלום אַװעק, און דו בּיסט עפּעס אַן עקשן. גיבּ איך דיר דרײַ הונדערט און לאָז אונז געמאַך, װאָרום, װי דו זעהסט מיך אַ אירן, דו װעסט דאָ גאָרנישט אױספירן. און אױבּ דו װילסט, װעט עס טאַקע זײַן אַן עולה, אױבּ דו װעסט דאָ אָנמאַכן אַ חורבן און בּרײַנגען עמיצן צו טורמע.

דער רעװיזאָר איז אױפגעקאָכט געװאָרן:

— איך װעל אײַך אַלעמען, מאַשעניקעס, פאַרשיקן קײן סיבּיר, — האָט ער געשריען, — און דיך דעם ערשטן!

האָט דער זײדע נישט לאַנג געטראַכט און האָט אים אַראָפּגעלאָזט צװײ הײסע פעטש און דערבּײַ, פון דער זײַט, ניפטיג און שטיל בּאַמערקט:

— זאָלסט װיסן, אַז בּאַם טיר שטײען גרײט מײנע מענשן, מען װעט דיך אין לײַלעכער אַװעקטראָגן, ממש דײַן סוף איז געקומען... נאָר אױבּ דו װילסט זיך ראַטעװען, פאַרלאַנג איך פון דיר אײן זאַך: דו זאָלסט מיר שװערן, אַז דו פאָרסט בּאַלד אַװעק און זאָלסט זיך אײנגאַנצן אָפּזאָגן

פון אַזאַ מין גזלנישער שטעלע.

און כּדי נאָך מער אים צו דערשרעקן, האָט דער זײדע אָנגעהױבּן שרײַען:

— קיװקע, חצקל, מאָשקע, בּערקע — סקאָרײ!

דער רעװיזאָר, װאָס איז געװען אינגאַנצן צעטרייסלט פון די פּעטש, איז געשטאַנען אויף ציטערנדיגע פיס, און אַ טויטער, אַן איינגעהויקערטער, האָט ער געגעבן זיין ערנװאָרט דעם זיירן, אַז ער פאָרט שוין אַװעק.

ברייננגענדיג זיך עטװאָס אין אָרדענונג, איז ער גלייך אַרויס מיטן זיירן פון צימער און געהייסן שפּאַנען די פערד. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז ער שוין נישט געװען אין קאַמעניץ.

און דערנאָך, אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט דער איספּראַװניק אַריינגעשיקט דעם זיירן אַ בריף מיט אַ דאַנק, מיט אַ סך קאָמפּלימענטן און האָט פאַרבעטן אים קומען קיין בריסק.

אין בריסק האָט ער אים דערציילט, אַז דער רעװיזאָר איז געקומען צו אים, צום איספּראַװניק, און איבערגעגעבן זיינע איינדריקן פון דער רייזע. פון די פּעטש האָט ער נישט דערציילט. זיין מיינונג איז געװען, אַז די סקאַזקע איז אומעטום אַ פאַלשע און אַז כּדי זי צו ברייננגען אין אָרדענונג, מוזן אָנגענומען װערן נאָר אַנדערע מיטלען. עס דאַרף אין גרונט איבערגעאַנדערשט װערן דער אַרט פאַרשרייבן זיך. פאָרן איין מאָל אין יאָר קאָנטראָלירן האָט קיין ממשות נישט. אַפילו איינער אַ איד, דער איסבאָרשטשיק פון קאַמעניץ, האָט אים דייטליך געזאָגט, אַז די סקאַזקע איז פון אייביג אָן אַ פאַלשע...

דאָ האָט אים שוין דער זיידע דערציילט די גאַנצע מעשה מיט די פּעטש און סטראַשונקעס, פון װאָס דער איספּראַװניק איז אַריין אין אַזאַ התפּעלות, אַז ער האָט דעם זיירן עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד אַ קוש געטאָן אין קאָפּ, טרייסלענדיג זיך פון געלעכטער.

— ביסט קלוג װי די װעלט! — האָט ער נישט געקאָנט זיך אָפּלויבן פון זיירן, — קיין גלייכן האָסטו נישט! אָבער זאָג מיר נאָר פונדעסט־װעגן, װי אַזוי האָסטו זיך געקאָנט איינשטעלן און טון אַזאַ געפערליכע זאַך?

דערויף האָט אים דער זיידע געענטפערט, אַז ער האָט איינגנטליך געבויט אויף דעם איספּראַװניקס רייד. דער איספּראַװניק האָט געזאָגט, אַז ער איז נישט איבעריג קלוג, אַ בעל־גאוה, און אַזאַ בחור איז שטענדיג גוט אָנצופּאַטשן און דערשרעקן. דאָס לייכטסטע איז, איינגנטליך, געבן פּעטש, אויג אויף אויג, װאָרום ער װעט זיך דאָך שעמען אויסצוזאָגן. דער איספּראַװניק איז געװען אַנטציקט.

אין אַ פּאָר מאָנאַטן אַרום איז געקומען אַן אַנדער רעװיזאָר. דער זיידע האָט אים געגעבן צװיי הונדערט רובל און יענער איז אַװעקגעפאָרן בשלום.

דער זיידע האָט פאַרפעסטיגט די אַרענדע אויפן בראָנפן. די איבעריגע פאַרדינסטן פון די אָפּצאָלונגען מיט די מילן און נאָך אַזוינע זאַכן

האָט ער פאַרדונגען פאַר ניין הונדערט רובל אַ יאָר. אַזוי איז אים געבליבן ווי גאַנצע אַרענדע אין דריי הונדערט רובל.

דער זיידע אַליין האָט געהאַלטן אַ שיינק, און זיין ברודער אַ שיינק, און ביידע האָבן קיין פּאַטענטן נישט געהאַלטן... מען האָט געלייזט פראַנק און פריי. פאַר אָט דער פרייהייט און פאַר געבן הילף, ווען מען ראַרף, האָט דער זיידע געצאָלט דעם אַסעסער פינף רובל אַ מאָנאַט.

קויפן אין אַ גרויסער מאָס בראָנפן — דאַרף מען אויך אַריינטראָגן אַקציז־געלט אַ גרויסע סומע, און אָפטמאָל איז עס געווען שווער. פלעגט דער זיידע קויפן מאַסן בראָנפן אין פוילן, וואָס דאָרט איז קיין אַקציז נישט געווען, און פלעגט די משקה באַנאַכט אַריינגיסן אין די קויפן, און דעם זיגל פלעגט מען נעמען באַם אויפזועהער מיט דעם אויסרייד, אַז מען וויל אים דאָ פאַרשפּאָרן אַ טרחה. דערווייל פלעגט מען אָנגרייטן אַ סך זיגלען אויף אַזוינע בלעטלאַך טריוואַקס, וועלכע מען פלעגט אָנקלעפּן אויף די שפּונטן. אויף אַזאַ אופן זיינען שטענדיג געווען פאַרזיגלט די קויפן מיטן אַקציז־זיגל. נאָר אַמאָל פלעגט דער סמאָטריטעל גלאַט איבערלאָזן פאַרן אַהיים־גיין, באַנאַכט, דעם זיגל. צו וואָס זאָל ער אים אייגנטליך שלעפּן מיט זיך, אַז ער באַקומט פופצען רובל אַ חודש פון זיידן, אויסער זיין געוויינליכע פּענסיע...

אַזויערנאָך האָט מען געבראַכט פון פוילן שפּירט, וואָס פלעגט פאַרקויפט ווערן צוזאַמען מיטן בראָנפן, פאַר וועלכן מען האָט געצאָלט אַקציז.

דער פוילישער בראָנפן האָט געהאַט אַ בעסערן ריח. דאָס איז אַפילו אַ חסרון, דאָס קאָן אַרויסגעבן. האָט מען עס באַוואָרנט דערמיט, וואָס מען האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז אינם שפּירט ווערט אַריינגעלאָזט אַזאַ שמעקנדיגער טראָפּן, און דעם עולם האָט זיך געוואָלט נאָך מער טרינקען.

אַלע צוויי וואָכן פלעגט קומען אַן אַנדער בראָנפן־רעוויזאָר אויף אַ רעוויזיע. זיי זיינען אָבער געווען גרויסע שוחד־נעמער, און באַקומענדיג אין יד אַריין, פלעגן זיי אונטערשרייבן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג.

צו דער אַרענדע האָט דער זיידע צוגענומען אַלע קינדער. מען האָט אמת גוט געלעבט. דער גאַנצער פירער פון געשעפט און בוכהאַלטער איז געווען מיין טאַטע משה. דער זיידע פלעגט זיך מישן מער אין היטן דאָס געשעפט, איידער אין פירן.

אין דער צייט האָט זיך דער זיידע איבערגעגעבן מער דער שטאָט. אַפילו די געשעפטן מיט די פּריצים האָט ער אויך פאַרוואָרפן. געווען איינינגע פּריצים, וואָס האָבן זיך געהאַלטן נאָר מיט אים.

די אָוונטן פלעגט ער איצט פאַרברייננגען אין רעדהיים. עס פלעגט זיין פול די שטוב מיט מענשן, וואָס פלעגן קומען נאָך פאַרשיירענע עצות. דער האָט באַראַרפט אַ פערזענליכע זאַך, יענער אַ שטאָט־זאַך, אַ דריטער איז געקומען מיט אַ כּעס, אַ פערטער האָט באַראַרפט האָבן אַן עצה, און אַזוי איז געשטאַנען אין שטוב אַ הו־האַ, און עס האָט גערוישט פון מענשן.

דער טאַטע האָט געשפּילט גאָר אַן אַנדער ראָליע אין שטאָט. ער איז געווען אַ שטילער און אַ גוטער מענש, און אַ זעלטענער ערליכער מאַן. ריידן פלעגט ער גאַנץ ווייניג, ממש געציילטע ווערטער, אָבער דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז שטענדיג ווערט געווען צו הערן. עפּעס אַ טיפּע בּוררות — האָט מען שטענדיג רעם טאַטן געגומען פאַר אַ שליש. מיט זיין געלאַסנקייט, אויסגערעכנטקייט און מיט זיינע ווייכע רייד איז ער שטענדיג רערגאַנגגען, ווער רער שולריגער איז, און האָט שטענדיג געקאָנט מאַכן, אַז בּיירע זאָלן בּלייבן צופרידן: אי דער שולריגער, אי דער באַשולריגער. אין דעם פּרט איז ער שוין געווען אַזוי מפורסם, אַז מען פלעגט קומען צו אים אויף בּוררות פון בּריסק און זאָגאַר פון בּיאַליסטאָק, דרייצען מייל ווייט פון קאַמעניץ.

אויפן טאַטנס פּנים איז שטענדיג געווען עפּעס אַ ליבּער שמייכל, און נישט ווילנדיג האָבן אים אַלע ליב געהאַט. האָט ער עפּעס געזאָגט, האָבן זיך אַלע צוגעהערט און מען האָט געוואויגן זיין וואָרט...

זיין פירונג אין שטוב איז געווען אַ חסידישע. געראַוונט האָט ער אין חסידיש שטיבּל, און פרייטאָג צו נאַכטס פלעגן שוין קומען צו אים צום טיש אַ פּאָר מנינים מענשן — אַלע חסידים. האָט מען געזונגען און געגעסן און געטאַנצט בּיז נאָך האַלבּער נאַכט. שבּת צו מיטאָג איז מען ווידער געקומען, געגעסן פאַרשיירענע קוגלען, געטרונקען בּראָנפן און געזונגען און געטאַנצט בּיז פאַרנאַכט. רעמאָלט איז מען געגאַנגגען אין שטיבּל דאַווענען מנחה, און נאָך מנחה האָט מען שוין אין שטיבּל געגעסן שלוש־סעודות. פון טאַטן האָט מען געבּראַכט אַ גרויסע חלה מיט הערינג, מיט עטליכע פלאַש בּראָנפן און דערנאָך האָט מען אָפּגעזונגען אין שטיבּל בּיז מעריב. אַ שעה נאָך מעריב זיינען שוין אַלע חסידים געווען ווידער בּאַם טאַטן, מען האָט געקאָכט אַ קרופּניק מיט פלייש, משקה איז געווען צו בּאָרן זיך, האָט מען פון דאָס ניי אָפּגעזונגען און אָפּגעטאַנצט די גאַנצע נאַכט, און פאַרטאָג, אַז די חסידים זיינען געגאַנגגען אַהיים, האָבן זיי אויפן וועג אויפגעוועקט אַלע בּעלי־בּתּים פון שלאָף.

איך געדיינק, אַז אינגלווייז פלעגט איך נאָכלויפן נאָך זיי. מיר איז זעהר געווען געפעלן, וואָס מען וועקט אַלעמען אויף פון שלאָף אויף

אַזאַ אופן: מען האָט געוואוסט, װעלכער פּריץ עס האַנדלט מיט װעלכן בעל־הבית, פלעגט מען אויפוועקן, אַשטײגער, ר׳ לייזער פּרוסקער, אַ שיינער איד און אַ נגיד:

— ר׳ לייזער, — פלעגט מען אים אָנקלאַפּן אין די לאָדן — רימאַנסקי דאַרף אײַך האָבן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ר׳ לייזער פלעגט באַלד אויפשטיין, נישט טויט נישט לעבעדיג, און עפענען די טיר. דעמאָלט פלעגט ער באַגעגענען אַ גרויס געלעכטער פון די חסידים, וואָס פלעגן אים הייסן טון אַזאַ זאַך, וואָס עס איז נישט שײַן אָנצורופן בײַם נאָמען...

אַזוי פלעגט מען אויפוועקן די גרעסטע בעלי־בתּים און קיינער פלעגט זיך דאָס רוב נישט באַליידיגן. עס איז געווען פרייליך, פלעגן די אויפגעוועקטע בעלי־בתּים אויך לאַכן.

בײַם טאַטן האָט פרײַטאָג צו נאַכטס געבּרענט אַ מאַסע ליכט און די שמחה, די הלולי וחינגא, וואָס עס איז געווען בײַם טאַטן אַ גאַנץ שבתדיגן טאָג, איז אין לשער ולספּר. איך ווייס נישט, צי עס איז ערגעץ געווען נאָך אַזאַ פרייליכקייט, ווי בײַ אונז שבּת.

קיין קאָמעניץ פלעגן קומען חסידים — געסט פון די מפורסמים, אַ וועקס, אַכט אַ יאָר, און אַלע זײַנען, פאַרשטייט זיך, אײַנגעשטאַנען בײַם טאַטן. יעדערער האָט זיך פאַרבראַכט אַ וואָך צייט, און אין שטוב פלעגט דעמאָלט זײַן אַ מין יום־טוב.

דער איז אַוועקגעפאָרן, און אין עטליכע וואָכן אַרום איז שוין ווידער דאָ אַ צווייטער גאַסט. ווידער ראָסועלבע. און איין מאָל אין יאָר פלעגט קומען דער רבי אַליין. צו זײַן קומען פלעגט מען זיך גרייטן גאַנצע דרײַ וואָכן צייט, וואָרום עס פלעגן אָנפאָרן חסידים פון בריסק און פון אַלע שטעטלאַך אַרום. און אַז ער פלעגט קומען, פלעגט דער פּחד זײַן אַזוי גרויס, פּונקט ווי פאַר אַ קיסר. אַ פּאָר הונדערט מענשן זײַנען געלאָפן אַנטקעגן דער בויד, אין וועלכער דער רבי איז געפאָרן, און אין שטאָט פלעגט מען אים אַרײַנפירן מיט אַ געוואַלדיגן פּאַראַד. איך האָב שוין געזאָגט, אַז יעדער חסיד האָט געציטערט פאַרן רבין אימת המלכות. פאַרפאָרן פלעגט ער צום טאַטן. אַזאַ מעשׂה פלעגט קאָסטן דעם טאַטן עטליכע הונדערט רובל. מען פלעגט אָנקוילען אָקסן, גענז און ענדיקעס און עס פלעגט זײַן סעודות פאַר גאַנצע דרײַ הונדערט פּערזאָן. מען האָט געגעסן, געכאַפּט שירײַם און געזונגען.

אין די עטליכע טעג, וואָס דער רבי פלעגט פאַרברײַנגען, האָט קיין איין חסיד נישט געטראַכט פון זײַן געשעפט. דער אויסגעהאַלטענער טאַטע פלעגט דאָס מאָל זײַן פאַרהיצט מיטן אורח הגון, און עס איז מיר לחלוטין

שווער איבערצוגעבן די שמחה מיט דער באַגייסטערונג פון די חסידים. יעדן חסיד האָט זיך געווים געדאַכט, אַז אַרום רבין דרייען זיך מלאכים און שרפים. עס האָט זיי געציטערט הענט און פיס פון ליבשאַפט צו אים, און געקוקט האָט מען אויף אים, ווי אויף אַ גאָט.

און אַז דער רבי פלעגט אַוועקפאָרן, פלעגן מיט אים מיטפאָרן אַלע חסידים, און דער טאַטע פלעגט אַנידערפאַלן טויט־מיד, אַ קליינינקייט, ער האָט אָפּגעהאָרעוועט אַכט טאָג צייט, סיי טאָג און סיי נאַכט.

חסידים האָבן זיך אין קאַמעניץ געמערט. ביסלעכווייז האָבן זיך צונויפ־געקליבן אַ דריי מנינים חסידים, דאָס רוב סלאָנימער. עס זיינען געווען אַ דריי קאָצקער, אַ פיר קאַרלינער, אַ פּאָר סוכאָוויזשער.

שטענדיג זיינען בײַ זיי געווען עפּעס אַזוינע עסקים, וואָס פלעגן זיין ענליך אָן יום־טוב. דאָס איז דעם רבינס יאָרצייט, און דאָס איז יענעם רבינס, און דאָ איז משה רבינוס יאָרצייט. און דאָ איז חנוכּה, ראש־חודש, עשרה בטבת, חמשה־עשר בשבט, פּורים, שושן־פּורים, פּסח, ל״ג בעומר, שבועות! תּשעה־באב האָט מען אויסגעגאָסן עמערס וואַסער אונטער די זאָקן, מען האָט געהאַט גרייט אַזעלכע בערעלאַך (שיסקעס), וואָס אַז מען האָט דאָס אַריינגעוועצט אין באָרד אַריין, איז געווען שווער אָפּצורייסן. האָבן זיי שוין איינע די אַנדערע אין די בערד אַריינגעפּלאָנטערט אַזעלכע בערעלאַך און מען פלעגט זיך קייקלען לאַכנדיג. דערנאָך פלעגט מען גיין אויפן בית־עולם. דאָרטן וואַקסן ווידער די בערעלאַך, האָט מען זיך פון דאָס ניי געפּלאָנטערט בערעלאַך אין די בערד. און דער תּשעה־באב איז געווען אַ טאָג פון געלעכטער און שטיפערייען; חמשה־עשר באב — ווייטער סעודות, צו די ערשטע סליחות אַ סעודה — קרופּניק.

ראש־השנה האָבן די, וואָס זיינען געפאָרן צום רבין, גאַנצע טעג גע־טרונקען וויין, פון נאָכן דאַוונען ביז האַלבער נאַכט. יום־כּפּור באַנאַכט האָט מען געזונגען, סוכּות, שמחת בית השואבה און דעם גאַנצן חול־המועד האָט מען געשכּורט און געזונגען, און דאָס אָרט איז אַלץ געווען באַם טאַטן.

דער טאַטע האָט געדייכערט אַ ליולקע. די ליולקע האָט ער נישט אַרויס־געלאָזן פון מויל גאַנצע טעג. אויפן פּנים איז בײַ אים געלעגן אַ שמייכל, און אָט דער שמייכל פלעגט נישט אַראָפּ פון זיין פּנים סיי אויף אַ שמחה און סיי אין דעם גרעסטן טרויער. מען האָט אים קיינמאָל נישט געזעהן וויינענדיג. אַוודאַי האָט ער געטרויערט אין אַ טרויער, און שטאַרק געטרויערט, נאָר ער האָט עס קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן.

אַ חסיד איז ער געווען לויט איבערצייגונג, אַן אמתער און אַ גוטער, און פאַר איין שעה זיין נעבן רבין, וואָלט ער אָפּגעגעבן די גאַנצע וועלט.

מען האָט באַ אים קיינמאָל נישט געזעהן קיין תמונה פון קיין כעס, און מיט דער ליולקע אין מויל פלעגט ער שטענדיג אַרומגיין אַ שמייכלענ־דיגער, אַ גוטער און אַ האַרציגער. און קיין צבועק איז ער נישט געווען: מיט פרויען, מיידלאַך, ווייבלאַך איז ער געווען העפליך, פלעגט זיי מאַכן קאָמפלימענטן, חוזקן און ווערטלען זיך.

קיין ראגות פרנסה האָט ער נישט געהאַט, דאָס הייסט, ער האָט נישט צוגעלאָזן קיין ראגות, וואָרום ער האָט אינערליך געהאַלטן, אַז די וועלט איז אַ פרוזדור, און די צרות, וואָס דער מענש האָט אויף דער וועלט און אויך דאָס גוטס מיט די אַלע גליקן — איז אַלץ הבל הבלים, און אַפילו אין געשעפט האָט ער דאָס נישט פאַרגעסן, און האָט זיך קיינמאָל נישט געהאַלטן, ווי אַ געשעפטס־מענש.

---

# קאַפּיטל V

**ר׳ ישראל. — זיין ניגונים. — זיינע קאָמפּאָזיציעס. — זיין ראָל צווישן חסידים. — ר׳ ישראל אלס מאטעמאטיקער. — דאָס געוועט. — זיין פּוילישער פּאַטריאָטיזם. — זיינע מארשן לכּבוד דעם פּוילישן נצחון. — דער אָפּמאַך מיט א חסיד. — דער געווינס. — ר׳ ישראלס טויט.**

איינער פון די סאַמע אינטערעסאַנסטע חסידים אין קאָמעניץ איז געווען ר׳ ישראל. ער האָט געוואוינט באַם זיידן מיט אַ פרוי און אַ טאָכטער. דער ראָזינער ר׳ ישראל האָט געהאַט אַ גאונישן קאָפּ און אינגלווייז איז ער געהאַלטן געווען פאַר אַן עלוי. נאָך פאַרצייטן האָט ער גענומען צוויי טויזנט רובל נדן און קעסט פינף יאָר, און דעם שווער, אַ גרויסער גביר, האָט זיך געהאָלט צו האָבן אַן איידעם אַ רב. ער האָט זיך גערעכנט, אַז ישראל וועט זיין אַ רב אין אַ גרויסער שטאָט, וועט ער האָבן פון זיין בת־יחידה נחת.

אָבער ישראל איז גאָר געוואָרן אַ קאָצקער חסיד, האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס לערנען, איז געפאָרן צום רבין און אָפּגעזעסן כמעט דאָס גאַנצע יאָר באַם רבין. צוליב זיינע גרויסע מעלות און למדנות, צוליב זיין זעלטן קלאָרן כאַראַקטער און די אומערהערטע פייהיגקייטן, איז ער געוואָרן באַם רבין דער פירער פון די חסידים.

איינע פון זיינע פייהיגקייטן איז געווען ג ע ז א נ ג, מ ו ז י ק, ק אָ מ פּ אָ־ ז י צ י ע ס. ער האָט אַליין געקאָנט פאַרפאַסן אַ נגון. אַז דער רבי האָט געהייסן, ער זאָל צוגרייטן אַ נגון אויף שבת, האָט ער צוגעגרייט ד ר ײ ניגונים, און יעדער נגון איז געווען גאַנץ, זעלבסטשטענדיג און איינהייטליך. קיין נאָטן האָט ער נישט געקענט, און דאָך איז יעדער נגון זיינער געהען פאַרענגריגט און האָט באַצויבערט.

כּל זמן ר׳ אליעזר, זיין שווער, האָט געלעבט, איז ר׳ ישראל געזעסן מער באַם רבין, ווי אין דערהיים. אָבער נאָך ר׳ אליעזרס טויט, האָט

זיין װײַב שרה־בײלע געירשנט זעקס טויזנט רובל. אירע צװײ ברידער האָבן באַקומען מער — צו פֿופֿצען טויזנט. דעמאָלט האָט מען אין ליטע גאָרנישט געגעבן קיין ירושה אַ טאָכטער, נאָר דער פֿאָטער האָט זי דאָך נישט פֿאַרטײלט.

האָבנדיק די ירושה, איז זי געפֿאָרן צום רבין בעטן, אַז יענער זאָל הייסן ישראלן פֿאָרן אַהיים און מאַכן עפּעס אַ געשעפֿט. האָבן זײ עפּעס יאָ „געמאַכט" אַ טוך־געשעפֿט, אָבער אַזוי ווי ר' ישראל איז נאָר געלעגן אין חסידים־שטיבל די גאַנצע וואָך, און שבת בײַ מײן טאַטן, און פֿון געשעפֿט האָט ער גאָרנישט געוואָלט וויסן, האָבן זײ נ י ך געפּטרט דאָס געלט; האָט מען זיך געמאַטערט און טײלוויז האָט זײ געשטיצט די פֿאַמיליע.

איצט איז ער שוין צום רבין געפֿאָרן נאָר צוויי מאָל אין יאָר: אויף ראש־השנה און שבועות. דאָס חסידות האָט ער געפּראַוועט אין דערהיים.

שרה־בײלע איז געווען זעהר אַ פֿרומע. זי פֿלעגט פֿאַסטן אַלע תּענותים מיט הפסקות און שובבי״ם ת״ת, ד. ה. יעדע וואָך פֿון די פּרשות: שמות, וארא, בא, בשלח, יתרו, משפּטים, תּרומה און תּצוה פֿלעגט זי פֿאַסטן מאָנטאָג און דאָנערשטאָג. ווײטער האָט זי ג ע ד ר אַ ו נ ט מנחה און מעריב אין בית־המדרש, ג ע צ ײ ל ט ספֿירה און ג ע ז אָ ג ט סליחות, נישט פֿ אַ ר פֿ ע ל ט קײן אײן סליחה און קײן מנחה און מעריב, און שטענדיק געוויינט אויפֿן תּהילים און טײטש־חומש און דעם צאנה־וראנה.

און ער, ר' ישראל, האָט געדאַוונט אין שטיבל. אין קנאַפּע צען מינוט האָט ער שוין אָפּגעדאַוונט, און דער עולם האָט געוואַרט, און אַז ער האָט געענדיגט, האָט מען בײַלד גענומען טרינקען לחיים, און ר' ישראל האָט אַלע חסידים געמאַכט פֿריליך. ער האָט געזונגען זײנע נגונים, און די חסידים האָבן געלעקט די פֿינגער. ער האָט אָבער אויך געקאָנט שײן רײדן סײ פֿון וועלט־זאַכן און סײ פֿון תּורה, און חסידים פֿלעגן זיך אַרום־שטעלן אַרום אים און הערן זײן שײנע חסידיש־לומדישע תּורה.

בײַ די לומדים אין שטאָט האָט ער געשפּילט אַ באַזונדערע ראָליע. אַז עס האָט זיך געמאַכט אַ שווערער מהרש״א, אָדער עפּעס אַ שווערע קשיא אין תּלמוד צי אין פּוסקים, איז מען געקומען צו ר' ישראלן. מיט זײן גאונישן קאָפּ האָט ער אַלץ פֿאַרענטפֿערט, ווי דער שטײנער איז, מיט פּשטלאַך און שפּיצלאַך, געדרײט אַזוי הויך, אַז מען האָט קוים געקאָנט פֿאַרשטײן זײנע הויכע געדאַנקען און סבֿרות, אין יעדן פּשטל האָט מען געזעהן גרויסע גאונות און בקיאות.

די לומדים האָבן געהאַט גרויס הנאה פֿון זײנע פּשטלאַך, אָבער זײ האָבן נישט געהאַט מיט וואָס אַװעקצוגײן. די קשיא איז בײַ זײ געבליבן קשיא, נאָך שווערער ווי פֿריהער, און זײנע אַלע תּרוצים און דרײדלאַך מיט די

גאונישע סברות האָבן דעם רעבן תמצית קיינמאָל נישט געקאָנט אינגאַנצן אַרויסגעבן, און די לומדים זיינען אַוועקגעגאַנגען פון אים זעהר געפאַלן בּאַ זיך: ער ווייס און ז ייַ נישט, און קיין תירוץ האָבן זיי ערשט נישט.

ר׳ ישראל איז געווען אַ סערלעצער, דאָס הייסט, אַ איד פון פוילן, האָט ער געלעזן גוט פּויליש און שטענדיג געלייענט וואַרשעווער פּוילישע צייטונגען, און אַז ער איז אָנגעקומען אין ליטע, האָט ער אין אַ קורצער צייט פאַרשטאַנען גוט רוסיש און האָט אויך געלעזן אַ רוסישע צייטונג. אין פּאָליטיק איז ער געווען אַ גרויסער מומחה און האָט ווירקליך געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט־דיפּלאָמאַטיע. אויסער דעם האָט ער געוואוסט, וויפיל יעדע רעגירונג האָט מיליטער און די מינים פונם מיליטער: ווי אַרטילעריע, און גוואַרדיע, און פּעכאָטע, און די אַלע גענעראַלן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין מלחמה א. אַז. וו.

ער האָט געהאַט אַ לאַנד־קאַרטע און איז געווען קלאָר אין געאָגראַפיע. אַז מען האָט אים געפרעגט, וואו שטייט די און די שטאָט, האָט ער גלייך מיטן פינגער אָנגעוויזן דאָס אָרט. דערצו איז ער נאָך געווען אַ געניאַלער מאַטעמאַטיקער. די גרעסטע חשבונות, די סאַמע שווערסטע אויפגאַבן און אויסמעסטונגען האָט ער געמאַכט אויפן קאָפּ און אין אַ ס ע ק ו נ ד ע. נעמען אַ פּען דערצו איז פאַר אים געווען איבעריג.

בּאַזונדערס האָט ער ליב געהאַט צו זיצן בּאַם זיידן אין שטוב, בּעת עס זיינען דאָרט געווען פיל מענשן. דער זיידע האָט אים אָפּגעגעבן גרויס כּבוד און ליב געהאַט מיט אים צו פאַרברייננגען אין פּאָליטיק. צווייַ קלוגע מענשן, זיינען זיי זיך איינע די אַנדערע געווען אינטערעסאַנט.

ער פלעגט זיך צוהערן, וועגן וואָס עס ווערט גערעדט אין שטוב, און אַ שמייכל פלעגט הייננען אויף זיין פנים. אהרן־לייזער האָט פאַרשטאַנען, וואָס דער שמייכל בּאַטייט. דאָס האָט בּאַטייט: ווי נישטיג די מענשן זיינען און ווי נישטיג זיינען זייערע געשעפטן און זייערע רייד.

איינמאָל, געדיינק איך, איז געווען בּאַם זיידן אַ פולע שטוב מיט מענשן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען די אַלע פּני־העיר און די קאַמעניצער קלוגע קעפּלאַך. האָט מען געשמועסט וועגן רעכענען. ר׳ ישראל האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט, אַז ער נעמט זיך אונטער אין אַ געוועט צו מאַכן די גרעסטע רעכענונג, עס מעג זיין ווי צעדרייט, מניה וביה, אין איין רגע. געדיינק איך דאָס אַזוי — מען האָט אים געפרעגט:

— ראָטשילד גיט אַוועק אַ מיליאָן מיט דריי הונדערט פינף און זעכציג טויזנט רובל אויף צוויי און אַ האַלב פּראָצענט אַ יאָר. וויפיל בּאַטרעפט דער פּראָצענט אַ חודש?

ישראל האָט אַ רגע אַ טראַכט געטאָן און געזאָגט וויפיל. האָט מען גענומען די פּענעס און נעשוויצט, און גערעכנט, און געקנייטשט די שטערנס און אויסגערעכנט, אַז עס שטימט. האָט מען אים ווידער אויפ־געגעבן אַ חשבון:

— טויזנט פּור זאַפרען צו פיר הונדערט פינף און צוואַנציג רובל אַ פּור. געלייזט האָט מען אַ לויט צו זיבן און דרייסיג מיט אַ האַלבס, אַכט און דרייסיג מיט אַ האַלבס און ניין און דרייסיג מיט אַ האַלבס. וויפיל האָט מען פאַרדינט אין כּלל?

ר׳ ישראל האָט בוכשטעבליך בּאַלד געענטפערט, אפשר אַ רגע האָט געדויערט.

בּאַם טאַטן פלעגט ער זיין כּמעט אַלע אָזנט און פאַרבּרייננען מיטן טאַטן אין חסידות בּיז נאָך האַלבּער נאַכט. פון פרייטאָג צו נאַכטס בּיז זונטאָג פריה פלעגט ער שוין כּמעט די גאַנצע צייט זיין בּאַם טאַטן. זינגען פלעגט ער נאָר זיינע אייגענע נגונים, וועלכע דער גאַנצער כּולל האָט געזונגען, פון פרעמדע, נישט זיינע, חסידישע נגונים פלעגט ער, ווי די מאָדע איז פון קינסטלער, נישט האַלטן.

בּאַם זינגען זיינע נגונים מיט די חסידים, האָט ער געמאַכט מיטן האַנט צו די זינגער און זיך איינגעהערט, טאָמער נעמט עמיצער נישט ריכטיג דעם טאָן, און האָט געטופּעט מיטן פוס.

זיינע נגונים זיינען געווען געדרייטע און הויך אַרויפגעצויגן, בּאַלד לאַנג און נידעריג און דערנאָך ווידער אַרויף, הויך, און אַזוי ווייטער, און עס פלעגט זיך צעגיסן אין אַלע גלידער.

אַז דער טאַטע האָט אים געבּעטן מאַכן אַ נגון אויף שבּת צו נאַכטס אָדער אויף יום־טוב, האָט ער שוין געמאַכט; און אַמאָל פלעגט טרעפן, אַז דער טאַטע פלעגט אים בּעטן, בּעת עס פלעגט זיצן צוזאַמען אַ סך חסידים, מאַכן עפּעס אַ שיינעם נגון עקספּראָמט, מיט אַמאָל, און נאָר אויף הײנטיגער נאַכט צו זינגען. פלעגט ער אָנהויבּן אַרומצוגיין איבּערן שטוב הין און צוריק, געדרייט מיטן פינגער און אויסגעדרייט אין אַ האַלבּער שעה צייט אַ שיינעם נגון, וואָס האָט ממש אַלעמען פאַרכּישופט. דאָס איז געווען אַ זעלטענער איד און אַ זעלטענער מענש.

אין פּוילישן אויפשטאַנד פון דריי און זעכציגסטן יאָר איז ער געווען דורכאויס בּונט. ער איז געווען אַ פאַרבּרענטער פּאָלאַק, אַ שרעק־ליכער פּוילישער פּאַטריאָט, און איז בּנוגע צו פּוילן געווען העכסט אָפּטי־מיסטיש געשטימט. ער איז געווען זיכער, אַז פּוילן וועט איצט ווערן נאָך אַ גרעסערע מלוכה, ווי זי איז געווען פריהער. ער האָט אַלץ געלעגט האָפענונג אויף נאַפּאָלעאָן דעם דריטן. קוים, האָט ער געהאָפט, וועלן

די פּאָלאַקן „פאַרמאַטערן" דעם רוס, װעט קומען נאַפּאָלעאָן מיט זײַן מיליטער און העלפן די פּאָלאַקן אָפּגעבן זייער לאַנד. דערבײַ װעט רוסלאַנד פאַרלירן אַ שטיק פון זײַן לאַנד...

די פּאָלאַקן, האָט געהאַלטן ר' ישראל, האָבן מיליאַרדן געלט. זיי האָבן שוין נאַפּאָלעאָנען געגעבן דריי הונדערט מיליאָן פראַנק, און זיי װעלן אויסשפּירן זייערס. ער האָט געוואוסט, וואו עס שטייט דאָס רוסישע מיליטער און וואו דאָס פּוילישע, און וויפיל מאַן עס געפינט זיך אויף יעדן צד.

דאָס רוסישע מיליטער איז פּראָסט און קאָן נישט קיין תכסיסי מלחמה, און נאַפּאָלעאָן האָט שוין אַרײַנגעשיקט זײַנע אָפיצירן צו די פּאָלאַקן, און די פּאָלאַקן װעלן דערגיין צו זייער ציל.

ער איז געװען בײַ זיך זעהר פעסט, ווען ער האָט געלעזן אין צייטונג, אַז די פּאָלאַקן האָבן געמאַכט בעסער אין זייערע צװאָרפענע שלאַכטן, האָט זיך געפרייט און האָט אַרויסגעװיזן אַזאַ שמחה, ווי מען װאָלט אָפּגענומען ירושלים, און אַז ער האָט געלעזן, אַז די פּאָלאַקן האָבן געהאַט ערגעץ אַ מפּלה, האָט ער געטרויערט און האָט זיך דאָך נישט אונטער־געגעבן. ער האָט אַלץ געטענעט, אַז בײַ אים איז זיכער, ווי צװיי מאָל צװיי איז פיר, אַז פּוילן װעט פּאָרט געװינען די מלחמה.

און ער האָט שוין צוגעגרייט דריי מאַרשן פאַרן נצחון פון די פּאָלאַקן. דער ערשטער מאַרש איז געװען פאַרפאַסט דערויף, װען דער קיסר װעט אונטערשרייבן, אַז ער גיט אָפּ פּוילן, און דאָס פּוילישע מיליטער װעט אַריין אין װאַרשע מיט נצחון; דער צװייטער מאַרש — צו באַגלייטן דאָס פראַנצויזישע מיליטער, װען זיי װעלן זיך צוריקקערן פון װאַרשע קיין פראַנקרייך; און דער דריטער מאַרש — צו דער פייערונג פון פּוילישן קיניג מיט דער נייער קאָנסטיטוציע...

און ער האָט שוין מבטיח געװען אַלעמען, אַז אין פּוילן װעט זײַן זעהר אַ ליבעראַלע קאָנסטיטוציע, פּונקט װי זיי זײַנען געװען די ערשטע קאָנסטי־טוציאָנאַליסטן אין דער װעלט.

צען װיאָרסט אַרום קאַמעניץ זײַנען אין װאַלד „טשעמערי" פאָר־געקומען קליינע שלאַכטן צװישן רוסן און פּאָלאַקן, און די שאָסן פון ביקסן האָבן זיך, געדיינק איך, געהערט בײַ אונז אין שטעטל.

אין ליטע האָט זיך אויסגעצייכנט דער פּוילישער אויפשטאַנד־אָנפירער אָגינסקי. ער איז געװען אַ גרויסער בריה אין תכסיסי מלחמה, אַזוי אַז ער האָט געװאָרפן אַ שרעק אויפן רוסישן מיליטער. אין טשעמערי זײַנען געװען צװיי פּאָלקן רוסישע זעלנער מיט אַרטילעריע, װעלכע האָבן זיך געשלאָגן מיט רעמזועלבן אָגינסקין. אָגינסקי האָט, רוכט זיך, געהאַט איננאַנצן דריי טויזנט פּוילישע זעלנער אָהן האַרמאַטן. אָגינסקין איז אַװעק

שלעכט און ער איז אַנטלאָפן, רייטנדיג אויפן פערד, און דריי קאָזאַקן האָבן אים נאָכגעיאָגט. ער האָט זיך אויסגעדרייט, זיצנדיג אויפן פערד, און דערשאָסן אַלע דריי קאָזאַקן. אַנטלאָפן איז ער קיין פינסק. די רוסן האָבן געמומען אין געפאַנגעשאַפט די אַלע גרויסע כראַביעס, וועלכע זיינען געווען מיט אָגינסקין. דאָס פוילישע מיליטער האָט מען אינגאַנצן אויס־געהרגעט, און די פוילישע אָפיצירן, געפאַנגענע, האָט מען געבראַכט אין קאַמעניץ. איך געדיינק, אַז מ'האָט זיי געבראַכט אין אַ שיינעם שבתדיגן טאָג און זיי זיינען געזעסן אויף דער ערד אין מיטן מאַרק, אומגעפער באַ אַ זיבעציג מאַן, מיט געבונדענע הענט, און אַרום זיי זיינען געשטאַנען רוסישע זעלנער.

אַז אין קאַמעניץ זיינען אַריינגעקומען צוויי פּאָלקן זעלנער מיט דער אַרטילעריע, איז געווען פול די שטאָט. און ר' ישראל, וואָס האָט געזעהן די פוילישע מפּלה מיט זיינע אייגענע אויגן, האָט זיך צעוויינט, ווי אַ קינד. שבת צו נאַכטס, געדיינק איך, איז געווען באַם זיידן אַ סך מענשן, און ר' ישראל האָט געמאַכט אויפן טיש מיט קרייד אַ רעכענונג פון דעם רוסישן און פוילישן מיליטער אין די ערטער, וואו עס ווערט געפירט דער אויפשטאַנד.

— דאָס איז איצט אַן אָנהויב, — האָט ער געזאָגט, — און די איצטיגע טשעמעריער מפּלה איז גאָרנישט, די פּריצים וועט טאַקע מוראַוויאָוו אויפהיינגען, אָבער עס איז גאָרנישט. קענן דער גרויסער קראַפט און רייכקייט פון די פּאָלאַקן, — האָט ער גערעדט, מעקנדיג מיטן האַנט דאָס רוסישע מיליטער, וואָס ער האָט פריהער אָנגעצייכנט מיט קרייד — זיינען די רוסן גאָרנישט שבגאָרנישט...

דערווייל זיינען געקומען זעלנער און אָנגעקלאַפּט אין טיר. זיי האָבן געוואָלט טרינקען שנאַפּס, און דאָ איז אַ שיינק. די טיר איז געווען פאַררינגלט, און מען האָט באַראַרפט עפענען; האָט מען אָבער מורא געהאַט נ י ש ט צו עפענען זיי. אַ קליינינקייט, ס אָ ל ד אַ ט ן! האָט זיך ר' ישראל געשטעלט נעבן טיר און נישט געלאָזט עפענען זי פאַר די רוסן. די סאָלדאַטן האָבן באַלד אויפגעריסן די טיר און געטראָפן, פאַרשטייט זיך, דעם ערשטן ר' ישראלן. דערפאַר האָט ער באַקומען פון זיי צ ו ו י י פעטש, אַז אים איז אַרויס בלוט פון די ציין.

אַז די סאָלדאַטן זיינען שוין אַוועק, האָט עמיצער געזאָגט ר' ישראלן:

— איר האָט דאָך איצט, ר' ישראל, געמאַכט אַ רעכענונג, אַז די רוסן זיינען גאָרנישט, אַז עס איז גאָר נישטאָ קיין רוסישע סאָלדאַטן?..

— אַפּנים, דאָס איז אַ סאָלדאַט, וואָס? דאָס איז דאָך אַ ראַזבאָיניק! — האָט ר' ישראל ביטערליך און פאַרקלעמט געענטפערט.



פון די אלע ר׳ ישראל׳ס קאָמפּאָזיציעס, וואָס זיינען בײַ מיר פֿאַרבליבן אין זכּרון, גיב איך דאָ איבער די נאָטן פון צוויי מאַרשן זיינע, וועלכע זיינען געוואָרן פּאָפּולער. צוליב וואָס די דאָזיגע מאַרשן זיינען פֿאַרפֿאַסט געוואָרן, וועט דער לייענער געפינען דערביי אין די ווײַטלאַך פון בוך.




מיר געפינען דאָ פאַר נויטיק צו באַדאַנקען דעם ה׳ פסח קאַפּלאַן, וועלכער האָט זיך גענומען די מיה צו פאַרשרייבן אין נאָטן די מאַרשן, וועלכע איך האָב אים פאָר־געזונגען פון זכרון.

דערנאָך, אַז די פּאָלאַקן האָבן באַקומען איין מפּלה נאָך דער אַנדערער, און עס איז געוואָרן דייטליך, אַז עס איז שוין גאָר קיין האָפענונג נישטאָ, האָט עס ר׳ ישראל גענומען שטאַרק צום האַרצן. ער האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו טרינקען בראָנפן, כּדי אַרויסצושלאָגן פון זיך די מרה־שחורה. דאָס האָט אים פאַרשאַרט, און ער איז געפאָרן צום רבין.

פון רבין איז ער געקומען מיט שמחה. דער רבי האָט אים געגעבן אַן עצה צו טרינקען בראָנפן מיט בוימל אינאיינעם, וועט זיין אי רפואת הנפש — ער וועט האָבן שמחה, אי אַ רפואת הגוף — דער בוימל וועט אים היילן דאָס האַרץ. פלעגט שוין שטענדיג ר׳ ישראל ברייגגען צום טאַטן אַ פלעשעלע בוימל, און ווען ער האָט געמאַכט מיט די חסידים לחיים, האָט ער זיך אַריינגעגאָסן אין זיין גלעזל אַ פּאָרציע בוימל. צוליב דעם האָט ער נאָך מער געטרונקען, און דערווייל געמאַכט נייע נגונים.

איינמאָל, זייענדיג אין קאָצק באַם רבין, האָט ער מיט זיינעם אַ גוטן ברודער פון איין שטעטל פונאַנדערגערעדט זיך באַ אַ גלעזל וויין. ווי דער שטייגער איז באַ אידן, האָט ר׳ ישראל דערציילט, אַז ער האָט אַ מיידעלע, אַ בת־יחידה פון דריי יאָר און מיט קיין קדש האָט אים נאָט נישט באַשערט, וואָלט ער געוואָלט, אַז די טאָכטער, ווען זי וועט אויס־וואַקסן, זאָל טון עפּעס אַ רעכטן שידוך מיט אַן ערליכן אידן.

זאָגט יענער, אַז ער האָט אַ אינגל פון אַ יאָר דריי, וואָס האָט זעהר אַ גוט קעפּל. בכן, זאָלן זיי שוין שליסן אַ שידוך, און פון דעם אינגל ווידער וועט מען שוין מאַכן אַ רעכטן חסיד.

די זאַך איז ר׳ ישראלן געפעלן געוואָרן. ביידע האָבן געמאַכט אַ תקיעת־כּף, אַז דעמס זון מיט יענעמס טאָכטער זיינען חתן־כּלה, תּנאים זאָל זיין בעת די קינדער וועלן אַלט ווערן צוועלף יאָר, און אַז דור, דער חתן, וועט ווערן בעל־מצוה, זאָל זיין די חתונה. אַזוי איז געמאַכט געוואָרן דער תקיעת־כּף, וואָס איז פאַרטרונקען געווען מיט עטליכע כּוסות גוטן וויין. דערנאָך איז מען אַוועק צום רבין נעמען אַ ברכה אויפן זיווג. ר׳ ישראל מיט דעם אידן, וואָס האָט געהייסן ברוך, זיינען געווען פון די ערשטע חסידים באַם קאָצקער רבין און זיינען געזעסן שטענדיג אויבנאָן באַם טיש. האָט דער רבי אַליין אָנגעגאָסן דריי כּוסות וויין און מען האָט געטרונקען לחיים, אַז דער זיווג זאָל עולה ליפה זיין און דור, דאָס אינגעלע, זאָל זיין אַן ערליכער איד און פון זיי זאָל אַרויסקומען אַ דור פון גאָלע חסידים און צדיקים.

ר׳ ישראל איז געקומען קיין קאַמעניץ פון רבין און אָפּגעגעבן דעם ווייב מזל־טוב פון דעם שידוך, וואָס איז באַם רבין געשלאָסן געוואָרן. שרה־ביילע

זיין ווייב, אַ ניכטערע אירענע, איז אין כּעס געוואָרן, און פון גרויס אויפ־רעגונג האָט זי אים געגעבן די ערשטע קללה:

— אַ שוואַרצער חלום אויף דיין קאָפּ! משוגענער קאָפּ! דו נעמסט דריי־יאָריגע קינדער, וואָס האָבן נאָך נישט געמאָזלט און נישט געפּאָקט,— און ביסט משרך!

ר׳ ישראל איז אויך אַרויס פון געדולד און האָט דאָס ערשטע מאָל מסתּמא אויפן לעבן איר געזאָגט:

— דו ביסט אַ חצופה! אַז איך דערצייל דיר, אַז דער רבי אַליין האָט אונז געגעבן אַ ברכה, דאַרפסטו האָבן אמונה, דו חצופה איינע!

איז מען געוואָרן ברוגז, און ר׳ ישראל האָט אָפּגעטראָטן, איז אַוועק־געגאַנגען צו מיין טאַטן און האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשה. עס פאַרשטייט זיך, אַז דער טאַטע האָט אויך געגעבן שרה־ביילען אומגערעכט דערפאַר, וואָס זי האָט נישט קיין אמונה אין רבין. נאָר דער טאַטע האָט געוואָלט מאַכן אַ שלום, וואָס ער האָט באַין אופן נישט געקאָנט, און ר׳ ישראל האָט געזאָגט, אַז ער וועט אַוועקפאָרן צום רבין און דאָרטן פאַרבלייבן ביז די קינדער וועלן אויסוואַקסן. דעמאָלט וועט ער מאַכן שלום מיט דעם ווייב און חתונה מאַכן די קינדער.

דער טאַטע, וואָס האָט אים משונה ליב געהאַט, האָט איינגעזעהן, אַז קוים וועט ר׳ ישראל אַוועקפאָרן צום רבין, וועט ער שוין ווירקליך צוריק נישט קומען. וואָרום דאָרטן וועט אים טאַקע זיין גוט, ער וועט זיך זיצן באַם רבינס טיש, וועט עסן, טרינקען, מאַכן נגונים און טאַנצן, און עס וועט אים גאָרנישט פעלן.

האָט אים דער טאַטע פאָרגעלעגט צו זיין באַ אים. ער וועט אים אָפּגעבן אַ צימער און זיי וועלן זיך זיין צוזאַמען, ווי פריהער. ר׳ ישראלן איז דאָס געפעלן געוואָרן, ער האָט אויך ליב געהאַט דעם טאַטן, און שנאַפּס ווידער איז באַ אונז געווען, ווי וואַסער, און חסידים האָבן אויך נישט געפעלט באַ אונז, אַלזאָ, איז ער געבליבן באַם טאַטן.

דעם טאַטנס כּונה איז דאָך געווען צו מאַכן כאָטש מיט דער צייט אַ שלום, וואָרום שרה־ביילע, זיין ווייב, איז אייגנטליך געווען אַ זעלטענע אירענע, אַ קלוגע און אַ פרומע, און האָט פריהער געלעבט מיטן מאַן זעהר גוט, כאָטש אין דער יוגנט האָט זי געהאָפּט, אַלס אַ גבירס אַ טאָכטער, צו זיין אַ רביצין, וואָס האָט זיך איר, נעבעך, טראַגיש נישט איינגעגעבן.

העלפט דער אויבערשטער און פאַר ניי־יאָר, אין חודש טבת, געווינט דער מחותּן, ר׳ ברוך, פּופּציג טויזנט רובל אויף דער פּוילישער לאָטעריי. ער האָט באַלד רעפּעשירט וועגן דעם. שרה־ביילע האָט אָן אַלץ פּאַר־

געסן און איז געקומען צולויפן צום מאַן, באַ מיין טאַטן אין שטוב, מיט אַ שמחה, און איבערבעטנדיג ר׳ ישראלן, האָט זי אָנגעזאָגט די בשורה און געזאָגט:

— איצט גלויב איך אין דיין רבין...

רעמאָלט איז געוואָרן שלום.

דער מחותן האָט געשיקט דער כלה גאָלדענע קייטעלאַך, און פינגערלאַך, און פערל, און זיידנס אויף קליידלאַך. און דאָס דריי־יאָריגע מיידעלע, זיסל, איז אויסגעפוצט געוואָרן, ווי אַ פרינצעסין.

ר׳ ישראל איז געפאָרן קיין מעזעריטש, און פון דאָרטן זיינען ביידע באַלד געפאָרן צום רבין אין קאָצק. דאָרט האָט מען אָפּגעפרישט דעם תקיעת־כף באַם רבין, און ברוך האָט געגעבן דעם רבין צוועלף טויזנט רובל אַ מתנה. ר׳ ישראל איז געקומען צופאָרן אַהיים מלא שמחה און שרה־ביילע, פאַרשטייט זיך, אויך דאָסזעלבע.

אַז זיסעלע איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר, איז ר׳ ישראל מיט שרה־ביילען און דער כלה געפאָרן אויף תנאים. רעמאָלט איז אָבער שוין דער מחותן נישט געווען רייך; ער האָט געגעבן נרן טויזנט רובל. און אַז זיי זיינען אַלט געוואָרן דרייצען יאָר, איז געווען די חתונה אין מעזעריטש, און זיסעלע איז געבליבן באַם שווער אויף קעסט. ר׳ ישראל מיט שרה־ביילען זיינען געקומען אַהיים קיין קאַמעניץ. איצט איז ער געווען אינגאַנצן אַ פרייער און האָט פאַרבראַכט גאַנצע טעג און נעכט באַם טאַטן מיט די חסידים, געטרונקען שנאַפּס מיט בוימל און געמאַכט נגונים.

אַז שרה־ביילע איז געשטאָרבן, האָט ער אַוועקגעוואָרפן די חסידים מיטן בראָנפן, מיט די נגונים און גענומען שרייבן אַ ספר: פשטלאַך אויף מסכת פסחים. מיט דעם ספר איז ער געפאָרן צו גרויסע רבנים נעמען הסכמות. ער האָט אָבער נישט געקראָגן, ווייל נ יי נ צ י ג בלעטער זיינען א י נ ג אַ נ צ ן פאַרנומען געווען מיט ז ע ק ם פשטלאַך. קיין רב האָט נישט געהאַט קיין נ ע ר ו ל ר א י ב ע ר צ ו ל ע ז ן איין פשטל מיט זיינע הויכע, טיפע און נעררייטע סברות.

ר׳ אייזיק, דער סלאָנימער רב, וואָס איז געווען אַ חיצלער, האָט אים געזאָגט, אַז דער ספר איז פאַר מלאכים און נישט 'פאַר קיין מענשן. האָט ער זיך גענומען צום האַרצן. און פון צופיל אַרבעטן מיטן מוח, איז ער אין וואַרשע קראַנק געוואָרן און גיך געשטאָרבן. דער קאָצקער רבי איז געקומען צו דער פּטירה מיט אַ סך חסידים זיינע, און אויך די וואַרשעווער חסידים האָבן נישט געפעלט אויף דער לויה.

---

# קאַפּיטל VI

**אונזער משפּחה. — די באָבע. — איר ליבע צום מאַן. — איר שטיל און פרום באַגיין זיך מיט מענטשן. — ר׳ יודל. — שטאָטישע ענינים. — ר׳ ליפּע. — דער תּקיעת־כּף.**

דער זיידע האָט ליב געהאַט דאָס ווערטל: „די ערד זאָל די ביינער אַרויסוואַרפן דעם, וואָס גיט אָפּ אַ קינד פון זיך“. מיטן ברודער האָט ער געלעבט אויסגעצייכנט, און דער ברודער מיט זיין בן־יחיד און דעם בן־יחידס קינדער זיינען געווען צוזאַמען מיטן זיידנס קינדער און אייניקלאַך, אַלע ווי איין מענש, און אַז עמיצער פון דער פאַמיליע איז קראַנק געוואָרן, זיינען אַלע געווען אַרום חולה. מען האָט פּשוט נישט אָפּגעטראָטן פון אים.

אין אונזער משפּחה האָט געהערשט אַ מאָרנער אחדות, וואָס איז מיט גרויס פיינקייט געפירט געוואָרן פון דער ליבער און אומפאַרגעסליכער באָבען, ביילע־ראַשע. בײַ אַלע קראַנקע פון דער פאַמיליע האָט זי געוואַכט, נישט אָפּגעטראָטן. אַ שנור איז געגאַנגען צו קינד, איז באַלד געקומען די שווינער; אַ טאָכטער — די מאַמע; אַ קינד, אַן אייניקל קראַנק — די באָבע. דעם דאָקטאָר צי דעם פעלדשער — האָט זי אַליין געמוזט אויפנעמען, און האָט מען באַדאַרפט עפּעס טון דעם קראַנקען, האָט זי געמוזט זיין דערביי.

בײַ איר אין הויז איז געווען שטענדיג גרייט צו עסן פאַר אַלע קינדער און קינדס־קינדער, און אַז עמיצער איז אַריינגעקומען, האָט זי באַלד געגעבן עסן. זי האָט אַליין נישט געגעסן און אַלץ געוואַרט, טאָמער קומט דאָס קינד, טאָמער קומט יענץ אייניקל, די שנור, דאַרף מען אַלעמען געבן. און מיט דעם אַליין, וואָס אַנדערע האָבן געגעסן, איז זי געווען זאַט. מען האָט זי זעלטן געזעהן עסנדיג. מאַכנדיג עפּעס אַ גוט מאכל, האָט זי נאָר פון אים פאַרזוכט, און דאָס איבעריגע פונאַנדערגעטיילט, און כאָטש זי האָט געהאַט צוויי דינסטן, פונדעסטוועגן האָט זי שטענדיג אַליין געבאַקן און געבראָטן און געפּרעגלט — און איז געווען אַ זעלטענע קעכין.

אויך האָט זי געהאַט אַ טבע אַוועקצושיקן אַלע טאָג אין הקדש אַריין טעפּלאַך מאכלים, רערבײַ פלעגט זי נישט פאַרגעסן אָן געזיינליכע אָרימע־לײַט, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין פּרנסה. זײַ פלעגט זי שטילערהייט אויך אַרײַנשיקן און מחיה זײַן.

אַליין איז זי געווען אַ מאָגערע און אַ קלײניטשקע אירענע, וואָס די נשמה האָט זיך אין איר קוים געהאַלטן, און ענערגיע האָט זי אפשר געהאַט ווי אַן אַנדער מאַנסבּל.

רעם מאַן, אהרן־לײזערן, האָט זי געהאַלטן טײַער, ווי ווײַבער זאָגן: „ווי רעם טאָג פון שבּת". רער ײַירע איז געווען אַ גרויסער מפונק און האָט ליב געהאַט גוט צו עסן. האָט זי פאַר אים אַלע טאָג געמאַכט בּאַזונדערע שפּײַזן, און ראָס גרעסטע אומגליק איז פאַר איר געווען, ווען ער האָט, חס־ושלום, געפונען אַ פליג אין טעלער. רעמאָלט האָט ער שוין נישט געגעסן, און זי איז בּאַלד אַוועקגעפלויגן צו רער שווענגערין: טאָמער איז ראָרט פאַראַן עפּעס אַ גוט מאכל פאַר אים. אַז ראָרטן איז נישט געווען, פלעגט זי צושטיין צו אים, אַז ער זאָל נאָר וואַרטן אַ רגע, וועט זי אים שוין מאַכן אַ טײַער מאכל. נאָר ער פלעגט ווי אויף צו להכעיס נישט וועלן רעמאָלט וואַרטן, און זי פלעגט האָבּן גרויס עגמת־נפש רערפון.

ער האָט ליב געהאַט גוטע טיי, האָט זי שוין אָפּגעהיט, אַז זיין גלאָז טיי זאָל זיין שטאַרק און פײַן. און אַז ער פלעגט אַוועקפאָרן צום פּריץ, פלעגט ער איר מוזן זאָגן, ווען ער וועט אַן ערך קומען. אויב עס איז מעגליך — אַפילו די שעה, און זי פלעגט שוין רעמאָלט צוגרייטן רעב סאַמאָוואַר. און אַז ער האָט בּאַראַרפט, למשל, קומען מאָנטאָג בּאַנאַכט, צוועלף אַזייגער, האָט זי שוין רעם סאַמאָוואַר אַרויפגענומען צו זיך אויפן אויבערשטיבל (ראָרט איז געווען ווײַער שלאָפצימער). די רינסט איז שוין געשלאָפן, און די בּאָבע פלעגט זיצן נעבן סאַמאָוואַר אויפן אויבערשטיבל און ווײַלעווייז צו־וואַרפן אַ קויל, רער סאַמאָוואַר זאָל נישט אָפּקילן, כּדי אַז אהרן־לײזער וועט קומען, זאָל ער האָבּן הייסע טיי. אָט אַזוי האָט זיך בּאַ אירן געפירט אַמאָל אַ ווײַבּ.

און אַזוי האָט זי אַלץ געהיט אַ גאַנצע נאַכט רעם סאַמאָוואַר, אַז ער זאָל כּסדר קאָכן און אַז אהרן־לײזער וועט קומען, זאָל ער בּאַלד האָבּן טיי. עס האָט געטראָפן, אַז ער פלעגט זיך פאַרזאַמען בּאַ די פּריצים עטליכע נעכט מיט אַמאָל, פלעגט זי די גאַנצע צײַט דרעמלען אין די זאַכן און אַמאָל זיך אויפכאַפּן און צולייגן אַ קויל צום סאַמאָוואַר, ער זאָל קאָכן, און ווידער אַנדרעמלט ווערן. בּאַטאָג האָט שוין די רינסט געהיט רעם סאַמאָוואַר.

אהרן־לייזער איז געווען אַן איינגעשפּאַרטער, און האָט ער געזאָגט יאָ — איז געווען יאָ, און אַז ער האָט געזאָגט ניין, איז שוין קיין טענות מער נישט געווען. און אַז ער איז געזעסן צווישן מענשן, און זי האָט אים גראָד באַדאַרפט האָבן, איז זי צוגעגאַנגען צו אים מיט גרויס דרך־ארץ, און האָט אים קודם־כּל איבערגעבעטן, דאָס זי קומט איצט אין מיטן אַריין, ווען ער רעדט מיט מענשן. אין אַזוינע פאַלן פלעגט ער דאָס רוב אַן אומגעדולדיגער אַ מאַך געבן מיט דער האַנט. דאָס האָט געהייסן, אַז זי זאָל אַוועקגיין. זי פלעגט, פאַרשטייט זיך, אַוועקגיין און האָט זיך קיינמאָל נישט געפונען באַליידיגט.

נאָר פיל מאָל פלעגט טרעפן, אַז מענשן פלעגן קומען פרעגן אהרן־לייזערן אַן עצה און האָבן בעת מעשה פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל אויך זיין דערביי. זי איז געווען באַוואוסט אין שטאָט מיט אירע עצות, פלעגט ער זי אַ רוף טון.

— די אידן ווילן באַ דיר פרעגן אַן עצה, — פלעגט ער איר זאָגן.

האָט מען דערציילט די מעשה, און זי האָט געגעבן אַן עצה. אָבער פריהער האָט זי געזאָגט אַ שטיקל הקדמה:

— איך בין דאָך אַפילו נישט מער, ווי אַ נאַרישע אידענע, נאָר מיר ווייזט אויס, אַז מען דאַרף טון אַזוי און אַזוי.

און צו איר עצה האָט מען דאָס רוב איינגעשטימט.

נעבן מאַן האָט זי זיך קיינמאָל נישט געזעצט, זי איז געשטאַנען פאַר אים מיט דרך־ארץ, כאָטש זי האָט אים זייער פיל מיטגעהאָלפן אין זיין געזעלשאַפטליכער קאַריערע און אַזוי אויך אין זיינע געשעפטן מיט די פּריצים. זי האָט זיך שטענדיג געסטאַרעט, אַז ער זאָל נישט בלייבן צום נאַר אין זיינע געשעפטן און אַליין האָט זי זיך בכיון געמאַכט קעגן אים צום נאַר. ווי געזאָגט, האָט ער איר אין אַ סך זאַכן געפאָלגט. אָבער זי האָט זיך גאָר נישט וויסנדיג געמאַכט, אַז זי ווייס, אַז ער פאָלגט זי...

איר פאָטער, ר׳ יודל, איז געוואָרן אויף דער עלטער אַן אלמן, און קיין קינד האָט ער נישט געהאַט באַ זיך. דריי זין זיינע זיינען געווען לומדים, אָבער נישט קיין נגידים, און זיי האָבן געוואוינט יעדער אין אַן אַנדער שטאָט. די באָבע, ביילע־ראַשע, איז געווען אַן איינציגע טאָכטער, האָט זי אים געבעטן צו זיך אין געסט. ער איז געווען זייער אַ קלוגער איד און האָט זייער אויסגענומען אין שטאָט, אַזוי ווייט, אַז אהרן־לייזער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל שוין פאַרבלייבן באַ אים כּל־זמן ער וועט לעבן, וואָרום ער וועט אים פאַר קיין פאַל נישט אָפּלאָזן פון זיך. דער אַלטער האָט פאַרקויפט אין סעמיאַטיטש זיין הויז מיט די

אַלע כּלי־בית און איז געקומען קיין קאַמעניץ צום איידעם, און דער זיידע, אהרן־לייזער, האָט געהאַלטן דעם שווער טייער, ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

דער עלטער־זיידע, ר׳ יורל, האָט זיך צוגעקוקט צו זיין איידעמס געשעפטן און האָט איינגעפונען, וואָס איז אייגנטליך נישט שווער געווען, אַז די שטאָטישע ענינים פאַרדרייען אים דעם קאָפּ. גאַנצע טעג און נעכט איז בײַ אים די שטוב געפּאַקט מיט מענטשן, און אַלץ צוליב שטאָטישע ענינים. אים, דעם אַלטן, האָבן בײַגנג געטאָן אהרן־לייזערס פייהיגקייטן, וואָס גייען אַוועק אויף אַזעלכע נישטיגע, קליין־שטעטלדיגע ענינים, וואָס קאָפּ־דרייעניש דאַרף מען צו זיי האָבן מער, ווי צו גרויס־שטאָטישע עסקים.

לכן, וואָלט געווען גלייכער פאַר אים, ער זאָל אַוועקוואַרפן אינגאַנצן די שטאָטישע ענינים און זאָל זיך בעסער פאַרנעמען מיט די פּריצים, בײַ וועלכע מען קאָן עפּעס פאַרדינען, אָדער ער זאָל אַרויספאָרן קיין בּריסק, וואו ער וואָלט זיך בּאַלד געקאָנט מאַכן אַ נאָמען מיט זיין געשיקטקייט און שכל, און בעסער פון ד אָ ר ט ן זיין דער מנהיג, איידער ד אָ אין קאַמעניץ. דאָרטן האָט ער לכל הפּחות עפּעס צו טון מיט אַ ז אַ שטאָט, מיט גבירים, חכמים, לומדים, געבּילדעטע לייט.

דער אַלטער, ר׳ יורל, האָט געקנעלט מיט זיין טאָכטער בּיילע־ראַשען, אַז זי זאָל דאָס געבן אַזוי צו ערקלערן דעם מאַן. דער זיידע, אהרן־לייזער, האָט אָבער דערויף געענטפערט, אַז ער וועט בשום אופן נישט פאַרלאָזן קאַמעניץ, וואו עס ליגן זיינע עלטערן און עלטערנס עלטערן, וואו ער האָט שוין בּאַלד „אָפּגעשטופּט״ אַ וועלט, וואו ער האָט אַוועקגעלעגט זיין ענערגיע מיט זיין יוגנט, און אַז מען זאָל אים געבן מיליאָנען, וועט ער פון קאַמעניץ נישט אַרויספאָרן. וואָס אָנבּאַלאַנגט אָבער די שטאָטישע ענינים, איז ער אַליין מסכּים, אַז מען טאָר זיך דערמיט נישט פאַרנעמען. דאָס איז צו שווער; ער לייגט אַוועק אַ סך כּוחות און איז דאָך אַלץ נישט יוצא.

דעמאָלט איז פון דאָס־ניי בּאַשלאָסן געוואָרן, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון אַלע שטאָטישע ענינים. מען האָט נאָר בּאַדאַרפט האָבן עפּעס אַ שטיקל געלעגנהייט דערצו. נאָר אַז מען האָט דערהערט אין שטאָט, אַז אהרן־לייזער וויל זיך אָפּזאָגן פון די שטאָט־זאַכן, זיינען זיך בּאַלד צו אים צונויפגעקומען די פּני־העיר און אַלע בעלי־בּתּים חשובים און געבעטן, ער זאָל בּלייבן ווייטער. אַדרבּה, אויב אים איז צו שווער, זאָל ער זיי איבּערגעבן אַ טייל אַרבּעט, וועלן זיי אים מיטהעלפן.

די בעלי־בּתּים האָבן אַ סך גערעדט און געטענעט, און ער איז דערוויל פאַרבּליבן אויף אַ פּראָבּע, ז ע ה ן צי ס׳וועט איצט זיין גרינגער. אַזוי איז אַוועק אַ צייט, און ער האָט זיך שוין אַליין אָנגעהויבן אויפפירן אַנדערש.

ער פלעגט שוין מאַכן אספות און פאַררופן די פּני, װעמען ער פלעגט אויסטײלן אַרבעט, און זײ האָבן געטאָן, װאָס עס איז זײ אַרויסגעגעבן געװאָרן.

װידער איז אהרן־לײזער באַפרײט געװאָרן פון אַ סך קאָפּ־דרײעניש דערמיט, װאָס זײן שװער, ר׳ יורל, װעלכער האָט נישט געהאַט װאָס צו טון, האָט זיך פאַרנומען מיט פיל מענשן, װאָס פלעגן אָנפילן דעם זײדנס שטוב. ער, ר׳ יורל, פלעגט זײ שוין געבן עצות, אויסהערן זײערע טענות א. ז. װ.

די באָבע בײלע־ראַשע, װאָס פלעגט פריהער פון דרך־ארץ װעגן צום מאַן זיך קײנמאָל נישט אַרײנמישן אין מיטן זײנע רײד, סײדן אַז מען פלעגט זי אַ רוף טון, האָט איצט, װען איר פאָטער האָט זיך באַשעפטיגט מיט די אידן, אויך צוגעהאָלפן מיט אַן עצה, מער װי פריהער, און אַזוי אַרום האָט מען דעם זײדן אינגאַנצן באַפרײט פון די ראָזיגע אַרבעטן.

דער זײדע האָט זיך װידער אָפּגעגעבן מער מיט די פּריצים, און די באָבע האָט זיך קײן נאַכט נישט אויסגעטאָן און האָט נאָר האַלב געדרעמלט. זי האָט באַראַרפט אָפּטער אַראָפּקריכן פון בעט און צװאַרפן פרישע קוילן צום סאַמאָװאַר, אַז װען אהרן־לײזער װעט קומען, זאָל ער באַלד האָבן הײסע טײ.

דער זײדע האָט געהאַט אַ שװאָגער אַ גרויסן למדן, ר׳ ליפּע. דער ראָזיגער ר׳ ליפּע איז געװען אַ גרויסער אָרימאַן, און אײנמאָל האָט ער אַרײנגעשיקט אַ בריף צום זײדן, צום שװאָגער, הײסט עס, אַז ער זאָל זעהן אים געבן עפּעס אַ פּרנסה. האָט דער זײדע געשיקט אים רופן און געזאָגט, אַז ער האָט מיט אים אָפּצומאַכן אַ געשעפט, פון װעלכן ער װעט האָבן פּרנסה און עס װעט אים קײן זאַך נישט פעלן. װידער אים, דעם זײדן, װעט אויך אַרײנפאַלן עפּעס דערפון. קוקט אים ר׳ ליפּע אָן, נישט פאַרשטײענדיג די רעטעניש.

װאָס הײסט, ער װעט האָבן פּרנסה און אהרן־לײזער װעט אויך נישט צולײגן דערצו?

זאָגט אים דער זײדע:

— לאָמיר „אָפּמאַכן" אַזאַ געשעפט: איך װעל דיר געבן פאַר דײן װײב און קינדער פון אַלעם גוטן, און דו זאָלסט זיך זיצן און לערנען. נאָר דו װעסט מיר אַרויסגעבן אַ קװיטל, אַז דו גיסט מיר אָפּ האַלב עולם־הבא פון דײן לערנען. דאָס גאַנצע לעבן בין איך ברוך־השם אַ פּראָסטער עולם־הזהניק, דאָס הײסט, קײן עולם־הזה האָב איך אויך נישט. אָבער לאָמיך כאָטש האָבן עולם־הבא! איך האָב מורא, אַז איך װעל קומען אויף יענער

וועלט, וועט מיר זיין ביטער און פינסטער, וואָרום דאָרט איז נישטאָ קיין איספראַווניק און קיין אַסעסער...

ר' ליפע האָט אָבער נישט געקאָנט געבן באַלד אַן ענטפער. בּאַ אים איז, אַפּנים, אויסגעקומען נישט גלייך, אַז אהרן־לייזער, וואָס האָט אַזוי פיל עולם־הזה, זאָל נאָך עולם־הבא אויך האָבן. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיך מישב זיין מיט פוריען, זיין ווייב, אהרן־לייזערס שוועסטער.

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַזוי אַ פּאָר מאָנאַטן, און נישט ר' ליפע און נישט זיין ווייב — האָבן נישט געוואָלט אַוועקגעבן אהרן־לייזערן האַלב עולם־הבא פון לערנען. זיי האָבן שטאַרק געליטן נויט, זיינען געווען זעהר געדריקט, מיט קליינע קינדער, וועלכע מען האָט באַדאַרפט מאַכן קליידלאַך, שיכעלאַך, מלמדות־געלט צאָלן און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס מען דאַרף האָבן צום לעבן. אהרן־לייזער האָט זיי לפי ערך צום עסן געגעבן, אָבער נאָר צום עסן. האָט מען זיך געמאַטערט און נישט געוואָלט מאַכן דעם שותפות־געשעפט מיט דעם עולם־הבא. אהרן־לייזער האָט שוין פאַרקלענערט די פאָרציע. איצט האָט ער נאָר געוואָלט אַ העלפט פון ר' ליפעס לערנען אַליין און פון די אַלע מצוות זיינע גאָרנישט.

געוויינליך, האָט עס אהרן־לייזערן פאַרדראָסן. ערשטנס, האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט עולם־הבא, און, צווייטנס, איז ער גלאַט נישט צוגעוויינט, אַז מען זאָל אים אָפּזאָגן. האָט ער געטאָן אַ קלייניגקייט: ער האָט אויפגעהערט צו שיקן זיי אויף צום לעבן.

זיינען, נעבעך, געבליבן ר' ליפע מיט זיין ווייב און קינדער אינגאַנצן אָהן ברויט. עס איז נישט געווען קיין שטיקל ברויט אין שטוב, אַפילו אַ קאַרטאָפל איז אויך נישט געווען, ממש כאָטש נעם און שטאַרב פון הונגער.

האָט מען זיך געמוטשעט, געראַנגעלט, זיך געוואָרפן, אָבער אַז מען האָט שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, איז שוין פוריע, ר' ליפעס ווייב, מסכים געוואָרן:

— גיי שוין, גיב שוין דעם רשע אַוועק דיין האַלב עולם־הבא. מען קאָן דאָך מיט קינדער נישט שטאַרבן פון הונגער.

איז ער געקומען אַ דערשלאָגענער צו אהרן־לייזערן און איבערגעגעבן, אַז ער באַשטייט שוין אויף זיין פאָרשלאָג. ער איז מסכים...

אָבער אהרן־לייזער איז שוין איצט געווען תקיף בּאַ זיך. זאָגט ער:

— איצט וויל איך שוין נישט. דו האָסט מיר נישט געוואָלט געבן האַלב עולם־הבא? ערשט איז פאַרפאַלן. גיי אַוועק און גיב אָקאָרשט דיין ווייב פרנסה.

אהרן־לייזער האָט, פאַרשטייט זיך, זעהר געוואָלט די עולם־הבא. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז די גאַנצע מאַכערקע קענן שותּפות איז

געזען זיין שוועסטער און אים האָט זיך געוואָלט, אַז די שוועסטער זאָל דווקא קומען און בעטן זיך בײַ אים, און ווידער זאָל זי אַליין זיך אויך חתמענען אויפן קוויטל, אַז זי איז מסכים צו דעם געשעפט.

ר׳ ליפע האָט נישט פאַרשטאַנען אהרן־לייזערס כּונה. קאָן מען זיך פאָרשטעלן, מיט וואָס פאַר אַ האַרץ ער איז אַוועק אַהיים. עס איז געוואָרן אַ געוויין אין שטוב. קינדער ווילן עסן און נישטאָ וואָס צו געבן. זיינען זיי בײדע געגאַנגען צו אהרן־לייזערן מיט אַזאַ חשק, ווי מען גייט צו דער שחיטה, און האָבן געוויינט און געבעטן, ער זאָל שוין מאַכן שותּפות.

— גוט, — זאָגט רוהיג אהרן־לייזער, — לאָמיר גייען צום רב און אָפּשרייבן זיך אויף דעם גאַנצן לעבן. איך זאָל אייך געבן פּרנסה גלייך ווי מיינע קינדער, און ליפע זאָל מיר געבן עולם־הבּא פון זיין לערנען.

ר׳ ליפע האָט אָבער געוואָלט דריי יאָר, נישט דאָס גאַנצע לעבן, בּיז מען איז געבליבן אויף פינף יאָר.

איז מען אַוועק צום רב און געמאַכט אַ כּתב אויף דעם, וואָס זיי האָבן אָפּגערעדט, און ר׳ ליפע מיט פוריען האָבן זיך געחתמעט און דער רב מיטן דין האָבן זיך אונטערגעשריבן פאַר עדות, און מען האָט זיך געגעבן אַ תּקיעת־כּף בּאילה ובשבועה, אַז אהרן־לייזער דאַרף אים מיט זיין געזינדל אויסהאַלטן פיר הנגידים, און דערפאַר בּאַקומט ער פון ר׳ ליפען האַלב עולם־הבּא פון זיין לערנען. ר׳ ליפע מוז אָבער לערנען דעם גאַנצן טאָג און טאָר קיין אַנדער זאַך נישט טון, והכּל שריר וקים.

אהרן־לייזער איז געקומען פון רב מיט אַזאַ שמחה, וואָס עס איז זיך שווער געווען פאָרצושטעלן. אַ קלייניגקייט, אהרן־לייזערס גליק! ווען מען זאָל אים געבן פאַר דעם האַלב עולם־הבּא כּל הון דעלמא, וואָלט ער געווים נישט גענומען.

ר׳ ליפע מיט פוריען זיינען שוין אַוועק אַהיים נישט אַזוי פרייליך. דערפאַר אָבער האָט בּאַ ר׳ ליפען אין האַנט געבלישטשעט אַ פינף און צוואַנציגער.

איצט האָט אהרן־לייזער אָנגעהויבן שיקן זיי פון אַלדאָס גוטס, פון חלב ודבש. און אַז ר׳ ליפע האָט דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבן אָפּגעגעסן צוזאַמען מיט זיין געזינדל גאָר אַ געהויבענעם מיטאָג, האָט שוין דאָס געשעפט געקראָגן גאָר אַן אַנדער חן אין זיינע אויגן.

---

# קאַפּיטל VII

—

דער אַקציז. — דער באַראָן גינצבורג. — דער בן־יחיד. — דער סקאַנדאַל מיטן אַסעסער. — דער איספּראַווניק האַלט דעם זיידנס צד. — ר' ליפּע צעריסן דעם תּקיעת־כּף.

אין יענער צייט איז דער אַקציז איבערגעגאַנגען פון דער רעגירונג צום באַראָן יאָזשע גינצבורג. איבערגענומען האָט ער דעם אַקציז פאַר אַ געוויסע סומע געלט צו צאָלן יערליך דער רעגירונג. און פאַר באַאַמטע אין די אַקציז־קאַנצעליאַריעס און אַנשטאַלטן האָט ער גענומען נאָר אידן: פון דער העכסטער שטעלע ביז אַ קליינעם פּלאַץ ערגעץ אויף אַ דאָרף.

רעמאָלט האָט שוין דער זיידע אויפגעהערט צו ברענגען געגנבעטן בראָנפן פון פּוילן. ער איז געווען איבערראַשט פון שמחה, וואָס אַ אידן האָט די רעגירונג איבערגעגעבן אַזאַ מין פּאָרריאַר, און ווי ער איז נישט געווען אַריינגעטאָן אין פּרנסה, האָט ער דאָך נישט געוואָלט אַריינ־ברענגען געגנבעטן בראָנפן; טאָמער וועט, חלילה, פון אַזאַ מעשה באַנקראָטירן דער באַראָן!.. דערפון קאָן אַרויסקומען אַ רעה פאַר אַלע אידן, וואָרום די שונאי־ישראל וועלן זאָגן, אַז אַלע אידן זיינען גנבים.

ווידער האָט זיך דער באַראָן געשטעלט אַזוי פיין און אָנגענומען אידן פאַר באַאַמטע, וואָס רערמיט גיט ער פּרנסה טויזנטער אידן. ווייטער איז גלאַט שיין, וואָס אידן רינען אין קאַזנאַ. האָט שוין דער זיידע כּסדר געקויפט בראָנפן אין די בראַוער, און די פּרנסה איז דעריבער שוואַך געוואָרן. פון די פּוילישע בראָנפנס פלעגט ער פאַרדינען טויזנטער רובל אַ יאָר!

און אַזוי ווי אַלע קינדער דעם זיידנס מיטן ברודער האָבן געלעבט נאָר פון דער אַרענדע, און איצט איז מען געוואָרן געדריקטער אין פּרנסה, האָט דער זיידע שוין אָנגעהויבן פאַרקלענערן די הוצאה.

פאַרקלענערנדיג די הוצאה, האָט דער זיידע איינגעפונען, אַז די פינף רובל, וואָס ער צאָלט אַ מאָנאַט דעם אַסעסער, זיינען איבעריג. וואָרום ערשטנס, גיט דאָך דעם פּריצ'ס פאַרוואַלטער זיינע פויערים

אַלס הילף צו דער אַרענדע און נאָר זעלטן דאַרף מען אָנקומען צום אַסעסער. ווייטער האָט ער פֿאַרן אַסעסער גלאַט קיין מורא נישט — ער האָט דאָך עפּעס דעם איספּראַווניק, קענען זעמען דער אַסעסער זעט נישט גיין.

דעם אַסעסער האָט עס אַוראַי פֿאַרדראָסן, און איך געדיינק, זוי דעמאָלט, איך בין נאָך געווען אַ קליין אינגעלע, איז אַריינגעקומען דער קליוטשוואָיט מיט דריי דיעסיאַטניקעס און געבעטן אַ פֿלעשל בראָנפֿן. עס איז געזען שבת צו נאַכטס. ווי געוויינליך איז באַם זיידן פֿול געווען די שטוב מיט מענשן, און די באָבע האָט אַלעמען דערלאַנגט טיי. אָט די מצוה איז שוין געווען איר מצוה, כאָטש זי האָט געהאַט דינסטן, וואָס האָבן געקאָנט אָהן איר דערלאַנגען, און זי איז נישט מיר געוואָרן אונטערצוטראָגן יעדערן אַ צווייטע גלאָז טיי, און אַ דריטע...

דעם זיידנס פּלימעניק, דער בין־יחיד, פֿלעגט שוין שטענדיג היטן דעם פֿעטער, דאָס הייסט, מיין זיידן, און ער האָט אים געפֿאָלגט אין פֿייער און אין וואַסער. דער זיידע האָט אים ליב געהאַט און ער איז געזען דער גאַנצער תּקיף אין דער משפּחה. האָט איינער פֿון דער פֿאַמיליע באַדאַרפֿט עפּעס בעטן באַם זיידן, האָט מען שוין געזאָגט דעם בן־יחיד, אריה־ליבן, און אריה־ליב איז געווען דער פֿאַרמיטלער.

געזען איז ער אַ הויכער און אַ געזונטער יונג, האָט אַפֿילו געקאָנט לערנען, נאָר געוואָלט האָט ער גאַנץ זייניג, און אַ גוטער. און אַז אריה־ליב האָט געזאָגט, אַז ער וועט שוין אויספֿירן באַם פֿעטער, האָט מען שוין געזאוסט, אַז דאָס וועט מקוים ווערן. ווידער, אַז דער זיידע האָט באַדאַרפֿט עפּעס צום אַסעסער, האָט ער געשיקט אריה־ליבן, אַזוי אויך צום איספּראַווניק, און אַ צונג האָט ער געהאַט אַ געשליפֿענע, צוליב וואָס ער איז געזען באַזונדערס געהויבן באַ אַלעמען.

בשעת דער קליוטשוואָיט האָט געבעטן אַ פֿלעשל בראָנפֿן, האָט אריה־ליב געפֿרעגט דעם פֿעטער, צי מען זאָל געבן. דער זיידע האָט געהייסן. און אַז מען האָט געגעבן, האָט דער קליוטשוואָיט געשווינד אַריינגעלענט די פֿלאַש אין קעשענע אַריין און איז אַוועקגעגאַנגען צוזאַמען מיט זיינע פּויערים. דאָס איז געוואָרן קשהדיג, און אריה־ליב האָט געפֿרעגט דעם זיידן:

— זאָל איך לויפֿן אָפּנעמען?

— איך הייס יאָגן זיי און אָפּנעמען דעם בראָנפֿן מיט געזאלד, האָט דער זיידע געזאָגט.

געדינט האָבן דעמאָלט באַ אונז אַ פּאָר געזונטע „מענשן“: חצקל און קיוקע. דער לעצטער איז געזען מפֿורסם פֿאַר אַ גבור, האָט אריה־ליב

גענומען ביידן און געלאָפן יאָגן דעם קליוטשוואָיט מיט די דעסיאַטניקעס. אין אַ פערטל שעה אַרום קומט אריה־ליב מיט גרויס שמחה, דאָס פּלעשל בראָנפן אין האַנט און דערביי אַ סימן — דעם קליוטשוואָיטס היטל. ער האָט דערציילט, אַז געפּאַקט האָט מען די הברה־לייט אַזש באַם אַבעסער אויפן גאַניק. נאָך אַ רגע האָלטן זיי שוין געוועזן אין שטוב, האָט מען זיי גוט אָנגעבראָכן די ביינער און אָט איז דעם קליוטשוואָיטס היטל פאַר אַ סימן.

— האָב איך גוט געטאָן, פעטער? — האָט געפרעגט אריה־ליב.

— גוט, — האָט דער זיידע געענטפערט.

ווינטאָג פריה, אַז דער זיידע איז אַוועקגעפאָרן צו די פּריצים, איז דער אַבעסער געקומען מיטאָג־צייט מיט אַכצען דעסיאַטניקעס צום פעטער אין שטוב אַריין — מאַכן אַ פּראָטאָקאָל, אַז ער פירט 'אַ שיינק אָהן אַ פּאַטענט, האָט אריה־ליב גענומען זידלען דעם אַסעסער און אָפן געזאָגט, אַז קוים וועט ער מאַכן דעם פּראָטאָקאָל, קריגט ער פּעטש, און ער האָט אויפגעהויבן די האַנט...

געוויינליך, וואָס טוט אַן אַסעסער פאַר אַזאַ מעשה, בעת ער איז מיט אַכצען דעסיאַטניקעס? נעמט מען אַזאַ בחור און מען בינדט אים און מען פאַראַרעסטירט, און מען שיקט אָפּ קיין בריסק. דער אַסעסער האָט עס אָבער נישט געטאָן. ער האָט זיך, אַפּנים, דערמאָנט אָן דעם איספּראַווניק מיט אהרן־לייזערן. דאָס איז אַ גרויסער כח. איז ער אַוועק און אָנגעשריבן אַ בריוו צום איספּראַווניק וועגן דער גאַנצער געשיכטע.

אָנשטאָט אַן ענטפער האָט דער איספּראַווניק אָנגעשריבן דעם אַסעסער אַ מוסר־בריוו, דהיינו: ווי זאָל דאָס אַ מענש אַזוי קיין שכל נישט האָבן אין פאַרפירן קריג מיט אַזאַ קלוגן אידן. און דערביי האָט ער אים אין בריוו געראָטן איבערבעטן דעם זיידן און מאַכן שלום. און טאָמער וועט ער אים נישט פאָלגן, טאָ זאָל ער וויסן זיין, אַז פון היינט אָן פאַרפאָרט ער אין קאַמעניץ נאָר צו אהרן־לייזערן, און גישט צו אים, ווי עס זיינען זיך נוהג אַלע איספּראַווניקעס, און דאָס וועט זיין זעהר מיאוס פאַרן אַסעסער.

צום זיידן האָט דער איספּראַווניק געשריבן, אַז ער זאָל אָנגרייטן פאַר אים אַ דירה, ווען ער וועט קומען קיין קאַמעניץ. דער זיידע האָט באַלד צוגעגרייט פאַר אים אַ שטיבל באַם ברודער, מרדכי ליבן, מיט אַ באַזונדערן אַריינגאַנג. און אַז דער זיידע האָט אים געשריבן, אַז אַלץ איז שוין פאַרטיג, איז דער איספּראַווניק געקומען אויף פיר פערד מיט אַ גלאָק און פאַרפאָרן גלייך צום פעטער. דאָרט איז ער איינגעשטאַנען אויף שפּעטער — אַמאָל איין טאָג, אַמאָל צוויי טעג, ווי עס האָט זיך געמאַכט.

דער אַסעסער האָט בחרפּתו געמוזט קומען צו אים, און דער איספּראַווניק האָט עקסטרע אַריינגערופן דעם זיידן צו זיך. זאָל, הייסט עס, דער אַסעסער זעהן, ווי ער איז מקרב דעם זיידן. אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען אַנדערטהאַלבן יאָר צייט ביז דער אַסעסער האָט זיך געמוזט אונטער־געבן און איבערבעטן דעם זיידן פאַרן איספּראַווניק אין די אויגן. דעמאָלט איז שוין פאַרפאָרן דער איספּראַווניק ווידער צום אַסעסער, ווי שטענדיג.

אין דער צייט האָט דער זיידע אייגנגעפירט, אַז די פּני פון שטאָט זאָלן פירן אַלע שטאָטישע ענינים, און נישט ער אַליין איינגאַנצן. ער האָט געבעטן דעם איספּראַווניק, אַז ער זאָל איבערגעבן דעם זיגל מיט די ביכער אַן אַנדער איסבאָרשטשיק, און ער וועט זיך אויך צו־מישן, וואו מען וועט דאַרפן. ער וועט זיך אַוראַי סטאַרען, אַז אַלץ זאָל געפירט ווערן אין אָרדענונג, און אַזוי איז געווען. דער זיידע איז שוין מער נישט געווען קיין איסבאָרשטשיק, נאָר ער איז גלאַט געבליבן דער בעל־יועץ פון איסבאָרשטשיק מיט די פּני־העיר. און אַז עס האָט געטראָפן עפּעס אַ שווערע זאַך, זיינען געקומען צו אים די פּני און האָבן זיך מיט אים שואל־עצה געווען, און פון אַלע זייטן איז געווען שלום ושלוה.

אַז דער איספּראַווניק איז געקומען, איז שוין דער איסבאָרשטשיק גע־גאַנגען צום זיידן, איידער ער איז געגאַנגען צום איספּראַווניק, און אַז עס איז געווען אַ וויכטיגע זאַך, איז דער זיידע געגאַנגען מיטן איסבאָרשטשיק צום איספּראַווניק און געמאַכט אַלץ אין אָרדענונג.

דער זיידע האָט זיך געפירט זיינע געשעפטן מיט די פּריצים, און ר׳ ליפּעס האַלב עולם־הבא האָט זיך געמערט. דאָס האָט אים געגעבן נאָך מער מוט צו אַרבעטן, ער איז געווען רוהיגער, די עולם־הבא האָט אים באַם לעבן דערהאַלטן. אָבער לאַנג האָט דעם זיידנס פאַרגעניגן נישט געדויערט: זיין שוואָגער, ר׳ ליפּע, האָט אים אַריינגעשיקט אַ בריף באַם סוף פון פערטן יאָר, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון דעם שותּפות. ער ברעכט דעם תּקיעת־כּף, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אויף פינף יאָר, ווייל ער איז געוואָרן דין אין שטאָט, נאָך דעם געשטאָרבענעם דין, און איצט וועט ער שוין האָבן פּרנסה אָהן דעם שותּפות, און ער דאַרף שוין זיין האַלב עולם־הבא נישט אַוועקגעבן.

דער בריף האָט געמאַכט אויפן זיידן זעהר אַ שווערן איינדרוק, און כּמעט אַ האַלב יאָר צייט איז ער, אַזאַ חכם אַ איר, געווען אין גרויס מרה־שחורה ביז יום־כּפּור. יום־כּפּור האָט ער זיך גוט אויסגעוויינט און דערנאָך איז ער געבליבן רוהיג. אָבער מיט דער שוועסטער איז ער געווען ברוגז דאָס גאַנצע לעבן. ער האָט געהאַלטן, אַז זי איז שולדיג אין אַלעם דעם.

# קאַפּיטל VIII

—

מיין ערשטער מלמד. — מיינע קשיות. — דער צווייטער מלמד. — מיין פעטער ישראל. — דער עלוי ישראל. — ווי דער עלוי ישראל האָט אונז געשמיסן אין פעלד. — בײַ מאָטע דעם מלמד. — דער גיהנם. — די ווינטער־אָוונטן. — מעשיות מיט כּשוף. — מיין פרומקייט. — דער דבוק. — ר' ליפּע צוקערמאַן.

אַז איך בין אַלט געוואָרן צוויי און אַ האַלב יאָר, האָט מיך די מאַמע אָפּגעגעבן צו יעקב־בער דעם דרדקי־מלמד. זי האָט קיין צייט נישט געהאַט צו וואַרטן ביז זומער, ווען איך וועל אַלט ווערן דריי יאָר, און אָפּגעגעבן מיך אין חדר נאָך סוכּות. איך האָב פון קינדרווייז אָן געהאַט חשק צום לערנען און האָב פון יעקב־בערן דעם מלמד נישט געוואָלט אָפּטרעטן, אַפילו נייען אַהיים. איך פלעג זיצן בײַ אים אויפן אויוון, עס איז געווען וואַרעם, אַנגענעם. געלערנט האָבן בײַ אים אפשר אַ הונדערט אינגלאַך, און ווען די יחסנישע קינדער האָבן נישט געוואָלט מער לערנען, זיינען זיי געזעסן אויפן גרויסן אויוון, און מען האָט זיך ראָרט געשפּילט.

מיר איז געווען אויפן אויוון אַזוי גוט, אַז איך האָב נישט געוואָלט אַראָפּגיין, נאָר אַז מען האָט אַראָפּגענומען אַלע אינגלאַך, האָב איך שוין נישט געקאָנט אַליין בלייבן, פלעג איך גיין מיטן בּאַהעלפער אַהיים.

נאָר יעקב־בער דער מלמד איז פון מיר נישט געווען צופרידן. איך האָב געהאַט פון קינדרווייז אָן דעם פעלער, וואָס איך בין געווען אַ מקשן, איך האָב נאָר געטאָן און געפרעגט קשיות. און יעקב־בער, נעבעך, האָט מיר נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן. צום בייַשפּיל, אַז ער האָט אָנגעהויבן לערנען מיט מיר אלף־בית, האָט ער מיט מיר געלערנט: קמץ אלף — „אָ“, קמץ „בּ“ — בּאָ און קמץ „ב“ — באָ. פרעג איך בײַ אים, צו וואָס דאַרף מען צוויי מאָל קמץ „ב“ — באָ און קמץ „ו“ — וואָ?

— אַז דו וועסט עלטער ווערן, — האָט געזאָגט דער רבי נישט צו־פרידן, — וועסטו וויסן.

פאַראַן אַזעלכע קינדער, וואָס זיי פרעגן נאָר שאלות:

— טאַטע־מאַמע, צו וואָס דאַרף מען ר אָ ס? צו וואָס דאַרף מען י ע נ ץ?

האָב איך געטאָן און כסדר געפרעגט דעם רבין:

— ווער מאַכט אַ טיש?

— אַ סטאָלאַר.

— און ווער האָט געמאַכט דעם סטאָלאַר?

— גאָט.

— און ווער האָט געמאַכט גאָט?

— גאָט! — האָט ער מיט כעס אַ געשריי געטאָן — גאָט איז פון אייביג אָן און קיינער האָט אים נישט געמאַכט.

— גאָט האָט זיך אַליין געמאַכט? — פרעג איך און קוק דעם רבין אין די אויגן אַריין.

— דו ביסט נאָך אַ קליין אינגל און אַ נאַר! — האָט ער מיט רציחה אויסגעשריגן.

דער רבי האָט דערציילט דעם טאַטן, אַז איך טו און פרעג קשיות. האָט אים דער טאַטע געראָטן, אַז ער זאָל זיך אויף מיר אָנבייזערן, ווען איך וועל עפּעס פרעגן.

— זאָלסט אים זאָגן, — האָט דער טאַטע געראָטן, — אַז אַ אינגעלע טאָר גאָרנישט ניט פרעגן, אַז אַ אינגעלע דאַרף נ אָ ר ל ע ר נ ע ן און ש ווי י ג ן.

אָבער דעם טאַטן זיינען די קשיות פון דעם קליין אינגעלע אַריין אין נאָז, און ער האָט געטראַכט, אַז פון אַזאַ קינד קאָן נאָך, חלילה, אַרויס־קומען אַן אפּיקורס. וואָלט זיין אפשר גלייכער, וואָס ווייניגער לערנען מיטן קינד און בעסער באַצייטנס אים געבן צו מלמדים חסידים, וועלכע וואָלטן אים געלערנט נאָר צו זיין אַ חסיד און אַן ערליכער איד?..

באַ יעקב־בערן האָב איך געלערנט דריי זמנים. איך האָב שוין געראַוונט גאַנץ גיך, ווי אַ גרויסער, און דעמאָלט האָט מיך דער טאַטע טאַקע אַוועקגעגעבן צו אַ מלמד אַ חסיד, שעיה־בצלאל, באַ וועלכן מען האָט געלערנט חומש און אָנפאַנג גמרא.

באַ ד ע ם רבין האָב איך אָנגעהויבן לערנען חומש, און דער טאַטע האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר אַלע חסידים. מען האָט געזונגען און געטרונקען בראָנפן לרוב און געגעסן דעם גאַנצן טאָג, אָהן דעם זיידן, מחמת ער איז מיט די חסידים צוזאַמען קיינמאָל נישט געווען. געלערנט האָב איך גוט, און דער רבי האָט מיט מיר אָנגעהויבן רש״י. איך האָב אַלץ גיך איבערגענומען, און צו זעקס יאָר האָב איך שוין געהאָלט אָנהויבן לערנען גמרא. דער רבי האָט אָבער אייַנגעפונען, אַז עס איז נאָך צו־פריה.

— עס װעט זײַן צײַט, אַז דו װעסט אָנהױבן גמרא צו זיבן יאָר.

פּלעג איך שטײן נעבן טיש, װאו די קינדער לערנען גמרא, און פּלעג זיך אײַנהערן און נישט װעלן נײַן שטיפן מיט די חומש־אינגלאַך. אַזױ האָב איך מיך אַלץ אײַנגעהערט, און אַז עס איז געקומען ראָגערשטאָג, האָב איך געזאָגט דעם רבין, אַז איך װעל אים איבערזאָגן דעם גאַנצן שיעור גמרא פון דער װאָך אױף אױסװײניק. איך האָב געזאָגט, װי אַ װאַסער, געדרײנק איך, אַ שטיק פון לקח־טוב: אַז ראובן שגזל משמעון, אַז ראובן האָט געגזלט געלט פון שמעונען? דער רבי איז נתפּעל געװאָרן, און באַנאַכט איז ער געגאַנגען צום טאַטן און אים דערצײלט, װאָס פאַר אַ װאוילע אינגל ער האָט: נישט לערנענדיג, נאָר אײַנהערנדיג זיך, האָט ער געזאָגט דעם שיעור אויף אױסװײניג.

אָבער דער טאַטע האָט זיך מיט דעם נאָר װײניג געפרײט. ער איז געװען אַזאַ פאַנאַטיקער אַ חסיד, אַז בײַ אים האָט [1]לערנען קײן באַדײַטונג נישט געהאַט. ער האָט געװאָלט, איך זאָל נאָר קענען חומש און אַ שטיקל מדרש. מער דאַרף מען נישט, און איך זאָל נאָר זײַן אַן ערליכער איד, דאָס הײסט, אַ חסיד.

שעיה־בצלאל האָט שױן אָנגעהױבן מיט מיר לערנען גמרא און איך האָב זעהר גוט געלערנט. איך האָב אַלץ גיך באַנומען. איך האָב געהאַט אַ תפיסה, אַלע דאָנערשטאָג האָב איך גוט געזאָגט דעם לקח־טוב, װי אַ װאַסער.

אין אַ זמן אַרום איז שױן שעיה־בצלאל געװען פאַר מיר װײניג מיט זײַן שטיקל לקח־טוב. איך האָב שױן באַדאַרפט אַריבערגײן צו אַ גרעסערן מלמד, װאָס לערנט שױן מיט אינגלאַך אַן עמוד גמרא, אָדער אַ גאַנצע בלאַט גמרא.

אָבער דער טאַטע האָט זיך נישט געאײלט. ער האָט מיך געהאַלטן בײַ שעיה־בצלאלן נײַן זמנים, און איך האָב אַלץ געלערנט דאָס אײגענע צװישן קלײנע אינגלאַך. דער טאַטע האָט אײַנגעזעהן, אַז לערנען װעל איך קאָנען און קײן סך דאַרף מען נישט, און איבערהױפּט זאָל איך זײַן אַ חסיד.

איך האָב געװײנט פאַרן טאַטן, אַז איך װיל שױן לערנען גמרא, נישט קײן לקח־טוב, אַז איך װיל לערנען מיט גרעסערע אינגלאַך, אָבער דער טאַטע האָט נישט געװאָלט צוליב דעם באַװאוסטן טעם.

געהאַט האָט דער טאַטע אַ ברודער ישראל, װאָס איז געװען אין אײן עלטער מיט מיר. האָט דער זײדע איבערגעגעבן זײַן אינגל ישראל אונטער מײַן טאַטנס השגחה, האָט ער אונז בײדן געגעבן אין אײן חדר אַרײַן און געקלײדט אונז אין דיזעלבע מלבושים, און מיר זײַנען געשלאָפן צוזאַמען.

ישראל האָט נאָך געהאַט אַ בעסערן קאָפּ פאַר מיר. ער האָט אָבער נישט געוואָלט לערנען, און אים האָט נישט געאַרט, וואָס אונזער רבי איז שעיה־בצלאל. פאַר אים איז נאָך גלייכער געווען: ער האָט זיך נישט באַראַרפּט מאַטערן. מיט זיין גוטן קאָפּ האָט ער אַפילו דאָס שטיקל לקח־טוב דאָנערש־טאָג נישט געוואוסט, וואָרום ער איז געווען אַריינגעטאָן אין שטיפן.

אין אונזער פאַמיליע איז געווען נאָך אַ אינגל ישראל, מיט צוויי יאָר עלטער פאַר מיר, וואָס האָט געהאַט אַ גאונישן קאָפּ. זיין פאָטער איז געווען ר׳ יוזל ווישניאַק, אַ גרויסער למדן, אַ מושלם און דעם זיידן ר׳ יורלס אַ ברודערס זון. ער איז געווען אויף אַ שטעלע אין לובלין, און זיין ווייב באַשע־פייגע מיט די קינדער זיינען געווען בײַ איר פאָטער ר׳ זעליג.

דאָס אינגל ווייערער, ישראל, האָט צו אַכט יאָר אַלט פאַרמאַטערט די בעסטע מלמדים. אויף יעדן שטיקל גמרא האָט ער געפרעגט האַרבע קשיות, און די לומדים האָבן אים נישט געקאָנט ענטפערן. דערפאַר, פאַרשטייט זיך, האָט אים די גאַנצע פאַמיליע אונזערע זעהר ליב געהאַט, און ער פלעגט שטענדיג זיין בײַ אונז, עסן און טרינקען און שטיפן מיט אונז, און צוליב אים האָט מען מיך מיט ישראלן פאַרשטויסן. אַלע האָבן זיך געצאַצקעט נאָר מיט אים און מיט אים.

אָבער איך און מיין חבר ישראל, וואָס איז צו גלייכער צייט געווען אויך מיין פעטער, האָבן געהאַט צו אים אַ שנאה אין האַרצן, וואָרום ווען נישט ער, וואָלטן מיר דאָך געווען גאַנץ גוטע אינגלאַך: איך וואָלט אפשר געווען דאָס בעסטע אינגל אין שטאָט, און די פאַמיליע וואָלט מיך נאָך מער האָלט געהאַט.

אָבער נישט קוקנדיג אויף אונזער שנאה צו אים, האָבן מיר דאָך דרך־ארץ געהאַט פאַר אים, און בײַ אונז איז געווען אַ זכיה, אַז ער האָט גערערט מיט אונז. בטבע איז ער געווען אַ שלעכטער און אַלע אינגלאַך פון שטאָט האָבן פאַר אים שרעקליך אָפּשיי געהאַט. אַז ער פלעגט אונז שלאָגן, פלעגן מיר זיך לאָזן, אַזוי ווי תּלמידים לאָזן זיך שלאָגן פון רבין.

איינמאָל, נעדריינק איך, אַ פרייטאָג, ווען מיר זיינען געוואָרן פריי פון חדר, איז אים איינגעפאַלן אויסקלויבן די בעסטע אינגלאַך פון שטאָט און פאַרהערן זיי אין אַ שטיקל גמרא. האָט ער גענומען בבא מציעא, נעדריינק איך, און איז מיט אַ צוועלף אינגלאַך אַוועק אויף די לאָנקעס צו ר׳ שמחה־לייזערן.

עס איז געווען אַ שיינער זומערדיגער טאָג. ישראל האָט אויסגעשניטן מיט אַ קאָלייטשיקל גוטע, וויכע ריטער אין די לאָנקעס און האָט גענומען די גמרא אין האַנט. יעדן אינגל האָט ער געגעבן אַ באַזונדער שטיקל גמרא,

און ווער עס האָט נישט געוואוסט, האָט זיך אַליין געמוזט אַנידערלייגן, און ישראל האָט אים געשמיסן מיט די ווייכע ריטער, וויפיל ער האָט אַליין געוואָלט; ווײַנען האָט מען נישט געווײַנט, מען האָט זיך איינגעהאַלטן, וואָרום מיר האָבן דאָס אָנגענומען פאַר ליב, און בעת מעשה מיט אַן אמת געמיינט, אַז עס קומט אונז שמיץ. וואָרום מיר זײַנען אַזעלכע גוים און קענען נישט די גמרא, און ער, ישראל, איז אַזאַ למדן. אָבער אַז מען האָט שוין נישט געקאָנט איבערטראָגן די שמיץ, האָט מען אָנגעהויבן ווײַנען אויך, און ישראל האָט נישט געהערט און ווייטער געשמיסן. דערבײַ האָט ער געזאָגט:

— נאַ דיר, גוי איינער, נאַ דיר!..

און ער האָט אונז געמאַכט בלויע צייכנס, פאַרלאָפּענע מיט בלוט.

מיר האָט ער געגעבן איבערזאָגן המפקיר. איך האָב אָבער נאָך דעמאָלט קיין גמרא נישט געלערנט, נאָר לקח־טוב, און איך האָב נישט אָנ־געהויבן צו וויסן די משנה המפקיר. האָט ער מיר געגעבן אַכצען שמיץ, ח״י שמיץ, צום לעבן — זאָגט ער, אָבער אַזוי שטאַרק, אַז איך געדיינק זיי נאָך היינט.

דערנאָך זײַנען מיר אַלע, אָפּגעשמיסענע, געגאַנגען מיט דעם שמייסער אַהיים, מיט פאַרווייינטע אויגן, פאַרשעמטע, אַראָפּגעפאַלענע, אָבער ראָך אָהן פּרעטענזיעס: מיר האָבן דאָך עס פאַרדינט! די אינגלאַך האָבן שוין אָנגעהויבן מורא האָבן מער פאַר ישראלס שמיץ, ווי פאַרן רבינס, וואָרום דער רבי גיט פאָרט מיט רחמנות און האָט גאָרנישט אַזעלכע ווייכע, פרישע און לאַנגע ריטער, ווי ישראל, וועלכע ער האָט אויסגעשניטן פון דער לאָנקע.

דער אויבערשטער האָט געהאָלפן און אין אַ קורצער צייט האָט ר׳ יוזל ווישניאַק צוגענומען זײַן אינגל צו זיך קיין לובלין, וואָרום דאָ אין קאַמעניץ איז פאַר אים נישט געווען קיין מלמד.

איז געוואָרן אויף אונז אַ שמחה: מיר זײַנען פּטור געוואָרן פון דעם ישראלן!

אַז איך בין אַלט געוואָרן אַכט יאָר, האָט מיך שוין דער טאַטע אָפּגעגעבן צו מאָטע מלמד, וואָס איך האָב שוין באַראַרפט בײַ אים לערנען מיט צוויי יאָר פריהער. דאָס איז געווען אַ גוטער מלמד. ווידער האָט ער נישט אַזוי געשלאָגן די אינגלאַך, און זיי האָבן געהאַט בײַ אים אַ גוטע פּעולה אין לערנען. געלערנט האָט ער מיט די אינגלאַך גמרא און איז געווען אַ גרויסער פּועל. אויך פלעגט ער אַ שעה אין טאָג דערציילן די אינגלאַך מעשיות פון גאונים און פון דעם אַלעם, וואָס עס טוט זיך אָפּ אויף יענער וועלט, דהיינו: ווי רשעים מאַטערן זיך נאָכן טויט הונדערטער

יאָרן כּסדר. ווייטער האָט ער דערציילט באַריכות דעם מאַרשרוט פון די טויטע, ווי אַזוי עס באַגעגענען אַ רשע די מלאכי־חבלה אויפן וועג אין גיהנם, די מאָס פון גיהנם און ווי מען בּרענט די רשעים א. אַז. וו.

לויט ער האָט דערציילט, מוז יעדער צדיק ליידן חבוט־הקבר (וועגן דעם האָב איך שוין אויבּן געשריבּן). נאָך דער פּאָרציע הייסט מען אים גיין אין גיהנם, און יעדער צדיק, אַפילו דער גרעסטער, מוז זיין צוועלף חדשים אין גיהנם. אויפן וועג אין גיהנם באַגעגענען אים מלאכי־חבלה, וועלכע שמייסן אים מיט אייזערנע ריטער און וואַרפן אים אַריין אין אַ בּאַרג פייער. פון בּאַרג פייער וואַרפט מען אים אַרויף אויף אַ בּאַרג אייז. אַזוי וואַרפט מען אים פון בּאַרג אייז אין בּאַרג פייער, און ווידער צוריק. דערנאָך, אויבּ ער איז אַ גרויסער רשע, וואַרפן אים די מלאכי־חבלה איינער צום צווייטן אויף גאַנצע צוועלף הונדערט יאָר די ווייטקייט, דאָס הייסט, עס געדויערט צוועלף הונדערט יאָר, בּיז ער פאַלט אין יענעם בּאַרג פייער. טאָמער איז דאָס ווייניג, באַגעגנט ער אויפן וועג ששים רבּוי מלאכי־חבלה, און יעדער שלאָגט אים מיט אייזערנע און געבּרענטע שטעקנס. דערנאָך הייסט מען אים גיין אין גיהנם. דאָרט דאַרף ער זיך שוין אָפּלייטערן צוועלף חדשים. מער צייט איז קיינער אין גיהנם נישט געווען. אַז מען קומט אין גיהנם, איז שוין גוט. אָבּער איידער מען קומט, מאַטערט זיך אָפּ דער מענש הונדערטער יאָרן אין פייער און אין וואַסער, און אין אייז און אין אַנגסט...

און דער רבּי אונזערער, וואָס האָט געוואָלט זיין זעהר רעאַל, האָט אַפילו אָנגעצייכנט מיט טינט און פעדער אויף אַ פּאַפּיר די גרייס פון גיהנם. לויט זיין רעכענונג, האָט דער גיהנם די לייננ — צוועלף הונדערט יאָר גאַנג, און די בּרייט — פיר הונדערט יאָר גאַנג.

נאָך אַ צרה איז מיטן גיהנם, וואָס דער מענש ווייסט נישט, וואו עס געפינט זיך די טיר פון אים. וואָלט ער געוואוסט, וואָלט ער געגאַנגען גלייך צום טיר און אויסגעמידן דערמיט אַ סך קלעפּ פון די מלאכי חבלה. דרייט ער זיך אַהין און צוריק, זוכט די טיר און כאַפּט קלעפּ דערבּיי.

און דער רבּי ווייזט אונז אָן מיטן פינגער, אַז דער מענש שטייט, דוכט זיך, נעבּן דער טיר און גייט דוקא צוריק. האָט ער שוין צו גיין פיר הונדערט יאָר די ווייטקייט אין איין זייט און צוועלף הונדערט יאָר די לייננ; און ווייטער פיר הונדערט יאָר די בּרייט און ווייטער עלף הונדערט גיין און ניינציג יאָר מיט עלף חדשים. וואָרום די טיר איז אַ שמאָלע אין עק־אַלזאָ, גייט ער נעבּעך אַרום און אַרום דעם גיהנם, צווישן די מלאכי־חבלה, דריי טויזנט הונדערט ניין און ניינציג יאָר.

אָבער אַ צדיק טרעפט דאָס רוב בּאַלד צו דער טיר אין גיהנם און דאַרף נישט גיין אַרום און אַרום אַזוי פיל יאָרן לאַנג.

ווייטער האָט דער רבי דער ליב געהאַט צו דערציילן נסים ונפלאות פון ווילנער גאון, אַז ער האָט געקענט אַלע שבע חכמות, אַז ער איז געווען אַ שטערן־זעהער און אַז ער האָט געוואָלט ווייסן, ווי גרויס איז אַ שטערן און וואָס טוט זיך אויפן שטערן, האָט ער אַראָפּגענומען אַלע שטערן צו זיך אויפן טיש און האָט זיי גוט באַטראַכט און אַרומגעקוקט.

אַמאָל, האָט דערציילט דער רבי, איז דער ווילנער גאון געגאַנגען אויף אַ חתונה צו אַ גרויסן גביר, האָט דער מחותן געבעטן דעם גאון, ער זאָל משמח זיין חתן־כלה.

— איך וועל זיך זעצן נעבן די כלי־זמר, — האָט דער גאון געזאָגט.

דער גאון האָט זיך געזעצט נעבן די כלי־זמר און זיך צוגעהערט, ווי זיי שפּילן. זאָגט ער דערנאָך, אַז ווען מען זאָל מאַכן אין דעם קלאַרנעט, אויף וועלכן דער כלי־זמר שפּילט, אויף דעם און דעם וואָרט אַ לעכל, וועט דאָס שפּילן זעהר גוט, און אַלע געסט וועלן הנאה האָבן.

האָט מען געמאַכט אַ לעכל אויף דעם אָרט, וואו ער האָט אָנגעוויזן. האָט דאָס אָנגעהויבן אַזוי צו שפּילן, אַז פון זיסקייט האָבן אַלע אָנגעהויבן צו חלשן. האָט מען געמוזט פאַרשטאָפּן דאָס לעכל. אַזעלכע מעשות האָט אונז מאָטקע דער מלמד אַלע טאָג דערציילט, און מיר פלעגן זיצן, ווי פאַרכּשופטע...

אין די ווינטער־אָוונטן פלעגן מיר קומען פון חדר אַכט, ניין אַזייגער. פלעג איך אָפּעסן וועטשערע און אַוועקגיין צו דער באָבע ביילע־ראַשע אין צימער, וואו זי און די גאַנצע פאַמיליע זיינען דאָרט דאָס רוב געזעסן. נאָר אַממיינסטן האָבן זיך דאָרט געפונען ווייבער מיט לייבקען דעם שול־רופער, וואָס האָט געוואוינט בּאַ דער באָבען אין קיך מיט זיין ווייב, די קעכין. און אָט דער לייבקע פלעגט אויך דערציילן דאָס רוב מעשות פון שדים און טייוולאָנים, און פון כשוף־מאַכערס, און פון וואַסער־מענשן א. אַז. וו.

ער האָט דערציילט, אַז אַמאָל איז געפאָרן אַ בעל־עגלה מיט אַן ערה אירן. האָבן זיי דערזעהן אויפן וועג אַ גאַנז, אַ דיקע און אַ שיינע; געוויינליך, האָט דער בעל־עגלה צוגענומען די גאַנז און האָט זי געבראַכט אַהיים. איז באַנאַכט, בעת אַלע זיינען געשלאָפן, האָט די גאַנז אָנגעהויבן אַליין צו שלייערן און צו וואַרפן; האָט דער בעל־עגלה אָנגעצונדן אַ ליכט, האָט ער דערזעהן, אַז אָט די גאַנז, וואָס האָט איצט אויסגעזעהן האַלב מענש, האַלב גאַנז, שלייערט דאָס אַלץ אַרום. איז ער אַרויס־געלאָפן, נישט טויט נישט לעבעדיג, צום רב. האָט דער רב געשיקט אַ מנין מענשן און מען האָט געזאָגט תהילים בקול רם. און אַז מען האָט

אָפּגעזאָגט גאַנץ תּהילים, האָט די גאַנז אַ מאַך געטאָן מיט די פליגלען און אַוועקגעפלויגן.

— שרים, האָט ער דערציילט, — האָבן ליב צו רייטן אויף פערד און נישט קיין פּריצישע פערד, נאָר רוקא אידישע. קומען די אידישע בעלי־עגלות אין דערפריה אין שטאַל אַריין, זעהען זיי, אַז די פערד זיינען נאַס, עס גיסט פון זיי שוויים, און זיי סאַפּען און זיינען אַזוי פאַרמאַטערט, פּונקט ווי זיי וואָלטן געקומען איצט פון אַ ווייטן וועג. און אַמאָל געפינט דער בעל־עגלה אין דערפריה אין שטאַל דאָס פערד געפּגרט, די רעדער פון וואָגן צעבראָכן, די לייצעס — צעריסן...

מעשיות מיט כשוף האָט ער געהאַט גאַנצע פעק. איינמאָל, האָט ער דערציילט, איז געווען אין קאַמעניץ אַ אידענע, וואָס דער מאַן איר'ער, אַ שניידער, איז אַוועקגעפאָרן קיין אָדעס. לכתּחילה האָט ער געשיקט געלט און בריף. דערנאָך אָבער האָט ער איר אויפגעהערט צו שיקן — נישט קיין בריף און נישט קיין געלט. איז זי געפאָרן קיין שערשאָוו, אַ שטעטל נעבן קאַמעניץ, צו אַ מכשף, האָט ער איר געזאָגט, אַז ווען זי זאָל אים געבן צען רובל, וועט איר מאַן קומען צו פאָרן אויף אַ קאָטשערע. און אַזוי איז געווען. אויף מאָרגן באַנאַכט האָט דער מאַן אָנגעקלאַפּט אין פענסטער און געוויינט און געבעטן, אַז זי זאָל אים גיכער אַריינגעמען אין שטוב אַריין, וואָרום ער איז זעהר מיד פון דער רייזע, אָט־אָט צום חלשן. האָט זי אים גיכער געעפנט די טיר, איז ער אַריין צו איר אויף אַ קאָטשערע און איז געפאַלן אויף דער ערד און געחלשט. האָט זי געמאַכט אַ גוואַלד, זיינען אָנגעלאָפן מענשן און מען האָט געזאָגט תּהילים. איז ער אויפגעשטאַנען און דערציילט, אַז באַנאַכט האָט אים אין אָדעס אָנגענומען אַ גרויסע אייזערנע האַנט און געגעבן אַ שלעפּ פון בעט און אים אַרויפגעזעצט אויף אַ קאָטשערע און געזאָגט:

— פאָר אַהיים. איבער נאַכט זאָלסטו קומען צו דיין ווייב און איבער־בעטן זי.

האָט ער אָנגעהויבן צו וויינען, ווי וועט ער דאָס קאָנען איינפאָרן אין איין נאַכט אַזאַ גרויסן מהלך? מען דאַרף דאָך פאָרן אפשר זעקס וואָכן? איז אים געזאָגט געוואָרן:

— מען הייסט!

האָט ער גענומען פאָרן — נישט פאָרן, נאָר פליהען איבער בערג און איבער טאָלן, אויף רעכער און טייכן און אָט איז ער קוים מיט דער נשמה געקומען...

איין מעשה, געדיינק איך, איז געווען זעהר אַ טשיקאַווע. אַמאָל איז איינער געשטאָרבן, און אַז ער האָט זיך אָנגעליטן הונדערטער יאָרן

פאַר אַלע זײַנע עבירות, האָט מען אים געבראַכט צום בית־דין של מעלה זעהן, צי מען קאָן אים שוין אַרײַנלאָזן אין גן־עדן אַרײַן. דער ראש בית־דין האָט שוין געהאַלט פסקענען, אַז ער מעג שוין גײן אין גן־עדן אַרײַן, נאָר אין דער רגע איז געקומען דער שטן און געזאָגט, אַז ער האָט נאָך אַ גרויסן חטא, דהײַנו, ער האָט אויפגעגעסן צװײ פור חלב. הויבט דער מענש אָן חײנען און זאָגט:

— ס'טײטש, איך, חלב צװײ פור? װען, װאָס, דאָס איז דאָך אַן עלילת שוא?

האָט דער שטן אויפגעװיזן, אַז װען ער האָט געדרױכערט די ליולקע, האָט ער שטענדיג זי אָנגעצונדן בײַ אַ ליכט, פון דעם ליכט האָט זיך שטענדיג אַרײַנגעקאַפּעט חלב אין ליולקע בײַם פאַררױכערן. אויף אַזאַ אופן האָט זיך אין זײַן גאַנץ לעבן אָנגעזאַמלט צװײ פור חלב. האָט מען אים בײַלד געגעבן אַ שטויס צו די מלאכי־חבלה און ,מען האָט אים אָנגעהויבן אויף דאָס נײַ צו פּײַניגן, ער זאָל אָפּקומען פאַר די צװײ פור חלב, װאָס ער האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך מיטן רויך.

אָט אַזעלכע מאוימדיגע מעשיות האָב איך זיך אָנגעהערט בײַ דער קלוגער באָבען פון לײַבקען דעם שול־רופער. מען קאָן זיך איצט פאָר־שטעלן, אין װאָס פאַר אַ שרעק עס האָט אַרומגעשװעבט מײַן אינגלש לעבן. מען איז עפּעס געװען אַזוי אָנגעשראָקן פון שדים און מזיקים און פון יענער װעלט, װאו די גרעסטע צדיקים מוזן לײַדן חבוט־הקבר און צװעלף חדשים גיהנם, װאו מען ברענט און מען בראָט, מען הײנגט מענער אויף די צינגער און די פרויען פאַר די בריסט און פאַר די האָר, און מען פרעגלט זיך אויפן בראַנד־פײַער, װאָס איז גרויס אַן ערך בײַ אַ פיר הונדערט יאָר נאַננ.

אײנמאָל, געדײנק איך, איז בײַ מיר פסול געװאָרן אַ ציצה, און איך האָב זיך פאַרגעסן בײַטאָג אָנצומאַכן אַן אַנדערע, איך בין געװען פאַרשטיפט. און בײַנאַכט, בײַם שלאָפן גײן, האָב איך זיך אומגעקוקט, אַז איך טראָג נאָך אַלץ די פסולע ציצה. דאָס איז געװען אַרום ימים־נוראים, און יום־כפור, אַ פרומער בין איך געװען, האָב איך זיך שטאַרק צעװײנט פאַר מײַן גרויסער זינד פון דער פסולער ציצה.

יום־כפור בײַנאַכט, אַז איך בין געקומען פון חסידים־שטיבל און האָב געגעסן װעטשערע נאָכן תענית, כאָטש איך בין אַלט געװען נישט מער װי אַכט יאָר, בין איך נאָך אַלץ געװען צעטומלט פון דעם חטא מיט דער פסולער ציצה. נאָך דער װעטשערע בין איך געגאַנגען צום זײדן. די הײזער זײַנען געשטאַנען אײנע נעבן די אַנדערע בײַגאָסן מיט ליכט, עס איז געװען אַ לבנה־שײַן, אַ ליכטיגע נאַכט, און אַז איך בין געקומען צום

זיירנס שטוב, און ווייל אַרויפגיין אויפן גאַניק, האָב איך דערזעהן דעם שכן הערשל מייערטשעס שטייט נעבן זיין קליין גאַניקל פון זיין הויז.

ווערט מיר פרייליכער, וואָס הערשל מייערטשעס שטייט נאָהענט פון מיר; נאָר ווי איך וויל אַרויפשטעלן אַ פוס אויפן גאַניק, דערזעה איך, ווי אָט דער הערשל מייערטשעס הויבט זיך, הויבט זיך און ווערט הויך־הויך, אַזש ביז איבערן דאַך און איז ווייס, ווי שניי. איך האָב זיך דערשראָקן און געמיינט, אַז דאָס איז גאָר אַ שד און נישט הערשל מייערטשעס. מיט די לעצטע כחות האָב איך געגומען לויפן אויפן גאַניק און, נישט דערלויפנדיג אינגאַנצן, בין איך געפאַלן און געחלשט. אין זיירנס שטוב האָט מען געהערט דעם קלאַפּ פון מיין פאַלן, מען איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב און מיך געפונען אַ געחלשטן. עס איז געוואָרן, פאַרשטייט זיך, אַ גוואַלד, עס זיינען אָנגעלאָפן מענשן און מיך אָפגעמינטערט, אַריינגעלעגט אין בעט, וואו איך בין איינגעשלאָפן. מען האָט געבראַכט דעם גרויסן דאָקטאָר מיט יאָסלען דעם פעלדשער, וועלכער האָט נעבן מיר געגעכטיגט צוזאַמען מיט דער באָבען. אויף מאָרגן איז מיר בעסער געוואָרן און איך האָב דערציילט דער באָבען די גאַנצע מעשה מיט דעם שד, וואָס איז פריהער געווען הערשל מייערטשעס, און דערביי האָב איך געזאָגט, אַז איך ווייס שוין, פאַרוואָס דער שד איז צו מיר געקומען: איך בין געגאַנגען אין פ ס ו ל ע ציצית...

אין יענער צייט איז געווען דער באַוואוסטער אַוואַראָקער דיבוק, וואָס איז געזעסן אין אַ מויד, און מען איז מיט איר אומגעפאָרן צו אַלע רביים און גרויסע רבנים, אַז זיי זאָלן אַרויסטרייבן דעם דיבוק. פון דעם דיבוק האָט געקערט גאַנץ ליטע און פיל מעשיות האָבן זיך געדרייט אַרום אים.

דאָ האָט דער דיבוק ג ע ז אָ ג ט תהילים, דאָ האָט ער געלערנט משניות, דאָ ג מ ר א און מדרש, און אַזעלכע מעשיות זיינען געגאַנגען דעמאָלט אַ סך, מען האָט זי געפירט פון שטאָט צו שטאָט און לסוף געקומען קיין קאַמעניץ צום רב. דער רב האָט אָפּגעשיקט אויפן בית־עולם און דאָרט איז געקומען די גאַנצע שטאָט מענשן, מענער, ווייבער און קינדער. און דער רב האָט געשיקט דעם שמש, ר׳ ביינוש, אַז ער זאָל דאָרט, אויפן בית־עולם, זאָגן די און די פסוקים און הייסן דעם דיבוק אַ ר ו י ס־ג י י ן מיט אַ גזרה פון רב און אין נאָמען פון אַלע רבנים.

איך האָב אויך געוואָלט גיין אויפן בית־עולם זעהן, ווי דער דיבוק וועט אַרויס, אָבער דער טאַטע האָט מיך נישט געלאָזט גיין, וואָרום אַרום דיבוק זיינען פאַראַן פיל רוחות רעות.

דער שמש, ר׳ ביינוש, איז געקומען אויפן בית־עולם און געזאָגט די פסוקים מיט די אַלע גזירות, און דער דיבוק שרייט:

— איך װיל נישט אַרויס. מיר איז דאָ גוט.

איז מען אַװעקגעפאָרן מיט דער מויד קיין בריסק צום רב, ר׳ יעקב־מאיר. ער איז געװען אַ גרויסער גאון און אַ צדיק. ר׳ יעקב־מאיר האָט אויך געהייסן אַװעקפירן דעם דיבוק אויפן בית־עולם. זיינען, געװיינליך, װי אומעטום, גאַנץ בריסקער אידן, אנשים, נשים וטף געקומען זעהן דעם װאונדערבאַרן דיבוק, װאָס האַלט זיך אַזוי לאַנג אין דער מויד און װיל בשום אופן נישט אַרויס.

ר׳ יעקב־מאיר האָט געשיקט דעם בית־דין־שמש, ר׳ ליב, צום דיבוק און זאָל זאָגן בגזירות הרב רמתא, אַז ער זאָל די מינוט אַרויס. דער רב האָט אָנגעזאָגט ר׳ ליבן, אַז ער זאָל הייסן דעם דיבוק אַרויסגיין דורכן מינדסטן פינגער פון האַנט. אַזוי איז איבערגעגעבן בקבלה, אַז באַם דיבוק איז דאָס לייכסטע אָרט אַרויסצוגיין דורכן מינדסטן פינגער.

האָט אַזוי ר׳ ליב געזאָגט דעם דיבוק. האָט דער ,דיבוק אָנגעהויבן װיינען, אַז ער װ י ל נ י ש ט אַרויס. האָט ר׳ ליב אים אויפגעװיזן, אַז קוים װעט ער נישט פאָלגן, װעט דער רב מיט אַלע רבנים אים מחרים זיין, ער װעט שוין אייביג פאַרפאַלן װערן אין כף־הקלע, און קיינמאָל קיין תקומה נישט האָבן.

זאָגט דער דיבוק מיט גרויס געװיין:

— איך װעל שוין אַרויס, אָבער זאָל דער רבי מיר זאָגן, װאוהין זאָל איך אַריינגיין...

איז ר׳ ליב געבליבן שטיין און האָט אַליין נישט געװאוסט צו זאָגן װאוהין. האָט ער זיך אומגעקערט און װיל גיין צוריק צום רב און פרעגן, װ א ו ה י ן דער דיבוק זאָל אַריין.

אָבער דערביי איז געשטאַנען ר׳ ליפּע צוקערמאַן, אַ גרויסער גביר, אַ איד אַ למדן און אַ שטיקל אַפּיקורס, װאָס איז צו י ע נ ע ר צייט זעהר נעשעצט געװען באַם גובערנאַטאָר און איז באַזונדערס געװען באַרימט מיט דעם, װאָס ער האָט געקענט כמעט אויסװייניג עטליכע הונדערט בלאַט גמרא. איז זיך אָט דער צוקערמאַן, װאָס האָט אויך ליב געהאַט אַ װיץ, אומישנע געקומען אויפן בית־עולם אַביסל חוזק מאַכן. און אַז ער האָט דערהערט, װי דער דיבוק װיינט און פרעגט, װאוהין זאָל ער אַריין, און ר׳ ליב װיל לויפן פרעגן באַם רב, זאָגט פלוצלינג צוקערמאַן אַרויס:

— שטיי! שטיי! איך װעל אים װייזן, װאוהין ער זאָל אַריין. איך האָב אַ גוט אָרט פאַר אים...

און ער איז צוגעגאַנגען. עפנענדיג ברייט דאָס מויל, האָט ער געזאָגט:

— גיי אַריין צו מיר אין מויל אַריין.

דאָס מויל האָט ער געהאַלטן אָפן סאַמע נעבן דעם מיידלס פנים.

ר׳ ליב האָט זיך דערשראָקן, אַז דער ריבוק זאָל נישט אַריין אין דעם אַפּיקורס, אָבער דער ריבוק ענטפערט גאָרנישט. עס האָט אויס־געוויזן, אַז ער „וויל נישט“ אַריין צו אים. אָבער די מענשן, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען, זיינען נבהל ונשתומם געוואָרן, אַז אַ איר זאָל זיך איינשטעלן און זאָגן דעם ריבוק, ער זאָל אַריין צו אים, און אָנשטעלן אים זיין אָפּן מויל!

און ווען דאָס וואָלט נישט געווען צוקערמאַן, וואָלט מען אים געהרגעט און באַגראָבן אויפן אָרט. פאַר צוקערמאַנען אָבער האָט די שטאָט מורא געהאַט, און דעם רב האָט פאַרדראָסן, פאַרוואָס דער ריבוק איז טאַקע נישט אַריין צו דעם אַפּיקורס. זאָל ער וויסן ווי חווק צו מאַכן. אגב האָט זיך דער רב אַביסל פאַרשעמט אויך. האָט ער געהייסן פאָרן מיטן ריבוק צום לעכעוויטשער רבין, און וואָס דער סוף איז געווען מיטן ריבוק, געדיינק איך שוין נישט.

---

# קאַפּיטל IX

**די „כאַפּערס". — אהרן־לייבעלע, חצקל און מאָשקע. — יאָסעלע. — אמאָלינע דינסט.**

אַקוראַט צו מיין אַכט־יאָריגער עלטער איז אַרויס דער באַרימטער אוקאַז, אַז מען זאָל נעמען זעלנער פון אידן אַכט־יאָריגע אינגלאַך, כּדי מען זאָל זיי קאָנען טויפן. אַזוינע עופהלאַך האָט מען נאָר איין יאָר געגומען. דערנאָך האָט מען זיך אַרומגעזועהן, אַז עס איז אַ שטיקל טעות. אפשר איין פּראָצענט פון די אַלע קינדער האָט זיך געטויפט, און דאָס איז אויך אָנגעקומען מיט גרויס נויט. מען האָט זיי אָנגעטאָן גרויסע יסורים, ביז מען האָט געקאָנט פּועלן, אַז איינער אפשר פון הונדערט זאָל זיך טויפן.

די מוטערס פון די קינדער האָבן זיי פריהער מיט אַלע כּחות צוגערייט צו דעם, אַז זיי זאָלן זיך נישט טויפן, און מיטגעגעבן יערן קאַנטאָניסטל אַ פּאָר תּפילימלאַך. עס איז באַ זיי געבליבן אין האַרצן דער מוטערס פאַרואָג מיטן געוויין, און זיי האָבן אויף קיין פאַל נישט געוואָלט טוישן די אידישע אמונה.

רעמאָלט זיינען געווען אין קאַמעניץ דריי „כאַפּערס", און איינער פון זיי, אהרן־לייבעלע, איז געווען ממש אַ מערדער, האָט לחלוטין נישט געהאַט אין האַרצן קיין פונק פון רחמנות. צו אים זיינען געווען נאָך צוויי, אַ חצקל און אַ מאָשקע; אָט די כאַפּערס האָבן באַראַפּט אויפ־כאַפּן אַ קליין אַכט־יאָריג אינגעלע פאַר אַ זעלנער.

באַ אונז אין חדר, באַ מאָטע מלמד, האָט געלערנט צווישן די גרויסע בעלי־בתּישע אינגלאַך איין אינגל, אַ יתום פון אַ רייכן בעל־עגלה, יאָסעלע. מחמת ער איז געווען זעהר אַ גוט און אַ געראָטן אינגל, און די מוטער די אלמנה איז געווען אַ נגידה, האָט זי געצאָלט טייער מלמדות־געלט פאַר איר אינגל, אַבי ער זאָל לערנען באַ אַ גוטן מלמד, צווישן די יחסנישע קינדער.

איינמאָל אין מיטן טאָג זיינען אַריינגעקומען צוויי כאַפּערס צו אונז אין חדר; געעפנט די טיר און געשטאַנען אויפן שוועל און איבערגעקוקט

די אינגלאַך. איך מיט מײַן פֿעטער ישראל האָבן באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז זײ זײנען געקומען נעמען יאָסעלען פֿאַר אַ זעלנער, האָבן מיר געכאַפּט דער רביצינס לײכטער און געװאָלט זײ װאַרפֿן אין די קעפּ אַרײַן. רעבּי האָבן מיר געשריען צו זײ, אַז באם זײ װעלן קומען צו אונז אין חדר, װעלן מיר זײ פּלעטן די קעפּ. געסטראַשעט האָבן זײ קינדער, דאָך זײנען זײ אַנטלאָפֿן.

נאָר אײנמאָל זײנען מיר, אינגלאַך, געגאַנגען פֿון חדר מיטאָג עסן, האָט אהרן־לײבל געװאָלט כאַפּן יאָסעלען. יאָסעלע האָט עס באַלד באַמערקט, האָט ער זיך אַרױפֿגעכאַפּט צו מיר אױפֿן פּלײצע. האָט שױן אהרן־לײבל אָפּגעטראָטן. רעבּי האָב איך אָבער אין אים געװאָרפֿן אַ שטײן און געטראָפֿן אין פּלײצע, און ער האָט זיך לאַנג געהאַלטן מיט דעם קלאַפּ.

דערנאָך האָב איך שױן יאָסעלען אָנגענומען פֿאַרן האַנט און אַװעקגעפֿירט צו זיך אַהײם און געבעטן דער מאַמען, אַז זי זאָל אים האַלטן באַ אונז אין שטוב, געבן אים עסן, און שלאָפֿן װעט ער מיט מיר, ביז דער נאַבאָר װעט אַריבער. מיר אַלע אינגלאַך װידער האָבן זעהר ליב געהאַט יאָסעלען פֿאַר זײן חכמה און חײכקײט, אַגב איז ער געװען זעהר אַ שײן אינגעלע, ממש בלוט און מילך.

די פּני האָבן אָבער פֿאָרט איבערגעגעבן די כאַפּערס צו כאַפּן נאָר יאָסעלען. און קײן אַנדערן אױף זײן אָרט האָבן די כאַפּערס נישט געהאַט קײן רעכט צו כאַפּן. האָבן זײ אַלץ געלױערט אַרום יאָסעלען. אײנער האָט זיך פֿאַרגנבעט און געזעסן אין אַ שטעלעכל קעגנאיבער טאָג און נאַכט און געהיט, טאָמער װעט יאָסעלע אַרױס פֿון משה אהרן־לײזערס שטוב, װעט ער אים כאַפּן.

דרײ װאָכן איז יאָסעלע געװען באַהאַלטן באַ אונז אין שטוב, אָבער, לײדער, האָט זיך יאָסעלע פֿאַרבײנקט נאָך דער מוטער און אַרױסגעכאַפּט זיך אין דרױסן. קײנער האָט אים נישט באַמערקט און ער איז גיכער געלאָפֿן צו דער מוטער. דעמאָלט האָט אים מאָשקע געכאַפּט. עס האָט שױן קײן זאַך נישט געהאָלפֿן. די מוטער האָט, פֿאַרשטײט מען, ביטער געװײנט. מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן: אַ קלײן קינד גײט אַװעק צװישן זעלנער, גרױסע גוים, און ביז צװאַנציג יאָר װעט ער דאַרפֿן ערגעץ פֿאַשן חזירים, דערנאָך ערשט װעט ער דינען פֿינף און צװאַנציג יאָר!

אַ פּאָר װאָכן איז יאָסעלע געזעסן אין שטיבל נעבן גרױסן בית־המדרש, װאו עס איז געװען אַ פֿענסטער מיט אײזערנע גראַטעס און אַן אײזערנע טיר. דאָרט פֿלעגן זיצן אַלע יאָר די נאָװאָבראַנצעס, ביז מען האָט זײ אַװעקגעפֿירט קײן בריסק צום איספּראַװניק.

יאָסעלע האָט ביטער געוויינט אין שטיבל, און די מוטער נעבן שטיבל איז שיער נישט צעריסן געוואָרן וויינענדיג.

דערנאָך האָט דער אַסעסער גענומען דריי רעסיאַטניקעס מיט אַ פור און אַוועקגעזעצט דאָס קליינע אינגעלע. פון קאַמער האָט ער נישט געוואָלט גיין, ער האָט זיך שטאַרק געריסן, האָט מען אים געבונדן און דערביי נישט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ. די מאַמע איז ווילעווייז געפאַלן אין חלשות. זי האָט באַוויינט דאָס קינד און געקלאָגט דערויף, ער זאָל זיך, חלילה, נישט שמדן, כאָטש מען זאָל אים בּרענען און בּראָטן, און שמייסן, און רייסן זיין לייב מיט צוואַנגען; ער מוז אַלץ איבּערטראָגן, בּיז זיין הייליגע נשמה וועט אַרויף אויפן הימל.

די געוויינען פון דער מוטער מיטן קינד האָבּן זיך געהערט אין גאַנץ שטאָט. אין שטאָט איז געווען אַ חורבּן. אַלע ווייבער און שוואַכע מענער האָבּן מיטגעוויינט, און אַלע אינגלאַך פון אונזער חדר (פון יענע חדרים האָבּן די מלמדים נישט געלאָזט גיין) זיינען אויך געקומען, ווען מען האָט אים אַרויסגענומען פון שטיבל אויפן גרויסן וואָגן מיט אַ פּאָר פערד — אַוועקצופירן.

די מוטער איז מיטגעפאָרן קיין בּריסק מיט אַן אַנדער פור און האָט אַ גאַנצן וועג געחלשט. די גוים האָבּן זי געמינטערט, דאָס קינד האָט שוין קיין כּח נישט געהאַט צו וויינען, און ער איז געלעגן אַ האַלב טויטער אין וואָגן. ווענן דעם, אַז ער האָט שוין נישט פאַרזוכט ; פון עטליכע טעג קיין עסן, איז איבּעריג צו דערמאָנען.

אַז מען האָט אים געבּראַכט קיין בּריסק, האָט דער קליוטשוואָיט דער־ציילט דעם איספּראַווניק, וואָס ער מיט די העלפער האָבּן זיך אָנגעליטן פון דער מוטער מיט איר וויינען און חלשן. דערויף האָט דער איספּראַווניק געהייסן אַ רעסיאַטניק אָפּפירן זי בּאַלד קיין קאַמעניץ. אַז זי איז געקומען אַהיים, איז זי אָפּגעלעגן צוויי טעג און געשטאָרבּן.

בּאַם איספּראַווניק איז געווען אַ בּאַפעל, אַז קיינער טאָר נישט וויסן, וואוהין ער שיקט אָפּ די קאַנטאָניסטן. אָפּגעשיקט האָט מען זיי אין טיף רוסלאַנד.

מיר האָט אַ געטויפטער קאַנטאָניסט דערציילט, ווי אַזוי מען האָט אויסגעטויפט אין סאַראַטאָוו מיט איין מאָל זעקס קאַנטאָניסטן פון דרייסיג. דאָס איז פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן: אַז קיין שמיץ האָט נישט געהאָלפן, איז געפאַלן דער פּאָלקאָווניק אויף אַ נייעם שכל, ווי אַזוי צו נויטן, זיי זאָלן זיך טויפן: מען האָט אַריינגעפירט די דרייסיג קאַנטאָניסטן אין בּאָד און מען האָט אָנגעהויבּן געבּן „פּאַרע“ אַלע מאָל מער און מער. דאָס איז געווען אוממענגליך איבּערצוטראָגן. זעקס האָבּן נישט אויסגעהאַלטן און זיך

געטויפט. די איבעריגע זיינען געבליבן פאַרחלשטע. אַז מען האָט זיי דערנאָך אָפּגעמינטערט, זיינען דריי געבליבן טויט.

מיין קאָנטאָניסט איז געווען זעהר פּייז אויף גאָט. לויט זיין מיינונג, האָט גאָר קיין גאָט נישט געקאָנט זיין, קוים האָט ער געקאָנט צוזעהן אַזוי פיל יסורים און פּיין. און אויב עס איז דאָ אַ גאָט, איז ער נאָר דער גאָט פון שלעכטס...

ווי געזאָגט, האָט מען אַכט־יאָריגע אינגלאַך גענומען נאָר אין תּרט״ו. פאַלד האָט מען זיך אַרומגעזעהן, אַז דאָס איז נישט פּראַקטיש פון איין זייט, און פון דער צווייטער — איז שווער צו טויפן אַ אידיש אינגעלע אַפילו אַן אַכט־יאָריגעס. און דאָס איז בטול געוואָרן.

יאָסעלע איז פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין, נאָר אין אַ יאָר אַרום, חנוכּה־צייט, איז געקומען קיין קאַמעניץ אַ ראָטע זעלנער, וואָס האָבן באַראַרפט שטיין דאָ אַ פּאָר חדשים, ווי עס איז שטענדיג איינגעפירט געווען. פלעגט אַלע צוויי, דריי מאָנאַטן 'קומען אַן אַנדער ראָטע זעלנער, פאַרבריינגען אַ פּאָר מאָנאַטן און אַוועקגיין. אויף זייער אָרט ווידער — אַן אַנדער ראָטע זעלנער.

ווי ערשטווינט זיינען מיר געוואָרן, ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט, אַז די ראָטע זעלנער האָט מיטגעפירט יאָסעלען דעם יתום. אריה־ליב האָט גלייך געבעטן דעם אָפיציר, אַז יענער זאָל ערלויבן ברייננגען יאָסעלען צו אונז. זיינען עטליכע סאָלדאַטן געקומען מיט יאָסעלען צום זיידן אין שטוב אַריין. יאָסעלע איז אַריינגעקומען אַ באָרוועסער, אין אַ גרויס, גראָב, גויאיש העמד, לאַנג ביז די טריט, אָהן הויזן, אין אַ פעלצל. דאָס פּנים פאַרשוואָלן, בלאַס, ווי אַ טויטער. אַז מיר האָבן אים דערזעהן, איז געוואָרן אַ געוויין, און מער פון אַלעמען האָב איך געוויינט, ווייל איך האָב אים ליב געהאַט, און ער איז מיין חבר געווען.

איך בין צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט:

— יאָסעלע, יאָסעלע...

אָבער יאָסעלע היינט, יאָסעלע מאָרגן, ער ענטפערט נישט, ער איז געוואָרן אַן אידיאָט, און וואָס איך האָב נישט גערעדט צו אים און געבעטן און געוויינט:

— יאָסעלע! יאָסעלע! יאָסעלע!

איז געווען אין קול ואין עונה. אַז מען האָט אים געגעבן טיי מיט זעמל, האָט ער נישט געוואָלט עסן און נישט טרינקען. און עס איז נישט געווען מיט וועמען צו ריידן.

קאָן מען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ קלאָג עס איז געוואָרן אין גאַנץ שטאָט. קיין סך מענשן האָבן אים נישט געקאָנט זעהן, ווייל דער

אָפּיציר האָט אָנגעזאָגט, אַז קיין סך זאָל נישט קומען. און איך בין געבליבן אַ צעבראָכענער און געוויינט נאָך אים וואָכן און חדשים.

מען האָט געפּרעגט דעם אָפּיציר, פון וואַנען קומט דאָס קאַנטאָניסטל אַהער, האָט ער דערציילט, אַז ווען מ׳האָט אַוועקגעשיקט אַלע קאַנטאָניסטן אין טיף רוסלאַנד, איז יאָסעלע געווען קראַנק, וויל ער האָט נישט געוואָלט עסן און נאָר געוויינט, איז ער געלעגן אין לאַזאַרעט אין פעסטונג. געלעגן איז ער דאָרטן לאַנג, און פון נישט עסן און פון וויינען איז ער געוואָרן אַן אידיאָט.

מען דאַרף אָבער רעכענען, אַז מער פון אַלץ האָט אויף אים געווירקט די שרעק פון די כאַפּערס. אַ קליינינקייט, אַ קינד פון אַכט יאָר האָט שוין באַראַרפט פילן, אַז ער דאַרף זיך היטן, אַנישט וועט מען אים כאַפּן, ווי אַ קאַץ כאַפּט אַ מויז. דאָס איז נאָך מער ווי שרעקליך. פאַרוואָס מען וויל אים כאַפּן, האָט ער נישט פאַרשטאַנען. ער האָט נאָר געפילט, אַז אָט וועט מען אים כאַפּן, כאַפּן, כאַפּן.

אַז ער איז געוואָרן אַ תּם, האָט ער שוין געקאָנט עסן און גיין אויף די פיס. דעמאָלט האָט מען אים אויסגעשריבן פון לאַזאַרעט און מען האָט אים אַריינגעגעבן צו די זעלנער. שלעפּט מען זיך מיט אים אַרום, אָבער דער קאַפּיטאַן האָט אים אָפּגעשיקט צוריק אין פעסטונג. וואָס וועט ער זיך אַרומשלעפּן מיט אַן אידיאָט. די סאָלדאַטן וועלן אים נאָך פאַרהרגענען דעם „זשיראָטשעק“.

אינם צווייטן יאָר (תּר״טז) איז שוין דאָס געזעץ בטול געוואָרן, איז אָבער געקומען אַ צווייטע צרה אויף אידן: עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג, אַז איין שטאָט קאָן אָפּגעבן פאַר זעלנער אידן פון אַנדערע שטעט.

דעמאָלט איז געוואָרן אַן אמתע כאַפּעריי באַ אידן. מען האָט זיך געשפּילט אין כאַפּעריי. אָבער דאָס שפּיל איז געווען אַ גראַנדיעזעס בלוט־שפּיל. כאַפּערס זיינען געקומען פון אַ ווייטער שטאָט און געכאַפּט זעלנער. זיי פלעגן קומען באַנאַכט און אַרויסנעמען די רייכסטע און שענסטע יונגע־לייט, וועלכע האָבן געהאַט שוין עטליכע קינדער.

אָט די סצענעס זיינען געווען פון די שוידערהאַפטעסטע סצענעס באַ אידן. די כאַפּערס זיינען געקומען אין אַ שטאָט בשתיקה, קיינער זאָל נישט וויסן. געמאָלדן האָבן זיי זיך באַ דער פּאָליציי מיט אַ פּאַפּיר פון זייער איסבאָרשטשיק מיטן אַסעסער. אין פּאַפּיר איז געווען אָנגעוויזן, אַז זיי זיינען כאַפּערס. פּאָליציי האָט זיי געגעבן דעסיאַטניקעס און סאָלדאַטן, וויפיל זיי האָבן געפאָדערט און כאַפּן פלעגן זיי אין מיטן נאַכט, אָנ־קלאַפּנדיג אין טיר.

און טאָמער האָט מען אַזוי גיך די טיר נישט געעפנט, האָבן זיי שוין מיטגעהאַט אַזעלכע אינסטרומענטן אויף צו האַקן טירן מיט שלעסער, זיינען באַלד אַריין, אַרויסגעשלעפּט פּשוט און מיט גרויס אכזריות רעם יונגענמאַן און אַוועק.

און אַז מען האָט דערהערט אין אַ הויז, אַז פּאָליציי קלאַפּט אין טיר, איז געפאַלן אויף דער גאַנצער פאַמיליע אַ טויט־שרעק. אַמאָל האָט מען זיך שטאַרק געוועהרט קעגן די כאַפּערס מיט דער פּאָליציי. דעמאָלט האָט מען געכאַפּט אין די הענט העק, מעסערס, אייזנס, האַמערס, אָדער מען האָט זיך שוין צוגעגרייט פון פריהער. און ווי זיי זיינען אַריינגעקומען, איז דאָס גאַנצע הויזגעזינד באַפאַלן די כאַפּערס, געהרגעט זיי צום טויט.

אָבער די כאַפּערס פון זייער זייט האָבן אויך נישט געשוויגן. זיי האָבן געהאַט מיט זיך לאָמען און אייזערנע שטעקנס און אין שטוב פלעגט פאָרקומען אַן אמתע מלחמה. עס האָבן זיך געגאָסן טייכן בלוט, מען האָט זיך געשלאָגן ביז די לעצטע קרעפטן, און אויף וועמענס צד עס איז געווען מער כח, דער האָט מנצח געווען. עס פאַרשטייט זיך, אַז די כאַפּערס האָבן דאָס רוב געזיגט.

האָבן זיי זיך שוין אָנגעזועצט אויף אַ יונגענמאַן אים צונעמען, האָט שוין קיין זאַך נישט געהאָלפן. דאָס האָט געמענט קאָסטן פיל קרבנות. די כאַפּערס האָבן זייער לעבן איינגעשטעלט און אָדער זיי האָבן גענומען אָדער זיי זיינען אַרויס קאַליקעס.

די מוטערס פון די רעקרוטן זיינען דאָס רוב געשטאָרבן פון גרויס צער, די פאָטערס זיינען געבליבן קאַליקעס, די ווייבער קאַליקעס — פון דער הויז־מלחמה. די געוויינערייי און די רייסערייי פון דער שטוב־פאַמיליע האָט דערגרייכט ביזן הימל. דערנאָך ערשט האָט מען געהאַט אויף זיך קרימי־נעלע פּראָצעסן פאַר שטעלן זיך קעגן פּאָליציי און הרגענען, שלאָגן זיך מיט אייזנס א. אַז. וו.

איז מען געזעסן אין די טורמעס און מען האָט זיך געמשפּט. מען איז אָרים געוואָרן און אַ חלק פלעגט ווערן פון אַ גרויסער, צומאָל רייכער פאַמיליע.

אויסער אַלעמען איז קיין וואונדער נישט געווען, וואָס אַ פאַמיליע פלעגט איינשטעלן איר לעבן מיט איר האָב און גוטס, אַבי צו ראַטעווען דאָס קינד פון די זעלנער. דעמאָלט איז אַלעמען גוט באַקאַנט געווען די צרות מיט די אַכזריות, וואָס אַ זעלנער האָט באַדאַרפט אויסשטיין אין זיינע פינף און צוואַנציג יאָר דינסט.

איך געריינק, ווי באַ אונז איז געשטאַנען אַ האַלבע ראָטע זעלנער, און איך האָב געקאָנט זעהן ווי אַזוי עס גייט צו דאָס מיליטער־דינסט פאַר ניקאָלאַיען.

די זעלנער פלעגט מען מושטירן אין מאַרק, און טאָמער האָט דער זעלנער נישט אַזוי גוט געמאַכט מיט דער ביקס, אָדער ער איז נישט אַזוי גוט געשטאַנען, האָט דער אונטער־אָפיציר גענומען דרייען דעם זעלנער פאַר די אויערן, פאַרן נאָז און געפּאַטשט אָהן רחמנות, אַזוי אַז מיר האָבן געמיינט, אַז דער אויער, די נאָז בלייבט באַ דעם אונטער־אָפיציר אין האַנט. אָדער ער האָט אים מיטן אייזערנעם שטעקל פון ביקס געשלאָגן מכּות אַכזריות, אַז דער זעלנער האָט זיך געבויגן אין פירן און איז אַוש געוואָרן בלוי.

געשמיסן האָט מען אַכזריותדיג פאַר אַלעמען אין די אויגן פאַר אַ מינדסטע זאַך, די ריטער זיינען געווען אַלע טאָג פרישע, ערשט אויס־געשניטן פון וואַלד און געבראַכט אין שטאָט אַריין; און יעדער שמיץ פון אַזאַ רוט, פלעגט אַרויסרייסן אַ פּאַס פלייש פון לייב.

באַ מאָשקען אין קרעטשמע, געריינק איך, איז איינגעשטאַנען אַן אָפיציר, אַ גרויסער מערדער. דאָס איז געווען אַ שיין הויז מיט אַ גרויסער סטאָדאָלע, וואו עס זאָלן קאָנען אַריינפאָרן אַ סך פורן.

באַ מאָשקען איז דאָס אַלץ אָפּגערוננגען געוואָרן פאַר די ·אָפיצירן. פלעגט מען אין מאָשקעס סטאָדאָלע שמייסן די זעלנער. געריינק איך דייטליך די ריטער, און יערן טאָג האָט מען געהערט דעם קנאַל פון שמיץ. אַמאָל איין זעלנער, און אַמאָל דריי זעלנער מיט אַמאָל. און נאָכן שמייסן, אַז מיר איינגלאַך פלעגן זיך אַריינכאַפּן אין סטאָדאָלע, פלעגן מיר געפינען די ערד אויסגעווייקט מיט בלוט.

איינמאָל האָט דער אָפיציר פאַרשמיסן דריי זעלנער צום טויט. ער האָט געהייסן געבן צו פינף הונדערט שמיץ, און באַ אַכציג, ניינציג שמיץ זיינען זיי געבליבן טויט. דער אָפיציר אַליין איז געשטאַנען און געשריען:

— פּ אָ ק ר ע פּ ט ש ע, ש ט אַ ר ק ע ר!

אַז ער, דער אָפיציר, האָט אַרויסגערערט מיטן מויל פינף הונדערט, האָט שוין געמוזט זיין פינף הונדערט. צוויי האָבן געשמיסן און איינער האָט געציילט די שמיץ.

דאָס זעלנערשע ברויט איז געווען גראָב, שוואַרץ, אָהן זאַלץ, אָהן טעם, און מען האָט נישט געקאָנט דאָס ברויט נעמען אין מויל אַריין. די אָפיצירן האָבן געלעבט אַ גוטן טאָג, האָבן אינגאַנצן געגנבעט באַ די זעלנער, וועלכע מען האָט קיין פלייש נישט געגעבן, און אַז זיי האָבן

שוין אַמאָל נעגעסן פלייש, איז דאָס געווען ביינער פון פאַרלע. די אָפּיצירן האָבן אַלץ פאַרקויפט.

זיי האָבן גענעבן די פּאָדריאַטשיקעס קוויטונגען, אַז זיי האָבן צוגענומען באַ זיי כך וכך מעל, כך וכך פלייש, אָבער זיי האָבן נישט צוגענומען קיין דריטל פון די עסן־פּראָדוקטן. די זעלנער זיינען שטענדיג געווען טויט־הונגעריג.

און דעריבער זיינען זיי געווען אַממיינסטן גנבים, עס האָט נישט געהאָלפן קיין שמיץ, ווייל זיי זיינען געווען הונגעריג, פאַרמאָרדעוועט פון ווייניגן און שלעכטן עסן און פון די קלעפּ און שמיץ. צוזעהענדיג דאָס פינסטערע, ביטער לעבן פון די ניקאָלאַיעווסקע זעלנער צוזאַמען מיט לאַנגע שווערע יאָרן דינסט, איז שוין קיין וואונדער נישט, וואָס אַ גאַנצע פאַמיליע האָט זיך מוסר־נפש געווען אַבי נישט צו־צולאָזן זייערס אַ קינד אַריינפאַלן אין אַזעלכע אַכזריותדיגע הענט כמעט אויף אייביג.

דער סאָרט „כאַפּעניש” דורך פרעמדע כאַפּערס איז אויך מער נישט געווען ווי צוויי יאָר, ביז מען האָט איינגעזעהן, אַז דאָס טויג נישט און מען האָט עס מבטל געווען. איצט האָט נאָר יעדע שטאָט באַדאַרפט געבן זעלנער בלויז פון אירע נפשות און נישט פון קיין פרעמדע.

נאָר אַזוי ווי אַ סך מענשן האָבן געוואוינט נישט אין זייער שטאָט גופא, נאָר אין אַנדערע, האָט מען אַרויסגעשיקט פון יעדער שטאָט כאַפּן זייערע נפשות. דאָ איז איינגנטליך צוגעגאַנגען שווינדל. וואָרום אַנדערע שטעט האָבן אָנגעגעבן נעמען, וועלכע זיינען באַ זיי גאָרנישט געווען פאַרשריבן, וואָס זיינען בכלל אין ערגעץ נישט פאַרשריבן געווען, און מען האָט זיי געכאַפּט אַלס צוגעשריבענע און אָפּגעגעבן אין סאָלדאַטן. ווייטער האָט יעדע שטאָט אַרויסגעשטעלט אַ סך נעמען אין רייסטער. דאָ איז אויך געווען שווינדל, און צוגעגאַנגען איז עס גאַנץ פּשוט. יעדער איד האָט אַמאָל געהייסן, דאָס רוב, מיט צוויי, דריי נעמען. צום ביישפּיל, איינער האָט געהייסן יעקב־יאָסל־ליב, האָט מען איינעם געגעבן אַ פּאַספּאָרט: יעקב מינץ, דעם אַנדערן יאָסל מינץ, דעם דריטן ליב מינץ, און אַ פערטן האָט מען גלאַט אויסגעטראַכט אַ נאָמען. אַזוי האָט זיך געפירט די אידישע וועלט אין רוסלאַנד ביז 1874־טן יאָר.

און אַז מען האָט אָפּגעגעבן פאַר אַ זעלנער אַזעלכן, וואָס איז נישט געווען אָפּגעפאָרן, האָט מען אים אויך באַדאַרפט כ א פּ ן. אַליין שטעלן זיך האָט מען נישט באַדאַרפט, נאָר אַז מען האָט אים ג ע כ אַ פּ ט איז געווען פאַרפאַלן. קאָן מען פאַרשטיין די הריגות מיט די געשלעגעריי, וואָס עס זיינען פאָרגעקומען צווישן דער פאַמיליע פון רעקרוט מיט די כאַפּערס. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַ שטיינערנע

הערצער עס האָבן באַראַרפט האָבן די כאַפּערס. זיי זיינען געווען אַ סך עקלהאַפּטער פון אַ היינטיגן תּלין. מען האָט זיך שטענדיג באַראַרפט שלאָגן, הרגענען, און די געוויינערייַ פון די טאַטעס מיט די מאַמעס, שוועסטער און ברידער און פון דער גאַנצער פאַמיליע — אָט די אַלע האַרצרייסנדיגע סצענעס האָט זיי אויף אַ האָר נישט 'גערירט.

דער כאַפּער אהרן־לייבל איז געווען עפּעס אַ חיה אין דער מראה פון אַ מענשן. אויפן פּנים איז געלעגן — רוצח. אַלע האָבן אים שרעקליך פיינט געהאַט. מיט אים האָט מען געסטראַשעט קינדער, און ער האָט געדינט אַלס אַ העסליכער ביישפּיל פאַר אַלעמען. ווען איינער האָט געוואָלט זידלען מיט די שמוציגסטע זידלערייען, האָט ער געזאָגט:

— דו ביסט דאָך אהרן־לייבעלע.

דאָס איז געווען אַזאַ באַליידיגונג, וואָס עס איז זי שווער געווען צו שיינקען.

איך האָב שוין דערציילט, ווי איך האָב „געקעמפט" אינגלוויז מיט די כאַפּערס, „געקעמפּט" פון זיך אַליין, פון עקל, פון נישט קאָנען צוזעהן. אָט איז נאָך אַ מעשה:

איינמאָל, געדיינק איך, בין איך געשטאַנען נעבן דעם מגידס שטוב מיט נאָך אַ פּאָר אינגלאַך. אין דערזעלבער צייט איז מאָרנע האַסטיג פאַרביינגעלאָפן דור דער סטאָלאַר. דערפון האָב איך באַלד פאַרשטאַנען, אַז אהרן־לייבעלע יאָגט אים און וויל אים געווים כאַפּן פאַר אַ זעלנער. אַזוי איז טאַקע געווען. באַלד נאָך אים איז געלאָפן הענדום־פּענדום אהרן־לייבעלע. אינסטינקטיוו, פון זיך אַליין, בין איך אונטערגעלאָפן און אונטער־געשטעלט אהרן־לייבעלען אַ פוס. איז ער געפאַלן און האָט זיך צעבלוטיגט די נאָז, ווי אַ חזיר. יענע אינגלאַך זיינען בעת מעשה זיך צעלאָפן, און איך בין געשטאַנען און געשריען:

— אהרן־לייבעלע, ווען וועסטו שוין אַ מיתה־משונה איינגעמען!..

ער איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך אָפּגעווישט דעם טריפהנעם דם מיט זיין גרויסן שמוציגן נאָז־טיכל. און ער האָט מיר נישט געזאָגט אַ וואָרט צו זאָגן. ער האָט נאָר דערציילט מיין טאַטן דערפון, און דער טאַטע האָט מיר געגעבן אַ פּאַטש און געזאָגט:

— ער איז טאַקע אהרן־לייבעלע, נאָר דו דאַרפסט אים נישט אונטערשטעלן אַ פוס, ער זאָל פאַלן.

דער זיידע האָט זיך ביסלעכוויז אָפּגעוויינט אינגאַנצן פון די שטאָטישע ענינים, נאָר אַז זיי האָבן באַראַרפט עפּעס האָבן צום איספּראַווניק, איז מען שוין פון די פּני געקומען בעטן דעם זיידן, אַז ער זאָל שרייבן צום איס־פּראַווניק. און יענער האָט אַלץ געטאָן, וואָס דער זיידע האָט געבעטן.

נאָר בשעת רעקרוטן־צייט, איז די פאַמיליע פון דעם אַריינגעפאַלענעם רעקרוט שטענדיג געקומען בעטן און וויינען באַ דער באָבען ביילע־ראַשע, אַז זי זאָל פועלן באַם מאַן, מען זאָל באַפרייען דעם רעקרוט. זיי זיינען נישט געגאַנגען וויינען פאַרן איסבאָרשטשיק און נישט פאַר קיינעם פון די פני, נאָר פאַר דער באָבען. וואָרום זיי האָבן געוואוסט, אַז כאָטש אהרן־לייזער האָט זיך נישט געמישט אין דעם נאַבאָר, און נישט ער וויים אַפילו, ווען מען האָט געהייסן נעמען פאַר אַ זעלנער, נאָר אַז ער וועט זאָגן, אַז דעם ראָזינן רעקרוט, וואָס מען האָט שוין צוגענומען, מוז מען באַפרייען, וועט מען אים גלייך באַפרייען אָהן שום טענה ומענה; עס וועט שוין גיין אַן אַנדערער אויף זיין אָרט. עס זיינען שוין געווען אַזעלכע פאַקטן איינִיגע מאָל, דעריבער האָט מען שטענדיג דער באָבען באַוויינט, און זי האָט פשוט נישט געהאַט קיין כח צו לעבן.

---

# קאַפּיטל X

זאַסטאַוויע. — די גרויסע מחלוקת. — די שבועה. — אויסגענאַרט. — דעם זיידנס קאַפּאָטע. — דער שלום. — די פּריצים מיט די פּויערים. — דאָס שמייכן פּויערים.

דער זאַסטאַוויער יונגער דור איז אין כּלל באַשטאַנען פון גרויסע אינטריגאַנטן. זיי איז געווען גוט אויפן האַרצן, ווי זיינען געווען נגידים, האָבן זיך אויפגעפירט פּראָסט, גראָב און קיין זאַך האָט זיי נישט געפעלט. מאַכן אינטריגעס אין שטאָט — איז בּאַ זיי געווען אַ מין ספּאָרט.

האָבּן זיי נישט געקאָנט פאַרגינען, וואָס אַהרן־לייזער מיט אַלע קינדער לעבן פון דער אַרענדע אַזאַ ברייט לעבּן, פאַרוואָס זאָל מען דאָס לאָזן אהרן־לייזערן האָבּן אַזאַ גוטס, בּעת ער צאָלט פאַר דער אַרענדע כּמעט גאָר קיין געלט נישט; און אַז עס איז געקומען נאָהענט די צייט, וואָס אָסערעווסקי, דער פּריץ, האָט בּאַראַרפט קומען צופאָרן, האָבּן זיי זיך צוגעגרייט אַ גאַנצע קאָמפּאַניע גיין צו אָסערעווסקין און זאָגן, אַז זיי געבּן אים דריי טויזנט רובּל אַ יאָר, אָנשטאָט די צוועלף הונדערט, וואָס אהרן־לייזער צאָלט. די קאָמפּאַניע האָט זיך געשטאַרקט, ווייל מען האָט געוואוסט מיט וועמען מען הויבּט ראָ אָן צו שטרייטן. צו דער ראָזיגער קאָמפּאַניע זיינען צוגעשטאַנען אַלע עזות־פּנימער, אַלע תּקיפים, און געשלאָסן אַ שותּפות; און זיי זיינען אַריין אין אַזאַ גדלות, אַז זיי האָבּן זיך צוגעגרייט אָפּנעמען די אַרענדע מיט גוואַלד, זיי מעגן צולייגן זייער גאַנץ פאַרמעגן און עס זאָל זיך אַפילו גיסן בּלוט, אַבּי די אַרענדע זאָל אָפּגענומען ווערן בּאַ אהרן־לייזערן.

אַז רערפון איז געוואָר געוואָרן דער זיידע, איז ער געפאָרן צום איספּראַווניק און אים געזאָגט, אַז ער וויל ווערן איסבּאָרשטשיק. דער איספּראַווניק איז בּאַלר געקומען קיין קאַמעניץ, האָט אָפּגענומען דעם זיגל מיט די בּיכער בּאַם איסבּאָרשטשיק ב. און אָפּגעגעבּן דעם זיידן. איצט האָט שוין דער זיידע אָנגעהויבּן אַרבּעטן. צום ערשטן, האָט ער געשיקט רעסיאַטניקעס שלעפּן בּאַ דער זאַסטאַוויער „אָפּאָזיציע“ די פאַנגען

מיט די לייכטער, מיט די זייגערס — אַלץ, וואָס בײַ זיי האָט זיך נאָר געפֿונען און זאָגאַר בעטגעוואַנט, וואָס דערויף איז גאָר קיין ׳רעכט נישט געווען צו נעמען. נאָר וועמען הערט דער זיידע? ער האָט דעם איס־פּראַווניק. דערבײַ האָט ער אײַנגעפֿונען אַלטע חובֿות, וואָס די שטאָט איז געבליבן שולדיק, וויל ער, מען זאָל דאָס איצט אָפּצאָלן און די גאַנצע סומע מיט אַמאָל. ווידער האָט ער צוגעשטעלט יערערן זעהר גרויסע אָפּ־צאָלונגען, וואָס איז זיי טיילווייז אוממעגליך געווען צו געבן. איז געוואָרן אין שטאָט אַ מהומה און מען האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז מיט אהרן־לייזערן איז זיך שווער צו ראַנגלען. אגב זיינען זיי זיך קענן אים באַגאַנגען נישט גאָר יושרדיג: אָפּנעמען בײַ אים אומזיסט־אומנישט די אַרענדע.

האָבן זיי געשיקט דעם רב צו אהרן־לייזערן למען השלום בעטן אים, אַז ער זאָל ווערן אויס איסבאָרשטשיק, און זיי וועלן דערבײַ שווערן מיט כּל השבועות שבעולם, אַז זיי וועלן די אַרענדע נישט אויסרינגען. דער זיידע האָט אַפֿילו נישט געוואָלט מאַכן קיין שלום, נאָר דער טאַטע מיינער מיטן פֿעטער מרדכי־ליב, און אויך דער זיידע ר׳ יורל מיט דער באָבע ביילע־ראַשען — אַלע האָבן זיך אַריינגעלעגט, מען זאָל מאַכן שלום.

איז געבליבן, אַז די אַלע חברה־לייט, וועלכע האָבן געהאַט בדעה אויס־צורינגען די אַרענדע, וואָס זיינען באַשטאַנען, ווי דער זיידע האָט אויס־גערעכנט אויף אַ צעטל, פֿון אַ זיבעציג פּערזאָן, זאָלן שווערן אין גרויסן בית־המדרש אין טליתים און קיטלען מיט ספֿרי־תּורות אין די הענט—מען זאָל בלאָזן שופֿר און אָנצינדן ליכט, — אַז זיי וועלן שוין מער זיך נישט אונטערנעמען צו טון אַזוינע עוולות דעם זיידן. דאָס איז געווען פֿון די שווערסטע שבֿועות.

איך געדיינק, ווי די גאַנצע שטאָט איז געקומען אין אַלטן בית־המדרש. עס האָט געהאָגלט מיט מענשן אַרום בית־המדרש אויף דער גאַס. דער זיידע איז געקומען, ווען די „אָפּאָזיציע״ איז שוין ׳געווען, און מען האָט אַזוי געשוואוירן, ווי דער זיידע האָט פֿאָרגעלעגט. בײַ דערזועלבער שבֿועה איז גערערט געווען, אַז נישט בלויז זיי, נאָר קיינער טאָר נישט גיין צו אָסערעווסקין אויסרינגען די אַרענדע. אויף מאָרגן האָט דער זיידע אַריינגעשיקט אַ בריף צום איספּראַווניק, אַז ער וויל ווערן אויס איסבאָרשטשיק. דער איספּראַווניק, וועלכער האָט גרויסאַרטיג געוואוסט פֿון אַלץ, האָט איינגעווילינגט.

דעם זיידן האָט מען אָבער ראַך אויסגענאַרט. אַז עס איז געקומען די צייט, און אָסערעווסקי איז אָנגעפֿאָרן, האָבן די זאַסטאַווער געבראַכט צוויי אידן פֿון ביאַליסטאָק, וואָס זיינען געגאַנגען צו אָסערעווסקין און געגעבן גלייך אַכצען הונדערט רובל פֿאַר דער אַרענדע.

אַז עס איז געקומען דער זיידע, פרעגט אים אָסערעווסקי:

— דו צאָלסט אַכצען הונדערט רובל?

— יאָ — האָט דער זיידע געזאָגט.

האָבן די אירן באַלד געהעכערט:

— צוויי טויזנט פיר הונדערט רובל!..

נאָר אָסערעווסקי האָט דערויף געענטפערט:

— באַ מיר שפּילט נישט קיין ראָליע די עטליכע הונדערט רובל. זאָל די אַרענדע בלייבן פאַרן אַלטן אַרענדאַר. ער האַלט שוין אַזוי לאַנג באַ מיר די אַרענדע, זאָל ער זי שוין האַלטן כּל זמן איך וועל לעבן...

די אַרענדע איז, אַלזאָ, געבליבן ווייטער באַם זיידן שוין נישט אויף דריי יאָר, נאָר אויף אייביג, דאָס הייסט, כּל זמן אָסערעווסקי וועט לעבן, נאָר די זעקס הונדערט רובל מער, וואָס איז איצט געהעכערט געוואָרן צוליב די אירן, האָט דעם זיידן זעהר שטאַרק באַנג געטאָן און פאַרדראָסן. זיי האָבן דייטליך עובר שבועה געווען. דער זיידע איז ווידער געוועז צעקאָכט, האָט ער אָנגעהויבן אויפצווזוכן אין קאָנטראַקט מיטן פּריץ די אַלע אָפּ־צאָלונגען, וואָס שטאָט דאַרף אים צאָלן.

אין קאָנטראַקט האָט ער געפונען אַן אָפּצאָל פון פעל, וואָס איז נישט אַריינגעטראָגן געוואָרן. דאָס האָט אים פריי געמאַכט די הענט. ער האָט אַריינגעשיקט צו די קצבים, אַז באַם זיי וועלן עפּעס וואָס קוילען, זאָל מען קומען צו אים נעמען אַ קוויטל דערויף און אָפּצאָלן ניינציג קאָפּיקעס פון אַ גרויסער בהמה און דרייסיג קאָפּיקעס פון אַ קאַלב. די קצבים האָבן שוין געוואוסט, אַז קוים האָט אהרן־לייזער געהייסן, וועט עס אַנדערש נישט זיין. האָבן די קצבים אויפגעהויבן דעם פּרייז אויף פלייש, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ בהלה אין שטאָט, וואָס זינט קאַמעניץ שטייט, איז נאָך אַזוינס נישט געווען.

די זאַסטאַווער „אָפּאָזיציע" האָט אויפגעבונטעוועט די גאַנצע שטאָט. זיי האָט נישט אַזוי געאַרט, וואָס פלייש איז טייערער, ווי דער ענין פון טומל און געשריי. אויב זיי האָבן נישט געקאָנט שטרייטן, בעת דער אַרענדע, אין וועלכער זיי האָבן געהאַנדלט נישט יושרדיג, האָבן זיי דאָ געקאָנט טון, וואָס זיי האָבן געוואָלט. דאָ נעמען זיי זיך כּלומרשט אָן פאַר דער קריוודע פון דער גאַנצער שטאָט. די מחלוקת יאיז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז עס האָט ממש אויסגעזעהן, ווי אַ מלחמה. מען האָט אויפ־געהערט צו קויפן בראָנפן באַ אונז. אַ באַנדע פון פופציג נפשות איז אַרויס פון שטאָט און אַריינגעפירט אַ פאַס בראָנפן, אַוועקגעשטעלט אין מיטן מאַרק און פאַרקויפט פריי פאַר אַלעמען.

אַרום דער פּאַס בּראָנפן האָבן זיך אויפגעקליבן אַ פּאָר הונדערט מאַן. מען איז געווען גרייט צו שלאָגן זיך אויף טויט און אויף לעבן מיט אהרן־לייזערס פּאָליציי. דער זיידע האָט גענומען בּאַם רושאָנצע אַ דרייסיג גוליים און בּאַם אַסעסער אַ צען רעסיאַטניקעס און ־זיינע צוויי מענשן — חצקל און קיווקע, און ער איז מיט זיי אַוועק אָפּנעמען די פּאַס בּראָנפן. האָט מען זיך, פאַרשטייט זיך, געשלאָגן, וואָס עס האָט אויסגעזעהן אומ־געהויער העסליך פאַר ביידע צדדים.

דער זיידע האָט אַראָפּגעבראַכט עפּעס אַ שרייבער, איינעם אַ טווערסקי, וואָס האָט בּאַראַפּט אַלע טאָג שרייבן פּראָטאָקאָלן און אַוועקשיקן צום איספּראַווניק. די פּאַס האָט מען פיל מאָל צעבראָכן ־און אַרויסגעלאָזן דעם בּראָנפן. אין אַ צוויי שעה אַרום איז שוין געשטאַנען אַ נייע פּאַס בּראָנפן, אָפּגעהיט פון אַ הונדערט מאַן, און אַלע טאָג האָט מען זיך געשלאָגן.

דער זיידע האָט געשיקט אַלע פּראָטאָקאָלן צום איספּראַווניק, לויט זיין פאַרלאַנג. זיי האָבן געשיקט מסירות צום גובערנאַטאָר, אַז אהרן־לייזער בּאַראַבּעוועט די שטאָט פון אַ צייט מיט יאָרן: ער נעמט בּאַ זיי געלט פאַר אַזעלכע זאַכן, וואָס דער פריץ האָט ראָס נישט אין קאָנטראַקט א. אַז. וו. דער גובערנאַטאָר האָט אָנגעפרעגט בּאַם איספּראַווניק, יענער האָט מסתמא אָפּגעענטפערט, אַז דער אַרענדאַר איז גערעכט, און זיי זיינען בּונטאָווטשיקעס. האָט מען אָנגעהויבן שרייבן מסירות אויף ביידן: אויף אהרן־לייזערן און אויפן איספּראַווניק, אַז ביידע טיילן זיך מיט דעם אָנ־געראַבּעוועטן געלט.

דער קריג האָט זיך אַזוי אַוועקגעצויגן אַ האַלבּ יאָר צייט; גאַנצע טעג איז געווען געשלעגערייען. נאָר אויף אונז האָבן זיי מורא געהאַט אַ פינגער אַרויפצולייגן. אונזער גאַנצע פאַמיליע איז געגאַנגען אין גאַס און אין בית־המדרש, און קיינער האָט נישט געוואַגט אונז צו זאָגן אַ שלעכט וואָרט, וואָרום די אימה פאַר אהרן־לייזערן איז געווען זעהר גרויס.

פון גובערנאַטאָר איז דאָך געקומען אַ קאָמיסיע פון זעקס פערזאָן מיטן איספּראַווניק בּראש אויסצופאָרשן, ווער איז דאָ שולדיג און ווער נישט. געוויינליך, אַ פּאָר וואָכן פאַר דער קאָמיסיע האָט שוין דער איספּראַווניק געגעבן צו וויסן דעם זיידן, אַז ער זאָל זיך גוט צוגרייטן און מאַכן בּאַ זיך אַן אָרט אויף סטאַנציע פאַר צוויי פערזאָן פון דער קאָמיסיע: פאַר אים און נאָך וועמען. פיר פערזאָן וועלן האַלטן קוואַרטיר בּאַם אַסעסער.

אינם קאַמף האָט דער זיידע אויסגעניצט אַלע מיטלען. קודם כל האָט ער פאַררופן צו זיך דעם המון, וואָס האָט שטענדיג געהאַלטן זיין צד און

איז גרייט געווען צו גיין פאַר אים אין פייער און אין וואַסער. האָט מען זיי געגעבן שנאַפּס לרוב. פאַרביסן האָבן זיי מיט געגזונגע „פּאָלקעס" — עס איז געווען ליהודים. מען האָט מיט זיי איינגעטענעט, ווי זיי זאָלן ריידן, און מען האָט זיי אויך געגעבן פלעשלאַך שנאַפּס אַהיים.

דער בן־יחיד אונזוערער האָט מיט זיי אַ גאַנצן טאָג געקנעלט, אויס־געלערנט זיי, ווי צו ריידן, און די, וואָס האָבן קיין רוסיש נישט געקאָנט, האָט מען זיי די עטליכע ווערטער, וואָס זיי דאַרפן זאָגן, אויך אויסגעלערנט. דער בן־יחיד האָט שוין געהאַט מיטהעלפער לערערס, וועלכע האָבן אַלץ געלערנט, ווי צו ריידן, און דער בן־יחיד איז געווען דער נאַטשאַלניק.

דער ווירע האָט געמאַכט אַ צעטל פון אַלע זיינע עדות און אַוועקגעשיקט צום איספּראַווניק. זיי ווירער, די קעגנער, האָבן אויך געמאַכט אַ צעטל פון זייערע עדות און דאָס געהאַלטן, ביז עס וועט קומען די קאָמיסיע, פאַר וועלכער זיי וועלן פאָרשטעלן דאָס צעטל.

די קאָמיסיע איז געקומען קיין בריסק און געמאָלדן זיך צום איספּראַווניק. דער איספּראַווניק האָט אָפּגעהאַלטן די געערטע געסט עטליכע טעג באַ זיך. האָט מען, ווי די מאָדע איז, געגעסן און געשפּורט. און לסוף האָט ער מיט זיי איינגעטענעט, ווי ער האָט באַדאַרפט.

ענדליך איז די קאָמיסיע געקומען. דער איספּראַווניק מיט איינעם פון דער קאָמיסיע זיינען פאַרפאָרן צום פעטער מרדכי־ליבן, און נאָך פיר פערזאָן צום אַסעסער. דעם ערשטן טאָג האָט דער אַסעסער געמאַכט אַן אָפּיציעלן מיטאָג פאַר דער קאָמיסיע, און אויף מאָרגן האָט זיך דאָס־זעלבע איבערגעחזרט באַם איספּראַווניק, באַ מרדכי־ליבן אין שטוב. דאָס געלט אויף דעם איספּראַווניקס מיטאָג איז, פאַרשטייט זיך, געווען דעם זיירנס, און עס האָט אים טאַקע געקאָסט געגנוג, וואָרום ער האָט נישט געזשאַלעוועט אויף די טייערסטע געריכטן און די טייערסטע וויינען און קאָניאַקן.

אויפן דריטן טאָג האָט די קאָמיסיע אָנגעהויבן צו פירן די אויס־פאָרשונג, צו וועלכער עס איז געקומען די גאַנצע שטאָט מענשן. דער קליוטשוואָיט האָט אויסגערופן אַלע עדות לויטן צעטל, וואָס דער ווירע האָט אויפגעגעבן. די ראָזינע עדות האָבן אָנגעפילט דעם אַסעסערס אַלע צימערן, דעם קאָרידאָר, און עס איז געווען געפּאַקט מיט דעם זיירנס עדות. איינצינוויז האָט מען זיי אַריינגערופן אין דעם קאָמיסיע־צימער, וואו מען איז זיך באַגאַנגען מיט זיי ווייך און איידל: דעם זיירנס עדות!..

די שטאָטישע ערות אָבער זײַנען געשטאַנען אויף דער גאַס, נעבן אַסע־סערס הויז. דרײַ טעג זײַנען זײ אָפּגעשטאַנען אויף די פּיס אונטערן רעגן און ווינט — עס איז געווען הערבסט־צײַט.

באַם אַסעסער אין הויף איז שוין געווען צוגעגרייט פאַר די נויטיגע ערות שנאַפּס מיט גוטער פאַרבייסונג. די שטאָטישע האָבן דאָס, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט און זײַנען פאַרהונגערט און פאַרמאַטערט געוואָרן וואַרטנדיק. דאָס האָט געווירקט שלעכט אויף די ערות, און ווען מען זאָל נאָך צוגעבן, אַז מיט די שטאָטישע ערות, נאָך אַזאַ לאַנג וואַרטן, איז מען זיך גראָב און שלעכט באַגאַנגען, אַז באַם אויסהערן זײ, האָט מען זײ געזידלט און פאַרשריען — וועט ווערן קלאָר די שווערע לאַגע פון דעם צד פון שטאָט.

אין שטאָט איז געוואָרן חושך, און דעם שולדיגן אין דעם האָט מען איינגעפונען דעם איספּראַווניק. דאָס ערות זאָגן פון שטאָט איז אינגאַנצן נישט אויסגעהערט געוואָרן.

דער האַס צום איספּראַווניק האָט דערווײַל געוואַקסן. און איינמאָל, בעת דער איספּראַווניק איז געגאַנגען פון אַסעסער צו זיך אויפן סטאַנציע, האָט מען אים באַם סאַמע גאַניק פאַרוואָרפן מיט שטיינער און בלאָטע. דער איספּראַווניק האָט זיך שנעל אַרויפגעכאַפּט מיטן צווייטן טשינאָווניק אויפן הויכן גאַניק אין שטוב אַרײַן, און די גאַנצע ווענט זײַנען געווען פאַרשמירט מיט קויט.

געוויינליך, איז באַלד געקומען דער אַסעסער מיט דעסיאַטניקעס און זעלנער. דער איספּראַווניק איז אַרויס אויפן גאַניק און געהייסן די אַלע, וואָס זײַנען געשטאַנען אויפן מאַרק נעבן דער שטוב, בינדן און אָפּשיקן קיין בריסק. דעם ערשטן האָט מען געכאַפּט אַ מלמד, שלמה, אַ שלימזל און אַ קבצן. אַז מען האָט אים גענומען בינדן, האָט ער זיך געמאַכט צו חלשן. דער עולם האָט גענומען שרײַען, אַז שלמה מלמד איז געשטאָרבן, די דעסיאַטניקעס האָבן אים דערהרגעט; דעמאָלט האָט דער איספּראַווניק געהייסן אַרײַננעמען דעם מלמד צו חצקל דעם רופא, אַ דערבײַיאיגער שכן. אַז מען האָט אים אָבער נישט געקאָנט דערמינטערן באַם רופא, האָט דער איספּראַווניק געהייסן, אַז מען זאָל אים נעמען צוריק אין מאַרק אַרײַן און חצקל זאָל אים מאַכן אַ קליסטיר... דער מלמד האָט זיך באַלד אויפגעכאַפּט...

דער איספּראַווניק האָט זיך שוין מכין געווען אַוועקצופאָרן. איצט, הייסט עס, האָט ער שוין נישט געהאַט צו טון מיט אַן אויספאָרשונג, נאָר מיט „מיאַטעזשניקעס"... אַלזאָ, איז עס גאָר אַן אַנדער ריעלע.

זײַנען צוגעפֿאַלן אַלע בעלי־בתּים צום זײדן, אַז ער זאָל זעהן די ריעלע צעררײַבן, אַז זײ בעטן אים איבער, און דאָס געלט, װאָס ער האָט געהאַט היזק פֿאַר דער גאַנצער צײַט און אויך די אַלע זײַנע קאָסטן — װעלן אים אומגעקערט װערן.

דער זײדע האָט מיט זײ נישט געװאָלט אַרײַנגײן אין קײן רײד װעגן שלום. זײַנען זײ צוגעפֿאַלן צו מײַן טאַטן, צום פֿעטער, צום זײדן ר׳ יורל, און איבערהויפּט, צו דער באָבע פּײלע־ראַשען. זײ האָבן אַזוי לאַנג געאַרבעט און געבעטן בײַ דער משפּחה, ביז מען איז געקומען צו אַ שלום. אין דעם דאָזיגן שלום האָבן זיך נאָך אַרײַנגעמישט װיטיגע מענשן אויך. די ערשטע פֿאַר שלום איז געשטאַנען די טײערע האַרציגע באָבע פּײלע־ראַשע.

נאָכן שלום האָט מען אהרן־לײזערן אַרײַנגעטראָגן דאָס גאַנצע געלט, לויט דער רעכענונג, װאָס ער האָט דערלאַנגט, און מען האָט אָנגעשריבן אַ כּתב, אַז מען איז זיך מוחל אײנע די אַנדערע. עס האָבן זיך אונטער־געשריבן אַ זעכציג פּערזאָן אונטערן כּתב, װאו עס איז געװען געזאָגט, אַז זײ װעלן אים קײנמאָל נישט זײַן דערגענגן אין קײן זאַך און װעלן נאָך אים שטענדיג קומען צו הילף, װען ער װעט זײ דאַרפֿן. דערמיט האָט זיך די מהומה געענדיגט, און דער אָפּצאָל פֿון פּעל איז אויך צעריבן געװאָרן נאָכן שלום.

איצט האָט דער זײדע געלעגט פֿיל מיה בײַם איספּראַװניק, אַז יענער זאָל זעהן דעם גאַנצן ענין מאַכן צו גאָרנישט; די פּאַפּירן זײַנען נאָך געװען אַפֿילו אין בריסק, װײל די קאָמיסיע האָט נאָך נישט צוגויפֿגעשטעלט דעם אויספֿאָרשונגס־מאַטעריאַל, און דער זײדע האָט געפּועלט בײַם איספּראַװניק.

פֿון דעמאָלט אָן איז שוין דער שלום נישט געבראָכן געװאָרן. דער זײדע האָט זיך געפֿירט זײַנע געשעפֿטן, און אַז די שטאָט האָט באַדאַרפֿט עפּעס פֿאַרריכטן אַ שטאָטישע זאַך, האָבן זײ דורך אים אַלץ אויסגעפֿירט. מישן זיך אין שטאָט־זאַכן, האָט ער זיך אַבסאָלוט אָפּגעזאָגט.

אַזוי האָבן מיר געהאַלטן די אַרענדע ביזן פּוילישן אויפֿשטאַנד פֿון 1863־טן יאָר, װען עס זײַנען בטל געװאָרן אײנגאַנצן די אַרענדעס פֿון די פּריצים.

װי געזאָגט, האָט מיך דער זײדע ליב געהאַט, װײל איך בין געװען אַ אינגל, װאָס האָט געהאַט אַ טבע זיך צו צוהערן, װאָס גרויסע רײדן, װאָס דער זײדע רעדט מיט מענשן, און פֿאָלגן. אַלעמען איז געפֿעלן געװאָרן, װאָס איך שטײ און קוק יעדערן אין מויל אַרײַן, װאָס יענער רעדט, און האָב געװאוסט אַלע פּרטים פֿון דער גאַנצער מחלוקת.

אַז דער זיידע איז געפאָרן צו אַ נאָהענטן פּריץ, האָט ער ליב געהאַט מיך מיטצונעמען און האָט אויך ליב געהאַט מיט מיר צו ריידן און דערציילן, וואָס עס פּאַסט פּאַר אַ קינד. געדיינק איך, אַז מיר זיינען אַמאָל געקומען קיין רימעניטש, אַזאַ הויף, צום פּריץ (איך האָב פאַרגעסן, ווי מען רופט אים). זיינען מיר צוגעפאָרן צום פּאַלאַצל אַזייגער איינס נאָך מיטאָג, איז געשטאַנען דער קאָמיסאַר נעבן גאַניק, פרעגט דער זיידע:

— וואו איז דער פּריץ?

זאָגט יענער מיט אַ שמייכל:

— ער שמייסט ערשט אַ גוי פאַרן עסן...

עס טרעפט אַמאָל, אַז דער פּריץ האָט נישט קיין אַפּעטיט צום עסן, שמייסט ער אָפּ אַ פּויער, עסט ער שוין דערנאָך געשמאַקער.

מען האָט אונז אַריינגעבעטן אין אַ צימער; מיר האָבן געוואַרט אַ שעה צייט. דער פּריץ איז געקומען אַ צעהיצטער און אַ רויטער, די אויגן האָבן אים געברענט, נאָר אַז ער האָט דערזעהן דעם זיידן, איז ער פרייליכער געוואָרן און האָט אים געגעבן די האַנט.

— יאַק סיע מאַ, פּאַן קאָטיק, מאָי קאָכאַני. ווער איז דאָס אינגעלע?

— דאָס איז מיינס אַן אייניקל, — זאָגט דער זיידע.

גיט מיר דער פּריץ אַ גלעט פאַרן בעקל און זאָגט:

— אַזוי יונג ביסטו און האָסט שוין אַזאַ שיין אייניקל.

זיי זיינען באַלד אַריינגעגאַנגען אין אַ צווייטן צימער און אָפּגערעדט וועגן זייערע געשעפטן. דערנאָך זיינען מיר אַוועקגעפאָרן.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער קאָמיסאַר האָט דערציילט דעם זיידן וועגן שמייסן, און איך האָב אויפן וועג געפרעגט דעם זיידן:

— וואָס איז ער דאָס אַזוי אַריינגעקומען, דער פּריץ, אַ רויטער און צעקאָכט? וואָס פעלט אים?

האָט מיר דער זיידע דערציילט אַ לאַנגע געשיכטע פון די פּריצים און די פּויערים, און איך האָב זיך דערוואוסט פון לייב־קנעכט און פון צרות, און פון רעם, ווי אַזוי מען שמייסט די פּויערים אָהן אַ שום רחמנות, און נאָך, און נאָך אַזוינע זאַכן. האָב איך געזאָגט צום זיידן:

— גלאַט שמייסן אַ מענשן אומזיסט. ווי האָט ער דאָס קיין מורא נישט פאַר גאָט, און ווי האָט מען דאָס אַזאַ שטיינערן האַרץ. איך וואָלט מיט אַזאַ פּריץ נישט געהאַנדלט.

האָט דער זיידע געענטפערט:

— אויב אַזוי, דאַרף מען מיט קיין פּריץ נישט האַנדלען. מען מוז אָבער, מיין קינד לעבן, וואָס זאָל מען טון?

איינמאָל בין איך געפאָרן מיטן זיידן קיין פּרוסקע צו ווילויזינסקין. אַז מיר זיינען געקומען צופאָרן, איז דער פריץ מיטן זיידן געגאַנגען אין ברויז, וואו מען האָט געמאַכט בראָנפן, און איך בין מיטגעגאַנגען. נעבן ברויז האָט דעמאָלט אַ גוי געהאַקט האָלץ. נאָר ווי ער האָט דערזעהן דעם פּריץ, האָט ער אין דער גיך אַוועקגעוואָרפן די האַק און האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף אַ בלאַסער, אַ טויטער, מיט אַזאַ ציטערניש אין גוף, פּונקט ווי ער וואָלט דערזעהן אַ וואָלף. דאָס איז עפּעס געווען אַ שרעקליכע סצענע, און איך וועל עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. דעמאָלט האָב איך דייטליך געזעהן, וואָס הייסט פּריץ און וואָס הייסט פּויער, לייב־קנעכט.

און נאָך אַ שרעקליכן פאַל געדיינק איך, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט נאָך אַ שטאַרקערן רושם, אַזוי אַז מיך נעמט נאָך איצט דורך אַ קעלט, אַז איך דערמאָן מיך אָן אים.

אין דעמזעלבן יאָר, האָט דעם פּריצ׳ס קאָמיסאַר פּאַטשאָשע, אַ הויכער און אַ גראָבער גוי (ער האָט געמוזט וועגן אַ צוועלף פּוד), פּאַרריכט די גרעבלע מיט די דריי בריקן, וואָס צווישן קאַמעניץ און זאַסטאַוויע. ער האָט געהייסן אַרויספאָרן פינף הונדערט פורן מיט ערד און צווינגן צו פאַרשיטן די גרעבלע, וועלכע האָט זיך איבערגעריסן פאַר פּסח אין די גרויסע געוויסערס. שבת, געדיינק איך, אַזייגער צען, בין איך געגאַנגען זעהן, ווי מען פאַרריכט די גרעבלע און ווי די אַלע פורן האָבן געבראַכט די נויטיגע מאַטעריאַלן. פּאַטשאָשע איז געשטאַנען און האָט נאָכגעקוקט. נאָר איין פּויער איז געקומען שפּעטער מיט אַ שעה. באַלד האָט אים פּאַטשאָשע געהייסן זיך לייגן, און נעמענדיג באַ דעמזעלבן פּויער די בייטש, וואָס יענער האָט געהאַט צום פערד, גראַדע אַ גוטע בייטש, האָט אים פּאַטשאָשע אַליין אַריינגעשמיסן. באַם פופציגסטן שמיץ איז דער פּויער געבליבן טויט. פּאַטשאָשען האָט עס אָבער גאָרנישט געאַרט, און קאַלט־בלוטיג האָט ער געהייסן דעמזעלבן פּויערס זון מיט זיין ווייב, אַז זיי זאָלן אַוועקפירן אויף דערזעלבער פור דעם מת... קיינער האָט נישט געטאָרט וויינען און קרעכצן...

איך בין אַמאָל מיטן זיידן געווען אין אַ הויף, אַ פּאָר וויאָרסט פון קאַמעניץ. דער מאַיאָנטיק איז אַפילו אַ קליינער געווען. וויניג פּעלדער מיט לאָנקעס, נאָר די ערד איז געווען „עפרות זהב“, אַ הונדערט דעסיאַטין מיט גרויסאַרטיגע גערטנער, אַ קליין ריין וואַסערל מיט פיש און דאָס פּאַלאַצל אַפילו אַ קליינס, נאָר אַ שיינס.

אַוועקפאָרנדיג פון דעם הויפל, האָב איך געזאָגט, אַז עס איז מיר זעהר געפעלן און עס איז אויך נישט ווייט פון שטאָט. האָט מיר דער זיידע

דערציילט, אַז מיט ניין יאָר צוריק איז דאָ געווען אַן אַנדער פּריץ, וואָס האָט קיין קינדער נישט געהאַט, האָט ער פאַרן טויט געשיקט רופן דעם גלח און דעם זיידן צו שרייבן אַ צוואה אין זייער געגנוואַרט. דער דאָזיגער פּריץ האָט נאָך געהאַט מאַיאָנטקעס אויסער דעם. האָט ער דאָס מאַיאָנטיקל „סטאַרשעוו" געוואָלט אַוועקשיינקען דעם זיידן. דער זיידע האָט זיך אָבער פון דעם אָפּגעזאָגט. האָט אים דער פּריץ אָפּגעשריבן דריי טויזנט רובל געלט.

— איצט, — זאָגט דער זיידע, — וואָלט איך געדרונגען דעם מאַיאָנטיק אין אַרענדע, ווייל עס איז נעבן שטאָט, און וואָלט געגעבן טויזנט רובל אַ יאָר...

אויף מיין פראַגע, פאַרוואָס האָט ער נישט געוואָלט האָבן אַזאַ שיינעם מאַיאָנטיק אומזיסט, האָט דער זיידע געענטפערט, אז עס איז עפּעס דעמאָלט געווען אַ חרפה צו וואוינען אין אַ הויף, נישט אין שטאָט. אין צוואַנציג יאָר אַרום, נאָך דער פּויערים־באַפרייאונג און נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד, האָט דאָס טאַקע דער זיידע געהאַלטן אין אַרענדע און געצאָלט פופצען הונדערט רובל אַ יאָר.

# קאַפּיטל XI

**מיין מוטער. — ר׳ לייזער. — מיין מוטערס לײדן. — דער קאַטעניצער רב. — דער באָבעס עצה.**

מיין מוטער איז געווען באַם ווירן אין הויז ווי אַן אָנשיקעניש פון גאָט. זי האָט זיך נישט געפּאַסט צו דעם הויז. זי איז געהאָרעוועט געוואָרן באַ אַזאַ טאַטן, ווי ר׳ לייזער גראָרנער, וואָס ער האָט אין עלטער פון אַכט יאָר שוין נישט געקוקט אויף הייבער, און בעת ער איז געווען אין גראָדנע מורה־הוראה, נאָך זיין שווער ר׳ הלל פריד, וואָס איז געווען ר׳ חיים וואָלאָזשינערס איידעם, פלעגט אים אין גאַס גיין אַ שמש פאָראויס און אַוועקטרייבן אַלע ווייבער פון טראָטואַר.

און אַז דער זיידע, ר׳ לייזער, פלעגט גיין אַלע פרייטאָג אין באָד אַריין, האָט ער זיך אויסגעטאָן נעבן די אָרימע לייט. און אַז ער האָט דערזעהן באַ אַן אָרימאַן צעריסענע שטיוול, האָט ער זיך מיט אים געטוישט, אַזוי אויך מיט אַ צעריסן העמד, הויזן; ער האָט אַוועקגעגעבן דעם אָרימאַן די איינענע און אָנגעטאָן דעם אָרימאַנס. קומענדיג אַהיים, פלעגט אים די באָבע נישט דערקענען, קרוע־בלוע, אויסער דער קאַפּאָטע מיטן שטריימל. דאָס האָט ער שוין נישט געטאָרט טוישן, אַזוי האָט ער געזאָגט. די באָבע, געוויינליך, פלעגט פאַר אַזוינע מעשים אונטערשרייען, דאָס איז געווען פאַר איר אַזאַ הוצאה, וואָס איז נישט געווען נאָך די כחות נאָך, וואָרום שטאָט האָט אין יענער צייט געגעבן דעם רב ווייניג שכירות, אַזוי אַז זיי האָבן קוים געהאַט צום לעבן; און אַז זי וועט נעמען מאַכן דעם מאַן אַלע פרייטאָג נייע מלבושים, וועט איר אויף דעם דער קאָפּ נישט סטייען. ער פלעגט זי אָבער באַרוהיגן דערמיט, וואָס דער אָרימאַן דאַרף בילכער האָבן גוטע שטיוול, איידער ער, ווייל יענער דאַרף, נעבעך, גיין פאַרדינען געלט; אין אַ צעריסענעם מלבוש און צעריסענע הויזן קאָן ער דאָך זיך, ערשטנס, פאַרקילן, און, צווייטנס, קאָן מען גאָר אין אַזוינע בגדים לאַנג נישט זוכן קיין אַרבעט.

די באָבע האָט אים נישט געוואָלט מצער זיין, פלעגט זי אַריין צו איר אין צימער און וויינען. די זאַך איז אָבער באַוואוסט געוואָרן אין שטאָט. האָט זיך געפונען אַ גביר, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ קרוב, און יענער פלעגט שוין דער באָבען פריוואַט פאַרנאַכט אַריינשיקן מלבושים, אויב דער רב האָט זיינע צעטיילט.

ער האָט געהאַט אַ סך ספרים, וואָס האָבן דערגרייכט אין די טויזנטער רובלס. די ראָזינע ספרים האָט ער געירשנט פון פאָטער ר׳ יחזקאל און פון שווער ר׳ הלל, און זיי האָבן פול געמאַכט די שטוב.

דאָס רוב פלעגט ער זיצן אין אַ צימער מיט אַ פאַרקייטעלטער טיר און פלעגט לערנען. אין צימער איז געווען אַ קליין טירעלע, וואָס ער פלעגט עפענען, ווען זיין ווייב, די רביצין, האָט אָנגעקלאַפּט. ווען ווייבער זיינען געקומען מיט אַ שאלה, האָט די רביצין אויסגעהערט די שאלה און איבער־געגעבן דעם מאַן דורכן טירעלע, און ער האָט שוין דערביי געפסקנט. אַז עס איז געווען אַ טרפות־שאלה אָדער אַ שאלה מיט עופות, פלעגט אים די רביצין דערלאַנגען דורכן טירעלע דעם אָביעקט פון דער שאלה, און ער האָט איבערגעזעהן און געפסקנט. די רביצין איז שוין דעריבער געווען אַ גרויסער בקי אין שאלות און אַממייסטן פלעגט זי אַליין פסקנען.

דער מאַן פלעגט זי אויסהערן און אויספּרובן, און שפּעטער האָט ער איר אַרויסגעגעבן סמיכה צו פסקנען די גרינגערע שאלות. זי האָט אויך געקאָנט גוט לערנען אַ בלאַט גמרא, מען האָט זי געהאַלטן אַפילו פאַר אַ למדן.

דער זיידע ר׳ לייזער פלעגט נאָר קריאת־שמע און שמונה־עשרה דאַווגען מיטן עולם. דאָס איז אויך געווען פאַרן עולם שווער. מען האָט באַראַפּט לאַנג וואַרטן, אַוראַי באַ אַ שעה צייט. די איבעריגע תּפילות האָט ער שטענדיג געדאַוונט „פאַר זיך״, און דאָס האָט געדויערט צוויי שעה. בענטשן האָט באַ אים געדויערט אַ שעה. באַ יערן וואָרט האָט ער זיך פאַרדבוקעט מיט די אויגן צו גאָט און זיך איבערגעגעבן די כונות התפלות. ער איז געווען אַ גרויסער בקי אין שאלות־ותּשובות און צו אים פלעגן קומען רבנים פון גאַנץ ווילנער אָקרוג. ווידער האָט ער געהאַט אַזעלכע ספרים בנוגע צו שאלות ותּשובות, וואָס מען קריגט דאָס גאָרנישט אין ערגעץ צו קויפן.

שטענדיג איז באַ אים געווען פול די שטוב מיט רבנים און לומדים. די גראָרנער לומדים האָבן ליב געהאַט זאָגאַר צו ריידן מיט דער רביצין פון תּורה, ווייל צו אים איז זיי געווען שווער אָנצוקומען. זי האָט געהאַט זעהר אַ גלייכן שכל אין לערנען, און דאָס, וואָס איר איז אויסגעקומען שווער, האָט זי דאָס איבערגעפרעגט באַ אים, ווען קיינער איז נישט געווען.

מיין מוטער האָט מען אָנגעהויבן ריידן שדוכים, ווען זי איז אַלט געוואָרן צוועלף יאָר; נאָר דער זיידע, וואָס האָט זיך פאַרשטאַנען אויף מענשן, האָט עפּעס נישט געקאָנט צוקלויבן. ער האָט, וואַרשיינליך, געזוכט אַזאַ חתן, וואָס זאָל זיין אי גרויס אין למדנות, אי אין יחוס. און אַזאַ, אויב עס האָט זיך שוין געפונען, איז ער דער באָבען נישט געווען געפעלן. זי האָט נישט געוואָלט, אַז איר טאָכטער זאָל האָבן אַ שלימזל פאַר אַ מאַן. זי פלעגט זאָגן, אַז אַ שלימזלניק א רב איז אויך נישט גוט פאַר אַ ווייב און קינדער.

זי האָט געהאַט אַ גרויסע דעה באַ אים, איז געווען אַ גרויסע יחסנטע, אַ חכמה און דורך איר האָט ער אייגנטליך געקאָנט זיין אַן ערליכער איד, ווי ער האָט געוואָלט. זי האָט זיך פיל אָנגעליטן פון זיין פרומקייט און גוטסקייט, און אַז אָרימעלייט פלעגן קומען צו אים אין שטוב אַריין בעטן עסן, האָט ער זיי אַלעמען געבעטן צום טיש און אַוועקגעגעבן די בעסטע חלקים. ער האָט געזאָגט, אַז דער אָרימאַן איז נעבעך אַזוי הונגעריג, איז נעבעך אַזוי זשערגע אַ שטיקל ברויט, אַז עס נעמט אָן אַ צער צו קוקן... און אַזוי האָט ער געקאָנט בעטן צום טיש אַ צען־צוועלף אָרימע־לייט. זיינען אַלע שטובינגע אַוועק פון טיש הונגעריג, און טאָמער האָט נאָך פאַר אַ פּאָר אָרימעלייט אויסגעפעלט, האָט ער געשיקט דערקויפן ברויט מיט זעמל און נישט אַוועקגעלאָזט זיי הונגעריג.

די רביצין האָט שטענדיג געוויינט און געקלאָגט, אַז זי קאָן קיינמאָל נישט אויסקומען מיט דער הוצאה, כאָטש זי האָט געהאַט פיל שטיצע פון אירע רבנים־משפחה, וואָס זיי האָבן געוואוסט די לאַגע, און גבירים זיינען אויך געווען, וועלכע האָבן פיל געשטיצט. אָבער עס איז אַלץ ר׳ לייזערן געווען ווייניג פאַר זיינע אָרימעלייט, וואָס ער וויל זיי מחיה זיין. זי מיט די קינדער האָבן כמעט געליטן הונגער.

אַז זיי האָבן געטאָן מיט מיין טאַטן דעם שידוך, איז די טאָכטער שוין דעמאָלט געווען „אַן אַלט מיידל": אַכצען יאָר אַלט און אפשר אַ סברה אַז נײַנצען... די מוטער האָט געוויינט, ווי געוויינליך פאַרצייטן, אַז מען האָט אַזאַ אַלט מיידל און נאָך אין אַ פאַמיליע פון לויטער גאונים. דעם שידוך האָבן זיי שוין מקבל באהבה געווען, ווייל דער חתן איז געפעלן געוואָרן ביידע צדדים, אי דעם רב, אי דער רביצין. נאָר איין חסרון: דער מחותן איז געווען אַ פּראָסטער בשר ודם, אַ בעל־הבית אַ תקיף, אַ פרנס־חודש — דאָס איז פאַר זיי געווען אַ גרויסער קלאַפּ, אַ שרעקליכער פלעק אין דער פאַמיליע.

אָבער צוליב די צוויי וויכטיגע אורזאַכן: די טאָכטער איז שוין „אַן אַלט מיידל" און דער ברודער וועט פאַרלירן די רבנות, האָט מען געמוזט

זיך באַשליסן צו נעמען דעם חתן אויף פאַרהער. האָט דער זיידע, ר׳ לייזער, איינגעזעהן, אַז דער חתן האָט אַ גוטן קאָפּ און קאָן אַרויסקומען אַ גרויסער למדן. דער טאַטע איז געווען אַ קלוג אינגל, און זיין טאַטע, דער זיידע אהרן־לייזער, האָט אים אויסגעלערנט, ווי ער זאָל זיך האַלטן באַם אָנקומען אין גראָדנע צום מחותן, און דער טאַטע האָט זיך געמאַכט פאַר אַ צדיק תמים, וואָס ווייס נעבעך נישט צוויי צו ציילן, אויסער די תורה און עבודת השם.

פאַרן פאָרן קיין גראָדנע אויף די תנאים, דעמאָלט אַ צוועלף־יאָריג אינגל, האָט ער איבערגעקוקט דעם גאַנצן ספר יסוד־שורש־העבודה און איז געקומען צום מחותן אַ פרומיטשקער, מיט אַן איינגעקנייטשט פּנימל, כאָטש ער איז געווען אַ פריש און געזונט אינגל.

קורץ, ער האָט נושא־חן געווען אי באַם מחותן ר׳ לייזערן, אי באַ דער מחותנת. זי האָט געזעהן, אַז ער איז אי קלוג, אי שיין, און זי איז געווען זיכער, אַז פון אים וועט געוויס אַרויסקומען אַ גוטער רב.

די מאַמע, וועלכע האָט זיך געהאָרעוועט אין אַזאַ פרום ;הויז פון אַזעלכע גאונים און צדיקים, איז נעבעך אָנגעקומען אין אַ הויז, וואו מען האָט נישט געהערט אַ וואָרט תורה. צווישן די מענשן, וועלכע קומען צום שווער, האָט מען נישט געזעהן קיין איין רב, קיין איין למדן, קיין איין צדיק, נאָר אַלץ עפּעס אידן, אידן, אידן. און אַ איד, ;נישט קיין רב, האָט באַ איר קיין ווערט נישט געהאַט. און נאָך מער, זי האָט זיי גאָר פאַר קיין מענשן נישט געהאַלטן. גלאַט עס דרייען זיך אַרום אידן, און מען לערנט נישט און מען דאַוונט נישט, אָהן דרך־ארץ און אידישקייט, פּראָסטע שלש־סעודותן, און מען רעדט נאָר פון ניבול־פה פון לשון הרע און ידעסגלייכן.

דערצו איז נאָך די מאַמע, זכרונה־לברכה, געווען נישט קיין איבערינגע קלוגע, קאָן מען זיך פאָרשטעלן, ווי זי האָט זיך נישט געפּאַסט צו אונזער הויז.

דעם מאַן האָט זי ליב געהאַט, ווי אירע עלטערן, וואָרום אויסער אַלעם איז ער געווען זעהר אַ גוטער, אַ גרויסער בעל־מידה און אַ שטילער. דער זיידע אהרן־לייזער האָט די שנור נישט איבערינג ליב געהאַט, איז געווען מיט איר פון ווייטן. די באָבע ביילע־ראַשע, הירעה, איז אויך געווען פון איר נישט צופרידן. די מאַמע איז נישט געווען קיין בריה, האָט נישט געקאָנט קאָכן און באַקן, ווי די פאַרצייטישע ווייבער האָבן געקאָנט, אפילו די גרעסטע גביריטעס פלעגן אַליין קאָנען אַלץ טון. זי האָט אַפילו נישט געקאָנט נייען, וואָס קליינע מיידעלאַך פלעגן אַמאָל קאָנען. די מאַמע האָט קיין זאַך נישט געקענט.

דערפאַר איז זי אָבער געוועזן זעהר אַ פרומע, קיין גמרא האָט די מאַמע נישט געקענט, נאָר אין דעם חובת הלבבות און מנורת המאור איז זי געווען קלאָר, כמעט אויף אויסווייניג. שטענדיג האָט זי געלערנט דעם חובת הלבבות און 'איז געווען אַזוי פאַרטון דעריין, אַז איר האָט כמעט נאָרנישט געאַרט, וואָס איר 'מאַן איז געוואָרן אַ חסיד, און אַז דער טאַטע, וואָס איז געוואָרן אַ חסיד באַלד נאָך דער חתונה, האָט געזעהן, אַז דאָס ווייב שטערט אים נישט, האָט ער זי באַזונדערס געשעצט דערפאַר.

אין אַ געוויסער צייט אַרום איז די מאַמע צוגעוויינט געוואָרן צום הויז מיט אַלע זיינע באַזוכער, און כדי אָפּצוהיטן די געסט פון לשון־הרע, רכילות, לצנות און ניבול־פה, 'פלעגט זי האַלטן דעם קליינעם חובת הלבבות באַ זיך, און ווי נאָר עמיצער האָט אָנגעהויבן צו ריידן לשון־הרע, פלעגט זי באַלד אַוועקליינן אַ מוסר און אָפּזאָגן אַ שטיק חובת הלבבות, אין וועלכן עס ווערט גערערט פון דער גרויסער עבירה לשון־הרע. זי האָט פראָסט נישט געלאָזט זיי לעבן. פון אָנפאַנג איז זיי געווען שווער, אַ געשעפט מיט אַ פרום ווייבל! דערנאָך אָבער'זיינען זיי צוגעוויינט געוואָרן און פלעגן זיך טיילווייז אָפּהאַלטן פון די אַלע שלעכטע רייד.

אָפט פלעגט זי באַזוכן דער קאַמעניצער רב, איר פעטער. ער פלעגט פשוט קומען צו איר אין שטוב אַריין, וואָס דאָס איז געווען אַן אויסער־געוויינליכע זאַך. ער פלעגט צו קיינעם נישט גיין. אַגב ,האָט אים זיין ברודער געבעטן, אַז ער זאָל מקרב זיין זיין טאָכטער און זי באַזוכן. איר פאָטער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז אַריינגעפאַלן אין אַ שטוב, וואָס דאַרף איר זיין פרעמד, לויט איר ערציהונג, און אים איז געווען וויכטיג, אַז זיין ברודער זאָל אויף איר אַכטונג געבן. מיט זיין אָפט קומען האָט ער אפשר ווייכער געמאַכט דעם שווערס האַרץ, וואָס איז צו איר נישט זעהר גוט געווען.

אין דריי יאָר אַרום האָט דער זיידע זיך שוין מיאש געווען פון זיין נעראַנק מתחתן צו זיין זיך מיט גרויסע רבנים. ער האָט געזעהן, ווי ער איז איינגנטליך אַריינגעפאַלן מיט דער שנור, די בת־הרב, און האָט גלאַט איינגעפונען, אַז ס'איז נישט קיין יושר צוליב יחוס טון אַ רעה זיינע זין און געבן זיי אַזעלכע שלימזלניצעס פאַר ווייבער.

מיט זיין יאָסעלען האָט ער שוין געטאָן אַן אַריסטאָקראַטישן שידוך פון גרויסן שטאַנד. דאָ האָט ער שוין געזוכט בלויז וועלטליכע מעלות: שיינקייט, גדולה, פייהיגקייט — און אַזאַ האָט ער געפונען.

דאָס איז געווען אַן אָנגעזעהענעם נישט־היגן סוחרס אַ טאָכטער און זעהר אַ שיינע.

עס איז געווען מיט מזל די חתונה, און די שיינע שנור איז געקומען צופאָרן קיין קאַמעניץ אין אַ קאַרעטע מיט פיר פערד, מעשה־פריצטע. אויף דער כלהס שיינקייט איז געלאָפן קוקן די גאַנצע שטאָט, און מען איז געווען אַנטציקט פון איר רייץ, פון איר עלעגאַנטישקייט, פון איר טייערער צירונג, וואָס זי האָט געטראָגן. אהרן־לייזערס פרייד איז נישט מעגליך געווען אָפּצושאַצן. דערצו איז זי געווען אַ קלוגע, אַ וואויל־ערצויגענע, אַ טאַקטישע, האָט זיך רעליקאַט באַצויגן צו מענשן און איז געווען אַ גרויסע בריה.

דער זיידע האָט זי משונה ליב געהאַט, ער האָט זי שטענדיג געהאַלטן נעבן זיך, און זי איז בײַ אים געווען טייערער פאַר אַלע קינדער.

מיט יוכבדס אָנקומען האָט זיך זעהר פאַרערגערט מיין מאַמעס לאַגע. אויב מען האָט זי פריהער נישט ליב געהאַט, האָט מען זיך כאָטש מיט איר געיחסנט, און איצט אָבער, ווי די נייע שיינע שוועגערין איז אָנגעקומען, האָט שוין דער רב אויפגעהערט צו באַזוכן זיין פלימעניצע, און דער זיידע האָט זי אָנגעהויבן פשוט צו האַסן. איצט האָט ער געזעהן דעם אונטערשייד צווישן דעם רבס טאָכטער מיט ר׳ שמעון דייטשס טאָכטער, און די לעצטע האָט אים ממש פאַרכשופט.

דער מאַמען איז געווען אומערטרעגליך, אַגב אויך די קנאה, וואָס אַלע ליבן די יונגערע שוועגערין, אַלע מאַכן איר קאָמפּלימענטן, און דער שווער, וואָס צאַצקעט זיך מיט יוכבדן, וויל אַפילו אויף איר קיין קוק נישט געבן. פלעגט זי שטענדיג זיצן און וויינען. זי האָט אויפגעהערט אַריינ־צוקומען אין שטוב אַריין, וואו דער שווער מיט די אַלע קאַמעניצער לייט האָבן זיך געפונען. די קאַמעניצער לייט זיינען גלאַט געווען ׳צופרידן, וואָס זיי זיינען פטור געוואָרן פון איר, וואָס האָט שטענדיג זיי געשטערט דאָס לעבן און נישט געלאָזט ריידן, וואָס זיי האָבן געוואָלט.

די יונגע שנור האָט אַריינגעבראַכט נייע אָרדענונגען אין שטוב און אין דער ווירטשאַפט, נאָר אויפן אַריסטאָקראַטישן אופן. זי האָט געמאַכט נייע געריכטן מיט נייע פאַרשיידענע געבעקסן און דערצו האָט זי נישט נעקאָנט זיצן ליידיג. דאָ האָט זי גענייט און דאָ געאַרבעט, פאַרריכט אַלעמענס וועש, גענייט פאַר ווייבער קליידער און פאַר מאַנסבלען הויזן. די שטוב האָט גאָר געקראָגן אַן אַנדער אויסזעהן, עס איז געוואָרן ריינער און ציכטינגער אין שטוב, און די גאַנצע פאַמיליע האָט זיך אָנגעטאָן ריינער, פאַרפּוצטער.

די מאַמע איז אַלע מאָל געלאָפן צום רב זיך אויסוויינען איר האַרץ. און דער רב האָט זי געטרייסט און איינגערוהיגט דערמיט, וואָס איר מאַן איז אַ סך אַ טייערער פאַר יוכבדס.

יאָסל איז אַפּילו אויך געוועזן אַ גאַנץ פיינער יונגערמאַן, אַן אָרנטליכער, אַן ערליכער, ער האָט אויך געקאָנט לערנען, אָבער משה, מיין פאָטער, איז געווען קליגער און באַגאַבטער פאַר אים און אַ גרעסערער בעל־מידה.

אַז די מאַמע האָט געוויינט באַ איר אין צימער גופא, האָט זי דער טאַטע געטרייסט מיט ריזעלבע ווערטער, וואָס איר פעטער, דער רב. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. איז געבליבן באַם טאַטן, ער זאָל אַרויס איינגאַנצן פון פאָטערס הויז אין אַ באַזונדערע דירה, וועט זיך ענדיגן די גאַנצע שנאה מיט דער קנאה. זי וועט זיך לערנען איר חובת הלבבות מיטן מנורת־המאור און דעם ספר החסידים — און עס וועט זיין רוהיג אין שטוב.

האָט ער אָבער מורא געהאַט אויסצוגעבן דעם פאָטער אַזאַ זאַך און איז געגאַנגען צו דער מוטער זיך מישב זיין. געוואוסט האָט ער, אַז די מוטער האָט אַ גרויסן איינפלוס אויפן פאָטער, און ער פאָלגט זי אין גרעסערע זאַכן.

האָט די מוטער אים געגעבן אַן עצה, אַז ער זאָל אָנשרייבן אַ גוטן בריף צום פאָטער, דערציילן אים, ווי זיין שרה וויינט ווי טאָג, אַזוי נאַכט, און אַז ער וויל זיך אַרויסציהען אין אַן אַנדער דירה. אַלזאָ, האָט ער זעהר מורא פאַר אירע טרערן, וואָרום איר פאָטער איז שוין געשטאָרבן, אַ יתומה, און לכן געפינט ער קיין אַנדער וועג נישט צו באַרוהיגן זיין ווייב, ווי נאָר אַז זיי זאָלן אַרויס באַזונדער.

— דו שרייב אָן אַזאַ בריף דעם טאַטן, — האָט זי אים געראָטן, — וועט עס אים אַריין אין האַרצן. ער איז ראָך אַן ערליכער איד, און אַז דו וועסט אים אַריינוואַרפן די ווערטער: טרערן, געשטאָרבענע עלטערן, צדיקים, וועט דאָס אויף אים שטאַרק ווירקן. ער וועט מיר אַוודאַי דער־ציילן פון דעם בריף און וועט מיך געווים פרעגן אַן עצה, וועל איך אים שוין וויסן, וואָס צו זאָגן.

ער האָט אַזוי געטאָן. דער זיידע האָט באַקומען אַ בריף. פון אָנפאַנג איז ער געוואָרן בייז אויף זיין זון, וועלכער וויל ענדערן זיין כלל צו וואוינען שטענדיג צוזאַמען מיט אַלע קינדער, וואָס אַז מען זאָל אים געבן כל הון דעלמא, וואָלט ער פון דעם כלל נישט אָפּטרעטן. נאָר די טרערן פון דער בת־גדולים איז אים אַריין טיף אין האַרצן, און ער האָט מורא געקראָגן, ער זאָל, חלילה, נישט קריגן קיין קללה פון אירע עלטערן, די צדיקים. ער האָט זיך קיין עצה נישט געקאָנט געבן און איז זיך געגאַנגען מישב זיין מיט זיין ווייב ביילע־ראַשען.

ביילע־ראַשע די חכמה האָט אים דערויף געזאָגט, אַז זי איז טאַקע אויך זעהר אומרוהיג, וואָס שרה וויינט שטענדיג, און מען דאַרף זיך

גלאַט רעכענען מיט אַזעלכע גרויסע צריקים, עס זאָלן, חלילה, אירע טרערן נישט אָנקומען צו זיי.

— איך ציטער זעהר פאַר זיי, — האָט די באָבע געזאָגט, — און אַגב איז דאָך אַ רחמנות אויף אונזער משהן. פאַרוואָס זאָל אים פאַר־שטערט ווערן זיין לעבן צוליב אירע טרערן?

דערנאָך האָט די באָבע געזאָגט, אַז מען איז מיט איר אַריינגעפאַלן אויפן פיינעם אופן. זי איז דאָך אַ שלימזול און קאָן אַ קאַץ דעם ווידל נישט פאַרבינדן. נאָר וואָס זאָל מען טון, פאַרפאַלן, דאַרף מען זעהן, אַז זיי זאָלן כאָטש לעבן אָהן צער.

די באָבע האָט געקאָנט רעדן און האָט געווירקט אויפן זיידן, ווען זי האָט באַראַרפט.

דער טאַטע האָט אויסגעפירט. ער האָט געדונגען אַ דירה באַ שלום יאָרעס: דריי צימערן מיט אַ קיך פאַר צוואַנציג רובל אַ יאָר, און פאַר דער מאַמען האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט. איצט האָט זי אָנגעהויבן צו לעבן לויט איר רצון און איר געשמאַק, דאָס הייסט, זי איז שטענדיג געזעסן אויף אירע ספרים און האָט נישט אָנגעזעהן אין די אויגן יוכברן מיטן שווער, מיט די אַלע קאָמעניצער לייט. אַמאָל פלעגט זי גיין צו איר פעטער און פלעגט שעהן־לאַנג פאַרברייינגען מיט דער רביצין.

די מאַמע האָט קיינמאָל נישט געראַגהט פאַר פרנסה, ווי אַנדערע ווייבער, און ס'איז איר גלאַט קיין זאַך נישט אָנגעגאַנגען. זי האָט נישט געוואוסט, וואָס עס קאָכט זיך מיטאָג, ווען וועט ער זיין פאַרטיג — דאָס איז נישט איר עסק. ווענן נייען און פאַרריכטן אַ העמד איז גאָר קיין רייד נישט. אַפילו שבת און יום־טוב איז אויך דורכגעגאַנגען אָהן איר האַנט, פונקט ווי זי וואָלט גאָר קיין בעל־הביתטע נישט געווען.

אַזוי האָט די מאַמע אָפגעלעבט מיטן טאַטן אַ יאָר דרייסיג, רוהיג, רעגולער, ניין חדשים געשוואַנגערט, צוויי יאָר געזויגן, אַלע דריי יאָר פון דאָס ניי אַ קינד. זי האָט נאָר אַכטונג געגעבן אויף דעם קינד, וואָס זי זויגט, און אויפן חובת־הלבבות.

דער טאַטע האָט מיט איר קיינמאָל נישט גערעדט פון געשעפט און נישט געפרעגט, וואָס פאַר אַ מיטאָג וועט היינט זיין. ער האָט געוואוסט, אַז זי וויס נישט, און אַז ער פלעגט קומען אַהיים, פלעגט זי אים דער־ציילן מעשיות פון מנורת־המאור, ווי אַזוי מען דאַרף רינען גאָט לויט חובת הלבבות און אַנדערע הייליגע ספרים. דער טאַטע פלעגט אויסהערן די מעשיות און שווייגן.

---

# קאַפּיטל XII

די פּריצים. — בערל בענדעט. — טשעכטשאָווע. — סיכאָווסקי. — בערל בענדעטס טרייקייט. — דער בלבול. — דער קריג צווישן דעם פּריץ מיט דער פּריצטע. — באָגאָסלאָווסקי. — דער סוף פון בלבול.

דער זיידע האָט געוואָלט מחנך זיין זיינע זין צווישן די פּריצים. דאָס איז אים נישט איינגעגאַנגען. מיין פאָטער האָט נישט געוואָלט קענען די פּריצים; ער האָט פיינט געהאַט די שאַרלאַטאַנעס און האָט נישט געוואָלט זייער פּרנסה. ער האָט זיך באַשעפטיגט מיט דער אַרענדע. דער ברודער יאָסל ווידער האָט אויך נישט געטויגט צו זיי. מאַכן קאָמפּלי־מענטן, חנפהנען, ווי אַ הונט, די פּריצים האָט ער נישט געקאָנט און ער האָט זיך אויך געהאַלטן באַ דער אַרענדע.

דער זיידע האָט אָבער פאָרט געוואָלט איבערגעבן זיינעם אַ קינד די געשעפטן מיט די פּריצים, מאַכן באַקאַנט מיט זיי. האָט ער אויסגעקליבן פון זיינע צוויי איידעמס דעם עלטערן, בערל־בענדעטן, וואָס האָט חתונה געהאַט אין דער בהלה צו עלף יאָר. דאָס איז געווען אַ כוואַט אַ יונג. נאָך דעמאָלט איז ער געווען אַ גאַנצער פראַנט און האָט זיך געפּוצט און געצירט און געהאַט אַ גלאַט צינגעלע.

און דער זיידע האָט אים אָנגעהויבן מיטנעמען צו די פּריצים, און בערל־בענדעט האָט באַ זיי נושא חן געווען.

איינמאָל איז דער זיידע מיט אים געווען אין הויף טשעכטשאָווע, באַם פּריץ סיכאָווסקי. באַ דעם ראָזינן פּריץ האָט בערל־בענדעט זעהר אויס־גענומען, אָבער אַזוי ווייט, אַז ער האָט אים פאָרגעלעגט די שטעלע פון אַ קאָמיסאַר איבערן הויף. ביז איצט איז די שטעלע באַזעסן אַ קריסט, אַ שיכּור, פון וועלכן דער פּריץ איז אויסגעריסן געוואָרן. ער איז געווען אַ קלוגער פּריץ, און אים איז איינגעפאַלן נעמען בעסער אַ איד אויף זיין אָרט, אַ איד איז שטענדיג ניכטער און בערל־בענדעט איז פּאַסיג דערצו.

דער זיידע האָט אים, פאַרשטייט זיך, פאַרלויבט בערל־בענרעטן, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער באַמערקט דעם פריץ, אַז זיין איידעם איז נאָך צו יונג פאַר אַזאַ שטעלע.

סיכאָווסקי איז דערמיט נישט מסכּים געווען. ער, דער איידעם, איז זיך יונג, אָבער ער טויג און וועט טויגן.

— און, — האָט דער פריץ געזאָגט, — אויב דו ווילסט, טאָ פאַרבלייב דו מיטן איידעם באַ מיר אַ קורצע צייט. וועסט אים די ערשטע צייט צווייזן, כאָטש דאָס איז איינגנטליך איבעריג. זאָל ער שוין בלייבן. און איך וועל אַרויסשיקן אַ קאַרעטע צו ברייגנען זיין ווייב און די קינדער מיט די זאַכן. איך וועל אים אָפּגעבן דאָס הויז, וואו דער אַלטער קאָמיסאַר האָט געוואוינט, מיט דריי בהמות, דריי דינסטן און אַ לאָקיי, און די קאַרעטע מיט פיר פערד פון יענעם קאָמיסאַר וועט זיין פאַר אים.

דעמאָלט, אין יענער צייט, איז פאַר אַ לייטישן מענשן געווען אַ חרפּה צו וואוינען אין אַ דאָרף, זיין, הייסט עס, אַ ישובניק. נאָר אַזאַ שיינע שטעלע און נאָך באַם פּריץ סיכאָווסקין, וואָס ער האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גוטן מענשן בכלל, און פאַר אַ אידן־פריינט בפרט, איז דעם זיידן געפעלן געוואָרן. ער האָט אָבער געזאָגט סיכאָווסקין, אַז ער מוז זיך וועגן דעם מישב זיין אין דערהיים מיטן מחותּן זעליג אַנדראַרקעס און מיט די ווייבער, און די צווייטע וואָך וועט ער שיקן אַ בריוו מיט אַן עקסטרע־מענשן.

אַז דער זיידע איז געקומען אַהיים, האָט ער זיך באַלד מישב געווען מיט זיין ווייב ביילע־ראַשע. איר איז געפעלן געוואָרן די שטעלע, ווידער איז זי געווען זיכער, אַז בערל־בענרעט וועט זיין אַ גוטער בעל־הבית און וועט באַ סיכאָווסקין געווים נושא חן זיין. איז שוין איר טאָכטער, הייסט עס, פאַרזיכערט מיט פּרנסה, ווי אַ פריצטע. ווייטער איז נאָר קיין חרפּה נישט צו זיין אַ ישובניק, עס איז זיך נישטאָ וואָס צו שעמען. שענער און בעסער איידער צו האַלטן די אַרענדע און שטענדיג זיך רייסן מיט דער שטאָט, האָבן אַן עסק מיט די שיינקערס, מיט שכּורים און אַלערליי אויסוואורפן. דאָס אַלץ האָט איינגעפונען די באָבע און עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצונעמען די שטעלע.

דער זיידע האָט אַוועקגעשיקט אַ בריוו צו סיכאָווסקין, אַז זיין איידעם נעמט אָן די שטעלע. דער פּריץ האָט געענטפערט, אַז דער יונגערמאַן זאָל זיך צוגרייטן מיט דעם ווייב און קינדער צום פאָרן, אין דריי טעג אַרום שיקט ער פורן נאָך זיי. מיטוואָך איז געקומען פון פּריץ סיכאָווסקי אַ קאַרעטע מיט פיר פערד, און דריי פורן צו צוויי פערד פאַר די זאַכן. דער זיידע איז מיטגעפאָרן.

אַז זיי זײַנען געקומען, האָט דער פּריץ געשיקט דעם עקאָנאָם העלפֿן אײַנאָרדענען זיי אין דער נײַער װאוינונג. דערנאָך האָט סיכאָװסקי גענומען דעם זיידן צו זיך אין צימער אַרײַן און איבערגעגעבן אים אַלע אַרבעטן, מיט װעלכע עס װעט זיך דאַרפֿן באַשעפֿטיקן דער איידעם.

— קודם כל, — האָט ער געזאָגט דעם זיידן, — באַדאַרף מען זיך האַלטן שטאָלץ מיט די עקאָנאָמען און מיט די פּויערים, פּונקט װי ער האָלט געװען אַלײן דער פּריץ. ער באַדאַרף זיך פֿאַרגעסן, אַז ער איז אַ איד און דאַרף מוטיק פֿירן די געשעפֿטן.

דער זיידע, װאָס איז געװען זעהר אַ הייסער צו זײַן פֿאַמיליע, האָט צוגעזאָגט דעם פּריץ צו פֿאַרברייננגען אַ װאָך צייט מיטן איידעם און אין דער צייט װעט ער אים צולערנען, װי אַזוי מען באַדאַרף זיך אָפּגעבן און אַרבעטן אויף אַזאַ שטעלע.

סיכאָװסקי איז געװען בטבע אַ רוהיגער מענש, ער איז געװען זעהר רײַך און האָט ליב געהאַט צו לעבן אינגאַנצן רוהיג, ער זאָל גאָרנישט האָבן װאָס צו טון און װעגן װאָס צו טראַכטן. די איינציגע תּאוה זײַנע איז געװען — יאַגד, צו װעלכער ער האָט געהאַט פֿאַרשיידן געװער, מיט הויכע גרויסע יאַגד־הינט, װאָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער גאַנצער געגנט. צו דעם האָט ער געהאַט אַ באַזונדערע גרויסע שטוב, װאו די טייערע יאַגד־אינסטרומענטן זײַנען געװען אויסגעהאַנגען אויף די װענט, אויף טייערע יאַגד־קאָװיאָרן, און צװיי שטאַלן מיט שפּאַנען און באַזונדערע יאַגד־פֿערד, װאָס האָבן אָפּגעקאָסט צענדליגער טויזנטער.

די פּריצטע איז געװען זעהר אַ שלעכטע, אַ גרויסע װירטין, האָט פֿיינט געהאַט אַ אידן. זי האָט אָבער באַם מאַן קיין דעה נישט געהאַט.

דער פּאַלאַץ איז געװען גאָר אַ פּירשטליכער. אין גרויסן זאַל האָבן געקאָנט טאַנצן אַ פּאָר הונדערט מאַן. אויף די װענט האָט געבלישטשעט גאָלד. שטענדיג זײַנען באַ זיי געװען געסט פֿון די אַרומיגע הויפֿן, און מען האָט גאַנצע נעכט פֿאַרבראַכט אין עסן און טרינקען, אָבער שנאַפּס װײַנינ. דער פּריץ האָט פֿיינט געהאַט שכּורים, ראָסזעלבע מיט קאָרטן. און האָט מען געשפּילט, האָט ער זיך געסטאַרעט, אַז מען זאָל קיין סך נישט פֿאַרשפּילן. ער האָט גרויסאַרטיג גוט געשפּילט מיט דעם װײַב ראָיאַל. אָפֿט האָט מען געטאַנצט, און זיי האָבן געשפּילט.

װי געזאָגט, האָבן זיי געפֿירט, לפי ערך, אַ שטיל לעבן, אַלץ מיט אַ מאָס און מיט אַ טאָלק, און דעריבער זײַנען ביידע געװען געזונט, װי די שטיינער. געהאַט האָבן זיי גאָר איין־איינציגן זון. אַלע טאָג נאָך מיטאָג האָט ער מיט דער פֿרוי געריטן אויף צװיי שיינע פֿערד, געריטן גלאַט, פֿון געזונט װעגן, און מען האָט געלעבט אַ טאָג.

אויסער דעם גוט, אין װעלכן ער אַליין האָט געוואוינט, האָט ער געהאַט נאָך צוויי גיטער מיט אַ סך פעלדער, װעלדער, שייערן, שפּייכלער, אַמבּאַרן און אַ סך פּויערים.

דער ויירדע איז אָפּגעװען מיט בּערל־בּענרעטן אַ װאָך צייט און זיך מער אָדער װייניגער בּאַקאַנט מיטן מאַיאָנטיק און מיט די פּויערים, װאָס עס פאָדערט זיך פון אַ קאָמיסאַר. זיי האָבּן בּאַלד אַרויסגעגעבּן די עקאָנאָמעס נייע פאַראָרדענונגען און האָבּן אין אַלץ אַריינגעבּראַכט נייעס. אויך איז מען געקומען פון יענע צוויי הויפן נאָך פאַראָרדענונגען. און דער ויירדע מיטן איירעם זיינען נישט געשלאָפן.

מיט זיין קלוג אויג האָט דער ויירדע בּאַלד איינגעזעהן, אַז בּערל־בּענרעט איז פייהיג און טיכטיג און װעט גאָר גוט טויגן צום עסק, ער האָט אים נאָך צוגעגעבּן מוט, װאָס יענעם האָט עס, אַפּנים, אַזוי אויך נישט געפעלט.

דער פריץ פון זיין זייט האָט זיי טעגליך בּאַזוכט און איז געװען צופרידן. ער האָט געזעהן, אַז מען סטאַרעט זיך און אַז אין אַלץ װערט אַריינגעטראָגן אַן אָרדענונג, װאָס איז געװען פאַרלאָזן נאָך יענעם קאָמיסאַר.

ענרע װאָך איז בּאַם ויירן געבּוירן געװאָרן אַ פּלאַן, אַז סיכאָװסקי זאָל מאַכן בּאַ זיך אין הויף אַ בּרויז פון בּראָנפן און פון בּיר, מחמת אין הויף איז דאָ אַ סך בּורינקעס, װאָס שטייען לייריג, און מען דאַרף קיין זאַך נישט בּויען, נאָר איינריכטן אינעװייניג, דער פריץ װעט גוט פאַרדינען. קאַרטאָפלעס האָט ער, און אַז מען װעט דאַרפן האָבּן צום בּרויז מער, איז בּאַם פריץ פאַראַן גענוג ערד, און גוטע, קאָן מען זייען, װיפיל מען װיל. אַרבּעטער איז אויך פאַראַן גענוג — לייב־קנעכט, כאָטש בּאָר זיך!

ער האָט זיי מער, װי אַרבּעט אין די פעלדער, אגב װעט אפשר בּערל־בּענרעט האָבּן דערפון אַ בּאַזונדערע פּעולה. דער פריץ האָט אים בּאַשטימט פינף הונדערט רובּל אַ יאָר מזומן, אויסער אַלע פּראָדוקטן, װעט ער אים איצט אַוראַי געבּן טויזנט רובּל אַ יאָר אָדער ער װעט אים געבּן אַ פּראָצענט פון עמער בּראָנפן; עס װעט זיך גלאַט אָנהויבּן „אַ גרויס געשעפט, צו װאָס בּערל־בּענרעט טויג זיך, און אַגב, אַז דעם פריץ װעט צוקומען עטליכע טויזנט רובּל פאַרדינסט אַ יאָר, װעט ער אויך זיין צופרידן.

דער ויירדע האָט עס פאָרגעלעגט סיכאָװסקין, װאָס איז בּאַשטאַנען דערויף. מען איז בּאַלד צוגעטראָטן צו דער אַרבּעט, און אין אַ משך פון איניגע חדשים איז פאַרטיג געװאָרן אַ פולקאָמענער בּרויז. צום ערשטן האָט מען בּאַדאַרפט איינקויפן אַ זיבּעציג אָקסן, װאָס זאָלן שטיין אויף בּרייע, און בּערל־בּענרעט איז אין אַ זונטאָג געפאָרן אויפן מאַרק אין קאַמעניץ, מעשה־גראַף, אין אַ קאַרעטע מיט פיר פערד אין דער בּרייט און איינגעקויפט די דאָזיגע אָקסן.

מיט דער קניה איז דער פּריץ געווען צופרידן. בערל־בענדעט האָט געקויפט ביליג און גוט, און איבערהויפּט אָרנטליך, כּשר. נאָכדעם, אַז זיי זיינען געשטאַנען אַ וואָך צען אויף פּאַשע, און מען האָט זיי פּאַרקויפט, האָט מען פאַר יעדן אָקס גענומען ניינציג רובל, בעת פריהער האָט אַן אָקס געקאָסט פערציג רובל.

פאַרן ווינטער האָט מען צוויי מאָל געקויפט און פּאַרקויפט אָקסן און ביידע מאָל גוט פאַרדינט. דער עסק מיט בראָנפן איז געגאַנגען, און פאַרן ווינטער האָט דער פּריץ פאַרדינט העכער צוואַנציג טויזנט רובל ריין געלט. דאָס איז געווען אַ היפּשע סומע אַפילו פאַר אַ רייכן פּריץ!

עס פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געווען פון בערל־בענדעטן זעהר צופרידן, און ער האָט אים איבערגעגעבן דעם פאַרקויף פון אַלע תּבואות. אויך די סוחרים, וואָס פלעגן שטענדיג קומען צום פּריץ קויפן תּבואה, פלעגט ער אָפּשיקן צום יונגען אידישן קאָמיסאַר, און אַזוי איז ער געוואָרן אין הויף אי דער קויפער, אי דער פאַרקויפער. סיכאָווסקי פלעגט זיך אומגיין אין הויף מיט דער לאַנגער ליולקע אין מויל, אַ רוהיגער און אַ זאָרגלאָזער און די איינציגע אַרבעט זיינע איז געווען יאַגד און געסט צונעמען.

די איינציגע, וואָס איז נישט געווען צופרידן פון די אַלע גליקן, איז געווען די פּריצטע. איבערהויפּט האָט איר געקרענקט, וואָס אַ איר פּירט דאָס גאַנצע רעדל, איז עפּעס געוואָרן אַ מין פּריץ און אַ גאַנצער בעל־הבית איבערן הויף. ווידער איז בערקע געווען זעהר אַ שיינער יונג, אַ הויכער און אַ שלאַנקער, און געקליידט האָט ער זיך נאָך שענער פאַרן פּריץ, וואָס האָט געהאַט אַ נאַטור נישט צו קוקן אויף זיך, איז אַרום־געגאַנגען אָפּגעלאָזן און אַפּאַטיש און האָט זיך געפוילט אַפילו צו נעמען אַ מאָס באַם שניידער. דאָס האָט איר אויך געשטאָכן די אויגן.

בערל־בענדעט האָט אָבער מיט איר געהאַט ווייניג געשעפטן. ער האָט נאָר געהאַט עסקים מיטן פּריץ — און נישט מער.

נאָר זי האָט נישט געשוויגן. זי האָט געזוכט אויף אים בלבולים, האָט גערעדט אויף אים און האָט נאָכגעפרעגט באַם עקאָנאָם, ווי עס פירט זיך אויף דער יונגער קאָמיסאַר, צי ער גנבעט נישט א. אַז. וו.

דער עקאָנאָם האָט דערהערט, אַז די פּריצטע זוכט אויף בערל־בענדעטן בלבולים, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זי וויל פון אים פּטור ווערן, און ער האָט שוין געעפנט דאָס מויל און אָ נ ג ע ר ע ד ט אויף אים הרים וגבעות, אַז ער איז דער גאַנצער פּריץ, אַז ער האַלט זיך גרויס, אַז ער מיינט, אַז ער איז מער פּריץ פאַרן אמתן, און אַפילו די פּויערים ווייסן שוין כּמעט נישט, ווער איז דאָ דער אמתער פּריץ און ווער דער פאַלשער.

— טאָ זיי זשע אַ קלוגער און כאַפּ אים באַ אַ גנבה — האָט אים די פּריצטע גענעבן אָנצוהערעניש, — רעמאָלט וועט בערקע נאָך קריגן געשמיסן.

דער עקאָנאָם האָט פאַרשטאַנען, אַז זי מיינט ראָ אַ פשוטן בלבול. האָט ער אויפגעזוכט דריי קלוגע פּויערים, וועלכע האָבן געפירט קיין קאַמעניץ בראָנפן פאַרן זיירן, און האָט זיי אויסגעלערנט, אַז זיי זאָלן זאָגן, אַז אין אַלע פורן, אין וועלכע מען פירט די גרויסע קויפן בראָנפן צו אהרן־לייזערן, ליגן צו פּאָר פעסלאַך בראָנפן פאַר זיין אייגענעם טאַטן, זעליג אַנראַרקעס, וואָס האָט אַ שיינק. דער עקאָנאָם האָט געוואוסט, אַז אויב זיי וועלן זאָגן, אַז זיי פירן איבעריגע געגנבעטע פעסלאַך בראָנפן צו אהרן־לייזערן, וועט זיי דער פּריץ נישט גלויבן, ווייל אהרן־לייזער איז שוין באַוואוסט געווען באַ די פּריצים פאַר אַן אָרנטליכן און פאַר אַ מענשן, וואָס וועט זיך נישט לאָזן אויף אַזוינע נאַרישקייטן. נאָר אויף זעליגן וועט דער פּריץ גלויבן, און ראָס וועט אינגאַנצן באַשמוצן בערל־בענרעטן. ער האָט זיי געגעבן יערערן צו דריי רובל פאַר אַזאַ עדות־זאָגן, אַז זיי אַליין טראָגן שטענדיג אַריין צו זעליגן פעסלאַך בראָנפן.

אַז דער עקאָנאָם האָט ראָס אַלץ אָפּגעפּאַרטיגט, איז ער געגאַנגען צו דער פּריצטע און דערציילט אַזאַ און אַזאַ מעשה: די גוים פירן צו זיין אייגענעם טאַטן געגנבעטן בראָנפן.

די פּריצטע, וואָס האָט זיך כּלומרשט דערפרייט, האָט געהייסן ברייננגען די גויים, וועלכע האָבן איר באַשטעטיגט ראָסזעלבע, אַז זיי אַליין פירן שטענדיג אין די וועגן, וואָס צו אהרן־לייזערן, פעסלאַך בראָנפן צו זעליגן.

— וועט איר שווערן? — האָט געפרעגט די פּריצטע.

— מיר שווערן, — איז געווען זייער ענטפער.

דער פּריץ איז בעת מעשה געווען אויף יאַגר און, אַז ער איז געקומען, האָט אים די פּריצטע מיט התפּעלות דערציילט, אַז דער קאָמיסאַר איז אַ גנב. דער פּריץ האָט געשיקט נאָך די פּויערים, און זיי האָבן ווידער געזאָגט, אַז זיי האָבן געפירט געגנבעטן בראָנפן. דעם פּריץ האָט זיך עס אָבער נישט געגלויבט, און צווייפלענדיג, האָט ער עס דערציילט בערל־בענרעטן און דערביי געזאָגט:

— גלויבן גלויבט זיך מיר נישט אויף דיר, אָבער באַווייז, אַז די פּויערים ליגן.

בערל־בענרעט האָט זיך זעהר דערשראָקן און האָט זיך, אפנים, צום ערשטן פאַרלוירן. די גאַנצע מעשה איז עפּעס געווען אַ ווילרע, אַ נאַרישע און אַ מיאוסע, און ווי ווייזט מען ראָ אויף, אַז די גויים ליגן? און אַז

ער האָט עס דערציילט דעם ווײַב, האָט זי אָנגעהויבן וויינען, און ס'איז געוואָרן אַ חורבן אין שטוב.

דעמאָלט איז בערל־בענדרעטס ווײַב געפאָרן און געבראַכט דעם פּאָטער, טאָמער וועט ער דאָ קאָנען העלפן. דער זיידע איז געקומען און האָט קודם־כּל אויסגעמוסרט דעם פּריץ, פאַרוואָס ער גלויבט אין אַזעלכע ליגנס און בלבולים. ווײַטער האָט ער אים אויפגעוויזן מיט פאַקטן, אַז ווען בערל־בענדרעט וואָלט גנבענען, וואָלט ער געפונען וויכטיגערע זאַכן צו צונעמען, איידער פעסלאַך בראָנפן. פאַרקערט, ער איז אַזוי ריין און אָרנטליך, אַז ער פלעגט זיך אָפּזאָגן פון מתּנה־געלט, וואָס סוחרים האָבן אים געגעבן, און אַפילו אייניגע מאָל האָט ער אָפּגעשיקט טייערע פּריזענטן און האָט זאָגאַר אויפגעהערט צו האַנדלען מיט יענעם, וואָס האָט עס אים אַרײַנגעשיקט.

— דו האָסט אַליין אײַנגעזעהן, — האָט דער זיידע געטענעט, — ווי דו ביסט בײַ אים טײַערער פאַר זײַן טאַטן און מאַמען, פאַר זײַן ווײַב און קינדער, אַלזאָ, דאָס איז אַ בלבול, וואָס שטאַמט פון עמיצן פון הויף — פּשוט, מען וויל אים אונטערגראָבן...

— אָבער דרײַ פּויערים שווערן דאָך, — האָט דער פּריץ געזאָגט, און דערנאָך צוגעגעבן:

— מיר גלויבט זיך טאַקע נישט. פאַראַן אַן עצה — געבן שמיץ די פּויערים... דעמאָלט וועט מען וויסן. שמײַסן אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן אויסזאָגן.

— די עצה איז אַ צו שווערע, — האָט דער זיידע געזאָגט — איך וועל דיר געבן אַ גרינגערע עצה. דו גיב די דרײַ פּויערים אַן אַרבעט ערגעץ אין אַ שפּײַכלער, זיי זאָלן דאָרט אַרבעטן אַליין, און קיינער זאָל מיט זיי נישט זײַן. דערבײַ זאָלסטו אַוועקשטעלן עפּעס אַ קלוגן און אַן אָרנטליכן מענשן הינטערן שפּײַכלער, און ער וועט זיך אײַנהערן, וואָס זיי ריידן. פּויערים, אַז זיי טון אָפּ בשותּפות עפּעס אַן עולה, האָבן זיי ליב צו ריידן שטילערהייט וועגן איר. וועלן זיי מסתּמא ריידן צווישן זיך אין שפּײַכלער, אַז זיי האָבן געשוואוירן פאַלש.

דעם פּריץ איז דאָס געפעלן געוואָרן.

— איך אַליין וועל שטיין הינטערן שפּײַכלער, — האָט ער זיך אָנגענומען, — אַגב גייט עס מיר אום מײַן כּבוד, וואָרום פּריצים לאַכן פון מיר, וואָס איך האַלט אַ איד אַלס קאָמיסאַר, זיי זאָגן, אַז איך וועל זיך גוט באַצאָלן דערפאַר.

דער פריץ האָט באַלד געהייסן געבן די דריי פּויערים אַרבעט און אַ שפּייכלער, נאָהענט פון זיין פּאַלאַץ, און אַליין האָט ער זיך געשטעלט הינטערן וואַנט — הערן, וואָס זיי ריידן.

געשטאַנען איז ער לאַנג, אַוודאי אַ פּאָר שעה. פון אָנהויב האָבן די פּויערים גלאַט אַזוי זיך גערערט צווישן זיך, גערערט פון וואָס עס איז נעקומען אויף דער צונג. דערנאָך אָבער האָט עמיצער פון זיי אויסגערריקט זיין חרטה איבער דעם, וואָס ער האָט זיך געלאָזט פּאַרפירן דורכן עקאָנאָם און האָט פאַלש אָפּגעשוואוירן. אַגב איז ער אַ גאַנץ גוטער מענש דער קאָמיסאַר, טאָ פאַרוואָס קומט עס אים? און אַזוי ריידנדיג, האָט מען אויפגעהויבן צווישן זיך די פראַגע, צי מען זאָל זיך אפשר נישט מורה זיין, אַז דאָס איז געווען פאַלש אָפּגעשוואוירן?

אויף די רייד איז דער פריץ אַריין גלייך אין שפּייכלער. די גוים זיינען, פאַרשטייט זיך, טויטע געוואָרן און זיינען געבליבן שטיין מיט אָפענע מיילער.

— נו, איצט דערציילט אָקאָרשט, ווער האָט עס אייך אָנגערערט! — האָט ער זיך געווענדט צו זיי, — איך האָב געהערט, וואָס איר האָט גערערט.

זיינען זיי אים געפאַלן צו די פיס און געוויינט און דערציילט די גאַנצע מעשה פון אָנהויב ביזן סוף.

דער פריץ האָט געשיקט רופן דעם עקאָנאָם. געקומען דער עקאָנאָם, האָט ער אים געפרעגט:

— זאָג, דו האָסט עס אַליין אויסגעטראַכט, צי עמיצער האָט דיך אויסגעלערנט? זאָג נאָר דעם אמת, וואָרום אַנישט וועל איך דיך אַזוי לאַנג שמייסן, ביז פון דיר וועט קיין גאַנצער ביין נישט בלייבן.

דער עקאָנאָם, וואָס האָט זיך שרעקליך דערשראָקן, האָט באַלד געזאָגט, אַז דאָס איז, מחילה, די פריצטע אַליין, אַז זי האָט אים געשטויסן דערצו און אַז ער איז נישט שולדיג.

אַ פּריץ האָט פיינט לאַנג צו וואַרטן, און באַלד איז שוין געווען אָפּגעשטעלט זיין אייגן ווייב אויף צוויג קעגן עקאָנאָם, און זי האָט זיך אויך מורה געווען, אַז זי האָט אים געטריבן דערצו, מחמת זי האָט געוואָלט פּטור ווערן פון בערקען, וועלכן זי האָט נישט ליב.

דער פינאַל פון דעם אַלעם איז געווען אַזוי: די פּויערים האָבן געקראָגן צו זעכציג שמיץ, דער עקאָנאָם אויך דאָסועלבע נאָך מיט אַ צונאָב דערצו, וואָס באַ אים איז אָפּגענומען געוואָרן די שטעלע און מען האָט אים געמאַכט פאַר אַ פּראָסטן לייב־קנעכט, פון וואָס ער איז פריהער געווען באַפרייט.

פאַר אַזוי פיל צער האָט בערל־בענדעט באַקומען פון פריץ אַ קוש אין קאָפּ, און דער פריץ האָט געזאָגט:

— פון היינט אָן, וועל איך אויף דיר קיינע מסירות נישט אָננעמען.

ווי געזאָגט, איז סיכאָווסקי געווען זעהר אַן אַנשטענדיגער מענש, און עס פאַרשטייט זיך, אַז דעם ווייבס אויפפירונג האָט אים שטאַרק צע־טרייסלט, און ער האָט מיר איר מער נישט גערערט און נישט געוואָלט וואוינען אינאיינעם. בערל־בענדעטן האָט ער געהייסן אָפּפּרישן אַ הויז און מאַכן פאַר אים אַ זאווינונג, און אויף דערווייל האָט ער זיך איבער־געצויגן אין זיין צווייטן הויף.

בערל־בענדעט האָט אויסגעפּוצט אַ הויז און איז געפאָרן קיין בריסק באַשטעלן באַ די מעבל־סוחרים, אַז זיי זאָלן ברייגגען פון וואַרשע ראָס טייערסטע מעבל. ראָס הויז איז איינגעאָרדענט געוואָרן מיט אַזאַ געשמאַק, אַז עס איז געפעלן געוואָרן די אַרומיגע פריצים. זיי האָבן זיך געוואונדערט, אַז אַ איד זאָל האָבן אַזאַ געשמאַק אין אַזוינע זאַכן.

דער פריץ איז אַלע טאָג געקומען צופאָרן אין זיין קאַרעטע צו בערל־בענדעטן, און די מומע האָט געמאַכט גוטע מיטאָגן פאַר אים. פון דעמאָלט אָן איז שוין די מומע אויך געוואָרן טייער באַ אים. זי איז אַפילו געווען אַ קליינינטשקע, אַזוי ווי זי איז געווען באַ דער חתונה אין דער עלטער פון עלף יאָר, אַ מאָגערע, אָבער זעהר אַ קלוגע און אַ געשיקטע. זי איז געווען דער היפוך פון מאַן, וואָס איז געווען הויך, ריק און שיין, און קענן אים האָט זי אויסגעזעהן, ווי אַ קינד.

סיכאָווסקי פלעגט זיך פאָרן צו די פריצים אין געסט, אַליין צו זיך האָט ער נישט פאַרבעטן: אַלע פריצים האָבן שוין געוואוסט פון דער גאַנצער געשיכטע.

דער פריצטעס לאַגע איז געווען זעהר און זעהר נישט קיין אַנגענעמע: דער מאַן האָט זיך אָפּגעטראָגן פון איר און באַ אַלע פריצים אַרום קאָכט מיט דער געשיכטע.

דער פריצטעס פאָטער באָגאָסלאַווסקי איז געווען אַ רייכער פריץ נעבן קאַמעניץ, אייגנטליך אַ גאַנץ סאָלידער מענש, נאָר נישט אַזאַ גוטער און אָרנטליכער, ווי דער איידעם, דערפאַר אָבער זעהר אַ קלוגער און באַ אַלע פריצים אַרום איז ער געווען דער גאַנצער בעל־יועץ. געהאַט האָט ער אַ זון, אַ גרויסער שאַרלאַטאַן, פון די באַרימטע לעב־קינדער צווישן די פריצים און האָט דעם פאָטער פון אָנפאַנג פיל געלט נעפטרט. אָבער דערנאָך האָט דער קלוגער פאָטער צוגענומען באַ אים די גאַנצע מאַכט איבערן הויף און נעגעבן אַלעמען צו וויסן, סיי זיינע עקאָנאָמעס, סיי די אַלע אידן, וועלכע האָבן מיט אים געפירט געשעפט, אַז זיי זאָלן

אים קיין גראָשן נישט טרויען, און ער וועט .פאַר אים קיין גראָשן נישט צאָלן.

און אָט דער זון, דער פּריצטעס ברודער, אַז ער איז געוואָר געוואָרן פון דער מעשה, איז ער געקומען קיין טשעכטשאָווע .צו דער שוועסטער מישב זיין זיך, וואָס צו טון. זי האָט זיך פאַר אים גוט אויסגעוויינט, און ער האָט איר אויפגעגעבן, אַז ער וועט דערשיסן דעם קאָמיסאַר.

— נישקשה, דערשיסן אַ ושיר איז נישט קיין גרויסע סכּנה — האָט ער געזאָגט.

זי האָט אים אָבער אָפּגעהאַלטן, מורא האָבנדיג, אַז ער זאָל זיך נישט גוט באַצאָלן פאַר אַזאַ רעכט שטיקל אַרבעט. אַגב וואָלט זי דעם מאַן מיט אַזוינע מיטלען געוויס נישט צוגעצויגן.

דער שאַרלאַטאַן האָט איר נאָכגעגעבן, און זיי זיינען בּיידע געפאָרן צום פּאָטער.

דער פּאָטער האָט ליב געהאַט סיכאָווסקין; ער, דער .שוער, האָט געוואוסט, ווי דער איידעם איז געווען זעהר צופרירן .פון דעם אירישן קאָמיסאַר, און אַז ער האָט דערהערט פון דעם גאַנצן טומל מיטן בלבול, וואָס זיין טאָכטער האָט געזאָלט מאַכן אויפן געטרייען קאָמיסאַר, האָט עס אים שטאַרק פאַרדראָסן אויף זיין טאָכטער, וואָס האָט דאָ געהאַנדלט זעהר נישט אָרנטליך. ער האָט זיך דעריבער געמאַכט נישט וויסן און איז נישט געקומען צו דער טאָכטער. ער האָט געוואוסט, אַז די טאָכטער וועט סוף כּל סוף מוזן קומען צו אים, כּדי ער זאָל דאָ ווי עס איז מאַכן אַ שטיקל טאָלק.

אַז זיי זיינען געקומען צום פּאָטער, האָט ער זיך דערשראָקן: אַזוי האָט זי זיך פאַרענדערט אויפן פּנים, ער האָט זיך דאָך געמאַכט נישט וויסן און געפרעגט:

— וואָס ביסטו דאָס געקומען אַליין אָהן סיכאָווסקין?

האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. דאָ האָט שוין דער ברודער אָנגעהויבן דערציילן דעם פּאָטער די גאַנצע מעשה, נאָר געוויינליך אַזוי, אַז עס זאָל אויסקומען גוט פאַר דער טאָכטער, נאָר דער אַלטער האָט אים אָפּגעהאַקט.

— זאָל זי מיר בּעסער דערציילן, און דו גיי אַרויס פון צימער! — האָט ער געהייסן.

געבליבן אַליין אין צימער, האָט איר דער אַלטער געזאָגט מוסר און באַמערקט, אַז זי האָט אַ גאָלדענעם מאַן, אַז ער האָט זעהר ליב איר מאַן, אַז ער איז אים טייערער פון אַן אייגן קינד, אַז איצט האָט ער שמערצן פון דער גאַנצער מעשה און אַז זי האָט נישט אָרנטליך געהאַנדלט.

וואָס וויל זי פון דעם אידישן קאָמיסאַר? פאַרוואָס האָט זי אים געוואָלט אומגליקליך מאַכן? מיט וואָס איז ער ערגער פון אַ פּאָלאַק אַ שכור? א. אַז. וו.

פון זיינע רייד איז די טאָכטער גערירט געוואָרן, און ער האָט לאַנג גערעדט, און אפשר האָט זי איצט ווירקליך איינגעזעהן, וואָס זי האָט געטאָן און דאָס אומגליק פון דעם, וואָס איר 'איז צעשטערט געוואָרן דאָס לעבן מיטן מאַן, וואָס איז אַזאַ טרייער מאַן?

און זי האָט זיך פונאַנדערגעוויינט פאַרן פאָטער.

דער פאָטער האָט איר דעמאָלט געגעבן אַן עצה:

— דו קאָנסט ווידער איינאָרדענען אַלץ. אָבער דו ווייסט דורך וועמען? דורכן קאָמיסאַר... בעט אים, וועט זיך אַלץ פאַרענדיגן.

נאָר דאָס איז שוין געווען צופיל. בעטן דאָס אידל, וואָס זי קאָן אים נישט איבערטראָגן, איז, אַפּנים, געווען נישט נאָך אירע כּחות נאָך. נאָר דער אַלטער האָט זי בּאַרוהיגט.

— דו דאַרפסט גאָר נישט גיין צום קאָמיסאַר, נאָר צו זיין שווער. יענער איז זעהר אַ קלוגער איד, אָבער זעהר, וועט ער עס שוין איינאָרדענען.

דער שווער, און נישט דער איידעם — דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש, דאָס איז איר שוין געפעלן געווען. נאָר איין זאַך האָט זי נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי וועט דאָס דער אַלטער אהרן־לייזער וועלן מאַכן שלום, בעת זי האָט געוואָלט אַזוי פיל שלעכטס טון דעם איידעם.

— נישקשה — האָט איר דער פאָטער געזאָגט — דער אַלטער וועט וועלן. איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ער איז אַ קלוגער, זעהר אַ קלוגער איד און ער וועט איינשטימען. אגב וועט ער עס מוזן טון, וואָרום דעם קאָמיסאַר איז אויך נישט צום האַרצן אַזאַ לאַגע, און ער וועט זיך נישט קאָנען לאַנג האַלטן, בעת דער מאַן איז צעקריגט מיטן ווייב צוליב אים.

— און נאָך וואָס: מיטן קאָמיסאַר זאָלסטו זיך קיינמאָל מער נישט בּאַגיין אַזוי. דאָס איז אַן ערשט מאָל און אַ לעצט מאָל. דאָס זאָלסטו געדיינקען! בּכלל דאַרף מען זיך קיין בּעסערן קאָמיסאַר נישט ווינשן. אַ מענש פּירט די גאַנצע ווירטשאַפט און איז אַזוי איבּערגעגעבּן! לסוף האָט דער פאָטער איר געהייסן מאָרגן אַוועקפאָרן אַהיים, און ער וועט שוין שיקן נאָך אהרן־לייזערן.

בּאָגאָסלאַווסקי האָט געשיקט אַ בּריף צום זיידן און געבּעטן אים קומען, נישט וועגן געשעפט, נאָר וועגן עפּעס אַ פּערזענליכער זאַך.

דער זיידע האָט אים געענטפערט, אַז די וואָך האָט ער פאַר קיין פאַל קיין צייט נישט, ער איז זעהר בּאַשעפטיגט, נאָר נאָך שבּת וועט ער קומען. דער זיידע האָט פאַרשטאַנען, אַז בּאָגאָסלאַווסקי וויל אים בּעטן, ער

זאָל מאַכן אַ שלום, און ווידער האָט ער געוואוסט פון זיין טאָכטער, אַז די פּריצטע האָט דעם טויט, וואָס סיכאָווסקי איז מיט איר ברוגז און פאַרבריינגט די צייט בײַ בערל־בענרעטן, און דערפון האָט ער שטאַרקער איינגעזעהן, אַז מען וויל דאָ מאַכן אַ שלום; און אומישנע האָט דער זיידע אָפּגעלעגט אויף נאָך אַ וואָך זיין קומען, כּדי די פּריצטע זאָל נאָך אַ וואָך קריינקען פאַר צער.

אַז דער זיידע איז ענדליך געקומען, האָט אים באָגאָסלאַווסקי זעהר וואַרעם צוגענומען, געשטעלט פאַר אים טיי און די גוטע ציגאַרן, פּונקט ווי אַ פּריץ וואָלט געקומען. דערנאָך איז מען אַרויפגעקומען אויף דעם שמועס וועגן דעם פּריצס טאָכטער, און באָגאָסלאַווסקי האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט שטאַרק אויסגעמוסרט זיין טאָכטער, האָט מיט איר אַ סך גערעדט און אַ סך געגעבן צו פאַרשטיין, און אַז זי האָט איצט חרטה.

זי, די טאָכטער, האָט אַ סך געוויינט, אַלזאָ, דאַרף מען זעהן מאַכן אַ שלום, נאָר אַזוי ווי קיין פּאַסיגער מענש, וואָס זאָל מאַכן אַ שלום, איז נישטאָ, אויסער דעם זיידן, אויף וועלכן מען קאָן זיך פולקאָם פאַרלאָזן, דאַרף ער זיך באַנוצן מיט דער צייט, נישט פאַרציהען און שוין נעמען טון דערין.

דעמאָלט האָט אים דער זיידע אָפּגעזאָגט אַ לאַנגע רעדע, אין וועלכער ער האָט באַרויערט די גאַנצע מעשה און אויפגעוויזן דעם פּריץ, אַז אויב ער וועט איצט מאַכן אַ שלום, איז ער דאָך נישט זיכער אויף ווייטער.

— וואָרום, לאָמיר זיך נישט נאַרן, — האָט דער זיידע געזאָגט, — אַז אַ איר זאָל זיין בײַ אַ פּריץ אַ קאָמיסאַר און האָבן די גאַנצע ממשלה, קאָנען דאָס די יונגע פּריצים, די שאַרלאַטאַנעס, נישט פאַרטראָגן, אָדער אַמאָל, זאָלסטו מיר מוחל זיין, די פּריצישע ווייבער; זיי אַלע באַגרייפן גאָרנישט, אַז עס זיינען פאַראַן אָרנטליכע אידן, ווי מיין איידעם, צום ביישפּיל. וואָס אָנבאַלאַנגט אייער טאָכטער, פיל איך, אַז אין האַרצן האָט זי נישט ליב קיין אידן און וועט מסתּמא ווייטער עפּעס אויפזוכן אויף איר קאָמיסאַר.

— נאָר פונדעסטוועגן, — האָט דער זיידע ווייטער גערעדט — דאַרף מען זעהן מאַכן אַ שלום, און איך זאָג זיך נישט אָפּ דערפון. אַ איד האָט שלום באַזונדערס ליב.

— און, — האָט דער זיידע צוגעגעבן, — איך וועל מיך סטאַרען דערפאַר, אָבער דו דאַרפסט אויסמוסרן דיין טאָכטער און זעהן, אַז זי זאָל זיך באַציהען בעסער צום קאָמיסאַר, זאָל אים ערליך האַלטן לויט זיין ווערדע. דו גיב נאָר, פּריצל, אַ קוק, ווי עס זעהט איצט אויס דער הויף און ווי האָט ער אויסגעזעהן פריהער. איצט איז

ער אין אָרדענונג, עס איז אַ מחיה צו קוקן. ווידער ברייננגט ער אַריין אַזוי פיל הכנסה, וואָס דער פּריץ האָט זיך אַליין נישט געריכט דערויף.

— איך האָב איר דאָס שוין אַליין אַלץ גערעדט, — האָט דער אַלטער פּריץ געזאָגט, — און גענוג געמוסרט, איצט וועט זי זיך שוין אַנדערש פאַרהאַלטן.

דער זיידע איז אַוועקגעפאָרן קיין טשעכטשאָווע און פאַרפאָרן צום איידעם. באַלד איז געקומען דער לאָקיי בעטן דעם פאַן אהרן־לייזער קומען צום פּריץ. דער זיידע איז אַוועק צו אים.

סיכאָווסקי האָט אים אויך זעהר העפליך צוגענומען. איצט האָט סיכאָווסקי געזאָגט, אַז ער האָט גרויס פאַרדראָס אויף זיין פרוי, וואָס זי האָט געקאָנט אומברייננגען בערקען פאַמיליע, נאָר עס איז פאַרפאַלן, אויפן קאָמיסאַר אָבער וועט ער שוין קיינמאָל נישט גלויבן אַזוינע נאַריש־קייטן, וועלכע קאָנען דאָך אומברייננגען אַ מענשן.

ווי סיכאָווסקי איז נישט געווען בייז אויף זיין ווייב, פונדעסטוועגן האָט דער זיידע פאַרשטאַנען, אַז ער וואָלט דאָך געוואָלט מאַכן אַ שלום מיט איר, עס איז בלויז נישטאָ דער מענש, וואָס וואָלט עס געקאָנט טון.

און מיט סיכאָווסקין האָט דער זיידע לאַנג גערעדט און זעהר אָפנ־הערציג, אָבער דערפירט האָט דער זיידע צו דעם, אַז מען ברויך דאָך מאַכן אַ שלום. ערשטנס, פּאַסט עס נישט פאַר אַ פּריץ, און צווייטנס, וועט זי זיך איצט מסתמא אַנדערש אויפפירן.

— עס קאָן אָבער זיין, — האָט אים דער זיידע באַמערקט — אַז עס איז נישטאָ דער נויטיגער מענש דערצו, וועל איך דיר, פּריץ, זאָגן, אַז איך קאָן מיך דערין אַריינלייגן און דיין כבוד וועט, חלילה, נישט געמינערט ווערן אויף אַ האָר.

דער פּריץ איז מסכים געווען, און כדי איבערצורייסן דעם אומאַנגענעמען געשפּרעך, האָט ער געזאָגט:

— לאָמיר ריידן וועגן אויסבויען אַ ביר־ברויז...

— איך האָב מיך נאָך נישט צוגעגרייט צו דעם, — האָט דער זיידע געענטפערט, — מיר האָבן נאָך צייט.

דער זיידע האָט נאָך לאַנג גערעדט מיטן פּריץ. אַז ער האָט זיך געזעגנט מיט אים, איז ער אַוועק צום איידעם.

דעם איידעם האָט דער זיידע געהייסן אויך ריידן מיטן פּריץ מכח אַ שלום. זאָל ווערן אַ סוף דערמיט, זאָל דער איידעם אויך אַרבעטן פון דער זייט, וועט עס ניכער מקוים ווערן.

דער זיידע איז אַוועקגעפאָרן, און בערל־בענדעט איז אַוועק צום פּריץ און אים אויך צוגערעדט צו אַ שלום, וועט ער, בערל־בענדעט, זי שעצן

גלייך, ווי דעם פּריץ, און וועט אינגאַנצן פֿאַרגעסן, וואָס אים איז געטאָן געוואָרן.

דער פּריץ האָט זיך כּמעט ווי אַרויסגעזאָגט, אַז וואָס בערל־בענדעט וועט פֿאָרנעמען, וועט ער צושטימען.

בּערקע איז אַוועקגעגאַנגען צו דער פּריצטע. בּאַ איר איז רעמאָלט געזעסן איר בּרודער, דער שאַרלאַטאַן, וואָס איז בּאַ איר כּמעט די גאַנצע צייט געווען, כּדי איר זאָל נישט זיין אומעטיג. דער בּרודער, דערזעהענדיג דעם אידישן קאָמיסאַר, איז אין דער גיך אַריינגעגאַנגען אין צווייטן צימער, און די פּריצטע האָט העפֿליך אויפֿגענומען דעם פֿאַן בּערקען און בּאַ זיי איז אַוועק אַ שמועס. ער האָט זיך מיט איר גוט דורכגערעדט און צום סוף האָט ער איר בּאַמערקט, אַז ער איז אויף איר מלמד זכות און איז גרייט אַלץ צו פֿאַרגעסן. זאָל זיין אַ שלום, עס קאָסט אים אַפּילו געזונט דער בּרוגז.

רעמאָלט האָט אים די פּריצטע איבּערגעבּעטן.

— דו בּיסט אַן אָרנטליכער מאַן, איך ווייס, און לאָמיר פֿאַרגעסן אָן דעם.

נאָכדעם האָט בּערל־בּענדעט אַוועקגעשיקט דאָס ווייבּ צו איר פֿאָטער, אהרן־לייזערן, איבּערגעבּן אים די אַלע געשפּרעכן, וואָס ער האָט געהאַט מיט דעם פּריץ און דער פּריצטע. אהרן־לייזער האָט שוין בּאַ זיך אין געדאַנק צוזאַמענגעשטעלט אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו מאַכן דעם שלום.

אַוועקגעפֿאָרן איז ער בּאַלד צום פּריץ ווילעווינסקי, וואָס איז געווען אין זעהר גוטע בּאַציהונגען מיט סיכאָווסקין און דער פֿרוי. אויך זייערע בּיידנס ווייבּער האָבּן געלעבּט גוט צווישן זיך. סיכאָווסקי איז שוין אין דער צייט פֿון בּרוגז מיט זיין ווייבּ געווען אַ פּאָר מאָל בּאַ ווילעווינסקין. ווילע־ווינסקי איז אויך געווען פֿון די שטילערע פּריצים, דעריבּער האָט ער זיך, אַפּנים, בּאַזונדערס געחברט מיט סיכאָווסקין, בּאַ וועלכן מען האָט אין מאָס געשכּורט און געשפּילט אין קאָרטן.

סיכאָווסקי האָט ווילעווינסקין גאָרנישט דערציילט פֿון זיין בּרוגז מיט דעם ווייבּ, און ווילעווינסקי האָט עס אפשר געוואוסט פֿון אַנדערע, נאָר איצט האָט אים דער זיידע איבּערגעגעבּן די גאַנצע געשיכטע אויספֿירליך און בּאַמערקט, אַז זיי בּיידע וואָלטן וועלן שלום ווערן, נאָר עס זיינען אַלץ נישטאָ די פּאַסיגע בּאַרינגונגען דערצו.

— לכן, איז מיין עצה, — האָט דער זיידע געזאָגט, — אַז דו זאָלסט אים איינלאַדן צו זיך אויף אַ פֿאַרווייִלונגס־אָוונט, ריין ווייבּ זאָל איינלאַדן די מאַדאַם סיכאָווסקי; פֿריהער אָבּער זאָל דיין ווייבּ שיקן נאָך איר, און דערנאָך, אַז זי וועט שוין זיין, וועסטו שיקן נאָך אים. ער דאַרף נישט

װיסן, אַז זײַן װײַב איז אױך אײַנגעלאַדן. אַז ער װעט קומען, װעסטו פֿאַרפֿירן מיט אים אַ געשפּרעך װעגן שלום, און דאָ װעל איך שױן קומען צו הילף. פֿון דעם בּרוגז, װעסטו זאָגן, האָסטו זיך דערװאוסט פֿון מיר.

װילעװינסקי האָט אַזױ געטאָן. סיכאָװסקיס פֿרױ איז געקומען פֿריהער, און דערנאָך סיכאָװסקי. װילעװינסקי האָט אים אַרײַנגעפֿירט אין אַ בּאַזונדער צימער און גענומען מיט אים פֿאָרזיכטיג קנעלן װעגן שלום, און דערבּײַ איז שױן אונטערגעקומען דער זײדע, נאָר ער איז נישט אַרײַן צו זײ אין צימער. װילעװינסקי האָט זיך אױפֿגעשטעלט און געזאָגט:

— מײַן פֿרױ איז עפּעס נישט געזונט, קומט אַרײַן צו איר.

מען איז אַרײַן צװאַמען אין יענעם צימער, װאו די װירטין האָט געזאָלט זײַן, און סיכאָװסקי איז איבּערראַשט געװאָרן: נעבּן װילעװינסקיס װײַב איז געזעסן ס י כ אָ װ ס ט ש י כ ע.

עס איז אים געװאָרן עפּעס נישט העגרטיג, און ער האָט געװאָלט אַרױסגײן פֿון צימער, האָט מען אים שױן נישט אַרױסגעלאָזט, און ער האָט זיך געמוזט אַנידערזעצן. האָט מען אָנגעהױבּן דערלאַנגען אַהין אין צימער טײ מיט צובּײַסונגען. בּאַם טײ איז אַװעק אַ װײַטיגער שמועס, און װילעװינסקי האָט געזאָגט:

— איך האָבּ אױך אײַנגעלאַדן קאָטיקן, לאָמיר אים אַרײַנרופֿן, מיט אים איז אַנגענעם צו פֿאַרבּרײַנגען.

בּאַלד איז אַרײַן אין צימער דער זײדע, װאָס האָט זיך אױך צוגעזעצט צום טיש. אין אַ װײַלע אַרום האָט זיך װילעװינסקי מיט דער פֿרױ אַרױס־גערדרײט מיט עפּעס אַן אױסרײד, און דער זײדע האָט בּאַלד אָנגעהױבּן צוטרעטן צו דער זאַך.

אָנגעהױבּן האָט ער, פֿאַרשטײט זיך, פֿון דעם, װאָס ער האָט גענומען פֿאַרטײדיגן זי, אַז זי איז שטאַרק נישט שולדיג א. אַז. װ. און נאָך אַ לאַנגער און דיפּלאָמאַטישער רעדע האָט ער געענדיגט דערמיט, אַז סיכאָװ־סקי זאָל געבּן זײַן װײַב די האַנט אױף שלום. און אַ סוף זאָל װערן דערמיט.

װי אומגערן, האָט ער זיך כּלומרשט צעהוסט און בּאַלד דערױף איז געקומען װילעװינסקי מיט זײַן פֿרױ. װילעװינסקי האָט גענומען סיכאָװס־טשיכעס האַנט, און זי דעם מאַנס האַנט, און מיט נעװאַלד צוגעפֿירט אײנע צו די אַנדערע. האָט מען זיך גענעבּן די הענט און זיך צעקושט. עס איז געװאָרן ששון ושמחה. מען האָט געשפּאַנט פֿערד, און אַלע זײַנען אַװעקגעפֿאָרן גלײַך צו סיכאָװסקין אין פּאַלאַץ. דאָרט האָט מען אױפֿן גרױס־אַרטיגן אופֿן פֿאַרבּראַכט, און דערמיט האָט זיך עס געענדיגט.

און פֿאַר אײנװענס איז שױן בּאַ בּערל־בּענדרעטן אַװעק אַ גוט לעבּן מיט דער פּריצטע. פֿון איצט אָן האָט ער אָנגעהױבּן אַרײַנקומען צו איר

מיט באַריכטן מכּח דעם צושטאַנד פון הויף און דער ווירטשאַפט, און איר באַציהונג צו אים האָט זיך אינגאַנצן אומגעביטן. איצט האָט זי זיך אַפילו פאַרגינען פרעגן באַ אים וועגן וועלט־נייעס, וואָס שרייבט מען אין די צייטונגען און אַזוי אַרום פאַרברייינגען מיט אים שעהן־ווייז.

צו אַלעם דעם האָט ער זיך נאָך מער איבערגעגעבן צו דער אַרבעט. ער איז געווען זעהר אַ האָרעפּאַשנער מענש, און ווינטער פלעגט ער אויפשטיין זעקס אַזייגער פאַרטאָג, זומער — פיר אַזייגער און באַלד זיך גענומען צו דער אַרבעט, פיינט האָבנדיג צו פאַרלאָזן זיך אויפן עקאָנאָם.

זומער פלעגט ער אַ גאַנצן טאָג אַרומרייטן אויפן פערד און איז אומעטום געווען, אַלץ איבערגעזעהן, איבערגעקוקט און פאַראָרדענט.

ווינטער איז ער כּמעט שטענדיג געלעגן אין בּרויז, וואו אַלץ איז באַ אים געווען אַזוי ציכטיג, אַז די אַקציזניקעס, וואָס פלעגן קומען, האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן. די ציכטיגקייט איז געווען אַרום און אַרום: סיי אין דער אַרבעט, סיי אין די אַלע אָפּטיילונגען, סקלאַדעס, שפּייכלערס און מאַגאַזינען.

אָט די ציכטיגקייט און אָרדענונג איז שוין געווען אַזוי מפורסם, אַז די אַרומיגע פּריצים, וואָס האָבן געהאַט בּרייזער, פלעגן קומען אָנקוקן און אָפּלערנען זיך וואָס דערפון, און זיי האָבן זיך שטענדיג באַקלאָגט פאַר סיכאָווסקין, אַז זיי קאָנען באַין אופן נישט איינפירן באַ זיך אין די בּרייזער אַזעלכע גוטע אָרדענונגען מיט אַזאַ ריינקייט און זויבערקייט.

און אַזוי ריין איז אויך געווען אין גאַנצן הויף, קיין אַרבעטער האָבן נישט געפעלט. מען האָט שטענדיג געקערט און געשאָטן מיט זאַמד.

סיכאָווסקי פלעגט שטאָלצירן מיט דער ריינקייט פון זיין הויף, מיט דער אָרדענונג פון זיין ווירטשאַפט.

האַלטן אירן פאַר קאָמיסאַרן האָבן אייגנטליך אַ סך פּריצים געוואָלט. עס האָט זיי אָבער נישט געפּאַסט, און אַנדערע האָבן דערפון געהאַט נישט חייניג היזק.

די גאַנצע אַרבעט אין די הויפן האָט זיך אַלץ געפירט אויפן אַלטן שטייגער. עס איז נישט געווען, ווער עס זאָל אויסקלערן, אַריינברייינגען אויסבעסערונגען, בּכלל נייהייטן אין דער אַרבעט. בּערל־בּענרעט האָט אויסגעשריבן רייטשע עקאָנאָמישע ווירטשאַפטס־צייטונגען און האָט זיך אָפטער באַנוצט מיט די עצות פון דראָרטן.

---

# קאַפּיטל XIII

בערל־בענדעטס לעבן. — זיין טאָכטערס חתונה. — דער פּוילישער אויפשטאנד. — נעוואָלט שמייסן די פּריצטע. — בערל־בענדעט האָט זי ארויסגעראַטעוועט. — שמואל.

דער פעטער האָט געהאַט פיר טעכטער און איין זון. פאַר דער עלטסטער טאָכטער, ברכה, איז טאַטע־מאַמע עלטער געווען מיט צוועלף און אַ האַלב יאָר. די פינף קינדער האָבן זיי געבוירן אין פינף יאָר, און מער האָבן זיי קיין קינדער נישט געהאַט. געלעבט האָבן זיי אין טשעכטשאָווע פירשטליך, און נאָך דער מעשה מיטן בלבול איז אים אַוועק אַזוי גוט, אַז ער איז אי בּאַ אים און אי בּאַ איר געשעצט און געאַכפּערט געווען, ווי גאָר אַ נאָהענטער מענש. זיי האָבן אים אַוועקגעגעבן די שליסלען פון זייער גאַנץ פאַרמעגן.

בּאַ בערקען אין קאַבינעט איז געשטאַנען אַ גרויסע רעמבענע שאַפע מיט אַ קאַמאָד און דאָרטן איז געלעגן דעם פּריצס צירונג, וואָס איז נישט אָפט גענוצט געוואָרן. אַפילו דאָס געלט האָט ער אויך געהאַלטן בּאַ בערקען.

בערל־בענדעט האָט דעם פּריץ געקליירט. דער פּריץ האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, ווען ער דאַרף האָבן אַ מלבוש, בערל־בענדעט פלעגט אַליין פאָרן קיין בריסק און נעמען סחורה פאַרן פּריץ אויף מלבושים. אַמאָל פלעגט ער פאַר איר אויך נעמען מלבושים.

בערל־בענדעט, אָדער פאַרקירצט: בערקע, האָט זעהר רייך געקליירט דעם פּריץ מיט דער פּריצטע, רייכער פון אַלע פּריצים אַרום. ווען ער פלעגט פאָרן קיין בריסק, פלעגט ער שטענדיג בריינגען. דער פּריצטע שמוק פאַר עטליכע הונדערט רובל, אַמאָל האָט ער איר געבראַכט אַ בראָסליעט פאַר טויזנט פינף הונדערט רובל, אַמאָל קורלאַנער פּערל פאַר צוויי טויזנט רובל, און דאָס אַלץ איז געלעגן בּאַ בערקען אין קאַמאָד.

דערפאַר האָבן שוין דער פּריץ מיט דער פּריצטע געקליירט בערל־בּענדרעטן, און אַז עס פלעגט קומען דער שניידער, פלעגן זיי שוין באַשטעלן קליידער פאַר בערל־בּענדרעטן מיט דעם גאַנצן געזינדל.

אַז בערל־בּענדרעטס טאָכטער, בּרכה, איז אַלט געוואָרן פופצען יאָר, האָט שוין דער פּריץ געזאָגט, אַז מען דאַרף טון אַ שידוך מיט דער טאָכטער.

— און איך, — האָט דער פּריץ געזאָגט, — וועל געבן טויזנט רובל נדן (דעמאָלט איז געווען טויזנט רובל פון די רייכסטע נדנען). די גאַרדעראָב ווידער מיט אַלע הוצאות החתונה זאָלן אויך זיין אויף זיינע קאָסטן.

בערל־בּענדרעט האָט געהייסן שדכנים ריידן שידוכים; דאָס איז צוגע־גאַנגען שנעל, און באַלד האָט מען געשטעלט תּנאים אין טשעכטשאָווע. דער פּריץ האָט געראָטן איינלייגן די טויזנט רובל אין בריסק באַ אַ בּטוח און געהייסן קויפן דעם חתן אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ גאָלדענער קייט פאַר הונדערט און פופציג רובל אויף זיין רעכענונג.

אויף די תּנאים האָט מען אַרויסגעשיקט צוויי קאַרעטעס מיט דריי ווענן צו ברייננגען געסט. און בעת די תּנאים גופא איז דער פּריץ מיט דער פּריצטע געזעסן באַ אַ טישל און זיך באַטייליגט צוזאַמען מיט אַלע געסט אין דער שמחה.

אויף מאָרגן האָט דער פּריץ פאַרבעטן צו זיך אויף אַ מיטאָג. מען האָט געבראַכט דאָס גאַנצע עסן אַהין, די געריכטן זיינען פאַרפערטיגט געוואָרן באַם פעטער, פון וואַנען זיי זיינען אַריבערגעטראָגן געוואָרן צום פּריץ.

די חתונה האָט מען אָפּגעלעגט אויף ראש־חודש ניסן, די צייט, ווען דער בּרויז בּלייבּט שטיין, מחמת זומער קאָן מען נישט מאַכן קיין בראָנפן.

אויף דער חתונה בין איך אויך געקומען צופאָרן מיט דער גאַנצער פאַמיליע אויף פורן און קאַרעטעס, וואָס בערל־בּענדרעט האָט אַרויס־געשיקט. איך געדיינק, אַז עס זיינען געקומען זעכצען פאָר פערד מיט פאַרשיידענע בּריטשקעס און קאַרעטעס און אַזוי פורן. צענדליגער סוחרים זיינען געקומען אויף דער חתונה, און בּערל־בּענדרעט האָט צוגעגרייט ערטער פאַר אַלעמען אויף צו שלאָפן. דערנאָך זיינען געקומען קאָבּרינער כּלי־זמר מיט שעבּסלען בּראש און מיט טודרוס דעם בּרחן.

אונזער פאַמיליע איז געקומען צופאָרן דריי טעג פאַר דער חתונה, ווען דער בּרויז האָט אויפגעהערט צו גיין. גרויסע קאַרעס מיט וואַרעם וואַסער זיינען געשטאַנען, און איך מיט דעם פעטערס אַ אינגל שמואל און דעם טאַטנס ברודער ישראל האָבן זיך געבּאָדן אין אַזאַ קאַר. נעבן אונז איז געשטאַנען אַ קאַר קאַלט וואַסער, האָט איינער פון די יונגע שקצים אויף אונז אַ שפּריץ געגעבן מיט אַ ביסל קאַלט וואַסער; מיר

האָבן געלאַכט, נאָר שמואלן, דעם פעטער בערל־בענרעטס בן־יחיר, האָט דאָס פאַרדראָסן און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט דערציילן דעם טאַטן, וועט דער שייגעץ קריגן געשמיסן.

דער פויער האָט געמיינט, אַז שמואל לאַכט עס, און ער האָט זיך געטאָן דאָס זייניגע, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין געלעכטער. שמואל דער בן־יחיד איז געקומען אַהיים און געוויינט פאַרן טאַטן, אַז אַנדריי דער שייגעץ האָט אונז געשפּריצט מיט קאַלט וואַסער, ווען מיר זיינען געזעסן אין אַ וואַרעמען קאַר. ער האָט אונז אַוראַי געקאָנט פאַרקילן. דער פעטער האָט נישט געמאַכט קיין גרויסע טענות און געשיקט רופן דעם וואָיט און אים געהייסן געבן אַנדרייען, דעם יונגען שייגעץ, פופצען ריטער. מען האָט מקיים פּסק געווען, און אַנדריי איז געקומען פאַלן צו די פיס דעם קליינעם שמואלקען, ער זאָל אים מוחל זיין. דאָס איז געווען העסליך, אָבער אונז האָט אַנטציקט דעם פעטערס מאַכט.

די חתונה איז געווען גרויסאַרטיג, מיט די טייערסטע געריכטן. קיין פאַרשיידענע פליישן האָבן אַוראַי נישט געפעלט. דער פריץ האָט געהייסן אַרויסנעמען צו דער חתונה דאָס גאַנצע זילבער, עס זאָל באַשיינען די שמחה.

דער פריץ מיט דער פריצטע זיינען געשטאַנען בײַ דער חופּה, און די וועטשערע האָט זיך געצויגן פון זעקס אָוונט ביז זעקס אין דערפריה. און אויף מאָרגן האָט דער פריץ געבעטן צו זיך דעם גאַנצן עולם אויף מיטאָג מיט די כלי־זמר; ער איז געווען אַנטציקט פון שעבסלען מיט זיין שפּילן און געזאָגט, אַז זיין גאַנץ לעבן האָט ער נישט געהערט אַזוי גוט שפּילן, ווי שעבסלען. דער עולם האָט געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט בײַם פריץ; ער האָט אויך געטאַנצט מיט בערקען און מיט דעם סוחר ר׳ ישראל־שמואל פון בריסק, אַ איר אַ וויצלער, אַ געשיקטער און האָט זיך אַלץ מיטן פריץ געוויצלט, און די פריצטע מיט דעם גאַנצן עולם האָבן געלאַכט.

אויפן דריטן טאָג נאָך דער חתונה זיינען אַלע סוחרים און די ווייטערע פון דער פאַמיליע אַוועקגעפאָרן. און מיר, די נאָהענטע, בײַ עטליכע מנינים מענשן, זיינען געבליבן אויף די גאַנצע שבעת ימי המשתה מיט שעבסלען און דער קאַפּעליע.

דער פריץ מיט דער פריצטע זיינען נישט מיד געווען פון פרייען זיך, און די פריצטע האָט שוין געזאָגט, אַז זי האָט די אידן גאָר נישט געקענט, מען האָט זי איינגעוויגט אין דעם וויגעלע: „ושיר וועזמע וו טאָרבו“ (דער איד וועט נעמען אין טאָרבע). זי האָט אַלץ געהערט: „ושיר, ושיר“, האָט עס איר אָנגעשראָקן. איצט אָבער זעהט זי, אַז אידן זיינען אַ ליב פאָלק און מיט זיי איז פריילעך.

נאָך די שבעת ימי המשתּה זיינען מיר זיך אַלע צעפאָרן, און שעבסל האָט געקראָגן פונם פּריץ אַ הונדערטער און אַ רינג מיט בריליאַנטן פאַר הונדערט און פופציג רובל. דערביי האָט ער אים פאַרזאָגט, אַז ווען ער וועט שיקן נאָך אים, זאָל ער קומען צופאָרן. פלעגט שוין שעבסל מיט נאָך צוויי כּלי־זמרים קומען צו סיכאָווסקין אַ פיר מאָל אין יאָר אויף זיינע בעלער און פלעגט באַקומען הונדערט רובל פאַר איין מאָל. גענעסן האָבן זיי באַ בערל־בענדערטן.

דאָס האָט אים געמאַכט זעהר פּאָפּולער און פיל פּריצים האָבן אים געבעטן צו זיך שפּילן. אָבער דאָס רוב פלעגט ער זיי אָפּזאָגן מיט דעם אויס־רייד, וואָס ער קאָן נישט איבערלאָזן אַ אידישע חתונה אָהן כּלי־זמר. דעם פּאַן סיכאָווסקין אָבער טוט ער עס צוליב זיין גוטסקייט.

קיין בראָנפן האָט שעבסל נישט געטרונקען, נאָר אַ קליין קעלישאָקל זיסן בראָנפן, ווי אַ ווייבל, וויין אויך נאָר איין קעלישאָק, און געהאַט האָט ער אַ ליבע מינע, און געווען איז ער תּמיד אַ שטילער, און גערעדט האָט ער געציילטע ווערטער; קיין געלעכטער האָט מען קיינמאָל פון אים נישט געהערט, אַפילו ווען ר׳ אַבעלע דער קאָמיקער פלעגט וואַרפן וויצן, אַז אַלע פלעגן צעקייכט ווערן פון געלעכטער. אויף זיינע ליפּן האָט מען דעמאָלט געזעהן אַ קליין שמייכעלע, אַזוי ווי אויף מיין פּאָטערס ליפּן.

אַזוי האָט דער פעטער בערל־בענדערט געלעבט אין טשעכטשאָווע באַ סיכאָווסקין. אָבער דאָס איז נישט גאָר. דער אמתער פאַרדינסט בערל־בענדערטס איז געווען דערין, וואָס ער האָט געראַטעוועט דעם פּריץ אין דעם באַוואוסטן פּוילישן אויפשטאַנד, בעת אַזוי פיל פּריצים זיינען צעהאַנגען און צעשאָסן געוואָרן. בשעתן אויפשטאַנד האָט בערל־בענדערט אָפּגעהיט דעם פּריץ, אַז ער זאָל נישט גיין אין וואַלד און זאָל זיך דורכדעם נישט באַצאָלן מיט זיין לעבן.

דער באַוואוסטער מוראַוויאָוו האָט איינגעאָרדנט, אַז אין יעדן אויעזד אין גאַנץ ווילנער אָקרוג זאָלן זיין צו צוויי וואָיענע נאַטשאַלניקעס מיט קאָזאַקן, און זיי זאָלן אַרומפאָרן איבערן גאַנצן אויעזד איבער די הויפן און מאַכן אַן אויספאָרשונג, וויפיל פּריצים און וועלכע געפינען זיך אין דערהיים, זיינען נישט אַוועק מיט די רעוואָלוציאָנערע שייקעס אין די וועלדער.

מוראַוויאָוו האָט געגעבן דאָס רעכט די וואָאינסקי נאַטשאַלניקעס צו שמייסן פּריצים און פּריצטעס און זאָגאַר קינדער פון די פּריצים און מיט דער הילף פון שמיץ דערגיין, וואו געפינען זיך די פּריצים, וועלכע מען וועט נישט טרעפן אין דערהיים. האָבן דעמאָלט קאָזאַקן מיט זייערע נאַ־גייקעס צעשמיסן פּריצים, פּריצטעס און קינדער פון צען יאָר.

אַז דער שערשאָווער וואָאינסקי נאַטשאַלניק מיט פופציג קאָזאַקן איז געקומען קיין טשעכטשאָווע, האָט ער נישט געטראָפן סיכאָווסקין אין דערהיים. דער לעצטער איז גראָד ערגעץ אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. דער וואָאינסקי נאַטשאַלניק האָט מיט כּעס געפרעגט בײַ דער פּריצטע, וואו איז דער מאַן אירער, דער „מיאַטעזשניק“? זי האָט זיך דערשראָקן, איז בלאַס געוואָרן און האָט געענטפערט, אַז ער איז איצט אַרויסגעגאַנגען און וועט באַלד קומען. האָט ער באַלד אַ געשריי געטאָן צו די קאָזאַקן:

— שמיץ! און אַזוי לאַנג שמייסן ביז זי וועט אויסזאָגן, וואו דער מאַן איז.

די קאָזאַקן האָבן זי שוין צוגערייט צו שמייסן, אַ פיינע סצענע! — און שוין געוואָלט אָנהויבן ציילן די שמיץ, נאָר אין דער מינוט איז אָנגעלאָפן בערל־בענרעט און איבערגעגעבן דעם נאַטשאַלניק, אַז דער פּריץ איז נאָר וואָס אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, ער קומט באַלד אַריין.

— איך בין ערב, — האָט ער מוטיג געזאָגט, — האַלט מיך, און אויב אין אַ פערטל שעה צייט קומט ער נישט אַריין, קאָנסטו מיר דאָס זעלבע טון און זאָגאַר דערשיסן.

און ער האָט אַוועקגעשיקט די דינסטן, מען זאָל אים וואָס גיכער בריינגען; ער האָט געוואוסט, וואו דער פּריץ געפינט זיך. יענער פלעגט ליב האָבן שטענדיג צו שפּאַצירן אין די אַלייען הינטערן הויף.

דער נאַטשאַלניק האָט אַ קוק געגעבן אויף בערל־בענרעטן: אַ הויכער, אַ דיקער, אַ שיינער, שיין געקליידט, איז ער אים גלאַט געפעלן געוואָרן, און בערל־בענרעט האָט נאָך דערצו גערעדט גוט רוסיש, וואָס כּמעט מאַנכע פּריצים האָבן נישט געקענט, און ער האָט אים געפרעגט:

— ווער ביסטו?

— איך בין קאָמיסאַר אין הויף.

אויף דער פראַגע, צי ער איז אַ פּאָלאַק, האָט ער אים געענטפערט, אַז אַ איד. דאָס איז ווידער געפעלן געוואָרן דעם נאַטשאַלניק, און ער האָט געהייסן די קאָזאַקן נישט טשעפּען דערווייל די פּריצטע. ער האָט זיך פונאַנדערגערעדט מיטן אידישן קאָמיסאַר און פאַר דער צייט איז געקומען דער פּריץ.

— דו האָסט צו פאַרדאַנקען דעם אידן, — האָט דער אָפיציר געזאָגט סיכאָווסקין, — ווען נישט ער, וואָלט שוין לאַנג דיין ווייב געשמיסן געוואָרן.

דערבײַ האָט ער אָנגעזאָגט, אַז דער פּריץ זאָל זיך נישט וואַגן אַרויסגיין פון שטוב, בעת ער וועט אַוועקפאָרן, וואָרום ער וועט זיכער אָנפאָרן פּלוצלינג, און קוים וועט ער נישט געפינען דעם פּריץ, וועט ער אַפילו קיין צען מינוט נישט וואַרטן און וועט גוט דורכשמייסן די פּריצטע מיט די קינדער.

— איך וועל אייך נישט שוינען, מיאַטעזשניקעס!

אָפּעסנריג און אָפּטרינקענריג צוזאַמען מיט די פּערד, האָט מען מיט־גענומען אַ פּעסל שפּירט פון צען טעפּ און מען איז אַוועקגעפאָרן אין אַ צווייטן הויף.

די פּריצטע איז קראַנק געוואָרן פון שרעק און חרפּה און איז געווען נעפּערליך. און בערל־בענרעט האָט שטאַרק געאַרבעט, האָט אַלע טאָג געשיקט קאַרעטעס קיין בריסק נאָך דאָקטוירים. נאָך אַ פּאָר חדשים ליגן איז זי געזונט געוואָרן.

דערנאָך האָט סיכאָווסקי געזאָגט דער פּריצטע פאַרן קאָמיסאַר אין די אויגן:

— זעהסטו, רײַן גליק, וואָס עס האָט זיך נישט איינגעגעבן דער בלבול אויף בערקען. דו האָסט אוראַי דעמאָלט געמיינט, אַז בערקע וועט קריגן געשמיסן און אַרויסגעטריבן, און איצט האָט אונז בערקע פּשוט מציל געווען. וואָס וואָלטן שוין די קאָזאַקן מיט זייערע דראָטענע נאַגייקעס פון דיר געמאַכט, ווען נישט בערקע?

סיכאָווסקי איז געבליבן זיצן אין דערהיים און שוין נישט אַרויסגעפאָרן די גאַנצע צייט פון אויפשטאַנד. בערקע האָט געפירט די הויפן מיט געדרונגענע פּויערים, און נאָר ער האָט געהאַט באַ זיי חן, און נאָר צו אים זיינען זיי געגאַנגען אַרבעטן אין די פעלדער, אויסבעטנדיג, פאַרשטייט זיך, שרעקליך גרויסע פּרייזן פאַר דער אַרבעט. אין די איבעריגע הויפן האָט מען גאָרנישט געזייט און דאָ, וואו עס איז געווען געזייט, האָבן זיך די קערנער אויסגעשאָטן פון די זאַנגען, און מען האָט נישט געקאָנט קריגן קיין שניטער, אַפילו פאַר געלט. די פּויערים האָבן דאָס עקסטרע געטאָן אויף צו להכעיס די פּריצים. אין דער גאַנצער געגנט זיינען זיי געקומען אין די הויפן, געבונדן זייערע פּריצים און זיי אומגעקערט די שמיץ, וואָס דער פּריץ האָט זיי פריהער געגעבן.

אין דער צייט פון אויפשטאַנד האָט בערל־בענרעט געהאַט אפשר מער אַרבעט ווי אַלע מאָל. אויסער די פּויערים, וועלכע מען האָט באַדאַרפט באַרוהיגן, האָט ער באַדאַרפט זעהן, אַז די פּריצים זאָלן סיכאָווסקין נישט נעמען אין וואַלד אַריין. אָנשטאָט רעאַלער טעטיגקייט, וואָס די פּריצים האָבן געפאָדערט פון סיכאָווסקין, האָט ער זיי, אַ דאַנק בערל־בענרעטס איינפלוס, געשטיצט מיט געלט. יעדעס מאָל צו צען טויזנט רובל, און אַזוי איז ער מער אָדער ווייניגער געווען געזיכערט פון ביידע געפאַרן.

עס איז זיך איצט נישט שווער פאָרצושטעלן, ווי טייער בערל־בענרעט איז באַ זיי געווען, און נאָכן אויפשטאַנד, ווען סיכאָווסקי איז שוין געפאָרן

אין אַן אָפּענער קאַרעטע מיט אַ פּאָר פערד, איז בערקע שוין אויך אַזוי געפאָרן. און אַזוי האָט ער אָפּגעלעבט אַ יאָר עטליכע און דרייסיג. סיכאָווסקי האָט אים חתונה געמאַכט זיינע פינף קינדער און נדן האָט ער שוין געגעבן פינף הונדערט רובל, ווייל נאָכן אויפשטאַנד איז ער שוין פאַראָרימט געוואָרן.

בערקע איז געשטאָרבן אין עלטער פון עטליכע און פופציג יאָר. ער האָט נישט געלאָזן אַזעלכע קינדער, וועלכע זאָלן קאָנען פאַרטרעטן זיין שטעלע. זיין זון שמואל איז געווען אַן אָרנטליכער מענש, נאָר עס האָט אים געפעלט דעם פאָטערס שכל מיט דער ענערגיע.

סיכאָווסקי האָט אַוועקגעזעצט בערל־בענרעטס זון שמואלן אין אַ צווייטן הויף, אַ קלענערן פון טשעכטשאָווע. און יענער האָט מפרנס געווען די גאַנצע פאַמיליע. אָבער עס איז שוין נישט געווען ראָס לעבן, ווי פאַרן פאָטער.

אַז סיכאָווסקי און שמואל זיינען געשטאָרבן (שמואל איז זעהר יונג געשטאָרבן), האָט די פּריצטע מיטן זון געגעבן בערל־בענרעטס ווייב דבורהן פינף הונדערט רובל, און דבורה איז אַרויסגעפאָרן קיין קאַמעניץ. זי האָט נאָך באַקומען ירושה פון שווער אַ גרויס הויז און האָט זיך דאָרטן באַזעצט אויף שטענדיג.

---

# קאַפּיטל XIV

—

**ראש־השנה און יום־כּפּור. — די אימה. — מלקות. — דאָס בענשן די קינדער. — דער פּחד אין די שולן. — בּאַ די חסידים. — סוכּות. — שמחת־תּורה. — ימים־טובים בּכלל. — ווי אַזוי בּאַ אונז פלעגט צוגיין אַ יום־טוב.**

בּערל־בּענדעט מיט דער גאַנצער פאַמיליע פלעגט קומען צופאָרן אויף ראש־השנה און יום־כּפּור קיין קאַמעניץ, אַזוי ווי אַלע ישובניקעס, און פאַרפאָרן צום זיידן. פון זייערטוועגן פלעגט מען צוגרייטן דריי צימערן, און מיט זיך פלעגט ער בּריינגען אַ גאַנצן וואָגן מיט קיך־געשיר, טיש־געשיר. און אַזוי האָבּן אַלע צוזאַמען פאַרבּראַכט די דריי טעג פון ראש־השנה און יום־כּפּור.

דעם זיידנס פאַמיליע איז בּאַשטאַנען פון פינף טעכטער: דריי פאַרהייראַטע מיט די קינדער, און דריי זין: צוויי פאַרהייראַטע מיט די קינדער, און עס איז געווען פריילעך.

קומענדיג ראש־השנה פון ראַוונען, האָט שוין בּערל־בּענדעט, וואָס האָט ליבּ געהאַט צו עסן מיט זיין פאַמיליע בּאַזונדער, אויך געמוזט זיין בּאַם קידוש, און אויפן טיש פלעגן ליגן פאַרשיידענע טאָרטן מיט פּירעשקעס, אייערקיכלאַך מיט מאַנדל־בּרויטן און צוקערטייגלאַך, וואָס די בּאָבּע פלעגט בּאַקן און וואָס האָבּן געהאַט אַ שם אין שטאָט פאַר זייער בּאַטעמטקייט, און די שטוב איז געווען פול מיט מענשן — אַלץ די אייגענע משפּחה.

ערב ראש־השנה בּאַגינען, דריי אַזייגער, האָבּן זיך צונויפגעקליבּן צום זיידן אין שטוב אַריין אַלע קינדער און אייניקלאַך, אַפילו זיבּן־אַכט־יאָריגע, און אויך דעם זיידנס בּרודערס פאַמיליע. האָט מען דערלאַנגט טיי מיט לעקעך און איינגעמאַכטס און זיסן שנאַפּס, האָבּן אַלע געגעסן און געטרונקען און דערנאָך זיינען אַלע געגאַנגען אין די בּתּי־מדרשים אויפן שול־הויף זאָגן סליחות. געגאַנגען זיינען פריהער די מאַנסבּלען מיט די אינגלאַך, דערנאָך — די ווייבּער, טעכטער און שניר און אייניקלאַך. איך געדיינק

נאָך, אַז איך האָב איינמאָל איבערגעציילט די פּאַרשוינען פון אונזער משפּחה, וואָס זיינען געגאַנגען צו סליחות.

— נישט איינס, נישט צוויי, נישט דריי, ביז נישט פערציג...

עס איז געווען אַזוי פריילעך דאָס גיין צו סליחות, עס האָט אויסגעזעהן, ווי זעלנער גיין. מען האָט שוין געזאָגט אין שטאָט: דער „צ אַ ר ס ק ע ר פּ אָ ל ק" גייט שוין. וואָרום מען האָט נישט געוואַגט אָנהויבן זאָגן סליחות אין שול־הויף און די בתּי־מדרשים, ביז עס איז נישט געקומען דער „צ אַ ר ס ק ע ר פּ אָ ל ק". אויפן שול־הויף האָט זיך די משפּחה צעטיילט: ווער עס האָט געזאָגט סליחות אין ד ע ם בית־המדרש און ווער אין אַ צ ו ו ייט ן.

דער זיידע האָט געזאָגט סליחות ערב ראש־השנה און ערב יום־כּפּור אין אַלטן, גרויסן בית־המדרש. זיין שטאָט איז געווען נעבן רב אין מזרח, אַ צווייטע שטאָט האָט ער געהאַט אין ווינקל, אַרויף אין מזרח, און אַ דריטע אין דרום זייט, בּאַם ערשטן פענסטער.

ראש־השנה און יום־כּפּור האָט דער זיידע געדאַווענט אין שול. דאָ האָט ער געהאַט דריי שטעט אין מזרח: פאַר אים מיטן ברודער מרדכי־ליב און מיטן בן־יחיד.

בערל־בענדעט האָט געדאַווענט אין נייעם בית־המדרש. דאָרט האָט דער זיידע אויך געהאַט צוויי שטעט: איינע אין מזרח און די צווייטע אין דרום, אויך אַ יחסנדיג אָרט, נאָר דער טאַטע האָט געפעלט, ווייל ראש־השנה איז ער געווען בּאַם רבין.

אין דער נאַכט צו ערב יום־כּפּור איז קיינער פון דער פאַמיליע נישט געגאַנגען שלאָפן. די גאַנצע פאַמיליע האָט זיך אויפגעקליבן צום זיידן שלאָגן כּפּרות, און די בּאָבע האָט שוין איינגעקויפט עטליכע טוץ הענער און הינער. און זאָגאַר פרעמדע בּכבודע בּעלי־בּתּים פלעגן אַריינשיקן זייערע כּפּרות דעם אָוונט צום זיידן, ווייל דער שוחט, וואָס פלעגט גיין די גאַנצע נאַכט צו אַלע בּכבודע בּעלי־בּתּים קוילען די עופות, פלעגט צום ערשטן קומען צום זיידן; דערצו איז שוין געווען גרייט בּאַם זיידן אַ גרויסע שטאַל. און אַ סך בּעלי־בּתּים פלעגן אַריינשיקן זייערע כּפּרות צום זיידן, געוויינליך, מיט זיין וויסן.

אין דעם אָוונט איז געווען געגרייט אַ טיש מיט זיסע בּראָנפנס, מיט לעקעך און איינגעמאַכטס, און דער עולם האָט אָנגעהויבן שלאָגן כּפּרות. אַנדערע האָבן געבענשט פאַר זיך און אַנדערע מיט די קליינע קינדער.

דערנאָך האָט מען געטרונקען לחיים צוזאַמען מיטן שוחט און פאַר־ביסן, און דער שוחט איז געגאַנגען קוילען די כּפּרות. כּפּרות שלאָגן האָט

געדרייט אַ פּאָר שעה, און אַזיינער פיר זיינען אַלע אַוועקגעגאַנגען זאָגן סליחות, און די מיידלאַך מיט די קינדער האָבן זיך געלעגט שלאָפן.

דער זיידע פלעגט מיך מיטנעמען צו סליחות פון זיבן יאָר אָן, מחמת איך האָב אים שטאַרק געבעטן. זיין איינגן אינגל ישראל, אין איין עלטער מיט מיר, האָט ער נישט גענומען. יענער האָט גאָר קיינמאָל נישט געוואָלט גיין צו סליחות, וואָס איז בײַ מיר געווען זעהר טייער.

און אַז דער זיידע האָט מיט מיר געזאָגט ערב ראש־השנה די גרויסע סליחות, האָט ער שרעקליך געוויינט, און איך האָב, פאַר איין ברירה, אויך געוויינט מיטן זיידן. פון מיר האָבן זיך געגאָסן טייכן טרערן, און דער זיידע איז געווען צופרידן, וואָס דאָס אייניקל וויינט. דערפאַר וועט אפשר אין מיין זכות גאָט העלפן אונז אַלעמען.

נאָר דער זיידע פלעגט זיך אַזוי צעוויינען צו סליחות, אַז עס פלעגן אים ציטערן די פיס. אַז איך האָב דערפילט, אַז דעם זיידנס קני ציטערן, האָב איך עקסטרע אָנגעשפּאַרט מיינע קני צו זיינע, אום צו דערוועקן אין מיר אויך אַזאַ ציטערניש. דאָס, געדיינק איך, פלעגט אויף מיר שרעקליך ווירקן, און מיין געוויין פלעגט דערגרייכן די העכסטע מדרגה. דאָס האָט, קענטיג, באַזונדערס אויסגענומען בײַם זיידן, און ער פלעגט מיך שוין אַלע מאָל מיטנעמען צו סליחות, אַפילו ווען איך האָב נישט געבעטן.

דער זיידע, וואָס איז געווען אַ גרויסער בעל־בכי, האָט געמוזט צו מיר איבערגעבן בירושה אָט די אייגנשאַפט זיינע, און נאָך היינט אַפילו, אַז איך דערהער עפּעס אַ געוויין, נו, מאַלע פון וואָס, כאָטש פון אַ קליינינ־קייט, שטעלן זיך מיר באַלד טרערן אין די אויגן.

ערב יום־כפור, אַזיינער צוועלף, איז דער זיידע געגאַנגען דאַווענען מנחה מיט דער גאַנצער פאַמיליע. רעמאָלט האָט דער זיידע צעטיילט פופציג רובל, דער ברודער דרייסיג רובל, און יעדערער — צו פופצען, צוואַנציג רובל, די ווייבער באַזונדער, און אַזוי איז פון אונזער פאַמיליע אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ גרויסע צדקה.

אין שול פלעגט זיין אויסגעשפּרייט היי און נעבן טיר איז געלעגן אַ בערגל היי, וואָס דאָרט האָבן זיך בעלי־בתים חשובים צוגעלעגט, און דער ערשטער שמש, אָנגעטאָן אין אַ קיטל, מיט אַ גרויסן קאַנטשיק אין האַנט, איז געשטאַנען און געציילט יעדערן ארבעים מלקות. געציילט האָט ער אויף לשון־קודש: אחת, שתים, ביז ארבעים. דער איד איז געלעגן אויסגעצויגן, אָנגעטאָן אין אויבער־מלבוש, און דער שמש האָט געשמיסן, איין קלאַפּ אונטן און איין קלאַפּ אויבן, אויפן פּלייצע, און די געשמיסענע פלעגן ליגנדיג שלאָגן זיך על־חטא בעת מעשה. די אָרימע האָבן נישט געהאַט קיין זכיה, אַז מען זאָל זיי

שמייסן, וואָרום פֿאַר דער עקזעקוציע האָט מען באַראַפֿט גוט אָפּצאָלן דעם שמש, און אַז עס פֿלעגן קומען אַ סך בעלי־בתּים, פֿלעגן זיי שטיין און וואַרטן. די חשובֿערע בעלי־בתּים האָט מען פֿריהער געשמיסן. אַז דער ווירע איז געקומען אין שול, האָט ער זיך באַלד געלעגט, און דער שמש האָט אָנגעהויבן ציילן. און מיך פֿלעגט שטאַרק פֿאַרדריסן, וואָס דער ווירע ליגט זיך און דער שמש שמייסט... אַרום האַלבן צוויי אַזייגער זיינען מיר געקומען. באַלד איז מען געגאַנגען עסן די הינער מיט די לאָקשן. אָפּ־געגעסן אין דער־גיך און אָפּגעבענטשט, האָט דער ווירע גענומען בענטשן די קינדער פֿון איין זייט שטוב, און די באָבע פֿון דער אַנדער זייט.

ער פֿלעגט אָנהויבן אַרויסצורופֿן אַלע קינדער, יעדערן באַם נאָמען, כּסדר, פֿריהער פֿון די עלטערע, די טעכטער און די שניר, דערנאָך — די טעכטערס טעכטער און די שנירס שניר. מען האָט אַפֿילו געבראַכט די קליינטשקע זויג־קינדער, עס האָט געמעגט אַלט זיין צוויי וואָכן, צום בענטשן. אָנגעהויבן האָט ער פֿריהער צו בענטשן די מאַנספּערשוינען פֿונם עלטסטן ביז אַ קינד פֿון צוויי וואָכן, וואָס די מוטער האָט דאָס געהאַלטן אין אַ קישעלע, און ער האָט אויפֿן קינד אַרויפֿגעלעגט די הענט און געבענטשט, און דערנאָך האָט ער געבענטשט די פֿרויען, אויך מיט אַזאַ סדר.

באַם בענטשן האָט ער אַזוי געוויינט, מיט אַזאַ ביטערן און יאָמערדיגן געוויין, אַז אַ שטיין וואָלט אויך געקאָנט צעגיין. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אַלע פֿלעגן נעמען וויינען, די גרויסע מיט די קליינע, און עס פֿלעגט זיך ווערן אַ מין מישמאַש פֿון פֿאַרשיידענע געוויין־קולות: גראָבע און דינע און קוויטשנדיגע. פֿון דער זייט האָט מען געקאָנט מיינען, אַז אַ שטאָט איז חרובֿ געוואָרן.

נאָך דעם ווירנס בענטשן איז מען גלייך געגאַנגען צו דער באָבען. זי האָט נאָר געגאָסן מיט טרערן, אָבער קיין שום קול האָט מען פֿון איר קיינמאָל נישט געהערט. זי האָט מער נישט אַרויפֿגעלעגט דאָס דאַרע הענטל אויפֿן קעפּל, און די טרערן האָבן זיך פֿון איר געגאָסן שטיל, שטיל, שטיל... אַזוי האָט געדויערט די צערעמאָניע פֿונם בענטשן איבער צוויי שעה. און דער ווירע האָט שטענדיג פֿאַרשפּעטיגט, שטענדיג איז ער געקומען אין שול, ווען דאָרטן איז שוין געווען געפּאַקט מיט מענטשן און מען האָט געוואַרט אויף אים מיט כּל־נדרי.

אַמאָליגע יום־כּפּורס... גאָט מיינער, וואָס האָט זיך דאָס אָפּגעטאָן!

אין שול, באַ כּל־נדרי, האָט אויסגעזעהן, ווי אַן עדה מענטשן, דורכגענומען מיט אַ גרויסן פּחד, שטייען גרייט צו גיין אויף דער אמתער וועלט. אַלע זיינען אָנגעטאָן אין די ווייסע קיטלען מיט די גאַרטלען, געהאָפטן פֿון זילבער און גאָלד, אין טליתים, אין יאַרמאָלקעס, אויך געהאָפטענע

פון זילבער און גאָלד. מיין ווירדנס יאַרמאָלקע מיטן גאַרטל האָבן באַטראָפן אַ סך צענדליגער רובל. און געווען נאָך שענערע. און אַפילו די אָרימע־לייט האָבן אויך געטראָגן ווייסע יאַרמאָלקעס, אויסגענייט מיט קאָלירטן זייד.

און די פיל ליכט, וואָס האָבן געברענט אין אַלע היינגלייכטער, וואָס זיינען אַראָפּגעהאַנגען אויף שטריק פונם גאַנצן סופית, און אויך צעשטעלט אויף די טישן, אַריינגעשטעקט אין קאַסטענס מיט זאַמד! יעדער איד וויל, אַז אַ ליכט זאָל ברענען פאַר זיינע עלטערן — פון כּל־נדרי ביז אויף מאָרגן אָוונט נאָך נעילה. די גרויסע ליכטיגקייט האָט געשפּילט אויף די גאָלדענע, זילבערנע און זיירענע יאַרמאָלקעס מיט די ווייסע קיטלען און טליתים — און אויף אַלע פּנימער איז געלעגן עפּעס אַ הייליגקייט. קיינער האָט רעמאָלט נישט געהאַט אין זינען קיין גשמיות, עררישעס, וואָכנדיגעס.

דער עולם וויינט און בעט גאָט, ער זאָל מוחל זיין אויף אַלע עבירות, ער זאָל שיינקען אַ גוט יאָר, אַ געזונט יאָר, יעדער גיסט אויס זיין האַרץ מיט טייכן טרערן פאַרן רבונו־של־עולם.

און די געוויינען מיט די קולות און יאָמערן פון די ווייבער גייען איבער אין מענער־שול און צעברעכן זיי די הערצער, און די מאַנסבלען, צעוויינען זיך אויך, ווי די ווייבער.

עס איז שווער פאָרצושטעלן איצט, ווען דער גאַנצער יום־כּפּור איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, און זיין פּחד האָט אָנגעוואָרן די שליטה איבער אונז, די אַמאָליגע כּל־נדרי־נאַכט אין די שולן און די בתּי־מדרשים!

די ווענט האָבן געוויינט, די שטיינער אין גאַס האָבן געקרעכצט און אַ פיש אין וואַסער האָט געציטערט. און ווי דאַוונען דאָס די אידן, וואָס אַ גאַנץ יאָר רייסן זיי זיך פאַר אַ גראָשן פּרנסה!

קיין שנאה, קיין קנאה, קיין תּאוה, קיין חניפה, קיין לשון־הרע, קיין רכילות, קיין עסן, קיין טרינקען. אַלעמענס הערצער און אויגן זיינען אויפגעהויבן צום הימל און עס איז בלויז רוחניות, נשמות אָהן גופן.

און פון חזן באַם עמוד פליסט מיט האַרציגע נגונים און צעגיסט זיך איבער אַלעמענס הערצער.

אין עלטער פון צוועלף יאָר האָב איך אָנגעהויבן 'גיין צו כּל־נדרי מיטן טאַטן אין חסידים־שטיבל. דאָ איז שוין געווען אַן אַנדער כּל־נדרי, און באַ זיי איז מיר בעסער געווען געפעלן 'דאָס דאַוונען יום־כּפּור, איידער באַ די מתנגדים.

אין חסידים־שטיבל הערט מען נישט קיין געוויינען, קיין יאָמערן, קיין פאַרכליפּן זיך וויינענדיג, נאָר מען דאַוונט מיט גרויס קוראַזש; — ווער עס האָט אַ גוט קול, דער דאַוונט הויך און פרייליך, און ווער נישט — דאַוונט שטיל, נאָר מיט טעם, און אַלע זינגען אין האַרציגן נגון. קיין שום

הזגים און חזנות איז נישטאָ. דער בעל תּפילה זאָגט די ווערטער מיטן האַרציגן נגון, און אַלע זאָגן אים נאָך.

נאָך כּל־נדרי פלעגן פיל חסידים, יונגע און אַלטע, נעכטיגן אין שטיבל. מען פלעגט זיך לייגן אויפן היי, וואָס איז געווען אויסגעשפּרייט אויף דער פּאָרלאָגע. עס איז עפּעס געווען טשיקאַווע. און איך האָב זעהר ליב געהאַט צו נעכטיגן נאָך כּל־נדרי אין שטיבל אויפן היי. פלעגט מען ליגן און אונטערבּרומען פאַרשיידענע האַרציגע נגונימלאַך די גאַנצע נאַכט און עס פלעגט זיך עפּעס זיס איינשלאָפן.

אין די אויערן פלעגט אָפּקלינגען דאָס זיסע אונטערבּרומען, און דער שלאָף פלעגט זיין לייכט, ווי אַ דרעמל. מען כאַפּט זיך אויף אויף אַ פּאָר מינוט און מען ווערט צוריק אַנשלאָפן. און אַרום און אַרום זינגט זיך, זינגט זיך, שטיל, שטיל...

יום־כּפּור אַזייגער צען אין דערפריה האָט מען זיך געשטעלט ראַזונען ווידער מיט אַזאַ גערויש, פונקט ווי מיליטער אויף אַ פּאַראַד, און עס ראַוונט זיך מיט גרויס טעם. אַזוי זיינגען אַלע חסידים געשטאַנען גלייך אויף די פיס, אָנהויבנדיג מיט איין אויסגעשריי, בּיז צוועלף אַזייגער.

דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן פאַרקויפן די עליות, אַזוי ווי בּאַ מתנגדים. אָבער פאַרקויפט האָט מען אויך מיט טעם. די חסידים, די יונגערס, און די עלטערע האָבן זיך ווייטער צעלעגט אויפן היי און ווידער האָט מען אונטערגעבּרומט אַ נגונדל, אָבער שוין נישט איינס, נאָר עטליכע: אין דעם ווינקל אַזאַ נגון, אין דעם אַנדערן ווינקל — אַן אַנדער נגון, אַקוראַט נאָכן רבּין נאָך — די קאַרלינער זייערע נגונים, די סלאָנימער זייערע; און איין־איינציגער חסיד, וואָס האָט געהערט צום ליבּאַוויטשער רבּין, האָט געזונגען זיין נגון. די אַלע נגונימלאַך, בּרומענדיגע און האַרציגע, פלעגן זיך אויפגיסן אינאיינעם און צעגיסן זיך אין אַלע אברים.

און דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דער מוסף. פאַראַן פיל חסידים, וואָס ווילן גאָרנישט זאָגן קיין פּיוט. זיי האַלטן מער פון האַרציגן פרומען געזאַנג, איידער פונם ראַוונען, און זיי פלעגן זיך אונטערזינגען שטילערהייט.

און דער יום־כּפּור בּאַ די חסידים איז מיר אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז איך פלעג שוין גיין ראש־השנה אויך אין שטיבל, כאָטש אָהן טאַטן (ער פלעגט אַוועקפאָרן צום רבּין).

יום־כּפּור בּאַנאַכט, נאָך מעריב, האָבן אַלע קינדער און אייניקלאַך געמוזט קומען צום זיידן. ווידער לעקעך און בּראָנפן און איינגעמאַכטס, און דערנאָך האָט מען געגעסן די כּפּרות. דערנאָך איז געקומען דער בּרודער מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, און מען האָט זיך שטאַרק משמח געווען בּיז האַלבּער נאַכט.

נאָר דער טאַטע, ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָט געפעלט ראש־השנה, ווייל ער איז געווען בײַם רבין, פריהער אין קאָברין און דערנאָך אין סלאָנים. ערב יום־כּפּור איז ער אַפילו געקומען זיך בענשן — און מער נישט. יום־כּפּור האָט ער געדאַוונט אין חסידים שטיבל. דערפאַר אָבער איז יום־כּפּור בײַנאַכט בײַם טאַטן געווען נאָך אַ גרעסערע שמחה. אַזייגער אַכט האָבן זיך שוין גענומען קלויבן חסידים צום טאַטן, און מען האָט געשכּורט און געזונגען און געטאַנצט אַ גאַנצע נאַכט.

איך האָב זיך געהאַט צו פרייען אויף צוויי טראַקטן: בײַם זיידן און בײַם טאַטן. וואו עס איז געווען די שמחה גרעסער, דאָרט בין איך געווען, און דאָס רוב בין איך געווען אין בײדעס ערטער.

אויף מאָרגן נאָך יום־כּפּור איז שוין געקומען פון טשעכטשאָווע די קאַרעטע פאַר בערל־בענרעטן מיט דעם ווייב, בריטשקעס פאַר די קינדער מיט די רינסטן און אַ פורגאָן אויף די אַלע זאַכן און קיך־געשיר. צום געזעגענען זיך פלעגט קומען די גאַנצע פאַמיליע און עס איז ווידער געווען היימליך.

די צייט פון יום־טוב בכלל האָבן אַלע געמוזט זײַן בײַם זיידן אין שטוב. די עלטערע האָבן געגעסן די צוויי סעודות בײַ זיך — אָבער די קלענערע האָבן אַלע געגעסן בײַם זיידן. עס איז אַ גאַנץ יום־טוב געווען פול געפּאַקט די גרויסע שטוב מיט קליינע און גרויסע, מען האָט געגעסן און געטרונקען, און עס איז געווען אַזוי פריילך, אַז דער זיידע האָט זיך נישט פאַרגינען צו גיין בײַטאָג שלאָפן. ער איז געזעסן בײַם טיש דעם גאַנצן טאָג און געשעפּט נחת פון אַלע זײַנע קינדער; ליב האָט ער געהאַט, אַז די קינדער זאָלן וואָס מער רוישן, וואָס מער שטיפן. און מען האָט, רוכט זיך, געקאָנט טויב ווערן פון די קולות, פון די געלעכטערס און שטיפערייען, די גרויסע ווי די קליינע — און ער האָט געשעפּט נחת. ער האָט זיך אָפטער איבערגעזעצט צו אַן אַנדער טיש, דערנעהענטערט זיך כּסדר דאָ צו דער גרופּע קינדער, דאָ צו אַ צווייטער און געקוקט און געשעפּט נחת.

ניס האָט די באָבע געקויפט אויף יום־טוב גאַנצע זעק, און מען האָט אַלע מאָל געגעבן די קינדער צום שפּילן. האָט מען געשפּילט אין ניס און געקנאַקט מיט קנאַקערס, געלעגט אין די קעלישקעס וויין. און עס האָט, מיט איין וואָרט, גערוישט.

נאָר בײַם טאַטן איז געווען בלויז אַ חסידישע שמחה. סוכּות האָט זיך בײַם טאַטן געהויבן די שטוב גאַנצע טעג און נעכט פון געזאַנג און טענץ. בײַלד ווי די חסידים האָבן נאָר אָפּגעדאַוונט אין שטיבל און

ווי עס איז אָפּגעכאַפּט אין דערהיים די סעודה, זיינען זיי גלייך געקומען צום טאַטן און עס איז אַוועק אַ טאַנצעריי מיט אַ געזוינגעריי.

און שמחת־תּורה איז שוין געווען איינגעפירט משנים קדמוניות, אַז צוויי קאָצקער חסידים, יאַנקל און שעבסל דער סופר מיט אַ פּאָר צענדליג אינגלאַך זאָלן גיין איבער דער גאַנצער שטאָט און אַרויסנעמען פון אַלע אויוונס די עסנס מיט די צימעסן, מיט די געבראָטענע גענז, מיט די געבעקסן — און ברענגען צו אונז, וואו מען האָט איבערגעקערט אַ וועלט.

איך בין מיך מודה, אַז צווישן די אינגלאַך־נאָכלויפער, וואָס פלעגן העלפן מאַכן די חסידים אַ פּאָגראָם אויף די אויוונס מיטן געקעכטס, בין איך אויך געווען. איך געדיינק, ווי מיר פלעגן אַריינלויפן אין אַ שטוב, אַ וואָרף טון זיך צו די אויוונס און אַרויסנעמען דאָס עסן. די בעלי־בּתּטעס פלעגן נישט לאָזן צונעמען אינגאַנצן, אָבער ווער וועט זיי הערן? האָט מען גענומען, וויפיל מען האָט געוואָלט און געלאָפן ווייטער. דאָס „אָנגערויבטע“ פלעגן די אינגלאַך אַוועקטראָגן גלייך צו אונז.

אַ פּאָר וואָכן פאַר חנוכּה פלעגט נעמען גיין אַ סדרה פון קאָרטן־שפּילן, אָבער דאָס שפּילן איז נישט געווען ווי, בעוונותינו הרבים, אין היינטיגער צייט: מען שפּילט אין קאָרטן מיט רציחה און סקאַנדאַלן. אַמאָל באַ אונז פלעגט זיך אויפקומען די גאַנצע פאַמיליע צום זיידן, און יעדערער האָט גענומען שפּילן פאַר אַ קינד פון דער פאַמיליע. יעדערער האָט זיך גענומען אַן אַנדער קינד צו שפּילן פאַר אים, און וויפיל ער האָט געוואונען, האָט ער עס דעם קינד אָפּגעגעבן. אפשר האָט געקאָנט איינער אַמאָל פאַר־שפּילן ביז אַ צען גילדן, אָבער דאָס האָט זעלטן געטראָפן. דאָס געוויינליכע פאַרשפּילן איז געווען פון דרייסיג ביז פינף און זיבעציג קאָפּ.

אַזוי האָט זיך די פאַמיליע פאַרבראַכט די אָוונטן ביז חנוכּה צו פּאָר שעה צייט, און חנוכּה פלעגט מען שפּילן אפשר ביז צוועלף אַזייגער באַנאַכט; און אַלע אָוונט האָט מען אַזוי געשפּילט ביז ניטל: די נאַכט האַלט מען פאַר אַ מצוה צו שפּילן אין קאָרטן, אויך איז אַ מנהג די נאַכט נישט צו לערנען. אָבער נאָך ניטל האָט מען אינגאַנצן אויפגעהערט צו שפּילן אין קאָרטן.

איך געדיינק, ווי מיר פלעגט זיך וועלן בעטן איינעם פון דער פאַמיליע — ער זאָל שפּילן פאַר מיר. דער טאַטע האָט אָבער נישט דערלאָזט און האָט מיט מיר שטענדיג געמאַכט אין דעם פּרט געשעפט. ער האָט מיך געפרעגט:

— וויפיל קאָנסטו געווינען, חצקל, דרייסיג קאָפּ., אַ האַלב רובל און אַמאָל גאָרנישט. טאָ נאַ דיר אַ האַלבן רובל און זאָל זיך דיר נישט וועלן שפּילן.

קיין געלט האָט ער אָבער נישט געגעבן. אָנשטאָט דעם, פלעגט ער מיר אויף מאָרגן קויפן עפּעס אַ חפץ, ווי אַ מעסערל, אַ טייסטערל און נאָך אַזעלכע זאַכן, וואָס האָבן געפּאַסט פאַר אַן אַכט־יאָריג ייִנגל.

די מיידלאַך פלעגן צווישן זיך שפּילן דעם גאַנצן טאָג אין אָקע.

דער טאַטע האָט מיך שטענדיק אָפּגעהיט פון שפּילן און האָט מיר באַצאָלט גוט געלט, ד. ה. קויפן חפצים. אָט אַזוי האָט ער מיך איינגעווינט, און ביז הײַנטיקן טאָג ווייס איך נישט פון קיין קאָרטן שפּילן און האָב צו דעם קיין חשק נישט.

אַז איך בין געווען אַלט זיבן, אַכט יאָר, בין איך געוואָרן אַ מפורסם פאַר אַ גרויסן בעל־חשבון. וואָס איז אַזוינס? איך האָב אויפן קאָפּ גיך געקאָנט אויפרעכענען אַזעלכע חשבונות, ווי זעקס מאָל זעקס, אָדער פערצען מאָל זיבעצען, אַכצען מאָל נײַן און צוואַנציק און דעסגלײַכן; איך פלעג עס באַרעכענען בניה וביה, אין איין סעקונדע.

איינמאָל, חנוכּה, געדיינק איך, האָט די פאַמיליע מיך גענומען פאַרהערן אין „מאַטעמאַטיק", אויף דעם אָרט פון קאָרטן־שפּילן. אַרום מיר האָט זיך אַרומגעזעצט באַם זיידן אין צימער די גאַנצע פאַמיליע, און יעדערער האָט מיר אויפגעגעבן אַ חשבון. איך האָב אַלעמען גיך געענטפערט. דערמיט האָב איך דעמאָלט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע, יעדערער האָט מיר געגעבן אַ קניפּ באַם בעקל און דערלאַנגט אַ זילבערנע מטבע. מען האָט מיך געפרעגט, וויפיל סעקונדעס איז אין אַ יאָר, און איך האָב עס אין אַ האַלבע שעה צייט געמאַכט.

נאָר דער זיידע ר' יודל האָט מיך געפרעגט, וויפיל איז דריטהאַלבן מאָל דריטהאַלבן, און דאָ האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט און האָב זיך בשום אופן נישט געקאָנט קיין עצה געבן, ווי מען הויבט דאָ אָן צו רעכענען. איך האָב זיך זייער פאַרשעמט, און עס איז מיר געווען מיאוס נישט צו מאַכן אַזאַ קליינע רעכענונג. האָט שוין דער טאַטע אויף מיר רחמנות געהאַט און מיך געטרייסט, זאָגנדיק, אַז גרעסערע בעלי־חשבונס קאָנען דאָס נישט מאַכן, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער מיר געוויזן, ווי צו רעכענען דעם „דריטהאַלבן" — און איך האָב זיך באַרוהיקט.

פּורים איז שוין געווען באַם זיידן אַ חזקה צו פאַרבעטן צו דער סעודה אַ זיבן, אַכט מנינים מאַנסבלען פון די קאַמעניצער בעלי־בתּים. דערבײַ, פאַרשטייט זיך, האָט נישט געפעלט די גאַנצע פאַמיליע דעם זיידנס, די גרויסע משפּחה, מיט די שוועסטער און שוואָגערס און שוועגערינס א. אַז. ו. צום טיש זײַנען דערלאַנגט געוואָרן ווײַנען, פאַרשיידענע בראָנפנס און אַלערליי געריכטן. און עס איז געווען אַזוי פריילעך, אַז אַ הײַנטיקן מענטשן איז עס זיך גאָר שווער פאָרצושטעלן.

צווישן עולם האָט זיך אויך געפונען דער שטאָט־חזן מיט די משוררים. פורים־שפּילער האָבן באַוויזן זייער „אַרטיסטישע קונסט“, כּלי־זמר האָבן געצימבלט אויף זייערע כּלים, — און מען האָט געהערט, געגעסן, געטרונקען און משמח געווען זיך די גאַנצע נאַכט.

ראש־חודש ניסן האָט די באָבע אָנגעהויבן צו גרייטן פאַר דער גאַנצער פאַמיליע אויף פּסח. שמאַלץ האָט זי נאָך פון ווינטער צוגעגרייט. זי האָט געזעצט גענז, און דעם גאַנצן ווינטער האָט זי געפּרעגלט שמאַלץ פאַר אַלעמען, און באַלד נאָך פּורים האָט זי אָנגעהויבן צו מאַכן מער און ווײַן פאַר דעם „צאַרסקן פּאָלק“. איר מער, ווי אַלץ, וואָס איז אַרויס פון אירע הענט, האָט געהאַט אַ שם.

אַכט טעג פאַר פּסח האָט די באָבע געבאַקן מצות פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. זי האָט פאַרנומען באַם מצה־בעקער דעם גאַנצן טאָג פון באַגינען ביז אָוונט און אָנגענומען אַרבעטאָרינס. עטליכע און דרײַסיג אַרבעטער האָבן געאַרבעט, קיינער פון דער פאַמיליע, נישט די זין און נישט די איידעמס, האָבן נישט געוואוסט פון די אַלע זאַכן, וואָס מען באַדאַרף האָבן אויף פּסח. די באָבע האָט שוין יעדערן אַרײַנגעשיקט פון אַלעם.

פאַר די מצות־באַקן האָט מען אויסגעוואַשן די פּאָרלאָגעס אין דער גרויסער עס־שטוב מיט נאָך צוויי גרויסע צימערן און מען האָט אויסגעשפּרייט מיט שטרוי, וואָס עס איז געלעגן ביז ערב־פּסח, און חמץ האָט מען געגעסן אין אַנדערע חדרים. און דאָ אויף דער שטרוי, אין דעם גרויסן חדר, האָבן זיך אַלע קינדער געקייקלט. אַ דריי טעג פאַר פּסח האָט מען פונאַנדערגעלאָזן די אינגלאַך. אַך, וואָס מיר פלעגן זיך ר אָ ר ט, אויף דער ש ט ר ו י אויסקאַטשן! ד אָ ס ב ע ס ט ע שטיפן פון גאַנצן יאָר איז געווען אין דער שטרוי.

און דעם גאַנצן פּסח איז די גאַנצע פאַמיליע געווען באַם זיידן, אַלע קינדער פון קליין ביז גרויס, מען האָט נאָר געגעסן לאַטקעס און געטרונקען מער מיט נים.

און די גאַנצע פאַמיליע איז געווען איינע מיט די אַנדערע געבונדן, געשלאָסן און פאַראייניגט, נישט ווי היינטיגע צייטן. אַלע זיינען געווען, ווי איין מענש מיט איין נשמה. איז עפּעס עמיצער קראַנק געוואָרן, זיינען אַלע פון דער משפּחה געקומען צולויפן און טאָג ווי נאַכט אָפּגעווען באַם חולה. אַ דריי, פיר מענשן זיינען געזעסן אַרום קראַנקען, און די איבעריגע זיינען געשלאָפן אויף דער פּאָרלאָגע, אין די ווייטערע חדרים. טאָמער האָט מען עפּעס באַדאַרפט פאַרן קראַנקען, זיינען צען מענשן געלאָפן ברענגען.

און ווען דער קראַנקער איז געווען געפערליך, האָבן אַלע געוויינט; און ווען געשטאָרבן, צי אַ קינד, צי אַ גרויסער, האָט די גאַנצע פאַמיליע אויפגעהויבן אַ יללה ביזן הימל. באַם זיצן שבעה איז שטענדיג געווען פול פון דער משפחה. מען איז אומישנע באַם אָבל געשלאָפן, אויסגעלעגט זיך אויף דער פאָרלאָגע אויף היי. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן, כדי די אבלים זאָל נישט זיין אומעטיג.

און, פאַרקערט, אַז עס איז געווען אַ שמחה, צי אַ ברית, צי אַ בריתצע, אָדער תנאים, און ווער רעדט אַ חתונה, אָדער אָפּוואַרטן אַ חתן צי אַ כלה— איז די שמחה געווען גרויס, וואָס ס׳איז זיך גאָר שווער איצט אַזוינס פאָרצושטעלן. אַלע זיינען געווען צוזאַמען און אַלע זיינען געווען משוגע פון פרייד.

באַם זיידן איז געווען אַן אויבער־שטיבל, אַ גרויסער חדר. אָט דער חדר האָט געדינט פאַרן זיידן, ווי אַ מין זאַל, אויף צו צונעמען געערטע געסט, ווי פריצים אָדער מחותנים, אָדער אַזוי שיינע אידן. דער דאָזיגער חדר איז שטענדיג געווען גוט אויסגעמעבלירט און זעהר שיין צוגעפוצט, און די יונגע־לייט פון דער פאַמיליע האָבן זיך דאָרט געלערנט טאַנצן.

אַז עס האָט באַדאַרפט זיין אַ חתונה באַ איינעם פון דער משפחה, האָט מען זיך שוין געלערנט טאַנצן מיט דריי חדשים פריהער. איך געדיינק, אַז איך האָב גאָר נישט שלעכט געטאַנצט אינגלוויז. אַ שמחה האָט באַ אונז אָפטער געטראָפן: דאָס איז באַ דעם אַ ברית, דאָס איז באַ יענעם אַ מיידל געבוירן געוואָרן, — און אַלע האָבן זיך געפילט, ווי באַ זיי גופא וואָלט געטראָפן די שמחה.

און דער זיידע האָט, ווי נעזאָגט, ליב געהאַט, אַז אַלע קינדער זאָלן איבערקערן די שטוב קאַפּויר, דאָס איז געווען זיין פאַרגעניגן.

און טאָמער איז ער אַמאָל שבת צי יום־טוב באַטאָג אַ מידער געגאַנגען צולייגן זיך, איז ער נישט געגאַנגען צו זיך אין שלאָף־צימער, אויפן אויבער־שטיבל, וואו ער האָט געהאַט אַ רוהיג בעט, נאָר ער האָט זיך געלעגט אין אַ צווייטן צימער, באַ די קינדער, נעבן דער גרויסער שטוב, וואו עס איז געווען פול מיט קינדער און גרויסע, און האָט אומישנע געלאָזט אָפן די טיר פון דעם צימער, כדי ער זאָל קאָנען הערן די געשרייען מיט די געלעכטערס, מיט די שטיפערייען פון אַלעמען.

נאָר אין דער גרויסער ליבע פון זיידן צו דער משפחה איז, ווי אין אַלץ, געווען אַ סך שולדיג די באָבע. דאָס האָט זי, די קלוגע, וואוילע און האַרציגע אידינע זיך געסטאַרעט, אַז די גרויסע משפחה אונזערע זאָל נישט

צעפאַלן, אַז אַלע זאָלן זײַן טרײַ אײנע צו די אַנדערע און אַז דער זײדע זאָל שטײן איבער אַלעמען, װי אַ הײסער פּאָטער.

און טאַקע נאָך דער באָבעס טויט איז אָט די טרײַקײט, אָט די משפּחה־הײסקײט טײלװײַז קאַליע געװאָרן, און אין אַ סך זאַכן איז שוין דעם „צאַרסקן פּאָלק" נישט געװען צו דערקענען.

אַז דער זײדע האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער צי אַ זון, האָט ער געהײסן מײַן טאַטן, משה, און זײַן ברודערס בן־יחיד, ׳אריה־ליב, צונויפשטעלן אַ צעטל, װאָס פֿאַר אַ קלײדער מען דאַרף מאַכן דעם חתן אָדער דער כּלה, אַזױ אויך פֿאַר דער גאַנצער פֿאַמיליע. זײַנען זיך װידער אויפֿגעקומען אַלע קינדער און אײניקלאַך, פֿון קלײן ביז גרויס, און יעדערער האָט געזאָגט, װאָס פֿאַר אַ מלבּוש ער װיל האָבן.

די געשרײען פֿון יערן קינר: „ז ײ ד ע א י ך װ י ל ד א ָ ס"! און די קולות פֿון די דערװאַקסענע: „א י ך װ י ל אַ ז אַ מ ל ב ו ש", מיט די קולות פֿון די װײַבער און מײדלאַך: „מ י ר אַזױנע מלבּושים" — האָבן פֿאַרהילכט די שטוב. און אײן געשרײ איז געשטאַנען:

— ז ײ ד ע! ז ײ ד ע! ז ײ ד ע!

מען האָט אָבער נישט געקאָנט דערגײן קײן טאָלק און מען האָט געמוזט אויפֿשרײַבן אויף אַ צעטל אַלע מאַנסבּלען ביז דעם קלענסטן אײנגעלע פֿון צװײ יאָר, און דערנאָך אַלע פֿרויענצימער פֿון דער עלטסטער פֿרוי ביזן קלענסטן מײדעלע — און נאָכן צעטל, װי צום פֿריזיװ, אויסגערופֿן יעדערן באַזונדער און געפֿרעגט:

— װעלכע קלײדער װילסטו?

געװײנליך, האָט יעדערער געבעטן מער, אײדער מען האָט געקאָנט געבן, און מען האָט זיך גערונגען:

— אַזױ פֿיל נ י ש ט, ש פּ ע ט ע ר װעט מען דיר מאַכן.

— א י צ ט ע ר!

און עס האָט זיך געקערט. אַנדערע פֿון די פֿאַרשטענדיגע קינדער זײַנען שוין פֿריהער געלאָפֿן און געבעטן דעם בן־יחיד, װאָס האָט געהאַט אַ גרויסע דעה באַ זײַן פֿעטער אהרן־לײזערן, און האָט זאָגאַר אָפֿט געטאָן, װאָס ער האָט געװאָלט, כאָטש קעגן דעם װילן פֿון זײַן פֿעטער. האָט ער אונז געקאָנט, פֿאַרשטײט זיך, טון דערין אַ טובה.

קויפֿן סחורה פֿלעגן פֿאָרן מײַן טאַטע מיט אריה־ליבן. געפֿאָרן איז מען קײן בריסק. די סומע פֿלעגט אָפֿט מאָל אָנטרעפֿן זעקס, זיבן הונדערט רובל, אויסער װאָס מען האָט צוגעקויפֿט אין קאַמעניץ.

מען דאַרף וויסן, אַז דעמאָלט איז געווען סחורה אַ קליין ביסל בילינגער, ווי היינט, דהיינו, די בעסטע וואָלנס האָבן געקאָסט דרייסיג, פערציג קאָפּיקעס אַן איל, די בעסטע סאַמעט — דריי רובל אַן איל, די בעסטע זיידנס — פון אַ רובל ביז אַ רובל פופציג.

דער פעטער מרדכי־ליב האָט פאַרלאַנגט, אַז אויף די אַלע זאַכן, וואָס מען מאַכט דער גאַנצער פאַמיליע, זאָל ער געבן העלפט און דער ברודער אהרן־לייזער העלפט, און אַזוי איז שוין געווען איינגעפירט שטענדיג. און אַז דער זיידע האָט חתונה געמאַכט אַ קינד, האָט דער פעטער געמאַכט די סעודות פון שבעת־ימי־המשתה אַמאָל איבער אַמאָל, דער זיידע איין טאָג און דער פעטער איין טאָג.

# קאַפּיטל XV

מײַן פֿאָטער מיט זײַן חסידות. — מײַנע מלמדים. — דער רבי געשטאָרבן! — די מסירה. — טווערסקי. — ר׳ ליב. — דאָס קנסענען.

בײַ מײַן פֿאָטער זײַנען אַלע פֿאַמיליען־שמחות און אַלע פֿאַרגעניגנס אין דער וועלט געווען כּלא קעגן זײַנע חסידישע פֿאַרגעניגנס. זײַן גרעסטער תּענוג איז געווען, ווען ער איז געזעסן מיט די חסידים בײַם טיש און מען האָט געזונגען די האַרציגע חסידישע נגונים — דעמאָלט איז ער געווען באַגײַסטערט. זײַן קאָפּ מיט אַלע זײַנע געדאַנקען זײַנען געווען בײַם רבין, ר׳ משה קאָברינער, און דערנאָך ר׳ אברהמל סלאָנימער, װאָס לויט זײַן מיינונג, רוהט די שכינה מיט אַלע מלאכים הקדושים אויף זיי.

בײַם טאַטן איז דער עיקר געווען חסידות. און דעריבער האָט ער גאָרנישט געוואָלט, אַז איך זאָל קאָנען גוט לערנען, ער איז געווען צופֿרידן, װאָס איך בין געווען אַ פֿרום אינגל, און האָט זיך נישט געסטאַרעט מיך אָפּצוגעבן יערן זמן צו אַ בעסערן מלמד.

איך האָב געהאַט, ווי געזאָגט, נישט קיין שלעכט קעפּל, און אַז איך האָב געלערנט בײַ איין מלמד אַ זמן, האָב איך שוין באַדאַרפֿט אַ צווייטן זמן האָבן אַ גרעסערן מלמד, און דער טאַטע האָט מיך אָפּגעהאַלטן בײַ אַ מלמד צו צוויי יאָר, דעריבער בין איך כּמעט געשטאַנען אויף איין אָרט און נישט געשטיגן אין לערנען נאָך מײַנע פֿייהינקייטן נאָך פֿאַר מיר איז עס אַפּילו געווען אַ „טובה“, וואָרום איך בין שטענדיג געווען דער בעסטער תּלמיד אין לערנען, און האָב זיך נישט באַדאַרפֿט מאַטערן.

בײַ מאָטע דעם מלמד האָב איך געלערנט צוויי יאָר. איך האָב בײַ אים שוין געזאָגט אַליין אַן עמוד גמרא מיט תּוספות. נאָר ער האָט מיט אונז זעהר װײניג געלערנט, ווייל ער האָט אַליין נישט געקענט.

איך האָב זעהר געוואָלט אָנהויבן לערנען תּוספות, און אַז איך האָב עס געזאָגט דעם טאַטן, האָט ער דערויף געענטפֿערט:

— וואָס ראַרפסטו תוספות? גמרא לערנסטו דאָך, זיי נאָר אַן ערליכער איד און נענוג...

דערפאַר אָבער האָב איך באַ מאָטע דעם מלמד געוואוסט פון דעם גאַנצן גיהנם מיט זיין אַרכיטעקטור אַפילו, ווי דער גרעסטער אַרכיטעקטאָר, און האָב אויך געוואוסט פון אַלע כף־הקלען, און אַלע מלאכי־חבלה און פון אַלע יסורים קשים ונוראים, וואָס די רשעים האָבן אויף יענער וועלט.

פון גן־ערן, אַלס זעהר אַ גוטע איינריכטונג, האָט מאָטקע דער מלמד געהאַט אַ קנאַפן באַגריף. איבעריגנס, מיטן גן־ערן בין איך באַקאַנט געוואָרן פון „פאַטשאָשניק״, אַ פרוש, וואָס האָט אַלע שבת באַם פעטער מרדכי־ליבן פאָרגעשטעלט דעם גן־ערן: בריליאַנטענע שטולן, טייערע פּאַלאַצן פון גין־גאָלד און מאכלים, מאכלים, מאכלים, וואָס אַ מויל קאָן ריירן און נישט ריירן! בלויז די שמאַלץ אַליין, וואָס עס גיסט זיך פון רבה בר־בר חנהס גענז, און די בוימלען מיט דעם יין המשומר, מיט די וויין־טרויבן, וואָס פון יעדער טרויב קוועטשט זיך אַרויס וואָסער וויין מען וויל!

פון שרים, טייוולאָנים און נישט־גוטע מיט וואַסער־מענשן און כשוף־מאַכערס האָב איך געוואוסט פון דער באָבען מיט לייבקע דעם שול־רופער, און אין די אַלע זאַכן בין איך געווען אַ גאון, אַ בקי. אין יערן פּיצעלע פון די אַלע שרעקליכע נישט־האַרציגע זאַכן און מעשיות מיט עין־הרעס בין איך געווען אויסגעצייכנט באַהאַוונט.

באַ אונז זיינען געווען צוויי מענשן, וואָס האָבן אָפּגעשפּראָכן אַן עין־הרע אין שטעטל. איינער איז געווען דוד דער פירער, וואָס פלעגט פירן מעל פון די מילן אין די געוועלבער. פלעגט ער אָפּשפּרעכן עין־הרע מיט ביינדלאַך פון אַ טויטן מענשן. וואו ער האָט גענומען די ראָזיגע ביינדלאַך, ווייס איך ער היום נישט. אַז באַ עמיצן איז געוואָרן געשוואָלן דאָס פּנים, דאָס הייסט, די באַקן, פון אַ צאָן־געשוויר, ווי מען רופט דאָס, אָדער דער האַלז, פלעגט מען גיין צו אָט דעם דוד דעם פירער, פלעגט ער שוין נעמען די ביינדלאַך און אַרומטאַנצן מיט זיי איבער דעם געשווילעכטס און דערביי שעפּטשען עפּעס אין דער־שטיל. און דער חולה איז געווען בטוח, אַז אויב נישט היינט איז מאָרגן, איז איבער אַכט טאָג, איז איבער צוויי, דריי וואָכן — און דאָס געשווילעכטס וועט אָפּגיין. פאַר יערן אין שטעטל איז געווען „קלאָר״, אַז אַ געשווילעכטס קומט פון עין־הרע.

אַ צווייטע אָפּשפּרעכערין פון אַן עין־הרע איז געווען גאָלדע די מגידיכע, דעם מגידס ווייב. ער, דער מגיד, איז געווען אַ גרויסער

למרן, אַ גרול בישראל, אַ בקי אין ש״ס, און ראָס ווייב, האָט מען נערערט, האָט אויך געקאָנט לערנען גמרא.

אָפּשפּרעכן פלעגט זי שוין עין־הרע מיט צוויי אייער. מיט ביידע אייער און מיט ביידע הענט פלעגט זי אומשפּאַצירן איבערן געשווילעכטס פון פּנים און האַלז, און האָט אויך אַזוי געשעפּטשעט אין דער־שטיל.

די ראָזיגע „ראָקטאָריע״ האָט געקאָסט ביליג — אַ צענער, און פאַר אַן אָרימאַן — אַ זעקסער. איך געדיינק, אַז בּאַ מיר איז עטליכע מאָל גע־שוואָלן געוואָרן ראָס פּנים, וואַרשיינליך, פון די ציין, און מען פלעגט מיך פירן צו דור רעם פירער. פון אים האָט מען מער געהאַלטן, פלעגט ער מיר, געדיינק איך, אַזוי קראַצן מיט די ביינרלאַך, וואָס זיינען געווען שפּיציג, נישט קיין פאַרפּיילטע, אַז איך פלעג שיער נישט חלשן פון יסורים. געשווינר פלעגט ער לויפן מיט די ביינרלאַך איבערן פּנים.

פלעג איך זיך בעטן, אַז מען זאָל מיך פירן צו דער מגיריכע: זי שפּרעכט אָפּ מיט די אייער, איז אַזוי „גלאַט״, אַז ס'איז אַ מחיה, מען האָט מיך אָבער נישט געהערט.

— נאַרעלע, — האָט מען מיר געזאָגט — עס טוט דיר אַפילו אַביסל חיי, אָבער דערפאַר וועסטו דערפון גיך פּטור ווערן, און בּאַ דער מגיריכע נערוויערט זעהר לאַנג.

אַמאָל פלעגט מיר „אָפּגליקן״: דור רער פירער פלעגט נישט זיין אין דערהיים; ער פלעגט אַוועקפאָרן מיט זיין פור אין די מילן אַריין אָרער קיין בריסק — ברייננען מעל, האָט מען מיך געפירט צו דער מגירכע. רעמאָלט האָב איך זיך „געפרייט״ און בין געווען איבער גליקליך: אַ קליינינקייט, לויפן מיט שפּיציגע ביינרלאַך איבער אַ געשווילעכטס!

צו ניין יאָר האָט דער טאַטע מיך מיט ישראלן, זיין ברודער, אָפּגענומען פון מאָטקען און אָפּגעגעבן צו ביינוש־ליב רעם מלמר. ראָס איז אַפילו געווען אַ איד אַ למרן, אָבער אַ גרויסער פּעפער. רעם גאַנצן טאָג פלעגט ער שלאָפן און כראָפּען, זיצנדיג בּאַם טיש מיט די תּלמידים. מיר זיינען געווען זעקס אינגלאַך. געלערנט האָט ער מיט אונז גמרא און תּוספות און גאַנץ גוט געלערנט, נאָר אין מיטן לערנען איז ער איינ־געשלאָפן. אויך האָט ער געהאַט אַ פעלער, וואָס ער פלעגט רש״י, וואָס לערנט רעם פּשט פון יעדער שורה גמרא און ניט גוט צו פאַרשטיין די קורצע און אָפּגעהאַקטע ווערטער פון תּלמור, לערנען מיט אונז נישט צוזאַמען מיטן ענין, נאָר באַזונדער: אָפּגעלערנט אַ גאַנצע בלאַט גמרא און דערנאָך דאָס גאַנצע בלאַט רש״י. מיר האָבן שוין דעריבער נישט געקאָנט גרינדליך פאַרשטיין רעם פּשט פון די אַלע ענינים, וועגן וועלכע עס ווערט גערערט אויפן גאַנצן בלאַט גמרא. תּנאים מיט אמוראים האָבן

זיך נעקריגט, רש״י האָט ערקלערט זייער קריג. — און דער רבי האָט עס מיט אונז געלערנט נישט אויפן געהעריגן אָרט.

נאָר דאָך איז געווען גוט, וואָס ער איז איינגעשלאָפן באַם טיש אין מיטן לערנען. מיר האָבן אַפילו בעת מעשה געמוזט זיצן באַם טיש, וואָרום טאָמער האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און נישט געטראָפן דאָס אינגל נעבן דער אָפענער גמרא, האָט ער געקראָגן פעטש און אַמאָל געשמיסן. פונדעסטוועגן איז מען פאָרט געווען פרייער, נישט אַזוי געדריקט.

אין קאַמעניץ פלעגט קומען אַלע יאָר אַ משולח פון וואָלאָזשינער ישיבה, וואָס איז שרעקליך געריבמט געווען צוליב די גרעסטע לומדישע יונגע־לייט, וואָס האָבן דאָרט געלערנט. וואָלאָזשין איז נאָך ער היום שטאַרק פּאָפּולער צווישן אידן.

געדיינק איך, אַז די וואָלאָזשינער משולחים האָבן דערהערט, אַז שרה (מיין מאַמע) האָט אַ גוט אינגל, האָט מען זיך באַ איר געבעטן, אַז זי זאָל מיך שיקן קיין וואָלאָזשין, מען וועט מיך דאָרט „האַלטן", ווי אַ קיסר. אָבער דער טאַטע האָט נישט געוואָלט הערן און געדיינקען פון וואָלאָזשין, ווייל פון ר׳ חיימען אָן זיינען אַלע תלמידים פון וואָלאָזשינער ישיבה געווען גרויסע מתנגדים, און באַם טאַטן איז אַ מתנגד געווען פאַררעכנט אַזוי, ווי אַן אַפּיקורס, ער מעג זיך אַפילו זיין אַ רב.

און אומישנע האָט מיך דער טאַטע אַלץ געהאַלטן נעבן זיך, ס׳הייסט נעבן די חסידים, און איז געווען צופרידן, וואָס איך בין געווען צוגעקלעפּט צו זיי, האָב זיך שטענדיג איינגעהערט אין זייער חסידות, און אַז איך זאָל קאָנען לערנען, איז גאָרנישט געווען זיין דאגה. ער האָט אַלץ געוואָלט פאַר מיר קריגן אַ חסידישן מלמד, אָבער צו מיין מזל זיינען אין קאַמעניץ נישט געווען אַזעלכע, אויסער אַן אָנפאַנגער־מלמד, שעיה־בצלאל.

איינמאָל, געדיינק איך, האָב איך געהערט אין חדר, אַז ר׳ משהלע קאָברינער, דעם טאַטנס רבי, איז געשטאָרבן. איך האָב געמיינט, אַז דעם טאַטנס רבי איז אַזוי, ווי מיין רבי, און בין שנעל געלאָפן אָנזאָגן דעם טאַטן די גוטע בשורה. איך בין אַריינגעלאָפן אין קאָנטאָר און האָב מיט גרויס התפעלות אויסגעשריען:

— טאַטע, דיין רבי איז געשטאָרבן!..

נאָר אַן איינדרוק האָט זיך באַקומען פונקט אַ פאַרקערטער: דער טאַטע איז בלאַס געוואָרן און שיער נישט געחלשט. ער איז באַלד אַוועקגעפאָרן קיין קאָברין, וואו עס האָט זיך דעמאָלט צונויפגעקליבן דער גאַנצער קאָברינער כולל, און מען האָט אויסגעוויילט פונם כולל — אַן ערך באַ אַ זעקס טויזנט חסידים, — זעקס מענשן, וואָס זאָלן אויסקלויבן אַ רבי. פון די זעקס איז אויך געווען דער טאַטע. פינף וואָכן איז ער דאָרט

אָפּגעזעסן, און מען האָט אויסגעקליבן ר׳ אברהם סלאָנימער, אַ געוועזענער מלמד און אַ גרויסער למדן, כאָטש אַ שטיקל שוטה, זאָל ער מיר מוחל זיין. פון אַכט קאַנדידאַטן איז ער געוואָרן רבי.

נאָר די קאָברינער חסידים און די בריסקער „גרינגע" חסידים, ווי מען האָט זיי גערופן, וואָס זיינען געווען נאָר חסידים לפנים, האָבן געוואָלט האָבן אַ נאָהענטן רבין. פאָרן אַזש קיין סלאָנים, איז פאַר זיי געווען צו־ווייט, האָבן זיי אויסגעטראַכט, אַז דער פאַרשטאָרבענער רבי האָט געזאָגט פאַר דער פטירה, אַז זיין אייניקל נח איז ראוי צו זיין רבי; דאָס איז געווען אַן אויסגעטראַכטער ליגן. און נישט קוקנדיג אויף דעם, וואָס דאָס איז געווען אַ ליגן, וואָס דאָס בחור׳ל איז געווען אינגאַנצן אַכצען יאָר אַלט, וואָס וועגן אים זיינען געגאַנגען נישט קיין שיינע קלאַנגען, האָבן אים דאָך אַ הונדערט חסידים געקרוינט פאַר אַ רבי.

אַז דער טאַטע איז געקומען פון סלאָנים, פון דעם רבינס „קרוינונג", האָט ער, פרייטאָג צו נאַכטס באַם טיש, ווי שטענדיג, אָנהויבנדיג עסן, איידער די חסידים קומען נאָך אָן, גערעדט מיט דער מאַמען פון חסידות, כדי איך זאָל הערן.

— וואָס זאָגסטו, שרה, — האָט ער זיך געווענדט צו דער מאַמען, — זיין זכרונו־לברכהס אייניקל, נח, אַ אינגל פון אַ יאָר אַכצען, וואָס אונזער חצקל, גלויב מיר, קאָן בעסער לערנען פאַר ׳אים, האָבן די שקצים געמאַכט פאַר אַ רבי, אויסגעטראַכט אַזעלכע ליגנס, אַז ער, זכרונו לברכה, האָט געזאָגט, מען זאָל אים מאַכן פאַר אַ רבי. וואָלסטו וויסן, וואָס פאַר אַ גאָרנישט ער איז!

עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען ער, זכרונו־לברכה, וואָלט געהייסן מאַכן אַ בעדער, להבדיל, פאַר אַ רבין, וואָלט מען אַוראַי געמאַכט. אָבער ער האָט דאָך נישט געהייסן!..

און דער טאַטע האָט נישט געוואוסט, אַז די דאָזיגע ווערטער, וואָס ער האָט איצט גערעדט, זיינען געווען פאַר מיר אַ מין זוימען, פון וועלכן עס איז דערנאָך אויסגעוואַקסן אין מיר אַקעגן־געפיל צו חסידות מיט די רביים.

נאָר צו אַכט־ניין יאָר בין איך שוין געווען אַ פאַרטיגער חסיד. אַז די גרויסע חסידים, וואָס זיינען אומגעפאָרן פון רבין, האָבן אויפן וועג זיך אָפּגעשטעלט באַם טאַטן, בין איך פון זיי נישט אָפּגעטראָטן, בעת איך בין געווען פריי פון חדר; און דער טאַטע פלעגט טאַקע שיקן צו מיין רבין אַ צעטעלע, ער זאָל מיך באַפרייען אויף דער צייט, וואָס די גרויסע אורחים זיינען באַ אונז געווען.

אין אַ האַלבּ יאָר אַרום, נאָך ר׳ אברהמלעס קרוינונג, איז ער אַליין אומגעפאָרן צו זיינע חסידים נאָך ארץ־ישראל־געלט, און ער איז בּאַ אונז געווען שבּת. איך בּין שוין נישט אָפּגעטראָטן פון אים, געשטאַנען נעבּן אים און געקוקט אים אין די אויגן אַריין און געהאָרכט.

איינמאָל אין דערפריה, צום פרישטיק, בּין איך געשטאַנען נעבּן אים און געקוקט אויף אים.

— חצקל, האָט ער פלוצלינג מיך אַ פרעג געטאָן, — דו קאָנסט לערנען? זאָג.

— יאָ, — האָבּ איך נאַאיוו געענטפערט.

— אַן ערליכער איד בּיסטו?

— יאָ...

און אויף אַלץ, וואָס ער האָט מיך געפרעגט, האָבּ איך געטאָן און געענטפערט פשוט און הילכיג: יאָ.

די חסידים האָבּן בּאַלד דערציילט דעם טאַטן, וועלכער איז געווען אין אַ צווייטן צימער און געזעהן, אַז מען זאָל דערלאַנגען דאָס עסן, אַז איך האָבּ דעם רבּין געענטפערט האַמעטנע, צו פּשוט, אַזוי ווי מען ענטפערט גלאַט אַ אידן: יאָ, יאָ, יאָ... אַזאַ אינגל זאָל נישט וויסן, אַז מען דאַרף פאַרן רבּין מורא האָבּן. נאָכן עסן, אַז איך בּין אַריינגעגאַנגען צום טאַטן אין צווייטן צימער, האָט ער מיר אַוועק־געלעגט אַ מוסר:

— חצקל, דו בּיסט געשטאַנען אַנטקעגן רבּין און געקוקט יאים אין די אויגן, אַזוי ווי מען קוקט אויף אַלע מענשן... דו ווייסט, אַז ווען דער רבּי גיט אויף מיר אַ קוק, שטעלן זיך מיר האָר און נעגל קאַפּויר! אַ קליינינקייט, אַ רבּי! ווידער, אַז ער פרעגט דיך, ענטפערסטו זיך — יאָ, יאָ... מיאוס! דעם רבּין ענטפערסטו, אַז דו בּיסט אַן ערליכער איד. דו ווייסט, וואָס בּאַם רבּין הייסט אַן ערליכער איד? דו האָסט נאָך אין דעם קיין השגה נישט. אַזאַ אינגעלע, ווי דו, דאַרף שוין אָבּער שכל האָבּן.

די ראָזיגע רייד האָבּן אויף מיר שטאַרק געווירקט, איך האָבּ מיך געפילט זינדיג, אַזוי ווי איך וואָלט אָפּגעטאָן דאָס גרעסטע פאַרבּרעכן, עס האָט מיך פאַרנומען בּאַם האַרצן, און טרערן האָבּן זיך גענומען גיסן פון מיינע אויגן.

— וועל איך גיין איבּערבּעטן דעם רבּין, — האָבּ איך געזאָגט דעם טאַטן מיט טרערן אויף די אויגן.

— דו דאַרפסט אים נישט איבּערבּעטן, — האָט דער טאַטע געזאָגט, — דער רבּי ווייסט שוין אין דעם דריטן צימער, אַז דו וויינסט און דו האָסט חרטה, און ער וועט דיר מוחל זיין. געדיינק, אַז אַ רבּי איז נישט קיין

קליינינקייט, וועסט עלטער ווערן, וועסטו וויסן, וואָס אַ רבי איז!..

איצט האָבן די חסידים דערציילט דעם רבין, אַז דער טאַטע האָט מיך געמוסרט און איך האָב געוויינט, אַז איך האָב צער פאַר מיין גרויסן חטא, און ער האָט געהייסן מיך אַריינרופן. אַז איך בין אַריין, האָט ער געזאָגט:

— ראגה נישט, מיין קינד, איך זעה, אַז דו וועסט זיין אַן ערלי־כער איד...

פון דעמאָלט אָן בין איך געוואָרן אַ הייסער חסיד. אַ כּח אין וכּוחים האָב איך שטענדיג געהאַט, פלעג איך אָפּטער האַלטן וכּוחים מיט די מתנגדישע יונגע־לייט און אויפגעוויזן זיי, אַז זייער לערנען איז גאָרנישט ווערט, און זייער דאַוונען איז גאָרנישט ווערט, און איין קרעכץ פון אַ חסיד איז טייערער פון אַ מתנגידס אַ דאַוונען מיט אַ פאַסטן.

איינמאָל, געדיינק איך, אַ שבת, איז ר׳ אברהם יצחק פון סלאָנימער רבין געוווען בּאַ אונז צו גאַסט, האָט בּאַ אונז געווימעלט פון די שטאָטישע חסידים. אין דערפריה האָט דער גאַסט בּאַם טיש געזאָגט פאַר זיי זעהר פיל חסידיש, און איך האָב זיך צוגעהערט.

... און דער ריזשינער האָט געזאָגט, — האָט ער דערציילט, — אַז ווען איך וואָלט געוואָלט זיין אַ גאון, וואָלט איך געווען, נאָר עס איז נישט כּדאי אָפּצורייסן זיך פון גאָט, כאָטש אויף איין שעה.

... און דער לעכוויטשער האָט געזאָגט, אַז ווען ר׳ שמעון בן יוחאי וואָלט נישט געמאַכט דעם זוהר, וואָלט איך געמאַכט דעם זוהר...

און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער. די מעשיות האָבן דעמאָלט אויף מיר געמאַכט אַ גוואַלדיגן איינדרוק, אָבער אַזוי ווי איך בין, אַפּנים, געבוירן געוואָרן מיט נישט קיין חסידישער נאַטור, האָב איך לסוף פון די דאָזיגע מעשיות אַרויסגעטראָגן שטימונגען און איבּערציינונגען אַנטי־חסידישע...

אָבער עס מאַכט נישט אויס, אינגלוויז בין איך געווען אַ פאַרבּרענטער חסיד, האָב געקענט אַלע חסידישע נגונים בּיז צוויי הונדערט שטיק און געהאָפּקעט מיט די חסידים און געשעפּט נחת פון זיי, און דער טאַטע האָט געשעפּט נחת פון מיר. ער האָט, נעבּעך, געמיינט, אַז איך וועל שוין אַזוי בּלייבּן אַ פייערדיגער חסיד.

אויפן צווייטן יאָר איז געווען דער סלאָנימער רבי בּאַם טאַטן צו גאַסט אויף שבּת; עס זיינען אָנגעפאָרן איבּער דריי הונדערט חסידים. האָט מען געמאַכט פאַר אַלעמען אַ גרויסאַרטיגן שבּת. געקומען איז דער רבּי, געדיינק איך, אַרום דאָנערשטאָג און איז אָפּגעווען בּיז רינסטאָג. נאָר

וואָס עס האָט זיך אין אָט די טעג באַ אונז אָפּגעטאָן, איז זיך שווער פאָרצושטעלן. חסידים האָבן געבראַכט מיט זיך וויינען, און בראָנפן האָט ראָך באַם טאַטן נישט געפעלט, האָט מען עפּעס געהוליעט!

רינסטאָג זיינען אַלע נישט־היגע חסידים אַוועקגעפאָרן, און דער רבי מיט די קאַמעניצער חסידים איז געפאָרן צו אַ רייכן ישובניק לייבל קרוהעל פון קרוהעל. דאָס איז געווען אַ הייסער חסיד און אַ בעל־צדקה.

געווען איז דאָס ראָרף קרוהעל אַ צוויי מייל פון שטאָט. עס פאַרשטייט זיך, אַז לייבע האָט געמאַכט אַ גרויסע סעודה פאַרן רבין מיט די חסידים. זיצט מען באַם טיש און מען עסט, און מען טרינקט, און מען זינגט — קומט אַריין אין מיטן אַ זשאַנדאַרמסקער אָפיציר מיט אַ צען סאָלדאַטן, מיט דעם קאַמעניצער אַסעסער בראש, און מען נעמט אַרום די גאַנצע קרעטשמע. פרעגט דער אָפיציר:

— וואו איז דער רבי?

איז אויף אַלעמען אַרויפגעפאַלן אַ פּחד. אַ רבין קאָן מען דערקענען, און דער אָפיציר האָט באַלד אַנידערגעשטעלט אַ וואַך נעבן אים. מען האָט געמאַכט אַ רעוויזיע אין דעם רבינס זאַכן, און זיינע טשעמאָדאַנעס און קעסטלאַך, וואו עס איז געלעגן צוויי טויזנט פינף הונדערט רובל ארץ־ישראל־געלט מיט ביכער, מיט חשבונות, מיט בריף פון ארץ־ישראל א. אַז. וו. האָט מען אַלץ פאַרחתמעט און דעם רבין האָט ער געהייסן אַוועקפירן קיין בריסק אין טורמע.

דער טאַטע האָט געבעטן דעם אַסעסער, מען זאָל דעם רבין נישט פירן קיין בריסק, נאָר איבערלאָזן דאָ מיט סאָלדאַטן, וואָס זאָלן אים היטן.

דער אַסעסער האָט איבערגערערט מיטן אָפיציר, האָט געגומען אין יד אַריין אַ פופציגער און עס איז געבליבן רעכט.

דער זיידע, וואָס ער איינער וואָלט דאָ געקאָנט העלפן, איז גראָד אין דערהיים נישט געווען, און קיין בריסק איז געפאָרן דעם טאַטנס ברודער יאָסל. עס פאַרשטייט זיך, אַז ער איז אַוועק צום איספּראַווניק און געבעטן אים, מען זאָל דאָס „צערייבן“ און באַפרייען דעם רבין, דערבײַ האָט ער אים אַריינגעלעגט אין יד אַריין צוויי הונדערט רובל, נאָך וואָס ער האָט באַלד באַקומען אַ פּאַפּיר, אַז ער ווערט באַפרייט.

יאָסל האָט געפרעגט דעם איספּראַווניק, פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט דער גאַנצער טומל מיטן אַרעסט, און דערויף האָט אים דער איספּראַוו־ניק דערציילט, אַז דעם רבין האָבן געמסרט אידן גופא, אַז ער, דער איספּראַווניק, האָט באַקומען אַ פּאַפּיר, אונטערגעשריבן פון אַ איד, אַז אין קאַמעניץ געפינט זיך אַ רבי, וואָס קלייבט געלט פאַר פּאַלעסטינא. דאָס שמעקט מיט טורמע און דאָס געלט דאַרף קאָנפיסקירט ווערן.

— און ווען נישט ריין טאַטע, — האָט ער געזאָגט, — וואָלט איך אים בשום אופן נישט באַפרייט.

יאָסל האָט געבראַכט דאָס פּאַפּיר, און מען האָט באַפרייט דעם רבין. פון דעמאָלט אָן האָט ער אויפגעהערט צו פאָרן אַליין קלויבן ארץ־ישראל־געלט, נאָר אָנשטאָט אים פלעגן אַרומפאָרן משולחים.

די געשיכטע האָט זעהר פאַרדראָסן די חסידים און איבערהויפּט מיין טאַטן; ערשטנס, די שרעק, וואָס דער רבי האָט געהאַט, און, צווייטנס, איז געווען איינגעפירט אַזאַ מין טראַדיציע, אַז דער רבי זאָל קומען אַלע יאָר קיין קאַמעניץ. איצט אָבער וועט שוין דער רבי קיינמאָל נישט קומען, און דאָס איז אים געגאַנגען אין לעבן. עס איז נישט קיין קלייניגקייט.

באַ די חסידים איז געבליבן, מען זאָל דערגיין דעם מסור און זיך גוט אָפּרעכענען מיט אים. דער מסור האָט זיך געפונען, אָבער דאָס איז געווען זעהר אַן איינגאַרטיגער מסור.

באַ אונז אין קאַמעניץ איז געווען איינער אַ שרייבער, וואָס האָט געהייסן טווערסקי. אים האָט דער זיידע אַראָפּגעבראַכט (אויב דער לעזער געדיינקט) פון בריסק צו זיך, ווען די שטאָט האָט זיך געבונטעוועט קעגן דער אַרענדע. דעמאָלט האָט ער באַדאַרפט האָבן אַ שרייבער, וואָס זאָל צונויפשטעלן אַלע טאָג די פּראָטאָקאָלן מכח די בונטאָווטשטשיקעס, אַז זיי ברייגגען אַריין בראָנפן מחוץ לתחום, נישט צאָלנדיג קיין אַרענדע א. אַז. וו. און דערנאָך, אַז עס איז געוואָרן דער שלום, איז טווערסקי פאַר־בליבן אין קאַמעניץ און האָט זיך באַשעפטיגט מיט שרייבן פּראָשעניעס פאַר די קאַמעניצער אידן, און אָפט מאָל אַפילו פאַר די פּריצים, בעת זיי האָבן זיך צעקריגט צוליב אַ קערטל אָדער אַ מיידל.

אַליין איז טווערסקי געווען אַ געוועזענער גמרא־לערנער, האָט געהאַט אַ גאָלדענעם קאָפּ, איז געווען קלאָר אין ש״ס און אין אַלע מדרשים. נאָר דערנאָך איז ער „אַראָפּ פון וועג״, איז געוואָרן אַן אַפּיקורס, ווי אַמאָליגע משכילים, און האָט זיך גענומען צו קענטעניש. ער האָט זיך אָבער צו קענטעניש גענומען שפּעט. ער איז שוין געווען אַלט דערצו און איז געבליבן אין מיטן וועג. איצט האָט ער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ווי צו מאַכן פון פּראָשעניעס־שרייבן אַ פּראָפעסיע און לעבן דערפון.

אין דעם פּרט איז אים גאַנץ גוט אַוועק. אין ווילנע האָט מען אים אָנגעהויבן צו ניצן צו די גרעסטע ריעלעס, און זיין נאָמען איז געווען פּאָפּולער אין גאַנץ ווילנער אָקרוג, אַזוי אַז אויב עמיצער האָט געהאַט עפּעס אַ שווערע ריעלע, האָט מען אים אַראָפּגעבראַכט צו זיך אין שטאָט, צו שרייבן פּראָשעניעס און ברייגגען אַלע פּאַפּירן אין אָרדענונג.

קיין פאַרמעגן האָט ער אָבער נישט געקאָנט מאַכן. ערשטנס, איז ער געווען זעהר ערליך פון נאַטור, און אַן 'איירעלן כאַראַקטער האָט ער געהאַט, און האָט זיך נישט געקאָנט רינגען מיט זיינע קליענטן. וויפיל מען האָט אים געגעבן, אַזוי פיל האָט ער צוגענומען שטיל, אָהן ווערטער; און, צווייטנס, האָט ער ליב געהאַט צו פאַרפטרן, וויפיל ער האָט פאַרדינט, האָט פיינט געהאַט איבערצולאָזן אויף מאָרגן, נאָר אַלץ היינט פאַר־לעבן, און טאָמער האָט ער פאָרט נישט געהאַט וואו אַהינצוטון דאָס פאַרדינטע, האָט ער עס אַוועקגעגעבן אַלע נויט־באַדערפטיגע. מען האָט אים שוין געקענט און צו אים האָבן זיך געצויגן אַלע שווערע הערצער.

ער האָט געקאָנט אַוועקגעבן איינעם די לעצטע קאָפּיקע — און זיך נישט לאָזן אַפילו אויף עסן. אַז ער האָט געהאַט געלט, האָט ער ליב געהאַט צו עסן אַ פערטל גענזענס, אַ פּופּיק, אַ גלאָז ביר, און אַז ער האָט גאָר קיין געלט נישט געהאַט, האָט ער געקאָנט עסן ברויט מיט פּוטער, מיט טיי, און אַז נישט קיין פּוטער — איז אָהן, און אַז נישט קיין טיי — איז מיט וואַסער, און מיט אַ מינוט פריהער, האָט ער אַוועקגעגעבן אַ גוטן ברודער, צי גלאַט אַ נויט־באַדערפטיגן אַ דריי רובל אָדער פינף, צען, און עס האָט אים נישט אויסגעמאַכט.

ווי אַלע רעמאָלריגע משכּילים, האָט זיך אים זעהר געוואָלט פאַר־שפּרייטן צווישן אידן בילדונג, אויפקלערונג, אָפּשוואַכן דעם „פאַנאַטיזם“ און אַרויספירן אידן אין דער וועלט אַריין.

זייענדיג קלאָר אין ש״ס און אין מדרש, באַלעזן אין אַלע העבּרעאישע השכלה־ביכער, ווי אויך אין דער רוסישער ליטעראַטור און דערצו נאָך מיט אַ גוטן מענה־לשון, פלעגט ער אומעטום, וואו ער איז נאָר געווען, דערציילן שיינע, אינטערעסאַנטע מעשיות פאַר קופקעלאַך אידן, און דער עולם האָט פון אים געלעקט די פינגער. ער האָט אָבער קיינמאָל אין איין טאָג נישט געענדיגט זיין מעשה, וואָס ער האָט אָנגעהויבן דערציילן, און אַמאָל פלעגט ער אָפּהאַלטן דעם עולם אַפילו דריי טעג. דער סוף פון זיינע מעשיות איז אָבער שטענדיג געווען גאָר אַן אומערוואַרטעטער: אַזוי, פאַמעליך, שטילערהייט פלעגט ער אַרויפקומען מיט זיין מעשה אויף אַפּיקורסות... און דאָ פלעגט ער שוין פּשוט לייקענען אין אַלץ, וואָס געהערט צו רעליגיע, פלעגט מאַכן אַש און בלאָטע פון אַלע תּנאים און אמוראים און פון רבּנים אַוראַי, און דער עולם פלעגט צעלויפן, פאַר־שטאָפּנדיג זיך די אויערן...

נאָר די מער יונגערע און מער נייגעריגערע פלעגן אַמאָל אָפּשטיין ביזן סוף און האָרכן, און האָרכן...

אין זיין גרויסער מלחמה קעגן רעליגיע האָט ער נאָר פון צווײ, אַפילו גאַנץ פאַרשיידענע רעליגיע־פאָרשטייער, געהאַלטן: פון ר׳ הלל הזקן און פון ווילנער גאון. ווײטער האָט ער פון אַלעמען געמאַכט עפר ואפר.

ווי ווייט ער איז בכלל געווען פייהיג און געשיקט, קאָן מען זעהן דערפון, וואָס דער בריסקער שטאָט־פירער ר׳ יורל האַקאַדיר, האָט אים אַראָפּגעבראַכט פון ווילנע קיין בריסק צו זעהר אַ גרויסע און קלינגענדיגע ריעלע, וואָס שטאָט האָט געהאַט. דאָס איז געווען עפּעס אַ שרעקליכע געשיכטע מיט פאַלשע פּעסער און מיט שיינע אידן און מיט מסירות. נאָר טווערסקי מיט זיין גוטן קאָפּ און געזעץ־קענטענישן האָט געמאַכט צו גאָר־נישט די גאַנצע ריעלע, וואָס שטאָט האָט זיך דערפאַר געשראָקן.

פאַר אָט דעם פּראָצעס איז ער ווערט געווען עטליכע טויזנט רובל, און געגעבן האָט מען אים דריי הונדערט רובל, וועלכע ער האָט אויך באַלד צעטיילט צווישן גוטע ברידער. זיך האָט ער נאָר איבערגעלאָזט פינף און צוואַנציג רובל און האָט דאָס פאַרלעבט אין איין וואָך. אויף דער צווייטער וואָך האָט ער שוין געליטן הונגער ביז אַ ווייטערדיג פאַרדינסטל.

די מעשיות זיינע פלעגט ער דאָס רוב דערציילן באַם פעטער מרדכי־ליבן אין שטוב, „וואָס איז געווען גרויס ווי אַ פעלד“. אין שטוב פלעגן זיך געפינען אַ סך מענשן, און ער פלעגט אָנהויבן דערציילן דריי אַזייגער באַטאָג און ענדיגן זיבן, אַכט אַזייגער אין אָוונט. אַנדערע פלעגן זיך אויף אַ רגע אָפּרייסן און קומען ווידער, אויב עס האָט נאָך נישט געהאַלטן באַ די אַפּיקורסות...

אינטערעסאַנטער פון אַלץ איז געווען די מעשה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע...

און איינמאָל, געדיינק איך, האָט ער אָנגעהויבן צו ריידן אויף אַלע אונזערע הייליגע פון אברהם אבינו אָן... איז מען זיך אַלע צעלאָפן, נאָר מיין פאָטער אַליין איז געבליבן. אים האָט קיינמאָל נישט געאַרט אָט די אַפּיקורסישע רייד. עס איז אַזוי ווי נישט געווען זיין דאגה, בעת טווערסקי האָט אַפילו געמאַכט צו בלאָטע זיין רבין אברהמלע. אים, דעם טאַטן, איז גראַדע געווען געפעלן דער אַפּיקורס טווערסקי, וואָס האָט אַ גוט האַרץ, שיינקט אַ סך צדקה, איז אַן ערליכער מאַן און אַ קלוגער. טווערסקי, ווידער, האָט ליב געהאַט דעם טאַטן מיינעם פאַר זיין טאַקטישקייט, פאַר זיין קאָנען פאַרלייזן אַ מענשן נישט קיין פרומען און פאַר זיין האַרציגקייט.

נאָר דעם טאַטן איז איינמאָל איינגעפאַלן, אַז די מסירה אויפן רבין מוז שטאַמען פון טווערסקין, הגם ער האָט באַ זיך נישט געקאָנט פועלן,

אַז טווערסקי זאָל זײַן אַ מסור. יערנפאַלס, האָט דער טאַטע גערעכנט, אַז טווערסקי מוז װיסן, פון װאַנען עס שטאַמט די מסירה.

װאָרום איינמאָל, בעת עטליכע הונדערט חסידים האָבן זיך אויפגעקליבן מיטן רבין, האָט ער אַליין געהערט, װי טווערסקי האָט געזאָגט, אַז עס האָבן זיך אויפגעקליבן עטליכע הונדערט בהמות אָפּצוגעבן כבוד אַזאַ טיפּש. דאָס האָט דעמאָלט געמאַכט אויפן טאַטן זעהר אַ שווערן איינדרוק.

נאָך אַ געװיסער קווענקלעניש, האָט דער טאַטע פאַררופן טווערסקין צו זיך און אים געבעטן, ער זאָל זאָגן דעם אמת, װער האָט עס געמסרט דעם רבין. אויב ער אַ ל יי ן האָט עס געטאָן, טאָ זאָל ער זיך מודה זײַן פאַרן טאַטן.

— נו, איך האָב דאָס געטאָן... — האָט טווערסקי רוהיג געזאָגט.

דער טאַטע איז נשתּומם געװאָרן.

— װי פאַלט דיר איין צו טון אַזאַ געמיינע זאַך? — האָט דער טאַטע אַ צעטרייסלטער געפרעגט, — דו ביסט דאָך עפּעס אַן אָרנטליכער מענש. ס'טייטש, װאו איז דיין מה דעלך לא סני לחברך לא תעביר?

טווערסקי האָט פשוט געענטפערט:

— קומען קומט אברהמלען גוט אָפּצושמייסן, זאָל ער נישט פאַרפירן טויזנטער מענשן און נישט אויסנאַרן בײַ זיי די לעצטע גראָשנס. אָבער איך בין מיך מודה, אַז איך װאָלט עס נישט געטאָן, כאָטש עס איז אַ „מצוה“ דאָס צו טון. צו דעם האָט מיך געבראַכט איינער אַ מענש, װאָס דער רבי האָט אים אומגליקליך געמאַכט. אַ מענש — אַ פיינער. בין איך מיט אים איינמאָל געװען בײַ דוד־יצחקן אין װיינשיינק, און ער האָט געזאָגט, אַז ער װאָלט געגעבן פינף און צװאַנציג רובל, װען מען זאָל געבן דעם רבין פינף און צװאַנציג שמיץ, און דערפון האָט זיך עס גענומען...

דער טאַטע האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ר' לייב מאירס אַרבעט. און ער האָט פאַררופן אלע חסידים אויף אַן אספּה מכּח דעם. ר' אָרעלע, דער פירער פון די חסידים, איז דעמאָלט געװען דין אין שטאָט, און ער איז אויך געװען אויף דער אספּה. עס איז געבליבן בײַ זיי צו פאַרמסרן דעם ר' לייב מאירס פאַר „א י ם“, זאָל געזונט זײַן, און אַז עס איז אַ מצוה אים אָנצוטון כל הצרות.

מיט װאָס האָט אים אומגליקליך געמאַכט דער רבי, װעלן מיר הערן װייטער.

דער דאָזיגער ר' לייב מאירס איז געװען אַ זאַסטאַװיער. זײַן פאָטער ר' מאיר איז געװען אַ איד, אַ גדול בישראל, און האָט פאַרמאָגט צװאַנציג

טויזנט רובל. דער זון לייבע, אַ למדן און אַ גוטער העברעער, אַ איד אַ קלוגער און אַ נגיד אויך, איז געווען אַ פאַרקאָכטער מתנגד. געהאַט האָט ער אַ זון, הערשל, אַ געראָטענער יונגערמאַן, אַ פיינער לערנער און אַ וואויל קינד, און אָט דער הערשל איז געוואָרן אַ סלאָנימער חסיד. באַלד נאָך זיין חתונה איז ער אַוועקגעפאָרן צום רבין קיין סלאָנים, איז דאָרט אָפּגעזעסן צוויי חדשים און געקומען אַהיים אַ פאַרברענטער חסיד.

געקומען איז ער פון סלאָנים אַהיים באַנאַכט און האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַז מען האָט אין שטוב דערקענט זיין קול פון יענער זייט טיר, האָט דער פאָטער אים נישט געוואָלט אַריינלאָזן, און דאָס ווייב האָט אים געעפנט קענען דעם ווילן פון שווער. אַז ער האָט זיך געלעגט שלאָפן אין זיין בעט, האָט ער דערפילט, אַז די פערענע איז וואַרעם. און אַז ער האָט געפרעגט, ווער איז דאָ פריהער געשלאָפן, האָט דאָס ווייב געזאָגט, אַז זי. האָט ער באַלד געכאַפּט די פערענע, איז דערמיט אַרויס אין דרויסן און אויסגעקאַטשעט זי אין שניי, כדי עס זאָל אַראָפּ די וואַרעמקייט פון דער פערענע, וואָס דעם ווייבס גוף האָט ׳אויסגעוואַרעמט.

פון דער דאָזיגער מעשה האָט דאָס ווייב אָנגעהויבן וויינען. דאָס געוויין האָט דערהערט דער פאָטער, און אַז ער איז אַריין אין צימער פרעגן, וואָס זי וויינט, האָט זי אים דערציילט, וואָס זיין זונעלע, דער חסיד, האָט געטאָן. דאָס מאָל האָט אים דער פאָטער גוט אָנגעשלאָגן, און ער איז ווידער אַנטלאָפן צום רבין קיין סלאָנים.

דאָס ווייב האָט אים אָבער האָלט געהאַט און האָט געווים חרטה געהאַט אויף איר דעמאָלדיג וויינען, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דער פאָטער האָט אים אויסגעפּאַטשט. און ווער ווייס, ווען ער וועט זיך צוריק־קערן. זי איז געפאָרן קיין סלאָנים און געבעטן דעם רבין, ער זאָל הייסן איר מאַן פאָרן מיט איר אַהיים. דער רבי האָט געהייסן, ער איז געפאָרן אַהיים און האָט זיך אַפילו איבערגעבעטן מיטן טאַטן.

אָבער הערשל איז געווען זעהר אַ הייסער חסיד. ווינטער איז ער געגאַנגען אין דער קאַלטער מקוה אַלע טאָג, אַ פאַרקילטער, און ער האָט נאָר געדאַוונט און געדבוקעט זיך. אין דאַוונען האָט ער געשריען מיט אַלע כחות און איז קראַנק געוואָרן מיטן האַרץ און מיטן האַלז פון די קאַלטע מקואות און פון אַזאַ שרייען אין דאַוונען. טאָג און נאַכט האָט ער פאַרבראַכט אין חסידות, האָט זיך אָפּגעשיידט פון דעם ווייב, האָט אַרומ־געשוועבט צווישן הימל און ערד און איז פון אַזאַ פאַרקאָכטקייט לסוף משוגע געוואָרן. זיין קראַנקייט האָט אָפּגעקאָסט דעם פאָטער אַ שלל מיט געלט, און ער איז געשטאָרבן.

דערזועלבער ר׳ לייב האָט געהאַט אַן אײדעם, אַ מתנגדס אַ זון — און דער איז אויך געוואָרן אַ חסיד. ער האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס ווייב, איז מער געווען באַם רבין ווי אין דערהיים.

זעהענדיג, ווי עס ווערט אַ תל פון זיין גאַנצער פאַמיליע, האָט ר׳ לייב געוואָלט אויסלאָזן זיין כעס אויפן רבין, וואָס האָט, לויט זיין מיינונג, צעגישטערט זיינע קינדער. פון רבין האָט ער, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַלטן, און גאָר נישט ווילנדיג האָט אים דער כעס דערפירט צו אַזאַ אומגעלומפערטן און מיאוסן געדאַנק: ווי מסרן.

נאָר די חסידים, וואָס האָבן באַשלאָסן אויף דער אספה, אַז מען מעג אים אָנטון כל הצרות שבעולם, האָבן אים אָפּגעטאָן גאָר אַ קלייניגקייט.

דער דאָזיגער ר׳ לייב, וואָס איז געווען גאָר אַ גרויסער סוחר פון מעל און האָט געהאַט קאָמיסיאָן פון די גרעסטע מילנערס, פלעגט צע־טיילן די מעל אין קאַמעניץ, אין בריסק און נאָך וואו אויף קרעדיט. דאָס איז שוין געווען אַ מין טראַדיציע — ער גיט אָהן געלט, און דער־נאָך, אַז מען האָט איינגעצאָלט, האָט מען ווייטער גענומען סחורה. קאָן מען, הייסט עס, אויף אַזאַ אופן טון אַ גרויסע רעה ר׳ לייבן: אויפ־געבן אַלע קרעמער, אַז זיי זאָלן נישט צאָלן, וועט ר׳ לייב מוזן באַנקראָ־טירן, און ער וועט האָבן אַ ווייסטן סוף. זיי, די קרעמער, וועלן סחורה אַלע מאָל האָבן, וואָרום די מעל וועט דאָך נישט בלייבן אָהן אַ קאָמיסיאָנער.

איז געפאָרן אַ חסיד פון קאַמעניץ אין שליחות צו די בריסקער חסידים, אַן ערה פון מער ווי צוויי הונדערט מאַן, זעהן צו פאַרווירקליכן דעם באַשלוס.

דער באַשלוס איז דורכגעפירט געוואָרן גרויסאַרטיג, וואָרום אַז ר׳ לייב איז באַלד נאָכדעם געקומען קיין בריסק און איז געגאַנגען צו די קרעמער איינמאָנען געלט און ווייטער מאַכן באַשטעלונגען, האָט אים קיינער נישט געגעבן קיין גראָשן, און אָנשטאָט דעם האָט מען אויף אים געשריען:

— מסור, אַרויס פון קראָם! אַ איד זאָל מסרן אַ רבין!

און טאָמער איז ער נישט אַזוי גיך אַרויסגעגאַנגען פון קראָם, זיינען שוין באַלד אָנגעקומען אַלע חסידישע אינגלאַך, און מען האָט אים פאַר־וואָרפן מיט שטיינער און מיט בלאָטע, נאָכלויפנדיג נאָך אים איבער אַלע גאַסן, וואו ער איז געגאַנגען, אַזוי אַז ער האָט געמוזט אַנטלויפן פון בריסק. פון דעם שפּיל האָט ער געהאַט היזק גאַנצע זעקס טויזנט רובל!

איינן געלט האָט ער געהאַט און באַנקראָטירן האָט ער נישט געוואָלט, האָט ער אָפּגעצאָלט אין די מילן, וויפיל עס איז געקומען. נאָר אַזוי ווי ער האָט שוין נישט געקאָנט פאַרקויפן קיין מעל מחמת דעם „באָיקאָט“, האָט מען אָפּגענומען באַ אים די אַלע קאָמיסיאָנען פון מעל, און ר׳ לייב

איז געבליבן אָרים. אין בריסק האָט ער נישט געטאָרט קומען, וואָרום מען האָט אים געסטראַשעט מיטן טויט.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט ער אַריינגעשיקט אַ גרויסן בריף צו מיין טאַטן, געשריבן אויף לשון־קודש. דער בריף, קלוג צונויפגעשטעלט, וואָס האָט געקאָנט מאַכן אַן איינדרוק, האָט גערעדט וועגן שלום, אַז ער, ר׳ לייב, וועט זיך פאַרלאָזן אויף מיין טאַטן מיט ר׳ אָרעלען, און וואָס זיי וועלן אים צופסקענען, וועט ער מקיים זיין.

דער טאַטע האָט פאַררופן צו זיך די קלינערע חסידים מיט ר׳ אָרעלען בראש צו באַראָטן זיך. באַ די חסידים איז געבליבן, אַז ר׳ לייב זאָל פאָרן צום רבין קיין סלאָנים און מיטנעמען מיט זיך זיינע דריי איינגלאַך אין עלטער פון צען ביז פופצען יאָר, זאָל אַריינקומען צום רבין אין זאָקן און אים איבערבעטן, דערביי דאַרף ער אומקערן פיר הונדערט רובל געלט, וואָס האָט געקאָסט שוחד מיט הוצאות, און פינף הונדערט רובל קנס אויף ארץ־ישראל — צוזאַמען ניין הונדערט רובל, און ער דאַרף שווערן אויף זיין הון־צרק, אַז ער וועט פאָרן אַלע יאָר קיין סלאָנים צום רבין און מיטנעמען די אינגלאַך ביז נאָך דער חתונה. דערנאָך וועלן זיי שוין אַליין פאָרן צום רבין... פאַר די קאַמעניצער חסידים, ווידער, דאַרף ער איינגעבן אַ נייע ספר־תורה אין שטיבל אַריין, און ער מוז קומען פון זאַסטאַוויע אַלע שבת דאַווענען אין שטיבל. דאָס הייסט: ער מוז ווערן אַ חסיד! נאָר ווי מען נויט עמיצן שמדן זיך...

אויף דעם געלט איז ער באַשטאַנען, כאָטש ער האָט שוין קיין געלט נישט געהאַט. וועט ער פאַרקויפן די צירונג: זיין ווייבס, די שנירס און טאָכטערס, אָבער פאָרן קיין סלאָנים אַלע יאָר — דערויף האָט ער באַין אופן נישט געקאָט באַשטיין.

און ער איז געלאָפן דורכריידן זיך מיטן טאַטן. טרערן האָבן זיך אים געגאָסן פון די אויגן.

— משה, — האָט ער געזאָגט, — דו ביסט דאָך אַ קלוגער. דו פאַרשטייסט דאָך יאָ עפּעס אַ מענטשן און אַ האַרץ האָסטו אַ גוטס, זאָג מיר, איך בעט דיך, אדרבה, אויג אויף אויג, צי קאָן איך נאָך מיינע אַלע אומגליקן און צרות ווערן אַ געצוואונגענער חסיד? צי קאָן מען בכלל ווערן עפּעס פּלוצלינג און געצוואונגען. בפרט נאָך, אַז איך האַלט נישט און האַלט נישט פון חסידות. אין מיין בלוט איז עס נאָרנישט פאַראַן. איך זאָג דיר אָפן, דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב נאָר גערעדט פאַר טווערסקין, און ריידן איז דאָך נישט טון. איז נישט געוונג, וואָס איר האָט מיך געמאַכט פאַר אַן אָרימאַן, אָהן

פּרנסה, װילט איר נאָך בײַ מיר צונעמען מײַן מתנגדות, װאָס איז בײַ מיר אַזױ טײַער, װי בײַ דיר דאָס חסידות. געלט װעל איך געבן, כאָטש דאָס לעצטע, און צום רבין איבערבעטן װעל איך אױך פֿאָרן, און דאָס דאַרף זײַן געװנוג, װאָס װיל מען נאָך? משה, דו האָסט אַ גוט האַרץ, דו דאַרפֿסט מיך פֿאַרשטײן און זעה טו מיר דאָ אַ טובה.

דער טאַטע, װואָס האָט איצט װירקליך אױף אים רחמנות געהאַט, האָט אים צוגעזאָגט אױסצופֿירן בײַ די חסידים דאָס, װאָס ער פֿאַרלאַנגט.

נאָך שװערער מיה און מאַטערניש איז ענדליך געבליבן, אַ דאַנק מײַן טאַטן, אַז מען דאַרף אים פֿאַרלײַכטערן, אָבער צום רבין מוז ער דאָך פֿאָרן, כאָטש אײן מאָל: אױף ראש־השנה...

---

# קאַפּיטל XVI

**מיין לערנען. — אמאָליגע מוכרי־ספרים. — מיין ערשטע חברה. — ישראל ווישניאַק. — דאָס עקזאַמענירן ישראלן. — ישראלס קאַריערע. — בײַ וואָס ער איז געבליבן שטיין.**

צו צוועלף יאָר האָב איך ליב געהאַט זומער פאַרנאַכט צו מנחה, ווען מען ווערט פרײַ פון חדר, גיין אין בית־המדרש, און צווישן מנחה און מעריב, זיך זעהן מיט אַלע בחורים, וואָס לערנען אין בית־המדרש, זיך באַקענען מיט נײַע פּרושים און אויך מיט די בעלי־בּיתלאַך, וואָס האָבן אָקאָרשט חתונה געהאַט, און ריידן מיט זיי פון פאַרשיידענע אידישע זאַכן און אַזוי ענינים פון לעבן. איך פלעג עפּעס אַ גמרא — אין אַן אָוונט בײַ אַ ר ע ם טיש ריידן דעם גאַנצן בין־מנחה און מעריב, און אַ צווייטן אָוונט בײַ אַ ן אַ נ ד ע ר טיש. דאָס איז געווען אַנגענעם.

דאָ האָב איך אָפטער געהאַט וכּוחים וועגן חסידות. איך האָב שטענדיג געהאַט אַ נאַטור צו קלעפּן זיך צו גרעסערע, האָב זיך געסטאַרעט זײַן מיט זיי חבר. און מיך האָט נישט געאַרט, וואָס איך בין בײַ זיי דער קלענסטער, ווײַל איך האָב הנאה געהאַט צו הערן דעם שכל פון די עלטערע, און אָט די אײַנגעשאַפּט מײַנע האָט מיר געגעבן מוט צו דיספּוטירן מיט זיי וועגן חסידות, און ווײַל איך האָב געהאַט אַ כּח אין וכּוח, האָב איך אָפט מאָל מנצח געווען.

אין בית־המדרש זײַנען געווען זעהר פיל ש״סן, אָבער צעריסענע, און דאָס איז געווען, געדיינק איך, אַ בּרענענדיגע פראַגע דעמאָלט: די יונגע־לײַט מיט די פּרושים האָבן זיך באַקלאָגט, אַז זיי קאָנען נישט לערנען אין קיין גמרא: אַלע גמרות צעריסענע.

אַמאָל פלעגן די מוכרי־ספרים אומפאָרן אויפן לאַנד מיט אַ שקאַפּע: מענדעלע מוכר־ספרימס קליאַטשע. אין וואָגן פלעגן ליגן פאַרשיידענע ספרים און מעשה־בּיכלאַך, און פאַרפאָרן פלעגן זיי אין בית־המדרש אויפן הויף. באַנאַכט פלעגן זיי אַרײַנפאָרן ערגעץ אין אַ בּיליגער קרעטשמע; אין דער־

פריה צום דאַווגען איז שוין אַזאַ מוכר־ספרימניק ווידער געשטאַנען מיט זיין „פערד און וואָגן“ אויפן שול־הויף. צייטנווייז פלעגט אַזאַ מוכר־ספרים אָפּדינגען אין גרויסן בית־המדרש אַ טיש פֿאַם טיר פֿאַר אַ פּאָר רובל און זיך דאָרטן אויסגעלעגט מיט די ספרים, און זיין שותּף (אַמאָל האָט ער געהאַט אַ שותּף) פלעגט דערווייל אַרומפּאָרן מיט אַ טייל ספרים אַרום די דערפער.

די דאָזיגע מוכרי־ספרים פלעגן אָפט מאָל מיט זיך פירן אַנאָנסן וועגן פאַרשיידענע ש״סן מיט פאַרשיידענע מפרשים אויף גרויסאַרטיגן פּאַפּיר. איינמאָל האָט אַ מוכר־ספרים געבראַכט אַ מודעה פון די סלאַוואוטער דרוקער, אַז זיי געבן אַרויס ש״סן בהדרת יופי, מיט אַלע מפרשים אויף זעהר אַ גוט פּאַפּיר און שיינעם דרוק. דער פּרייז פון ש״ס — צוויי און זיבעציג רובל, אויסצאָלן אין אַ יאָר צייט צו זעקס רובל אַ חודש.

און מיר איז דעמאָלט איינגעפאַלן צו מאַכן אַ חברה אינגלאַך, וואָס יעדערער זאָל געבן אַ פירער אַ וואָך, און מיר וועלן קויפן דעם סלאַוואוטער ש״ס פאַרן גרויסן בית־המדרש. דער מוכר־ספרים האָט אונז טאַקע געוויזן אַ מסכתּא — איז דאָס געווען אַ יופי!

די חברה איז נעגרינדעט געוואָרן, און יאָסעלע, דעם גבירס זון, איז געווען קאַסיר, איך — גבאי, און איבער יעדע צען אינגלאַך האָבן מיר געמאַכט איינעם פאַר אַ „רעסיאַטניק“, ער זאָל אויפקלויבן בײַ זיי אַלע וואָך די פירערס און אָפּגעבן יאָסעלען דאָס געלט. איינער האָט געפירט דעם בוך, און אַלע אינגלאַך האָבן פּינקטליך געצאָלט. דאָס געלט האָבן מיר דערנאָך אַוועקגעגעבן דעם מגידס זון, משה־אהרן, האָט ער עס שוין אַוועקגעשיקט קיין סלאַוואוטע און מיר האָבן בּאַלד בּאַקומען די מסכתּות, וועלכע מיר האָבן איינגעבונדן אין אַ שיינעם בונד. אַזוי האָבן מיר שוין געהאַט בּאַקומען זעקס כּרכים.

דאָס איז געווען די ערשטע חברה, וואָס איך האָב געגרינדעט אין מיין לעבן און, ווי איך זאָל נישט וועלן זיין בּאַשיידן און פאַרבּאָרגן, מוז איך דאָך מודה זיין, אַז אָהן מיר האָט זי לאַנג נישט געקאָנט עקסיסטירן. איך האָב נאָר בּאַדאַרפט קראַנק ווערן — און מיין חברה איז צעפאַלן געוואָרן. יאָסל מיט אברהמלען דעם שרייבער האָבן נישט געקאָנט פירן, און אין בּית־המדרש זיינען געבליבן די זעקס כּרכים אַלס זכר, מער האָבן מיר נישט אויסגעשריבן.

ישראל ווישניאַק, דער עלוי, וואָס האָט אונז אַלע אינגלאַך געשמיסן פאַר נישט קאָנען לערנען, ווי ער, איז אין לובּלין אין אַ פיר יאָר צייט געוואָרן אַ גרויסער מפורסם. ער האָט געלערנט בּאַם לובּלינער רב,

ר׳ הערשעלע, װעלכער האָט אין זײַן שאלות־תּשובות געשריבן: „תּלמידי הגאון ר׳ ישראל״, מײַן תּלמיד דער גאון ר׳ ישראל. „אַלט״ איז דער ר׳ ישראל געװען דעמאָלט צ װ ע ל ף יאָר, און ער האָט זיך געװאָלט מאַכן אַ רײַזע צו זײַן זײדן קײן קאַמעניץ, ר׳ זעליג אַנדראַרקעס.

פאָרנדיג מיט די בעלי־עגלות, איז ער אָפּגעשטינן אין אַלע גרויסע שטעט אױפן װעג צו די רבנים רײדן מיט זײ פון תּורה, אַװעקשטעלן זײ קשיות, אַז זײ זאָלן נ י ש ט װיסן, װ אָ ס צו ענטפערן.

ער איז אױך געװען אין בריסק באַם רב, ר׳ הערשעלע דער לעמבערגער, אױך אַ גרויסער גאון. און ישראל האָט אים דרײַ שעה אָפּגעהאַלטן אין תּורה; דער רב איז נתפּעל געװאָרן פון זײַנע חריפות. דערנאָך איז ישראל געקומען קײן קאַמעניץ, עס האָט געקאָכט אין שטאָט פון דעם קלײן גאונדל.

דעמאָלט האָט אים שוין נישט געפּאַסט צו רײדן מיט די קאַמעניצער פּראָסטע אײנגלאַך, ער האָט זיך אױסגעקליבן עטליכע פון די בעסערע, צװישן װעלכע איך בין אױך געװען. אָבער מיר האָבן פאַר אים גרויס דרך־ארץ געהאַט, עס איז געװען אַ גרויסע זכיה, אַז ער האָט מיט אונז גע־שטיפט. אין מיטן שטיפן זײַנען אָפט מאָל געקומען צו אים לומרים רײדן פון תּורה, און ער האָט זײ פאַרװאָרפן מיט קשיות אין גמרא, און זײ האָבן נישט געװאוסט, װאָס צו ענטפערן.

װי זײַן שטײגער איז געװען, האָט ער אױך באַזוכט דעם קאַמעניצער רב און אים געפרעגט אַ קשיא. דער רב האָט אים אַזױ גיך נישט געענטפערט, איז ער אַרױפגעקראָכן צום רב אױף די קני, אַ קלײנער איז ער געװען, האָט אָנגענומען דעם רבס גרויסע װײסע באָרד אין זײַנע בײדע הענטלאַך און, פירנדיג אַזױ די באָרד פון אױבן אַראָפּ, האָט ער זיך געזאָגט:

— אַ שײנער רב זענט איר, אַז אַ אײנגעלע פון צװעלף יאָר פרעגט אײַך אַ קשיא, און איר ק אָ נ ט נ י ש ט ענטפערן קײן תּירוץ...

דאָס איז באַלד באַװאוסט געװאָרן אין שטאָט, און ישראלס העזה קעגן דעם אַלטן רב, װאָס איז געװען אַ באַװאוסטער בקי אין ש״ס, האָט אױפגערעגט אַלע קאַמעניצער גרויסע לומדים. זײ האָבן זיך אױפגעקליבן בראש מיט ר׳ משה כּץ און ר׳ יאָסעלע, דעם קאַרלינער רבס ברודער, אַ גרויסער מופלג, און ר׳ לײב מאירס מיט אַן אָפּמאַך — שטעלן אים, ישראלן, עפּעס גאָר אַ גרויסע גמרא־קשיא, און אויב ער װעט זי באַלד נישט פאַרענטפערן, װעט מען אים אָפּשמײסן.

דאָס אָרט פאַרן עקזאַמען האָט מען געמאַכט דעם גרויסן בית־המדרש. מען האָט אים באַשטעלט, אַז ער זאָל קומען אױף מאָרגן, צװײ אַזײגער באַטאָג. דאָס געפיל פאַר באַרימען זיך איז באַ אים געװען זעהר שטאַרק אַנטװיקלט, און אױף אַזאַ קשיא איז ער געװען אַ גרויסער בעלן.

ישראל איז געווען באַ זיך שטאָלץ, אַז פאַר אים זיינען גלאַט קיין קשיות נישטאָ. ער קאָן שוין פאַרענטפערן די האַרבסטע קשיות. אָבער דאָך טיף אין האַרצן האָט ער עטוואָס מורא געהאַט — טאָמער וועט ער זיך פאַרפּלאָנטערן און וועט קרינגן גוט געשמיסן?..

אין אַזאַ מינוט איז ער געקומען צולויפן צו מיר און געבעטן, אַז איך זאָל קומען אים העלפן — נישט צו דערלאָזן אים שמייסן. געוויינליך, האָב איך זיך פון דעם נישט אָפּגעזאָגט און געבראַכט מיט זיך אין אַלטן בית־המדרש, איינס אַזיינער, אַכט געזונטע אינגלאַך...

געדיינק איך, ווי היינט, אַז אין בית־המדרש האָבן זיך צונויפגעקליבן אַלע קאַמעניצער לומדים, פּרושים און אַלע קעסט־בעלי־ביתלאַך, וואָס לערנען אין בית־המדרש. עס איז געווען אַ גרויסער עולם. און ישראל, דאָס קליינע אינגל, איז געשטאַנען מיט אונז באַזונדער. דערנאָך אָבער, אַז עס איז געקומען ר׳ משה כּץ און ר׳ יאָסעלע, האָט מען אים גענומען אויפן פאַרהער. זיי האָבן אויפגעמישט אַ גמרא אין פּסחים דף ס״ו, געדיינק איך, עמוד ב׳, האָבן אים געהייסן איבערקוקן דעם עמוד גמרא און די תּוספותן און פרעגן דערנאָך אַ קשיא. ישראל איז ·אַרויפגעקראָכן אינגאַנצן אויפן טיש און גענומען פירן מיט די קליינע·פינגער איבער דער גמרא פון אויבן אַראָפּ גאַנץ גיך, און דערנאָך די תּוספותן. עס האָט נישט געדויערט קיין פינף מינוט, און ער האָט געזאָגט די קשיא, די לומדים זיינען נבהל און נשתּומם געוואָרן פון דעם אינגל, און אָנשטאָט שמיץ האָט מען אים אָנגעהויבן קושן.

— אָבער ווי האָסטו אַזוי גיך איבערגעקוקט דעם גאַנצן עמוד גמרא מיט די תּוספותן, — האָט מען זיך געוואונדערט איבער אים.

— ווייזט מיר די שווערסטע שאלות־תּשובות, — האָט ער געענטפערט, — וועל איך אייך אויך אַזוי פירן מיט די פינגער איבערן עמוד און וועל אייך זאָגן באַלד אויף אויסווייניג. און אַז מען האָט אים געגעבן אַ פּני יהושע, האָט ער אויך אַזוי גיך מיט די פינגער געפירט איבער דעם עמוד און געזאָגט גלייך אויף אויסווייניג.

נאָכדעם האָט שוין די גאַנצע שטאָט פאַר אים מורא געהאַט, און זיין גאווה איז געווען אין לשער, ער האָט געהאַלטן אַלעמען פאַר פּראָסטע עמי־הארצים, וואָס האָבן אין זיך נישט די פייהיגקייט צו קענען עפּעס טיף און גוט.

אין קאַמעניץ איז ער אָפּגעווען עטליכע וואָכן, די גאַנצע צייט האָט מיט אים געקאָכט די שטאָט, אַלע האָבן נאָר גערעדט פון דעם אינגעלע ישראל, וואָס איז אַזאַ גאון!

רערנאָך איז ער אַהעקגעפאָרן צום פאָטער קיין לובלין און שוין אָנ־געהויבן לערנען קבלה. אַזוי ווי ש״ס און פוסקים איז בײַ אים שוין געווען אַ קלייניגקייט, האָט ער זיך גענומען צו קבלה און דאָס איז געווען זיין אומגליק. ווען ער וואָלט ווייטער לערנען ש״ס און פוסקים און שאלות־תשובות, ווי אַלע גאונים לערנען, וואָלט ער אפשר געווען דער צווייטער ווילנער גאון, אחד בדורו.

ליידער, האָט ער זיך צו פריה גענומען צו קבלה. אין אַ יאָר אַרום האָב איך באַקומען פון אים אַ קבלה־ספר, וואָס ער האָט פאַרפאַסט און געדרוקט צו זיין דרייצענטן יאָר. איך האָב גענומען לעזן דעם ספר און האָב נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט. פאַר מיר איז קבלה אינגאַנצן פרעמד געווען, און דאָס איז געווען אַ טיפּיש קבלה־ספרל.

אין סעמיאַטיטש, גראָדנער גובערניע, איז געווען דעמאָלט אַ גביר ר׳ דוד דער ברייטער. דעם נאָמען „ברייטער״ האָט ער באַקומען צוליב זיין ברייטער פירונג. ער האָט געלעבט ווי אַ פירשט. אים האָט זיך פאַר־וואָלט נעמען פאַר זיין טאָכטער אַ חתן, אַן עלוי. פון דעם עלוי ישראלן האָט ער געהערט, און ער האָט געשיקט אַ שדכן צו ישראלס פאָטער, ר׳ יוזל ווישניאַק, אַ איד אַ למדן און זעהר אַן אָנגענומענער מענש, אַז ער וויל נעמען זיין זון ישראלן פאַר אַן איידעם. ער גיט פינף טויזנט רובל נדן און צען יאָר קעסט.

ר׳ יוזל האָט זיך נאָכגעפרעגט און דער שידוך איז געשלאָסן געוואָרן. ר׳ דוד דער ברייטער האָט באַשטימט אַ טאָג אויף צו מאַכן די תנאים, און האָט פאַרבעטן פון גאַנץ ליטע די גרעסטע רבנים און גאונים צו קומען אויף די תנאים אויף זיינע הוצאות. איצט האָט ער טאַקע אַרויסגעוויזן זיין גאַנצע ברייטקייט: ער האָט געוואָלט, אַז אַלע רבנים זאָלן וויסן, וואָס פאַר אַן איידעם ער נעמט.

אויף די תנאים זיינען געקומען בײַ אַ פּאָר מנינים גרויסע רבנים, און ישראל, דער חתן, האָט גערעדט מיט די רבנים פון אַזוינע גרויסע פלפולים, אַז זיי זיינען ערשטוינט געוואָרן פון זיין גאונישן קאָפּ. זיי זיינען געווען איבער גליקליך, וואָס זיי איז באַשערט צו הערן פון אַ פערצען־יאָריג אינגל אַזאַ חריפות. די תנאים זיינען אַראָפּ פירשטליך און צו ר׳ דוד דעם ברייטנס שמחה איז קיין גלייכן נישט געווען.

די כלה איז נאָך אויך געווען זעהר יונג, אויך אַ יאָר פערצען, האָט ר׳ דוד געבעטן אָפּלייגן די חתונה אויף צוויי יאָר. אים האָט זיך נאָך געוואָלט „אַריינכאַפּן״ דעם גרויסן עלוי, אָבער איצט קאָן ער שוין וואַרטן. פאַר זעכצען יאָר האָט ער נישט געוואָלט חתונה מאַכן די טאָכטער.

דערווייל האָט זיך אונטערגערוקט דער פּוילישער אויפשטאַנד. אין סעמיאַטיטש זיינען אַריינגעטראָטן פּאַלאַקן צו פאַרנעמען די שטאָט. באַלד איז אָנגעקומען דאָס רוסישע מיליטער, עס איז געוואָרן אַ שיסעריי, אין וועלכער עס איז דערהרגעט געוואָרן דוד דער ברייטער. זיין גאַנץ פאַר־מעגן מיט די אַלע געשעפטן, וועלכע ער האָט געהאַט מיט די פּריצים, זיינען כמעט פאַרפאַלן געוואָרן אין דעם אויפשטאַנד. אינגאַנצן איז גע־בליבן באַ אַ דרייסיג טויזנט רובל געלט. זיינען אָבער געווען אַ סך קינדער, זין און טעכטער, וואָס דאָס געלט האָט צווישן זיי באַדאַרפט פאַרטיילט ווערן. די יורשים האָבן חתונה געמאַכט די שוועסטער, געגעבן פינף טויזנט רובל נדן, שוין אָהן קעסט.

ישראל האָט חתונה געהאַט און איז אַרויסגעפאָרן וואוינען אין בילסק, אַן אויעזדנע שטאָט, גראָדנער גובערניע, נעבן זיין פעטער ר׳ לייזשע ווישניאַק, וואָס איז געווען אַ גביר און אַ גרויסער למדן.

ער, ישראל, האָט גאָר נישט געקלערט פון קיין געשעפט מאַכן, און אַפילו נישט אַוועקגעגעבן זיין געלט אויף צינזן. ער האָט נאָר געדונגען אַ גרויסע דירה, האָט געביטן דעם רובל און געגעסן. ער האָט גאָרנישט געקלערט, אַז דאָס געלט וועט דאָך סוף כל סוף אויסגיין.

דערוויל האָט ער אָנגעהויבן צו פירן אַ שטאָט פון אַ רבי, צו אים זיינען געקומען לומדישע יונגע־לייט הערן זיין תורה, זיינע שאַרפע פשטלאַך, און ער איז געוואָרן פאַרהיילינט אין שטאָט. אַפילו זיין פעטער ר׳ לייזשע האָט אים אויך גערופן רבי.

וואָס אַ טאָג — איז ער אַלץ מער מפורסם געוואָרן פאַר אַ גאון, פאַר אַ צדיק און אַ בעל־קבלה. ער האָט אַנטדעקט אַ נייעם דרך אין קבלה און האָט געוואָלט גרינדן אַ ישיבה אויף צו לערנען קבלה. טאָג און נאַכט איז באַ אים געווען פול די שטוב מיט לומדים, יונגעלייט זיינען „געשטאַנען אויף די קעפּ“ צו הערן זיין תורה מיט זיין קבלה.

און געלעבט האָט ער אַלץ פון גרייטן רובל. דאָס ווייב האָט אַפילו אָנ־געהויבן צו דאגהן, אַז געלט ווערט אַלץ ווייניגער און וואָס וועט זיין דערנאָך, אָבער ער איז געוואָרן אַ קדוש און מיט אים איז געווען שווער צו רייִדן אַ וואָרט. ער האָט גאָר פון קיין וואָכעדיגע זאַכן נישט געוואָלט רייִדן, און אַמאָל פלעגט זי וויינען באַ זיך אין צימער.

ער איז שוין געוואָרן אַזוי אַריינגעטאָן אין זיין קבלה, אַז ער האָט אָנגעהויבן טראָגן אויפן קאָפּ צוועלף פאָר תפילין, כדי יוצא זיין לכל הדעות. ער האָט געמאַכט קליינע תפילימלאַך און האָט אַרויפ־גערוקט אַלע צוועלף פאָר תפילין אויפן קאָפּ און אַזוי איז ער געגאַנגען

איבערן נאַס. און יונגע־לייט זיינען אים נאָכגעגאַנגען און געהיט, אַז מען זאָל פון אים נישט לאַכן.

אין שטאָט, ווי געזאָגט, איז ער געוואָרן זעהר פאַרהייליגט. מען האָט אָנגעהויבן גיין צו אים, אַזוי ווי צו אַ רבי, בעטן זיין ברכה, אָבער אַזעלכן האָט ער אַרויסגעטריבן און האָט גאָרנישט געוואָלט ענטפערן.

און פון טאָג צו טאָג איז פוסטער געוואָרן אין קעשענע. צוליב דעם איז באַ אים אַוועק אַ שלעכט לעבן מיט דעם ווייב. באַלד איז שוין נישט געווען מיט וואָס צו לעבן, און זי האָט זיך נישט געקאָנט צוזאַמענ־רייען מיט אים. ער האָט גאָרנישט געוואָלט הערן פון אַזעלכע זאַכן און, אַז זי האָט אָנגעהויבן שטרייגער, האָט ער זי אָנגערופן:

— חצופה!

און ער האָט געשיקט רופן דעם רב צו שרייבן אַ גט. דאָס ווייבל האָט געוויינט, און באַם נעמען דעם גט האָט זי געחלשט. נאָכדעם איז זי אַוועקגעפאָרן קיין סעמיאַטיטש צו אירע ברידער, און וואָס איז מיט איר געוואָרן, ווייס איך נישט.

ישראל איז דערנאָך צעבראָכן געוואָרן. ער האָט זיך נישט געקאָנט אויסקירעווען: קיין רבנות נישט, קיין רבי נישט, קיין סוחר נישט, קיין געשעפטן נישט, טאָ וואָס דען?

און ער האָט אָנגעהויבן אַריינפאַלן אין אַ מורה־שחורה. פון אַ סך קלערן איז באַ אים פאַרבליבן, אַז ער וועט זיך נאָר אָנהויבן צו צוגרייטן אין אוניווערסיטעט, ווערן אַ פּראָפעסאָר, וואָרום באַ אים איז דאָס אַ קלייניגקייט. אין איין יאָר מאַכט ער דורך אַלע קלאַסן פון אַ מיטל־שול.

ער האָט געקויפט אַ רוסישן ווערטער־בוך, און בוכשטעבליך אין איין חודש האָט ער שוין געקאָנט אַלע רוסישע ווערטער אויף אויסווייניג.

דער פעטער זיינער, ר׳ לייזשע, האָט געזעהן, אַז ישראל האָט זיך גענומען נאָר אויף אַ געפערליכן דרך, האָט ער טעלעגראַפירט צום פאָטער. דער פאָטער איז געקומען און האָט אים צוגענומען, אַ פאַרמאַטערטן און צעטומעלטן, צו זיך אין לובלין, אַוועקגעפירט אים צום רבין, ר׳ לייבעלע אייגער, און האָט אים געמאַכט פאַר אַ חסיד. דער רבי, ר׳ לייבעלע, האָט זיך מיט אים געפרייט, און ישראל איז געוואָרן אַ חסיד.

איצט האָט ער זיך איבערגעגעבן איינגאַנצן צו חסידות, האָט פון דאָסניי חתונה געהאַט. דאָס ווייב האָט געמאַכט אַ קראָם, מען האָט אָנגעהויבן לעבן פשוט, ווי אַלע אידן, און אָט אַזוי איז געוואָרן פון אַ גאוניש איגגל אַן איינפאַכער איד.

# קאַפּיטל XVII

**די ווייטערדיגע מלמדים. — ר׳ אפרים דער מלמד. — זיינע ״נייע״ מעשיות. — אמאָליגע מלבושים. — די אַרויסגעטריבענע רבנים. — אונזער ליבע צום רבין.**

פון בינוש־לייבן דעם מלמד, בּאַ וועמען איך בין כמעט געשטאַנען אויף איין אָרט, בין איך אַריין צו דוד דעם בּלינדן. ער איז געווען בּלינד אויף איין אויג. דאָס איז געווען דער צווייטער רוצח פון דוד מיט די קאָלטענעס.

בּאַ אים האָב איך געלערנט דריי זמנים און געהאַט אַ גרויסע פּעולה אין לערנען. ער איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער פּועל. זיין לערנען איז געווען „גרונטאָווגע״. און איך בין אַרויס פון אים מיט אַ נאָמען פון אַ גוטן לערנער. פון אים בין איך אַריין צו מיין פעטער ר׳ אפרים, אַ גרויסער מופלג און אַ חכם און האָט געשריבּן העבּרעאיש זעלטן גוט.

ער האָט נישט געהאַט קיין גליק אין געשעפטן, האָט נישט געטויגט צו די פּריצים, ווייל ער האָט נישט געקאָנט זיי חנפענען און איז, נעבעך, געווען אָרים. דער זיידע אהרן־לייזער האָט אים געשטיצט, אָבער וואָס קאָן מען זיך דערלעבּן פון אַ מענשנס גאָבּ? דערצו האָט ער געהאַט פינף דערוואַקסענע טעכטער און האָט געמוזט ווערן, ווי אַלע קבצנים, אַ מלמד. ער איז אָבער געווען פון די בּעסטע מלמדים. מיר האָבן געלערנט בּאַ אים זאַלבּעפירט און האָבן זיך גערעכנט פון די בּעסטע אין שטאָט.

בּאַ אים האָב איך געלערנט צוויי זמנים די גמרא „חולין״ מיט תוספות, מיט מהרש״א און אַלע מפרשים און אויך פּוסקים — מגן־אבֿרהם מיטן שיטה־מקובצת.

פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין לערנען אין די חדרים, האָב איך אין ערגעץ נישט געהאַט אַזאַ הנאה, ווי בּאַם פעטער. ערשטנס, האָט

ער מיט אונז געלערנט פאַרשטענדליך גמרא און געגעבן אונז גוט צו פאַרשטיין מיט געלאַסנקייט, מיט ווייכע גוטע רייד, בעת מיר האָבן אָפט מאָל בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין דעם גרויסן פּלפּול אין די שיטות און האָט אונז נישט באַוויזן קיין סימן פון כּעס. ער האָט זיך געסטאַרעט אונז געבן צו פאַרשטיין דורך קלאָרע רייד, פאַרגלייכונגען און משלים.

און עס איז געווען וואונדערליך זיס און אַנגענעם צו לערנען מיט אים. און אַז מען האָט זיך גוט אָנגעהאָרעוועט באַם לערנען די גמרא מיט די פּוסקים, פלעגן מיר אָפּרוהען, און ער האָט מיט אונז פאַרבראַכט אין וועלט־זאַכן. ער איז געווען זעהר אַן אָנגעלייענטער און האָט געהאַט אַ ידיעה אין חכמת הטבע, ער האָט אויך אַמאָל געלעזן אַ רוסיש בוך, נאָר אין רוסיש פלעגט אים דאָס ווייב, וואָס איז געווען, זאָל זי מיר מוחל זיין, זעהר אַ נאַרעשע אירענע, שטערן.

ער האָט אייגנטליך פאַר איר גאָר קיין מורא נישט געהאַט, נאָר ער האָט מורא געהאַט פאַר איר נאַרישקייט. אַז זי האָט דערזעהן באַ איר מאַן ר׳ אפרים עפּעס אַ זאַך, וואָס איז איר נישט געווען געפעלן, פלעגט זי באַלד איבערדערציילן פאַר דער גאַנצער פאַמיליע און פאַר אַלע ווייבער. און אַזוי ווי דעמאָלט איז געווען אַ פאַרברעך צו לעזן אַ רוסיש בוך, פלעגט ער זיך אָפּהאַלטן דערפון.

אָבער װ ע ר ל י נ ג זיין צייט, האָט ער געוואוסט אַ סך, און אָט באַם אָפּרוהען פון דער גמרא, פלעגט ער אונז געבן צו ערקלערן פאַרשיידענע וויסנשאַפטליכע זאַכן און פלעגט אונז אָפּט דערציילן מעשיות פון די פאַרצייטינע דורות, נאָר אַלץ אמתע, רעאַלע מעשיות.

געהאַט האָט ער אַ זמן ניינציג רובל פון פיר תּלמידים: צוויי האָבן געצאָלט צו צוואַנציג רובל און פאַר מיר מיט ישראלן פופציג רובל. געוויינליך, איז ער נעבעך געווען אַ גרויסער אָרימאַן און ער פלעגט זיך פאַר אונז קלאָגן אויף דעם היינטיגן יקרות און דערמאָנען מיט התפּעלות זיינע אינגלשע יאָרן, בעת עס האָט געקאָסט זעקס רובל אַן אָקס, דריי רובל אַ בהמה, אַכצען גראָשן אַ גאַנז, זעקס — אַכט גראָשן אַ הון, אַ גראָשן — פינף אייער, זעקס גראָשן אַ פונט פוטער און צוויי גראָשן אַ טאָפּ מילך... דעמאָלט האָט זיך יערער איד, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ פּאָר קאָפּיקעס, געמאַכט זיך אַ קליין ברויזעלע פון בראָנפן מיט עטליכע בהמות אויף בריע, און עס איז געווען מילך כּאָטש צו באָדן זיך.

און מלבושים זיינען אַמאָל געווען פון אַזעלכע שטאַרקע שטאָפן, אַז אַ מלבוש איז איבערגעגאַנגען בירושה אויף קינדס־קינדער. עס איז געווען אַ סאָרט, וואָס האָט געהייסן רענן־קאַמנעט, איז דאָס געווען שטאַרק ווי שטאָל, און גראָב און האַרט, כמעט ווי אַ בלעך. אַז מען איז געגאַנגען אין אַ רענן־קאַמנעטענע קאַפּאָטע אָדער אויבער־מלבוש, האָט געקנאַקט יעדער קנייטש פון אים, און פאַר אַ מייל האָט מען געהערט, אַז אַ מענש גייט.

דער רענן־קאַמנעט איז געווען פון פאַרשיידענע קאָלירן און פאַרשיידענע פּרייזן; דאָס ביליגסטע איז געווען פאַרצייטנס זעכציק קאָפּיקעס אַן איל. די שטאַרקייט איז געווען די אייגענע; קיין מענש האָט נישט געקאָנט צערייסן דעם מלבוש. אפשר אין אַ פופציק יאָר אַרום איז דאָס עטוואָס קאַליע געוואָרן, אָפּגעקראָכן, האָט דאָס געירשנט אַ זון, און עס איז געווען אַ יחוס צו טראָגן אַן אָפּגעבלאַקירטע קאַפּאָטע, אַלס זכר פונם געשטאָרבענעם. דערנאָך, אין אַ עטליכע צענדליג יאָר אַרום, איז דאָס שוין געוואָרן שטאַרק אָפּגעקראָכן, האָט מען דאָס שוין צוגענוצט צו וואָכעדיגע אַרבעטן און צו שלעכטע וועטערן. אָבער צעריסן און צעהאַקט איז דאָס קיינמאָל נישט געוואָרן.

איך געדיינק נאָך די רענן־קאַמנעטענע קאַפּאָטעס, וואָס די עלטערע אידן האָבן געטראָגן. איך אַליין האָב געטראָגן אַ רענן־קאַמנעטענע קאַפּאָטע, בעת איך בין אַלט געווען אַ יאָר אַכט. מען האָט עס מיר איבערגענייט פון דעם זיידנס אַ קאַפּאָטע, וואָס ער האָט דאָס אויך געירשנט פון זיין פאָטער.

אויך איז געווען אַ שטאָף מיטן נאָמען „לאַסט“. היינט רופט מען עס „האַלב־לאַסט“, אָבער דער היינטיגער איז גאָר נישט ענליך צו יענעם. לאַסט האָבן שוין געטראָגן נבירישע מאַנסלייט. דאָס זיינען געווען די שטאָפן פאַר מאַנסבלען: פיר מינים רענן־קאַמנעט, צוויי מינים לאַסט, דריי מינים סאַמעט, פיר מינים אַטלעס און עטליכע מינים זיידנס.

די ווייבער האָבן געטראָגן ציץ צו זיבן, אַכט קאָפּיקעס אַן איל און וואָל אַמהעכסטן — דרייסיג קאָפּיקעס אַן איל. וואָל האָבן שוין געטראָגן די רייכערע.

פון פוטערוואַרג האָט מען געטראָגן די טייערסטע פיזעם, פיי, שורקעס און באָבער. די ווייבער האָבן געטראָגן פיקס, סייבל און מאַרדער.

די צירונג איז באַשטאַנען בלויז פון פערל. כמעט די געמיינסטע האָבן געטראָגן פערל אויפן האַלז פאַר אַ וואָסערע דרייסיג רובל. געטראָגן

האָט מען אויך פינגערלאַך און אַ גאָלדענע בראָשקע אַזוי גרויס, ווי אַ רובל, אָנגעטאָן אויפן האַלז.

מיין פעטער, דער רבי, פלעגט אונז דערציילן מעשיות פון אונזערע גאונים, אָבער נישט קיין גוזמאות און נישט קיין אומנאַטירליכע זאַכן, נאָר אַלץ מעשיות פאַקטישע, קלאָרע און נאַטירליכע. ער האָט געוואוסט, וויפיל שכירות האָבן געגומען אַמאָליגע רבנים און די גרויסע גאונים. דאָס איז געווען עפּעס ביז אַכציג גראָשן אַ וואָך. אַזוי פיל פלעגט נעמען אַ מינסקער רב און אַזוי דער ווילנער גאון, און אַז מען האָט געהעכערט דעם רבס שכירות, איז עס געווען צען גראָשן אויף דער וואָך.

אויך האָט ער דערציילט, ווי די פּרנסי־חדשים האָבן געוועלטיגט אויף די רבנים, און עס פלעגט טרעפן, אַז מען האָט דעם גרעסטן גאון אַרויסגעטריבן פון אַ שטאָט, וואו ער איז געווען רב, פאַר אַ מינדסטער קלייניגקייט. פשוט דער פּרנס־חודש האָט גערופן די דערלפירער, די פּני־העיר און פאָרגעלעגט באַשטראָפן דעם רב. אַמאָל האָט מען געפּסקענט, אַז מען דאַרף אים אַ ר ו י ס ט ר ײ ב ן, און מען האָט אים אַ ר ו י ס ג ע ט ר י ב ן.

אין מינסק, צום ביישפּיל, האָט מען אַרויסגעטריבן דעם שאגת־אריה. ער איז געווען כמעט דער גרעסטער גאון באַ אידן נאָך דעם ווילנער גאון. מען האָט אים אַרויסגעטריבן זומער, פרייטאָג צוועלף אַזייגער, מיט גרויס שאַנד. דהיינו, מען האָט איינגעשפּאַנט אַ פּאָר אָקסן אין אַ וואָגן און מען האָט אים אַזוי אַרויסגעפירט פון שטאָט. דערציילט דער פעטער, אַז אַ אידענע איז אַרויסגעגאַנגען אונטערן שטאָט, צום רב, און אים געבראַכט דריי חלות אויף שבת. האָט ער זי געפרעגט, צי איר מאַן וויים פון די חלות, זאָגט זי:

— ניין.

זאָגט ער:

— טאָר איך נישט נעמען.

מען האָט אים דערוויייל צוגעפירט צו אַ אידישער קרעטשמע; דער אַרויסגעטריבענער רב האָט נישט געוואָלט, אַז דער ישובניק זאָל וויסן, אַז ער איז מינסקער רב. די ענערגישע אידענע אָבער איז געלאָפן צו־פוס אין דאָרף אַריין און אָנגעזאָגט, אַז דאָס איז אונזער רב, דער גרויסער גאון, און דער פּרנס־חודש, ימח שמו, האָט אים אַרויסגעטריבן.

אין בריסק האָט מען אַרויסגעטריבן דעם גאון, וואָס האָט געמאַכט אויף ש״ס דעם גרויסן פּירוש, מיטן נאָמען דער ב״ח. ער איז געווען דאָרט רב. איז געווען איינמאָל אַ מעשה. שבת צו נאַכטס זיינען געזעסן

דער פּרנס־חודש מיט די פּני־העיר אין קהל־שטוב אויף אַן אספה, איז אויסגעגאַנגען דאָס ליכט צוועלף אַזייגער בּאַנאַכט, און מען האָט נישט געקאָנט קריגן קיין פייער אין גאַנץ בּריסק. מען איז שוין אומעטום געשלאָפן. האָט דער פּרנס־חודש געזאָגט די שמשים, מען זאָל גייץ צום רב און דאָרט אָנצינדן אַ ליכט אין לאַמטערנע און בּריינגען. זיינען זיי געקומען צום רב. אָבּער ווי פאַרוואונדערט זיינען זיי געוואָרן, אַז בּאַם רב איז אויך געווען פינסטער. ער איז שוין אויך געשלאָפן. האָבּן זיי דערציילט די מעשה אויף דער אספה, איז געבּליבּן בּאַם פּרנס־חודש מיט די פּני־העיר, אַז אַ רב קאָן צוועלף אַזייגער בּאַנאַכט ש ל אָ פ ן, דאַרף מען אים אַ ר ו י ס־ ט ר ײ בּ ן, און מען האָט אים אַ ר ו י ס ג ע ט ר י בּ ן פון בּריסק.

---

# קאַפּיטל XVIII

**מיין „רבי“ ר׳ יצחק־אשר. — אונזער „לערנען“. — מיין ערשטע רעוואָלוציע. — עס וואקסט מיין נאָמען אין שטאָט. — דער פינאַל.**

געווען אין קאַמעניץ אַ צרהרינגער חסיד, אַ קבצן און אַ מוראדיגער פּרוסאַק. טון האָט ער גאָרנישט געטאָן. האָט אים דאָס ווייב נישט געלאָזט לעבן, ער זאָל ווערן, וואָס אַלע שלימזלניקעס ווערן — אַ מלמד. און אַז ער האָט עס דערציילט מיין טאַטן, איז מיין טאַטן בעת מעשה איינגעפאַלן אין קאָפּ אַריין, אַז יצחק־אשר קאָן זיין פאַר זיין חצקלען אַ גוטער מלמד. צי חצקל וועט זיך בּאַ אים עפּעס אויסלערנען, איז אַ ספק, אָבער דערפאַר וועט חצקל בּאַ אים ווערן אַ גרויסער חסיד, ווייל איך, כאָטש איך בּין געווען אין האַרצן אַ חסיד, האָב איך ראָך „ליב געהאַט עולם הזה“, ווי רער טאַטע פלעגט זאָגן. איך פלעג זיך שטענריג געפינען בּאַם זיירן, וואו איך האָב אָפטער נעגעסן שבת און יום־טוב. אַזוי האָב איך שוין אויך גערעדט מיטן זיירן בּאַם פעטער מרדכי־ליבן, און צען אַזיינער זיינען מיר שוין געווען אָפּגעראַוונט.

בּאַם זיירן האָט נישט לאַנג גערויערט ראָס עסן, און אַרום צוועלף אַזיינער איז דער טאַטע געקומען אַהיים פון שטיבל, בין איך ווידער געגאַנגען אַהיים עסן. וואו עס איז מיר געווען בעסער, ראָרט בּין איך געווען. דערפאַר האָט מיך דער טאַטע שטענריג גערופן „בעל עולם־הזהניק“, און ער האָט חרטה געהאַט, וואָס ער האָט מיך אָפּגעגעבן לערנען צום פעטער ר׳ אפרים, וואָס איז געווען אַ מתנגד, און נאָך אַ „פילאָזאָף“, ווי מען האָט אים געהאַלטן. איז ער ראָך אַוראַי אַ פאַר־בּאָרגענער אַפּיקורס. אויך האָט ער איינגעזעהן, אַז איך האָב אָנגעהויבן צו פיל צו וויסן, עפּעס הייס איך שוין פון וועלט־זאַכן; און רער טאַטע האָט שטאַרק מורא געהאַט, אַז איך זאָל נישט ווערן, חלילה, בּאַם פעטער אַן אַפּיקורס.

ער וואָלט מיך געוויס אָפּגענומען פון פעטער, ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר זיין טאַטן אהרן־לייזערן. און אַזוי האָט ער געזוכט עפּעס אַ געלעגנ־הייט, אַז ער זאָל מיך קאָנען אָפּנעמען פון חדר, און דער זיידע זאָל נישט האָבן טאַגענן.

נאָר אַז עס האָט זיך אונטערגערוקט יצחק־אשר, האָט ער שוין אין אַלע געלעגנהייטן פאַרגעסן, און ער איז גאָר געווען אַנטציקט פון דעם, וואָס באַ דעם מלמד וועל איך ערשט ווערן אַ רעכטער חסיד. און צו־זאַמען מיט נאָך אַ אידן אַ חסיד האָט ער גענומען יצחק־אשרן פאַר אַ מלמד. פאַר צוויי אינגלאַך: פאַר מיר און פאַר מרדכי שמואל־שלומס האָט מען אים באַשטימט פופציג רובל אַ זמן. און לערנען זאָל ער אין ר׳ הערשעלעס בית־המדרש, אויפן שול־הויף. דאָרט לערנט קיינער נישט דעם גאַנצן טאָג, נישט קיין פרוש און נישט קיין ישיבה־בחור, עס איז שטיל, וועט מען קאָנען האָבן אַ פּעולה.

דעם אייגענעם ברודער זיינעם, מיין חבר ישראלן, האָט דער טאַטע נישט אָפּגענומען פון אפרימען.

אויף מאָרגן, נאָך סוכות, אַזייגער ניין אין דערפריה, בין איך געקומען אין ר׳ הערשעלעס שטיבל לערנען מיטן נייעם מלמד: דאָס איז געווען די צייט, ווען מען גייט אין אַלע חדרים.

דער רבי איז נאָך נישט געווען, און איך מיטן חבר האָבן געוואַרט. אַזייגער עלף איז ער געקומען פון מקוה און גענומען דאַווענען, טופנדיג מיט די פיס איבער דער פאָרלאָגע און קלאַפּנדיג מיט די הענט אָן וואַנט, ווי זיין שטייגער איז געווען אין דאַווענען. אַזוי האָט ער אַ גאַנצע שעה צעזעצט די פאָרלאָגע מיט די ווענט, צעריסן דעם גאָרגל שרייענדיג, און נאָכדעם, אַרום האַלב איינס, האָט ער גענומען לערנען מיט אונז די מסכתא קדושין. עסן פרישטיק עסט ער נישט, ווייל פאַרטאָג עסט ער ערשט די וועטשערע.

מיר האָבן אָנגעהויבן לערנען די גמרא, וואָס איז אונז געווען באַקאַנט נאָך פון פריהער. מיר לערנען אָפּ אַ גאַנצע בלאַט גמרא, און ער קוקט זיך אַזוי פאַר זיך — צי ער הערט, צי ער טראַכט עפּעס פאַר זיך, ווייסן מיר נישט.

אַז מיר האָבן זיך שוין גענומען צום תוספות, איז ער שוין נישט אַזוי נייטראַל געזעסן און האָט אַליין אַריינגעקוקט אין די קליינע אותיותלאַך. דער תוספות איז אונז אויך געווען באַקאַנט, און ער, אַריינקוקנדיג אין אים, האָט געשעפּטשעט פאַר זיך און האָט אים, קענטיג, נישט פאַרשטאַנען. זיצט ער אַזוי אונטערגעשפּאַרט מיט ביידע הענט זיין קליין קעפּעלע מיטן שמאָלישטקן שטערנדל און שעפּטשעט פאַר זיך דעם

תּוספות. אָבער מיר פילן, אַז ער פאַרשטייט נישט, און ער קלערט אַלץ, און רעדט נאָך אַמאָל איבער פאַר זיך, און קלערט אַ האַלבע שעה, ביז עס ווערט אונז נמאס און מאוס צו זיצן, זאָגן מיר:

— רבי, מיר ווילן אייך זאָגן דעם תּוספות, עס איז זעהר אַ גרינגער תּוספות.

טוט ער אַ געשריי:

— בײַ אייך איז אַלץ גרינג, בײַ מיר אָבער איז אַלץ שווער!

און קלערט ווייטער.

האָבן מיר זיך דערווייל אַרויסגערוקט און אַוועקגעגאַנגען אין גרויסן בית־המדרש.

אין בית־המדרש האָבן מיר זיך פאַררעדט מיט די בחורים, און אַז מיר האָבן אַ קוק געטאָן אויפן זייגער, האָבן מיר געזעהן, אַז עס איז שוין אַוועק אַ שעה צייט.

כאָטש מיר האָבן פאַר דעם שלימזול, דעם רבי, באמת קיין מורא נישט געהאַט, נאָר כּדי ער זאָל נישט דערציילן דעם טאַטן, אַז מיר גייען אַוועק פון מיטן לערנען אין בית־המדרש, האָבן מיר זיך דאָך צוגעאיילט און אַוועק אין שטיבל לערנען.

מיר קומען אַריין אין שטיבל, זעהען מיר, ווי ער זיצט נאָך אַלץ אָנגעשפּאַרט דאָס קליינע קעפּל אויף זיינע ביידע הענט און איז טיף פאַר־טראַכט. זיינען מיר אַוועקגעגאַנגען אַהיים עסן מיטאָג, און אַז מיר זיינען געקומען צוריק, האָבן מיר אים ווידער געטראָפן אין דערזעלבער פּאָזע. איצט האָבן מיר שוין איבערגעשלאָגן זיין קלערן און געפרעגט:

— וואָס קלערט דער רבי אַזוי לאַנג? מיר ווייסן דאָך שוין פון לאַנג דעם תּוספות, מיר האָבן דאָך אים געלערנט!..

ווי עס ווייזט אויס, האָט ער נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען, נאָר ער האָט זיך, אַפּנים, געשעמט און געמאַכט אַ שווייג. דערווייל האָבן מיר אָפּגעלערנט נאָך אַ פּאָר תּוספות, און ער האָט שוין געשוויגן. נאָר עס איז געוואָרן מנחה צייט, און ער האָט זיך גענומען גרייטן צום דאַווענען מיט זיינע איינגאַרטיגע הכנות...

און מיר זיינען זיך ווידער אַוועקגעגאַנגען אין בית־המדרש אַריין און אַרומגעשטיפּט דאָרטן מיט אַלע איינגלאַך און חברים. יצחק־אשר האָט אויס־גערערט מיטן טאַטן, ער זאָל לערנען מיט אונז נאָר ביז מנחה, נישט אַזוי ווי אין אַלע חדרים ווינטער, ביז ניין אַזייגער אָוונט. האָבן מיר איבער־געקערט דעם בית־המדרש, געלערנט עטוואָס די מאָרגנדיגע גמרא מיט אַ פּאָר תּוספותן, און וואָס מיר האָבן נישט געוואוסט, האָבן מיר גע־פרעגט בײַ די פּרושים.

אויף מאָרגן, אַז מיר האָבן פון ראָס ניי אָנגעהויבן לערנען, האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט ווי נעכטן און גענומען קלערן דעם תּוספות. זיינען מיר שוין אַוועקגעגאַנגען אויף גאַנצע דריי שעה און געקומען אַקוראַט אַ האַלבע שעה פאַר זיין מנחה־דאַוונען... האָבן מיר אים ווידער איבער־געזאָגט דעם תּוספות, און ער האָט געמאַכט אַ שוויג. אָט אַזוי האָט מען זיך געפירט דעם גאַנצן ווינטער.

דערווייל בין איך געוואָרן אַ תּושב אין גרויסן בית־המדרש און זיך באַקאַנט מיט אַלע ישיבה־בחורים און פּרושים און די יונגערע בעלי־ביתלאַך. איך האָב געפירט מיט זיי וכּוחים און גערעדט פון פאַרשיידענע זאַכן און פון נישט האָבן וואָס צו טון, האָב איך געמאַכט אַ שטיקל „רעוואָלוציע". די מעשה איז אַזוי געווען.

אין בית־המדרש, ווי איך האָב שוין געשריבן, זיינען אַלע ש"סן געווען צעריסן, און שבתי־הירש, אַן אַלטער מאַן, וואָס איז שוין געווען גבאי אַ יאָר דרייסיג, האָט די גוטע ש"סן געהאַלטן פאַרשלאָסן אין שטיבל מיט די אייזערנע גראַטעס אויף די פענסטער און מיט דער אייזערנער טיר, וואָס דאָרט פלעגט מען מיט עטליכע יאָר צוריק אַריינזעצן די רעקרוטן. דערנאָך האָט מען אַזאַ מין אַרעסט־הויז פאַר זיי געמאַכט נישט אויפן שול־הויף, וואו אַלע מענשן זאָלן הערן די געוויינען מיט די געשרייען, נאָר נעבן אַסעסער. אָט דאָרטן, אין אָט דעם שטיבל, האָט שבתי־הירש באַהאַלטן די בעסטע ש"סן מיט די בעסטע ספרים, און אין בית־המדרש האָט ער איבערגעלאָזן די צעריסענע. און אַז איך האָב געבעטן, ער זאָל אַרויסנעמען אונזער סלאַוואוטער ש"ס און אַרויסגעבן אונז אין בית־המדרש, האָט ער אָפּגעזאָגט.

האָב איך אים געטאָן אַ קליינינקייט: איך האָב אונטערגעהעצט די אַלע פּרושים, ישיבה־בחורים און בעלי־ביתלאַך, וואָס עסן קעסט, אַז זיי זאָלן פ אָ ר ע ר ן באַ שבתי־הירשן די אַלע גוטע ש"סן מיט די ספרים. פאַרוואָס גיט ער אונז די צעריסענע? מיר קאָנען נישט לערנען, עס איז אַלץ צעריסן!

— דאָרט, אין קעמערל, האַלט מען, אַפּנים, פאַר די מייז די גוטע ספרים! — האָב איך געשריען.

— קיין אַנדער עצה איז נישטאָ צו אים, — האָב איך געהעצט — ווי נאָר מיר אַלע לערנערס זאָלן זיך אַריבערציהען אין אַן אַנדער בית־המדרש. אין נייעם בית־המדרש קאָן מען נישט — שבתי־הירשס זון איז דאָרט גבאי, לאָמיר זיך אַריבערציהען אין אַראָלינער בית־המדרש. דאָרט איז גבאי ר' משה־ראובן, וועט באַ אים זיין אַ גרויסע שמחה, וואָס אין זיין בית־המדרש וועט מען זיצן און לערנען! טאָמער וועט צו־

פעלן ש״סן, וועט ער שוין נישט רוהען, ער וועט אָנלייען אין דער גאַנצער שטאָט און וועט אונז געבן, וואָס מיר דאַרפן.

אויף די אַלע אַגיטאַציעס האָב איך געהאַט צייט. וואָרום מיין רבי, יצחק־אשר, האָט נאָר געטאָן און געקנייטשט דעם שטערן איבערן תּוספות און וועט אים שוין מסתּמא קיינמאָל נישט אויסקנייטשן, ביז איך וועל נישט קומען און וועל אים נישט זאָגן דעם פּשט פון תּוספות. אַ פיינער רבי!..

בין איך מיר אַוועקגעגאַנגען צו ר׳ משה־ראובנען און אים דערציילט די גאַנצע מעשה. אַזוי און אַזוי, מען גיט אונז צעריסענע ש״סן, ווילן מיר איבערגיין צו אייך. עס איז אַפילו ווייטליך צו גיין, אָבער דערפאַר זיינען דאָ בּאַ אייך גוטע גמרות און וואָס עס וועט אויספעלן, וועט איר אונז מסתּמא שאַפן.

ר׳ משה־ראובן האָט זיך דערפרייט מיט אַזאַ גוטער בּשורה און האָט געזאָגט, אַז די שטאָט וועט מסתּמא נישט לאָזן דעם גרויסן בית־המדרש בּלייבן אָהן לערנערס און סוף כּל סוף וועט מען אונז איבערבעטן און נאָכגעבן, נאָר ער וועט האָבן גרויס נחת, ווען זיין בית־המדרש וועט זיין געפּאַקט מיט אידן, וואָס ווילן לערנען. כּ אָ ט ש נ אָ ר אַ פּ אָ ר ט ע ג בּאַ אים ל ע ר נ ע ן — איז דאָס אויך שוין פאַר אים גענוג, איז דאָס אויך שוין פאַר אים אַ גרויסע שמחה!

און אויף מאָרגן, אין מיטן טאָג, האָב איך אַרויסגענומען אַלע לערנערס. עס איז נישט געבּליבּן קיין איינער, און איך האָבּ זיי אַלעמען געבּראַכט אין בית־המדרש אַריין, בּיז איבּער עטליכע און פופציג יונגע־לייט, אָרימע, רייכע, עלטערע, יונגערע! די פרייד פון ר׳ משה־ראובנען איז געווען אומבּאַשרייבּליך. מיר האָבּן אים בּאַלד אויפגעגעבּן אַ צעטל, וויפיל גמרות מיר דאַרפן האָבּן און וויפיל מפרשים, שאלות־תּשובות א. אַז. וו.

ר׳ משה־ראובן האָט גענומען מיט זיך דריי בּחורים פון אַראָלינע און איבּערן טאָג אָנגעבּראַכט אַלץ, וואָס מיר האָבּן בּאַדאַרפט. בּיז צען אין דערנאַכט האָט מען כּסדר געטראָגן ספרים און אויף מאָרגן איז דאָרט געווען אַ לערנעריי מיט די שיינע האַרציגע נגונים, אַז עס האָט פאַרהילכט גאַנץ אַראָלינע. איך האָבּ אַזוי אָנגערעדט אַלע לערנערס, אַז דאָ זאָל מען נישט ריידן, נאָר לערנען, און ה ו י ך לערנען, יעדערער ווי ער קאָן, און גאַנץ אַראָלינער ווייבּער און קינדער זיינען געקומען אַרום די פענסטער קוקן אויף די גוטע זינגענדיגע לערנערס. מיר האָבּן פאַרנומען די ווייבּער־שול אויך צום לערנען, אויסער אין דערפריה, ווען עס קומען די צוועלף צדקניותן דאַווענען — און ר׳ משה־ראובן האָט געשעפּט נחת אָהן אַ שיער.

און אַז ר׳ שבתי־הירש, דער גבאי, איז געקומען מנחה דאַווענען אין בית־המדרש, איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן. דער גרויסער בית־המדרש איז פּוסט, עס איז חושך, פינסטער, מען הערט נישט קיין קול פון לערנען, און דערנאָך, אַז עס זיינען אָנגעקומען די בעלי־בתּים, זיינען זיי גאָר מבולבול געוואָרן. זיי האָבן נישט געוואוסט פון דער גאַנצער איבערקערעניש. זיי האָבן געמיינט, אַז עפּעס אַן אומגליק האָט געשען און מבולבולע האָבן זיי געפרעגט שבתי־הירשן:

— וואָס איז דאָ אַזוינס?

שבתי־הירש האָט זיי דערציילט, אַז משה אהרן־לייזערס אינגל האָט געמאַכט אַ בּונט און אַרויסגענומען אַלע לערנערס פון דאַווענען און איבער־געפירט זיי אין אַראָלינע צו ר׳ משה־ראובנען.

— פאַרוואָס? עס מוז דאָך עפּעס זיין אין דעם? גלאַט אָהן אַ טעם קאָן דאָך נישט זיין.

— אים האָט זיך פאַרוואָלט, דעם יונגאַטש, — האָט ר׳ שבתי־הירש גערעדט אַ צעקאָכטער — אַז איך זאָל אים אַרויסגעבן דעם נייעם זשיטאָמירער ש״ס. איך דאַרף נאָר אַרויסנעמען, וועט מען דאָס אין דריי וואָכן צערייסן. אַזאַ טייערער ש״ס.

עס איז געוואָרן אַ מהומה, און זיי האָבן אים נישט געגלויבט. פאַר זיי איז דאָס עפּעס געווען צו ווייניג.

איך האָב געוואוסט, אַז ווען די בעלי־בתּים וועלן קומען צו מנחה, וועט ווערן אַ מהומה. צווישן מנחה און מעריב וועט זיך קאָכן בּאַ די בעלי־בתּים מיט שבתי־הירשן, און איך בּין אומישנע צו מעריב געקומען אין בית־המדרש. אַז זיי האָבן מיך דערזעהן, איז געוואָרן אַ געשריי:

— שאַ! שאַ! חצקל איז דאָ. זאָל ער ריידן, וועלן מיר הערן!

בּאַ זיך בּין איך נישט אַראָפּגעפאַלן און האָב גענומען די גרעסערע בעלי־בתּים, צוגעפירט זיי צו די פּאָליצעס, וואָס זיינען געווען אַרום אַלע ווענט, איבער די טישן, געפּאַקט מיט ספרים און האָב זיי אַראָפּגענומען אַלע גמרות און געוויזן:

— נאַט, זעהט. צי עס איז דאָ אַפילו איין גמרא אַ גאַנצע, וואָס מען זאָל קאָנען אין איר לערנען? אַלץ צעריסן. נו, איז דאָס בּאַ אייך רעכט, אַז שבתי־הירש זאָל האַלטן פאַרשלאָסן צוועלף גוטע ש״סן, מיט אַזוי פיל גוטע מפרשים, שאלות־ותּשובות, און דאָ האַלטן די צעריסענע? פאַר וועמען באַהאַלט ער דאָס, די גוטע ש״סן? וואָס זשאַלעוועט ער?

יעדעס יאָר שטאַרבן אַ פּאָר נגידים, וואָס לאָזן איבער ש״סן אין גרויסן בּית־המדרש, און ער פּאַקט אַהין, אין שטיבל אַריין, און פאַר־שליסט אויף דער אייזערנער טיר.

אויסהערנדיק מיך, האָבן אַלע געזאָגט, אַז איך בין גערעכט און אַז שבתי־הירש זאָל עפּענען די קהל־שטוב און אַרויסנעמען פון דאָרט ספרים, וויפיל די יונגע־לייט וועלן אויסקלויבן. אָבער שבתי־הירש, אַן אַלטער מאַן פון אַ יאָר עטליכע און זיבעציק, וואָס איז דאָ טאַקע אַ גאַנצער קיסר, האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן, און איבערהויפּט, האָט אים פאַרדראָסן, וואָס אַזאַ אינגעלע פון פערצען יאָר זאָל אויספירן קעגן אים. קיינמאָל האָט קיינער נישט געוואַגט אים זאָגן אין עפּעס אַ דעה, און ער האָט נישט געקאָנט באַ זיך פועלן אונטערצוגעבן זיך.

און אַ מהומה איז געווען אין בית־המדרש אַלע אין דערפריה באַם דאַווענען און באַ מנחה און מעריב. די גאַנצע שטאָט איז געקומען זעהן, ווי דער גרויסער בית־המדרש איז פּוסט, און אַלע האָבן געזאָגט, אַז חצקל איז גערעכט. מחמת אַלע האָבן מיר גערעכט געגעבן, און ער האָט זיך נאָך אַלץ געעקשנט, האָט מען זיך מיט אים געקריגט און ער האָט נישט געהאַט קיין איינעם, וואָס זאָל שטיין אויף זיין צד. אָבער ער איז אַלץ געווען איינגעשפּאַרט.

שבת האָבן בעלי־בתים מעכב הקריאה געווען, און דער רב האָט געזאָגט, אַז ווען חצקל וואָלט געווען מיט אים אַ פּרעמדער, וואָלט ער באַלד געזאָגט, אַז חצקל איז גערעכט, נאָר אַזוי ווי ער איז זיין ברודערס אַן אייניקל, מוז ער, דער רב, שווייגן. אַז די בעלי־בתים האָבן דערהערט דעם רבס ווערטער, איז געבליבן באַ אַלעמען שבת צו נאַכטס מאַכן אַן אספה רבה און אַראָפּוואַרפן פאַר איינוועגס שבתי־הירשן פון די גבאות. נאָר באַלד איז אַרויפגעגאַנגען שבתי־הירש אויף דער בימה, ווי שטענדיק צום לייענען, האָט אַ פּאַטש געטאָן און געזאָגט:

— רבותי! איך גיב איבער דעם שליסל פון די ספרים דעם רב, זאָל ער טון מיט די ספרים, וואָס ער וויל, און מען זאָל גיין לייענען.

און אַזוי האָט ער געטאָן. שבת באַטאָג האָט ער אַריינגעשיקט דעם שליסל צום רב, און דער פעטער האָט מיך געשיקט רופן.

— איך האָב זעהר הנאה, מיין קינד, — האָט ער געזאָגט — וואָס דו פירסט מחלוקת לשם־שמים, עס איז טאַקע אַן עולה פון שבתי־הירשן, איך האָב שוין לאַנג געהערט די מסירות אויף אים, אַז אין בית־המדרש איז נישטאָ קיין איין גאַנצע גמרא... נאָר שבתי־הירש האָט מיר אַריינגעשיקט דעם שליסל, און איך וועל מאָרגן שיקן בייגוש דעם שמש מיטן שליסל אַרום עלף, צוועלף אַזייגער און דו קאָנסט שוין קומען מיט אַלע לערנערס אין בית־המדרש. נאָר פונדעסטוועגן, מיין קינד, דאַרף מען קיין מחלוקת נישט האַלטן האָבן, בעסער זיי אויסמיידן, מיין קינד...

שבת צו נאַכטס בין איך געגאַנגען צו ר׳ משה־ראובנען און דערציילט אים, וואָס דער פעטער האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל ברענגען אַלע לערנערס אין בית־המדרש.

— אַז דער רב האָט געהייסן, מוז אַזוי זיין, — האָט ער צוגעשטימט.

זונטאָג אין דערפריה זיינען מיר אַלע געקומען אין בית־המדרש. מיר האָבן אויסגעקליבן פון אונז צען יונגע־לייט, וואָס זאָלן גיין אויסקלויבן ספרים. און אַז מיר זיינען אַריין אין שטיבל, וואו די ספרים זיינען געלעגן, איז אונז געוואָרן ליכטיג אין די אויגן. עס איז געווען נישט קיין צוועלף ש״סן, נאָר זיבעצען מיט די טייערסטע שאלות־תשובות!

האָבן מיר דאָרט, ווי געזאָגט, געפינען אַ גאַנצן אוצר, וואָס האָט אונז שרעקליך געפרייט. צווישן די ש״סן האָבן מיר געפונען אַן אַנטיקל — אַ ש״ס נאָך פון קאָפּוסטער דרוק, וואָס איז אַלט געווען מער פון דריי הונדערט יאָר. דאָרט האָבן מיר געפונען אָריגינעל די גאַנצע מעשה פון יעזוס כריסטוס באריכות, פון אָנהויב ביזן סוף. איצט האָבן באַנייט דעם בית־המדרש נייע גמרות: גאַנצע צוועלף ש״סן, וואָס מיר האָבן אַריינגעטראָגן, און נאָך פיל טייערע ספרים, שאלות־תשובות און פוסקים, טייערע עשרים־וארבעה. די פרייד אין דעם טאָג איז געווען אין לשער ולספר.

גענומען, וואָס מיר דאַרפן, האָבן מיר צוריק פאַרשלאָסן די טיר, און דער פעטער האָט אָפּגעשיקט דעם שליסל צוריק צו שבתי־הירשן. פון דער מעשה אָן בין איך געווען באַוואוסט אין שטאָט.

פון טאַטנס מלמד דעם חסיד איז מיר אַרויסגעקומען פון איין זייט אַ רעה, וואָס איך האָב גאָרנישט געלערנט, און פון דער צווייטער זייט אַ גרויסע טובה. באַ ר׳ אפרימען וואָלט איך געקאָנט בעסער לערנען, אָבער איך וואָלט געמוזט זיצן דעם גאַנצן טאָג אין חדר; באַ דעם חסיד אָבער בין איך געווען פריי דעם גאַנצן טאָג און איך האָב מיך גענומען אינטערעסירן מיט אַנדערע ענינים, לויט מיין גייסט, וואָס איז געווען פאַר מיר זעהר וויכטיג.

איך האָב זיך גענומען צו חקירה, און צו דעם צוועק האָב איך אַרויס־גענומען אַלץ פון דעם פאַרשלאָסענעם שטיבל: אַלע חקירה־ספרים, ווי דעם מורה־נבוכים, דעם כוזרי, אַלע חכמת־ישראלס, דעם בחינות־עולם מיט גוטע פּרושים, דעם חובות־הלבבות מיט אַלע דרוש־ספרים, און האָב אָנגעהויבן שטאַרק צו לעזן.

דעם רבין פלעג איך איבערלאָזן אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט, קלערנדיג אַלץ וועגן דעם תוספות. אין אַ צען מינוט האָב איך אים אָפּ־געלערנט, און אַז איך האָב נישט געוואוסט, האָב איך זיך שטאַרק נישט געמאַטערט, איך האָב נאָר אַ פרעג געטאָן אַ לערנער, און יענער האָט מיר

שוין געזאָגט. מיר איז געווען אַ שאָד די צייט צו פאַרברייגגען אין גמרא מיט תוספות. איך האָב זיך אַריינגעלאָזט אין חקירה־ספרים און צוגעצויגן צו זיך אַ גאַנצע קאָמפּאַניע יונגע־לייט, בחורים לערנערס און פּרושים.

באַטאָג האָבן מיר געלעזן די חקירה־ספרים און האָבן שטענדיג געפירט וכּוחים און פילאָזאָפירט. צו דעם האָב איך געקראָגן צוויי גוטע חברים, יאָסל דעם גבירס און שמואל מיירימס, זיי האָבן געהאַט טייערע קעפּ אין לערנען, זיינען געווען זעהר פרומע און גוטע. פלעגן מיר גאַנצע טעג פאַרברייגגען אין חקירות, און אין די אָוונטן פלעגט מען עפּעס אַ גמרא און ריידן. קיינער האָט נישט געטאָרט וויסן, אַז מיר לערנען חקירה־ספרים.

דערנאָך האָט יאָסל אויפגעגעבן: צו וואָס זאָלן מיר דאָ לערנען די חקירה־ספרים און מורא האָבן פאַר די אַלטע בהמות (מיר האָבן שוין אַ נאָמען געגעבן די אַלטע בעלי־בתּים — „אַלטע בהמות“), אַמער בעסער גיין צו אים, צו יאָסלען. באַ זיין טאַטן איז דאָ אַ ביבליאָטעק, נאָך אַ רייכערע, ווי אין שטיבל. באַ זיי איז דאָ ממש פון פייגל־מילך. וועלן מיר לערנען, וויפיל מיר ווילן און אויפן לעצטן אופן קאָנען מיר אַוועקגיין צו זיי אין שייער און פירן דאָרטן אונזערע וכּוחים.

אָט אַזוי איז באַ אונז געוואָרן אַ קרייזל, און מיר פלעגן שטאַרק לעזן און פירן וכּוחים. אין דעם גאַנצן קרייזל זיינען געווען שטאַרק נאָר מיר, אַ דריי אינגלאַך, וואָס האָבן זיך גוט אַריינגעטאָן און מיר פלעגן זיך אַזוי אַריינלאָזן אין די וכּוחים, אַז מיר פלעגן פאַרגעסן עסן.

---

# קאַפּיטל XIX

—·—

**דער נישביצער חסיד. — „מי השלח". — מיין קשיא. — דער ענטפער פון די חסידים. — די באַקאַנטשאַפט מיטן מגידס זון. — דער „המגיד". — דער קלויז־זינגער. — אונזערע פאַרזאַמלונגען. — דער אָנהויב פון מיינע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן.**

דער טאַטע האָט צוגענומען צו זיך איינעם אַ י. וו. צו העלפן פירן די ביכער און נאָך אַזוינע זאַכן, וואָס זיינען דעם טאַטן נויטיג געווען. דער ראָזינער י. וו. איז געווען אַ נישביצער חסיד. מען האָט אים אָפּ־געגעבן אַ וואוינונג טאַקע בײַ אונז אין דער גלחעשער קרעטשמע, וואו מיר האָבן געוואוינט. דאָרט איז אויך געווען אונזער בראָנפן־שפּייכלער, און ער האָט געוואוינט מיט אונז אַ טיר נעבן אַ טיר. דאָס איז געווען אַ קלוגער און ענערגישער פּאַרשוין, נאָר אַ גרויסער עזות־פּנים און אַ צעלאָזענער.

און דער מאַמען מיינער פלעגט ער שטענדיג אויסצאַפּן דאָס בלוט פאַר אירע זיידעס, די גאונים. ער פלעגט, צום ביישפּיל, זאָגן אויף איר זיידן, ר' חיים וואָלאָזשינער:

— ר' חיים זכרונו לסרחה...

בײַ אונז איז געהאַנגען דעם ווילנער גאונס בילד, האָט ער געגעבן אַ פּיק אין נאָז פון בילד.

די מאַמע פלעגט פיל מאָל וויינען פון דעם שיינעץ, אָבער דער טאַטע, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט געשמייכלט און געזאָגט:

— נאַרעלע, וואָס אַרט דיך, וואָס מער דיך אַרט, אַלץ מער טוט ער דיר צו־להכעיס.

אַגב האָט דער טאַטע מיטגעהאַלטן מיט אים, פאָרט אַ חסיד!

דער טאַטע איז געווען זעהר צופרידן פון אים, ווייל ער האָט זיך געקאָנט מיט אים אין אַלץ שאַפן, ער האָט אַלץ אויסגעפירט אויפן בעסטן אופן.

ער האָט קיינמאָל נישט געלערנט. זיין ראַוונען האָט געדויערט צען מינוט און געטרונקען האָט ער אַ סך שנאַפּס און געשפּילט אין קאָרטן. נאָר צום געשעפט האָט עס נישט געהאַט.

איינמאָל שבת באַטאָג בין איך אַריינגעגאַנגען צו אים אין שטוב. ער איז דעמאָלט געשלאָפן אויפן קאַנאַפּע און נעבן אים איז געלעגן דער נישביצער ספר „מי השלח". איך האָב אַ נעם געטאָן דעם ספר און אַ קוק געגעבן אינעווייניג.

מיין אויג איז געפאַלן אויף דער סדרה פּנחס. דאָרט איז געווען געשריבן, אַז זמרי בן סלוא האָט געטאָן כרת וכרין בנוגע צו כזבי בת צור, ווייל ער האָט געזעהן, אַז זי איז זיין זיווג מששת ימי בראשית. ווייטער איז דאָרטן געווען גערערט ווענן פּנחסן, אַז ער האָט אים געשטאָכן, נישט ווּסנדיג אַקוראַט פון דער מעשה, און אַז משה רבינו האָט געמאַכט פּנחסן גערעכט, ווייל ער איז געווען זיינער אַ פעטער. דאָס האָב איך שוין נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. האָב איך געליען דעם ספר און גלייך אַוועקגעטראָגן צום פעטער דעם רב, בעטנדיג אים, אַז ער זאָל מיר דאָ זאָגן דעם פּשט דערפון. דער רב האָט דאָס איבערגעלעזן און האָט זיך די האָר געריסן. ס'טייטש, אַז אַ רבי (דער מחבר פון ספר) זאָל מאַכן אַזוי פון משה רבינו, טאָ וואָס איז שוין אַ פּשוטער איד!

— זעהסט, מיין קינד, — האָט ער אויפגערעגט געזאָגט, — ווי ווייט די חסידים זיינען פאַרפירט. איבעראַכטאָג שבת זאָלסטו דאָס ווייזן דעם טאַטן, ווען ער וועט זיצן מיט די חסידים באַם טיש — זאָל ער דיר דאָ זאָגן דעם פּשט.

שבת באַטאָג זיינען געווען באַם טאַטן אַלע חסידים, עס איז געווען אַ גאַסט ר' שלמה־איצל, אַ קלוגער חסיד און אַ נגיד. מען איז געזעסן אַרום גרויסן טיש, געטרונקען וויין און גערערט חסידות. איך בין אַרויס פון טיש, האָב גענומען דעם נישביצער ספר „מי השלח" — די הענט האָבן זיך מיר געטרייסלט, — האָב צוגעטראָגן דעם ספר, אויפגעמישט די סדרה און געפרעגט:

— טאַטע, זאָג מיר דאָ דעם פּשט, איך פאַרשטיי נישט.

דער טאַטע האָט איבערגעלעזן און האָט זיך עטוואָס פאַרלוירן. ער איז געווען זעהר אַן ערליכער מאַן, פאַרדרייען יענעם אַ קאָפּ קאָן ער נישט, בפרט זיין אייגן קינד. די חסידים האָבן זעהר געוואָלט וויסן, וואָס דאָ איז אַזוינס, און שלמה־איצל דער אורח, אַ איד זעהר אַ כיטרער, האָט פאַרשטאַנען אָן טאַטנס פּנים, אַז ער האָט גישט קיין לשון, און ווייס נישט זיין אינגל וואָס צו ענטפערן.

דער טאַטע האָט אים געגעבן דעם ספר. יענער האָט עס איבערגעזעהן און אָנגעהויבן צו פּאַטשן מיט די הענט אָן טיש.

— עס איז רעכט! עס איז רעכט! — האָט ער געשריען.

און געגעבן דעם ספר די איבעריגע חסידים. יענע האָבן באַלד אויך אָנגעהויבן שרייען:

— עס איז רעכט.

און אַז איך האָב געפרעגט, וואָס איז רעכט, האָט מען מיר געענטפערט, אַז ־איך וועל עלטער ווערן, וועל איך וויסן. זיי האָבן אין מיר געהאַט אַ גרויסן טעות. איך האָב נישט געקאָנט וואַרטן, ביז איך וועל עלטער ווערן, און אָט דאָס פּאַטשן מיט די הענט און שרייען: „ס'איז רעכט“ אויף אַ זאַך, וואָס איז מיר אויסגעקומען שרעקליך קרום, גראָב און ווילד, האָט מיר, אַפילו אומבאַוואוסטזיניג, געגעבן אַ שטאַרקן שטויס פון חסידות.

און יעדע חסידישע תּורה האָט זיך מיר פון דעם מאָל גענומען שטעלן אין האַרצן אין דער לייַנג און אין דער בּרייט, און איך האָב זיך נישט געקאָנט באַרוהיגן. איך האָב אָנגעהויבן איבערקלערן פאַר זיך אַלע ווייערע ווערטליך, און עס האָט זיך מיר אַלץ נעשטעלט קאַפּויר, משונה, און איך האָב גענומען ציהען צוריק, „השיבנו נאַזאַר“.

איך האָב אָנגעהויבן אַרייננגיין צום מגיד אין שטוב. דאָרטן האָבן זיך געפונען אַלע פאַרביסענע מתנגדים; זיין זון משה־אהרן, אַ גרויסער עלוי, איז געווען אַ פאַרברענטער מתנגד און האָט שטענדיג פּראָפּאָגאַנדירט מתנגדות.

וויל איך בין געווען אַ הייסער חסיד, האָב איך זיך שוין שטענדיג דער־ווייטערט פון דעם מגידס הויז, פון זיינע זין, כאָטש זיי זיינען געווען די גרעסטע לומדים אין שטאָט, און איך פלעג נישט קאָנען הערן, ווי ער מאַכט אַ תּל פון חסידים מיט די רביים, מיטן בעל־שם צוזאַמען.

אָבער איצט האָב איך אויסגעזאָגט דעם מגיד מיטן זון אַ סוד, אַז איך קאָן שוין מער קיין חסיד נישט זיין, אַז זיי זיינען גערעכט מיט זייער מתנגדות, און איך האָב זיך אָנגעהויבן צו חברן מיט משה־אהרנען, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון מינסק, וואו ער איז געווען ראש־ישיבה אין דער עלטער פון צוואַנציג יאָר. אַז ער איז קראַנק געוואָרן, איז דער מינסקער רב, ר' גרשון־תּנחום, וואָס איז געווען באַם פראַנקפורטער ראָטשילד .אַ גרויסער חשוב, געפאָרן מיט אים קיין פראַנקפורט און פאָרגעשטעלט .משה־אהרנען פאַרן באַראָן ראָטשילד, וועלכער האָט מיט אים פאַרבראַכט אין לערנען אַ פּאָר שעה צייט.

משה־אהרן איז אים געפעלן געוואָרן, און ראָטשילד האָט אים אַוועקגעשיקט אין אַ באָד אויף זיין רעכענונג. דערנאָך האָט ער אים אַוועקגעשיקט צוריק קיין קאַמעניץ און מיטגעגעבן אים וואַסער צו טרינקען. די ראָקטוירים

האָבן אים נישט געהייסן לערנען, ווייל זיין מוח איז צו שאַרף און עס קאָן אים שאַטן. האָט משה־אהרן באַראַרפט שפּאַצירן און טרינקען וואַסער.

איצט האָט ער באַראַרפט האָבן אַ מענטשן, מיט וועמען צו גיין שפּאַצירן, און ער האָט מיך גענומען, כאָטש איך בין יונגער געווען פאַר אים מיט אַ יאָר זעקס, זיבן. איך בין אים, אַפּנים, געפעלן געווען. ער האָט געזעהן, ווי איך רייס זיך צו פאַרשטיין, צו געפינען דעם אמתן וועג, און ער האָט מיט מיר אַ סך גערעדט.

דעם זומער בין איך געבליבן אויף ווייטער באַ יצחק־אשרן, ער האָט זיך ווייטער געקנייטשט דעם שטערן אין תּוספות און געפּראַוועט זיינע „פרומקייטן", און עס איז נישט געווען מיין טאַטנס דאגה. איך האָב מיר געהאַט צייט אויף אַלץ און אויף שפּאַצירן מיט משה־אהרנען אַ צוויי שעה צייט — אַוראַי און אַוראַי.

און משה־אהרן האָט מיר אָנגעוויזן די אַלע ערטער אין תּלמוד, וואָס זיינען קעגן דער שיטה פון דעם חסידיזם. אַ סך צייט האָב איך אויך פאַרבראַכט באַ יאָסל דעם גבירס אין פילאָזאָפיע און אין חקירה און אויף אַ שעה אין טאָג פלעג איך קומען צום שמאָלן שטערנדל, צו יצחק־אשרן, מיין רבי, אָפּזאָגן פאַר אים דעם עמוד גמרא מיט די תּוספותן — און אַ גוטן טאָג.

אַקוראַט צו יענער צייט האָט ר׳ שמחה־לייזער, יאָסלס פאָטער, געהאַלטן דעם „המגיד", און מיר פלעגן שטענדיג לעזן די צייטונג. דורך איר האָבן מיר אָנגעהויבן אַביסל צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אין דער אירישער וועלט. אין „המגיד" זיינען רעמאָלט געגאַנגען גאַנצע פּראָיעקטן וועגן קויפן קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, און עמיצער האָט ראָרטן אַפילו אויסגערעכנט, אַז מיט זעקס הונדערט רובל קאָן מען האָבן אין פּאַלעסטינע אַ גאַנצע קאָלאָניע. דאָס האָט מיך גאָר איבערראַשט, און איך מיט יאָסלען האָבן אויפגעקליבן אין קאַמעניץ באַ אַ זעכציג בעלי־בתּים, וועלכע זיינען געווען גרייט צו פאַרקויפן זייערע הייזער און פאָרן קיין ארץ־ישראל. צווישן זיי זיינען געווען אירן, וואָס האָבן געקאָנט צונויפשלאָגן אַ סומע פון דריי טויזנט רובל.

געריינק איך, אַז איך מיט יאָסלען האָבן גענומען אַרבעטער, יונגע־לייט, צווישן זיי איינער, וואָס זעגט קלעצער, אַ למרן אַ איר, און „אָרגאַניזירט" אַ קרייז אויף פּאַלעסטינע.

דער ראָזינער קלאָץ־זענער איז געווען באַזונדערס אינטערעסאַנט: ערשטנס, האָט ער זיך אינטערעסירט מיט אונזער „פילאָזאָפיע" און „חקירה"; און, צווייטנס, האָט ער אונז געצווינגן רערמיט, וואָס ער, אַ איר שוין, חברט זיך מיט אונז, און פיל מאָל, געריינק איך, אַז מיר פלעגן געפונען

אַן ענטפער אויף אַ חקירה־פראַגע, וואָס דער זעגער האָט זי באַריירט, און מחמת די פראַגע האָט אונז פריהער געפיינינגט, פלעגן מיר איצט מיט שמחה לויפן זוכן דעם קלאָץ־זעגער. געפינענ פלעגן מיר אים, שטייענדיג אויפן קלאָץ און ציהענדיג די גרויסע זעג אין קלאָץ, און מיר פלעגן אים דערציילן צופרידענע, אַז די פראַגע וועגן דעם און דעם האָבן מיר היינט געפונען אין אַ ספר און אַז דאָרטן רעדט זיך וועגן איר באַריכות, און עס ווערט געגעבן קלאָרע און דייטליכע ערקלערונגען. פלעגט ער אַראָפּקריכן פון דעם קלאָץ און אויסהערן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. אַמאָל פלעגן מיר אים ברייננגען דעם ספר גופא, וואָרום ער האָט ליב געהאַט צו זעהן שוואַרץ אויף ווייס, און מיר פלעגן זיך בעת מעשה שטעלן אונטערן קלאָץ, און ער האָט געהאַלטן די זעג אין האַנט...

אָט דער זעגער (צו מיין גרויסן פאַרדראָס האָב איך פאַרגעסן זיין נאָמען) איז געווען שטאַרק פאַרהיצט אין דער אידייע צו קאָלאָניזירן ארץ־ישראל. ער איז געווען זעהר אַ גוטער אַגיטאַטאָר, אַ מויל — שוועבל און פעך, און אַ דאַנק אים האָבן מיר דעמאָלט אויפגערוערט די גאַנצע שטאָט. כמעט אַלע וואָלטן מסכים געווען צו פאַרקויפן די בעבעכעס און אַרויספאָרן קיין ארץ־ישראל.

אַז מיר זיינען געוואָרן מוטיגער, האָבן מיר געגעבן אַ רעפּעש קיין לוק צום „המגיד“, ער זאָל אונז ענטפערן, צי עס הויבט זיך שוין אָן דאָרט די אַרבעט, דערביי האָבן מיר אים אַוועקגעשיקט אַ צעטל פון די אַלע פאַרשוינען, וואָס זיינען גרייט שוין אַרויסצושיקן געלט, אויב עס איז דאָ אַ וויכטיגע בטוחות.

אַזוי האָבן מיר אָפּגעאַרבעט אַ פּאָר חדשים. בײַ יאָסלען איז געווען דער זאַמלפּונקט. עס איז שטענדיג געווען געפּאַקט מיט מענשן, יונגערע, עלטערע, און מיר האָבן גערעדט מיט היץ און התלהבות. און אַז דער זעגער פלעגט נעמען רייד, פלעגן אַלע וויינען און אין איין קול זאָגן:

— בנעורינו ובזקנינו נלך, קוים האָבן מיר שוין דערלעבט, אַז מיר קאָנען קויפן ארץ־ישראל.

פונם „המגיד“ האָבן מיר אָבער נישט באַקומען קיין ענטפער. די צייטונג איז פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן, און אונזער גאַנצע אַרבעט האָט מיט אַמאָל אַ ציטער געטאָן. איך בין געגאַנגען צום פעטער ר׳ אפרים, ער זאָל אונז צוגרייטן אַ בריף פאַרן „המגיד“, אין וועלכן ער זאָל אויספירליך איבערגעבן, וויפיל געלט מיר האָבן, וויפיל מענשן זיינען גרייט צו פאָרן א. אַז. וו. אָבער די רעדאַקציע האָט אונז ווידער נישט געענטפערט. איצט האָב איך שוין אָנגעהויבן צו צווייפלען אין דער גאַנצער מעשה. ראָך איז געבליבן, אַז מיר זאָלן אַרויסשיקן אַ מענשן אויף אונזערע

הוצאות אין רעראַקציע אַריין. קיין פּאַסיגערן מענשן פונם זעגער האָבן מיר נישט געפונען. מען האָט געמאַכט אַ רעכענונג, וויפיל געלט מען באַדאַרף האָבן אויף זיין רייזע, ווי אויך פאַר זיין ווייב און קינדער פאַר דער צייט אויף צום לעבן, און יעדערער פון אונזערע זעכציג מיטגלידער האָט אַסיגנירט דערויף צען גילדן. אַזוי איז שוין געווען אַ רובל ניינציג, און מיר האָבן נאָר געוואָלט דערקלויבן נאָך עטוואָס געלט. אָבער צו אונזער גרעסטן טרויער און פאַרדראָס האָט דער „המגיד" פּלוצלינג געמעלדעט, אַז דער גאַנצער ענין איז דערווייל אָפּגעלעגט געוואָרן.

דער זעגער האָט זיך, נעבעך, גענומען צוריק צו די קלעצער און אין די פרייע שעהן פלעגט ער קומען צו מיר מיט יאָסלען פילאָזאָפירן און באַקלערן די וועלט. און איך געדיינק, ווי מיר פלעגן אַוועקגיין זומער אין די לאָנקעס, אַן ערה אינגלאַך אונזערע, און דאָרטן פאַרברייינגען אין זעהר טיפע שמועסן. מיר רוכט זיך אָפּטער, אַז ווען איך וואָלט געהאַט אַן אויסערגעוויינליכן זכרון און געדיינקען די אַלע אונזערע שמועסן, וואָלט איך איצט געקאָנט אָנשרייבן אפשר אַן אומגעהויער אינטערעסאַנט בוך וועגן אַמאָליגן אידישן, קינדערשן טרוימען...

מיין פאָטער איז זיך געווען צופרידן מיט זיין יצחק־אשרן און האָט גאָר נישט געוואוסט פון דער גאַנצער מעשה מיט מיין לערנען, און אין וואָס איך פאַרברייינג די צייט, וואָס איך טו און וואָס איך טראַכט, אַז איך בין שוין אינגאַנצן אַ בן־בית באַם מגיד אין הויז, וואָס דאָרטן זיינען די גרעסטע מתנגדים מיט די גרעסטע כחות קעגן די חסידים. מיט מיין אַרבעט פאַר ארץ־ישראל איז ער געווען צופרידן, און ווייטער האָט ער גאָר פון מיר נישט געוואוסט. אַמאָל פלעגט ער אַ פרעג טון יצחק־אשרן:

— נו, וואָס זאָגסטו אויף מיין חצקלען?

רעמאָלט האָט דער רבי געענטפערט:

— ער איז אַ גוט אינגל, ער האָט אַ וואויל קעפּל.

און דאָס איז שוין געווען אַ גענוגענדער ענטפער פאַרן טאַטן. די גאַנצע וואָך איז ער געווען פאַרנומען מיט דער אַרענדע און מיט די חסידים.

# קאַפּיטל XX

—

**מען רעדט מיר שוין שדוכים. — דאָס פאַרהערן מיך. — ר׳ יחזקאל דעם רבס זון. — דער יחוס. — מיין אומבאַקאַנטע כּלה. — דער בריף. — די פּעטש. — מיין פעטער. דאָס לעבן מיט אים. — דאָס גרייטן זיך צום וכּוח.**

דער טאַטע האָט שוין אָנגעהויבן קלערן אַ שידוך פאַר מיר, און דער שדכן האָט אים שוין אָנגעהויבן פאָרצולייגן פאַרשיידענע שדוכים מיט נגידים יחסנים, וואָס ווילן מיר געבן טויזנט רובל, און צוויי טויזנט און פינף יאָר קעסט, צי צען יאָר קעסט. דער טאַטע האָט אָבער אַלץ געוואָלט אַ מחותּן אַ חסיד, נאָר אַז מען האָט גערעדט שדוכים מיט חסידים, האָט דער זיידע נישט געוואָלט. דערווייל איז אַוועקגעגאַנגען אַ היפּשע צייט און עס האָט זיך אַלץ נישט געמאַכט קיין שידוך, דאָס הייסט, אַז עס זאָל בּיידן געפעלן: אי דעם טאַטן, אי דעם זיידן. איך בּין שוין געוואָרן אַן אַלטער בּחור פון... פופצען יאָר, און עס איז מיאוס פאַר לייטן. אַלע מיינע חברים זיינען שוין חתנים און בּעלי־בּיתלאַך געוואָרן.

די מאַמע האָט נישט געלאָזט צו רוה דעם טאַטן, פאַרוואָס ער טוט מיט מיר קיין שידוך נישט. ער קאָן דאָך נעמען אַ סך געלט מיט קעסט.

— דו ווילסט, — האָט זי געטענעט — אַז חצקל זאָל האָבן אַ שווער, אַ חסיד, אָבער דו ווייסט דאָך, אַז דער שווער וויל קיין חסיד נישט פאַר קיין מחותּן, וועט ער דאָך אויספירן. חצקל ווערט עלטער, עס איז דאָך אַ חרפּה פאַר לייטן...

זי האָט אַלץ געטענעט, און דער טאַטע, ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט אַלץ געשוויגן. ער זאָגט נישט אָפּ און זאָגט נישט צו. ער שמייכלט נאָר פאַר זיך. ווערט יענער אַביסל אָפּגעקילט. אָבער די מאַמע האָט דאָס שוין נישט געקאָנט אַריבּערטראָגן. ווי די מאָרע איז, איז זי געגאַנגען זיך בּאַקלאָגן פאַרן פעטער דעם רב.

— דו זאָלסט זעהן — האָט איר דער רב אָנגעזאָגט — אַז חצקל זאָל אַריינפאַלן צו אַ מתנגד, אַ נגיד, וואָס גיט אַ סך יאָרן קעסט. ער איז אַ

װאױל אינגל אין לערנען, אַז ער װעט האָבן אַ סך קעסט, װעט ער קאָנען לערנען, קאָנסטו האָפן, אַז חצקל זאָל װערן אַ רב.

דער רב האָט געהאַט אַ זון יחזקאל (מיר הײסן בײדע נאָך אײן זײדן), דער ראָזינער יחזקאל איז געװען אַ גרױסער עילוי און האָט שױן געקאָנט װערן אַ רב אַפילו אין אַ גרױסער שטאָט. ער איז אָבער געװען אַ חסיד און דערפאַר איז ער נאָך געװען בלױז דין אין קאָברין. און אָט דער יחזקאל פלעגט אַרומפאָרן נאָך ארץ־ישראל־געלט. דער סלאָנימער רבי, פון זינט מען האָט אים געמסרט, פלעגט שױן אַלײן נישט פאָרן. און אַז ר׳ יחזקאל פלעגט קומען קײן קאַמעניץ, איז געװען, געװײנליך, באַם טאַטן ששון ושמחה, הילולא וחינגא. די חסידים האָבן זיך באַזונדערס געפרײט מיט אים: ער איז געװען דעם רבס זון, און איך האָב נישט אָפּגעטראָטן פון טיש און געהאָרכט, װאָס מען רעדט. איצט בין איך שױן געזעסן באַם חסידישן טיש נאָר מיט אַן אַנדער צװעק. איצט האָב איך שױן אױסגעהערט זײערע רײד, כּדי איך זאָל זײ דערנאָך קאָנען קריטיקירן.

ר׳ יחזקאל האָט מיך ליב געהאַט. ער האָט מיך געהאַלטן פאַר אַ שטיל אינגל, און אײנמאָל גיט ער מיר אַ קניפּ אין בעקל און זאָגט:

— חצקל, אַז דו װעסט זײן אַ שײנער חסיד, װעל איך דיר געבן אַ שײנע כּלה.

איך בין רױט געװאָרן און געשװיגן. אין האַרצן האָב איך שױן לאַנג מקנא געװען מײנע חברים: יענע זײנען שױן חתנים און בעלי־ביתלאַך, און איך, צוליב דעם קריג צװישן טאַטן מיטן זײדן, בין איך נאָך אַלץ קײן חתן נישט.

יחזקאל האָט אַרײנגערופן נאָכן עסן דעם טאַטן אין אַ צימער און איבערגעגעבן אים, אַז ער האָט פאַר מיר אַ װאױלן שידוך, אַן אײגענע זאַך, זײן װײבס אַ שװעסטער. זי האָרעװעט זיך באַם שװאָגער, אהרן צײלינגאָלד, אַ שײנער חסיד, אַ למדן און אַ נגיד, װאָס איז באַליבט באַ ר׳ אהרן קאַרלינער.

— דאָס, װײזט מיר אױס, איז אַ זיװוג מששת ימי בראשית — האָט ער גערעדט.

דעם טאַטן, װי דאָס איז נישט מאָדנע, איז ׳געפעלן געװאָרן דער שידוך, מחמת די כּלה איז אַ יתומה, אָהן אַ טאַטן און אָהן אַ מאַמען... דאָ װעט שױן דער זײדע אהרן־לײזער נישט זײן דערגעגן. װאָס די שװאָגערס זײנען חסידים, מאַכט שױן נישט אױס, איבערהױפּט דער מחותן זאָל נישט זײן קײן חסיד; יחוס, װידער, איז דאָ אױך פאַראַן, װאָרום ער האָט געװאוסט, אַז דעם רבס שנור, הרס, איז געװען פון גרױס יחוס.

האָט דער טאַטע געזאָגט חצקלען, אַז דאָס איז באַ אים נישט אָפּגעפּרעגט, ווי זיין שטייגער איז געווען צו ענטפערן ווען ׳אַ זאַך, וואָס עס איז אים געפעלן געוואָרן, און ר׳ חצקל האָט נעבעטן אַ גמרא צו פאַרהערן מיך. ער האָט טאַקע געהערט, זאָגט ער, אַז איך בין אַ גוט אינגל, נאָר פונדעסטוועגן דאַרף ער מיך פאַרהערן. באַ אים מיט דער כלהס שוועסטער, זאָגט ער, איז פאַרבליבן צו נעמען פאַר דער שוועסטער אַ חתן אַ למדן, נישט אַנדערש.

ר׳ חצקל האָט אַרויסגענומען אַ גמרא קרושין און, צו מיין גליק, אויפגעעפנט אַקוראַט אויף דער מסכתא קדושין, וועלכע איך האָב נאָך געלערנט מיט דוד דעם בלינדן, און איצט מיט יצחק־אשרן, און אַליין געלערנט. און בין געווען געגנוג קלאָר אין דעם תוספות און אין דעם מהרש״א, און ער הייסט מיר זאָגן די משנה מיטן תוספות.

איך זאָג דאָס אָפּ גאַנץ גלאַט. הייסט ער מיר פרעגן דעם מהרש״אס קשיא. פרעג איך, מאַכט ער צו די גמרא און גיט מיר ווייטער אַ קניפּ אין באַק און זאָגט:

— איך האָב שוין פאַר דיר אַ שיינע כלה.

איך בין ווייטער רויט געוואָרן, און ער איז אַוועק מיטן טאַטן אין אַ צווייטן צימער איבעררייידן שוין פון אַלע פּרטים, פון נדן א. אַז. וו. דער טאַטע האָט געשיקט ר׳ חצקלען צום זיידן.

חצקל איז אַוועק, און אַז ער האָט דעם זיידן פאָרגעלעגט דעם שידוך, האָט דער זיידע געזאָגט:

— מיין חצקל איז זעהר אַ גוט אינגל. די מוטער זיינע איז אַ גרויסע יחסנטע, זי איז פון ר׳ חיים וואָלאָזשינערס אייניקלאַך, וויל איך נישט פאַרשעמען דעם יחוס. איך מעג זיך אַפילו פאַרלאָזן אויפן רב, אַז ער האָט דעם שידוך געטאָן מיט אייך, וואָס איר זענט דאָך אַ גרויסער למדן, מסתמא איז דאָך דאָס גוט, פאַסט דאָס דאָך פאַר מיר אויך, נאָר פונדעסטוועגן דאַרף איך וויסן אייער ווייבס פאַמיליע באריכות.

דאָס האָט חצקל געטאָן. ער האָט דערציילט דעם גאַנצן יחוס באריכות:

זיין שווער האָט געהייסן ר׳ הירש־יואל רייצעס, וועמעס ׳פאָטער, ר׳ מרדכי פון אָסטרע (וואָלין) האָט געשפּילט אַ ראָליע אין וואָלין, ווי דער פרומער ראָטשילד אין פראַנקפורט. ער פלעגט ׳נאָך פאַרציטן אַרומפאָרן אין אַ קאַרעטע מיט פיר פערד. דער שפּאַן און קאַרעטע זיינען געווען כמעט בלויז פון זילבער. באַ אים פלעגט מען וואַשן רענדלאַך אין זילבערנע מולטערס. ער איז געווען אַ חסיד און האָט אויסגעהאַלטן אַלע וואָלינער רביים. באַ אים אין הויז זיינען שטענדיג געווען רביים. ד ע ר רבי איז אַוועקגעפאָרן, און אַ צ וו ײ ט ע ר איז געקומען. ער האָט זעהר

גרויס געלעבט און געזעסן איז מען באַ אים חדשים־הויז. דאָס הויז האָט געריישט פון די חסידים מיט די רביים, — מיט איין וואָרט, באַ אים איז געווען אַן אמתער חסידישער גן־עדן אויף דער וועלט.

געהאַנדלט האָט ער מיט וואַלד; נאָר איינמאָל האָט אים געטראָפן אַן אומגליק. ער האָט געשיקט קיין דאַנציג פאַר זעקס הונדערט טויזנט רובל האָלץ. זיינען די פליטעס צעריסן געוואָרן אויפן וואַסער איינציגווייז— און צעשוואומען. עס איז געווען אַ גרויס געוויסער, באַ קראָקע אויפן ווייסעל, און קיין דאַנציג האָט ער קיין איין פליטע האָלץ נישט געקאָנט ברייינגען. אויסערדעם איז אין דאַנציג דאָס יאָר געווען קליין דער מקח פון האָלץ, און ער האָט געהאַט פיל סחורה אין דאַנציג פון פריהער, האָט ער צוגעלעגט צו יענעם האָלץ פיל געלט. און אַזוי האָט ער, ר׳ מרדכי, דערלעגט אין איין יאָר באַ זיבן, אַכט הונדערט טויזנט רובל.

נאָר פונדעסטוועגן איז ער נאָך געבליבן אַ גביר, זיין הויז האָט זיך נאָך געפירט מיט צדקה און מיט הכנסת־אורחים, אָבער שוין נישט אַזוי ווי פריהער. די רביים האָט ער קיין געלט נישט געגעבן, און זיי פלעגן שוין צו אים אַזוי אָפט נישט קומען.

איין זון זיינעס, הירש־יואל, האָט ער חתונה געמאַכט מיטן רובנער רבס טאָכטער. ער האָט געוואוינט מיטן פאָטער צוזאַמען, איז געווען אַ גרויסער למדן און אויך זעהר אַ גוטהערציגער. ער איז אָבער נישט געווען נוטה צו חסידות. אַז דער פאָטער איז געשטאָרבן, האָט דער זון געירשנט אַ געוויסע סומע געלט. נאָר אַזוי ווי אין וואַלד־געשעפט איז דער פאָטער צום סוף בדלות געוואָרן, האָט ער זיך דערמיט נישט געוואָלט באַשעפטיגן. ער האָט זיך בעסער גענומען צו פּאָדריאַדן. דעמאָלט האָט ער אָנגענומען, אַלס פּאָדריאַד, דעם באַוואוסטן אַקציז פון באַראָן גינזבורג, אָנגענומען אויף צוויי אויעזדן: ביאַליסטאָקער און בילסקער. געוואוינט האָט ער אין ביאַליסטאָק.

ער האָט געהאַט צוויי טעכטער מיט אַ זון, די עלטסטע טאָכטער הדס איז טאַקע זיין, יחזקאלס ווייב, און ער האָט געגעבן אַ סך געלט נדן און קעסט.

אין ביאַליסטאָק האָט ער געשפּילט אַ גרויסע ראָליע, ער האָט זיך געפירט, ווי דער פאָטער אין ענין צדקה און הכנסת־אורחים, נאָר דער פאָטער איז געווען פאַר חסידים, און ער פאַר מתנגדים. אַלע שבת האָבן געמוזט זיין צען אורחים הגונים, די שענסטע מענשן, וועלכע מען האָט נאָך צוגעצאָלט, אַז זיי זאָלן עסן, און יעדער טאָג זיינען באַ אים געווען אַמווייניגסטנס דריי אנשים נכבדים צו מיטאָג.

געווען איז ער אַ באַרימטער מוהל. כמעט אין דער גאַנצער שטאָט איז ער געווען מוהל, און אַן אָרימער בעל־ברית פלעגט נאָך קרינגן באַ אים צוגעצאָלט, אַזוי אַז די קינפּעטאָרין האָט געהאַט אויף אַ חודש צום לעבן. ער האָט געהאַט באַ זיך אַ צעטל פון פינף טויזנט קינדער, וועלכע ער האָט מל געווען.

ער איז געווען אַזוי געשעצט אין ביאַליסטאָק, אַז באַ די גרעסטע לייט אויף די חתונות האָט מען אים מכבד געווען מיט מסדר קרושין זיין. דאָס איז דעמאָלט געווען איינער פון די שענסטע כבודים באַ אידן און מען פלעגט אויסזוכן די שענסטע אידן אויף דעם כבוד.

דער פּאָדריאַד פון אַקציז האָט זיך באַ אים נישט לאַנג געהאַלטן, ווייל דער באַראָן האָט זיך אָפּגעזאָגט צו טיילן דעם אַקציז אין לאַנד אויף קליינע טיילכלאַך אין די הענט פון די פּאָדריאַטשיקעס. איצט האָט דער באַראָן אַליין געוואָלט האַלטן דעם אַקציז אין אידישן תחום, און דער שווער איז אַריינגעפאָרן קיין בריסק, וואו ער איז געוואָרן פּאָדריאַטשיק אין פעסטונג. ער האָט אויך גענפנט אין שטאָט אַ גרויסן וויין־שיינק פאַר די אָפיצירן פון פעסטונג און געמאַכט זעהר גוטע געשעפטן. האָט ער ווייטער געפירט זיינע צדקות מיט די הכנסות־אורחים מיט די מוהל׳שאַפט פאַר די אָרימע־לייט, וועלכע ער האָט גוט געצאָלט.

אין פינף און פופציגסטן יאָר, בעת סעוואַסטאָפּאָלער מלחמה, זיינען אַוועק אַלע פּאָלקן פון פעסטונג אין מלחמה אַריין. די אָפיצירן האָבן אים געבעטן, ער זאָל מיטגיין מיט זיי אין סעוואַסטאָפּאָל.

איינער אַ גענעראַל האָט אים געוואָלט אָפּגעבן אַ סך פּאָדריאַדן אין מלחמה און צוגעזאָגט אויפן מלחמה־פלאַץ ממש באַגילטן, נאָר ער האָט נישט געוואָלט גיין מאַכן געשעפטן אין אַזאַ אָרט, וואו מען פאַרוואונדעט, קאַלעטשעט און דערהרגעט מענשן.

דערווייל אָבער האָבן אים אַלע אָפיצירן באַנקראָטירט אַ סך געלט. אויף איינינע פון זיי האָט ער געהאַט ביז דריי טויזנט רובל וועקסלען, און ער איז דעמאָלט אַביסל רואינירט געוואָרן.

געהאַט האָט ער אַ זון פון זיבעצען יאָר, אַ זון אַ צאַצקע, אַן אויסכאַפּ, אַ זעלטענער עילוי, און דערצו אַזאַ באַהאַרצטער, אַז ער האָט איבער־געשטיגן דעם זיידן ר׳ מרדכי מיטן פאָטער. אַז ער איז געוואָרן אַ חתן, איז ער אַ חודש פאַר דער חתונה קראַנק געוואָרן און אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן. אויף זיין לויה האָט די גאַנצע שטאָט געטרויערט; מען האָט פאַרמאַכט אַלע בריסקער קראָמען אין דער צייט פון דער לויה.

דאָס האָט דעם פאָטער זיינעם אינגאַנצן דערשלאָגן, און אין צווי וואָכן אַרום איז ער געשטאָרבן, די מוטער ווידער האָט זיך געפּיינינט

עטליכע מאָנאַטן נאָכאַנאַנד און איז אויך געשטאָרבן. נאָך זייער טראַגישן טויט איז דאָס מיידעלע זייערס, מיין קינפטיגע כלה, אַלט געווען איינגאַנצן זעקס יאָר. דעמאָלט האָט זי גענומען צו זיך די עלטערע שוועסטער אין פינסק, נאָך נאָר אַ יונג ווייבל, אַ נבירס אַ שנור. דער מאַן אירער, אהרן צייליגנגאָלד, אַ למדן און אַ מושלם, איז געווען אַ גרויסער נדבן, אַן איש נכבד אי באַם רבין, ר׳ אהרן קאַרלינער, אי אין דער גאַנצער שטאָט.

נאָך אָט דעם גאַנצן אומגליק מיט די אַלע שטאַרבענישן, איז דאָס גאַנצע פאַרמעגן פאַרשוואונדן געוואָרן, און ס׳איז פון אַלץ געוואָרן אַ תל. דערנאָך האָט מען עטוואָס אויפגעזאַמלט פון דעם פאַרפאַלענעם פאַר דער יתומה צוזאַמען מיט עטליכע וועקסלען.

דאָס אַלץ האָט יחזקאל דערציילט דעם זיידן, וועלכער האָט איצט, נאָך דער געשיכטע, שוין צוגעשטימט, און אויף מאָרגן איז דער שידוך געשלאָסן געוואָרן. איך בין דעמאָלט אַלט געווען באַ פופצען יאָר, און ר׳ יחזקאל האָט געשריבן אַ בריף קיין פינסק צו דער שוועגערין פעשע, איז זי געקומען קיין קאַמעניץ, און מען האָט געשריבן תנאים.

קיינער פון דער פאַמיליע האָט נישט געזעהן די כלה, און איך אַוראַי נישט. דאָס האָט מיך נעקריינקט. איך האָב זי, דוכט זיך, שוין ליב געקראָגן, אָבער איך ווייס נישט, ווען איך האָב ליב, איך קען דאָס פנים נישט... איך האָב גאָרנישט געהערט, ריידנדיג וועגן איר, צי זי איז אַ שיינע, צי אַ מיאוסע, צי אַ קלוגע, צי אַ נאַר, און איך האָב נישט געטאָרט אַפילו פרעגן אויף דער כלה.

דער זיידע האָט געקויפט אין בריסק צוויי דימענטענע פינגערלאַך און געגעבן פעשען, זי זאָל אַוועקפירן דער כלה אַ מתנה.

און אין אַ מאָנאַט צייט האָב איך דערהאַלטן פון שוואָגער, אהרן צייליגנגאָלד, אַ מתנה: אַ זילבערנעם הדס און משניותן מיטן תפארת־ישראל, שיין געבונדן, און פון דער כלה אַן אויסגעהאָפט זיידן תפילים־זעקל. האָט דער טאַטע געהייסן, אַז איך זאָל שרייבן אַ בריף צום מחותן, דאָס הייסט, צו איר שוואָגער, מיט אַ דאַנק פאַר דער מתנה.

לשון־קודש האָב איך דעמאָלט געקאָנט ווי טערקיש, בין איך געגאַנגען צום פעטער, ר׳ אפרים, און ער האָט מיר אָנגעשריבן אַ בריף מיט פאַרצייטישער מליצה. איך געדיינק נאָך דעם אָנהויב, ווי אַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן. מיר איז געפעלן געוואָרן דער „הויכער" געדאַנק. אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן:

„קול אומר אלי קרא, ואומר מה אקרא, ואת אשר לא ידעתי איך אנכי לתאר את רום כבודו, אולי אקלה בשערה מכבודו הרמה והנשאה

ואחטא, והשיבותי אל לבבי, אשר בוראי לפי רוב גרולת כבורו שם רוב ענותנותו, ובוראי לא יאשימנו אם הכל יפצה פי״.

אין אידיש: „אַ קול האָט מיר געזאָגט, איך זאָל רופן, זאָג איך, וואָס זאָל איך רופן, און רעם, וואָס איך קען נישט, ווי קאָן איך פאָרשטעלן זיין הויכן דערהויבענעם כבור, טאָמער וועל איך מאַכן גרינג מיט אַ האָר פון זיין הויכן כבור, וועל איך זיין זינדיג״ א. אַז. וו. ווייטער גערייגק איך שוין נישט, וואָס איך האָב דאָרט געשריבן, נאָר דאָס גערייגק איך, אַז גאַנצע דריי טעג האָב איך געשריבן דעם בריף, אַלע מאָל געשריבן און צעריסן, ביז, גאָט צו דאַנקען, עס איז אַרויסגעקומען אַ גערדרעקסעלט לשון־קודש־בריוועלע צום מחותן.

גראָר דעמאָלט איז אָנגעקומען אַ שרייבער, וואָס האָט געלערנט קינדער שרייבן אידיש און רוסיש. ער פלעגט קומען צום זיידן אין שטוב אַלע טאָג לערנען שרייבן זיינע מיידלאַך, נאָר מיך האָט דער טאַטע נישט געוואָלט אָפּגעבן צום שרייבער. פלעג איך אַליין קומען אין דער צייט, ווען ער האָט געלערנט דעם טאַטנס שוועסטער, און האָב זיך דערוויייל צוגעלערנט אָהן דעם טאַטנס וויסן. איינמאָל האָט דער שרייבער מיר געזאָגט:

— פאַרוואָס זאָלסטו נישט שרייבן אַ גרוס דער כלה?

דאָס איז מיר געפעלן. איך האָב אים געגעבן אַ האַלבן רובל, און ער האָט מיר אָנגעשריבן אַ גרוס. דאָס איז שוין געווען אין אידיש:

„איך גריס הערצליך מיין ליבע ברויט איך דאַנק דיר פאַרן טייערן פריזענט פון מיר דיין ליבן ברויטיגאַם יחזקאל״.

כדי דער גרוס זאָל אַרויסקומען גערדרעקסעלט, האָב איך ווידער געטאָן און איבערגעשריבן די עטליכע ווערטער. דאָ האָט זיך געמאַכט אַ קלעק מיט טינט, און דאָ איז דאָס וואָרט נישט גוט אַרויסגעקומען, האָב איך אַלץ איבערגעשריבן. איך האָב זיך געמאַטערט פינף טעג און געמאַכט פאַרטיג; דעמאָלט האָב איך געגעבן דעם טאַטן, ער זאָל צושרייבן אַ גרוס. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן שטיקל פאַפּיר און מאָמענטאַל דערלאַנגט צוויי הייסע פעטש.

— אַ רייטש־מאַן ביסטו שוין גאָר געוואָרן — האָט ער געריסן דאָס בריוועלע אויף שטיקלאַך — און זאָג מיר אָקאָרשט, ווער האָט דאָס דיר אָנגעשריבן?

איך האָב גאַאיוו אויסגעזאָגט — ווער.

— אַזוי, ער וועט אייך גאָר מאַכן פאַר רייטשן!..

און ער האָט פאַרזאָגט, אַז קיינער פון דער פאַמיליע זאָל זיך נישט לערנען באַם שרייבער. אין אַ קורצער צייט אַרום איז אַרויס אַ קלאַנג,

אַז דער שרייבער מאַכט אַלע קינדער פאַר אַפּיקורסים, און מען האָט אים משלח געווען פון קאַמעניץ.

דער קאַמעניצער רב האָט געהאַט אַ זון אין פּינסק, וואָס איז איינמאָל געקומען צום פאָטער צו גאַסט און האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ מיידל פון אַ יאָר זעכצען. אַז מיין מאַמע איז געווען באַם פעטער און געפרעגט דאָס דאָזיגע מיידל, צי קען זי אין פּינסק חצקלס כּלה, האָט דאָס מיידל געענטפערט, אַז זי קען די כּלה גוט: די כּלה איז אַ מיאוסע מיט אַ געשטופּעלטן פּנים, איז פאָנפאָטע, אַ שלימזלניצע.

די מאַמע האָט אָנגעהויבן וויינען, אָבער פאַרפאַלן. רעמאָלט איז אָפּשיקן תּנאים ערגער געווען ווי גטן, און זי האָט עס דערציילט דעם טאַטן.

— וואָס אַרט דיך, אַז זי איז אַ מיאוסע? — האָט זי דער טאַטע געפרעגט — זאָלן זיי נאָר האָבן מזל, וועט זי שוין זיין שיין.

בּאַ דעם וואָרט אַ „שלימזלניצע“ האָט ער אָנגעהויבן שמייכלען און געזאָגט:

— צווישן זיך רייידנדיג, ביסטו אַ בּריה?

און ער האָט זיך אויסגעלאַכט. די מעשה איז געוואָרן באַוואוסט בּאַ דער גאַנצער פאַמיליע, און עס איז אָנגעקומען צו מיר. מיין צער, וואָס איך האָב געהאַט, איז נישט צו באַשרייבן. איך האָב שטענדיג מקנא געווען יענעם, וואָס האָט געהאַט אַ שיין ווייב, און אויף די בעלי־ביתלאַך, וואָס זייערע ווייבער זיינען געווען מיאוסע, האָב איך געקוקט מיט רחמנות. מיר האָט זיך אויסגערוכט, אַז דאָס לעבן איז גאָר קיין לעבן נישט, ווען מען האָט אַ מיאוס ווייב.

די פאַמיליע האָט זיך ראָך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט מיין כּלה, צי זי איז טאַקע אַזאַ מיאוסע, און נאָך אַלע אויספאָרשונגען איז מען דער־גאַנגען, אַז די כּלה איז גראַדע אַ שיינע... רערצו קאָן זי אַלע האַנט־אַרבעט, איז אַ גרויסע בּריה. רערגאַנגען איז מען דאָס אָבער אין אַ יאָר נאָך די תּנאים. אַ גאַנץ קיילעכדיג יאָר אָבער האָב איך געהאַט קריינקונג צום טויט. איך האָב בּאַ קיינעם נישט געטאָרט פרעגן און דערמאָנען דער כּלהס נאָמען.

די תּנאים מיינע האָבן זיך געצויגן בּאַ אַ צוויי און אַ האַלב יאָר. זי איז געווען, ווי געזאָגט, אַ יתומה און בּאַ זיי אין דערהיים האָט מען זיך פאַרגעשטעלט, אַז די קאָטיקס, אַזאַ גרויסע פאַמיליע, מוזן ניין זעהר שיין געקליידט, מוזן זיין פּראַנטן, און מען האָט זיך ד א ר ט ן ג ע ש ר א ָ ק ן פאַר דער גאַרדעראָבע... און ווער רעדט נאָך — איינלייגן דעם נדן, איז געווען גאַנץ שווערליך...

און פון אונזער זייט איז אויך געוואָרן אַ מניעה. אין דער צייט זיינען בטל געוואָרן לייב־קנעכט, די פּריצים זיינען אָרים געוואָרן, עס האָט זיך אונטערגערוקט דער פּוילישער אויפשטאַנד און די אַרענדע איז בטל געוואָרן — זיינען מיר אַלע געבליבן אָהן פּרנסה, און די חתונה האָט זיך שוין געמוזט פאַרציהען.

פריהער האָב איך געהאַט געננוג קריינקונג, וואָס מיין כלה איז אַ מיאוסע, און דערנאָך, אַז מען האָט מיך פאַרזיכערט, אַז זי איז אַ שיינע, איז אָפּגעלעגט געוואָרן, צו מיין גרויסן פאַרדראָס, די חתונה. און מיר האָט זיך אָנגעהויבן צו בּיינקען נאָך אַ מענשן, וואָס איך קען אים נישט, און עס האָט זיך, בחרפתי, איך בּין מיך מורה, אַזוי געוואָלט חתונה האָבן! ביני לביני האָב איך נאָר געהאַט עגמת־נפש, אַז איך האָב שוין לערנען גאָר נישט געקאָנט און נישט געקאָנט קוקן אין אַ חקירה־ספר.

איך האָב מיך נאָך אַלץ געלערנט בּאַ יצחק אשרן „דעם שטערן־קנייטשער“, ווי איך מיט מיין חבר האָבן אים אַ נאָמען געגעבן. נאָר צו דער צייט זיינען בּאַם פעטער, דעם רב, קאַליע געוואָרן די אויגן, ער איז געפאָרן קיין וואַרשע, און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז די אויגן זיינען אים קאַליע פון צופיל קוקן אין ספרים. איצט מוז מען אים איין אויג איינגאַנצן קאַליע מאַכן, און דאָס צווייטע אויג, אויב ער וועט נישט לעזן, וועט דינען נישקשה.

אין וואַרשע האָבן אים קרובים געקויפט אַ גרויסן שטול צום לערנען, און ער איז געפאָרן מיט דעם שטול אַהיים. איצט האָט ער בּאַדאַרפט האָבן איינעם אַ מענשן, וואָס זאָל לערנען פאַר אים ש״ס און פּוסקים און שאלות־תּשובות. ער וועט דאָך נישט זיצן אַזוי און גאָרנישט לערנען. קריגן אַזוינעם אָהן געלט איז געווען שווער, און צאָלן געלט האָט ער נישט געקאָנט. דעמאָלט איז אים איינגעפאַלן נעמען מיך, אַז איך זאָל פאַר אים לערנען. קיין געלט וועל איך דאָך אים נישט קאָסטן. דאָס איז געווען פאַר אים אַ גוט געשעפט. און איך האָב פאַר אים געלערנט און גוט געזעצט די ווערטער, און ער איז געזעסן אין דעם הויכן לערערנעם שטול, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט און צוגעשאָקלט ווילעוויילעוויז מיטן קאָפּ. דאָס הייסט: „גוט, גוט“, און ער האָט מיך אַזוי געטריבן מיטן קאָפּ ווייטער, איך בין געלאָפן און געזעצט אַלץ: גמרא, תּוספות, שאגת־אריה, פּני־יהושע — אַלץ, איך האָב געזעצט, און ער האָט מיר געשאָקלט מיטן קאָפּ. איך האָב נישט געהאַט קיין צייט צו בּאַטראַכטן אַזעלכע שווערע ענינים, אַזעלכע הויכע פאַרוויקלטע סברות, ער האָט דאָס אַלץ געקאָנט כמעט ווי אויסווייניג, און איך בין געווען בּאַ אים נישט מער, ווי אַ גוטער זאָגער. אָבער לויפנדיג אַזוי אין דער גמרא,

האָב איך פאַר מיר נישט געקאָנט משיג זיין, וואָס איך זאָג, און דערווייל איז מיר אַלץ באַשערט געווען צו פטרן די יונגע יאָרן מיינע מיט אַ גוטן קאָפּ און גאָרנישט, וואָס עס טוט מיר עד היום שטאַרק, שטאַרק לייד.

אַ גליק איז געווען, וואָס מען פלעגט קומען צום רב מיט דין־תורות. אַנדערע פלעגן צו אים קומען שואל־עצה זיין מכּח זייערע געשעפטן, און ער האָט דעריבער געמאַכט, מיר זאָלן לערנען זעקס שעה אין טאָג. די איבעריגע צייט פלעג איך שוין פאַרברייענגען אַממיינסטן באַ משה־אהרנען, וואו איך האָב זיך צוגעגרייט צו אַ גרויסן וכּוח קעגן די חסידים.

אַז איך בין געוואָרן אַ חתן, האָב איך אָנגעהויבן צו ראַוונען אין חסידים־שטיבל און מיטזינגען מיט אַלע חסידים די נגונים. איך האָב דאָס געטאָן צוליב דעם טאַטן, ווייל ער האָט געמיינט, אַז איך בין אַ חסיד און וועל נאָך דער חתונה אָנהויבן פאָרן צום רבין. געוויינליך, האָב איך פאַר דער חתונה נאָך באַראַרפט אַ סך אָנקומען צום טאַטן, און נאָך דער חתונה האָט דער טאַטע געמיינט, וועל איך אים צוליב טון און פאָרן צום רבין, וועט ער שוין זיין מיט מיר זיכער.

איך האָב אַפילו באַשלאָסן גלאַט איצט נישט אַריינגיין מיט אים אין קיין מחלוקתן. ערשטנס, האָט עס נישט געפּאַסט; און, צווייטנס, האָב איך אים געשאַנעוועט. דאָס אַלץ האָב איך אָפּגעלעגט אויף נאָך דער חתונה. דעמאָלט וועט באַ מיר געפירט ווערן מיט אים אַ וכּוח. און אַזוי ווי איך האָב אים געהאַלטן פאַר אַ וואוילן און אַ למדן, וועט ער מיך פאַרשטיין, און איך וועל זיך מיט אים לאַנג נישט דאַרפן ראַנגלען. אָבער דאָך האָב איך זיך געשראָקן פאַרן וכּוח, אויף וועלכן עס וועלן געווים זיין אַזוינע לומדים־חסידים, ווי ר׳ אָרעלע און דעם פעטערס זון, און איך האָב זיך שטאַרק דערצו צוגעגרייט.

צוויי יאָר צייט האָב איך זיך אַלץ אַזוי געגרייט צום וכּוח און געקוקט אין תלמוד און אין אַנדערע גרויסע ספרים, וואָס זיינען קעגן דעם דרך החסידות.

---

# קאַפּיטל XXI

דער מאַניפעסט פון דער פּויערים־באַפרייאונג. — דאָס שמייסן די פּויערים. — דער רושם פון מאַניפעסט אויף די פּריצים. — די שווערע צייט פאַר אידן. — מיין זיידע מיט די פּריצים. — דער פּוילישער אויפשטאַנד. — „וויענטאַ ראָסיאַ“. — די פּוילישע בונטאָווסטשיקעס. — די באַציהונגען פון די פּוילישע רעוואָלוציאָנערן צו אידן. — אָגינסקי. — די אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאַנד. — די נקמה פון די פּויערים.

אין תּרכ״א, 1861־טן יאָר, איז אַרויס דער באַרימטער מאַניפעסט וועגן פּויערים־באַפרייאונג. דאָס איז עפּעס אויסגעפאַלן צו שבּת, און שבּת איז געקומען צופאָרן קיין קאַמעניץ דער איספּראַווניק. זונטאָג, צוועלף אַזייגער, ווען דער מאַרק איז געווען פול מיט פּויערים, איז געקומען דער איספּראַווניק מיטן אַסעסער און מיטן קליוטשוואָיט, וואָס האָט געהאַלטן אַ מעשענע „מערניצע“ מיט אַ האַמער און געפּויקט מיטן האַמער אין מערניצע. און אַז עס האָבן זיך אויפגעזאַמלט אַלע פּויערים, האָט דער איספּראַווניק געלעזן דעם מאַניפעסט.

נאָכן לעזן זיינען די פּויערים אַוועקגעפאָרן אַהיים. אַרבּעטן האָבן זיי שוין גאָרנישט געוואָלט, וואָס זיי האָבן נאָך באַדאַרפט דעם זומער לויטן מאַניפעסט. זיי האָבן נישט געוואָלט וואַרטן ביז נאָכן זומער. דער פּריץ ווידער האָט זיי שוין נישט געקאָנט מער שמייסן, און די פּויערים האָבן זיך צעבּונטעוועט.

די פּריצים האָבן געגעבּן צו וויסן דעם איספּראַווניק, און ער איז געקומען מיט אַ ראָטע זעלנער קיין קאַמעניץ. ער האָט פונאַנדערגעשיקט די סאָלדאַטן מיט רעסיאַטניקעס בּריינגען די פּויערים פון די דערפער, און נאָך ריטער צום שמייסן האָט ער אַוועקגעשיקט אַ גאַנצע פור אין וואַלד.

דער איספּראַווניק האָט געפרעגט די פּויערים, צי זיי ווילן אַרבּעטן זומער. דערויף האָבן זיי געגעבּן אַן ענטפער, אַז ניין. האָט מען אָנגעהויבּן

צו שמייסן צו דריי פויערים מיט אַמאָל אין רעכטן מיטן מאַרק, די קולות האָבן זיך געהערט פאַר אַ מייל און מען האָט אַזוי לאַנג געשמיסן, ביז זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן שוין יאָ אַרבעטן.

באַ די פּריצים איז ממש געוואָרן אַ טרויער. גאָר אַ קליינינקייט, זיי האָבן מיט איין מאָל באַראַרפט פאַרלירן אַלע זייערע לייב־קנעכט, וואָס האָבן געהאָרעוועט אויף זיי ווי פערד, ווי אייזלען, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט דעם פּריץ אַזוי פיל אַרבעט, בלוט און שווייס!

דאָס, וואָס איז געווען שלעכט פאַרן פּריץ, איז אויך טיילוויַיז געווען נישט גאָר גוט פאַר די דעמאָלט־יגע אידן. זיי האָבן דאָך כמעט אַלע געלעבט פון פּריץ, און איצט האָט זיך עס אויך אָפּגערופן אויף זיי. מילא, די פּריצים, ווי די פּריצים, „עפּעס“ איז זיי נאָך געבליבן פון אַזאַ חורבן. אָבער פאַר די אידן איז ווירקליך דעמאָלט געווען אַ שרעקליכע צייט.

פאַר זיי איז דעמאָלט אויפגעשטאַנען אַ גרויסע לעבנס־פראַגע: וואָס טוט מען? וואוהין קערט מען זיך? וואוהין גייט מען? און אָט די פראַגע איז געשטאַנען נישט נאָר פאַר די אָרימע קלאַסן, נאָר אויך פאַר די סאַמע פאַרמעגליכע, וואָס האָבן פריהער אַזאַ ברייט לעבן געפירט, וואָס האָבן פון קיינע צרות נישט געוואוסט. און אפשר נאָר פאַר די פאַרמעגליכע האָט זיך די נייע פראַגע אַוועקגעשטעלט אין איר גאַנצער גרויס.

און אַזוי האָט זיך אַוועקגעצויגן אַ דלות; אַ סך אידישע פאַמיליעס זיינען געבליבן אָהן ברויט. די, וואָס האָבן נאָך געהאַט געלט, האָבן געגעסן פון גרייטן רובל, און די, וואָס האָבן גאָר קיין געלט נישט געהאַט, זיינען געבליבן אָהן ברויט. עס האָט זיך דעמאָלט געדוכט, אַז דער קוואַל פון אידישע פּרנסות, וואָס האָט אידן געשפּייזט הונדערטער יאָרן, האָט איינגאַנצן אויסגעטריקנט און קיין נייע אייסוויכטן אויף פּרנסה איז נישטאָ און וועט אפשר נישט זיין, און מען האָט געמיינט, אַז מען איז שוין פאַר־לוירן אויף אייביג.

נאָר די פּריצים האָבן אויך דאָסועלבע געמיינט, און אַנדערע פון זיי האָבן זיך נישט געשעמט צו וויינען מיט טרערן.

די גאַנצע פּרנסה איז איצט געבליבן בלויז באַ די שיינקערס, וועלכע האָבן פריהער אויך געלעבט פון די פויערים, וואָס פלעגן קומען אַלע זונטאָג אין מאַרק ברייננען וואָס צו פאַרקויפן און פאַרשכורן. איצט איז נאָך זייער פּרנסה שטאַרקער געוואָרן, די פויערים האָבן זיך שוין פאַרגינינען טרינקען מער בראָנפן. פאַר די פּריצים האָבן זיי מער קיין מורא נישט געהאַט, טאָמער וועלן זיי זיין שכור מאָנטאָג אויך און וועלן קריגן געשמיסן. אָבער נישט דאָס גאַנצע פאָלק אידן זיינען שיינקערס; נאָר

פונדעסטוועגן זיינען די פויערים געווען אַ שטיצע נישט בלויז פאַר די שיינקערס אַליין.

אַז עס איז געקומען דער ערשטער פרייער ווינטער און די פויערים האָבן נישט געהאַט וואָס צו טון, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן לערנען פאַרשיידענע אַרבעטן, ווי באָנדעריי, טעפּעריי און רעסגלייכן, און די פויערטעס האָבן געשפּונען און געוועבט האַנטיכער, טישטיכער, לייוונטן אויף ספּאָרניצעס און האָבן אָנגעהויבן פאַרדינען געלט. און זונטאָג, אַז זיי פלעגן קומען אויפן מאַרק, האָבן זיי זיך ביסלעכווייז אויסגעלערנט צו קויפן לוקסוס־זאַכן, ווי סטיינגעלאַך, פאַטשערקעס, טיכלאַך און האָבן אָנגעהויבן אָפּט מאָל צו טראָגן שטיוול אָנשטאָט לאַפּטיעס.

און ביסלעכווייז האָט מען אין קאַמעניץ צוגעבויט נאָך אַ דרייסיג קראָמען, און ווער עס האָט געהאַט אַ הויז, האָט געעפנט אַ שיינק, און מען האָט געלעבט אין רחקות. עס פאַרשטייט זיך, יענע אידן, וואָס זייער פרנסה איז געווען נאָר פון די פּריצים, זיינען געבליבן אינגאַנצן אָהן פרנסה.

אין אַ יאָר אַרום, תרכ״ב, איז אומגעפאָרן אַ קאָמיסיע פון דער רעגירונג צו באַטיילן די פויערים מיט ערד און צו באַשטעטיגן אויף יעדן פויער די באַוואוסטע קאָנטריבוציע, וואָס ער דאַרף אויסצאָלן אין קאַזנאַ פאַר דער ערד אין אַ משך פון פערציג יאָר צייט.

דאָס ביסל אידן, וואָס האָבן, ווי איך האָב שוין געזאָגט, געלעבט גרויסאַרטיג און האָבן געשפּילט אַ נגידישע ראָליע, זיינען געוואָרן גע־דריקט. מען האָט שוין אויפגעהערט צו פירן אַ ברייט ׳לעבן, און די קרעמער, וואָס האָבן געהאַלטן לוקסוס־זאַכן פאַר די פּריצים, זיינען געבליבן מיט זייער סחורה, כאָטש וואַרף דאָס אַרויס אויף דער גאַס.

דער זיידע איז אומגעפאָרן צו די פּריצים „טרייסטן זיי". זיי זיינען, נעבעך, אַראָפּגעשליידערט געוואָרן פון הימל אויף דער ערד. איבערהויפּט אָבער האָבן דאָס נישט געקאָנט איבערטראָגן די פּריצ׳טעס. אַ קליינינקייט, מען האָט בײַ זיי צוגענומען אַזאַ ממשלה! זיי האָבן ממש געוויינט מיט ביטערע טרערן.

די פּריצים האָט, אייגנטליך, מער געקרייינקט דאָס, וואָס די פויערים, וועלכע זיינען פריהער געקראָכן אויף דער ערד פאַר זיי, און ער, דער פּריץ, האָט זיך פאַרגינען צו שמייסן אַ גאַנצע פאַמיליע, אַ פאָטער מיט אַ מוטער, מיט זין און שניר, און טעכטער און איידעמס אויף איין מאָל, אין איין הויז, און וואָס דערנאָך זיינען זיי, די אָפּגעשמיסענע, אויפגעשטאַנען און געקושט דעם פּריץ די פיס און אים איבערגעבעטן, — זאָלן זיי, די פויערים, איצט אַרומגיין פרייע און פריילעכע און מען זאָל נישט קאָנען מער אַרויפלייגן אויף זיי אַ פינגער. כאָטש איין שמיצעלע!

איצט, אַז אַ פּויער וועט וועלן, וועט ער אַפילו פאַרן פּריץ דאָס היטל אויך נישט אַראָפּנעמען. און דער פּריץ וועט זיך באַדאַרפן באַ אים בעטן, אַז ער זאָל אים פאַראַרבעטן זיינע פעלדער פאַר געלט. און וויפיל דער פּויער וועט זיך הייסן געבן, וועט ער אים מוזן באַצאָלן.

אָבער דער זיידע האָט זיי געטרייסט און געזאָגט, אַז דאָס איז טאַקע „סטראַשנע“, נאָר אַלץ פון אָנפאַנג, איידער מען ווערט געוווינט.

— איר האָט נאָך נענוג פאַרמעגן, איר האָט נאָך נענוג ערד — האָט ער זיי באַרוהיגט — און איר וועט טאַקע דינגען די פּויערים צו אַרבעטן אויך פאַר געלט. אָבער דאָס איז נאָר שרעקליך פון אָנהויב. גלויבט מיר, זיי וועלן בלייבן ריזעלבע קנעכט, ווי געווען. וואָרום איצט וועט באַ זיי זיין דער האַר די קאָפּיקע, און זיי וועלן גיין פאַר אייך אויף אַלע פיר.

— אַדרבה, נאָך מיין מיינונג — האָט ער זיי אַלץ „געטרייסט“ — איז פאַר אייך אַ טובה אָט די פּויערים־באַפרייאונג. איר וועט אָנהויבן לעבן אַ סאָליד לעבן, איר וועט פירן אייער מאַיאָנטעק, איר וועט אַליין דאַרפן אומעטום זיין און פילעווען די אַרבעטער. איר וועט היטן, מען זאָל אייך נישט באַגנבענען, איר וועט נישט שפילן אין קאָרטן. איר וועט נישט פּראַווען קיין אומזיסטע און איבעריגע בעלער, און אייער לעבן וועט אַוועק נאָך בעסער.

אהרן־לייזערס ווערטער האָט זיי אַביסל באַרוהיגט, זיי האָבן נעפילט אַ סך אמת אין די ווערטער. אַנדערע פּריצים, וואָס האָבן נישט געקאָנט איבערטראָגן די איבערקערעניש, האָבן אומישנע געשיקט נאָכן זיידן, ער זאָל זיי אַביסל באַרוהיגן.

און אַזוי איז ער כמעט אַ גאַנץ יאָר אומגעפאָרן צו אַלע פּריצים, זיי מנחם געווען און געמאַכט אַביסל גרינגער דאָס האַרץ. און ער אַליין, דער זיידע, האָט גאָרנישט געהאַט קיין האַרץ צו רייזן מיט זיי וועגן געשעפט און האָט מיט זיי קיין געשעפט דאָס גאַנצע יאָר נישט געמאַכט. ער האָט נאָך באַ די געמיינערע פּריצים געהאַט איבערגעלאָזן זיין געלט, ביז זיי וועלן זיך באַרוהיגן.

און באַ אונז אין דער פאַמיליע האָט מען שוין אָנגעהויבן צו שפּירן אַ שלעכטע צייט. עס איז מער נישט געבליבן, ווי נאָר דאָס איינע געשעפט — די אַרענדע. דערפון דאַרף לעבן אַ פאַמיליע אפשר פון אַ זעכציג נפשות.

און באַלד איז אַרויסגעשפּרונגען דער אויפשטאַנד אין פּוילן און ליטע אין אָנפאַנג פונם 1863־טן יאָר. דאָ איז שוין גאָר געוואָרן פאַר די אידן אַן אומגליק. די פּריצים און די שליאַכטע זיינען אַרויס מחנותוויז

אין די װעלדער מיט געװער, האָבן אָנגעהויבן צו גיין „איינגעמען" די קליינע שטעטלאַך, װאו עס איז נישט געװען קיין פוס פון קיין רוסישן זעלנער. אַז זיי זיינען אַריין אין אַ שטעטל, האָבן זיי צום ערשטן אַראָפּגעריסן דעם רוסישן אָדלער פון װאָלאָסט, אויפגעהאַנגען אַ פּוילישן הערב און דערביי געשריען: „װזיענטאַ ראָסיאַ". די פּריצים־רעװאָלוציאָנערן זיינען זיך דערביי זעהר „איינגעאַרטינג" באַגאַנגען מיט אידן.

אין שטאָט איז געפאַלן אויף די אידן אַ שרעק, מען האָט מורא געהאַט אַרויסצוגיין אויף דער גאַס. און דער איד, װאָס איז געגאַנגען אין גאַס און געזעהן אַ פּוילישן זעלנער, דאָס הייסט אַ שליאַכטיטש, נישט זאָגנאָר קיין אָפיציר, װאָס איז געװען אַ פּריץ, האָט ער געמוזט אַראָפּכאַפּן דאָס היטל און זיך איינבויגן אין דרייען, מיט הכנעה, און װער רעדט — אַן אָפיציר, דאָ האָט ער געמוזט פאַלן אויף אַלע פיר, זיך בויגן און בוקן. און טאָמער איז דעם פּריץ נישט געפעלן געװען דעם אידנס בוקן זיך, האָט מען אים באַלד צוגענומען, געשלעפּט אים פאַר דער באָרד, געבראַכט צום פּאָלקאָװניק, יענער זאָל אים משפּטן. דערװייל האָט מען געמאַכט חוזק פון דעם אידן, פון זיינע ציצית און פון זיין באָרד און פּאות, מען האָט אים געריסן, אומגעשלײדערט און אומגעװאָרפן, און דער איד האָט עס אַלץ באַראַפט אויסשטיין, ביז דער פּאָלקאָװניק האָט געהייסן אָפּלאָזן דעם זשיד, װאָס האָט דאָ אויפן אָרט געמוזט שװערן צו זיין געטריי דער פּוילישער רעגירונג.

לאַנג פאַרבלייבן אין אַ שטעטל האָבן די מיאַטעזשניקעס נישט געקאָנט. אין אַ צװיי, דריי טעג אַרום פלעגן קומען רוסישע סאָלדאַטן, קאָזאַקן מיט אַרטילעריע, און די פּריצים פלעגן אַנטלויפן. פיל האָבן זיך באַהאַלטן באַ די אידן אויף די בוידעמער, אין די קעלערס, אין די „פּאָפּיעצן" פאַר הינער, אין די אויװנס; און די באַהאַלטענע פּריצים האָבן אָבער מורא געהאַט, אַז די אידן זאָלן נישט אַרויסגעבן, װאו זיי ליגן באַהאַלטן, װען די סאָלדאַטן װעלן די אידן נויטן. און די פּריצים האָבן מיטגענומען מיט זיך אין „פּאָפּיעץ", אָדער ערגעץ אויפן בוידעם אין אַ לאָך — אַ אידן פאַר אַ משכּון. עס איז נישט קיין לענגערע, װאָס מען דערציילט, אַז די פּריצים, ליגנדיג באַהאַלטן אין די לעכער מיט די פאַרמשכּונטע אידן, האָבן געפאָדערט בעת־מעשה פונם אידן, אַז ער זאָל אַראָפּנעמען דאָס היטל און ליגן באַהאַלטן מיט אַ בלויזן קאָפּ, װאָרום ער ליגט מיט אַ פּריץ! און אַפילו קיין יאַרמאָלקע האָט דער איד נישט געטאָרט טראָגן אויפן קאָפּ.

דאָס רוסישע מיליטער האָט געיאָגט די פּריצים, צעהאַנגען און צעשמעטערט זיי, נאָר מאַכן מיט איין מאָל אַ סוף איז געװען שװער. קוים זיינען די רוסישע סאָלדאַטן אַרויס פון שטאָט, האָבן זיך װידער באַװיזן

נייע מחנות פריצים. דאָס גאַנצע יאָר איז געגאַנגען אַ קאַמף צווישן די רוסן און פּאָלאַקן.

אויף די פּויערים איז געפאַלן אַן אימה מיט אַ פּחד, אַז די פּאָלאַקן זאָלן נישט איינגעמען רוסלאַנד. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דעמאָלט, אויב דאָס וועט מקוים ווערן, וועט צוריק איינגעפירט ווערן לייב־קנעכט. זיי האָבן אויך מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון דאָרף, מען זאָל זיי נישט נעמען מיט געוואַלד אין אויפשטאַנד אַריין.

די פּויערים האָט מען אָבער נישט גענומען, מען האָט זיך אויף זיי נישט אָנגעטרויט. נאָר אַז מען האָט געכאַפּט איינצעלנע פּויערים אויפן וועג אָדער אין וואַלד, האָט מען זיי צוגענומען און געגעבן זייטיגע אַרבעט, נישט מיטן ביקס.

אָבער מיט אידן איז צוגעגאַנגען טויזנט מאָל ערגער. אַז מען האָט געכאַפּט אַ אידן, וואָס איז געגאַנגען אין די הויפן אָדער געפאָרן ערגעץ פאַררינגען, האָט ער שוין געהאַט דעם אמתן טויט־שרעק. קודם־כל, האָט מען אים אָנגעזאָגט, אַז מען וועט אים הייגנען, דערנאָך האָט מען זיך גוט אָנגעלאַכט פון „זשיד“, און אַז ווייטער חוזק האָט מען שוין נישט געקאָנט, האָט מען גענומען אַ שטריק, לאַנגזאַם אָנגעטאָן דעם אידן אויפן האַלז און געהייסן אים זאָגן וידוי, דערביי איז מען, פאַרשטייט זיך, געפאַלן אויף דער ערד לאַכנדיג.

דער איד האָט געזאָגט וידוי באַ זייער חיהשן געלעכטער. דאָס איז צוגעגאַנגען שרעקליך לאַנגזאַם, אינקוויזיטאָריש, טיראַניש. אין אַ פּאָר שעה אַרום, אַז דער איד האָט מיט טייכן טרערן געענדיגט זיין וידוי און האָט שוין נישט געהאַט קיין כּח מער צו וויינען, האָט מען אים אָפּגעבונדן דעם שטריק און געזאָגט:

— זשיד, דו ווייסט דאָך, אַז מיר זיינען גוטע מענשן. האָסטו געמיינט, אַז מיר וועלן דיך הייגנען? דאָס קאָן דער רוס, אָבער נישט מיר, פּאָלאַקן. שווער, אַז דו וועסט אונז זיין געטריי? און טאָמער וועסטו באַגעגענען אויפן וועג דעם רוס, זאָלסטו נישט זאָגן, וואו מיר געפינען זיך — און גיי!..

פלעגט קומען דער איד, אָדער די עטליכע אידן אַהיים מיט טויטע פּנימער, אָהן אַ טראָפּן לעבן און מיט זייער אויסזעהן דערשרעקן ביזן טויט דאָס הויז מיט די קינדער. אַנדערע זיינען אַפילו גיך געשטאָרבן פון אַזאַ „שפּיל“ פון די „גוטע“ פּאָלאַקן.

דער קאַמף איז געגאַנגען אַזוי. אויב די פּאָלאַקן זיינען געווען אין דריי מאָל, צי אין פיר מאָל אַזוי פיל, איידער די רוסן, דעמאָלט איז געווען אַ שטאַרקער שלאַכט, ביז די רוסן, ווי אַ נאָרמאַל מיליטער, האָבן זיי מנצח געווען, אָדער גענומען אין געפאַנגענשאַפט. אויב אָבער די

פּאָלאַקן זײַנען געװען נישט פיל מער, האָט מען זיך לאַנג נישט געשלאָגן. די פּאָלאַקן האָבן זיך באַלד אונטערגעגעבן אָדער צעלאָפן. נאָר אָפט מאָל פלעגן די רוסן באַפאַלן דעם גאַנצן װאַלד, אַרומגענומען אים און ביסלעכװײַז גענומען אַלע פּאָלאַקן אין געפאַנגענשאַפט.

איינמאָל האָבן די פּאָלאַקן געבן שטעטל טשערנאַװטשיטש, נישט װײַט פון אונז, אָנגעטאָן אַ אירן אַ שטריק אויפן האַלז, װי זײַער שטײנער איז. בעת מעשה איז אָנגעקומען אַ גאַנצער באַטאַליאָן רוסישע זעלנער מיט אַן עסקאַדראָן קאָזאַקן. פּאָלאַקן זײַנען אינגאַנצן געװען אַ פּאָר הונדערט און צװישן זיי האָבן זיך געפונען די גרעסטע יחסנים פּריצים. מען האָט זיי אַרומגערינגעלט, און אַז די רוסן זײַנען געקומען געהענטער, האָבן זיי דערזעהן, װי די פּאָלאַקן האַלטן אין הײנגען אַ אירן. דעם אירן האָבן זיי באַלד באַפרײַט פון דעם שטריק, און דער רוסישער פּאָלקאָװניק, װאָס האָט דערקענט דעם פּוילישן פּאָלקאָװניק, האָט געפרעגט:

— פאַרװאָס האָסטו דעם אירן געװאָלט הײנגען?

— מיר האָבן זיך געװאָלט לוסטיג מאַכן, — האָט דער פּוילישער פּאָלקאָװניק געענטפערט.

עס פאַרשטײט זיך, אַז דעם רוסישן פּאָלקאָװניק האָט זיך איצט געװאָלט לוסטיג מאַכן איבער דעם פּוילישן פּאָלקאָװניק...

גענעראַל מוראַװיאָװ איז געװאָרן ריקטאַטאָר איבער גאַנץ ליטע. די אַלע געפאַנגענע פּריצים האָט מען אָדער פאַרשמיסן, אָדער געהאַנגען און דערשאָסן, אָדער אַרײַנגעזעצט אין טורמע, אין נאַסע קעלערס, װאו מען האָט אַרײַנגעלאָזט צו זיי מײַז און פאַצוקעס. מען האָט זיי אַזוי געפּײַניגט, אַז קיינער האָט מער װי דרײַ חדשים נישט געקאָנט אויסהאַלטן.

צען װיאָרסט פון קאַמעניץ, אין טשעמעריער װאַלד, איז געװען אַ גרויסע מחנה פּאָלאַקן. אין דער מחנה האָט זיך רעמאָלט געפונען דער גאַנצער אָנפירער פון אויפשטאַנד, װעלכן איך האָב שוין איין מאָל דער־מאָנט, דער פּריץ אָגינסקי מיט זײַן סװיטע, װאָס איז באַשטאַנען פון די גרעסטע כראַביעס פון ליטע. אָגינסקי איז געװען קאַנדידאַט אויפן פּוילישן טראָן.

פון ערגעץ האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג: נאָך ראש־השנה, אַז די פּאָלאַקן װעלן אַרײַן צו כּל־נדרי אין קאַמעניץ, װעלן זיי אויסשעכטן אַלע אידן אין שול און אין די בתּי־מדרשים, אַזוי װי אין כמעלניצקיס צײַטן, אין גזירות ת״ח. האָט מען זיך שטאַרק דערשראָקן. נאָר דער זיידע אהרן־לייזער האָט מער אָדער װײניגער באַרוהיגט דעם עולם.

— מיר האָבן נאָך נישט געהערט — האָט ער אײַנגעטענעט מיטן עולם, אַז די פּאָלאַקן זאָלן טון די אידן שלעכטס. עס מאַכט זיך אַמאָל,

אַז זיי שרעקן איבער אַ אירן מיטן טויט, אָבער זיי זיינען נישט קיין רוצחים, בשום אופן נישט, און מען זאָל אין דעם נישט גלויבן. גאוה האָבן זיי האָלט — דאָס יאָ...

דערנאָך זיינען געקומען צוויי פּאָלקן רוסיש מיליטער בראש מיט עפּעס אַ באַרימטן פּאָלקאָווניק, וואָס איז געשיקט געוואָרן ספּעציעל פון פּעטער־בורג צו כאַפּן אָגינסקין, וואָס האָט זיך זעהר אויסגעצייכנט קעגן די רוסן, און וועגן אים זיינען אַפילו פאַראַן לעגענדעס בּאַ אידן, וואָס וואוינען אין די ערטער, וואו דער אויפשטאַנד איז געווען.

דער רוסישער פּאָלקאָווניק האָט אים געוואָלט כאַפּן לעבעדינערהייט, וואָס דאָס האָט מען זיך וואַרשיינליך געוואונשן אין פּעטערבורג. און אָט האָט אויסגעבראָכן די שלאַכט אין טשעמעריער וואַלד. דאָס שיסן האָבן מיר געהערט אין קאָמעניץ. עס האָט לאַנג געדויערט, און די רוסן האָבן מנצח געווען. נאָר אָגינסקי איז אַנטלאָפן. זיין זעבל האָט דאָס רוסישע מיליטער געפונען, איך אַליין האָב אים געזעהן. דאָס איז געווען זעהר אַן אויסטערלישער זעבל, נישט קיין גרויסער און האַלב אַ רונדער, אַזוי ווי אַ היפשער סערפּ, באַזעצט מיט גרויסע פּערל. דער רוסישער פּאָלקאָווניק האָט אים געהאַלטן.

דער פּאָלקאָווניק מיט די צוויי פּאָלקן און פיר עסקאַדראָנען קאָזאַקן האָט זיך געלאָזט ווייטער נאָך אָגינסקין, ביז ער איז געקומען קיין פּינסק. דאָרט האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ שלאַכט. די פּאָלאַקן האָבן פאַרלוירן די שלאַכט, און אָגינסקי איז ווידער אַנטלאָפן. אַנטלאָפן איז ער אין אַ דאָרף צו אַ פּויער, האָט דעם פּויער געגעבן צען הונדערטער, אַז יענער זאָל אים פאַרבאַהאַלטן באַ זיך. דער פּויער האָט אים אַריינגעלאָזט אין אויוון, און אַליין האָט ער אָבער באַלד געשיקט קיין פּינסק צום רוסישן מיליטער אָנזאָגן, אַז באַ אים האָט זיך באַהאַלטן אָגינסקי. אויף מאָרגן האָט מען אים גענומען באַ דעם פּויער. איידער מען האָט אים גענומען, האָט ער צעריסן צוויי הונדערט טויזנט רובל פּאַפּיר־געלט, וואָס ער האָט געהאַט באַהאַלטן באַ זיך. אַזוי איז ער געפאַנגען געוואָרן. מען האָט אים געבראַכט קיין פּעטערבורג. נאָכדעם ווי מען האָט געכאַפּט אָגינסקין, האָבן די פּאָלאַקן פאַרלוירן דעם מוט, און זיי האָבן שוין נישט אַרויסגעשטעלט קיין גרויסע אַרמיי אויף אַ פּלאַץ, נאָר אין די וועלדער, צו ביסלעכווייז, און אַזוי האָט זיי מוראַוויאָוו דערשטיקט.

מיין פעטער, ר׳ ליפּעס אַ זון, איז געווען אַ סעמיאַטיטשער איידעם און האָט דאָרטן געוואוינט. מיט אַמאָל איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז אַהין זיינען געקומען פּאָלאַקן אַ טויזנט פינף הונדערט מאַן, ווי דער שטיינער איז, איבערגעביטן די אָרלערס און שוין איינגענומען רוסלאַנד. אין

גיכן איז געקומען אַ גאַנצער פאָלק זעלנער מיט קאָזאַקן און אַרומגערינגעלט גאַנץ סעמיאַטיטש, צעשאָסן אַלע אידן מיט די פּאָלאַקן צוזאַמען. אַזאַ קלאַנג איז אַרויס. איז געוואָרן בּאַם פעטער אין שטוב אַ געוויין. דער פעטער האָט זיך איינגעשטעלט און געפאָרן קיין סעמיאַטיטש. ער איז געקומען אַהין צוויי טעג נאָכן שלאַכט. אַז ער איז אַריין אין שטאָט, איז ווירקליך געווען ענליך אָן דעם. אומעטום איז געווען וויסט און לער, מען האָט נישט געזעהן קיין לעבעדיגן נפש אין די אויגן. אויף יעדער שריט און טריט האָבּן זיך געוואַלגערט געהרגעטע פּאָלאַקן. אַנדערע האָבּן זיך נאָך געוואָרפן אין אַגאָניע. ער גייט אַבּיסל ווייטער, דערזעהט ער אַ אידן גיין. פרעגט ער, אַ טויט דערשראָקענער:

— וואו זיינען אַלע סעמיאַטיטשער איינוואוינער?

זאָגט דער איד:

— זיי ליגן אַלע אויפן בּית־עולם.

און דער איד האָט אים אַוועקגעפירט אַהין. דאָרט האָט ער געפונען זיין זון מיט דער שנור און קינדערלאַך. דאָס איז געווען אַזוי: דאָס רוסישע מיליטער האָט אַרומגערינגעלט די שטאָט. די פּאָלאַקן, אַז זיי האָבּן דערזעהן דאָס רוסישע מיליטער, האָבּן זיי זיך גאָר נישט געשלאָגן. דער פּאָלקאָווניק האָט געהייסן אַלע איינוואוינער פון שטאָט, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן זייערע הייזער און אַרויף אויפן בּית־עולם. האָט מען אַזוי געטאָן: אידן זיינען אַרויף אויף זייער בּית־עולם, און די פּראַוואָסלאַווע אויף זייער בּית־עולם. און איצט האָט זיך אָנגעהויבּן די שלאַכט, אין וועלכער עס זיינען געפאַלן אַלע פּאָלאַקן בּיז איינעם. דער פּאָלקאָווניק האָט געהאַט אַ בּאַפעל נישט צו נעמען געפאַנגענע, וויל אַלע טורמעס זיינען שוין געווען פול געפּאַקט. בּעסער הרגענען.

און די איינוואוינער האָבּן געוואַרט אויף די בּית־עולמס, בּיז דער פּאָלקאָווניק וועט זיי הייסן אומקערן זיך אַהיים. אויפן דריטן טאָג האָט ער געהייסן אַלעמען גיין אַהיים.

דער פעטער האָט דערציילט, אַז עס האָט קיינעם נישט געשאַדט, נאָר איין איד, ר׳ דוד דער בּרייטער, איז געהרגעט געוואָרן. איך האָבּ שוין געשריבּן וועגן אים.

די פּאָלאַקן האָבּן זיך העלדיש, מיט גרויס מוט געראַנגעלט. בּשעת די אידן זיינען געגאַנגען פון בּית־עולם, האָבּן זיי געזעהן אויף דער ערד ליגנדיג געטויטע און פאַרוואונדעטע פּאָלאַקן. איין פּאָלאַק, האָט דערציילט דער פעטער, איז געלעגן אויף דער ערד מיט אַן אויפגעשניטענעם בּויך. ער האָט געגוססט און האָט דאָך געשעפּטשעט מיט די לעצטע כּחות:

— יאַ יעשטשע ניע פּאָראַמסאַ.

מוראַוויאָוו האָט אַריינגעשיקט אין יערן אויעזר צוויי אָפיצירן, וואָאינסקי נאַטשאַלניקעס. יעדער רוסישער אָפיצירל איז אַרומגעפאָרן, אַרומ־גערינגעלט מיט אַ סאָטניע קאָזאַקן. אין זיין קאַרעטע איז ער געזעסן באַהאַנגען אַרום זיך מיט אַ סך געווער, געפאָרן איז ער איבער אַלע הויפן קאָנטראָלירן, וועלכע פּריצים זיינען דאָ אין דערהיים, און וועלכע נישט. און אַז ער האָט אַ פּריץ נישט געטראָפן, האָבן די קאָזאַקן געשמיסן די פּריצטעס מיט די טעכטער, אַז זיי זאָלן אויסזאָגן, וואו דער פּריץ איז.

אויך האָבן די אָפיצירן געהאַט באַ זיך מעראַלן פון מוראַוויאָוון צו געבן יענע פּריצים, וועלכע וועלן אויסזאָגן, וואו עס געפינען זיך די שייקעס פון פּאָלאַקן.

פון אָנפאַנג, ווי געזאָגט, האָבן די פּויערים מורא געהאַט פאַר די פּאָלאַקן. זיי האָבן מורא געהאַט אַרויסצוטרעטן פון דאָרף, טאָמער וועלן זיי די פּאָלאַקן מיט געוואַלד נעמען אין שלאַכט אַריין. אָבער צום סוף, אַז עס האָט אָנגעהויבן ווערן וואָס ווייטער ווייניגער שטרייטנדע פּאָלאַקן, און זיי האָבן שוין אויך קיין מוט נישט געהאַט און אַהיים האָבן זיי נישט געקאָנט קומען, ווייל זיי זיינען שוין געווען פּאַרצייכנט באַם וואָאינסקי נאַטשאַלניק, אַז זיי געפינען זיך אין וואַלד — האָבן די פּויערים אָנ־געהויבן צו נעמען נקמה אָן די פּריצים. זיי פלעגן קומען צו זייער פּריץ באַנאַכט, אַרויסגעשלעפּט אים פון בעט, געבונדן אים, אָפּגעשמיסן, און דערנאָך אַוועקגעפירט צום וואָאינסקי נאַטשאַלניק און געזאָגט, אַז זיי האָבן אים געפונען אין וואַלד. וואָס מען האָט דעם פּריץ געטאָן דערפאַר, איז פאַרשטענדליך.

אַזוי האָבן די פּויערים גענומען נקמה אָן זייערע פּריצים. אַ סך פּריצים זיינען אַריינגעפאַלן צו זייערע פּויערים, געוועזענע לייב־קנעכט, אין די הענט אַריין, און זיי האָבן מיט זיי געטאָן, וואָס זיי האָבן געוואָלט.

אַ געוואַלדיגע צאָל פּריצים איז צענישטערט געוואָרן: צעהאַנגען, צעשאָסן, צעמזיקט, צעשטיקט, צעשיקט אין סיביר און אין אַלדע שוואַרץ יאָר. אַ סך הויפן זיינען קאָנפיסקירט געוואָרן, און רוסישע אָפיצירן האָבן אָפּגעקויפט די גרעסטע מאַיאָנטקעס מיט אַ הונדערטער. פאַר אַ מאַיאָנטעק, וואָס מען האָט דערנאָך געצאָלט דריי טויזנט רובל אַ יאָר אַרענדע, האָט דער רוס געגעבן אַ קליינינקייט אָדער גאָרנישט.

דער חורבן פון די פּאָלאַקן — איז איינס פון די שרעקליכסטע גרוילן פאַר די לעצטע פאָר הונדערט יאָר.

---

# קאַפּיטל XXII

—

**מיין פֿעטער אַלס בעל־מופֿת. — בערל־בענדעט און סיכאָווסקי. — דער קלאַנג וועגן מופֿת. — זיין שם אין דער סביבה. — דעם זיידנס פּלאַן. — די לאַגע פֿון אידן נאָכן אויפֿשטאַנד.**

אין דער צייט פֿון אויפֿשטאַנד, ווי געזאָגט, איז די אידישע לאַגע געווען אויסערסט שלעכט. עס איז נישט געווען קיין פּרנסה, די קראָמען האָבן געפּוסטעוועט. פּריצים און פּויערים זיינען נישט געקומען אין שטאָט. די לעצטע האָבן מורא געהאַט פֿאַר די באַנדעס פּאָלאַקן — און דער אידישער דלות איז געווען אין לשער. אידן האָבן מורא געהאַט אַרויסצוגיין פֿון שטעטל, און אַלע קוואַלן פֿון פּרנסה האָבן זיך אויסגענומען.

בעלי־מלאָכות זיינען זיך צעפֿאָרן קיין אָדעס און אין וואָלינער געגנט, מען האָט פֿאַרקויפֿט הייזער אויף ברויט, מען האָט פֿאַרקויפֿט און פֿאַרזעצט, וואָס איינער האָט געהאַט, אַבי צו דערהאַלטן זיך בײַם לעבן.

די איינציגע האָפֿענונג איז געווען, אַז דער נישט־גלייכער שטרייט וועט לאַנג נישט דויערן: דער שטאַרקער רוס וועט מסתּמא מנצח זיין די פּאָלאַקן, און דערנאָך וועט זיך אפֿשר ווידער אָנהויבן אַ לעבן, און גאָט וועט ווידער העלפֿן, אַזוי ווי ער האָט ביז איצט נישט פֿאַרלאָזט. אַזוי האָבן די אידן מסדר געווען אין די בתּי־מדרשים.

אָבער דערווייל האָבן די אידן, נערוועזע, געפּאַלענע, צערודערטע, אַרומ־געבלאָנקעט אין דרויסן, גערעדט כּסדר פֿון אויפֿשטאַנד און זיך צוגעהערט צו יעדער פּאָליטישער נייעס.

איך האָב דעמאָלט געלערנט מיט מיין פֿעטער דעם רב. און אין דער צייט, געדיינק איך, איז צום רב געקומען צופֿאָרן דער פֿעטער בערל־בענדעט, שרעקליך אויפֿגערעגט און פֿאַרסאָפּעט, און דערציילט, ווי צו זיין פּריץ סיכאָווסקין איז געקומען היינטיגע נאַכט אַ שייקע פּריצים, גענעסן און געטרונקען און נאָך צוגענומען בײַ אים דריי טויזנט רובל. וועגן דעם

האָט ער, ווענדלריג ריין מאַכן דעם פריצ'ס נאָמען, געמעלדעט דעם וואָאינסקי נאַטשאַלניק אין שערשאָוו, און לויטן אוקאַז פון מוראַוויאָווען קומט דעם פריץ אַ מעדאַל. נאָר דער וואָאינסקי נאַטשאַלניק, אָנשטאָט צו שיקן אַ מעדאַל, האָט געשיקט נאָך דעם פריץ דריי קאָזאַקן, אַז זיי זאָלן אים ברייננען און בערל־בענרעט האָט מורא, אַז מען זאָל קיין שלעכטס נישט טון דעם פריץ.

על־כן זאָל דער רב בעטן, אַז דער פריץ זאָל באַפרייט ווערן און אַז דעם רבס תפילות וועלן אָנגענומען ווערן, גיט ער, בערל־בענרעט, אויף ר' מאיר בעל־הנס אכצען רובל.

אָבער דער רב, וואָס איז געווען אַ חכם, האָט אָפּנים פאַרשטאַנען, אַז מען וועט דעם פריץ קיין שלעכטס נישט טון, און ער האָט מער נישט געפרעגט:

— וויפיל מייל איז פון הויף טשעכטשאָווע קיין שערשאָוו און וויפיל מייל קיין קאַמעניץ.

— פון הויף קיין שערשאָוו — צוויי מייל, און דריי מייל קיין קאַמעניץ.

— נו, — האָט געזאָגט דער רב — אַז איר וועט קומען אַהיים, וועט איר שוין אַוודאַי טרעפן דעם פריץ מיט אַ מעדאַל.

אין עטליכע שעה אַרום איז טאַקע געקומען צום רב ישראל־אהרן, בערל־בענרעטס איידעם, מיט אַ שמחה, אַז דער שווער האָט שוין געטראָפן דעם פריץ מיט אַ מעדאַל, און ער גיט דעם רב אַכצען רובל אויף ר' מאיר בעל־הנס.

אין גיכן איז באַקאַנט געוואָרן די מעשה, און דעם רבס פאָראויסזאָגונג איז אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ מין מופת.

נאָר אין שטאָט און אין דער אומגעגנט האָט מען צעטראָגן דעם „מופת" נאָך מיט אַכצען ליגנס, און דערפון איז פּלוצלינג דער רב אויס־געוואַקסן געוואָרן פאַר אַן עכטן בעל־מופת. מען האָט אים שוין נישט געלאָזט רוהען. איז אַ ווייבל געגאַנגען צו קינד, איז מען געקומען בעטן און וויינען פאַרן רב, ער זאָל מתפלל זיין. און אין עטליכע שעה אַרום איז מען געקומען אָפּגעבן מזל־טוב דעם רבי, אַז דאָס ווייבל האָט געלונגען געהאַט אַ אינגל צי אַ מיידל. און אַז עמיצער איז קראַנק געוואָרן, האָט מען זיך באַלד געווענדט צום רב, און ער האָט שוין געשטעלט אַ פושקע אויף ר' מאיר בעל־הנס, וואוהין מען פלעגט אַריינוואַרפן ווי איינער האָט געקאָנט; דער קראַנקער איז געזונט געוואָרן, און דעם רבס נאָמען האָט געקלונגען און געקלונגען, אַז ער איז פּראָסט מחיה־מתים און טוט כל הוואונדער.

דערווייל האָט מען שוין איבערגעשלאָגן דאָס לערנען, און איך בין שוין אויך געוואָרן אַ מין בעל־מופת אַרום פעטער. מחמת איך פלעג נישט קאָנען הערן פון די ווייבער זייערע ריידעניש מיט די בעטענישן און מיטן טויזנטער מאָל איבערחזורן איין זאַך, פלעג איך זיי זאָגן מעשׂה בעל־מופת:

— דער רבֿ גיט דאָך אייך אַ ברכה, טאָ גייט אייך אַהיים, נאָט וועט מסתּמא העלפן, העלפן...

נאָכן אויפשטאַנד, וואָס האָט געמוזט צוליבן טומל אויפהאַלטן דעם רבֿס פּאָפּולאַריטעט אַלס בעל־מופת, האָט מען אָנגעהויבן קומען צום רבֿ פון בריסק ממש אויף צענדלינגער בריטשקעס. מען האָט זיך געשאָטן פון אַלע זייטן אַזוי, אַז מיר האָבן שוין נישט געקאָנט לערנען. האָט שוין דער רבֿ געמאַכט, מיר זאָלן לערנען פיר שעה אין טאָג, פון צוועלף ביז פיר. דעמאָלט האָב איך פאַרקייטלט די טיר און געלערנט פאַר אים, און דער גאַנצער שול־הויף איז געווען שוואַרץ פון מענשן. ד אָ ס ה אָ ט מ ע ן ג ע וו אַ ר ט א ו י ף ן ב ע ל ־ מ ו פ ת. און וואָס אַ טאָג ווייטער, איז דער עולם געוואָרן אַלץ אייבגער און געדריכטער. מען האָט שוין אָנגעהויבן פאָרן פון ביאַליסטאָק, און עס איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז דער רבֿ האָט געמוזט שיקן נאָך זיין זון שמחהן פון פּינסק. יענער איז געקומען צופאָרן מיט זיין ווייב און קינדער. אָנגעהויבן האָט זיך שוין מיט קוויטלאַך און מיט צעטלאַך, וועלכע דער זון האָט שוין געשריבן, און מען האָט אויך באַדאַרפט האָבן נאָך אַ מענשן, וואָס זאָל אַרומגיין אַרום די קליענטן. דער מענש, ביינוש דער שמש, איז שוין אָבער באַלד אויך וויניג געווען, האָט מען צוגענומען זיין זון, יענער זאָל אים העלפן שטיין באַם טיר, נישט אַריינלאָזן אַלעמען מיט אַמאָל — און די אומנאַטירליכע מופתים האָבן זיך געמערט.

אין יענער צייט האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע פון אַ בעל־מופת דער סיכעוויזשער רבי, איז ער געווען דער גרעסטער בעל־מופת פון אַלע רביים. באַלד איז אָבער געוואָרן דער קאָמעניצער רבֿ דער גרעסטער, און איך האָב שוין נישט געלערנט מיט אים. איך האָב מיט קיינעם נישט געלערנט, נאָר געהאַלטן אין איין צוגרייטן זיך צו אַ וכּוח מיטן טאַטן און מיט אַלע חסידים וועגן חסידות און מתנגדות.

נאָכן אויפשטאַנד האָט די רעגירונג בטל געמאַכט אַלע פּריצישע פּראָפּינאַציעס און בתּוכם אויך די קאָמעניצער אַרענדע. זיינען מיר שוין געבליבן אינגאַנצן אָהן פּרנסה, נאָר באַלד איז געוואָרן לייכטער אין אידישן תּחום, עס האָט אַ וויע געטאָן מיט אַ פריי ווינטל, סיי אין מאַטעריעלן, סיי אין גייסטיגן זין. און באַ אידן האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע. אָנשטאָט וואָס פריהער האָבן אידן בלויז באַדאַרפט זיך דרייען אַרום

פריץ, װעלכער איז געװען די אײנציגע קװעלע פון אידישער פרנסה, זײנען איצט די פּאַרמעגליכע אידן געװאָרן אַלײן פּריצים: גרויסע װאַלד־סוחרים און תּבואה־סוחרים, מען האָט זיך אין כּלל גענומען צום גרויסן מסחר.

נאָכן אויפשטאַנד זײנען כּמעט נײנציג פּראָצענט הויפן געבליבן בײַ די פּריצטעס אין די הענט. די פּריצים זײנען טראַגיש אומגעקומען, און די פּריצטעס, װאָס זײנען געבליבן אַלײן, האָבן נישט געװאוסט און נישט געקאָנט אָנהויבן פירן זײערע הויפן מיט די גערונגענע אַרבעטער פּויערים, װעלכע זײנען פריהער געװען זײערע לײב־קנעכט. די ראָזיגע ראַמען, װאָס זײנען געװײנט געװען צו לעבן אַ ברײט לוקסוס־לעבן און זײנען לויטער געװען פאַרנומען מיט בעלער און קאָקעטעריי, האָבן בשום אופן נ י ש ט ג ע ק אָ נ ט װ ע ר ן מ י ט אַ מ אָ ל און נאָך אָ ה ן ד י מ אַ נ ע ן גוטע בעלי־הביתטעס און האָבן אַן ערנסטן באַגריף אין לאַנד־װירטשאַפט.

רעם זיידן איז דעם ערשטן אײנגעפאַלן דער פּלאַן קומען צו הילף די פּריצטעס, װאָס װעט שוין אין אײן גאַנג זײן אַ פּעולה פאַר אידן אויך. דהיינו, אידן װעלן נעמען בײַ די פּריצטעס אין דער אַרענדע הויפן, װעלכע די פּריצטעס קאָנען נישט פירן, זײ װעלן ממש דערמיט געהאָלפן װערן, װעלן באַקומען אַ יערליכע זיכערע אָפּצאָלונג און װעלן נישט זײן געצװאונגען צו זאָרגן פאַר די צענישטערטע הויפן. עס װעט זײ אַראָפּ אַ שטײן פון האַרצן.

רער זיידע איז באַלד אַרויסגעפאָרן צו זײנע באַקאַנטע פּריצים און האָט פאָרגעלעגט זײ דעם אויבנדערמאָנטן פּלאַן. ער האָט זײ געגעבן צו דער־קלערן, אַז בײַ דער איצטיגער שװערער צײט איז זעהר גלײך, אַז זײ זאָלן פאַרדינגען זײערע מאַיאָנטקעס די אידן, און די פּריצטעס װעט פּינקטליך אַרײננעטראָגן װערן אַ געװיסע הכנסה. ראָסזעלבע אויך מיט דער קלײנער צאָל פּריצים, װאָס זײנען געבליבן נאָכן אויפשטאַנד צעבראָכענע אין דער־הײם. יענע האָבן פון צעבראָכנקייט נישט געקאָנט אָנהויבן פירן די װירט־שאַפט מיט די אַרבעטער־פּויערים, זײערע געװעזענע לײב־קנעכט, און פאַר זײ איז א ו י ך ג ל ײ כ ע ר ג ע װ ע ן צו פאַרדינגען די מאַיאָנטקעס אין אַרענדע. עס פאַרשטײט זיך, אַז די עצה איז געװען דעמאָלט פאַר די פּריצטעס און פּריצים זעהר אַ גוטע, ממש ראָס לעבן אַלײן האָט עס ריקטירט.

דער זיידע האָט טאַקע באַלד גערונגען עטליכע הויפן, פאַר יערן קינד אַ באַזונדערן הויף. פאַר זיך האָט ער גערונגען רעם הויף „פּרוסקע“ (פאַראַן צװײ „פּרוסקעס“: אײנע האָט געהערט צו אָסערעװסקין און אײנע צו װילעװינסקין) בײַ װילעװינסקין, פיר װיאָרסט פון קאַמעניץ, אַ הויף מיט אַ ברויז צװאַמען. די ערשטע יאָרן האָט זײן פאַמיליע געװאוינט אין

שטאָט, און ער אַליין איז דאָרט געזעסן מיט אַ מענשן כּמעט די גאַנצע וואָך, נאָר אויף שבּת פלעגט ער קומען אַהיים.

און אַזוי האָבּן אָנגעהויבּן די פּאַרמעגליכע אידן צו דינגען הויפן און אין אַ קורצער צייט זיינען די הויפן פון גראָדנער גובערניע, אַוראַי בּאַ אַ פינף און זעכציג פּראָצענט בּאַזעצט געוואָרן מיט אידן. און מען קאָן זאָגן, אַז די פּריצטעס מיט די עטליכע פּריצים זיינען געווען זעהר צופרידן פון די אידן, די פריש־אויסגעבּאַקענע ערד־בּאַזיצער.

פון אָנפאַנג האָט מען געדונגען די הויפן בּיליג, דערנאָך אָבּער, אַז עס האָט אָנגעהויבּן צו שטייגן דער מקח אויף תּבואות, האָט מען די אַרענדע אויף הויפן אַריינגעטריבּן אין אַזעלכע גרויסע פּרייזן, אַז אין אַ צען יאָר אַרום האָבּן שוין די אידישע אַרענדאַטאָרן געמאַכט נישט אַזוינע גוטע געשעפטן פון זייער ערד־אַרבּעט.

אויך האָבּן די פּריצטעס מיט די פּריצים אָנגעהויבּן פאַרקויפן די וועלדער און מאַכן אַלץ צו געלט. דאָס האָט אויך נישט אויסגעמידן קיין אידן, וואָס זיינען געוואָרן גרויסע וואַלד־סוחרים. זיי האָבּן געקויפט פאַרשיידן וואַלד־געהילץ סיי צו פאַרקויפן אויפן אָרט גופא, סיי צום בּויען הייזער. בּוי־מאַטעריאַלן האָבּן זיי געליפערט אין אַלע גרויסע שטעט, און עס איז אַוועק אַ לעבּעדיג געשעפט. גרויסע געהילץ־טראַנספּאָרטן האָבּן זיי אויך געשיקט קיין דאַנציג.

מיט וואַלד איז אויך געווען ווי מיט מאַיאָנטקעס. פון אָנפאַנג האָט מען געקויפט די וועלדער זעהר בּיליג, דהיינו, צוויי, דריי הונדערט רובּל האָט געקאָסט אַ דעסיאַטין גוטער וואַלד. אָבּער אין עטליכע יאָר אַרום זיינען די וואַלד־פּרייזן שרעקליך געשטיגן. די אידן אַליין האָבּן געהעכערט די פּרייזן. קויפן אַ וואַלד זיינען געקומען צענדלינגער סוחרים, און די קאָנקורענץ האָט טיילוויוז קאַליע געמאַכט דעם האַנדל. איצט האָט אַ דעסיאַטין וואַלד געקאָסט נישט צוויי, דריי הונדערט רובּל, נ אָ ר — ג אַ נ צ ע צ וו ע ל ף!..

און אין דער צייט האָט קאַזנאַ אויך אָנגעהויבּן צו פאַרקויפן אירע וועלדער, דעסיאַטינעס־וויוז, און אויך די קאָנפיסקירטע וועלדער פון די פּריצים. קאַזנאַ האָט זיך דעמאָלט נישט אַזוי בּאַצויגן צו די אידן, ווי איצט, און האָט געהאַנדלט מיט אידן, ווי מיט נישט־אידן.

נאָכן אויפשטאַנד האָט מוראַוויאָוו אַרויסגעגעבּן אַן אוקאַז, אַז פּאָלאַקן טאָרן נישט קויפן קיין ערד אין ליטע. ער האָט אָבּער אויך נישט פאַרגעסן אָן אידן, וועלכע טאָרן אויך נישט קויפן, לויט זיין אוקאַז, און דאָס האָט געשטעלט די אידן אַ צוים אויפן וועג צום לעבּן און צו פּרנסה.

נאָר געגנוג איז, אַז אירן האָבן אין דער ראָזינגער אינטערעסאַנטער צייט אין אַ סך ערטער אויפגעשטעלט ברויזן פון בראָנפן און ביר, גרויסע וואַסער־מילן, ווינט־מילן, אָליווגעס, מאַליאַרנעס א. אַז. וו. זיי האָבן געלאָזט האָרעווען גרויסע סטאַדעס פון פי: שעפסן, בהמות, אָקסן א. ר. ג. די סטאַדעס האָבן פעטער געמאַכט די ערד דורך זייער מיסט און אָנשטאָט דעם, וואָס פריהער, פ אַ ר ד י פ ר י צ י ם, האָט די ערד אַרויסגעגעבן פיר שאָק סנאָפעס פון מאָרג, האָט זי איצט אַרויסגעגעבן זעקס שאָק סנאָפעס. אירן האָבן געהאַט גרויסע פאַקטן, אויך האָבן זיי געהאָרעוועט פערד און זיך געסטאַרעט צו קריגן די בעסטע סאָרטן פערד, .כדי עס זאָל אַרויס אַ גוטער דור. אויך האָבן זיי אויסגעשריבן מאַשינעס צו אַקערן די ערד, מיט פאַרשיידענע פאַרפאָלקאָמענהייטן, וואָס האָט זיי אין אַ סך פרטים פאַרלייכטערט און פאַרשנעלערט די אַרבעט.

די מאַיאָנטקעס האָבן גאָר געקראָגן אַן אַנדער אויסזעהן. די ערד איז פעטער געוואָרן, און פון יעדער קליינינקייט האָבן זיי גֿעמאַכט גאָלד. די תבואה אַליין איז געווען אַ קליינער פראָרוקט אַנטקעגן די אַלע פאַר־שיידענע פראָרוקטן, וואָס אירן האָבן אַרויסגעצויגן פון די מאַיאָנטקעס מיט זייער ענערגיע, פייהינקייט און אַרבעט. זיי זיינען געלעגן אין געשעפט טאָג און נאַכט, האָבן אַלץ געזוכט מיטלען ווי אַזוי אַרויסצוציהען מער יניקה פון דער נאַטור מיט פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס.

די פריצים, וואָס זיינען געקומען אין אַ געוויסער צייט אַרום צוריק אַהיים, אויסגעמוטשעטע און אויסגעפייניגטע פון די טורמעס און סיביר, האָבן נישט דערקענט זייערע אייגענע גיטער. אַלץ האָט נאָר געהאַט אַן אַנדער מראה: שיין, ריין, ציכטיג, מיט פיל נייע בורינקעס, נייע מאַשינעס און נייע שטאַלן.

די פריצים האָבן זיך ממש געצלמט, קוקנדיג אויף דעם גן־עדן, וואָס די „זשירעס“ האָבן געמאַכט פון זייערע מאַיאָנטקעס. די פריצטעס, ווידער, האָבן געלויבט פאַר די מאַנען די אידישע ענערגיע. אַלע אַרבעטן: ער, דער מאַן, אַרבעט טאָג און נאַכט, זיינע זין אַרבעטן, זיינע שניר, טעכטער און איידעמס ארבעטן. אַלץ אַרבעט און קיין זאַך גייט נישט באַ זיי לאבור. נישט ווי באַ זיי, די פריצים, וואָס האָבן זיי געוואוסט? זיי האָבן זיך נאָר פאַרלאָזט אויפן עקאָנאָם, דעם שכור.

די פריצטע דערציילט, אַז זי נעמט שוין היינט פאַרן מאַיאָנטעק דריי טויזנט פינף הונדערט רובל אַ יאָר, אָנשטאָט דעם, וואָס פון אָנהויב האָט זי גענומען טויזנט צוויי הונדערט.

אַנדערע פריצים האָט אָנגענומען אַ קנאה, האָבן זיי אָפּגעזאָגט די אירן און אַליין זיך גענומען פאַר דער אַרבעט. זיי האָבן זיך צוגעקוקט צו די אַלע

אָרדענונגען, צו דעם פירן פון אידן און האָבן אויך אַזוי גענומען פירן. אָבער ס'האָט נישט געדויערט קיין צוויי, דריי יאָר און אין מאַיאָנטעק איז געוואָרן אַן איבערקערעניש. עס איז נישט דאָס, עס טויג נישט, עס איז שוין אָפּגעלאָזט און עס ווערט וואָס ווייטער ערגער, און זיי האָבן צוריק פאַרדונגען די הויפן צו אידן.

די ראָזינגע צייט צייכנט זיך אָבער אויס נישט בלויז מיט מסחר אַליין, וואָרום אין דערזעלבער צייט האָבן אידן זיך אויך גענומען צו בילדונג. די רעגירונג האָט געעפנט פאַר די אידן אַלע לער־שולן. מאַסן אידן זיינען געוואָרן דאָקטוירים, יוריסטן, אינזשענערן. די רעגירונג האָט צוגעלאָזן די אידן אַפילו צו רעגירונגס־שטעלעס, און אין פיל שטעט זיינען אידן געווען סלעדאָוואַטעלעס, ראָקטוירים, מיט טיטולן פון פּאָלקאָווניקעס, גענע־ראַלן א. אַז. וו.

עס איז זיכער, אַז דאָס איז געווען די בעסטע צייט פאַר אידן אין רוסלאַנד־גלות. אידן זיינען זיך דעמאָלט צעפאָרן אין אַלע רוסישע גרויסע שטעט און האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן אומעטום גרויסע געשעפטן. אין מאָסקווע איז אין אַ קורצע צייט געוואָרן אַ גרויסע אידישע קהלה פון אַ פופציג טויזנט אידן, וואָס האָבן אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מאָסקווער אינדוסטריע.

אין קיעוו האָט פאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן אַ איד מורא געהאַט צו גיין אין גאַס. די בערלינטשיקעס פון פינסק קיין ניקאָלאַיעוו, פאַרביי־שווימענדיג קיעוו אויפן דנעפּר, זיינען געשלאָפן אין די קאַיוטעס. זיי האָבן מורא געהאַט צו גיין נעכטיגן אין אַ האָטעל אין שטאָט. און טאָמער האָט עמיצער פאָרט גענעכטיגט אין אַ האָטעל, האָט ער מורא געהאַט אַרויס־צוווייזן דעם קאָפּ אין אַן אָפענעם פענסטער. אַז אַ איד איז געגאַנגען זונטאָג קויפן סחורה, געוויינליך, בײַ אַ רוס, וואָרום קיין אידישער קרעמער איז דאָרט נישט געווען, האָט ער בײַלר געמוזט צאָלן אַקוראַט אַזוי פיל, וויפיל דער קרעמער האָט געבעטן. און טאָמער האָט ער זיך ערלויבט צו זאָגן עטוואָס ווייניגער, איז שוין געווען אַז אָך און וויי צו אים. ער האָט בײַלר געקראָגן אין די ציין, אָדער מען האָט אים בײַלר צעבלוטיגט און צעשעדיגט, און דער אומזיסט־געשלאָגענער האָט נישט געטאָרט ריידן אַ וואָרט. וואָרום ער טאָר דאָך דאָ, אויף דעם אָרט, נישט שטיין!.. כמעט פונקט דאָסזעלבע, וואָס מען זעהט איצט.

אָבער שפּעטער, פאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, איז אין קיעוו געוואָרן אַ אידישע קהלה פון אַ פופציג טויזנט נפשות. צווישן זיי זיינען געווען מיליאָנערן, צוקער־פאַבריקאַנטן. די גרעסטע בּאַקאַליי־געשעפטן האָבן דעמאָלט אין קיעוו אויפגעבליהט.

נאָכן אויפשטאַנד, אַז די אַרענדע פון די שטעט איז בטל געוואָרן, האָבן מיר אָנגעדונגען הויפן, זיך גענומען צו באַארבעטן פעלדער, און מען האָט קוים געצויגן חיונה, וואָס מיר זיינען גאָר נישט געוויינט געווען. דאָ האָט שוין דעם זיידנס חכמה נישט געהאָלפן. נישטאָ קיין פּריצים! דער זיידע האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרזאָרגט מיט געלט, ער האָט געמיינט, ער וועט אייביג האָבן די שטאָטישע אַרענדע מיט די פּריצים.

אין די הויפן זיינען מיר נאָך נישט אַרויסגעפאָרן. ס׳איז נאָך געווען אַ שאַנדע צו וואוינען אין דאָרף. האָבן מיר געהאַלטן מענשן אין די הויפן און אַליין פלעגן מיר אַלע טאָג צופאָרן אַהין.

---

# קאַפּיטל XXIII

**ערב מיין חתונה. — געזעהן די כּלה. — דאָס שטעלן פריהער דעם פּוס. — „גלייך, גלייך!“ — אַן עסק מיט חסידים און מתנגדים בּאַ מיין חתונה. — די דרשה.**

אין תּרכ״ה (אין 1865־טן יאָר) האָט דער טאַטע אָנגעהויבּן צוטרייבּן, אַז מען זאָל מיך גיכער חתונה מאַכן, וואָרום איך בּין שוין אַן אַלטער בּחור, זיבּעצען יאָר אַלט, אַז ס'איז פּשוט אַ שאַנדע פאַר לייטן. מען האָט אָפּגעלעגט די חתונה אויף אלול. די חתונה זאָל זיין בּאַ אונז, ווייל די כּלה איז אַ יתומה, אָהן אַ טאַטן און אָהן אַ מאַמען. דאַרף מען מיר אָנהויבּן מאַכן אַ גאַרדעראָבּע. ווילט זיך דעם טאַטן, אַז איך זאָל גיין צו דער חופּה אין פּאַנטאָפל און זאָקן מיט אַן אַטלעסענער קאַפּאָטע. דערצו וויל ער אויסמיידן די קאָבּרינער כּלי־זמר, ווייל טודרוס דער בּדחן איז אַ מתנגד. בּעסער וויל ער נעמען די בּריסקער כּלי־זמר, וואָס בּאַ זיי שטייט אָן דער שפּיץ אַ בּאַוואוסטער כּלי־זמר, אַ חסיד, מיט אַ בּדחן אַ חסיד. האָבּ איך אַ פּאָר חדשים פאַר דער חתונה געאַרבּעט און געקאָכט זיך און געוויינט, אַז איך זאָל נישט גיין אין פּאַנטאָפל און זאָקן צו דער חופּה, און אַז נאָר שעבּסלס כּלי־זמר זאָלן זיין אויף דער חתונה. מיט גרויסע שוויריגקייטן און מיט דער הילף פון דעם בּן־יחיד אריה־ליבּ האָבּ איך אויסגעפּועלט, אַז איך זאָל גיין אין שטיוול צו דער חופּה, און שעבּסלס כּלי־זמר זיינען געקומען דאָנערשטאָג, אַ טאָג פאַר דער חופּה.

דאָנערשטאָג איז אויך געקומען די כּלה מיט די מחותּנים. זיי זיינען פאַרפאָרן צום פעטער מרדכי־לייבּ, וואָס בּאַ אים האָט בּאַדאַרפט זיין די גאַנצע חתונה. דעמאָלט איז געווען אַ מנהג, אַז אין דעם טאָג פון דער חופּה, צוועלף אַזייגער, פלעגן זיך צונויפקומען ווייבּער מיט מיידלאַך טאַנצן, און די כּלי־זמר שפּילן עטליכע שעה. דאָס איז בּאַ דער כּלה. דערנאָך, פאַרנאַכט, פלעגן זיך צונויפקומען די מאַנסבּלען און פלעגן גיין מיט די כּלי־זמר צום חתן אויפן קבּלת־פּנים, און דער חתן פלעגט זאָגן אַ דרשה, דערבּיי עסט מען לעקעך מיט איינגעמאַכטס און מען מאַכט אַ שנעפּסל.

דערנאָך פירט מען דעם חתן מיט די כלי־זמר אין גאַס אַריין צו דער כלה־באַדעקן, דערנאָך פירט מען דעם חתן מיט כלי־זמר אין בית־המדרש אַריין צו דער חופּה, און פון דער חופּה גייט דער גאַנצער עולם מיט די כלי־זמר צו דער כלה אַהיים. דאָרטן קומט שוין די וועטשערע מיט די טענץ און מען הוליעט אָפּ ביז טאָג.

און אַז די חתונה איז פּרייטאָג פאַרנאַכט, פירט דער עולם מיט די כלי־זמר אָפּ חתן־כלה פון דער חופּה אַהיים און דערנאָך גייט דער עולם אַוועק דאַוונען, און קומט זיך דערנאָך צונויף אויף שבעת־ימי־המשתּה. נישט אַלע, פאַרשטייט זיך, קומען. אויף מאָרגן, שבת, קומען אַלע גוטע פריינט מיט די מחותּנים צום חתן און מען פירט אים אין בית־המדרש אַריין, וואו מען „רופט אים אויף" צו קריאת התּורה, און די טענץ מיט דער וועטשערע מאַכט מען שבת צו נאַכטס.

מיין טאַטע, דער חסיד, האָט נישט געפונען פאַר נויטיג מיר צו ווייזן די כלה פאַר דער חופּה. אַז זי איז געקומען צופאָרן, איז די גאַנצע פאַמיליע, פון קליין ביז גרויס, געגאַנגען זי זעהן, אויסער מיך. אַלע זיינען אייגנטליך געלאָפן זעהן די כלה, די גאַנצע שטאָט, און אַלע זיינען געקומען מיר אָנזאָגן די שמחה, אַז די כלה איז זעהר אַ שיינע... זי האָט נישט קיין איין שפּרינקעלע אויפן פּנים, עס זיינען אָבער געווען אַזוינע, וואָס האָבן זיך געשפּאַרט, איז געבליבן מען זאָל נאָך אַמאָל גיין אָנקוקן די כלה. און ווידער איז מען געקומען מיט אַ שמחה און באַשטעטיגט, אַז קיין איין שפּרינקעלע איז נישטאָ אויפן פּנים, און איך האָב געהאַט קריינקונג, וואָס מ'ווייזט מיר נישט די כלה.

איך האָב געבעטן דעם בן־יחיד אריה־ליבן, דער איינציגער מענש, וואָס קאָן טון אַ טובה אין אַ נויט גיין מיט מיר צום פעטער זעהן די כלה. און אויף מאָרגן פריה, איידער די ווייבער זיינען זיך צונויפגעקומען, האָב איך נ ע ז ע ה ן די כלה באַם פעטער אין שטוב. זי איז ווירקליך געווען אַ שיינע. איך האָב זיך עטוואָס פאַרלוירן און דאָך האָב איך איר מוטיג געזאָגט מזל־טוב און געפרעגט, וואָס זי מאַכט... איך האָב זיך געוואָלט אַנידערזעצן, כּדי איך זאָל נאָך אַביסל קאָנען קוקן אויף איר שיין געזיכט, אָבער אריה־ליב האָט מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט און געזאָגט:

— קום, זיצן איצט באַ דער כלה טאָר מען נישט...

און אַן אומעטיגער בין איך אַוועקגעגאַנגען צו זיך אויפן „סטאַנציע", דאָס הייסט, צום זיידן אין שטוב.

אויפן קבלת־פּנים איז געווען דער פעטער, דער רב, און איך האָב געזאָגט אַ דרשה. גאַנץ קאָמעניץ האָט געקאָכט מיט דער דרשה, און עס איז געווען פריילעך.

אונטער דער חופּה האָב איך געקראָגן אַ טראָט אין פוס פון דער כּלה און איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אומגערן. פון דער חופּה האָט דער כּלהס צד גיכער געכאַפּט די כּלה און אַוועקגעפירט, כּדי זי זאָל קאָנען פריהער אַריינגיין אין שטוב, איידער איך. דאָס איז בּאַ זיי געווען אַ מין סגולה, אַז זי זאָל הערשן איבּער מיר. דערפון האָט מען דעמאָלט שטאַרק געהאַלטן. ווער פון חתן־כּלה עס שטעלט אַריין פריהער אַ טריט אין שטוב, פון דער חופּה גייענדיג, דער הערשט איבּערן אַנדערן. אָבּער אריה־ליב מיט מיין צד, וואָס זיינען גאָר נישט געווען פון די נאָכגעבּער, האָבּן ניכער גענומען פאַרלויפן דעם וועג, כּדי איך זאָל פריהער אַריינגיין אין שטוב. דער כּלהס צד ווידער האָט נישט געוואָלט פאַרלירן די „הערשונג“, און עס איז געוואָרן אַ לויפעריי, אַז גאָט זאָל אָפּהיטן. איך האָב דעמאָלט געטראָגן אַ קיטל אויף דער אַטלעסענער קאַפּאָטע און אויבּן אַ פּאַלטאָ. אָבּער יהודה־לייב דער שניידער האָט מיר פאַרשמעלט דעם פּאַלטאָ און, לויפנדיג, האָט ער זיך פאַרקאַטשעט. עס האָט זיך אַרויסגעזעהן דער קיטל, און איך האָב זיך זעהר געשעמט.

די כּלה מיט איר צד זיינען שוין דערווייל געווען אויפן גאַניק, און איך בּין נאָך געווען פאַרן גאַניק, וואָס האָט געהאַט זעקס שטיגלאַך. דעמאָלט האָט אריה־ליב אַרויסגעזאָגט, אַז די כּלה מוז אַראָפּגיין צוריק פון גאַניק, און חתן־כּלה מוזן אַריינגיין בּיידע גלייך אין טיר.

עס האָט נישט געהאָלפן. די כּלה מיט די מחותּנים האָבּן געמוזט צוריק אַראָפּגיין פון די שטיגן, און פון בּיידע זייטן האָט מען געהיט, אַז חתן־כּלה זאָלן גלייך איבּערטרעטן די שוועל. גיין מיר אַרויף אויפן גאַניק און פון די זייטן שרייט מען:

— גלייך! גלייך!..

אָבּער די כּלה ניט אין דער־ניך אַ שטעל אַריין איר פיסל איבּערן שוועל פון שטוב, און אָט וועט זי הערשן איבּער מיר!.. דאָס האָט אָבּער אַלץ דער שטאַרקער אריה־ליב דערזעהן און נישט דערלאָזן, געהייסן ווידער אונז בּיידן אַרויפגיין גלייך, און פון בּיידע זייטן האָט מען ווידער געשריען:

— גלייך! גלייך!

אַזוי ווי מען מושטירט זעלנער. איך האָב זיך אין האַרצן אויסגעלאַכט פון דער גאַנצער מעשה, און האָב זי טאַקע עקסטרע געלאָזט אַריינגיין פריהער. זאָל זי הנאה האָבּן. און מיינע האָט טאַקע ווייטער געגעבּן אַ כאַפּ דאָס פיסל אין טיר. דאָ איז שוין אריה־ליב גאָר בּייז געוואָרן און געזאָגט, אַז חתן־כּלה זאָלן אַהער נישט אַריינגיין, נאָר מען בּאַדאַרף זיי אַוועקפירן צום חתנס סטאַנציע, דאָס הייסט, צום זיירן, און אויב זי

װעט װײטער פּרובן אַרײַנגײן פֿריִהער פֿאַרן חתן, מעג אַפֿילו דױערן אַ גאַנצע נאַכט, װעט ער דאָס נישט דערלאָזן. האָט מען אונז געפֿירט מיט די כּלי־זמר נאָך אַ שטיקל װעג צום זײדן. דאָרט איז אָבער אױך אַזאַ הױכער גאַניק. אָבער די מחותּנים פֿון איר צד, װאָס זײַנען שױן געװען מיר און האָבן, קענטיג, פֿאַרלױרן דעם מוט צו שטרײַטן מיט אריה־ליבן, האָבן זיך שױן מער נישט געסטאַרעט, מען האָט דאָ אױך געשריען:

— גלײַך! גלײַך!

און מען האָט געקוקט אױף די פּיס, נאָר עס איז מיט מזל דאָסמאָל אַרורכגעגאַנגען, און מיר זײַנען אַרײַן אין שטוב גלײַך.

איצט האָט מען געבראַכט די גאָלדענע יויך פֿאַר חתן־כּלה פֿון פּעטער צום זײדן אין שטוב, װאָרום סײַ װי דאַרף מען דאָך חתן־כּלה מיחד זײַן נאָך דער חופּה אין אַ באַזונדער צימער, און באַם זײדן האָבן מיר גענעסן די באַרימטע יויך. די כּלי־זמר האָבן זיך צעטײלט: אַ פּאָר כּלי־זמר מיט שעבסלען האָבן געשפּילט באַם זײדן און עטליכע באַם פּעטער. באַלד איז געװאָרן שבת, מען האָט געבענשט ליכט. דער פֿרעמדער עולם איז אַװעק אין שול אַרײַן, און מיר האָבן געדאַװנט אין דערהײם.

דער זײדע איז געװען מחולק מיטן טאַטן. ער האָט נישט געװאָלט, אַז די חסידים זאָלן זײַן אױף מײַן חתונה, און דער טאַטע האָט אָפּגעמאַכט מיטן זײדן, אַז פֿרײַטאָג צו נאַכטס, שבת פֿריִה, ביז שבת צו נאַכטס, זאָלן זײַן בלויז חסידים. די חסידים האָבן געזונגען, גערעדט פֿון חסידות, און איך האָב זיך אײַנגעהערט, װאָס זײ רײדן. אָבער זײ האָבן נישט געװאוסט, אַז איך בין שױן אַזאַ מתנגד, און זײ זעהען אױס באַ מיר מאָרגע מיט זײער חסידות. די כּלי־זמר האָבן געשפּילט כּמעט אַ גאַנצע װאָך. אַלע טאָג האָט מען געמאַכט גרױסע סעודות פֿאַר דער גאַנצער שטאָט, װי עס פֿלעגט זיך פֿירן אַמאָל.

---

# קאַפּיטל XXIV

**ראש־השנה צום רבין. — דער כּעס פון טאַטן. וואָס איך בין נישט געפאָרן צום רבין. — מיינע צרות צוליב חסידות. — דער קאַמף מיט חסידות. — דער וכּוח. — דער רושם פון וכּוח אויף די הוויזינע.**

אויף ראש־השנה איז דער טאַטע געפאָרן קיין סלאָנים צום רבין. באַלד נאָך דער חתונה האָט ער זיך מיט מיר אָנגעהויבן פירן זעהר ערנסט. ער האָט מיר קיין איין מאָל נישט געזאָגט, וואָס איך האָב צו טון. ער האָט געהאַלטן, אַז איך פאַרשטיי שוין אַליין, און ער האָט צו מיר שטענדיג גערערט מיט די אויגן, ראָס הייסט, איך האָב אים געקוקט אין די אויגן אַריין און האָב פאַרשטאַנען, וואָס איך דאַרף טון, אָדער וואָס ריירן. ער האָט געהאַלטן פאַר איבעריג מיר צו זאָגן, אַז איך זאָל פאָרן צום רבין, וואָרום נאָך דער חתונה פאָרן אַלע חסידישע קינדער צום רבין, און דאָ, אַז ער פאָרט, האָט ער געמיינט, וועל איך מיך באַלד אָנכאַפּן:

— טאַטע, איך וויל אויך פאָרן.

אָבער איך האָב ראָס אים נישט געזאָגט. ראָס האָט אים געמאַכט אַ וואונר אין האַרץ, און ער איז אַליין אַוועקגעפאָרן צום רבין.

ער האָט זיך ראָרט זעהר שטאַרק געשעמט פאַרן רבין, וואָרום ער האָט ראָך נישט געקאָנט פאַרשווייגן פאַר אים, אַז צען טאָג אין אלול האָט ער חתונה געמאַכט זיין זון, וואָס רער רבי האָט מיך גוט געקענט און האָט אויף מיר געזאָגט נביאות, אַז איך וועל זיין אַ שיינער חסיד, און איצט קומט ער אָהן רעם זון. ראָס איז אים געווען זעהר שווער.

און נאָך ראש־השנה, אַז ער איז געקומען פון סלאָנים, איז ער געווען שטאַרק בּרוגז אויף מיר. ער האָט מיך פראָסט געבּרענט מיט זיינע קורצע ווערטער און אַלץ צוגעוואָרפן פון דער זייט, פאַרבּייגייענדיג:

— עולם־הבּא וועל איך האָבן פון דיר.

רעמאָלט איז בּאַ מיר פאַרבּליבּן איין מאָל פאַר אַלע מאָל מאַכן אַן עק, האַלטן מיט אים אַ וכּוח, און מיר וועלן זיך בּיידע נישט פּיינגן. אַ וכּוח איז שוין עפּעס אַנדערש. איך בּין געווען בּטוח אין נצחון. זאָל ער וויסן, אַז איך בּין אַ מתנגד, אַז איך וועל שוין קיינמאָל קיין חסיד נישט זיין — און ער וועט צוגעוויינט ווערן.

דאָס איז אָבּער גאָר נישט געווען, ווי איך האָבּ בּאַלד אַרויסגעזעהן, פון די גרינגע זאַכן. בּפרט נאָך מיט אַזאַ טאַטן, ווי מיינער איז געווען, אַ מענש אַ מלאך, וואָס האָט מיך שטענדיג ערצויגן מיטן בּליק, מיט די אויגן. ווי קאָן מען דאָס אַ טאַטן, און אַזאַ טאַטן, זיין כּנגד, שטעלן זיך קעגן אים און אויפוויזן, אַז זיין דרך איז אַ פאַלשער אינגאַנצן? איז מיר געווען שווער בּיזן טויט!

און איך האָבּ שטענדיג געזוכט עפּעס אַזאַ געלעגנהייט, וואָס זאָל מיר געבּן מוט און פרייהייט אין אַזאַ שווערן ענין.

מיין יונג שיין ווייבּל איז, צום אומגליק, אויך געווען אַ חסידאַצקע. זי האָט זיך געהאָדעוועט בּאַ איר שוואָגער, אַ הייסער קאַרלינער חסיד, און האָט אָפּטער דערציילט, אַז ר׳ אהרן, קאַרלינער רבּי, איז געווען בּאַ איר שוואָגער צו גאַסט, האָט זי געקאָכט פאַר אים פיש (די פּינסקער צייכענען זיך אויס מיט פיש קאָכן), האָט דער רבּי געגעסן די פיש (ער איז געווען, קיין עין־הרע, נישט קיין קליינער עסער). האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט אַזעלכע גוטע פיש שוין לאַנג נישט געגעסן.

— ווער האָט דאָס געקאָכט? — האָט ער געפרעגט.

האָט מען אים געזאָגט — ווער.

אַ יתומה, אַ מיידל פון פופצען יאָר האָט דאָס געקאָכט, און ניט גראַדע פיש, נאָר אַלץ, וואָס זי קאָכט, האָט דאָס כּל הטעמים. האָט ער איר געגעבּן אַ בּרכה, אַז זי זאָל האָבּן אַ מאַן אַ גרויסן חסיד. מען קאָן פאַרשטיין מיין ווייבּלס עגמת־נפש, ווען זי האָט דערזעהן, אַז איך בּין נישט קיין חסיד און בּין נישט געפאָרן צום רבּין.

מיין ווייבּל האָט געשפּילט אין דער פאַמיליע אַ גרויסע ראָליע. אַלע האָבּן זי געליבּט פאַר איר שיינקייט, פאַר איר בּריהשאַפט, פאַר איר שכל, און דער טאַטע האָט געלעגט אויף איר גרויס האָפענונג, אַז זי וועט מיך געווים מיט איר שיינקייט און שכל דערפירן צו חסידות.

אויף שבּת און יום־טוב האָט מיך מיט דעם ווייבּל דער זיידע פאַרבּעטן צום טיש. געוויינליך, ווען איך וואָלט געווען אַ חסיד, וואָלט איך דעם זיידן אַזאַ נחת נישט אָנגעטאָן, נאָר איצט בּין איך געווען צופרידן מיט דער געלעגנהייט, און פלעג קומען צום זיידן עסן פריה, ווי בּאַ מתנגדים. נאָכן עסן פלעג איך זעהן דורכן פענסטער, ווי דער טאַטע גייט פון

שטיבל. ער פלעגט פאַרבייגיין פאַרן זיירנס שטוב. פלעג איך מיט ליבען, מיין יונג ווייבל, גיין אַהיים, און דער טאַטע האָט מיט איר געדערט פון חסידות, און מיר האָט ער אַלע מאָל געגעבן שטעך־ווערטער, אַז עס פלעגט מיר נישט גוט ווערן.

און מיין גוטער טאַטע, ווענדריג, אַז דאָס ווייב זאָל מיך מאַכן פאַר אַ חסיד, פלעגט גיין אַזוי ווייט, אַז ער פלעגט מיך פאַר דעם ווייב שטאַרק אַראָפּוואַרפן, כדי איך זאָל זיין קענען איר געפאַלן. זי, ווידער, האָט ער אויפגעהויבן קעגן מיר, און דאָס פלעגט מיר פאַרשאַפן באַזונדערע שמערצן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז מיט אַזוינע דרכים קאָן ער נאָר מאַכן אַ שלעכט לעבן צווישן מיר מיט דעם ווייב. עס איז געווען ענליך דערויף, ווי באַ אים וואָלט אויסקומען, אַז אויב נישט קיין חסיד, טאָ זאָל איך טאַקע האָבן אַ שלעכט לעבן.

שמחת־תורה האָב איך מיט ליבען געגעסן באַם זיידן, און אַז איך מיטן ווייב זיינען געגאַנגען פון זיידן אַהיים, האָט שוין דער טאַטע איינס אַזיינער געפירט אַלע חסידים צו זיך. היינט וועט שוין יאַנקל עסיג־מאַכער און שעבסל דער סופר אַרויסנעמען פון אַלע אויוונס אין שטאָט דאָס גאַנצע עסן און וועט אָנברייננגען צום טאַטן פאַר די חסידים. אַך, ס׳אַראַ ליבער טאָג!

איך האָב דערזעהן דעם טאַטן מיט די חסידים און דערהערט יאַנקלס קול. מען איז שוין געווען שכורליך. זיי זיינען געגאַנגען אַ גאַנצע כאָפּטע צו אונז, און איך מיט ליבען זיינען געגאַנגען אויף דער אַנדערער זייט. יאַנקעלע, וואָס האָט מיר געוואָלט אַריינלאָזן שפּילקעס, האָט איבער דער גאַנצער גאַס געשריען, ווי הויך ער האָט געקאָנט, די ראָזיגע ווערטער:

— על כן יעזוב איש את אביו ואת אמו.

און נאָך העכער:

— הונגר־טאַטע, הונגר־מאַמע, ורבק באשתו, מיט דער פרוי.

און נאָך אַמאָל דאָס איבערגעחזרט:

— הונגר־טאַטע, הונגר־מאַמע, ורבק באשתו, מיט דער פרוי.

און אַזוי ווייטער, ביז מיר זיינען אַריין צום טאַטן אין שטוב.

אין שטוב האָב איך געפרעגט דעם טאַטן, ווי אַזוי ערלויבט ער דאָס יאַנקלען מיך צו באַליידיגן? נאָר יאַנקל האָט זיך אַריינגעמישט אין מיטן:

— וואָס? ווען? איך האָב אים פאַרטייטשט אַ שטיקל חומש, ווי דער רעסער אַפּיקורס טייטשט.

דאָס האָט ער געמיינט דעם תרגום אשכנזי פון ר׳ משה מענדעלזאָן, וועלכן מען האָט גערופן ר׳ משה דעסער.

— אונטער טאַטע, אונטער מאַמע, — האָט ער געלייגט.
— איר האָט דאָך אָבער געשריען „הונר" — האָב איך אים באַמערקט.
— ניין. אונטער, אונטער... — האָט ער זיך געוויצלט.
„נו, מען מוז היינט מאַכן אַ סוף", האָב איך אַ טראַכט געטאָן — „מען באַדאַרף זיך גוט אָנשכורן און פאַרפירן אַ וכוח. אַז מען איז שכור, איז מען שטאַרק באַ זיך".
שמחת־תורה באַנאַכט מאַכט שטענדיג דער מגיד אַ סעודה פאַר אַלע שטאָט־בעלי־בתים, פאַר שטאָטיש געלט. מען קומט זיך צונויף צום מגיד שמחת־תורה פאַר מנחה, און מ'פראַוועט דאָרט גאָר אַ גרויסע סעודה מיט געבראָטענע גענז, מיט פרוכטן, מיט שנאַפסן און ווייגען. בעלי־בתים שיקן אַריין ווייגען נאָך ערב שמחת־תורה און ס'איז באַם מגיד לעבעדיג. דעם גאַנצן שמחת־תורה ביז צוועלף באַנאַכט עסט מען און מען טרינקט, און מען זינגט, און מען טאַנצט. דאָס איז שוין געווען אַזאַ טראַדיציע משנים קדמוניות, מדי שנה בשנה.
דעם מגידס זון מיטן איידעם מאַכן אויך אַ סעודה שמחת־תורה באַזונדער פאַר די לומדישע יונגע־לייט, און דאָרטן הוליעט מען ווידער אָפּ אַ טאָג, אויך מיט גוטע שנאַפסן, ווייגען און געבראָטענע גענז.
מיט אים, מיט משה־אהרנען, האָב איך אָפּגערעדט, אַז איך זאָל היינטיגן שמחת־תורה אַוועקוואַרפן דעם טאַטן מיט די חסידים, און הוליען עפּעגטליך באַ אים מיט אַלע אונזערע יונגע־לייט, די לערנערס.
דערוויל האָט באַם טאַטן אָנגעהויבן צו זיין פריילעך. מען האָט זיך געגומען אַרומזעצן באַם טיש. איך האָב זיך אויך אַנידערגעזעצט, אָבער איך בין שוין געזעסן, ווי אויף שפּילקעס, און נישט לאַנג וואַרטנדיג, בין איך אַרויסגעגאַנגען פון טיש און אַוועקגעגאַנגען צו משה־אהרנען, וואו אַלע אונזערע יונגע־לייט האָבן זעהר גוט פאַרבראַכט. איך מוז זאָגן, אַז דאָס איז באַ מיר איינער פון מיינע בעסטע טעג אין מיין גאַנץ לעבן. ווייניג טעג האָב איך געהאַט אַזוינע. מיר אַלע, אַ צוועלף יונגע־לייט, די בעסטע לערנערס, האָבן געטאַנצט, זיך געקושט און געזונגען. עס האָט עפּעס גייסטיג געצויגן איינעם צו דעם אַנדערן, עס האָט זיך געוואָלט נאָכאַנאַנד קושן... אַזוי האָבן מיר אָפּגעהוליעט ביז עלף אַזייגער באַנאַכט, און דערנאָך זיינען מיר אַריינגעגאַנגען בגלופינדיג צו די בעלי־בתים און געמאַכט מיט זיי אַ טענצל.
איך געדיינק, אַז איך האָב געכאַפּט אַ איר, אַ בעל־הבית, ר' שמערל, מיין חברס אַ פאָטער, וועלכן איך האָב ליב געהאַט, אַרומגענומען אים צונעשטיקט צו זיך פון גרויס ליבע. איך בין געווען זעהר אַ געזונט

אינגל און איך האָב אים שיער נישט דערשטיקט. ער האָט זיך נישט געקאָנט אַרויסרייסן פון מײַנע הענט, און עטליכע מענשן האָבן אים קוים אָפּגענומען בײַ מיר. נאָכדעם בין איך בײַלד געפֿאַלן אויף דער ערד, ווי דאָס איז נישט מיאוס, טויט־שכור, מען האָט מיך אַרײַנגעטראָגן אין אַ צימער, וואו מען האָט מיך געלעגט שלאָפֿן, אַזײַנער איינס בײַנאַכט האָט מיך משה־אהרן אויפגעוועקט גיין אַהיים.

אַז איך בין געקומען אַהיים, האָבן די חסידים ערשט געהאַלטן בײַ די פיש, און עס איז געווען פריילעך. יאַנקעלע, דער קאָצקער חסיד, וואָס איז, געוויינליך, געווען שכור ווי לוט, האָט מיך בײַלד דערזעהן און געזאָגט:

— חצקל, דו גייסט פון משה־אהרנען, אַ רוח אין זײַן טאַטן אַרײַן.

דערויף האָב איך פּלוצלינג און מיט אַמאָל אַרויסגעשאָסן:

— אַ רוח אין דײַן רבינס טאַטן אַרײַן!

אַ אידיש גראָב וערטל...

ווען די חסידים וואָלטן נישט מורא געהאַט פֿאַרן זײַרן, וואָלטן זיי מיך אַלע אויפן אָרט געשלאָגן מכות רוצח, און דער טאַטע וואָלט געווען צופרידן. נאָר מען האָט מורא געהאַט פֿאַרן זײַרן, האָט מען פֿאַרקוועטשט די ציין און געשוויגן. זיי האָבן בכלל מער אַ וואָרט נישט גערערט.

עס איז געוואָרן אַ שטיל־שווייגעניש.

איך בין בײַלד אַרײַן צו מיר אין שלאָפֿצימער. דאָרט איז געלעגן מײַן יונג ווײַבל און געוויינט מיט ביטערע טרערן. איך האָב די חסידים, לויט איר מיינונג, פֿאַרשטערט די גאַנצע סעודה. זיי וואָלטן נאָך אָפּ־געהוליעט די גאַנצע נאַכט. אַ שרעק נעמט דורך די ביינער, ווייַ איז צו די אויערן, וואָס הערן אַזוינס, אַז משה אהרן־לייזערס זון זאָל שילטן אַ רבין אין טאַטן אַרײַן.

מײַן ווײַב איז זיך מיט מיר אַדורכגעגאַנגען אַ הינטער־גאַס צום פּוילישן קלויסטער צו און האָט אויפן וועג אַזוי געוויינט, אַז איך האָב געקאָנט שטאַרבן נעבן איר. איך האָב נישט געקאָנט איבערטראָגן איר ביטער געוויין.

— איך האָב דיך ליב, חצקל — האָט זי געזאָגט מיט טרערן — נאָר איצט וואָלט איך געוואָלט אַרײַן בעסער אין דער ערד אַרײַן, איך קאָן שוין מיט דיר נישט לעבן. מײַן נישט, אַז איך וויל זיך גטן, גאָט בּאַהיט, נאָר אַז דו האָסט געקאָנט שילטן יאַנקעלעס רבי, דעם קאָצקער, אין טאַטן אַרײַן, האָב איך מורא צו לעבן מיט דיר...

און זי הויבט אָן אַלץ מער און מער צו וויינען. איך האָב איר נישט געענטפערט, און זי האָט אַ לאַנגע צייט געוויינט מיט אַזעלכע שרעקליכע כליפעריִען, וואָס האָבן מיך ממש געגרוילט.

אַז מיר זיינען צוריקגעגאַנגען צו אונז אין שטוב, האָב איך געהערט די קולות פון די חסידים. זיי זיינען שוין געגאַנגען אַהיים. זיי האָבן אַלץ גערעדט פון זייער „אומגליק" און האָבן נישט געוונגען אויפן וועג, אַזוי ווי שטענדיג. מיין וואָרט האָט אויף זיי געמאַכט אַ געוואַלדיגן רושם. איך האָב זיי באמת פאַרשטערט די שמחה.

אַז איך בין אַריין צוריק אין שלאָפצימער, האָט מיך דער טאַטע אַ רוף געטאָן:

— חצקל, זיץ — האָט ער געזאָגט.

און מיין ווייב האָט ער געהייסן גיין שלאָפן.

— וואָס איז מיט דיר, חצקל, וואָס איז דאָס מיט דיר געוואָרן? — האָט ער שטיל און ציטריג געפרעגט.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף זיין פנים און האָב זיך דערשראָקן. דאָס פנים בלאַס, די אויגן רויט. איך האָב אים קיינמאָל אַזעלכן נישט געזעהן. קיין כעס האָב איך נישט באַמערקט אויף זיין געזיכט. דער מין כעס האָט בּאַ אים אַבּסאָלוט נישט עקסיסטירט, נאָר פאַרטרויערט איז ער געווען. איך האָב אים געזעהן, ווען ס'איז בּאַ אים געשטאָרבּן אַ קינד, אַ שוועסטער. אָבער איך האָב נישט געזעהן אין זיין געזיכט אַזאַ שרעקליכן אויסדרוק.

איך האָב אים געוואָלט קושן און וויינען, בעטן רחמים, ער זאָל מיר מוחל זיין. איך בין געווען גרייט פאַר אים אַוועקצוגעבּן מיין לעבּן, איך וואָלט בּעסער געוואָלט, אַז עמיצער זאָל מיר אַריינשטעכן אַ שפּיז אין האַרצן, איידער צו זעהן מיין טאַטן מיט אַזאַ פּנים. איך ווייס דאָך יאָ, ווי ווייט מיין ליבּן טאַטן, וועלכן איך האָב ממש פאַרהייליגט און פאַרהייליג בּיז היינטיגן טאָג, וויפיל געזונט אים האָט עס געקאָסט, און וואָס איז ער, נעבּעך, געווען שולדיג.

און איך בּין מיך מודה, אַז ווען מיר פאַרוויילט זיך אַמאָל טון עפּעס אַן עולה, מאַלע וואָס אַ מענשן פאַלט איין, שטעל איך מיר בּאַלד פאָר די געשטאַלט פון מיין טאַטן, און איך האַלט מיך שנעל אָפּ דערפון. אָבער, לייִדער, נישט אַלע מאָל קומט מיר פאָר דער טאַטע אין זכרון.

איך וואָלט אים געשיינקט מיין לעבּן, מיין גוף, מיין בּלוט, אָבער וואָס טוט מען מיט מיין נשמה, ווי קאָן איך גלויבּן אין רעם, אין וואָס איך גלויבּ נישט? און ווי קאָן איך איצט הרגענען אַזוינע צוויי ליבּע מענשן, ווי מיין טאַטע און מיין שיין יונג ווייבּל?

— וואָס שווייגסטו, — האָט ער מיך ענדליך געפרעגט — רייר, אַדרבה, רייר, בּאַ מיר איז געבּליבּן איין מאָל זיך דורכריירן מיט דיר, און זאָלסט מיר אַלץ ריידן, וואָס דו האָסט אין האַרצן. איך בּין אַליין שולדיג, וואָס איך האָבּ מיט דיר ווייניג גערערט פון חסידות. איך האָבּ פון דיר צופיל געהאַלטן, איך האָבּ דיך שטענדיג געהאַלטן פאַר אַ אינגל מיט פאַרשטאַנד, אַז דו פאַרשטייסט אַליין און מען דאַרף מיט דיר קיין סך נישט ריידן. איצט זעה איך אַרויס מיין פעלער. איך האָבּ מיט דיר קיינמאָל נישט פאַרבּראַכט אין חסידות. וואָלט איך אָבּער מיט דיר גערערט, וואָלט איך פון אָנפאַנג נישט דערלאָזט דערצו.

עס איז שוין געווען נאָך האַלבּער נאַכט, די לאָרנס זיינען געווען צו־געמאַכט, און אַ ליכט האָט געבּרענט. איך האָבּ אָנגעהויבּן ריירן... איך האָבּ לאַנג גערערט, און אַז ער האָט נאָר געעפנט דאָס מויל מיר צו ענטפערן, האָבּ איך שוין פאַרכאַפּט און געזאָגט, וואָס ער וויל זאָגן. איך האָבּ מיך שרעקליך צעהיצט, און דער טאַטע איז געזעסן, ווי אַ פאַרשטיינערטער, האָט זיך גוט איינגעהערט און מיך נישט איבּערגעשלאָגן. דאָס איז געווען זיינע אַ בּאַזונדערע מעלה, און אַז איך האָבּ געענדיגט, איז שוין געווען גרויסער טאָג. איך האָבּ אַ קוק געטאָן אויפן זייגער: זיבּן אַזייגער!

איצט בּין איך גאָר אַ נייער געווען פאַר אים. פון וואַנען נעמט זיך עס? ער האָט מיך אָפּגעגעבּן צו יצחק־אשרן און געמיינט, אַז ער איז יוצא, און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס אין מיר האָט זיך אָנגעקליבּן פאַר דער גאַנצער צייט. ער האָט מיך טאַקע געהאַלטן פאַר אַ קאָך־לעפל, נאָר ער האָט געהאַט אַ קליינעם טעות: ער האָט געמיינט, אַז איך וועל זיין אַ חסיד אַ קאָך־לעפל, און איך בּין גאָר אַ מתנגד אַ קאָך־לעפל, און ער איז געפאַלן אויפן בּעט, ווי אַ פאַרחלשטער, און אַ גרויסן זיפץ געטאָן.

מיך האָט פאַרנומען בּאַם האַרצן, איך בּין אַרויסגעגאַנגען פון זיין שלאָפצימער און האָבּ זיך גוט פונאַנדערגעוויינט. עטוואָס בּאַרוהיגנדיג זיך, האָב איך אויסגעווישט די אויגן, אַז מיין ווייבּ זאָל נישט דערקענען, אַז איך האָבּ געוויינט. און אַז איך בּין אַריין אין שלאָפצימער, איז מיר ערשט פינסטער געוואָרן אין די אויגן: מיין שיין יונג ווייבּל ליגט אין בּעט און ווייגט די גאַנצע נאַכט, אַז די קישנס זיינען שוין נאַס פון טרערן. און אַז זי האָט מיך דערזעהן, האָט זי זיך ערשט פונאַנדערגעוויינט אויפן קול, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען אַריינגעלאָפן דערשראָקענע. אַז דער טאַטע האָט זיך אַרומגעקוקט, האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס דאָ טוט זיך, און איז בּאַלד אַרויסגעגאַנגען צו זיך.

איך האָב נישט געהאַט מיט װאָס זי צו באַרוהיגן. גאָט מײנער! מײן גאַנץ האָב איך שױן אָפּגעטאַנצט, דער וכּוח מיטן טאַטן, װאָס ראָס האָט מיר אָפּגעקאָסט אָנדערטהאַלבן יאָר צײט, און איך האָב גאָרנישט געטאָן: נישט געלערנט, נישט געחקירהט, איז שױן אױך אַדורכגעגאַנגען. װאָס איז איצטער? איך האָב געמײנט, אַז דער טאַטע װעט זיך דערנאָך באַרוהיגן, װעט עס אַראָפּשלינגען, און מיר װעלן זיך אײנלעבן. איך װעל זיך נעמען צום לערנען, װי איך האָב דעם טאַטן געזאָגט. באַ מיר איז פאַרבליבן, אַז איך זאָל זיך ערשט נעמען צום לערנען בהתמדה. קעסט האָב איך, פאַר מײן װײב דאגה איך נישט. דער טאַטע האָט זי ליב, װי ראָס לעבן, װעט איר זײן גוט, און איך װעל קאָנען זיצן און לערנען, אַזױ לאַנג לערנען, ביז איך װעל האָבן סמיכות אויף רבנות. און פאַר מיר אַ שטאָט אויף רבנות איז געװען זעהר לײכט צו באַקומען. אין מײנע צײטן האָבן ר׳ חיים װאָלאָזשינערס אײניקלאַך געשפּילט אַ גרױסע ראָליע באַ אירן, און די װאָלאָזשינער ראש־ישיבות װעלן מיר שױן געבן אַ שטאָט, און מײן שײן יונג װײבל װעט זײן אַ רביצין.

איך האָב עס פעסט באַשלאָסן, כאָטש איך האָב געהאַט כמעט דעם טױט פון איר װײנען. אָבער איך האָב געקלערט, אַז איר װײנען װעט אױך מײדן, און האָב זיך געמאַכט האַרץ און אַװעקגעגאַנגען אין בית־המדרש אַרײן דאַװנען.

דאָס איז געװען אַ שװערע נאַכט, װאָס האָט זיך מיר באַזונדערס טיף אַרײנגעשניטן אין זכּרון.

# קאַפּיטל XXV

**דער וכּוח מיט די חסידים. — איך וויל פאָרן קיין וואָלאָזשין. — דער פאָטער איז קענק. — דאָס אונטערהעצן דאָס ווייב קעגן מיר. — מיין ווייב ווערט קראַנק. — מיר זיינען בּרוגז. — אונזער שלום. — מיין איבּערגעבּן זיך צו לערנען. — „קלייבּט, קינדערלאַך, רענדלאַך ז" — דער „פּאַלאַץ". — „חצקלס דור".**

מיין חייב האָט מיך געבּעטן, איך זאָל איר טון צוליבּ און ראַווענען אין שטיבּל. פרייטאָג צו נאַכטס, בּאַם ראַווענען, האָט מיך געבּעטן דעם פעטערס זון, ר׳ שמחה, קומען צו אים האַלטן אַ וכּוח מיט חסידים. איך האָבּ איינגעשטימט. עס זיינען געקומען דריי מנינים חסידים, מיט ר׳ אָרעלען בּראש. זיי האָבּן זיך צוגעגרייט צום וכּוח עטליכע טעג. דאָס צוציהען מיך צו חסידות האָט בּאַ זיי, אויסער אַלעמען, נעהאַט אַ בּאַזונדער בּאַדייטונג. זיי האָבּן מיך געהאַלטן פאַר אַ ק אָ ך ־ ל ע פ ל, פאַר אַ אינגל מיט ע נ ע ר ג י ע, וואָס האָט ליבּ קהלעשע אַרבּעט און וואָס וואָלט געווים געמאַכט פאַר חסידים יענע יונגע־לייט, וואָס האָבּן היי־יאָר חתונה געהאַט. זיי האָבּן אויך מורא געהאַט פאַר מיר. זיי האָבּן געוואוסט, אַז ווען איך בּלייבּ מתנגד, וועט זיך מיט מיר ענדיגן אין קאַמעניץ די חסידות צווישן דער יוגנט, און דאָס איז זיי געגאַנגען אום לעבּן.

דעם וכּוח האָבּ איך געהאַט און האָבּ זיי „פּשוט מנצח" געווען. אויף אַלע זייערע פראַגעס האָבּ איך בּאַלד געענטפערט, און וואָס איך האָבּ זיי געפרעגט, האָבּן זיי קיינער קיין תּירוץ נישט געקאָנט געבּן.

— דער רבּי וועט דיר ענטפערן אויף אַלע דיינע פראַגעס — האָט מיר ר׳ שמחה אַ זאָג געטאָן אַ פאַרכּעסטער.

זאָג איך:

— וואָס דאַרף איך אָננעמען דאָס חסידות און פרעגן קשיות און זוכן, ווער עס זאָל מיר ענטפערן, בּעת דאָס האַרץ מיינס ציהט נישט צו דעם. אַמער איז דאָך גלייכער, אַז איך האַלט זיך מיטן אַלטן וועג און נישט דאַרפן פרעגן.

— און וואָס גייט עס דיר דאָס פרעגן? — זאָגט ר׳ שמחה.
— אָט פאָרן צו אַ רבין.
— איך גיב דיר פופציג רובל אויף הוצאות, — מאַכט ר׳ שמחה — און פאָר קיין קאַרלין צום רבין, ר׳ אהרן. ער וועט דיר אויף אַלץ ענטפערן.
און האָט מיר געגעבן אַ תקיעת־כף, אַז ווען איך וועל אים זאָגן, אַז איך פאָר קיין קאַרלין צום רבין, גיט ער מיר פופציג רובל. דערמיט האָט זיך געענדיגט דער וכוח, און איך בין אַרויס ווי אַ „זינער״, און אַלע האָבן פאַר מיר דרך־ארץ געהאַט. זיי האָבן מיך געהאַלטן פאַר זעהר אַ געראָטענעם.
שבת האָב איך געדאַוונט אין שטיבל, און אַ גאַנצע וואָך אין נייעם בית־המדרש, וואו אַלע גוטע יונגע־לייט דאַוונען. נאָכן דאַוונען האָב איך גאַנצע טעג געהאַלטן דערעם וועגן חסידות, און אַלע האָבן געוואוסט פון מיין נצחון. אין נייעם בית־המדרש פלעגן אָנקומען אַלץ מער און מער יונגע־לייט, פאַראינטערעסירטע מיט מיין וכוח. איך האָב זיי איבער־געגעבן די אַרגומענטן פונם חסידות און מיינע טענות קעגן. דערנאָך האָט מען מיך פאַרבעטן אין אַלטן בית־המדרש. דאָרטן האָב איך אויך אַלץ איבערגעגעבן פון דאָסניי, און איך מוז מיך מודה זיין, אַז אין אַ משך פון אַ פאָר צענדליג יאָר איז אין קאָמעניץ נאָך דער מעשה קיין איין חסיד נישט צוגעקומען און איז פאַרבליבן אַ פאַרברענטע מתנגדישע שטאָט עד היום הזה.
ווי איך האָב שוין געזאָגט, האָב איך געהאַט אַ טעות מיט מיין וכוח. איך האָב געמיינט, אַז נאָכדעם וועט דער טאַטע באין ברירה שלום ווערן מיט מיין מתנגדות און וועט זיך צוגעוויינען. דאָס איז אָבער געווען נישט אַזוי. דער טאַטע האָט זיך אָן מיר געגומען נוקם זיין, וואָס איז גאָרנישט געווען אין זיין כאַראַקטער, האָט מיך שטענדיג פאַרוואָרפן מיט שטעך־ווערטער און נאָך גענומען צו הילף מיין ווייב, וואָס איז שוין גאָר געווען נישט יושרדיג. אים האָט עס גאָרנישט געאַרט, וואָס ער קאָן מיר קאַליע מאַכן דאָס גאַנצע לעבן מיט מיין ווייב, וועלכע איך האָב האָלט געהאַט.
אַז איך האָב דערזעהן, אַז עס גייט אַלץ צו ערגער און ערגער, אַז דער טאַטע האָט זיך אַזוי ווי אָנגעלעגט דערויף צו מאַכן אַ שלעכט לעבן צווישן מיר מיט דעם ווייב, האָב איך באַשלאָסן אַוועקצופאָרן קיין וואָלאָזשין לערנען. סיי ווי סיי האָב איך דאָך געוואָלט זיין אַ רב! אין וואָלאָזשין וועט מיר גאָר נישט פעלן און עס וועט נעמען אַן עק. דעם אמת געזאָגט, האָט זיך מיר נישט געוואָלט אַוועקוואַרפן מיין אַכצען־יאָריג שיין יונג ווייבל, מיט וועלכער איך בין ערשט געווען צוזאַמען אַ פאָר חדשים — נאָר פאַרפאַלן, לעבן ווייטער אַזוי איז געווען אוממעגליך.

פאָרן האָב איך געוואָלט מיט אַ פּאַספּאָרט. איך בּין געווען בּאַ זיך גרולדיג און נישט געוואָלט אַוועקלאָזן זיך צווישן מענשן אָהן אַ פּאַס, וואָס איז דעמאָלט נאָר נישט נויטיג געווען. דעם ערשטן פּאַספּאָרט גיט מען אָבּער נישט אָהן פּאָטערס ידיעה. נאָר איך בּין דאָך עפּעס — א י ך, אַן אָנגעזעהענער יונגערמאַן, וועט מיר מסתּמא יעקב דער איסבּאָרשטשיק אַרויסגעבּן אַ פּאַס, נישט אָנפרעגנדיג בּאַם טאַטן. דער איסבּאָרשטשיק האָט מיר טאַקע צוגעזאָגט, אָבּער הינטן אַרום האָט ער געשיקט פרעגן בּאַם טאַטן. איך האָב שוין דערנאָך פאַרשטאַנען מיין נאַרישקייט, אַז איך בּין געווען צו גרויס בּאַ זיך, אַז ער וועט געווים אָנפרעגן בּאַם טאַטן, און דער טאַטע האָט מיר גלייך טאַקע אַ פרעג געטאָן:

— חצקל, צו וואָס דאַרפסטו אַ פּאַספּאָרט?

— פאָרן קיין וואָלאָזשין... — האָב איך אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

בּאַ אים האָט, קענטיג, געפּלאַצט די געדולד און פאַר מ י י ן  ו ו י י ב  א י ן  ד י  א ו י ג ן  האָט ער מיר אַראָפּגעלאָזט צ ו ו י י  ה י י ס ע  פּ ע ט ש.

— אַ פּאָר חדשים נאָך דער חתונה — האָט ער זיך צעשריען — ווילסטו שוין אַוועקוואַרפן דאָס ווייבּ! אַ פּרוש ווילסטו ווערן?

אין דער מינוט איז ער אפשר געווען נישט אַזוי אויפריכטיג און גיכער פון אַלץ מסתּמא האָט ער געוואָלט אויפהעצן מיין ווייבּ קעגן מיר.

און ער האָט שוין געדערט און געדערט:

— ס'טייטש, אַ ווייבּ אַ יתומה ווילסטו אַוועקוואַרפן? וואו איז דאָס געהערט געוואָרן? דאָס איז דאָך אַ רציחה! און בּכלל, וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו צו טון אַזאַ גרויסע זאַך, נישט פרעגנדיג בּאַם טאַטן? מילא, זאָל שוין זיין בּאַם טאַטן נישט, אָבּער בּאַ אַ ווייבּ?.. בּיסט דאָך אַ פרומער, זאָגסטו, דו ווייסט דאָך, אַז עס שטייט אין דער תּורה: שנה אחת יהיה בּביתו, אַפילו אין צייט פון מלחמה! ווילסטו אַוועקוואַרפן דאָס ווייבּ צוליבּ לערנען? נאָר ניין, דאָס איז נישט צוליבּ לערנען, וואָרום לערנען קאָנסטו אין דערהיים אויך. קיינער וועט דיר נישט שטערן. דאָס מוז זיין עפּעס אַן אַנדערע זאַך. אפשר האָסטו פיינט דאָס ווייבּ? — פרעגט ער מיט אַ ריפּלאָמאַטישן שמייכל, און מיר פאַלט איין דאָס בּלוט.

אַזאַ שיין ווייבּל, איך האָבּ זי אַזוי ליבּ, וואָס איך וואָלט דאָס גאַנצע לעבּן אָפּגעגעבּן פאַר איר — שיט ער מיר נאָך זאַלץ אויף די וואונדן!..

און דער טאַטע האָט אַלץ געדערט פאַר איר אין די אויגן, כּדי זי צו העצן קעגן מיר. אַזוי האָט ער מיר עטליכע שעה נאָכאַנאַנד געגומען דאָס לעבּן, געמאַכט מיך פאַר דעם ערגסטן מענשן אין דער וועלט. וואָרום, אַז מען קאָן וועלן אַוועקוואַרפן אַ ווייבּ בּאַלד נאָך דער חתונה, איז אַ

סימן, אַז מען איז נאָר קיין מענש נישט, און ער חיים נישט, ווי מען רופט מיך אָן דערפאַר.

מיין ווייב האָט זיך געווײנליך פונאַנדערגעווײנט, און דער טאַטע, כאָטש ער האָט זי ליב געהאַט, ווי דאָס לעבן, און האָט אַוראַי נישט געקאָנט צוקוקן, ווי זי וויינט, האָט דאָך נישט געשאַנעוועט אירע טרערן און האָט כסדר אונטערגעלעגט פייער. נאָר אַז זי האָט זיך אַזוי צעווײנט, אַז זי איז שיער נישט געפאַלן אין חלשות און האָט באַקומען אַ ווייטיג אין קאָפּ, און דאָס פּנים האָט איר אָנגעהויבן צו ברענען, — האָט זיך דער טאַטע דערשראָקן און תּיכּף געשיקט נאָך יאָשקע דעם רופא. דער „דאָקטאָר" איז אָבער נישט געווען אין דערהיים, און עס האָט זיך געטאָן. די גאַנצע פאַמיליע איז זיך צונויפגעלאָפן, און מען האָט זי אַריינגעלעגט אין בעט אַריין, און איך בין געוואָרן בלאַס, ווי דער טויט. איצט האָב איך דייטליך איינגעזעהן, ווי ווייט דער טאַטע האָט געהאַסט מתנגדות און ווי גרויזאַם ער האָט זיך באַצויגן צו מיר.

אַז מען האָט געכאַפּט גנבענען יצחק־בער, וועלכער האָט געהאַט אַ צונעמאַכטן שליסל צו דער קאַסע און האָט, ווער חיים ווי לאַנג, באַגנבעט אָט די קאַסע, איז דער טאַטע געווען אַזוי קאַלטבלוטיג, אַזוי רוהיג, און ער האָט נישט גערערט קיין מינדעסט שלעכט וואָרט קעגן דעם גנב, נאָר קאַלטבלוטיג, גלייכגילטיג געזאָגט:

— זאָגט מיר כאָטש, ר' יצחק־בער, ווי לאַנג האָט איר שוין דעם נאָך־שליסל, און צי האָט איר מיך באַגנבעט מיט רחמנות.

דערנאָך האָט ער זיך מיט אים אויפן בעסטן אופן אָפּגערעכנט, און אַז יצחק־בער האָט געזאָגט, אַז ער וועט איצט בלייבן אָהן ברויט און וועט נישט האָבן מיט וואָס צו פאָרן אַהיים קיין בריסק, האָט אים דער טאַטע געגעבן אַ הונדערטער און צוגעוואונשן אים גליק און הצלחה א. אַז.וו. מיט אַזאַ פריינטליכן טאָן, פונקט ווי יענער וואָלט געווען אַ צדיק און נישט קיין גנב.

אָבער אין דעם טאַטנס באַציהונג צו מיר האָב איך איצט דאָס ערשטע מאָל דייטליך געזעהן קאַלטע רציחה און נקמה. יערנפאַלס, בין איך דאָך עפּעס נישט געווען קיין נאַס־אינגל, איך האָב דאָך געהאַט אַ שם אין שטאָט, לייט האָבן מיר דאָך אָפּגעגעבן כבוד, טאָ פאַרוואָס באַגייט ער זיך מיט מיר אַזוי אַכזריותדיג? ממש ער וויל מיך אַוועקקוילען!

נאָר אַז איך האָב זיך גענומען איינטראַכטן, האָב איך אויף אים מלמד זכות געווען. ערשטנס, האָב איך איינגעזעהן, אַז פון אַ מתנגד אַ חסיד קאָן מען ווערן, אָבער צוריק בשום אופן נישט. אַ מתנגד איז סתּם אַ פרומער איד, אָבער אַ חסיד מיינט, אַז דער הימל און גאָט און דער גן־

ערן איז נאָר פֿאַר אים, און אויף וויפֿיל זיי איז טייער דאָס חסידות, אויף אַזוי פֿיל פֿאַרהאַסן זיי דאָס מתנגדות. קוקט מען שוין נישט אויף אַן אייגן קינד, איז עס שוין גאָר קיין קינד נישט, ווען עס גיט זיך איבער צו דעם פֿאַרהאַסטן מתנגדות. און אַזוי ווי איך בין נאָך געווען דער בכור און אונטער מיר זיינען געווען נאָך פֿיר אינגלאַך, האָט דער טאַטע פּשוט מורא געהאַט, אַז איך זאָל אים נישט קאַלעטשן די ברידערלאַך מיינע מיט מתנגדות. און ער איז געווען גערעכט, וואָרום אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. מיינע ברידער זיינען אַלע מתנגדים.

און צו מיין אומגליק, ווי געזאָגט, איז דאָס ווייב מיינס געווען אַ גרויסע חסידיאַצקע און דער טאַטע האָט דורך איר געשטרייט מיט מיר. וואָלט זי געווען נישט קיין שיינע, וואָלט ער פֿאַרביסן מיט די ליפּן און וואָלט זיך איינגעאַנצן פֿון מיר מיאש געווען. אָבער דער טאַטע האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זי איז מיר אומגעהויער געפֿעלן און אַז זי איז אין דעם פּרט אַ קראַפּט פֿאַר אים קענן מיר.

מיין וועלן אַוועקפֿאָרן, ווירער, האָט דעם טאַטן אָפּגעשראָקן. אַזוי האָט ער נאָך געהאַט אַ שטיקל האָפֿענונג מיט דער הילף פֿון מיין שיין ווייבל אומקערן מיך צו חסידות. וועל איך אַוועקפֿאָרן, איז דאָך שוין אַלץ פֿאַרפֿאַלן.

נאָר ווי אַלע מאָל אין אַזוינע פֿאַלן צווישן אַ טאַטן מיט אַ קינד, האָט ער, דער טאַטע, גאָרנישט געוואונען און האָט בלויז מיר קאַליע געמאַכט דאָס בלוט און דאָס לעבן. און אָנשטאָט דעם, וואָס איך זאָל ווערן ווייכער, בין איך נאָך מער פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן.

און דער קלוגער טאַטע מיינער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, אַז אַזוי ווי דער טאָג, ווען איך האָב געוואָלט נעמען אַ פּאַספּאָרט, איז געווען פֿון ער וועט נישט אַוועקגעבן זיין חסידות פֿאַר כּל הון דעלמא, אַזוי וועל איך נישט אַוועקגעבן מיין מתנגדות פֿאַר אַלץ אין דער וועלט. פֿעלשן, אָפּנאַרן, ליגן, פֿאַרמאַסקירן זיך, ווי אַנדערע טון, האָב איך נישט געקאָנט. דאָס איז נישט אין מיין נאַטור. טוען דאָך אַנדערע אַזוי, גייען דאָך אַנדערע חסידים לאַנג געקליידט, פֿאָרן צום רבין, טראָגן שטריימלאַך — אַלץ צוליב אַ ווייב, צוליב אַ טאַטן, צוליב אַ שווער, אַ פּרינציפּאַל — און אין האַרצן איז מען דער היפּוך: מען רויכערט אַ סיגאַר אום שבת, מען טוט אָפּ כּל הפּסלנות, אַבי קיינער זאָל נישט זעהן. איך האָב עס אָבער נישט געקאָנט.

מיינע סאַמע ביטערסטע טעג אין מיין לעבן. מיין ווייב איז געווען קראַנק עטליכע טעג. דער טאַטע האָט זיך געלעגט אין דער לייגנג און אין דער ברייט צו מאַכן זי געזונט. זי איז געלעגן אין בעט און האָט נאָר געוויינט.

מיט מיר האָט זי נישט גערעדט. עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געוואָלט איינלייגן פאַר איר די וועלט. איר קראַנקהייט האָט מיך לחלוטין צעטרייסלט. אָבער דער טאַטע האָט מיך צו איר נישט צוגעלאָזן. און אַזוי האָט זיך די גאַנצע פאַמיליע נעבן איר געדרייט, יעדערער האָט איר מיט עפּעס צוגעהאָלפן, און איך — נישט!

דערנאָך, אַז זי איז געזונט געוואָרן, איז זי שוין ווייכער געוואָרן צו מיר. זי האָט, ווייזט אויס, אויף מיר רחמנות געהאַט. צופיל האָט מיר שוין דער טאַטע פאַרגעבן. עס האָט איר, קענטיג, באַנג געטאָן מיין וואָגלעניש, בעת איך האָב ערשט חתונה געהאַט און האָב קיין הנאה נישט פון מיין לעבן.

מיר האָבן זיך איבערגעבעטן... איך האָב איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער טאַטע האָט נישט קיין רעכט צו רודפן מיך אַזוי. ער קאָן מיך פאָרט פאַר אַ חסיד נישט מאַכן, בעת מיין האַרץ ליגט נישט דערביי. אַלזאָ, דאַרף ער צו מיר קיין פּרעטענזיעס נישט האָבן און נישט באַגיין זיך מיט מיר אויף אַזאַ גרויזאַמען אופן.

— ער באַליידיגט מיך פאַר דיר אין די אויגן, ער מיינט, אַז איך וועל באַ זיך אַראָפּפאַלן, אַז איך וועל זיך פילן נידערשלאָגן — האָב איך מיט איר איינגעטענעט. — ניין, מיין ליב ווייבעלע, אַלץ קאָן איך טון, אָבער גלויבן אין דעם, אין וואָס מיר גלויבט זיך נישט, קאָן איך נישט.

— און ווייטער מכּח דעם, וואָס איך וויל אַוועקפאָרן קיין וואָלאָזשין — האָב איך איר געזאָגט — און דיך איבערלאָזן, ווייסטו דאָך, אַז נפשי קשורה בנפשך, מיין נשמה איז צוגעבונדן צו דיין נשמה און טאַקע דעריבער האָב איך געוואָלט אַוועקפאָרן. איך וויל, אַז דיר זאָל זיין גוט פאַר מיר, אַז דו זאָלסט, חלילה, נישט ליידן באַ מיר קיין מאַנגל. קיין סך געלט האָבן מיר נישט, קיין נייע געשעפטן זיינען אויך נישטאָ און מיט אַזאַ קליינעם קאַפּיטאַל, ווי מיר האָבן, קאָנען מיר גאָרנישט האָפן, אַז מיר זאָלן זיך צושלאָגן צו עפּעס אַ פּרנסה. איך קאָן דאָך זיך נישט נעמען צו עפּעס אַ קליינע זאַך און מאַכן אַ פּרנסה, ווי אַלע קאַמעניצער טוען. איין האָפענונג איז יאָ דאָ פאַר מיר, אַז איך זאָל ווערן אַ רב. און פרעג, אדרבה, מיין ווייבעלע, דעם פעטער אונזערן, דעם רב, וועט ער דיר אויך זאָגן, אַז פאַר מיר איז נאָר איין גוטער וועג פאַראַן — ווערן אַ רב. דאָס האָב איך צו פאַרדאַנקען דעם טאַטן, וואָס ער האָט מיך נישט אַוועקגעשיקט קיין וואָלאָזשין נאָך מיט דריי יאָר צוריק. איך וואָלט שוין איצט געהאַלטן באַ ווערן אַ רב. אָבער איך האָב נאָך מיין האָפענונג נישט פאַרלוירן; איך בין איצט אַלט אַכצען יאָר. מיר האָבן נאָך קעסט גאַנצע דריי יאָר, און עס דאַרף גאָר נישט אויסמאַכן, טאָמער וועלן מיר זיך

צעשיידן אויף אַ געוויסער צייט. באַם טאַטן וועט דיר גאָרנישט פעלן, אַלע האָבן דיך ליב. נישקשה, אין אַ יאָר פיר, פינף אַמהעכסטן, וועל איך מיט גאָטס הילף געוויס האָבן סמיכות אויף רבנות, און דו וועסט זיין אַ שיינע רביצין.

קורץ, מיין פלוניתטע, וואָס איז אייגנטליך געווען פון נאַטור אַ פּראַקטיש ווייבל און האָט מער פון אַלץ געוואָלט פרנסה, איז מסכים געוואָרן און האָט מיר געגעבן פאָלקאָם גערעכט. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט אויף קיין האָר נישט געצווייפלט אין מיין טרייהייט און מיין איבערגעגעבנקייט.

און דער טאַטע, ווי עס טרעפט שטענדיג, אַז ער האָט פאַרשטאַנען, אַז באַ אונז איז געוואָרן אַ פאָלקאָמענער שלום, האָט אויפגעהערט האָבן מיט מיר צו טון.

מיין געדאַנק — צו לערנען גמרא און פּוסקים, ביז איך וועל קריגן סמיכות אויף רבנות, האָב איך נישט אַוועקגעוואָרפן. איך האָב אָנגעהויבן צו לערנען אין נייעם בית־המדרש מיט גרויס התמדה און האָב זיך געפירט אַזוי: נאָך מעריב, דאָס הייסט, פון אָנהויב אָוונט, האָב איך געלערנט ביז אַכט אַזייגער, נאָכדעם האָב איך זיך געלעגט שלאָפן נעבן אויוון מיט אַן אַלטן טלית צו־קאָפּן, בעטנדיג פריהער די יונגע־לייט, אַז ווען זיי וועלן גיין אַהיים אַרום צען, עלף אַזייגער, זאָלן זיי מיך אויפוועקן. און ווען אַלע זיינען אַוועקגעגאַנגען, בין איך איינער געבליבן און גענומען לערנען. איך פלעג מיר שטיין באַם בעלעמער און פלעג לערנען ביזן גרויסן טאָג אַריין. אַז איך פלעג אויפהויבן דעם קאָפּ פון דער גמרא, פלעג איך דערהערן, ווי דער בעל־תפילה זאָגט שוין די ברכות פונם דאַווגען, און עס איז טאָג. אַזוי האָב איך געלערנט דעם גאַנצן ווינטער.

געשלאָפן בין איך אין בית־המדרש אַ דריי שעה אין טאָג, נישט מער, און די איבעריגע צייט געלערנט. נאָר פרייטאָג צו נאַכטס פלעג איך שלאָפן אין דערהיים, ווי דער דין איז פון אַ תלמיד־חכם.

איך האָב אָבער מורא געהאַט צו זיין איינער אַליין אין אַזאַ גרויסן בית־המדרש. איך האָב דעמאָלט געגלויבט אין שדים און מזיקים און דעמאָלט איז אויך געווען באַ אונז אין שטאָט אַ משוגענע אידענע, ראַשעלע האָט זי געהייסן. איר שגעון איז געווען, וואָס זי פלעגט אומניין גאַנצע נעכט איבער די גאַסן, און אַז זי האָט דערזעהן, אַז אַ מאַנסביל האָט ערגעץ געעפנט אַ טיר און אַרויס אויף אַ ווײלע אין דרויסן, פלעגט זי אין דער־ניך אַריינ־כאַפּן זיך דורך דער טיר גלייך צו יענעם אין בעט אַריין. געוויינליך, פלעגט ווערן אַ געוואַלד מיט אַ טומל, ביז מען האָט זי קוים אַרויסגעיאָגט. אין דעם איז באַשטאַנען איר משוגעת. און איך האָב מורא געהאַט, אַז ראַשעלע זאָל אָפּט נישט אַריינקומען צו מיר אין בית־המדרש. איך האָב גלאַט

מורא געהאַט פאַר שרים. האָב איך געטאָן און געצונדן ליכט אין אַלע הײנג־לײכטער, װאָס זײנען געװען אין בית־המדרש. אַכט גרױסע הײנג־לײכטער, געדײנק איך, מיט אַכט, צען און צװעלף רערן, אױף אַרײנ־צושטעלן ליכט שבת און יום־טוב. אַזױ פלעג איך פאַרברענגען צװײ פונט ליכט אַ נאַכט, און קײנער האָט נישט געװאָגט צו רײדן מיר אַ װאָרט. אַלע בעלי־בתּים פון בית־המדרש, װי אידן בכלל, זײנען געװען זעהר צופרידן פון מײן לערנען אײנער אַלײן. אַ גאַנצע נאַכט מיט דער גמרא — אַ קלײניגקײט!

און פאַר אײן גאַנג האָב איך װאָס אַ טאָג װײטער אָנגעהױבן װערן פרימער און פרימער. אין אַ קורצער צײט בין איך געװאָרן אַזױ פרום, אַז אַ גאַנצע װאָך האָב איך נישט געגעסן קײן פלײש, בכלל גאָרנישט, אױסער שװאַרץ ברױט מיט געקעכטס, אָהן פּוטער, און דערבײ האָב איך אָנגעהױבן צו לײענען אַלע מסור־ספרים. מיר איז זעהר געװען געפעלן דער יסוד־שורש־העבודה און באַם ראַװנען האָב איך מיך געפירט, װי ער האָט געהײסן: אין אַנדערע ערטער פון ראַװנען האָב איך געװײנט, און אין אַנדערע ערטער האָב איך זיך געפרײט.

און האָב שױן געהאַלטן, װי רבי זאָגט: אל יחזיק ארם את ידו למטה מבנטו, אַ מענש דאַרף נישט האַלטן די האַנט נידעריגער פון גאַרטל. איך געדײנק, אַז איך פלעג גײן אַהײם און צוריק, פלעג איך קוקן אױף די אַלע מענשן אין גאַס מיט עפּעס אַ רחמנות. װאָס װײסן זײ? און װאָס לערנען זײ? און אַז איך פלעג אַ קוק געבן אױפן הימל, װאו׳ עס פלעגן לײכטן אַזױ פיל שטערנדלאַך, פלעגט מיך אָנגעמען אַ שרעק פאַר דעם גרױסן גאָט, און דער פרוש, דער פאַטשאָשניק, האָט געהאַלטן אַלע טאָג אין אײן רײדן:

— קלױבט, קינדערלאַך, רענדלאַך...

אַז אַ מענש געפינט אױף דער גאַס רענדלאַך, װעט ער זיך געװיס נישט פאַרגינען אױסצורײדן מיט אַ מענשן אַ װאָרט, אָדער עפּעס מפסיק זײן אין מיטן. ער װעט אַלץ קלױבן די רענדלאַך.

— קלױבט, קינדערלאַך, רענדלאַך...

מיט די מצוות, װאָס אַ מענש טוט, בױט ער דאָרט, אױף יענער װעלט, אַ פּאַלאַץ. טאָר מען נישט מפסיק זײן אױף אײן סעקונדע, װאָרום מען קאָן נאָך, חלילה, אין אָט דער סעקונדע, װאָס מען לערנט נישט, אַװעקשטאַרבן, װעט אױך אױף יענער װעלט פעלן אַ גאַניק, אָדער אַ געזימס, צי אַ פענסטער. דערפאַר דאַרף מען אָהן אַן אױפהער בױען און בױען ביז דעם לעצטן אָטעם, ביז דעם לעצטן שװײס.

האָב איך אים געפֿאָלגט און געבויט דעם פּאַלאַץ און זיך נישט פֿאַרגינען צו ריידן מיט עמיצן אַ וואָרט, און איך האָב געקליבן רענדלאַך, געטאָן ווי דער יסוד־שורש־העבֿודה האָט געשריבן און דאָך בין איך אַלץ נישט געווען יוצא. איך האָב אַלץ געראַנגלט, ווי אַזוי ווערט מען נאָך פֿרימער.

נאָר מיין טאַטן האָט מיין לערנען נישט גערירט, און ער האָט נאָך אַלץ געזאָגט:

— הלוואי וואָלט איך געווען געשטאָרבן, הלוואי וואָלט חצקל געשטאָרבן, איידער איך האָב דאָס דערלעבט. זיין לערנען מיט זיין פֿרומקייט איז בײַ מיר גאָרנישט ווערט, אַז ער האַלט נישט פֿון רבין.

אין שטאָט האָבן אַלע בעלי־בתּים אָנגעהויבן צו מוסרן זייערע זין און זייערע איידעמס, פֿאַרוואָס זיי לערנען נישט, ווי חצקל לערנט. יענע האָבן מקנא געווען משה אהרן־לייזערס, וואָס האָט אַ זון אַזאַ מתמיד און אַזאַ צדיק. און די יונגע־לייט גופֿא האָבן זיך אָן מיר מתקנא געווען און ביסלעכווייז, אַרום חנוכּה־צייט, האָבן אָנגעהויבן צו צוקומען אין בית־המדרש אַלע מאָל מער יונגע־לייט, ביז דער גאַנצער בית־המדרש איז געוואָרן געפּאַקט מיט יונגע־לייט און בחורים, וואָס האָבן געלערנט גאַנצע נעכט אַזוי ווי איך. מען האָט זיך איבערגעטראָגן פֿון גרויסן בית־המדרש אַהער, אין נייעם בית־המדרש, און איך בין שוין נישט געווען אַליין, און די ליכט האָבן שוין נישט געברענט אין די היינג־לייכטער, נאָר אין מעשענע שטייענדיגע לייכטער, אויף די טישן, נעבן די גמרות.

און מיר פֿלעגן לערנען מיט אַזוינע האַרציגע נגונים, אַז ווען איך דערמאָן מיך איצט, גייט מיר אַדורך אַ זיסקייט איבער די גלידער. אַזוי האָט מיט מיר דעם ווינטער געלערנט די גאַנצע שטאָט בחורים און בעלי־בּיתלאַך, און אַ לאַנגע צייט נאָכדעם פֿלעגט מען שטענדיג זאָגן:

— חצקלס דור!..

און עס איז ווירקליך נאָך אַזאַ דור נישט געווען אין קאַמעניץ. איצט בין איך אינגאַנצן געווען אַ הימל־מענש. פּורים, געדיינק איך, פֿלעג איך מיך אָנשכּורן, אַזוי ווי דער דין איז, און שכּורערהייט האָב איך געשריען, אַז איך האָב אַ פּאַספּאָרט אויף יענער־וועלט. איך האָב אָפּגעלערנט די דריי בבאָס: בבא קמא, בבא מציעא, בבא בתרא.

נאָר ניכטערערהייט האָב איך אַלץ געבעטן גאָט, ער זאָל מיר געבן פּרנסה, כּדי איך זאָל קאָנען שטענדיג אַזוי זיצן און לערנען.

---

# קאַפּיטל XXVI

—

די קראָם. — מיין פּאָרן קיין קאָברין. — ר׳ יאָשעס הויז. — די איידעמס: דער משכּיל לייזער און דער עלוי זלמן־סענדער. — צוויי הייזער. — דאָס ערשטע מאָל באַקען איך מיך טיפער מיטן תּנ״ך. — דער רושם פון תּנ״ך. — די פאַרענדערונג אין מיר. — דאָס פאָרן אַהיים. — מיינע הויכע מחשבות. — די קראָם גייט קאַפּויר. — השׂכּלה־ספרים. — ווידער מיין טאַטע.

בײַ אונז אין דער פאַמיליע האָט מען שוין געהאַלטן, מחמת מיין איבער־גענעבנקייט צום לערנען, אַז איך וועל נישט קאָנען געבן אַ ווייב און קינדער עסן. און אַזוי ווי מיין ווייב איז אַ בּריה, איז געבליבן, מען זאָל זי מאַכן פאַר אַ קרעמערקע. מיר זאָלן אַרויסנעמען אונזער נדן און מאַכן אַ קראָם, און איך וועל איר אין אַ פרייער מינוט קאָנען אַביסל צו העלפן.

צו מיין אומגליק, מאַכט זיך, אַז איינער וויל איבערגעבן אַ קראָם פון צעלניק מיט בשׂמים צוזאַמען. יענער פאָרט אַרויס פון קאַמעניץ, וועלן מיר האָבן פּרנסה. האָט מען אין דער־גיך געכאַפּט, אַז אַן אַנדערער זאָל דאָס נישט אויסכאַפּן, און געבראַכט דעם קרעמער צום טאַטן, און מען האָט באַשלאָסן איבערצונעמען חול־המועד פּסח די קראָם. דער טאַטע האָט געגעבן פופציג רובל האַנטגעלט, און חול־המועד באַראַרף מען אים אַרייננטראָגן דאָס גאַנצע געלט.

דערווייל האָט מען מיך אָפּגעריסן פון דער גמרא און געהייסן פאָרן קיין קאָברין צו ר׳ יאָשע מינקעס, דעם פעטערס איידעם, אַרויסנעמען אונזער נדן, וואָס איז בײַ אים געווען איינגעלעגט. מיר האָט זיך נישט געוואָלט אַוועקוואַרפן דאָס לערנען מיטן ראַוונען מיינעם, אָבער איך האָב געמוזט: מיין ווייב האָט זיך זעהר געוואָלט ווערן אַ קרעמערקע, אַז נישט קיין רביצין.

בין איך געפאָרן קיין קאָברין.

ר׳ יאָשעס הויז איז געווען מפורסם אין גאַנץ גראָדנער גובערניע אַלס דאָס ערשטע הויז פון תּורה וגדולה בּמקום אחד. זי, אסתּר־גיטל, דעם קאַמעניצער רבֿס טאָכטער, איז געווען אַ חכמה און אַ גרויסע בּריה, זיי האָבּן געהאַט אַן איינפאָר־הויז און אַ ווײַנשײַנק, ווי בּאַ אונז אין קאַמעניץ הייטשע טרינקאָווסקי. נאָר דער אונטערשייד איז געווען דער, וואָס קאָבּרין איז אַן אויעזד, אַ גרויסע שטאָט, און קאַמעניץ — אַ קליין שטעטל.

די פּריצים פונם גאַנצן אויעזד זיינען געווען בּאַ איר אין פּריצישן גאַסט־הויז און אין ווײַנשײַנק. מעבּל איז בּאַ איר געווען רייכס, שיינס און געווען איז בּאַ איר אויך אַ טאַנץ־זאַל מיט אַ פּיאַנע פאַר די פּריצים. זיי פלעגן ממש שעפּן גאָלד אַמאָל, פאַרן פּוילישן אויפשטאַנד.

געווען זיינען זיי אויך גרויסע בּעלי־צדקות און צו זיי קיין קאָבּרין פלעגן קומען פון דער גאַנצער גובערניע אָרימע־לייט, פאַר וועלכע מען פלעגט אויסבּאַקן בּיז צען פוד בּרויט.

עס איז איבּעריג צו דערמאָנען, וואָס פאַר גרויסע בּעלי־הכנסת־אורחים זיי זיינען געווען! מיט איין וואָרט, מען האָט קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט מיט ליידיגן. נאָך אַזאַ הויז פון צדקה און הכנסת־אורחים איז נישט געווען אין גאַנץ ליטע.

אסתּר־גיטל האָט געהאַט, נישט מער און נישט ווייניגער, ווי צוויי און צוואַנציג קינדער, פון וועלכע דרייצען זיינען געשטאָרבּן. פון די ניין געבּליבּענע זיינען געווען דריי זין און זעקס טעכטער. פאַר די טעכטער האָט מען גענומען די גרעסטע עלוים.

איין איידעם זיינער, לייזער, אַ געוועזענער עילוי, האָט נאָך דער חתונה נישט געוואָלט לערנען. ער איז געוואָרן אַבּיסל „געכאַפּט אין דער מעשה“, ווי מען פלעגט זיך אַמאָל אויסדריקן. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַן אַפּיקורס, אַ משׂכּיל, און ער האָט אָפּגעצויגן צו זיך פון לערנען קאָבּרינער יונגע־לייט. און אַזוי איז בּאַ אים געוואָרן אַ הויז פון השׂכּלה. בּאַ אים אין שטוב פלעגט מען חוזק מאַכן פון רבּין מיט די חסידים, פון פאַנאַטיקער א. אַז. וו., ווי דער מנהג איז געווען פון די אַמאָליגע משׂכּילים.

דער ראָזינער לייזער, אויסער וואָס ער איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ משׂכּיל, האָט ער אויך געקאָנט גוט רוסיש, האָט געהאַט אַ גרויסע בּיבּליאָטעק מיט השׂכּלה־בּיכער: העבּרעאישע און רוסישע, און אַ צונג איז בּאַ אים געווען — שוועבּל און פעך. וואָס ווייטער, האָט ער אַלץ מער צוגעצויגן צו זיך יונגע־לייט.

ר׳ יאָשע האָט געהאַט נאָך אַן איידעם, טאַקע מיינער אַ קרובֿ, ר׳ חיים וואָלאָזשינערס אַן אייניקל. ר׳ יאָשע איז פּשוט געפאָרן קיין וואָלאָזשין און האָט אויסגעקליבּן דעם בּעסטן בּחור צווישן די לערנערס. קענענדיג גוט

לערנען, האָט ער אַליין פאַרהערט די חתנים. נאָר דעם חתן איז ער שוין נישט געווען אימשטאַנד צו פאַרהערן: דאָס אינגל האָט געקענט מער פאַר ר׳ יאָשען. היינט איז שוין דאָס אינגל אַ איד, ר׳ זלמן־סענדער, וואָס איז קריניקער רב. ער האָט אַ שם פאַר אַ גדול און מען האַלט אים זאָגאַר פאַר אַ בעל־מופת.

ר׳ יאָשע האָט דעם עילוי געבראַכט צו זיך, באַקליידט און באַנייט אים און געלעגט דריי טויזנט רובל נדן מיט פינף יאָר קעסט. עס איז געווען די חתונה אין דער אייגענער צייט פון מיין חתונה. דער איידעם זלמן־סענדער האָט זיך אויפגעשריבן אין תורה מיט די גרעסטע רבנים פון רוסלאַנד און האָט געפירט פאַר זיך אַ הויז, וואוהין עס פלעגן קומען יונגע־לייט לומדים. זיין הויז איז שוין געווען פונקט דער היפך פון זיין שוואָגער.

אַזוי זיינען געווען צוויי הייזער פון ר׳ יאָשעס קינדער. אָבער די דאָזיגע הייזער זיינען געווען פייער מיט וואַסער. די משכילים האָבן געלאַכט פון די פרומע פאַנאַטיקער, און די פרומע האָבן געמאַכט אַש און בלאָטע פון לייזערן מיט זיינע משכילים. אָבער לייזער איז געווען שטאַרק באַליבט אין שטאָט און אויסגעבונדן מיטן איספּראַווניק, מיטן מיראָוואָי פּאָסרעדניק און מיט דער גאַנצער „נאַטשאַלסטווע". אַפילו בּאַ די פריצים איז ער געווען געשעצט.

ר׳ יאָשעס הויז און די הייזער פון זיינע צוויי איידעמס זיינען געווען דאָס גייסטיגע צענטרום אין שטאָט. עס האָט זיך אומעטום באַוועגט און געלעבט. בּאַ ר׳ יאָשען אין הויז איז געווען פריילעך. די טעכטער זיינען געווען די גרעסטע אַריסטאָקראַטקעס, כאָטש ר׳ יאָשע איז נישט געווען זעהר רייך. מען איז געגאַנגען גרויסאַרטיג געקליידט און „געשטאַלצירט".

קיין קאָברין בין איך געקומען נאָך פורים. אָבער ר׳ יאָשע, וואָס האָט געהאַלטן מיין נדן, האָט, נעבעך, גאָר קיין געלט דעמאָלט נישט געהאַט. און מחמת איך בין דאָך עפעס אַ קרוב און אַ למדן, און אַ יונגערמאַן דערצו, האָט מען וועגן מיין נדן מער געשוויגן, און אָנשטאָט דעם בעסער מיך געשטאָפּט מיט גוטע זאַכן און זיך געפרייט מיט מיר.

אין שטוב בּאַ זיי איז געווען זעהר פריילעך, און איך בין מיך מודה, אַז, בּריעבר, האָב איך אסך הנאה געהאַט, וואָס זיי האָבן קיין געלט נישט געהאַט פאַר מיר.

מען האָט מיר געזאָגט:

— פאַרברייננ... בּאַ אונז איז פריילעך.

און איך האָב פאַרבראַכט.

איך האָב שוין ווי פֿאַרנעסן אין מיין גמרא מיט מיין יסוד־שורש־העבודה, האָב אויפֿגעהערט צו קלויבן די רענדלאַך און בויען דעם פּאַלאַץ אויף יענער וועלט, אַז עס זאָל חלילה נישט פֿעלן קיין איין געזימסעלע...

זענענדיג פֿון נאַטור אַ היציגער, אַ קאָך־לעפל, האָב איך מיר איבער־געגעבן דעם פֿרייליכן מישמאַש פֿון די דריי הייזער. אַביסל האָב איך פֿאַרבראַכט בײַ אסתּר־גיטלען מיט די קינדער, וואו עס איז געווען הו־האַ, אַביסל בין איך געגאַנגען צו ר׳ זלמן־סענדערן מיט די לומרישע יונגע־לייט, וואָס זיינען אַלע געווען מתנגדים, און אַביסל האָב איך געהאַט הנאה צו פֿאַרברייננען בײַ לייזערן, דעם עלטערן איידעם, מיט זיינע משׂכּילים, וואָס זיינען געווען הייסע אירן און נישט קיין רעליגיעזע, האָבן זעהר שטאַרק געהאַלטן פֿון תּנ״ך, וואָס בײַ זיי איז נאָר געווען דער עיקר דאָס מענשליכע. שבּין אדם לחברו, מענשן־פֿריינטשאַפֿט, כּלל־גליק און עולם־הזה.

איך האָב קיינמאָל קיין תּנ״ך ניט געלערנט. אין יענע צייטן, ווי איך האָב שוין ערגעץ געזאָגט, איז לערנען תּנ״ך געווען געהאַלטן פֿאַר אַפּקורסות, איבערהויפּט, בײַ חסידים און טויזנט מאָל מער בײַ מיין טאַטן, וואָס איז געווען אַריינגעטאָן אין חסידות אַריבערן קאָפּ. נאָר בײַ מאָטע דעם מלמד האָב איך געלערנט יהושע, שופֿטים און שמואל, מער נישט. לערנען עשׂרים־וארבע אין בית־המדרש האָב איך מורא געהאַט פֿאַרן טאַטן. און איך האָב כּמעט נישט געוואוסט די באַדייטונג פֿון די נביאים, די פּאָעזיע פֿון זייער וואָרט, און דאָ, ערשט איצט, הער איך עפּעס אַזוינע שיינע טיפֿע ווערטער, וואָס פֿאַרכּשופֿן מיך אינגאַנצן.

ישעיה הנביא זאָגט אין גאָטס נאָמען: מי בקש מירכם רמוס חצרי — ווער בעט בײַ אייך, איר זאָלט טרעטן אין מיין הויף, חרשיכם ומועדיכם שׂנאה נפשי — אייערע חרשים און ימים־טובים האָט פֿיינט מיין זעלע, גם כּי תרבּו תּפילה אינני שומע — אַפֿילו אַז איר דאַוונט אַ סך, הער איך נישט. כּי ידיכם דמים מלאו — וואָרום אייערע הענט זיינען באַפֿלעקט מיט בלוט. רחצו הזכּו — וואַשט זיך, רייניגט זיך, למדו משפּט — לערנט גערעכטיגקייט א. אַז. וו.

און נאָך:

... הכזה צום אבחרהו, — צי דאָס זאָל איך רופֿן אַ תּענית? הלכף כּאגמון ראשו, בלבוש שׂק, איינבויגן דעם קאָפּ און אָנטון אַ זאַק? אַזאַ תּענית זאָל זיין באַווילינט בײַ גאָט? הלא זה צום אבחרהו. ניין, זאָגט דאָס, אָט דעם תּענית וויל איך אויס: אויפֿבינדרן די שטריק פֿון יאָך, אַלע דערשלאָגענע מאַכן פֿריי, פֿאַרשפּרייטן דיין ברויט פֿאַר די הונגעריגע. אָרימע־לייט און נויטבאַדערפֿטיגע זאָלן קומען צו דיר אין הויז אַריין. אַז די

וועסט זעהן אַ נאַקעטן, וואָלסט אים אָנקליידן. רעמאָלט וועט שיינען דיין ליכטיגקייט, ווי דער מאָרגנשטערן, און רעמאָלט, אַז דו וועסט מיך רופן, וועל איך ענטפערן: אָט בין איך...

לייזערס משכּילים האָבן אַזוי געלערנט מיט די חסידישע יונגע־לייט, וועלכע זיינען פאַרבאָרגנערהייט אַריינגעפאַלן צו זיי. איך האָב זיך איינ־געהערט און טראַכט מיר בעת מעשה: וואָס מאַכט מען אַזוי חווק בּאַ זלמן־סענדערן אין הויז פון די משכּילים, מען רופט זיי אַפּי קורסים ימח שמם, פאַרקערט, דאָ רעדט מען דאָך אַזוי שיין, קלוג און גוט! און איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז אַ נביא זאָל גאָר ריידן אין נאָמען פון גאָט, אַז ער, גאָט, איז מוחל די אידן „זייער ראַוונען און זייערע שבּתים, און זייער שרייען, און זייער אויסשפּרייטן די הענט, און זייער פאַסטן“. נאָר דאָס פאַרלאַנגט גאָט: העלפן איינע די אַנדערע, צעבּרעכן דעם יאָך, וואָס די רייכע לייגן אַרויף אויף די אָרימע — דאָס האָט מיך ממש איבּערראַשט. און אין דער רגע זיינען בּאַ מיר שוין די אַלע צדקותן פון יסוד־שורש־העבודה געוואָרן עפּעס פלאַך, פלאַך און נישטיג...

און לייזערס משכּילים זיינען געוואָרן טייער בּאַ מיר. איצט האָב איך מיך בּאַטראַכט, ווי ווייט איך בּין געווען פאַרנאַרט. איך האָב נאָר געלערנט און געדאַוונט, און געחיינט, און געפאַסט, און געפּייניגט זיך. איך האָב געמיינט, אַז דאָס פאַרלאַנגט גאָט. איצט אָבער ווער איך געוואָר, אַז נישט דאָס פאַרלאַנגט גאָט פון מענשן, ער וויל נאָר, אַז מענשן זאָלן זיך העלפן. איינע די אַנדערע טון טובות, פאַרלייכטערן איינער דעם אַנדערן, און איך האָב זיך גאָר קיינמאָל נישט אומגעקוקט אויף דער אָרימקייט, וואָס האָט געשווימלט און געגריבלט אין קאָמעניץ. עס איז גאָר קיינעמס דאגה נישט, אַלע אַרבּעטן נאָר פאַר זיך און איינער וויל איינשלינגען דעם אַנדערן. אַז איינער האָט פּרנסה, פאַרגינט מען אים נישט, און אַז איינער שטאַרבּט פון הונגער, אַרט דאָס קיינעם נישט. קורץ, איך בּין אינגאַנצן איבּערגעדרייט געוואָרן, און בּאַ מיר איז געבּליבּן, אַז ווען איך וועל קומען אַהיים, זאָל איך זיך אָקאָרשט אַ נעם טון פאַר די אָרימע, העלפן די געדריקטע. נישקשה, ענערגיע פעלט מיר נישט און מיך וועלן פאָלגן אַלע יונגע־לייט.

דאָס געלט האָט מען מיר, ענדליך, פאָרט אָפּגעגעבּן, און איך בּין אַוועק־געפאָרן פון קאָבּרין גאָר אַן איבּערגעאַנדערשטער. איך האָב קיינמאָל נישט געזעהן אַזעלכע אינטערעסאַנטע קרייזלאַך, ווי דאָרט איז פאַראַן: אי תורה, אי גדולה און אמתע פרומקייט מיט השכּלה, און נאָך מיין שכל נאָך האָט געשטימט אַלץ צוזאַמען. בּאַ מיר איז ווערט געהען מיין זיין אין קאָבּרין כּל הון דעלמא.

אַז איך בין געקומען קיין קאַמעניץ מיט דעם נרן, האָב איך באַשלאָסן בײַ זיך דאָס ערשטע צו געבן מעשר פון דעם געלט. נאָר דער טאַטע האָט געוואָלט, אַז איך זאָל געבן דעם סלאָנימער רבי פּופּציג פּראָצענט פון דעם מעשר. איך האָב אָבער גאָרנישט געוואָלט הערן. צען רובל האָט ער יאָ בײַ מיר אויסגעריסן פאַר זיין רבין, און דאָס איבעריגע האָב איך צעטיילט און מיט אַ טאָלק: איך האָב אויפגעזוכט אַזעלכע בכבודע געדריקטע מענשן און איינגעטיילט צווישן זיי שטילערהייט דאָס געלט. דערנאָך האָב איך באַצאָלט דעם קרעמער, און מיין ווייב די בריה האָט איבער־גענומען די קראָם.

פאַר מיר האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע. אַלע טאָג בין איך געגאַנגען דאַווענען, נאָכן דאַווענען געלערנט אַ שעה גמרא און צווישן מנחה און מעריב אויך אַ שעה. די איבעריגע צייט בין איך געזעסן מיט מיינער אין קראָם. געלייזט האָבן מיר ווייניג, ווייל מער ווי פּויערים זיינען קיין קונים נישט געווען. עס איז געווען באַלד נאָכן אויפשטאַנד. פון אַ פּריץ איז קיין זכר נישט געווען. טאָמער באַווייזט זיך יאָ אַמאָל אויף אַ רפואה אַ שטיקל פּריץ מיט אַ פּאָר פערד, איז די קאַרעטע געווען איינגעשמירט, די פערד פאַרשמוצטע, נישט קיין אָפּגעוואַשענע, און ער האָט זיך דורכגעטראָגן ווי אַ שאָטן איבערן שטעטל. איך האָב געהאַט לוקסוס־זאַכן אין קראָם, האָט מען עס אָבער איצט געמעגט זיכער אַרויסוואַרפן.

איך האָב אויפגעהערט צו קלויבן רענדלאַך און בויען דעם פּאַלאַץ, אָבער אויך פון דעם, וואָס איך האָב אויף זיך גענומען, פאָרנדריג צוריק פון קאָברין, אַז איך זאָל אָנהויבן אַרבעטן לויטן פּראָגראַם פון ישעיה הנביא, איז אויך גאָרנישט געוואָרן. איך האָב זיך באַלד, פאַרשטייט זיך, פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט דער קראָם, וואו עס איז געלעגן אַלטע און אומנוציגע סחורה, עפּעס מאָרנע רעשטלאַך, אויף וועלכע עס איז לחלוטין קיין סוחר נישט געווען. פאַר די אַלע שמאַטעס האָבן מיר, מענשן נישט קיין געניטע, אָפּגעצאָלט אַ ס ך ה ו נ ד ע ר ט ע ר, און איין גאָט ווייס, ווען מען וועט עס פאַרקויפן. צו דעם דאַרף מען ערשט האָבן פון דאָס ניי פרישע סחורה, אַנדערע, פּראָסטע פאַר די פּויערטעס, און מיין סחורה אַוועקשיקן ערגעץ אין אַ מוזעאום פון אַלטע אַנטיקן. עגמת נפש איז געווען גענוג, און דערווייל איז דער זיידע מיטן טאַטן אויך געבליבן מיט ווייניג פּרנסה.

דאָס ווייב האָט מיך שוין אָנגעהויבן צו „יאַרען“, פאַרוואָס בין איך אַזאַ שלימזלניק און טויג נישט צו קיין מסחר, און אַז זי מוז, נעבעך, זיין אַ קרעמערקע אין קאַמעניץ, אומשטיינס געזאָגט, פאַר וועמען? קיין פּריצים זיינען נישטאָ, און מיט פּויערטעס האָט זי גאָר קיין חשק נישט

צו האַגדלען. מען דאַרף זיין צו זיי פראָסט, מען דאַרף זיי איינרעדן, און זי איז דאָך עפּעס אַ גאַנצע „יאַ טעביע דאַם“.

קורץ, מיר איז שוין געוואָרן גוט שלעכט. איך עס אַפילו קעסט, אָבער דעם טאַטן איז אויך נישט זעהר גוט. מיר וואָלטן וועלן זיך אָפּזאָגן פון קעסט, מעג מען שוין אָבער נאָך אונזער ביסל געלט, וואָס מיר האָבן אַריינגעלעגט אין קראָם, זאָגן אַ רבנן־קדיש. אַז עס איז אָבער געוואָרן נאָך ערגער, האָב איך שוין גאָר אַוועקגעוואָרפן מיינע געדאַנקען צו ווערן אַ רב אָדער צוהעלפן אָרימע־לייט, נאָר באַ מיר איז געבליבן צו ווערן אַ ראַבינער. קודם כל האָב איך גענומען לערנען תנ״ך אָהן דעם טאַטנס וויסן. אַ צען מאָל דורכגעלערנט אים אויף אַזאַ אופן: איך האָב אָנגעהויבן פון ערשטן קאַפּיטל ביז אַן ערך צען קאַפּיטלאַך, דערנאָך האָב איך ווידער אָנגעהויבן פון ערשטן; פון צענטן ביז דעם צוואַנציגסטן, און ווידער פון צענטן א. אַז. וו. אַזויערנאָך האָב איך אָפּגעלערנט גאַנץ עשרים־וארבע. פון עשרים־וארבע בין איך באַלד איבערגעגאַנגען צו השכלה־ספרים. יאָסל דעם גבירס האָט געהאַט אַ סך השכלה־ספרים, און מיר האָבן שטאַרק גע־נומען לעזן. מיר פלעגן שיקן קיין ביאַליסטאָק נאָך השכלה־ביכער אויף ניץ־געלט.

געווען דעמאָלט אַ גרויסער משכיל, ר׳ אליעזר האַלבערשטאַם, ר׳ איצעלע זאַבלוראָווסקים אַן איידעם. יענער האָט געשטיצט די השכלה־באַוועגונג, און ביאַליסטאָק האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גרויסער השכלה־שטאָט.

פאַנאַטישע יונגע־לייט האָבן אַוועקגעוואָרפן דאָס לערנען און זיך גענומען צו השכלה מיט דער שטיצע פון האַלבערשאַטם. דאָס איז געווען די באַרימטע צייט פון גטן צווישן מאַן און ווייב צוליב דער השכלה. „שווערן האָבן אָפּגענט ווייערע איידעמס“, מחמת די טעכטער האָבן קיין רעה נישט געהאַט. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז איר מאַן איז געוואָרן אַן אַפּיקורס, מוז מען אים אָפּגטן.

אין אָט דער צייט האָבן מיר גענומען אויסשרייבן אַלע השכלה־ספרים און פלעגן צאָלן גוט געלט פאַרן לעזן. איבערגעלעזן אַ בוך — אַוועקגעשיקט נאָך אַ צווייטן. מען האָט אונז אַריינגעשיקט אַ געשריבענעם קאַטאַלאָג פון אַלע נייע השכלה־ספרים. איך האָב געוואָלט אָנהויבן לערנען רוסיש, נאָר אין קאַמעניץ איז נישט געווען קיין לערער, און דער טאַטע וואָלט מיך דאָס אַוראַי נישט געלאָזט.

צו דער צייט האָב איך שוין געקאָנט שרייבן לשון־קודש און האָב זיך „אויסגעצייכנט“ מיט מיין לשון. דעם טאַטן האָט דאָס שרעקליך געקריינקט. ער האָט אָבער געזעהן, אַז ער קאָן גאָרנישט העלפן, און די האָפענונג, וואָס ער האָט געלעגט אויף דער שנור, אַז זי וועט מיך מאַכן פאַר אַ

חסיד, איז אינגאַנצן צערונען געוואָרן. פאַרקערט, מיין ווייב איז געוואָרן אָפּגעקילט צו חסידות. אירע רעיונות, וואָס האָבן זיך נאָר געדרייט אַרום פרנסה און מאַכן אַ לעבן, האָבן איר אונטערגעזאָגט, אַז די ווייבער, וואָס האָבן מאַנען חסידים, ווערן ממש פאַרשוואַרצט. די מאַנען ליגן גאַנצע טעג און נעכט אין חסידים־שטיבל, טאַנצן און זינגען, עסן און טרינקען, און די ווייבער שטאַרבן פון הונגער. זי האָט געזעהן, ווי חסידים האָבן געהוליעט בּאַ מיין טאַטן דעם גאַנצן שבת צו נאַכטס, געגעסן און געזונגען, אין די ווייבער מיט די קינדער זייערע זיינען געלעגן אין דערהיים כּמעט חוי הונגעריגע, פאַרחושכטע.

זי האָט אויך געזעהן, אַז איך וואָלט וועלן פאַרדינען געלט, אַז איך וויל זיך איינאָרדענען אַ רעכט לעבן, און אָט דער חשק וואָלט בּאַ מיר קיינמאָל נישט געווען, ווען איך וואָלט געווען אַ חסיד. און איצט האָט זי אויך שולדיג געמאַכט מיין טאַטן, וואָס האָט מיך נישט בּאַזאָרגט מיט עפּעס אַ תּכלית, אַז איך זאָל קאָנען געבן אַ ווייב פרנסה.

בּעת בּאַ אירן האָט זיך שטאַרק גענומען אַנטוויקלען בּילדונג, און פיל אירן האָבן אָפּגעגעבן די קינדער אין גימנאַזיע, אין יענער צייט, ווען מען האָט שוין געזעהן אירישע דאָקטוירים, אינזשענערן, יוריסטן — האָבּ איך זעהר געקלאָגט דערויף, וואָס דער טאַטע האָט מיך אומגליקליך געמאַכט. נישט קיין רב און נישט קיין דאָקטאָר. נאָר אין רעכטן מיטן דאגהנגען האָט זיך אונטערגערוקט אַ נייע צרה, נאָך אַ גרעסערע, און מען האָט שוין פון פרנסה גאָרנישט געקלערט. איך מיין דאָ די גרויסע כאָלערע פון 1866־טן יאָר, וואָס האָט פאַרצוקט דריי מיליאָן מענשן אין אַ פּאָר חדשים צייט.

---

# קאַפּיטל XXVII

**די כאָלערע. — אַטאָלינע סגולות צו כאָלערע. — דעם רבס טויט. — דער קלאָגני אַז ער איז לעבעדיג געוואָרן. — איך זוך אַ בעלן אויף דער קראָם. — וואכנאָוויטש. — איך וויל ווערן ראַבינער. — פּעטש.**

די כאָלערע איז פון בריסק, פּונקט ווי אַ לעבעדיג באַשעפעניש, גלייך געקומען קיין קאַמעניץ. די עפּידעמיע האָט זיך שרעקליך פאַרשפּרייט. אין בריסק זיינען געשטאָרבן פון אלול ביז כסלו מער פון צוויי טויזנט מענשן, און אויך אין קאַמעניץ איז געווען נישט ווייניגער שרעקליך. פון די ערשטע איז געשטאָרבן דעם רבס אַן אייניקל, ר׳ שמחהס טאָכטער, אַ חייבל, און נאָך איר האָט מען גענומען שטאַרבן אין דעם קליינעם קאַמעניץ צו צוויי, דריי אַ טאָג. אַמאָל האָט דערגרייכט ביז אַכט אַ טאָג. אַז מען איז אויפגעשטאַנען אין דערפריה, האָט מען שוין געהערט פון נייע געשטאָרבענע.

עס איז, פאַרשטייט זיך, קיין וואונדער נישט, וואָס מען איז אַזוי פיל געשטאָרבן. פון דעזינפעקציע האָט מען נאָך דעמאָלט קיין שום באַגריף נישט געהאַט, די מגפה־מתים האָט מען מטהר געווען אין דערהיים, און נישט אויפן בית־עולם. געוויינליך, האָט מען מטהר געווען מיט וואַרעם וואַסער, וואָס פלעגט זיך צעטראָגן אומעטום, און עס איז מער וואונדער, וואָס אַלע זיינען נישט אויסגעשטאָרבן. מען איז אָבער אַזוי אויך גענוג געפאַלן.

באַם טאַטן איז געשטאָרבן אַ שוועסטער פון פערצען יאָר און אַ טאָכטערל פון צוויי יאָר. אירן האָבן אַפילו נאָך דעם אַלעם אָנגענומען זעהר וויכטיגע מיטלען, דהיינו, מען האָט חתונה געמאַכט אויפן בית־עולם אַ שטומע מויד, אַ קאַליקע, מיט אַ בלינדן בחור. דאָס האָט מען געשטעלט אויפן בית־עולם אַ חופּה, אַז פון זיי זאָל אַרויסקומען אַ גוטער דור. ווידער איז מען געגאַנגען, געדרייגק איך, פרייטאָג איבער דער גאַנצער שטאָט מיט

ספרי־תּורות, להבדיל, אַ מין פּראָצעסיע, און מען האָט געזאָגט קטורת. די אַלע סגולות האָבן אָבער נישט געהאָלפן.

מען האָט נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט פון די לעצטע סגולות, וואָס זיינען געבּרויכט געוואָרן אין פּוילן, אין לובלין, מיט אַ פּופצען יאָר צוריק, ווען ס'איז געווען די כאָלערע. דעמאָלט האָבן זיך אַלע אָנגעטאָן פינגערלאַך פון אַ לולב און מען האָט איינגעשפּאַנט פיר מיידלאַך אין אַ סאָכע און פאַראַקערט אַ שטיק ערד אין דער זייט שטאָט, פון וואַנען די כאָלערע איז געגאַנגען. מען האָט אויך אַוועקגעשטעלט אַ גוי אויפן בית־עולם, געצאָלט אים דריי רובל אַ טאָג, אַז ער זאָל שטיין באַם טויער פון בית־עולם, און ווען מען וועט ברייגען אַ מת, זאָל ער זאָגן:

— טו ניעמאַ מיעסטאַ.

האָט דער גוי, ער האָט דאָך אַ גויאישן קאָפּ, געזאָגט פּונקט פאַרקערט, ווען מען האָט געבּראַכט אַ מת:

— טו יעסט ראָסיטש מיעסטאַ, איר קאָנט ברייגען אַלע זשירעס אַהער.

אָבער באַ אונז אין קאַמעניץ, ווי געזאָגט, האָט מען פון דעם פאַראַקערן אַ זייט שטאָט מיט מיידלאַך נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט און אַפילו פון לובלינער פינגערלאַך האָט מען אויך נישט געוואוסט, און דער אַסעסער מיטן איספּראַווניק האָבן אַזוי געוואוסט, וואָס פאָרצונעמען, ווי מיר ווייסן געגוי, וואָס עס טוט זיך אויף דער לבנה. נאָר איך קאָן מיך נישט איינהאַלטן און מוז דערציילן ממש פון אַ וואונדער: אין זאַסטאַווע איז קיין איין מענש נישט געשטאָרבן, אַזוי ווי עס וואָלט געווען אָפּגעצוימט פאַרן מלאך המות, ער זאָל אַהין נישט קאָנען קומען. דאָס איז עפּעס אַ מאָרנע אומ־פאַרשטענדליכע ערשיינונג געווען. פון דער אַנדער זייט, אין וויסאָקי, איז געווען די כאָלערע גרויס, אין קאַמעניץ נישט קלענער, און די זאַסטאַווער פלעגן אַ גאַנצן טאָג זיין אין קאַמעניץ, נאָר באַנאַכט פלעגן זיי גיין אַהיים שלאָפן, און אַלע זיינען געווען גאַנץ...

דעם ערשטן טאָג סוכּות איז אין אַ שעה צייט געשטאָרבן פון כאָלערע מיין פעטער דער רב. געוויינליך, איז געקומען די גאַנצע שטאָט און מען האָט פאַרגאָסן טייכן טרערן. באַם פעטער איז געווען פול די שטוב, און איך געדיינק, אַז אַ פינגער האָט זיך באַ אים אַ ריר געטאָן, האָט מען אָנגעהויבן צו שרייען, אַז דער צדיק לעבט נאָך. די פענסטער זיינען געווען אָפן און איבערן שטאָט האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז דער צדיק איז לעבעדיג געוואָרן. אָבער אין אַ פּאָר שעה אַרום איז געווען די לויה.

אַז איך בין געקומען אַהיים, האָט מיך געפרעגט די באָבע ביילע־ראַשע, מיט איר האַרציגן קול:

— חצקל, דו ביסט דאָך געווען נעבן פעטער. ס'איז אמת, וואָס מען זאָגט, אַז דער רב האָט זיך אויפגעזעצט און געזאָגט: „וויינט נישט, קינדערלאַך, מיט מיר וועט פאַרשלאָסן ווערן די ערד?"

איך דערצייל איר, ווי דאָס איז געווען. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן, די גאַנצע שטאָט האָט באַשטעטיגט דעם קלאַנג. נאָר אין דער נאַכט זיינען געשטאָרבן פופצען מענשן מיט אַמאָל און ס'האָט זיך ערשט רעכט אָנגעהויבן צו פאַרגרעסערן די כאָלערע. איבער דעם איז די מעשה מיטן רב פאַרשטיקט געוואָרן. געדויערט האָט די עפּידעמיע אפשר ביז חנוכה־צייט. אַלע מענשן זיינען געשטאַנען באַם טיר פון טויט. אָט שטייט מען דאָ און אָט איז מען שוין אויפן עולם האמת.

די גאַנצע צייט האָט קיינער אין זינען נישט געהאַט קיין פּרנסה, אַלע האָבן געגעבן צדקה פאַר אָרימע־לייט, און אַ סך האָבן פאַרקויפט פון זיך דאָס לעצטע העמד אויף ברויט.

שטאָט האָט אַפילו געהאַט אַ שטוב מיט טעפּ הייסע וואַסער, און עס איז געווען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע „רייבער", וואָס האָבן געאַרבעט גאַנצע טעג און נעכט, געריבן און געוואַרעמט די קראַנקע. אָבער די גאַנצע קאָמ־פּאַניע איז אויסגעשטאָרבן ביז איינעם צוזאַמען מיטן רעכטן אָנפירער פון דער ראָזינגער קאָמפּאַניע „רייבער", יאָסל, אַ גרויסער גבור. נאָך דער כאָלערע איז שטאָט געבליבן כמעט ווי ליידיג.

אָבער אַ צרה — אַ צרה, און פּרנסה מוז מען דאָך האָבן, האָט מען פון דאָס ניי אָנגעהויבן זוכן פּרנסה, און דער טאַטע האָט, נעבעך, געמוזט אַוועקוואַרפן זיינע חסידים מיט דעם חסידים־שטיבל און אַרויספאָרן אין הויף וואַכנאָוויטש, וואָס דער זיידע האָט געדונגען באַם טורנער גראַף, דריי מייל ווייט פון קאַמעניץ.

און איך בין פאַרבליבן אין קאַמעניץ מיט מיין קרעמל. אָבער מיר האָבן איינגעזעהן, אַז מיר וועלן אַזוי זיצן אין קראָם ביז מיר וועלן אויפעסן דאָס גאַנצע געלט. נישט מיר האָבן געהאַט סחורה פאַרן פויער, און נישט מיר האָבן אים געקאָנט שלעפּן פאַרן אַרבל, ווי עס האָט זיך געפאָדערט. מיר האָבן געמוזט וואַרטן ביז די פויערים וועלן אַליין אַריינקומען, און עס איז נעגאַנגען קאַפּויר.

נישט קוקנדיג אויף דעם, וואָס מיר זיינען געווען קנאַפּע בעלי־הוצאות, וויל פון אַלע עסן־פּראָדוקטן האָט דער טאַטע אונז צוגעשיקט פון הויף, און מיר זיינען געווען איינגאַנצן זאַלבענאַנד מיט אַ רינסט, דאָך איז באַ אונז אַוועק פיל געלט. איך האָב קיינמאָל נישט געוואוסט פון קאַרגן. אַזאַ

„פאַמיליען־פעלער“ האָב איך שוין געהאַט, און עס איז געווען רייטליך, אַז מיר וועלן נישט קאָנען עקסיסטירן.

גאָט וואַרפט נישט אַראָפּ דעם מענשן אַ בייטל געלט פון הימל, און ברויט וואַקסט אויך נישט אויף בוימער פאַר די מענשן. איידער דאָס ברויט קומט צום מענשנס מויל, דאַרף מען אויף דעם גוט אַרבעטן, אַקערן און מיסטיגן, זייען, שניידן, טריקענען און דרעשן און ווייטער טריקענען, און מאָלן, און זיפּן, און קנעטן, און באַקן — און ערשט דעמאָלט קומט אַרויס פאַרטיג ברויט. ווי עס זעהט אויס, מוז דער מענש גוט אַרבעטן ביז ער באַקומט דאָס שטיקל ברויט. און אַז מיר זיצן דאָ אין קראָם און קוקן איינע אויף די אַנדערע, און די פויערים מיט די פויערטעס ווילן מיר נישט שלעפּן פאַרן אַרבל — וועלן מיר אַוראַי נישט לייזן און וועלן דאַרפן צאָלן קראָם־געלט און דירה־געלט סתּם אַזוי, אין דער וועלט אַריין.

פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך געהאַלטן אין דער קראָם. איין „רעפאָרמע“ האָבן מיר געמאַכט: מיר האָבן צוגענומען אַ מיידל, וואָס זאָל שלעפּן די פויערטעס אין קראָם אַריין. אָבער דאָס האָט קנאַפּ וואָס געהאָלפן.

צו דער צייט האָט מיין ווייב געבוירן דאָס ערשטע קינד. און דער ברית, וואָס איז געפּראַוועט געווען אויפן גרויסן שטייגער מיט ווייגען און נדבות, האָט געמאַכט אַ קבר פון דער קראָם. די קראָם איז שוין אינגאַנצן אָפּגעלאָזט געוואָרן. מיר האָבן זיך פאַרלאָזט אויף דעם מיידל, וואָס האָט, אַפּנים, געהאַט גאַנץ לאַנגע הענט, זאָל זי מיר איצט מוחל זיין, און ביני לביני, איז געווען נישט גוט. מיין ווייב האָט שוין אַ קינד און קאָן שוין נישט אַזוי אַרבעטן אין קראָם. און איך האָב געהאַלטן, אַז אַזאַ מין געשעפט איז גלאַט פאַר מיר נישט פּאַסיג, אַז איך קאָן מיך נישט צוגעוויינען צו די פויערים מיט די פויערטעס, עס האָט מיר געעקלט פונם פּדיון מיט די קונים, און בּאַ מיר איז געבליבן, מיר זאָלן פאַרקויפן די קראָם און אַרויס־פאָרן צום טאַטן אין הויף. מיין כּונה איז געווען, איך זאָל זיך נעמען צו שטודירן אויף ראַבינער, און וועגן דעם קיינעם נישט דערציילן דערווייל, מיין ווייב אויך נישט . . .

איך האָב געזוכט אַ בעלן אויף דער קראָם און נישט געפונען. נאָך גרויסע צרות האָב איך ווי עס איז אַוועקגעגעבן מיינער אַ קרובה דאָס ביסל סחורה פאַר אַ דריטל געלט, וואָס זי האָט מיר ערשט אָפּגעצאָלט צו ביסלעכווייז, און איך בין אַרויסגעפאָרן צום טאַטן אין הויף קיין וואַכנאָוויטש.

דעם טאַטן, ווי אַ הייסן חסיד, איז שרעקליך אומעטיג געווען אויפן ישוב. פלעגט ער פרייטאָג צו נאַכטס און אַ גאַנצן שבּת מאַכן זיך אַליין

פרײליך. אַז אָך און װײ: ער פלעגט זינגען, און די קינדער פלעגן טאַנצן. די שׂמחה איז געװען אַ געמאַכטע, און דעם שמײכל זײַנעם האָט ער שױן פֿאַרלאָרן. און מען האָט געזעהן, אַז ער צאַנקט, ער גײט אױס, װי אַ ליכט, אין דעם פֿאַרגליװערטן דאָרף־לעבן אָהן די חסידים.

איך האָב זיך אַרײנגענומען אין קאָפּ, אַז איך זאָל מיך צוגרײטן צום עקזאַמען אויף ראַבינער. איך בין געפאָרן קיין בריסק, האָב זיך דאָרטן באַקאַנט מיט אַ שרײַבער, אַ באַװאוסטער משׂכּיל, װאָס האָט געשטיצט די אַלע יונגע־לײט, װעלכע האָבן זיך גענומען צו השׂכּלה. איך בין אים געפעלן געװאָרן. נאָר די רוסישע שפּראַך מוז איך קענען. ער האָט מיר אָנגעװיזן, װעלכע ביכער איך זאָל לערנען און האָט מיר אַפילו אײניגע ביכער געגעבן. איך האָב אויך געקויפט אַ רוסישן װערטער־בוך און בין געקומען אַהײם. מען דאַרף זיך ערנסט צוגרײטן. איך האָב געװאוסט, אַז דער טאַטע װעט זײַן דאַנקען, װאָס איך לערן זיך רוסיש, װער רעדט זײַן אַ ראַבינער — אַוראַי און אַוראַי נישט. אָבער איך האָב גערעכנט, אַז ער װעט זיך דאָך שטאַרק נישט שטעלן. נאָר אַז ער האָט פאָרט באַמערקט, אַז איך לערן מיך רוסיש, האָט ער מיר געגעבן צװײ פּעטש און געזאָגט:

— מיר לעבן, גאָט צו דאַנקען, און מיר קענען נישט קײן רוסיש. דו װילסט רוסיש. פֿאַר קײן פֿאַל װעל איך דיך נישט לאָזן!..

# קאַפּיטל XXVIII

מיין באָבעס פּלוצליכער טויט. — דער רושם פונם טויט אויף דער משפּחה און אויף דעם שטעטל. — איר לויה. — דעם זיידנס יאָמער. — דאָס זיצן שבעה. — דער באָבעס גרויסער נאָמען. — אירע שיינע מעשׂים. — אונזער משפּחה צעפאַלט זיך נאָך איר טויט.

נאָך פאַרן אַרויספאָרן קיין װאַרשאָװיטש האָבן מיר איבערגעלעבט אַ גרויס אומגליק.

איינמאָל, באַנאַכט, האָט מען אונז אָנגעקלאַפּט אין די לאָדן:

— משה! משה! שטיי אויף, די מאַמע איז פאַרביי!

עס איז געװאָרן אַ געװיין, און מיר אַלע, טויט־דערשראָקענע, האָבן זיך גענומען אין דער־גיך אָנטון: אָבער די הענט ציטערן, זיי װערן װי פּאַראַליזירט. דער טאַטע, די מאַמע, איך און מיין װייב און אַלע ברידער, שװעסטער — האָבן דאָך װי עס איז אַרויפגעכאַפּט די זאַכן אויף זיך, װיינענדיג אויפן קול. נאָר דער טאַטע װיינט נישט. בלאַס איז ער, די אויגן בלישטשען מיט אַ פייכטקייט. מיר לויפן גיכער צו דער טייערער באָבען. פון גרויס געלויף פאַלט מען אויף די שטיגן פון גאַניק, מען הויבט זיך אויף און מען לויפט װייטער אין שטוב. נאָר די באָבע האָבן מיר שוין געפונען אַ טויטע. פּלוצלינג האָט איר געטראָפן אַ בלוט־שטורץ. דאָס גאַנצע בלוט איז איר אַרויס פון האַלז מיט איין מאָל, און אין אַ פערטל שעה איז זי שוין געװען טויט. אין שטוב האָבן מיר געפונען אַלע קינדער מיט די אייניקלאַך, קליינע און גרויסע, דעם זיידנס ברידערס און די שװעסטערס פאַמיליע. אַלע זיינען שוין געװען, און די געװאַלדן מיט די געװיינען האָבן אויפגעהויבן כמעט די גאַנצע שטאָט. עס זיינען זיך צונויפגעקומען פרעמדע װייבער און דאָס געװיין איז גרעסער געװאָרן, פּונקט װי אַ גאַנצע שטאָט װאָלט אויסגעשאָכטן געװאָרן פון אַ שונא.

דער זיידע טוט נאָר און חלשט, ווערט נאָך אַ גרעסער געשריי מיט אַ געוויין — אַלע לויפן מינטערן דעם זיידן. יאָשקע דער רופא מיט די איבעריגע צוויי רופאים לאָזט מען שוין נישט אַרויס פון שטוב. זיי ראַרפֿן היטן דעם זיידן, ווען ער הויבט אָן צו חלשן. די באָבע ליגט אויף דער ערד, און דער זיידע פֿאַלט אויך אויף דער ערד. ער לייגט זיך אין דער ברייט, אַנטקעגן דער באָבען, שפּאַרט אָן זיין קאָפּ אויף איר קאָפּ און באַגיסט זי מיט טייכן טרערן. ער איז שטענדיג געווען אַ בעל־בכי. נאָר איצט האָט זיך עפּעס געעפֿנט אַ גאַנצער קוואַל, וואָס גיסט און גיסט און וויל נישט אויפהערן. און זיין פֿאַרכליפּן זיך צעררייצט נאָך מער די גאַנצע פֿאַמיליע. די געוויינען און די געוואַלדן שטאַרקן זיך פון מינוט צו מינוט און איצט שלאָפט שוין נישט די גאַנצע שטאָט, אַלע קרעכצן אויף דער צרקת און דער חכמה, וואָס האָט נישט געהאַט קיין איין שונא אין לעבן.

פֿאַרטאָג איז שוין געווען די גאַנצע שטאָט אַרום שטוב און אין שטוב, אויפן גאַניק און אַרום אַלע פֿענסטער. און די געוויינען האָבן די הימלען געריסן.

דער טאַטע האָט באַלד אַוועקגעשיקט אַ רייטער קיין טשעכטשאָווע נאָך דער שוועסטער מיטן שוואָגער בערל־בענדעט. אין אַ דריי שעה אַרום איז שוין געקומען צופֿאָרן בערל־בענדעט מיט דבורהן און אַלע זייערע קינדער און אייניקלאַך, וועלכע האָבן צוגעגעבן פרישע טענער צום געוויין.

און עס איז אייגנטליך געווען אויף וואָס צו קלאָגן, וואָרום אָט די ראַ־רעטשקע, קליינע אירענע האָט געהאַלטן פֿעסט אין אחדות די גאַנצע פֿאַמיליע אונזערע, דאָס האָט איר גוטער גייסט אַריינגעגעבן אין יערן פון אונז שלום, דאָס האָט זי אונז געלערנט, אַז מען ראַרף ליבן איינער דעם צווייטן, דאָס האָט זי אַכטונג געגעבן, אַז אונזער גרויסע משפּחה זאָל זיך האַלטן שיין, ציכטיג און גוט. דאָס האָט זי מיט אונז איינגעטענעט, אַז מען ראַרף קיינמאָל נישט געברויכן קיין כעס, אַז מען ראַרף דאָס רוב אַלץ אָננעמען פֿאַר ליב, און אַז מען ראַרף האָפֿן און די האָפֿענונג נישט פֿאַרלירן! און אָט ליגט זי, די ליבע, טייערע באָבע מיינע, אַ צוגערעקטע מיט שוואַרצן און מער ווען זי שוין נישט אויפשטיין פון דער ערד.

עס איז געוואָרן טאָג, אָבער באַ אונז אַלעמען איז אַ פֿינסטערע נאַכט, נישטאָ קיין מענשליכע כחות איבערצוטראָגן די מאַוימדיגע סצענע, ווי די באָבע ליגט אויף דער ערד, און דער זיידע ליגט דערנעבן מיטן קאָפּ אויף

איר קאָפּ און גיסט מיט טרערן, ווי פון אַ קוואַל, און כליפּעט ווי אַ קליין קינד, און אַלע וויינען מיט.

דער זיירע ווערט אַלע מאָל אַנטשווינג, לויפט מען צו אַ קוק טון, זעהט מען, אַז ער האָט געחלשט. ווערט אַ גרויס געוויין, לויפן שוין די רופאים מיט די פלעשלאַך און מיט קאַלט וואַסער. זיי מינטערן אים, ער קומט צו זיך און פאַלט ווידער אויף דער ערד צו קאָפּן דער באָבען און גיסט ווידער מיט טרערן, ווי פון אַ קוואַל, און כליפּעט ווידער ביז עס ווערט שטיל.

דערנאָך זיינען געקומען ווייבער פון „חברה־קדישא" מטהר זיין. מען האָט באַראַפט ליידיג מאַכן די שטוב, און אַלע הויבן אָן אַרויסצוגיין, אָבער מען קאָן דעם זיידן נישט אָפּרייסן פון דער טויטער באָבען, פונקט ווי זיין קאָפּ וואָלט צוגעשמידט געוואָרן צו איר קאָפּ. ער האָט זיך נישט געלאָזט נעמען און איז לאַנג געלעגן. אַלע מאָל איז ער בלאַסער און בלאַסער געוואָרן און מען האָט געזעהן בחוש, אַז ער קאָן דאָ אויסגיין. דעמאָלט איז שוין צוגעגאַנגען דער בן־יחיד אריה־ליב און בערל־בענרעט, צוויי געזונטע יונגען, און מען האָט אים מיט געוואַלד אַראָפּגענומען פון איר קאָפּ. אָבער ער חלשט. עס ווערט דער געוואַלד אַזוי גרויס, אַזוי ווי בּאַ אַ שרפה, און מענשן זיינען אַרומגענומען פון פייער. צו דעם געוואַלד זיינען אַריינגעלאָפן אַלע אירן פון דרויסן, מיט גרויס מאַטערניש האָט מען דעם זיידן אַוועקגעטראָגן אין אַן אַנדער חדר און אַריינגעלעגט אין אַ בעט. ער האָט זיך אָבער אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד און האָט נאָר געוואָלט ליגן אויף דער ערד, שרייענדיג:

— איך וויל גיין אין דער ערד אַריין צוזאַמען מיט מיין ביילע־ראַשען.

אַז מען האָט איר צורעכט געמאַכט כרין וכרת, האָט זיך דערנאָך אָנגעהויבן אַ נייע שרעקליכע סצענע מיטן געזעגענען זיך פון דער גאַנצער פאַמיליע. אַלע זיינען צוגעפאַלן צו איר און מען האָט אָנגעהויבן צו בעטן איר מחילה, ווי דער שטיינער איז, אַז זי זאָל זיין אַ גוטע בעטערין אויף יענער וועלט, ווי זי איז געווען דאָ אויף דער וועלט. און דער זיידע האָט זיך ווייטער געלעגט אויף דער נאַסער ערד, וואָס איז געווען דורכגעווייקט פון טהרה־וואַסער, זיין קאָפּ אויף איר קאָפּ. דאָס איז עפּעס געווען אַ שרעקליכע שעה.

צו דער לויה איז געקומען די גאַנצע שטאָט. אַלע קראָמען, אַלע שיינקען זיינען צוגעמאַכט געוואָרן, און עס איז נישט געבליבן איין פרוי אין שטוב אפילו פון זאַסטאַווע. פריהער האָט מען געטראָגן די באָבע, און דערנאָך האָבן אַלע זין, איידעמס, שוואָגערס און ברידער געטראָגן דעם זיידן נאָך

איר אונטער די הענט, האַלב פֿאַרחלשט, און די רופֿאים זיינען נאָכ־נעגאַנגען באַם זיים מיט פּלעשלאַך אין די הענט.

אין מיין לעבן אין קאַמעניץ האָב איך געזעהן צוויי גרויסע לויות. איינע — דעם פֿעטערס, דער קאַמעניצער רב, וואָס איז געשען סוכות־צייט, און עס איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען די גאַנצע שטאָט; די צווייטע איז געווען דער באָבעס לויה, נאָך אַ גרעסערע דערמיט, וואָס לחלוטין אַלע ווייבער זיינען געקומען צו דער לויה, וואָס דאָס איז נישט געווען באַם רב, מחמת דעם אַמאָלינן מנהג, צוליב וועלכן פֿרעמדע ווייבער פֿלעגן נישט גיין אויף אַ מאַנסבילס לויה.

באַם אַריינלייגן דעם מת אין קבר איז פֿאָרגעקומען וואָס שרעקליכעס. דער זיידע האָט זיך עפּעס אַזוי ווי געריררט פֿון זינען, האָט זיך מיט אַמאָל אַ וואָרף געטאָן צום קבר און האָט נישט געלאָזט זיין ביילע־ראַשע אַריינ־לייגן אין דער ערד אַריין. מיט גרויס שוועריגקייטן איז אָנגעקומען אָפּ־צורייסן אים פֿון איר, און אַז מען האָט זי אַריינגעלעגט אין קבר, האָט ער זיך נאָך אַמאָל אַ וואָרף געטאָן צו איר און געשריען מיט געוואַלדיגע קולות:

— איך וויל זיין אין דער ערד מיט ביילע־ראַשען!..

און האָט נעחלשט. דאָס האָט געהאָלפֿן, און מען האָט אים אָפּגעריסן פֿון קבר.

צוריק פֿון דער לויה האָט מען ווייטער געטראָגן דעם זיידן ביז אין שטוב אַריין און מען האָט אים געלעגט אין אַ בעט אַריין. אָבער ער האָט זיך ווייטער אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און האָט זיך בשום אופֿן נישט געלאָזט נעמען אין בעט אַריין. און אַזוי איז ער אַ האַלב פֿאַרחלשטער איינגעשלאָפֿן. די רופֿאים האָבן געזאָגט, אַז מען זאָל אים לאָזן איבער־שלאָפֿן, די זייטיגע זיינען אַרויס פֿון דעם חדר און איבערגעלאָזט נעבן אים די זין, טעכטער, שניר און איידעמס. איצט האָט מען געווייַנט שטילער־הייט, און אַזוי ווייַנענדיג, איז מען אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דעמאָלט האָט מען זיך צעלייגט אויף דער ערד, און די טרערן האָבן זיך געגאָסן און געגאָסן.

דער זיידע האָט זיך אַלע מאָל אויפגעכאַפּט און האָט געשריען, אַז מען זאָל אים באַגראָבן צוזאַמען מיט ביילע־ראַשען. אַפּנים, אַז ער האָט באַקומען היץ, און פֿון היץ האָט ער אָפּטער אויסגעשריען:

— ראַזבאָיניקעס! וואָס האָט איר באַגראָבן ביילע־ראַשען אָהן מיר!

דעם גאַנצן פֿינסטערן מעת־לעת האָט קיינער פֿון דער פֿאַמיליע נישט גענומען עפּעס אין מויל אַריין, אַפֿילו אַ גלעזל טיי נישט. אַפֿילו קליינע

קינדער, זעקס־יאָריגע, האָבן אויך נישט טועם טעם געווען פון קיין עסן און טרינקען.

די צווייטע נאַכט איז אַזוי שרעקליך געווען ווי די ערשטע. מער פון זיבעציג נפשות זיינען געלעגן אויף דער ערד און האָבן אַלץ געוויינט. די טרערן האָבן זיך געגאָסן אויף דער פּאָרלאָגע און האָבן פייכט געמאַכט דאָס האָלץ.

די נאַכט איז דער זיידע עטוואָס געשלאָפן, און פאַרטאָג האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. אים איז עטוואָס גרינגער געווען.

— אָבער, ביילע־ראַשע, — הויבט ער אָן צו שרייען — נעם מיך צו דיר, דו ביסט דאָך געווען אַזאַ געטרייע ווייב מיטן לייב און לעבן! ווייל מיר איצט דיין לעצטע געטריישאַפט און בעט באַ גאָט, ער זאָל מיך צונעמען אַהין, וואו דו ביסט!

און ווידער וויינט ער, און ווידער כליפּעט ער, און ווידער צאַפּעלט ער זיך און נאָך אים די גרויסע מיט די קליינע, און די געוויינען מישן זיך אַזוי צוזאַמען, פּונקט ווי ערב יום־כּפּור צום בענטשן.

דער זיידע האָט ביידע טעג נישט געדאַוונט. די קינדער, וואָס האָבן געהאַט אַן איינגענעם גרויסן מנין, האָבן געדאַוונט אין דערפריה און מנחה און מעריב. באַם דאַוונען האָט מען אויך געוויינט. דער טאַטע האָט געדאַוונט פאַרן עמוד. ער, וואָס האָט געקאָנט זיין שטאַרק און נישט וויינען, האָט געזאָגט די ווערטער שטיל און האַרציג, וואָס וואָלט געקאָנט רירן מער ווי געוויין. געדאַוונט האָט מען אויפן אויבער־שטיבל אין דער באָבעס שלאָף־צימער, און אויפן דריטן טאָג האָט מען שוין געדאַוונט אונטן, אין דער גרויסער שטוב. וואָרום דער זיידע וואָלט נישט געקאָנט איבערטראָגן דאָס דאַוונען אין שלאָף־צימער. איצט האָט ער אָנגעהויבן דאַוונען פאַרן עמוד, אָבער ער פלעגט זיך דאָך פאַרגיין וויינענדיג, ווי אַ קליין קינד, און פלעגט אָנהויבן חלשן. מען האָט אים געמוזט צו־נעמען פון עמוד.

מען האָט דאָך געמוזט אויסגעפונען אַ תּרופה צו די געוויינען. וואָרום מען האָט פּשוט געקאָנט שטאַרבן פון צער און אַנגסט. די שטאָט־בעלי־בתּים זיינען געקומען מנחם־אבל זיין און האָבן פאַראָרדענט, אַז די רינסט זאָל שטעלן דעם גרויסן סאַמאָוואַר, מען האָט אָנגעהויבן דערלאַנגען אַלעמען טיי מיט זעמל. אָבער מען האָט קוים געפּועלט, אַז מען זאָל טרינקען טיי. דער זיידע האָט זיך פון טיי אויך אָפּגעזאָגט.

— איך וויל שטאַרבן, — האָט ער געטענעט. — איך וויל זיין נעבן ביילע־ראַשען.

בײַ דער דריטער נאַכט איז ער אַפּילו אײַנגעשלאָפֿן, אָבער ער איז געװען גאָר שלאַף אין געזונט, און יאָשקען דעם רופֿא האָט מען נישט אָפּגעלאָזט. די משפּחה, נישט קאָנענדיג אײַנשלאָפֿן, האָט זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד, און יעדער האָט באַזונדער אָנגעהויבן דערצײלן מעשׂיות פֿון דער באָבע בײלע־ראַשען, פֿון אירע זעלטענע מעלות, פֿון איר גרױס האַרץ, פֿון איר הײסקײט און איבערגעגעבנקײט צו אײגענע און צו פֿרעמדע. מען האָט דערצײלט, װי זי האָט אײַנגעפּלאַנצט שלום צװישן אַלעמען.

אַז עס האָט חתונה געהאַט אַ טאָכטער, צי אַ זון אָדער אַן אײניקל, האָט זי באַלד נאָך שבעת־ימי־המשתּה געבעטן צו זיך דאָס פּאָרל, נאָר יעדן פֿון זײ באַזונדער. פֿאַר דער טאָכטער, דאָס יונגע װײַבל, האָט זי לאַנג גערעדט װעגן דעם, אַז דער מאַן איז דער קאָפּ פֿון שטוב, ער דאַרף געבן פּרנסה, ער דאַרף ערציִען די קינדער, און דער גאַנצער כּבֿוד פֿון דער פֿרוי איז אויך נאָר דער מאַן.

— דאַרפֿסט, — האָט זי אײַנגעטענעט מיטן קינד צי מיטן אײניקל — אויסערדעם װאָס דו האָסט ליב דעם מאַן, אויך אים װײַזן די ליבע. געװײנליך, דעם װאָס מען האָט ליב, װיל מען אים נאָר פֿאַרשאַפֿן פֿאַר־גענינגן, און מען װיל אים, חלילה, נישט מצער זײַן. ער דאַרף אָבער זעהן און שפּירן, אַז ער איז בײַ דיר טײַער, װי דאָס אויג פֿון קאָפּ, און טאָמער איז ער, חלילה, צו דיר שלעכט און װײַזט דיר נישט קײן נעטרײַשאַפֿט, זאָלסטו אויף דעם נישט קוקן און זיך נישט רעכענען מיט דעם, װעט ער סוף כּל סוף מוזן װערן צו דיר גוט, װען ער זאָל אַפּילו זײַן דער ערגסטער. אויך זאָלסטו מבֿטל זײַן דײַן דעה אַנטקעגן דײַן מאַנס דעה, װי עס שטײט אין פּרק, אַז דו זאָלסט מבֿטל זײַן דײַן דעה קעגן דײַן חבֿרס דעה, כּדי ער זאָל מבֿטל זײַן זײַן דעה קעגן דײַן דעה — און בפֿרט אַ מאַן! אויב דו װילסט, אַז דײַן מאַן זאָל זיך אײַנגאַנצן צו דיר איבערגעבן, זאָלסטו פֿריִהער װערן אײַנגאַנצן צו אים איבערגעגעבן, און װאָס ער רעדט, זאָל זײַן בײַ דיר קודש־קדשים... אַז ער זאָגט נאַכט און דו זעהסט, אַז עס איז טאָג, זאָלסטו אויך זאָגן נאַכט... װעט ער פֿאָרט פֿאַרשטײן זײַן פֿעלער, מחמת דײַן גוטסקײט און װעט דיך האַלטן האָבן װי דאָס לעבן. צו אַ מאַן דאַרף מען רײדן מיט װײכע רײד און מען דאַרף אים נישט אַרױסװײַזן דעם שׂכל, דאָס הײסט, מען דאַרף זיך פֿאַר אים נישט חנדלען מיטן שׂכל, װעט ער שטענדיג זאָגן, אַז דו ביסט אַ קלוגע, און דו װעסט טאַקע זײַן אַ קלוגע. טאָמער װעסטו אים װײַזן אין עפּעס אַן ענין אַ גלײַכע זאַך, און ער װעט דיך נישט פֿאָלגן און טון אַקוראַט קרום און נאַריש, אַזױ אַז ער װעט זיך פֿאַר דיר מורה זײַן, אַז ער האָט חרטה —

זאָלסטו נישט זיין, אַז דיר טוט דאָס הנאה און זאָלסט אים, חלילה, נישט ערגערן, נישט אויסעסן דאָס האַרץ, נאָר אַדרבה, שטאַרקן אים, טרייסטן אים, מוטיגן אים — וועט ער שוין אַליין בעסער איינזעהן, אַז ווען מען פאָלגט נישט, האָט מען חרטה. דו דאַרפסט זעהן דיין מאַן באַשיינען און באַקרוינען און שטאַרקן אים, ער זאָל האָבן מוט צו פירן זיינע געשעפטן. ווען, חלילה, דאָס געשעפט גייט נישט גוט און ער קאָן, חלילה, קיין פרנסה נישט געבן, זאָלסטו אים, חלילה, קיין שלעכט וואָרט נישט ריידן, אַדרבה, זאָלסט אים טרייסטן און שטאַרקן, ער זאָל באַ זיך נישט זיין געפאַלן. וואָרום טאָמער, חלילה, רעדסטו אים אַ שלעכט וואָרט אָדער דו פייניגסט אים, פאַרלירט ער זיין מוט און עס קומט צו אַ שלעכט לעבן.

אָט אַזוי האָט זי גערעדט מיט יעדער יונגער פרויענצימער — אַ טאָכטער צי אַ שנור, צי אַן אייניקל. דערביי האָט זי אויך געבעטן, אַז זי זאָל איר שטענדיג דערציילן, ווי דער מאַן פירט זיך מיט איר, און האָט אַלץ פאַרגלעט, פאַרפיינערט, ווען עס איז נישט געגאַנגען גוט.

מיט די מאַנסבלען נאָך זייער חתונה האָט זי ווידער גערעדט אויף אַן אַנדער שטייגער, אַז ער דאַרף האַלטן טייער דאָס ווייב ווי „אַן אויג אין קאָפּ", ער דאַרף שטענדיג געדיינקען, אַז דאָס ווייב ליידט, געבעך, מיטן טראָגן און מיטן האָבן, וואָס דאָס זיינען אַזעלכע יסורים, וועלכע אַ מאַנסביל קאָן זיך גאָר נישט פאָרשטעלן.

— דו מאַכסט זיך דערנאָך אַ ברית, דו ווערסט אַ טאַטע אָהן ווייטיג, אָהן יסורים, אָבער וויפיל קאָסט עס דעם ווייב? היינט דערנאָך — זויגן דאָס קינד, וויפיל נעכט קאָן זי נישט שלאָפן? דאָס ליגט אַלץ אויף איר! דו גייסט זיך אַוועק אין גאַס, אין געשעפט, פאַררעדסט זיך מיט מענשן, גייסט אין בית־המדרש, דאַוונסט און לערנסט, און רעדסט און פאַר־ברייננגסט זיך די צייט, און דאָס ווייב זיצט צוגעבונדן אין שטוב. געבן קינד. דאָס קינד ציהט איר אַרויס דאָס בלוט, דעם מאַרך פון די ביינער, און אַז טאָמער ווערט, חלילה, קראַנק אַ קינד, וויפיל געזונט נעמט עס באַ איר צו? נישט זי עסט, נישט זי טרינקט און נישט זי שלאָפט. דיר קאָסט עס אַפילו אויך געזונט, אָבער ווי קאָן מען דאָס פאַרגלייכן מיט אירע יסורים? הויבסט זיך אויף און דו גייסט זיך גאָר אַוועק. און ווי איז נאָך, אַז גאָט העלפט מיט עטליכע קינדער? וואָס ווערט פונם ווייבל? אַפילו צו ליבע דאַרף מען דאָס אַלץ גוט פאַרשטיין, ווען דו רעכט שאַנעווען און טייער האַלטן דאָס ווייב. אַז מען איז טריי דעם ווייב, איז דאָס לעבן זיס.

ביידע צוזאַמען, ווידער, האָט זי געזאָגט, אַז אין שטוב דאַרף זיין שטיל, און די קינדער טאָרן קיינמאָל נישט באַמערקן קיין קריג צווישן מאַן און ווייב. חלילה וחס! דאָס מאַכט קאַליע דעם כאַראַקטער פון די

קינדער און אגב װעלן זײ אויפהערן צו פאָלגן און צו אַכטן די עלטערן.

עס פאַרשטײט זיך, אַז מיט מיר האָט זי אויך אײנגעטענעט ראַסוועלבע. נאָר איך האָב מיך געװאָלט קלינגן פאַר איר און האָב איר געזאָגט, אַז איך האָב געפונען אַ ספר, אין װעלכן עס װערט זעהר גוט גערערט װעגן דעם, װי אַזױ מאַן און װײב דאַרפן לעבן. דער ראָזינער ספר הײסט „קרית סופר" פון מרדכי־אהרן גינצבורג. דאָרט זײנען פאַראַן בריף, װעלכע אײנער שרײבט צו זײן חבר, װאָס איז אַ חתן געװאָרן, װי אַזױ ער זאָל זיך פירן מיט דעם װײב. איך האָב איבערגעלעזן די בריף פאַר דער באָבען און זײ זײנען איר זעהר געפעלן געװאָרן. זי האָט מיר געראָטן, איך זאָל דאָס איבערלעזן פאַר מײן יונג װײבל און איך האָב זי געפאָלגט.

אַזױ האָט יעדער דערצײלט, װי די באָבע פלעגט אײנפלאַנצן שלום צװישן מאַן און װײב, און איר אַרבעט האָט געהאַט אַ גרויסע פעולה. אין אונזער משפחה איז טאַקע געװען אַ גוט לעבן צװישן מאַן און װײב. מען האָט, חלילה, קײן שלעכט װאָרט נישט געהערט פון אײנעם צום צװײטן.

ביסלעכװײז האָט זיך דער זײדע געגומען אויסצוכן, קומען צו זיך. ער האָט שוין געקאָנט טרינקען אַ גלאָז טײ, אָבער בײַ יערן זופּ האָט ער זיך פונאַנדערגעװײנט.

— בײלע־ראַשע ליגט אין דער ערד, און איך קאָן נאָך טרינקען טײ.

די אַלע פון שטאָט, װאָס זײנען פריהער געקומען מנחם־אָבל זײן, זײנען גאָרנישט צוגעגאַנגען צום זײדן. איצט, אַז ער איז עטװאָס געקומען צו זיך, האָט מען זיך שוין געפּרובט נעמען צו אים, װירקן אויף אים, באַװײזנדיג, אַז ער איז זינדיג מיט דעם, װאָס ער איז אַזױ מתרעם קעגן גאָט. אַ מענש טאָר זיך אַלײן דאָס לעבן נישט נעמען. ה' נתן, ה' לקח, גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען. דוד המלך האָט געװײנט, װען דאָס קינד איז געװען קראַנק, אָבער דערנאָך, אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן, האָט ער זיך אײנגעװאַשן און האָט געהײסן שפּילן. דער זײדע האָט שוין װײניגער געװײנט און אַלץ דערצײלט װעגן אירע שבחים, װי זי האָט אים באַהאַנדלט, װאָס פאַר אַ גאָלרן װײב דאָס איז געװען, ס'אַרא האַרץ זי האָט געהאַט א. אַז. װ.

דעם זעקסטן טאָג איז דער זײדע שוין אויפגעשטאַנען אַביסל רוהיגער. מען האָט געמאַכט טײ, און אַלע האָבן צוגעביסן. ער האָט שוין אויך עפּעס געגעסן. אין שטאָט האָט מען שוין געװאוסט, אַז אהרן־לײזער איז עטװאָס רוהיגער. ער לײנט שוין נישט אײן אַזױ די װעלט. מען קאָן שוין פרײער קומען צו אים מנחם־אבל זײן, מען װעט שוין קאָנען רײדן, אויס־

רייד אַ וואָרט מיט איר און אי ם כאָטש דערציילן עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט נאָך פון זיין בּיילע־ראַשען גאָרנישט געוואוסט.

האָבּן אָנגעהויבּן צו גיין מאַסן מענשן פון עלף אַזייגער אָן. איבּערן טאָג זיינען געקומען הונדערטער מענשן, מאַנסבּלען און ווייבּער, מנחם־אָבל זיין.

איינער פון די, וואָס זיינען געקומען מנחם־אָבל זיין, האָט דערווייל דערציילט, ווי איינמאָל האָט ער נישט געקאָנט דורכקומען מיט זיין ווייבּ, עס איז אַוועק אַ קריג, און ער איז געקומען צו בּיילע־ראַשען זיך בּאַקלאָגן אויף זיין ווייבּ.

— מיט איר חכמה האָט זי מיר געמאַכט ווייכער דאָס האַרץ און אגב האָט זי מיר דעם ווייבּס חטאים געמאַכט פיל גרינגער. דערבּיי האָט זי מיר אַזוי מאָרנע גוט געראָטן און פאָרגעשטעלט די זיסקייט פון אַ גוט לעבּן צווישן מאַן און ווייבּ, דאָס פאַרגעניגן דערפון, און פאַרקערט, דעם גיהנם פון אַ שלעכט לעבּן, די האַרץ־ווייענישן מיט די פּלאָגן, אַז איך האָבּ געזעהן בּחוש, אַז איך מוז שוין די רגע גוט ווערן מיט דעם ווייבּ, וואָס מיט אַ מינוט פריהער איז בּאַ מיר רעכט געווען זי צו גטן. און אַז איך בּין אַוועקגעגאַנגען, האָט זי געשיקט בּעטן מיין ווייבּ אויף אַ בּאַשטימטע שעה, ווען אהרן־לייזער איז נישטאָ אין דער־היים, און האָט מיט איר אויך אַזוי איינגעטענעט מיט איר חכמה, אָנגעזאָגט, ווי זי זאָל זיך פירן ווייטער און עס איז בּאַ אונז אַוועק אַ בּעסער לעבּן. מיר האָבּן זיך בּיידע אומגעקוקט, אַז מיר קריגן זיך פאַר גאָרנישט. אַמאָל בּין איך אומגערעכט, אַמאָל זי. צוליב וואָס? פאַרוואָס? און פון דעמאָלט אָן לעבּן מיר זיך גאָט צו ראַנקען זעהר אַ גוט לעבּן שוין ניין יאָר. מיר זיינען בּיידע געקומען זי בּאַראַנקען. זאָל איר גאָט געבּן אַ ליכטיגן גן־ערן. זי האָט אונז ממש געראַטעוועט מיט איר חכמה און צדקות.

אַזוינע מעשיות האָבּן זיי אָנגערציילט פיל. מען האָט געזאָגט, אַז אין איר צייט איז קיין גט אין קאַמעניץ נישט געווען. זי האָט אַלץ אָפּגעהיט דערפון, נישט דערלאָזט צו דעם און האָט אַלץ געזוכט שלום צווישן אַלעמען. איצט, בּעת גטן מערן זיך, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, בּעת די שטימונג איז אַזאַ, אַז יעדערער וויל צערייסן מיט אַמאָל אַ געלעכערט אָרט, איידער צו פאַרלאַטן עס, ווי מען האָט זיך אַמאָל געפירט — איצט, זאָג איך, קלינגט די מעשה מיט דער בּאָבּע אַבּיסל נאַאיוו, אָבּער זי האָט פאָרט געהאַט גרויס טאַלענט און גרויסן כּח צו פאַרגלעטן, פאַרריכטן און אויפשטעלן אַ שלעכט לעבּן. צו איר פלעגן קומען דערוואַקסענע קינדער זיך בּאַקלאָגן אויף אַ שטיף־מוטער. דעמאָלט האָט זי געשיקט רופן די שטיף־מוטער און

מיט איר חכמה און האַרציגקייט געװירקט, אַז יענע זאָל בעסער װערן, זאָל זיך נישט שטעלן אַזױ קעגן יתומים, און די קינדער זײנען דערנאָך געקומען באַראַנקען בײלע־ראַשען.

אָט אַזױ איז באַ איר געװען פול די שטוב מיט אַזױנע ענינים. דער — אַרײן, דער אַרױס, — דעם גאַנצן טאָג, אָבער אַלץ אין דער צײט, װען אהרן־לײזער איז געװען באַ די פריצים. זי האָט געבעטן, אַז װען איר מאַן איז אין דערהײם, זאָלן זײ צו איר אַזױ אָפט נישט קומען, װײל זי װיל אים נישט שטערן די רוה אין די עסקים זײנע.

אױך האָט מען אָנגעהױבן דערצײלן פון אירע שטילע צדקות, װאָס זי האָט געגעבן, און דער מאַן האָט נישט געװאוסט. זי האָט נישט געװאָלט, אַז מען זאָל הױסן. זי האָט געשטיצט געפאַלענע בעלי־בתּים, װעלכע זײנען געבליבן אָהן ברױט. זי פלעגט זײ שױן אַרײנשיקן פון אַלע „יאַרושינעס“, װאָס די פריצים פלעגן איר אַרײנשיקן גאַנצע פורן: קאַרטאָפל, קרױט, בוריקעס, מערן, ציבעלעס, פרוכטן א. ד. גל.

די באָבע האָט אַלעמאָל געזאָגט דעם זײדן, אַז ס׳איז שױן נישטאָ מער קײן יאַרושינעס, און ער האָט שױן געזעהן, אַז מען זאָל צושיקן פון דאָס נײ פון פריץ. באַקומענדיג נײע יאַרושינעס, פלעגט זי באַלד װידער צושיקן אַלע בכּבודע געפאַלענע בעלי־בתּים. אױך האָט זי אין הקדש אַרײנגעשיקט שטענדיג פון אַלץ. אין הקדש פלעגט זי אױך שיקן פלײש. באַם זײדן פלעגט מען איבערן װינטער קױלען אַ גאַנצן אָקס, אַ סך שעפּסן און קעלבער, קײן פלײש האָט כּמעט גאָרנישט געקאָסט, און זי פלעגט באַלד מאַכן אַ סך הכל מיט דעם: צעטײלן דער פאַמיליע, די בכּבודע אָרימע אידן, אין הקדש א. אַז. װ.

דער זײדע האָט זיך קײנמאָל נישט געכאַפּט, װאָס באַ אים פלעגט עפּעס אַלץ אַװעקגײן אַזױ פיל. ער איז געװען זעהר אַ פאַרנומענער מענש.

אױך פלעגט זי זעצן פיל גענז און פּרעגלען שמאַלץ, און אין דער־זעלבער צײט, װען זי האָט צעטײלט דער פאַמיליע, האָט זי נאָך מער נעטײלט די אָרימע.

זומער פלעגט זי אָנפּרעגלען פיל אײנגעמאַכטס און פאַרשײרענע סאָקן. אױף אײנגעמאַכטס אַלײן פלעגט באַ איר אַװעקגײן גאַנצע זעכציג פונט צוקער! און אַז עמיצער איז קראַנק געװאָרן אין שטאָט, איז מען געקומען צו איר נאָך אײנגעמאַכטס. דער דאַרף דאָס צו קאָםטאָרקע, אַ צװײטער צו דערקװיקן דאָס האַרץ. און אָט אַזױ האָט זי אַלץ עוסק געװען אין דעם אַלעם.

זי האָט געהאַט די גאַנצע שטאָט אױפן קאָפּ מיט די אַלע געפאַלענע און נױט־באַדערפטינע. נאָר געלט האָט זי װײניג געגעבן צדקה, זי האָט באַראַפט

האָבן אַ סך געלט פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, און דער מאַן האָט איר נישט געגעבן אַזוי פיל, וויפיל זי האָט באַדאַרפט. אַז זי האָט אים אַמאָל געזאָגט:

— אהרן־לייזער, איך דאַרף האָבן פינף און צוואַנציג רובל.

— איך האָב נישט! — פלעגט ער זיך קאָנען דערוויף אַ זאָג טון, בעת ער האָט איר יאָ געקאָנט געבן.

און זי האָט אים שוין דאָס אַנדערע וואָרט נישט גערעדט, האָט זיך געמאַכט אַ פריילעכע מינע, ווי ס'איז גאָרנישט געשען, ווי זי האָט גאָר אויף אים קיין פאַרדראָס נישט. זי האָט דאָך אָבער פאָרט באַדאַרפט האָבן געלט, פלעגט זי לייען באַם שוואָגער מרדכי־ליבן. אָנשטאָט געלט פלעגט איר אהרן־לייזער אַריינשיקן צום שיינק אַ פאַס בראָנפן פאַר הונדערט רובל, און אַז זי האָט אים אין עטליכע טעג אַרום געזאָגט, אַז זי דאַרף האָבן ווידער בראָנפן, פלעגט ער שוין באַלד הייסן ברייננגען פון פריץ. און מיט בראָנפן פלעגט זי צאָלן דעם שוואָגער די גמילת־חסדים.

דעם מאַן איז זי קיינמאָל נישט געווען דאַגעגן — נישט מיט אַ וואָרט אין נישט מיט אַ תנועה. האָט ער געזאָגט יאָ — איז יאָ, האָט ער געזאָגט ניין — איז ניין, און דערפאַר פלעגט זיך אים ווען פאָלגן זי שטענדיג, און אַז ער פלעגט באַגיין קעגן איר אַן עולה, פלעגט ער זי איבערבעטן:

— איך זאָג דיר דעם אמת, מיין ליב ווייב, אַז ווען איך פאָלג דיך נישט, פאַל איך שטענדיג מיאוס אַריין.

און זי האָט אים באַלד פאַרגלעט מיט אַ ווערטל, מיט אַ שמייכעלע.

— נישקשה, דו האָסט קיין עין־הרע גענוג שכל. מען דאַרף דיך, חלילה, נישט לערנען, און אַזאַ אידענע, ווי איך, דאַרף דיך אַוודאַי נישט לערנען. נאָר אַ מענש, דער קלינגסטער אַפילו, קאָן אַמאָל טון אַ נאַרישקייט... אַ מענש איז נישט קיין מלאך. נישקשה, נישקשה...

אָט אַזאַ ווייב האָט געהאַט דער זיידע און נישט אומזיסט האָט ער אַזוי איינגעלעגט די וועלט, ווען זי איז געשטאָרבן.

אַז מען איז אויפגעשטאַנען פון שבעה האָט די גאַנצע פאַמיליע געהאַט געשוואָלענע אויגן פון וויינען און טויטע פנימער, פאַרמאָרעטע פון הונגער...

אָט אַזוי האָט זיך אַמאָל געפירט און געלעבט אַ אידישע פרוי, וואָס פון די אומגעהויערע מעלות אירע איז באַ די הייַנטיגע אידישע פרויען כמעט קיין זכר נישט געבליבן. זיי זיינען אַמאָל געווען נישט קיין סך, הייַנט גאָרנישט.

איך האָב שוין ערגעץ גערערט װעגן דער באַרײטונג פון מײן שטילער און האַרציגער באָבען אין אונזער משפּחה. די באַרײטונג װעט אָבער װערן מער קענטיג פאַרן לעזער, װען איך װעל זאָגן, אַז נאָך דער באָבעס טויט איז צעפאַלן געװאָרן אונזער גרויסע משפּחה. עס איז צערונען געװאָרן דער אחרות, מען איז געװאָרן קעלטער און פון „צאַרסקן פאָלק“ איז געװאָרן אַ תל... אויב דער „צאַרסקער פאָלק“ האָט געהאַט אַ פאָלקאָװניק, װאָס אָהן דעם װאָלט ער, פאַרשטײט זיך, נישט זײן קײן צאַרסקער פאָלק — איז דאָס געװען אַ שטילער, אומבאַמערקטער פאָלקאָװניק — מײן באָבע, װאָס האָט געהיט אירע סאָלדאַטן מיט מסירת נפש. און דער זײדע איז נאָר געװען אַ בראַװער, אַ גוטער און אַ רוישיגער קאַפּיטאַן!

---

# קאַפּיטל XXIX

—

**חסידות און מתנגדות. — וואָס פאר א רייץ ליגט עס אין חסידות, וואָס האָט אויפ־נעריירט די גאַנצע אידישע וועלט? — מתנגדות אלס שיטה. — דער שולחן־ערוך. — די חסרונות פון מתנגדות. — חסידות. — דער בעל־שם. — די צוגענגליכקייט פון חסידות פאר אלע שיכטן פון פאָלק. — ר׳ משה־חיים לוצאַטו. — מסילת ישרים. — די דעמאָקראַטישע אויפפירונג פון חסידים. — דער רבי און די חסידישע שמחות. — די חסרונות פון חסידות. — דער סך־הכּל.**

מיט מיין באָבעס טויט האָט זיך אייגנטליך באַראַפּט שליסן דער ערשטער טייל פון מיינע זכרונות. איך פיל אָבער, אַז עס מוז וואָס געזאָגט ווערן וועגן חסידות און מתנגדות. ווי דער לעזער האָט באַמערקט, איז אין מיין בוך אַ סך מאָל באַרירט געוואָרן דער קאַמף צווישן חסידות און מתנגדות. אָט דער קאַמף, וועלכן איך האָב אַליין באַראַפּט דורכ־טראָגן אויף מיינע פּלייצעס, האָט מיך געקאָסט נישט ווייניג געזונט, און דעריבער, ווילנדיג נישט ווילנדיג, מוז איך דאָך איין מאָל שטעלן אין כּלל די פראַגע: וואָס פאַר אַ רייץ ליגט עס אין דעם חסידות, וואָס האָט אויפגעריררט די גאַנצע אידישע וועלט און וואָס האָט איבערגעצויגן צו זיך אַ געוואַלדיגע צאָל אידן אין די שטעט און שטעטלאַך? אין וואָס פאָרט ליגט זיין קראַפט? פאַרוואָס האָט דער חסידיזם געקאָנט אַפּילו באַ מתנגדישע רבנים צונעמען די קינדער און אָנמאַכן אַן אמתן חורבן אין אַ מתנגדישער משפּחה? איך וועל מיך פּרובן נאָך מיינע כּחות נאָך צו פאַרענטפערן די דאָזיגע פראַגע. מחמת נישט אַלע ווייסן בכלל דעם תּמצית פון חסידות און אַפּילו פון מתנגדות, וועלן מיר פּרובן דעם ענין עטוואָס פאַרברייטערן און קלאָרער מאַכן.

מתנגדים פירן זיך לויט דעם שולחן־ערוך, אין וועלכן עס קומען אַריין אַלע דינים פון תּורה שבכתב און תּורה שבעל־פּה. דאָס זיינען אַלץ דינים—מעשים, וואָס דער מענש דאַרף טון און וואָס ער דאַרף נישט טון; אָבער דער שולחן־ערוך האָט נישט געשריבן, וואָס דער מענש

דאַרף טראַכטן און ריינקען, ווי די גמרא זאָגט, רחמנה לבי בעי, דאָס הייסט, גאָט פאָדערט דאָס האַרץ. וועגן דעם איז אין שולחן־ערוך גאָרנישט דערמאָנט. און אַזוי האָבן די גאונים נאָכן שולחן־ערוך געשריבן, וואָס אַ איד דאַרף טון, ווי ער דאַרף זיך פירן און אַלץ שווערער געמאַכט די שווערע אידישע דינים, וואָס איז געווען אוממעגליך איבער־צוטראָגן.

הגם דער באַרימטער ספר חובת־הלבבות, וואָס איז פאַרפאַסט פון רבינו בחיי הזקן, מיט אַכט הונדערט יאָר צוריק און רעדט אַרום מיט זעהר קלאָרע און דייטליכע ווערטער, ווי אַזוי דער מענש דאַרף נאָר ריינינגן דאָס האַרץ מיט גוטע מדות, דאָך נישט קוקנדיג אויף דעם, וואָס דער ספר איז זעהר אָנגענומען, טייער און פּאָפּולער באַ אידן ביז היינטיגן טאָג, האָט דער שולחן־ערוך, וואָס איז אַרויס פיל שפּעטער פון חובת־הלבבות, פונדעסטוועגן פאַרנומען באַ אידן דעם הויפּט־פּלאַץ. דער שולחן־ערוך איז געוואָרן באַ זיי דער גאַנצער עיקר פון אידישקייט און געווין מצוות־מעשים, דאָס הייסט נאָר טון מצוות בפּועל ממש, אָבער נישט ריינקען. די מצוות, וואָס זיינען שייך צו דער נשמה, צו דער פּסיכיק פון מענשן, ווי גאוה, ענוה, אהבה, שנאה קנאה, כּעס, חניפה, שלום וריב וכדומה, לויט דעם זין פון דער תּורה און נביאים זיינען געוואָרן באַ אידן אַ תּפל, אַ מין ביוואַך, אויף וועלכע מען קאָן קוקן מיט פאַרדראָס, מיט האַרץ־ווייטיג, אָבער דאָך פאַרביילאָזן פאַרביי אויג.

לויט דעם שולחן־ערוך מיט די איבעריגע גאונישע ספרים, דאַרף אַ איד דאַוונען און לערנען, און פאַסטן, און זיך פּייניגן און גאָר קיין הנאה נישט האָבן פון דער וועלט, אַזוי ווי מען דערציילט פון ווילנער גאון, וועלכער האָט געפירט אַ גרויסע מחלוקת מיט די חסידים. אַז ער פלעגט אָפּריכטן גלות, פלעגט ער ברויט נישט עסן, נאָר שלינגען, כּדי ער זאָל קיין טעם פון עסן נישט פילן.

און די פרומע מתנגדים האָבן טאַקע געדאַוונט פיל און געלערנט פיל, און געטאָן מצוות פיל, און האָבן זיך פיל געפּייניגט, און פיל געוויינט, און נאָך אַלעם זיינען זיי געווען אין גרויס שרעק פאַר די מלאכי־חבלה, וואָס פּייניגן דעם מענשן אויף יענער וועלט מיט די שרעקליכסטע יסורים, וואָס אַ מויל קאָן נאָר אויסריידן.

דער פרומער מתנגד איז שטענדיג געווען פאַרטרויערט, פאַרחושכט און דערשלאָגן: פון דער וועלט האָט ער נישט געטאָרט געניסן און פאַר יענער וועלט האָט ער מורא געהאַט, און ער איז קיינמאָל נישט יוצא געווען פאַרן שולחן־ערוך און פאַר די ספרים פון די גאונים. ער

איז שטענדיג געווען הינטערשטעליג אין אמונה־זאַכן און האָט זיך געשראָקן פאַר דער הינטערשטעליגקייט.

און ווער רעדט — יענע מתנגדים, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שטאַרקע פרומע נאַטורן, זיינען אַוראַי געווען דערשלאָגן פון זייער שוואַכער אירישקייט און האָבן שטענדיג געלעבט אין איין אימה און פּחד פאַר דעם דין וחשבון פון בית־דין של מעלה, וועלכער באַשטראָפט שרעקליך פאַר יעדע מינדסטע עבירה.

אַזוי האָט זיך יעדער מתנגד אַרומגעטראָגן מיט זיין אמונה־צער, און קיין ברעקל שמחה איז באַ זיי נישט געווען צו זעהן. אַ פאַרצאָגט פאָלק, וואָס ליידט גלות און צרות, און אויסערדעם האָבן זיי אַ יענע וועלט, נאָכן טויט, נאָך מיט גרעסערע יסורים, וואָס די יסורים פון דער וועלט זיינען אַ טראָפּן אין ים אַנטקעגן יענע.

לויט דער שיטה פון מתנגדים קאָן אַן עם־הארץ, אַ איד, וואָס קאָן נישט לערנען, אַוראַי קיין ערליכער איד נישט זיין. ער מוז לערנען און וויסן אָט די אַלע דינים, ער דאַרף בכלל לערנען, לערנען און לערנען. עס פאַרשטייט זיך, אַז אַן עם־הארץ האָט באַ קיינעם קיין ווערט נישט, ער ווערט געהאַסט, און אויב ער איז אַן אָרימאַן, וואָס צוליב דעם דאַרף מען אים געווים מוחל זיין זיין עם־הארצות, ווערט ער נאָך דערצו געהאַלטן פאַר אַ געמיין באַשעפעניש. אַזאַ איד איז באַ זיך גענוג געפאַלן, וואָרום ער איז נישט מער, ווי אַ בן־אדם, און די איבעריגע זיינען בני־אלהים.

אין אָט דער נידעריגער מדרגה האָבן זיך שטענדיג געפונען בעלי־מלאכות. בעלי־מלאכות זיינען פון אָרימע עלטערן. די אָרימע עלטערן האָבן אָפּגעגעבן די קינדער יונג צו דער אַרבעט. די קינדער האָבן דעריבער נישט געקאָנט לערנען, זיינען געווען עם־הארצים און נאָך אָרימע־לייט! איז באַ מתנגדים אַ בעל־מלאכה פאַררעכנט געווען ווי אַ געמיין באַשעפעניש. עס פאַרשטייט זיך, אַז פון אַזאַ באַציהונג צו אַ פשוטן אידן, וואָס האָט זיך, נעבעך, צוליב דלות געמוזט אָפּרייסן פון לערנען, האָט זיך באַ די מתנגדים געמוזט שטאַרק אַנטוויקלען דאָס געפיל פון גאוה.

הערשט טאַקע שרעקליך דאָס געפיל פון גאוה באַ מתנגדים. אַ קלייניג־קייט — כבוד! יאָגן זיי זיך נאָך כבוד אויף אַלערליי אופנים. יעדער מתנגד מעסט מיט אַ מאָס זיין יחוס און דעם חברס יחוס. דער יחוס באַשטייט פון צוויי סאָרטן: רייכקייט־יחוס און תורה־יחוס. גייט עס אַזוי: ווער עס קאָן בעסער לערנען, צי ווער עס האָט טויזנט רובל האַלט זיך גרויס קעגן דעם, וואָס האָט הונדערט רובל, און דער, וואָס האָט צען טויזנט רובל, האַלט זיך גרויס קעגן דעם, וואָס האָט טויזנט א. אַז. וו.

איצט איז פאַרשטענדליך די נידעריגע און דערשלאָגענע מדרגה, אין װעלכער עס געפינען זיך אין די שולן און בתּי־מדרשים די אָרימע־לייט (סוף כּל סוף פּאַלט די חרפּה פון עם־הארצות נאָר אויפן אָרימאַן, װאָרום אַן די עם־הארצות פון גביר פאַרגעסט מען צוליב זיין געלט). מיט זיי שעמט מען זיך צו ריידן, פאַר זיי זיינען אויסגעטיילט ערטער נעבן טיר און מען קוקט זיך נישט אום אויף זיי.

אויך פעלט בּאַ מתנגדים די מדה פון אַחדות און שלום. יעדערער לעבּט פאַר זיך און קיינער װיל נישט װיסן, װאָס דער אַנדערער מאַכט. אַז דאָס געפיל פון גאוה איז שטאַרק אַנטװיקלט, אַנטװיקלט זיך שוין בּמילא דאָס געפיל פון קנאה, און אַזוי פאַרגינט מען נישט בּאַ מתנגדים איינער דעם אַנדערן נישט יענעמס געלט, נישט יענעמס כּבוד, נישט יענעמס יחוס. און שטענדיג איז בּאַ זיי קריג און מחלוקת סיי אין די שטאָטישע ענינים, סיי אין פריװאַטן לעבּן און סיי אין די בּתּי־מדרשים.

די בּתּי־מדרשים זיינען בּאַ אידן דאָס איינציגע אָרט, װאו מען קלויבּט זיך צונויף. אַמאָל פלעגט מען פאַרברייגגען דעם גרעסטן טייל צייט אין בּית־המדרש. דריי מאָל אין טאָג דאַװנען, לערנען און גלאַט שמועסן. אַזוי איז דער בּית־המדרש דער איינציגער „קלובּ" בּאַ אידן. נאָר צוליבּ דער מתנגדישער שיטה איז איינגעפירט, אַז יעדער האָט זיין בּאַשטימט אָרט, װאָס ער קויפט פאַר געלט, און אַז ער קומט אין בּית־המדרש צום דאַװנען, שטעלט ער זיך אויף זיין פּלאַץ, װאָס הייסט „שטאָט". יעדער האָט אין בּית־המדרש זיין שטאָט, װאָס גייט איבּער צו די קינדער בּירושה. די „שטעט" שפּילן אַ גרויסע ראָליע אין דעם ענין פון כּבוד און יחוס. אַ מתנגד קאָן זיך אָנטון די גרעסטע שװערינקייטן, אַבּי ער זאָל האָבּן אין בּית־המדרש אַ העכערע שטאָט פון זיין חבר, אָדער כאָטש נישט קיין קלענערע.

אין די שטעטלאַך, אין מיינע קינדערשע יאָרן, געדיינק איך, אַז דער פּרייז פון אַ שטאָט אין מזרח איז געװען אַזוי גרויס װי דער פּרייז פון אַ הויז. די דאָזיגע „שטעט" האָבּן נישט װייניג בּלוט קאָליע געמאַכט דעם מתנגד, און דער, װאָס װעט אַמאָל שרייבּן די געשיכטע פון זיי, װעט האָבּן אַזאַ מאַטעריאַל, װאָס װעט אים ניכער דערמאָגען אין אַ דראַבּנער העסליכער מלחמה, איידער אין אַן ענין, װאָס איז שייך צו אמונה, צו אַ שול.

די אָרימע־לייט, װי געזאָגט, שטייען בּאַם סאַמע טיר. זיי האָבּן נישט קיין אָרט, װאו צו זיצן, פּונקט װי זיי װאָלטן געװען שטיינער און נישט קיין מענשן. און קיין איין מתנגד האָט זיך זיכער — כאָטש אויף אַ רגעלע — נישט פאַרקלערט, צי איז דאָס פּאַסיג פאַר גאָטס הויז, אַז מענשן זאָלן דאָרט

נעטײלט װערן אויף „שענער“ און אויף „מיאוסער“, אויף רײכער און אויף אָרימער.

אַפילו בײַ די עליות צו דער תּורה איז װיטער כּבוד. מען טײלט די בעלי־בתּים עליות, און אין די עליות זײנען אויך דאָ מדרגות, װי למשל, שלישי, ששי, װאָס זײנען די העכסטע מדרגות. און שביעי, אחרן, מפטיר, װאָס זײנען שוין פון אַ קלענערער מדרגה, און רביעי, חמשי — פון נאָך אַ קלענערער. דער גבאי, װאָס שטײט בײַ דער תּורה און טײלט די עליות, װעגט דעם כּבוד פון יערן בעל־הבית און קנײטשט גוט דעם שטערן, צי פּאַסט די און די פּרשה פון אונזער הײליגער תּורה, װאו יעדעס װאָרט איז אַן אוצר, פאַר דעם און דעם בעל־הבית, װי משונה דאָס איז! און דאָס רוב מסתּמא „פּאַסט“ זי נישט, קריגט מען זיך, שלאָגט מען זיך אַפילו, און מיט שנאה־קנאה איז אָנגעפילט די אַטמאָספערע פון אַ מתנגדים־שול.

עליות זײנען פאַראַן אינגאַנצן אַכט, צװישן די פּאָר הונדערט דאַװנער זײנען אָבער פאַראַן אין יערער שול בײַ עטליכע צענדליג גבירים נגידים, גרויסע בעלי־בתּים און „שײנע“ אידן, װאָס װילן אומבאַדינגט אַן עליה — צעטײלט מען בײַ מתנגדים די פּסוקים פון דער תּורה און מען רופט אויף נאָך ששי נישט פּרשהװײז, נאָר פּסוקימװײז.

די אָרימע־לײט װערן כּמעט קײנמאָל נישט אויפגערופן צו דער תּורה. װי אידן, און װי פרומע אידן, פאַרשאַפט עס זײ, פאַרשטײט זיך, אַ סך צער און פאַרדראָס, און דערפון מסתּמא האָט זיך דאָס גענומען, װאָס דאָס רוב האָבן אָרימע מענשן און בעלי־מלאכות אײנגעאָרדנט מנינים פאַר זיך, װאו זײ קאָנען געניסן אַן עליה און אָפּאָטעמען פרײ פון די חרפּות, װאָס זײ האָבן אויסצושטײן אין די שולן און בתּי־מדרשים.

אַלזאָ, איז אין בית־המדרש בײַ די מתנגדים נישטאָ קײן אחדות און קײן שלום, און קײן שמחה. אַזוי װי אין דער־װאָכן, אַזוי איז שבּת און יום־טוב. יעדער מתנגד גײט נאָכן דאַװנען אַהײם, עסט אָפּ מיט זײן פאַמיליע און גײט שלאָפן. מען זינגט נישט, מען טאַנצט נישט, מען פרײט זיך נישט. אָדער געראַװנט, אָדער געלערנט, אָדער עפּעס נעטאָן, אָדער גענעסן, אָדער געשלאָפן. זאַכן, װאָס זאָלן זײן אויסער דאַװנען, אויסער לערנען, אויסער עסן און שלאָפן, טאָרן נישט זײן. עס פאַרשטײט זיך, אַז פון דעם אַלעם איז דער מתנגד אַרײנגעפאַלן אין אַ שרעקליכער טרוקנקײט, אין אַ מין װיסטעניש, װאו שמחה, עקסטאַז און אמתע לעבנס־באַגײסטערונג האָבן גאָרנישט געקאָנט זײן.

דאָס זײנען אין קורצן די חסרונות פון מתנגדות, אַלס אַזעלכעס: אָפּ־געזונדערטקײט, אָפּגעטײלטקײט, אימה פאַר יענער־װעלט,

אַבּסאָלוט אָהן דער װעלט, האַס און פֿאַראַכטונג צו אומשולדיגער עם־הארצות, װאָס איז נעפֿאַלן בלויז אויפֿן אָרימאַן, מחמת דעם גביר, דעם עם־הארץ, האָט מען מוחל געװען. האַס און פֿאַראַכטונג צום אָרימען בכלל, אַלס אַזעלכן, גאוה, קנאה, שנאה, מחלוקת, יחוס, און איבערהויפּט, טרוקנקייט, לעבּנסלאָזיגקייט, אָהן שמחה, אָהן פֿרייד, אָהן עקסטאַז, — אָט די אַלע זאַכן, װאָס זיינען שטענדיג אַזוי צום האַרצן די רעמאָקראַטישע טיילן פֿון פֿאָלק. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז בּאַ אַזוינע בּאַדינגונגען האָט בּאַ אירן געמוזט אַרויסשפּרינגען עפּעס אַ נייע שיטה, אַן איבּערקערעניש, אַ נייעס, װאָס איז טאַקע בּאַלה געקומען.

געקומען איז עס מיט אַ הונדערט־זיבּעציג יאָר צוריק, — מיטן בּעל־שם, װעמען עס האָט געלונגען צו זיין דער פֿאָטער פֿון דער איבּערקערעניש. דער בּעל־שם האָט געאַרבּעט אין צװיי פּונקטן: פֿון איין זייט האָט ער פֿאַרגרינגערט דעם יאָך פֿון אמונה, װאָס איז געװען אומפּענגליך אַריבּער־צוטראָגן, און אַז מען האָט אים שוין יאָ אינגאַנצן אָפּגעהיט און געטראָגן אויף זיך, איז מען נאָך אַלץ נישט געװען זיכער מיט יענער װעלט; פֿון דער צװייטער זייט, װידער, האָט ער געזוכט צו פֿאַרשטאַרקן דאָס אירנטום אין דעם זין, אַז די אייראָפּייאישע בילדונג, װאָס האָט זיך שוין רעמאָלט אָנגעהויבּן אַריינצושפּאַרן צו אַלע פֿעלקער, זאָל נישט קאַליע מאַכן די אירן אַלס פֿאָלק.

און נאָך רעמאָלט האָט דער גאונישער בּעל־שם פֿאַרשטאַנען די אומ־געהויערע בּאַדייטונג פֿון דער תּלמודישער פּראַזע, װעלכע ער האָט אָפּ־געפֿרישט און פֿאַרשפּרייט צװישן זיינע אָנהייגער: בּעבור שלשה דברים נגאל ישראל, עבור שלא שינו את בּגדיהם ולשונם, ושמותיהם — צוליבּ דריי זאַכן זיינען אירן אויסגעלייזט געװאָרן, װייל זיי האָבּן נישט אומגעבּיטן זייער שפּראַך, זייערע נעמען און זייערע קליידער.

דער בּעל־שם האָט זיך אויך בּאַצויגן מיט זיין שיטה אויף דער תּוֹרה, נביאים, כּתובים און תּלמוד.

קודם־כּל האָט דער בּעל־שם צעבּראָכן די שװאַרצע װאַנט, װאָס מתנגדים האָבּן אַװעקגעשטעלט צװישן אירישקייט און שמחה, צװישן אמונה און לעבּן. ער האָט געזאָגט, אַז גאָט האָט הנאה פֿון שמחה, פֿון לעבּן און אַז אַפילו עסן און טרינקען איז אויך לשם שמים. די כּהנים, צום בּיישפּיל, האָבּן בּאַדאַרפֿט עסן די קרבּנות אין הייליגן אָרט, אין אוהל־מועד. אַז אַ איד דאַרף דינען גאָט מיט שמחה, שטייט אין דער תּורה אין דברים בּאַ דער תּוכחה אין פּסוק מ״ך: תּחת אשר לא עבדתּ את ה׳ אלהיך בּשמחה ובטוב לבב — װייל דו האָסט נישט געדינט גאָט מיט שמחה און

מיט האַרץ, דערפאַר האָסטו די תּוכחה. אויך געפינען מיר אין שמואל: ופּגעת חבל נביאים יורדים מהבּמה ולפניהם נבל, ותוף, וחליל, וכּנור — והמה מתנבּאים. שמואל האָט געזאָגט צו שאול'ן: אַז דו װעסט גיין, װעסטו באַגעגענען אַ מחנה נביאים גייען פון הייליגן אָרט, און בּאַ זיי איז אַ פּויק מיט אַ פייפל און אַ פידל, און זיי זאָגן נביאות. װייזט דאָך אויס, אַז די נביאים האָבּן אַנדערש נישט געקאָנט נביאות זאָגן, נאָר װען זיי האָבּן געשפּילט. אין דברי־הימים איז אויך פאַראַן: װען דוד האָט מנדב געװען פיל גאָלד און זילבּער אויפן בּית־המקדש, האָט ער געזאָגט אין זיין תּפילה: ועתּה עמך הנמצא פה ראיתי בּשמחה להתנדב לך — דיין פאָלק, װאָס געפינט זיך דאָ, האָבּ איך געזעהן, אַז זיי זיינען זיך מיט שמחה מנדב צו דיר. אין תּהילים מ״ג: ואבואה אל מזבּח אלהים אל אל שמחת גילי, ואודך בּכּנור אלהי, תּרננה שפתי כּי אזמרה לך, ונפשי אשר פּדית — איך װעל קומען צום מזבּח פון גאָט מיט מיין פרייד און איך װעל לויבּן מיט מיין פידל דיך, גאָט, מיינע לעפצן װעלן זינגען און מיין נפש װעט זינגען צו דיר, װאָס דו האָסט מיך אויסגעלייזט. נאָך איז פאַראַן אין תּהילים ס״ח: צדיקים ישמחו, יעלצו לפני אלהים וישישו בּשמחה — די צדיקים פרייען זיך פאַר גאָט און פרייען זיך אין שמחה. אויף דעם זאָגט דער מדרש: כּשתּהיה עומד להתפּלל יהא לבּך שמח עליך שאתּה מתפּלל לאלהים שאין כּיוצא בּו. כּי זאת היא השמחה האמתּית. יהי לבּי של אדם עלז ואין השכינה שורה אלא מתּוך שמחה של מצוה — װען דו װעסט שטיין און דאַװנען, זאָל דיין האַרץ אין דיר זיך פרייען, װאָס דו דאַװנסט צו אַזאַ גאָט, װאָס איז זיין גלייכן נישטאָ, װאָרום נאָר דאָס איז די אמתע שמחה, װען דאָס האַרץ פון מענשן איז דורכגעדרונגען מיט פרייד. אין תּהילים ק׳: עבדו את ה׳ בּשמחה בּאו לפניו בּרננה — דינט גאָט מיט שמחה און קומט פאַר אים מיט געזאַנג. דערויף זאָגט די גמרא אין שבּת ס׳ו: אין השכינה שורה אלא מתוך שמחה של מצוה — די שכינה רוהט נישט אַנדערש, נאָר בּעת דער שמחה פון אַ מצוה. תּהילים ק״ד: יערב עליו שחי ואנכי אשמח בּה׳ — פאַר גאָט זיינען זיס מיינע רייד און איך פריי מיך מיט גאָט. אין תּהילים קמ״ט: ישמח ישראל בּעושיו בּני ציון יגילו בּמלכּם — ישראל פרייט זיך מיט זיין בּאַשעפער, די בּני־ציון פרייען זיך מיט זייער מלך. שיר השירים: משכני אחריך נרוצה, הביאני המלך חדריו, נגילה ונשמחה בּך — ציה מיך, גאָט, איך װעל דיר נאָכלויפן; דער מלך האָט מיך געבּראַכט אין זיינע חדרים, װעלן מיר זיך פרייען און פאַרגעניגן האָבּן מיט דיר.

דער בּאַרימטער ר׳ משה־חיים לוצאַטו, װאָס איז נאָך געװען פאַרן בּעל־שם, האָט געשריבּן אין זיין „מסילת ישרים“, אַז אַ איד דאַרף נאָר רייניגן דאָס האַרץ פאַר גאָט. שוין אין דער הקדמה זאָגט ער: „שירמו

רוב בני אדם, שהחסידות תלוי באמירת מזמורים הרבה, ודוים אֲרוכים מאוד, צומות קשים — כלם דברים, אשר אין השכל נח בהם ואין הדעת שקטה, והחסידות האמתית הנרצה והנחמד רחוק מציור שכלנו" — דאָס רוב מענשן מיינען, אַז חסידות איז אָנגעווענדט בלויז אויף זאָגן פיל מזמורים מיט לאַנגע ודוים, מיט שווערע תעניתים — אַזעלכע זאַכן, וואָס דער שכל איז זיי נישט משיג. אין פרק י"ח באַ דער ערקלערונג פון מדות חסידות, זאָגט ער, אַז מענשן האָבן קאַליע געמאַכט דעם רוח החסידות אין די אויגן פון המון און אויך באַ די משכילים, וועלכע מיינען, אַז חסידות באַציהט זיך צו אַזעלכע נאַרישקייטן אָדער אַזעלכע זאַכן, וואָס דאָס איז קעגן שכל הישר. זיי גלויבן, אַז דאָס גאַנצע חסידות באַלאַנגט נאָר אין זאָגן פיל בקשות, אין געוויינען, אין בוקעניש מיט משונהדיגע פּייניגונגען, וואָס דער מענש זאָל זיך טויטן דורך זיי. ניין, נישט דאָס איז חסידות! און ער רעכנט אויס די גוטע מדרגות, וואָס דער מענש דאַרף באַזיצן, און אַז דאָס וואָרט חסיד איז די העכסטע מדרגה, העכער פון צדיק, און חסידות איז דורך שמחה מיטן האַרץ, מיטן גייסט. ואמרו חז"ל: אין השכינה שורה לא מתוך עצבות— די גמרא זאָגט: די שכינה רוהט נישט אויף טרויער.

און דער בעל־שם האָט פאַרטיפט און פאַרברייטערט דעם געדאַנק, אַז אַ איד דאַרף דינען גאָט נאָר מיט שמחה, דער מענש טאָר גאָר נישט צולאָזן קיין מרה־שחורה, קיין טרויער. ער דאַרף שטענדיג זיין לוסטיג און פרייליך, און דאָס הייסט מיט אַן אמת דינען גאָט. ווייטער דאַרף אַ איד זיך דערווייטערן פון אַלע שלעכטע מדות, באַזונדערס פון גאוה, וואָס דאָס איז די מוטער פון אַלע שלעכטע מדות. אידן דאַרפן לעבן אין אחדות און שלום. עס דאַרף נישט זיין קיין גרעסער, קיין קלענער — און דעמאָלט וועט קומען די גאולה.

אָבער אַזוי ווי אידן לעבן נישט דערוייל אין זייער לאַנד, זיי זיינען צעוואָרפן איבער מדינות און שטעט, זאָל יעדער טייל, יעדער קבוץ אידן אויסקלייבן פאַר זיך אַ רבי, וואָס זאָל שטיין אַבסאָלוט בראש פון דעם קבוץ, און זיינע ווערטער דאַרפן זיין הייליג פאַר אַלעמען! מען טאָר אים נישט ווידערשפּעניגן אויף אַ האָר. ווי די גמרא זאָגט: ראש השנה כ"ה ע"ב „ירובעל כרורו כמשה כרורו דן כרורו כאהרן כרורו, יפתח כרורו כשמואל כרורו, ללמדך שאפילו קל שבקלים שנתמנה פרנס על הציבור, הרי הוא אביר שבאבירים" — ירובעל אין זיין דור איז, ווי משה אין זיין דור, דן אין זיין דור איז, ווי אהרן אין זיין דור, יפתח אין זיין דור איז, ווי שמואל אין זיין דור — פון דאַנען איז געדרונגען, אַז אַפילו אַ קל

שבקלים, דער גרינגסטער (דער קלענסטער) מענש, אַז ער װערט אויפ־געגומען פֿאַר אַ פירער בײַ אַ צבור, איז װי דער גרעסטער מענש.

יעדער געראַנק פון אַ אידן, װאָס געפינט זיך אין קבוץ, דאַרף נאָר זײַן געצילט צו אָט דעם מענשן, פֿאַר אים דאַרפן זײ אַנטרעקן אַלע זײערע סודות, פֿאַר אים דאַרפן זײ עפענען זײערע לײדן און פרײדן, זײער האַרץ און נשמה, און נאָר אַזױ װעט קאָנען בײַ אידן זײַן אחדות און שלום. און אויף שלום שטײט די װעלט.

עס פֿאַרשטײט זיך, אַז די ראָזיגע װערטער זײַנען געװען אַקוראַט צו־געפּאַסט צו דער טרוקענער, מרה־שחורהדיגער מתנגדישער צײַט. זײ זײַנען געװען װי אַ גוטער רעגן אויף אַ פֿאַרטריקנט פעלד. און אידן האָבן זיך אַ שאָט געטאָן צו חסידות. ריזועלבע אמונה, רערזועלבער רת, רער־זעלביגער שולחן־ערוך, נאָר אַ לײכטערער, אַ לײכטער לעבן, אַ לײכטערער אמונה־יאָך מיט שמחה, התפעלות און עקסטאַז. און איבערהױפּט — אַלע גלײַך, אַלע גלײַך — נישטאָ קײן יחוס.

איצט דאַרף מען זיך נישט פּײַניגן ביז אין טויט אַרײַן און זיך נישט מצער זײַן, נאָר פֿאַרקערט, עסן די בעסטע מאכלים און טרינקען די בעסטע װײַנען — אַבי זאָל נאָר זײַן. מיטן עסן און טרינקען די בעסטע װײַנען קאָן מען אַזױ גוט דינען גאָט, װי מיטן ראַװנען און מיטן לערנען, אַבי מען עסט נאָר לשם־שמים, מיט אַ פרײליך האַרץ, מיט שמחה, תענוג. אַ איד דאַרף תמיד זײַן לוסטיג און פרײליך, אַ איד דאַרף נישט זײַן בײַ זיך געפֿאַלן מיט זײַן אידישקײט, װען ער קאָן אַפילו נישט לערנען. מען קאָן דינען גאָט מיטן געראַנק, מיטן געפיל, אַפילו מיט אַ קרעכץ.

בײַ די מתנגדים זײַנען אַפילו די לומדים געפֿאַלן בײַ זיך אין די ענינים פון אידישקײט. זײ האַלטן פון דעם, װאָס דער תנא ר׳ זירא האָט געזאָגט אין דער גמרא שבת קי״ב: אם ראשונים בני מלאכים אנו בני אנשים, ואם ראשונים בני אנשים אנו כחמורים, ולא כחמור של ר׳ דוסא ור׳ פנחס בן יאיר, אלא כחמורים סתם — אויב די ערשטע זײַנען קינדער פון מלאכים, זײַנען מיר קינדער פון מענשן, און אויב די ערשטע זײַנען קינדער פון מענשן, זײַנען מיר חמורים, אײזלען, און אַפילו נישט דער אײזל פון ר׳ חנינא בן דוסא און פון ר׳ פנחס בן יאיר, נאָר פּראָסטע אײזלען . . .

אָבער לויט דער שיטה פון בעל־שם, זײַנען אידן זעהר גרויס, מען דאַרף אײנגנטליך נישט האָבן קײן גאונות און קײן אויסערגעװײנליכע פֿיהיג־קײטן. זײַנען זײ דאָ, איז אַװדאַי גוט, אַנישט — שאַדט אויך נישט. אַלע אידן קאָנען זײַן צדיקים, די עמי־הארצים װי די לומדים, נאָר אַ גוט האַרץ

פאַרמאָגן איז שוין געװוינט. די מתנגדים האַלטן פון דעם פסוק: „ולא עם־הארץ חסיד״ — אַן עם־הארץ קאָן קיין חסיד נישט זיין, דאָס איז נישט ריכטיג. אַן עם־הארץ מיט אַ גוט האַרץ קאָן זיין אַ גרעסערער איד, אַ גרעסערער חסיד, איידער דער גרעסטער תלמיד־חכם.

ווי געזאָגט, האָבן זיך אירן אַ שאָט געטאָן צו חסידות. פאַר פראָסטע אידן איז דאָך דאָס חסידות געווען ממש אַ גליק. זיין אַקציע האָט זיך איצט אינגאַנצן געהויבן. אויסערדעם, איז ער פריהער אין בית־המדרש נאָר קיין מענש נישט געווען, נישט בּאַ זיך און נישט בּאַ אַנדערע. און דאָ, אין חסידים־שטיבּל, ווי מען רופט דעם חסידישן בית־המדרש, איז ער גלייך מיטן גרעסטן תלמיד־חכם. אָרימע־לייט ווערדער זיינען גלייך מיט די גרעסטע גבירים. לומדים מתנגדים האָט דאָס חסידות אויך צופרידנגעשטעלט דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך געקאָנט בּאַפרייען פון מרה־שחורה, זיינען געוואָרן רוישנדיגער, רירעוודיגער און טיף־דיינקערישער, וואָס זיי האָבן פריהער נישט געקאָנט. פאַר זיי האָט זיך אויך געעפנט אַ ניי פעלה פון מיסטיק און קבלה, וואָס די פּאָעזיע פון דעם טרינקט אָן ווי מיט גוטן וויין.

און נאָך אַלעמען האָט געריייצט און געצויגן די פרייע חסידישע שטימונג. אַ מתנגד טוט שטענדיג און דאוגהט. אַז עס קומט פאַר יום־טוב, מוז ער זיך מאַכן אַ שיינעם מלבּוש, וואָרום אין בּית־המדרש קוקט מען שטאַרק אויף מלבּושים. טאָמער האָט אַ מתנגד נישט קיין שיינעם מלבּוש, שעמט ער זיך פאַר דעם צווייטן, וואָס גייט אין אַ שענערן מלבּוש. בּאַ די חסידים איז די דאגה פון מלבּושים אַראָפּ אינגאַנצן, ווי בּכלל דאגות. דאָרט, אין חסידים־שטיבּל, שפּילן שיינע קליידער קיין ראָליע נישט. מען קוקט זיך גאָר נישט אום, אין וואָס פאַר אַ קאַפּאָטע דער אָדער יענער חסיד גייט. אַלע זיינען גלייך.

אין חסידים־שטיבּל איז נישטאָ קיין חזקה־שטעט, נישטאָ אינגאַנצן קיין שטעט, יעדערער שטעלט זיך דאַווענען, וואו עס קומט אים אויס, און אין כּלל שטייט מען נישט בּאַ חסידים אויף איין אָרט בּאַם דאַווענען. מען דרייט זיך, מען וואַרפט זיך, דער טעמפּעראַמענט לאָזט נישט איינשטיין. מען מוז זיך בּאַוועגן. גייען טאַקע אום חסידים בּשעת זיי דאַווענען. איינער שטייט פריהער אין מזרח, דערנאָך בּאַם טיר, דערנאָך אין דרום, אין צפון — מיט איין וואָרט, מען דרייט זיך.

און אויך היטן זיי נישט דאָס דאַווענען בּצבּור; די האַלטן „בּרוך שאמר״, און יענע „ישתּבּח״, און די „שמונה עשרה״, און דער רויכערט אַ לולקע. רויכערן איז בּאַ זיי אויך אַ מצוה.

און דאָ אין אַ ווינקל שטייען עטליכע חסידים. איינער האַלט אין האַנט אַ פלעשל בּראָנפן מיט אַ קעלישאָק און טרינקט מיט אַן ערה אידן לחיים —

די האָבן שוין אָפּגעראַוונט נאָך פּאַרן עולם. קאָצקער חסידים קאָנען זיך מאַכן לחיים, אַפילו נאָך פאַרן דאַווענען, און מיטן קומט נאָך איינער אָן מיט אַ נגונדל, און עטליכע איינגלאַך העלפֿן אים צו — און עס איז פֿריילעך.

גאווה איז בכלל באַ חסידים נישט פֿאַראַן, אַזוי ווי דאָס וואָלט גאָר אויף דער וועלט נישט געווען. אַלע זיינען גלייך, אָרימע מיט רייכע, עמי־הארצים מיט לומדים, יונגערע מיט עלטערע. דאָס רוב „רוצן" זיך חסידים, און זיי קאָנען גאָר נישט פֿאַרלייַדן, אַז מען „אירצט" זיך. אירצן זיך איז באַ זיי אַ מין אַנטי־חסידות.

נאָר דער, וואָס קאָן גוט זאָגן, האָט אַ זיסן קול, מיט האַרץ, מיט כּונה, ווערט זעהר געשעצט באַ חסידים. אויך דער, וואָס האָט אין זיך אַ סך שמחה, קאָן מאַכן אַ שנאַפּס און כאַפּן אַ טענצל, ווערט אויך שטאַרק געליבּט. און אַז אים פֿאַרוווילט זיך טאַנצן, שלעפּט ער מיט אַלע חסידים און מען גייט. ער [illegible] אַ יונגערמאַן, אָדער אַן אָרימאַן, אָדער אַ פּראָסטער יונג. ער [illegible] אויס. ער שלעפּט שוין אַריין אין טאַנץ דעם גרעסטן גבי[illegible]מרן, דעם עלטסטן זקן, און מען טאַנצט אין אַ גלאַטן מיטוואָ[illegible] פֿוילט זיך צו אַמאָל אַ רייכער זקן, וואָס דאָס טרעפֿט אייגנטליך [illegible], קריגט ער אַ קלאַפּ אין פּלייצע און מען ציהט אים פֿאַר דער באָרד ביז ער נעמט טאַנצן. און ער מוז מאַכן אַ שנאַפּס אויך, ווערט ער שוין בגלופנדיג און טאַנצט אויף וואָס די וועלט שטייט.

באַ די חסידים איז שטענדיג יום־טוב און שטענדיג פֿריילעך. ווען איינער האָט יאָר־צייט, רייסן שוין באַ אים די חסידים אין שטיבל שנאַפּס. טאָמער איז ער אַן אָרימאַן, געבן די נגידים פֿאַר אים שנאַפּס, און ווען אַ שטיקל נגיד האָט יאָר־צייט, מוז ער שוין געבן שנאַפּס לרוב, און דער עולם טרינקט נאָכן דאַווענען און עס איז לעבעדיג. אין גרונד איז באַ זיי יעדער טאָג אַ מין יום־טוב. דאָ איז יאָר־צייט נאָכן רבּין, מאַכט מען אַ סעודה און מען טרינקט, און מען עסט, און מען זינגט, דאָ איז אַ גאַסט — איז ווידער דאָסזעלבע, דאָ פֿאַרוווילט זיך גלאַט איינעם הוליען א. אַז. וו.

דער שבת וואָס פֿאַר סליחות, בעת אויף אַלע מתנגדים ציהט זיך אַרויף אַ גרויסע מרה־שחורה און מען ריכט זיך אויפֿן יום־הדין, בעת מען זאָגט פֿאַרנאַכט אין די בתי־מדרשים דעם יאָמערדיגן למנצח, איז דאָ, אין חסידים־שטיבל, ערשט אַן אמתע שמחה. אין דעמזעלבן שבת פֿאַרנאַכט זינגט מען באַ די חסידים זמירות ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, נאָך שפּעטער ווי אַלע שבּת, און שבת צו נאַכטס ווערט געקאָכט אַ קרופּניק מיט פֿלייש, מען ברייַנגט שנאַפּס מיט ביר (דעם קרופּניק קאָכט

מען אין חסידים־שטיבל, אָדער בײַ אַ שכן), און דער עולם זינגט פֿאַר־שײדענע נגונים דעם גאַנצן אָוונט ביז האַלבע נאַכט. דעמאָלט קומען זיך שוין אויף אַלע חסידים, מען זאָגט סליחות קורץ און מונטער, און אין אַ האַלבע שעה איז מען שוין פֿאַרטיג מיט סליחות. דערנאָך גרייט מען צום טיש. אויב דער קרופּניק איז פֿאַרטיג, גייט מען עסן, אַנישט זינגט מען און מען טאַנצט מיט כּוונה.

און אַזוי הוליעט מען אָפּ ביז פֿאַרטאָג. אין דער נאַכט איז מען מסדר דאָס פֿאָרן צום רבּין, וויפֿיל פֿורן מען וועט דאַרפֿן האָבן א. ד. ג. די אָרימע רוקן זיך צו די רייכערע. יעדער אָרימער באַשטעלט זיך אַ רייכן אויף צו פֿאָרן, און אינטערעסאַנט: דער אָרימאַן קלויבט אויס דעם נגיר, און נישט דער נגיר דעם אָרימאַן. און אַז דער אָרימאַן קלויבט זיך אויס, לאָמיר זאָגן, חײמען, טאָר אים שוין חיים נישט אָפּזאָגן. פֿאַרקערט, דער נגיר גיט אים נאָך אַ קלאַפּ אין פּלײצע, דער אָרימאַן גיט אים צוריק, און מען מאַכט זיך אַ געלעכטער. צום גרעסערן נגיד רוקן זיך צו צװײ אָרימע חסידים, און גאָר צו אַ גרויסן נגיד — אַ דרײַ, פֿיר. מײַן פֿאָטער האָט שוין געהאַט זײַנע חזקה־חסידימלאַך: אברהם, הירש און מאָטקע, וואָס זײַנען שוין מיט אים געפֿאָרן אַלע ראש־השנה צום רבּין.

צום רבּין פֿאָרן אויף ראש־השנה מער ווי אַ דריטל חסידים, און די איבעריגע, וואָס פֿאָרן נישט, קומען זיך אַלע אויף צום באַלײטן די אַוועקפֿאָרער. מען גיט זײ מיט קוויטלאַך־בקשות צום רבּין, אין וועלכע עס ווערן אויסגעשריבן די בקשות, וואָס דער אָדער יענער פֿאַרלאַנגט פֿון רבונו־של־עולם.

און ווי אַזוי חסידים לעבן אַ גאַנץ יאָר, האָב איך, רוכט מיר, גענוג באַשריבן אויפֿן געהעריגן אָרט אין מײַנע זכרונות.

ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז דאָס חסידות צוגעפּאַסט פֿאַר אַלע טײלן און קלאַסן פֿון פֿאָלק, פֿאַרן אָרימאַן, פֿאַרן גביר, פֿאַרן עם־הארץ און פֿאַרן למדן, פֿאַרן אַלטן און פֿאַרן יונגען. דעם נגידישן חסיד איז ממש מקנא צו זײַן. אים איז בעסער פֿאַרן גרעסטן גביר פֿון מתנגדים. און נישט נאָר בײַ אידן, אַ רײַכער און פֿרומער קריסט האָט געוויס נישט דעם תּענוג פֿון אַ רײַכן חסיד. בײַ דעם לעצטן איז די שטוב פֿול מיט געזאַנג, מיט עקסטאַז און גרויסער שמחה.

נאָר איך האָב דאָך קײן חסיד נישט געקאָנט ווערן. צו חסידות איז נישט געלעגן מײַן האַרץ. ערשטנס, האָט מיך אָפּגעשטויסן פֿון חסידות

דער עניִן רבי, וואָס איז שרעקליך פרעמד דעם כאַראַקטער פון אַ מתנגד. אַ רבי אַן און פאַר זיך איז נאָך אפשר צו דערליידן. נאָר דער קאָך, וואָס אַרום אים, די אומגעהויערע באַרייטונג זיינע און דאָס, וואָס די רבישאַפט גייט איבער בירושה, ווי בּאַ אַ קיסר, שטויסט אָפּ אינגאַנצן. איך קאָן בשום אופן נישט גלויבן, אַז עס זאָל זיין אַ מענש, נישט נאָך קיין אויסגעקליבענער, נאָר בירושה, פאַר וועלכן מען זאָל קאָנען אויסדריידן דאָס האַרץ, פאַרטרויען אַלע פעלערן, וואָס קומען דורך דער נאַטור, אָדער דורך געוויינהייט. און אָט דער מענש, ווידער, זאָל אים לערנען ווי אַזוי זיך אויסצובעסערן, אָפּצוגעוויינען זיך פון זיין שלעכטער נאַטור, פון זיינע שלעכטע געוויינהייטן א. אַז. וו. און עס זאָל זיך וועלן אים פאָלגן.

ווידער האָט מיך אָפּגעשטויסן פון חסידות אינגלוויז דאָס, וואָס איך האָב מיך אָנגעזעהן באַ אָרימע חסידים דאָס שלעכטע לעבן פון זייערע ווייבער. די מאַנען, די חסידים, זיינען שטענדיג פרייליך, לוסטיג, עסן, טרינקען, טאַנצן און זינגען מיט חסידים, און זייערע ווייבער און קינדער זיצן אין דערהיים אין קעלט און אין הונגער.

געווען חסידים אַרבעטער, וואָס פלעגן פאַרדינען אינגאַנצן צען גילדן אָדער צוויי רובל אַ וואָך. זיי פלעגן וואַשן שעפּסענע פעלכלאַך באַם טייך אום ווינטער, און די ווייבער מיט די קינדער זייערע פלעגן ליידן הונגער און קעלט. אָבער נאָך דער אַרבעט פלעגן זיי, די מאַנסלייט, גיין אין שטיבל, פלעגן זיך מאַכן פרייליך, הוליען און זינגען, און זיי האָבן זיך, אַפּנים, ווייניג מצער געווען דערפון, וואָס דאָס ווייב און קינדער זיצן אין אַ קאַלטער דירה און הונגערן.

און דאָס האָט מיר פאַרשטערט די שמחה. פּסיכאָלאָגיש איז אפשר דער קבצן גערעכט: וואָס וועט שוין זיין, אַז ער וועט זיצן אין דערהיים מיט די פאַרקומערטע ווייב און קינדער? וועט ער זיי דען דערוואַרעמען? וועט ער זיי פרייליכער מאַכן? אָבער אויף מיר האָט עס שטאַרק געווירקט און מיר זיינען בעסער געווען געפעלן די כמאַרנע מתנגדים, וואָס פרייען זיך נישט, וואָס טאַנצן נישט און זינגען נישט, אָבער דערפאַר זיינען זיי מער נעבן זייערע ווייב און קינדער און טראָגן אויף זיך דעם שווערן יאָך פון פרנסה.

קעגן חסידות האָב איך געהאַט, פאַרשטייט זיך, טעאָרעטישע אַרגומענטן אויך, ווי איך האָב שוין געשריבן, נאָר דאָ איז וויכטיג צו דערמאָנען די פּראַקטישע זייט, צוליב וועלכער איך האָב, אַפּנים, הויפּטזעכליך נישט געקאָנט מושוה ווערן מיט דער שיטה. און נאָך וואָס: מען דאַרף זיך קאָנען פאַרגעסן אָן דעם פּראַקטישן לעבן און איבערגעבן זיך אינגאַנצן צו געזאַנג

און זאָרגלאָזיגקייט. איך האָב דאָס נישט געקאָנט, און פון מיר האָט קיין חסיד נישט געקאָנט אַרויס.

נאָך אַ פעלער אין חסידות מוז איך דערמאָנען, וואָס האָט אויף מיר דעמאָלט שלעכט געווירקט. בײַ חסידים האָבן קיין גרויסע למדנים נישט געקאָנט אַרויסקומען. אַ גוט חסידיש אינגל מיט אַ גוט קעפּל איז פֿאַרפֿאַלן געגאַנגען. ער האָט נישט געלערנט, בײַ אים זײַנען אַוועק די טעג אין נאַרנישט, און דאָס האָט זעהר וויי געטאָן.

מתנגדישע קינדער האָבן אָבער אַ סך געלערנט, האָבן טאַקע אַ סך געקענט און מיט זיי האָט מען זיך געצאַצקעט. אַ מתנגדיש אינגל האָט געהאָרעוועט. און מיר האָט זיך אויך געוואָלט האָרעווען און קענען. און איך בין אַזוי אינגאַנצן דערוויטערט געוואָרן פון חסידות...

# אינהאַלט:


שלום־עליכמס בריף צו יחזקאל קאָטיק . . . . . . . . . . . . 9

קאַפּיטל I: מיין שטעטל. — דער סלופ. — די אמאָליגע „סקאזקע“. — וויסאָקע. — אמאָליגע מסחרים. — אידן און פּריצים. — דער רוסישער און פּוילישער קלויסטער. — דער רוסישער און פּוילישער גלח. — אָסערעווסקי. — אָסערעווסקיס יורש. — דער אַסעסער. — אין וואָס פלעגט באַ אידן אוועק דער טאָג. — די קאַרגע גבירים. — די בכבודע פאַמיליעס פון שטעטל. — שעבסל דער קלעזמער. — מרדכי ליב. — ר׳ שמחה לייזער. — שבת אין שטעטל. — שטעטילשע אינטריגאַנטן. — אמאָליגע מחלוקתן. — איטשע שייטעס דער מסור. — זאַסטאַוויע. — מלמדים. — אמאָליג לערנען. — די גוים. — דער דאָקטאָר. — רופאים. — די תלמוד־תורה. — די באָד. — די מקוה. — דער טייך. — קאַמעניצער שווימער. — דער הקדש. — דער רב. — מגידים. — דער בית־עולם. — חברה קדישא . . . . . . . . 13

קאַפּיטל II: דער עלטער־זיידע ר׳ וועלוול. — מיין זיידע אהרן־לייזער. — ר׳ יודל. — אהרן־לייזערס יוגנט. — די חתונה. — די באָבע ביילע־ראַשע. — אהרן־לייזערס פאַרענגערונג. — דעם עלטער־זיידנס טויט. — דער איספּראַווניק. — זיינע באַציהונגען צום זיידן. — דער זיידע אלם פּרנס־חודש. — דער באָבעס עצות. — דער זיידע אַ איסבאָרשטשיק. — דער שרייבער. — די מחלוקת צוליב דעם שרייבער. — דעם זיידנס השפּעה. — דער זיידע מיט די פּריצים. — דער רעוויזאָר. — אַ נייער איסבאָרשטשיק. — מחלוקת אין שטאָט. — דער נייער איספּראַווניק. — מיין זיידע ווידער איסבאָרשטשיק . . . . . . . . . . 68

קאַפּיטל III: די „בהלה“. — אייזיקל דער קצב . . . . . . . . . . . . 88

קאַפּיטל IV: מיין פאָטער משה. — זיין נייגונג צו חסידות. — דער שידוך. — ר׳ לייזער דער גראָדנער רב. — מיין מוטער. — מיין פאָטער אלם הייסער חסיד. — זיין אנטלויפן צום רבין. — זיין קאַמף מיטן זיידן. — די אַרענדע. — דער רעוויזאָר. — קאַמעניצער חסידים. . . . . . . . . . . . . . . . 97

קאַפּיטל V: ר׳ ישראל. — זיין געזאַנג. — זיינע קאָמפּאָזיציעס. — זיין ראָל צווישן חסידים. — ר׳ ישראל אלס מאַטעמאַטיקער. — דאָס געוועט. — זיין פּוילישער פּאַטריאָטיזם. — זיינע מאַרשן לכבוד דעם פּוילישן נצחון. — דער אָפּמאַך מיט אַ חסיד. — דער געווינס. — ר׳ ישראלס טויט. . . . . . . . . . . 116

קאַפּיטל VI: אונזער משפּחה. — די באָבע. — איר ליבע צום מאַן. — איר שטיל און פרום באַגיין זיך מיט מענשן. — ר׳ יודל. — שטאָטישע ענינים. — ר׳ ליפּע. — דער תקיעת־כּף . . . . . . . . . . . . . . . . . . 127

קאַפּיטל VII: דער אקציז. — דער באַראָן גינצבורג. — דער בן־יחיד. — דער סקאַנדאַל מיטן אכעסער. — דער איבּפּראַוואָניק האַלט דעם זיידנס צד. — ר' ליפּע צעריסן דעם תּקיעת־כּף . . . . . . 134

קאַפּיטל VIII: מיין ערשטער מלמד. — מיינע קשיות. — דער צווייטער מלמד. — מיין פעטער ישראל. — דער עלוי ישראל. — ווי דער עלוי ישראל האָט אונז געשמיסן אין פעלד. — בּאַ מאַטע דעם מלמד. — דער גיהנם. — די ווינטער־אָוונטן. — מעשיות מיט כּשוף. — מיין פרומקייט. — דער דבּוק. — ר' ליפּע צוקערמאַן 138

קאַפּיטל IX: די „כאַפּערס". — אהרן־לייבּעלע, חצקל און מאָשקע. — יאָסעלע. — אמאָלינע דינסט . . . . . . 150

קאַפּיטל X: זאַסטאַוויע. — די גרויסע מחלוקת. — די שבועה. — אויסגעגאַרט. — דעם זיידנס קאַמף. — דער שלום. — די פּריצים מיט די פּויערים. — דאָס שמייסן פּויערים . . . . . . 160

קאַפּיטל XI: מיין מוטער. — ר' לייזער. — מיין מוטערס ליידן. — דער קאַמעניצער רב. — דער באָבּעס עצה . . . . . . 170

קאַפּיטל XII: די פּריצים. — בּערל בּענדעט. — טשעכטשאָווע. — סיכאָווסקי. — בּערל בּענדעטס טרייקייט. — דער בּלבּול. — דער קריג צווישן דעם פּריץ מיט דער פּריצטע. — באָגאָסלאַווסקי. — דער סוף פון בּלבּול . . . . . . 178

קאַפּיטל XIII: בּערל־בּענדעטס לעבּן. — זיין טאָכטערס חתונה. — דער פּוילישער אויפשטאַנד. — געוואָלט שמייסן די פּריצטע. — בּערל־בּענדעט האָט זי אַרויס־געראַטעוועט. — שמואל . . . . . . 194

קאַפּיטל XIV: ראש־השנה און יום־כּפּור. — די אימה. — מלקות. — דאָס בּענטשן די קינדער. — דער פּחד אין די שולן. — בּאַ די חסידים. — סוכּות. — שמחת־תּורה. — ימים־טובים בּכלל. — ווי אַזוי בּאַ אונז פלעגט צוגיין אַ יום־טוב . . . 201

קאַפּיטל XV: מיין פאָטער מיט זיין חסידות. — מיינע מלמדים. — דער רבּי נע־שטאָרבּן! — די מסירה. — טווערסקי. — ר' ליבּ. — דאָס קנסענען . . . . 214

קאַפּיטל XVI: מיין לערנען. — אמאָליגע מוכרי־ספרים. — מיין ערשטע חברה. — ישראל ווישניאַק. — דאָס עקזאַמענירן ישראלן. — ישראלס קאַריערע. — בּאַ וואָס ער איז געבּליבּן שטיין . . . . . . 230

קאַפּיטל XVII: די ווייטערדיגע מלמדים. — ר' אפרים דער מלמד. — זיינע „נייע" מעשיות. — אמאָליגע מלבּושים. — די אַרויסגעטריבּענע רבּנים. — אונזער ליבּע צום רבּין . . . . . . 237

קאַפּיטל XVIII: מיין „רבּי" ר' יצחק־אשר. — אונזער „לערנען". — מיין ערשטע רעוואָלוציע. — עס וואַקסט מיין נאָמען אין שטאָט. — דער פינאַל . . . . . 242

קאַפּיטל XIX: דער נישביצער חסיד. — „מי השלח". — מיין קשיא. — דער ענטפער פון די חסידים. — די בּאַקאַנטשאַפט מיטן מגידס זון. — דער „המגיד". — דער קלאָץ־זעגער. — אונזערע פאַרזאַמלונגען. — דער אָנהויבּ פון מיינע געזעלשאַפט־ליכע אַרבּעטן . . . . . . 251

קאַפּיטל XX: מען רעדט מיר שוין שדוכים. — דאָס פאַרהערן מיך. — ר' יחזקאל דעם רבּס זון. — דער יחוס. — מיין אומבּאַקאַנטע כּלה. — דער בּריוו. — די פּעטש. — מיין פעטער. — דאָס לעבּן מיט אים. — דאָס גרייטן זיך צום וכּוח . 257

קאַפּיטל XXI: דער מאַניפעסט פון דער פּויערים־באַפרייאונג. — דאָס שמייסן די פּויערים. — דער רושם פון מאַניפעסט אויף די פּריצים. — די שווערע צייט פאַר אידן. — מיין זיידע מיט די פּריצים. — דער פּוילישער אויפשטאַנד. — „ווזענטאַ ראָסיאַ“. — די פּוילישע בונטאָוושטשיקעס. — די באַציהונגען פון די פּוילישע רעוואָלוציאָנערן צו אידן. — אָגינסקי. — די אונטערדריקונג פון דעם אויפשטאַנד. — די נקמה פון די פּויערים . . . . . . . . . . . . 267

קאַפּיטל XXII: מיין פעטער אלס בעל־מופת. — בערל־בענדעט און סיכאָווסקי. — דער קלאַנג וועגן מופת. — זיין שם אין דער סביבה. — דעם זיידנס פּלאַן. — די לאַגע פון אידן נאָכן אויפשטאַנד . . . . . . . . . . . . . 277

קאַפּיטל XXIII: ערב מיין חתונה. — געזעהן די כּלה. — דאָס שטעלן פריהער דעם פוס. — „גליידך, גליידך!“ — אַן עסק מיט חסידים און מתנגדים באַ מיין חתונה. — די דרשה . . . . . . . . . . . . . . . . . 285

קאַפּיטל XXIV: ראש־השנה צום רבין. — דער כּעס פון טאַטן, וואָס איך בין נישט געפאָרן צום רבין. — מיינע צרות צוליב חסידות. — דער קאַמף מיט חסידות. — דער וכּוח. — דער רושם פון וכּוח אויף די הויזינע . . . . . 289

קאַפּיטל XXV: דער וכּוח מיט די חסידים. — איך וויל פאָרן קיין וואָלאָזשין. — דער פאָטער איז קענן. — דאָס אונטערהעצן דאָס ווייב קעגן מיר. — מיין ווייב ווערט קראַנק. — מיר זיינען ברוגז. — אונזער שלום. — מיין איבערגעבן זיך צו לערנען. — „קלייבט, קינדערלאַך, רענדלאַך!“ — דער „פּאַלאַץ“. — „חצקלס דור“ 297

קאַפּיטל XXVI: די קראָם. — מיין פאָרן קיין קאָברין. — ר' יאָשעם הויז. — די איידעמס: דער משכּיל לייזער און דער עלוי זלמן־סענדער. — צוויי הייזער. — דאָס ערשטע מאָל באַקען איך מיך טיפער מיטן תּנ״ך. — דער רושם פון תּנ״ך. — די פאַרענדערונג אין מיר. — דאָס פאָרן אהיים. — מיינע הויכע מחשבות. — די קראָם גייט קאַפּויר. — השכּלה־ספרים. — ווידער מיין טאַטע . . . . . . 306

קאַפּיטל XXVII: די כאָלערע. — אמאָליגע סגולות צו כאָלערע. — דעם רבס טויט. — דער קלאַנג, אַז ער איז לעבעדיג געוואָרן. — איך זוך אַ בעלן אויף דער קראָם. — וואַכנאָוויטש. — איך וויל ווערן ראַבינער. — פּעטש . . . . . . 314

קאַפּיטל XXVIII: מיין באָבעס פלוצליכער טויט. — דער רושם פונם טויט אויף דער משפּחה און אויף דעם שטעטל. — איר לויה. — דעם זיידנס יאָמער. — דאָס זיצן שבעה. — דער באָבעס גרויסער נאָמען. — אירע שיינע מעשים. — אונזער משפּחה צעפאַלט זיך נאָך איר טויט . . . . . . . . . . 319

קאַפּיטל XXIX: חסידות און מתנגדות. — וואָס פאַר אַ רייץ ליגט עס אין חסידות, וואָס האָט אויפגערירט די גאַנצע אידישע וועלט? — מתנגדות אלס שיטה. — דער שולחן־ערוך. — די חסרונות פון מתנגדות. — חסידות. — דער בעל־שם. — די צונעגליכקייט פון חסידות פאַר אלע שיכטן פון פאָלק. — ר' משה־חיים לוצאַטו. — מסילת ישרים. — די דעמאָקראַטישע אויפפירונג פון חסידים. — דער רבי אין די חסידישע שמחות. — די חסרונות פון חסידות. — דער סך־הכּל 331

# אהרון איזאַקס אַווטאָביאָגראַפֿיע

**יידיש — נחום שטיף**

אהרון איזאַק, געבוירן אין דייטשלאַנד אין דער ערשטער העלפֿט פֿון XVIII־טן יאָרהונדערט, דערציילט זיינע לעבנס־זכרונות אין דעם יידיש, ווי מען האָט גערעדט דאַמאָלס אין דייטשלאַנד. ער שילדערט דאָס יידישע לעבן אין מעקלענבורג, לייפּציג און אין אַנדערע קאַנטן פֿון דייטשלאַנד. אהרון איזאַק איז געווען דער ערשטער ייד, וואָס האָט, אויסוואַנדערנדיק פֿון דייטשלאַנד, באַקומען אַ דערלויבעניש צו וואוינען אין שוועדן. ער האָט נאָכגעצויגן נאָך זיך קיין שוועדן אַנדערע יידן פֿון דייטשלאַנד און זיי געהאָלפֿן זיך באַזעצן דאָרט, ער האָט פֿאַר יידן געעפֿנט „אַ ניילאַנד" — שוועדן, וואו ביז אים האָבן יידן ניט געטאָרט קיין פֿוס שטעלן. זיין וועג איז געווען ניט קיין גרינגער. ער האָט אויסגעדינט אַלע עבודה־זרהס: לויט זיין פּראָפֿעסיע אַ שטעמפּלגראַווירער, איז ער געוואָרן אַ סוחר, געהאַנדלט מיט צירונג, מיט גאַלאַנטעריי, אַפֿילו מיט צינן, געווען אויך אַ צושטעלער באַ דער אַרמיי (אין שוועדיש־רוסישן קריג). און אַדאַנק זיין זעלטענער ערליכקייט און גרויסער ענערגיע האָט ער זיך סוף כּל סוף דערשלאָגן צו אַ גרויס אָנזעהן.

✦

# בער באָלעכאָווער / זכרונות

**(אַ יידישע און אַ העברעאישע אויסגאַבע)**

**צום ערשטן מאָל פֿאַרעפֿנטליכט מיט איינלייטונג און הערות פֿון**

## ד"ר מ. ווישניצער

אַ יידישער סוחר פֿון XVIII־טן יאָרהונדערט דערציילט זיינע איבערלעבונגען אויף אַ בולטן אופֿן. ער גיט איבער קלאָר דאָס לעבן פֿון אַ קליין יידיש־גאַליציש שטעטל אין זיין צייט, דערציילט די פֿאַרשיידענע צרות, וואָס די יידן האָבן זיך דאַמאָלס אָנגעליטן, סיי מצד דער פּוילישער רעגירונג, סיי פֿון ווילדע באַנדעס, וואָס פֿלעגן מאַכן אָנפֿאַלן אויפֿן שטעטל, הרגענען, רויבן, פֿאַרברענען די הייזער וכדומה. בער באָלעכאָווער גיט אַ סך מאַטעריאַל פֿאַרן יידישן היסטאָריקער וועגן דער דאַמאָלדיגער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער לאַגע פֿון די יידן און איבער זייערע בילדונגס־פֿאַרהעלטענישן.

מ. זילבערפאַרב

## דאָס יידישע מיניסטעריום און די נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע אין אוקראַינע

דער בוך — דאָס איז די געשיכטע פונם מיניסטעריום פאַר יידישע ענינים אין אוקראַינע. אינגאַנצן האָט עס עקסיסטירט ניט מער, ווי איין יאָר, פונם 15־טן יולי 1917 ביז דעם 18־טן יולי 1918. דאָס איז אָבער געווען ניט קיין געוויינטליכע צייט, נאָר אַ יאָר מלחמה פאַר נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלער אַווטאָנאָמיע בכלל, און פאַר יידישער אַווטאָנאָמיע בפרט. דאָס יידישע פאָלק איז געשטאַנען בראש פון דער באַוועגונג. ניט אַזוי גרינג אָבער איז געווען דורכצופירן די יידישע נאַציאָנאַל־פּערסאָנאַלע אַווטאָנאָמיע אין לעבן, ניט ווייניג מניעות האָט מען באַדאַרפט בייקומען פון אויסן און אינעווייניג. דער ערשטער יידישער מיניסטער, דער מחבר פון דעם ראָזינגן ווערק, וואָס האָט געמוזט דורכמאַכן דעם שווערן וועג, דערציילט אָביעקטיוו און אויספירליך די גאַנצע געשיכטע פון ערשטן טאָג אָן ביז די שווערע האַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער יידישער אַווטאָנאָמיע. דער בוך איז רייך מיט אַ סך דאָקומענטן און מאַטעריאַלן.

◆

יעקב לעשצינסקי

## דאָס יידישע פאָלק אין ציפערן

(יידן אין דער גאַרער וועלט)

„דאָס יידישע פאָלק אין ציפערן“ איז דער ערשטער וויסנשאַפטליכער בוך אויף יידיש, וואָס באַהאַנדלט אַזאַ וויכטיגע פראַגע, ווי די צאָל יידן אין דער גאַרער וועלט ביז די סאַמע לעצטע יאָרן. דאָס ערשטע מאָל קאָן דער לעזער געפינען אין אַ יידיש בוך, ווי אַזוי די יידן זיינען פאַרשפּרייט און צעטיילט צווישן פאַרשיידענע פעלקער און לענדער, וויפיל יידן וואוינען אין גרויסע שטעט, שטעטלאַך און דערפער. אַ חוץ דעם, ווערט גענוי באַהאַנדלט די קאָנצענטראַציע פון די יידן אין גרויסע קהלות און ס׳ווערט אָנגעוויזן אירע סבות. דער בוך איז זעהר רייך מיט דאָקומענטאַלע ציפערן, אין אים געפינט זיך 57 ספּעציעלע טאַבעלעס מיט אַ גרויסער ביילאַגע־טאַבעלע. „דאָס יידישע פאָלק אין ציפערן“ איז אי אַ האַנט־בוך, אי אַ לערן־בוך, אי אַ לייענבוך.

מ. גידעמאַן

# יידישע קולטורגעשיכטע אין מיטלאַלטער

**(יידן אין דייטשלאַנד דאָס XIV און XV יאָרהונדערט)**

**יידיש — נחום שטיף**

מיט גרויס קענטעניש האָט גידעמאַן אויסגעפאָרשט די אַלע צעזייטע און צעשפּרייטע קוועלן, וואָס האָבן אַ שייכות צום יידישן לעבן אין דייטשלאַנד אין XIV־טן און XV־טן יאָרהונדערט. אין זיין באַרימטן בוך באַקענען מיר זיך מיט די יידישע מנהגים, מיטן משפּחה־לעבן, מיטן קולטורעלן און עקאָנאָמישן מצב פון די יידן אין יענער צייט; מיר באַקענען זיך אויך מיט די באַציהונגען פון די אומות העולם צו די יידן און ווי אַזוי די יידן האָבן זיך באַצויגן צו דער אַרומיגער וועלט, און זייער קעגנזייטיגע ווירקונג. אַראַנק דעם באַקומט די אַלטע פאַרגאַנגענע צייט אַ גאַנץ באַזונדערן אַקטועלן אינטערעס און לעבט אויף פאַר אונזערע אויגן. מיר זעהען קלאָר פאַר זיך דעם גאַנצן קולטור־היסטאָרישן וועג, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט דורכגעמאַכט אין יענע פינסטערע צייטן. פון גרויס חשיבות זיינען גידעמאַנס הערות, בפרט די, וואו ס׳רעדט זיך וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט גאָר אַ גרויס באַרייטנדרן ווערט פאַר די שפּראַכפאָרשער.

UNIVERSITY OF TORONTO
3 1761 00309779 7